STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03533

DI YUDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יודישע

פאלקס־געשיכטע

נאך דער

„פאלקסטהימליכער געשיכטע דער יודען"

— פון —

פראפעסאר ה. גרעטץ.

נײ איבערדרוקט, אויסגעבעסערט און פערפאלקאמט

ביז צו דער געגענווערטיגער צייט

פון בן־צבי.

פיערטער טהייל.

RABBI M. LIPSCHITZ
Manufacturer of
"TALIS MEIER EINEI YISROEL"
Also Importer & Distributor of All Kinds of Religious Articles
92 RIVINGTON STREET NEW YORK CITY 2
Phone ORchard 4-2938

אינהאלטס־פערצייכניס:

1. ליכטינגער פון דרויסען און פינסטערער אינוועניג 3

דיא נייע צייט.

1. ר׳ ישראל בעל שם טוב (בעש״ט) און זיין דרך 93
2. ר׳ משה מענדעלסאָן און זיין צייט 126
3. דיא ישועה פון פראנקרייך 159
4. דיא נייע סנהדרין 179
5. דיא רעפאָרם און דיא יודישע וויסענשאפט 200
6. ר׳ משה מאָנטעפיאָרע און עלילת הדם אין דמשק 206
7. ר׳ יצחק בער לעווינזאָהן און זיין צייט 221
8. דיא ערשטע יודישע שוהלען אין רוססלאנד 239
9. דאָס גרינדען יודישע קאָלאָניען אין רוססלאנד 241
10. קאווקאזער יודען 243
11. קרימער יודען, אָדער קרימטשאטקעס 245
12. נייע יודיש שונאים אָדער דער אַנטיסעמיטיזם 247
13. בילדונג אין רוסלאנד 249
14. אידען אין עסטערהייך־אונגארן 256
15. אידען אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך 261
16. אידען אין איטאליען און אין רומעניען 271
17. טהעאָדאָר הערצל און דער פּאָליטישער ציוניזם 278
18. אידען אין אמעריקא 284
19. אידען אין אויסטראליען 293
20. אידען אין זיד אפריקא 296

1. ליכטיגער פון דרויסען און פינסטערער אינוועניג.

(1700—1760 נאך קריסטוס געבורט).

פונקט ווען פאר די יודען אין אייראפא האט זיך בעדארפט אנהויבען א ניי לעבען, ווען די בעסטע און עדעלסטע קריסטען האבען געוואלט זיי טראסטען און העלפען, האט מען פון די יודענס זייט אלליין ניט געזעהען קיין שום חשק צו פרייהייט: אזוי ווי עפּיס אנגעדיכטע חמארע האט זיך געשטעלט צווישען זיי און זייערע בעשיצער און מען האט געקאנט מיינען אז זיי זענען דוקא ברוגז פאר וואס מען וויל זיי נאר ארויסרייסען פון זייער פינסטערער געהטא און אז זיי איז ליעבער צו ליעגען ווי א ווארם אין חריין און שרייען אז קיין בעסערס איז שוין גאר ניטא. די אמשטערדאמער קהלה האט זיך גערעכענט פאר'ן שפיעגעל און פון דעסטוועגען איז דארט, זייט דעם טויט פון ר' יצחק אראבויא דע קאשטרו, אים יאהר 1687, ניט געוועהן איין רב, וואס זאל אויסער גמרא און פוסקים זיין געניטה אין וועלט-זאכען און זאל פערשטעהען ווי אזוי צו פיהרען אזא גרויסע עדה. אין אנדערע לאנדער האבען זיך אויך געפונען נאר עטליכע געצאהלטע רבנים, וואס תורה און חכמה איז ביי זיי געוועהן צונויפגעבונדען און זיי האבען דעם ווערטה געהאט צו זיין פארשטעהער פונ'ם פאלק. אזא געבילדעטער רב איז געוועהן אין לאנדאן; געהייסען האט ער ר' דוד ניטו, א געבארענער פון ווענעדיג. ער האט זיך אויך בעשעפטיגט מיט מעדיצין און מאטהעמאטיק און האט איבערגעלאזט כתבים, וואס פערענפערן א סך בעשולדיגונגען געגען די יודען. נאך א גראסערן נאהמען האט געהאט דער איטאליענישער רב ר' יהודה ליאון בריעלי פון מאנטוא, וואס איז געוועהן א שארפער געגנער פון די מקובלים, און חאטש ער האט זיך געפיהרט פריי: ער האט קיין בארד ניט געטראגען און איז געשטארבען א בחור פון אכציג יאהר, האט מען איהם דאך געשאצט פאר זיין ליעבשאפט צום יודענטהום און מען האט געוואוסט אז ער איז פערטיג זיך מקריב צו זיין פאר

זיין פאלק און גלויבען. די איבריגע רבנים האבען אומעדום, וואס מען האט די יודען געלאזט לעבען רוהיג, בענוצט דאס שטיקעל פרייהייט דארויף זיי זאלען נאך מעהר איינקאווען דעם יודען אין קעטען פון נייע חומרות; זיי האבען שטודירט דעם שלחן ערוך אהין און אהער, נאר קיינער פון זיי האט זיך ניט געוואלט אומקוקען אויף די פאדערונגען פון דער צייט. זיי האבען גאר פערגעסען, אז דאס יודישע לעבען שטעהט אויך ניט אויף איין ארט פונקט ווי ביי אללע פעלקער און אז מען מוז גוט טראכטען, דער יוד זאל קאנען זיין אי צו גאטט, אי צו לייט. א טהייל פון זיי האבען זיך אריינגעלאזט אין קבלה און האבען זיך אלליין גענארט, אדער זיך געמאכט א וואהלע פרנסה פון קמיעות שרייבען און בעווייזען מופתים. איינער פון דער קלאסע, וואס האט אין דער יוגענד געלערנט קבלה אין דמשק, איז זיך אמאל צונויפגעקומען מיט'ן בעריהמטען פראנצאזישען געלעהרטען ריכארד סימאן און האט זיך ניט געשאמט איהם צו פערזיכערן, אז ער וועט פאר איהם אין די אויגען בעווייזען נסים. ריכארד סימאן איז מן הסתם מסופק געוועהן אין דעם, נאר דער בעל מופת האט זיך געהאלטען אין זיינעם און, אז ער האט זיך געפרוווט עטליכע מאל און עס איז איהם ניט געראטהען, האט ער זיך פאראנפערט דערמיט, וואס די ערד פון פראנקרייך איז ניט מסוגל מען זאל דארט קאנען זעהען וואונדער. פון דער קליינער מעשה קאן מען ארויסזעהען, אז ווען די מקובלים האבען געהאט די העזה צו קריכען צו א גרויסען פראנצאזישען געלעהרטען און איהם וועלען אבנארען, ווי לייכט זייער שווינדעל האט געקאנט אנגעהען ביים בלינדען פאלק. איבריגענס קאן מען נאך אויסרעכנען דריי רבנים, וואס האבען זיך אבגעגעבען מיט יודישער געשיכטע: דאס זענען געוועהן ר' דוד קאנפארטע, וואס איז מעהר ארומגעפאהרען אויף דער וועלט. ר' דניאל מינואל דע-באריאס, א געבארענער מאראן פון פארטוגאל, וואס האט זיך ערשט אין די אלטערע יאהרען בעזעצט אין אמשטרדם, און ר' יחיאל היילפערן דער בעל „סדר הדורות" פון מינסק, נאר זייערע כתבים האבען כמעט ווייניג ווערטה געהאט, ווייל זיי זענען ניט פעהיג געוועהן צו אזא וויסענשאפטליכער ארבייט.

ביי אזא לאגע האט די צאהל פון די יודישע שרייבער ניט געקאנט זיין גרויס, און נאר צוויי מחברים פערדיענען מען זאל זייער נאמען דערמאנען מיט לויב. דער ערשטער איז געוועהן לאפעץ לאגונא, וואס איז אים יאהר 1660 געבארען געווארען אין פראנקרייך ביי עלטערן-מאראנען. נאך אין

דיא קינדערשע יאהרען איז איהם בעשערט געוועהן אריינצופאלען קיין שפאניען און פערזוכען דעם ביטערן כוס, וואס האט פערגיפטעט טויזענ־דער מאראנען, אלאנגע צייט איז ער געזעסען אין תפיסה און ער פלעגט זיך אפט קוויקען מיט אקאפיטעל תהלים. אז עס איז איהם געראטהען צו אנטלויפען קיין יאמאייקא און דארט אפען איבערגעהן צום יודענטהום און זיך רופען דניאל ישראל, האט ער אויף זיך גענומען צו איבער־זעצען תהלים אויף שפאניש אין שאהנע קלינגענדע שירים, כדי אנדערע אומגליקליכע וואס פערשטעהען ניט העברעאיש, זאלען אין איהם אויך קאנען געפינען טראסט און האפנונג. אז ער איז שפעטער געקומען קיין לאנדאן האט ער דארט זיין איבערזעצונג ארויסגעגעבען מיט דעם נאמען, „א שפיגעל פונ׳ם לעבען“ און מען האט איהם דערפאר גרויס כבוד אבגעגעבען. בעזאנדערס די יודישע דיכטערינען שרה דע־פאנסעקא, מאנועלא דע־אלמיידא און ביענוועגידא כהן בעלמאנטע, וועלכע האבען איהם בעזונגען מיט שירים אויף לאטייניש, ענגליש און פארטו־געזיש. דער אנדערער איז געוועזן ר׳ משה חיים לוצאטו, וועלכער האט אנגעשריבען אויף לשון קדש זיינע צוויי בעריהמטע טעהאטער־שטיקע „לישרים תהלה“ און „מגדל עז“. דאס זענען אפילו געוועזן צוויי שוואלבען, נאר קיין זומער האבען זיי פארט ניט געקאנט מאכען.

אין דער פינסטערער צייט האט זיך ביי דיא יודען אנגעהויבען ארויסצווייזען אנייער מין יחוס—עשירות. חאטש די מטבע האט אפט גע־שפילט א גרויסע ראלע אין דעם יודישען לעבען און זיך שטעלען פונקט אין שול ביי דער מזרח־וואנד, פון דעסטוועגען האבען די יודען גוט גע־דענקט, אז „תורה איז די בעסטע סחורה“ און דאס דער אמת׳ער יחוס איז פארט געוועזן אין די האנד פון די לומדים; אז מען האט אבער דאס לערנען אוועקגעלייגט און עס איז גענוג געוועזן צו גילטען פאר א פרומען יודען און מען האט נאר אסך געדאוונט, דעמאלט האבען די רייכע זיך געמאכט פאר די גאנצע פיהרער פון זייער ארעם פאלק און האבען אנגעהויבען זיך עוסק זיין אין צרכי צבור, אליין זיך גענומען די מאכט אין קהל׳שע־זאכען און עס איז ארוים אווארטעל, אז ווער עס האט די מאות—האט די דעות...

דאס וואס דער גאנצער יחוס איז איבערגעגאנגען צו דער מטבע האט זיך גענומען טאקי אביסעל דערפון, וואס די יודען זענען אין יענער צייט שטארק פערגרעבט געווארען, נאר נאך מעהר דערפון, וואס זיי זענען דעמאלט זעהר

פערארעמט געווארען אונ ווער עס איז נאר אים שטאנד געוועהן צו לעבען בריימליך האט זיך שוין געקאנט רעכנען פאר א נגיד, אפירסט אונ זיך שטופען אויבען-אן. אמת'ע גבירים, גרויסע לייט זענען געוועהן גאר ווענינ, אי דאס נאר צווישען ספרדים אין אמשטרדם, האמבורג, ליווארנא, פלארענץ אונ לאנדאן. אנטאנינא יצחק וזאסא, וואס דער קאניג פון שפאניען קארל דער צווייטער האט איהם געמאכט פאר א באראן, איז געוועהן א זא מיליאנער, אז עס איז ביי איהם גאנץ לייכט געוועהן ארויסצונעהמען פון קאססא א גמילות חסד פון צוויי מיליאן גולדען אונ אויסלייען איינעם פון די פרינצען, וואס האט בעדארפט איבערנעהמען די ענגלישע מלוכה אונ האט איהם דערביי אזוי געזאגט: „ווערט איך שפיעלען דאס גליק — איז מיין געלד אין זיכערע האנד, ווען ניט חלילה — וועל איך אויך ניט בדלות ווערען“. פראנציסקא מעלא איז אויך ניט געוועהן קיין קליינער עושר, אונ די האללאנדישע מלוכה פלעגט נאר ביי איהם מאכען הלואות. די משפחה דע-פינטו איז בעשטאנען פון לויטער גבירים אונ איינער פון זיי האט איבערגעלאזט עטליכע מיליאנען אויף עולמות, אונ האט פערזאגט קירכען אונ גייסטליכע, ווייל פונקט ווי ביים לעבען אזוי אויך נאכ'ן טויט האט ער געוואלט, אז פון זיין צדקה זאלען נהנה זיין מענשען אהן אשום אונטערשייד פונ'ם גלויבען. אין האמבורג האבען געשפיעלט א גרויסע ראללע, די משפחה טעקסיירא אונ דניאל אבעגזר אונ ביי זיי פלעגט די פולישע מלוכה אויסלייען פיעל געלד. אין לאנדאן, וואס איז שטאנדיג געוועהן פול מיט רייכע לייט, האט שטארק געשעמ'ט ר' שלמה דע-מידינא, וואס די קאניגין אננא, האט איהם געשענקט דעם טיטעל „ריטטער“, אונ די גראסטע שררות האבען געמוזט צו איהם אנקומען. דאס זענען אבער געוועהן עטליכע געצאהלטע יודישע גבירים; אללע איבריגע יודען, בעזאנדערס אין דייטשלאנד אונ פולין, זענען געוועהן זעהר ארעם אונ האבען מיט ביטערן שוויים בעדארפט ארבייטען אויפ'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט. ווער שמיעסט די יודען פון די דאזיגע ארטער, וואו חמעלניצקי מיט זיין חברה האבען חרוב געמאכט, זיי זענען נאר געפאלען אויפ'ן פנים, עס איז זיי שווער געוועהן קומען צו די פריהריגע כוחות אונ פיעל פון זיי האבען זיך געמוזט ווי בטלנים פערשפרייטען אויף דער וועלט, ארומגעהען אין די הייזער, אונ אזוי ווי זיי זענען כמעט אללע געוועהן לומדים, איז דער ווערטה פון תורה דורך דעם שטארק אראבגעפאלען אונ אפילו פאר די דאזיגע, וואס עס איז זיי

גערָאטְהֶען זיך עֶרְגֶיץ אין דֶער פְרֶעמְד צוצושלָאגֶען צו אַ שְׁטִיקֶעל רַבָּנוּת, הָאט מֶען נִיט גֶעקָאנְט הָאבֶּען קֵיין גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ הָאט זִיךְ נָאךְ פֶערְגְרֶעסֶערְט, וֶוען דִי נִיפְטִינֶע וָאמֶען, וָואס שַׁבְּתַי צְבִי הָאט פֶערְזֶעט, הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְשְׁפְּרָאצֶען אוּנ זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ יְרֵאִים הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דֶעם נַארִישֶׁען חָלוֹם נָאךְ מִיט מֶעהר שְׁווינְדֶעל אוּנ לִיגֶענְס. אוֹיסֶער אַבְרָהָם מִיגוּאַל קַארְדוֹזָא, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ צְוַואנְצִיג יָאהר אַרוּמְגֶעדְרֶעהט מִיט שַׁבְּתַי צְבִי'ס תּוֹרוֹת אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל אוּנ סְמִירְנָא, בִּיז אֵיינֶער פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים הָאט אִיהם נִיט גֶעשְׁטָאכֶען, הָאט שְׁטַארְק גֶעאַרְבֵּייט דָנִיאֵל יִשְׂרָאֵל בָּאנַאפּוֹא, אַ חַזָן פוּן סְמִירְנָא, וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּערִיהמֶען אַז אִין אִיהם אִיז אַרַיין אַ רוּחַ נְבוּאָה, אוּנ אַז דִי רַבָּנִים הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען אִיהם רוֹדֵף'ן, הָאט עֶר נָאכְגֶעטְהוּן זַיין רֶבִּין אַלֵיין אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַ מְחַמַדֶנֶער.

אִין אֵייְרָאפָּא הָאט זִיךְ דַוְקָא, נָאךְ דֶעם טוֹיט פוּן שַׁבְּתַי צְבִי, דִי צָאהל פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים פֶערְגְרֶעסֶערְט, וַוייל דָארְט הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶערְצוּ אַ מֶענְשׁ מִיט אַ פֶעסְטֶען כַאַרַאקְטֶער אוּנ מִיט אַ פֶערְבָּארְגֶענֶעם כֹּחַ, וֶועלְכֶער הָאט צוּ אִיהם צוּגֶעצוֹיגֶען דָאס פָאלְק אוּנ גֶעמַאכְט אַז עֶס זָאל אִיהם בְּלִינְד פָאלְגֶען. דָאס אִיז גֶעוֶועהן מָרְדְכַי פוּן אַייזֶענְשְׁטַאדְט, וֶועלְכֶער אִיז אַרוּמְגֶע־פָאהרֶען אִיבֶּער גַאנְץ אוּנְגַארְן, מֶאהרֶען אוּנ בֶּעהמֶען אוּנ הָאט אוּמֶעדוּם מִיט זַיינֶע פַייעֶרִינֶע דְרָשׁוֹת אוֹיפְגֶעמוּנְטֶערְט דֶעם עוֹלָם, מֶען זָאל נִיט אוֹיפְהֶערֶען גְלוֹיבֶּען אַז דִי צַייט פוּן דֶער גְאוּלָה אִיז שׁוֹין טַאקִי גֶעקוּמֶען. זַיין בְּלֵייךְ אוֹיסְ־גֶעדַארְט פָּנִים פוּן דִי שְׁטֶענְדִיגֶע תַּעֲנִיתִים, זַיינֶע גְלֶאנְצֶענְדִיגֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען, וָואס פְלֶעגֶען אַזוֹי וִוי דוּרְכְבּוֹיעֶרֶען דֶעם מֶענְשֶׁען אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִיהם, דָאס אַלְדִינְג הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ, אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלֶען נִיט זַיין גְלַאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען, אוּנ וואו עֶר הָאט נָאר גֶעדַרְשֶׁנְ'ט אִיז דִי קְהִלָּה בַּאלְד פוּל גֶע־וָוארֶען מִיט שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס. צוּם אָנְהֵייב הָאט מָרְדְכַי פוּן אַייזֶענְשְׁטַאדְט גֶעדְרוּנְגֶען, אַז שַׁבְּתַי צְבִי אִיז טַאקִי דֶער אֶמֶת'עֶר מָשִׁיחַ, אַז מִיט'ן רָצוֹן פוּנ'ם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אַ טֶערְק, נָאר גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז עֶר נִיט, וִוי מֶען רֶעכֶענְט, אוּנ וֶועט זִיךְ אִין דְרַייא יָאהר אַרוּם בֶּעוַוייזֶען, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי גוּטֶע שָׁעָה אוּנ דִי יוּדֶען וֶועלֶען דַארְפֶען אוֹיסְגֶעלֶאזְט וֶוערֶען. אַז דִי דְרַייא יָאהר זֶענֶען אָבְּגֶעלָאפֶען אוּנ עֶר הָאט דֶערְוַוייל בֶּעקוּמֶען אַ סַךְ מֶענְשֶׁען, וָואס זֶענֶען שׁוֹין אִין אִיהם גֶעוֶועהן אַיינְגֶעגְלוֹיבְּט, הָאט זִיךְ מָרְדְכַי עֶנְטְשְׁלָאסֶען מְגַלֶּה צוּ זַיין דֶעם עוֹלָם, אַז אִין אִיהם אִיז אַרַיין דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד אוּנ

אז אצונד איז ער שוין דער ניי-געבארענער שבתי צבי, ווייל יענער האט ניט געקאנט אויספיהרען זיין היילינ שליחות איבער זיין רייכקייט, אונ דער גואל צדק מוז זיין ארעם. עס האט ניט לאנג געדויערט אונ אללע לאנדער פון ארום האבען אנגעהויבען קלינגען מיט דעם נייעם משיח, אונ די איטאליענישע יודען האבען אימיסטען געשיקט שליחים איהם בעטען ער זאל קומען קיין איטאליען. דארט האט מען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד אונ מען איז איהם אקעגענגעפאהרען מקבל פנים זיין ווי א געזאלבטען פון גאטט. ער האט זיך אבער געלאזט גלייך פאהרען קיין רום אונ האט געגעבען אנצוהארען אז עס קאן זיין ער זאל מוזען לפנים אנטהון קריסטליכע קליידער פונקט ווי שבתי צבי האט אנגעטהון טירקישע, דאס הייסט אז ער וועט געצוואונגען זיין זיך צו טויפען. ביי די אללע זאכען, האט מען איהם פון דעסטוועגען אויף די האנד געטראגען אונ ער וואלט ווייטער געוועהן געטהון זיינס, ווען מען רוימט איהם ניט אריין איין סוד אז ער מוז זיך היטען פאר דער אינקוויזיציאן. דעמאלט איז ער אוועק קיין פולין, אונ חאטש די ראללע פון א משיח איז איהם שווער געוועהן דארט צו שפיעלען, איז ער געווארען דער גאנצער מדריך פון די שבתי צביניקעס, וועלכע האבען אין פולין זיך געהאלטען א לאנגע צייט, אפילו נאך זיין טויט.

אין טירקיי זענען, דאכט זיך, די יודען געשטאנען נאהענטער צו שבתי צבי'ס פאלשקייט אונ וואלטען זיך מעהר ניט בעדארפט לאזען נארען, צום סוף איז דער שווינדעל ווייטער געגאנגען א דאס נארישקייט האט געגאלטען פאר דער גרויסער חכמה. שבתי צבי'ס אלמנה האט באנג געטהון אנצווערען אזא טהייערע פרנסה אונ עס איז ביי איהר געבליבען זי זאל אליין מאכען די קונץ, וואס קיין גרויס בריה'שאפט דערצו דארף מען ניט. זי איז אוועקגעפאהרען קיין סאלוניקי אונ דארט האט זי איהר אייגענעם ברודערל אויסגעגעבען פאר א זוהן, וואס איז איהר קלאמערשט געבליבען פון שבתי צבי. א נאהמען האט זי איהם געגעבען יעקב צבי אונ האט פערזיכערט, אז צו איהם איז איבערגעגאנגען די גאנצע קדושה פונ'ם פאטער. ווער עס האט געהאט שכל, דער האט געקאנט באלד ארויסזעהען אז ביים געבארען ווערען האט יעקב צבי שוין בעדארפט אלט זיין צעהן יאהר, נאר קיינער האט גאר קיין שאלות ניט געוואלט פרעגען, אונ גאר ניך האט דער קליינער יעקב צבי געהאט ארום זיך עטליכע הונדערט גרויסע שבתי צבי'ניקעס, וואס האבען זיך משמח געוועהן מיט איהם אונ גערופען „קווערידא!" דאס הייסט „דער געליעבטער".

די רַבָּנִים הָאבֶּען אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעמֶערְקֶען, אַז די נַייֶע שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס וֶוענֶען וֶוערֶען נִיט פְּרוּם אוּנ אַז זֵיי הָאבֶּען עֶרְגִיץ אִין די קַבָּלָה־סְפָרִים אָבְּגֶעזוּכְט אַיין הֶיתֵּר אַז אַ מַאנְן וָואס הָאט פַּיינְד זַיין פְרוֹי מֶאג וָואהנֶען מִיט אֵיין אַנְדֶערֶער אָהן חוּפָּה אוּנ קִדוּשִׁין, דָאס הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעקָאנְט לַיידֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען זֵיי רוֹדֵף'ן אוֹיךְ מִיט דֶער הִילְף פוּן דֶער טִירְקִישֶׁער מְלוּכָה. די שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס הָאבֶּען נִיט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ זֶענֶען אַלֶע, אִים יָאהר 1687, גֶעוָוארֶען טִירְקֶען. זֵייעֶר ראש, דֶער יוּנְגֶער יַעֲקֹב קֶוועֶרִידָא, אִיז מִיט אַ גַאנְצֶער חֶבְרָה גֶעפָאהרֶען קֵיין מֶעקְקָא, מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיפְ'ן קֶבֶר פוּן מַחְמֶד אוּנ צוּרִיקְקֶוועגְס אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין אַלֶכְּסַנְדְרִיֶען. פוּן די דָאזִיגֶע שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס אִיז גֶעוָוארֶען אַ נַייֶע סֶעקְטֶע, וָואס זֵיי אַלֵיין הָאבֶּען זִיךְ גֶערוּפֶען מַאֲמִינִים אוּנ גֶעשְׁרִיגֶען אַז דֶער אֱמֶת'ער גְלוֹיבֶּען אִיז נָאר בַּיי זֵיי, אוּנ די טִירְקֶען הָאבֶּען זֵיי אַ נָאהמֶען גֶעגֶעבֶּען „דֶאנְמֶאה", דָאס הֵייסְט אָבְּגֶערִיסֶענֶע, אָדֶער מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען נִיט אַהִין אוּנ נִיט אַהֶער. די מַאֲמִינִים הָאבֶּען טַאקִי גֶעלֶעבְּט אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גָאר נִיט גֶעוָואלְט אָנְקֶעהרֶען מִיט די טִירְקֶען: זֵיי פְלֶעגֶען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין נָאר צְווִישֶׁען זִיךְ, די קִינְדֶער הָאבֶּען זֵיי מַל גֶעוֶועהן אוֹיפְ'ן אַכְטֶען טָאג אוּנ די הֵיילִיגְסְטֶע סְפָרִים זֶענֶען בַּיי זֵיי גֶעוֶועהן דֶער זֹהַר אוּנ שִׁיר הַשִּׁירִים. פַאר אַ מִנְהָג הָאבֶּען זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען יַעֲקֹב קֶווירִידַא'ס אַ זוּהן בֶּרֶכְיָה אוּנ אִיהם הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאלְטֶען פַאר מָשִׁיחַ. נָאךְ אַצוּנְד גֶעפִינֶען זִיךְ אִין סַאלוֹנִיקִי טוֹיזֶענְד מִשְׁפָּחוֹת, וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן די דָאזִיגֶע מַאֲמִינִים. צְווִישֶׁען זֵיי זֶענֶען דָא דְרַיי פֶערְשִׁיעֶדֶענֶע כִּתּוֹת, נָאר אַלֶע הִיטֶען נָאךְ בְּסֵתֶר אָב אַ סַךְ יוּדִישֶׁע דִינִים אוּנ מִנְהָגִים; זֵייעֶר פָאר־שְׁטֶעהֶער אוּנ דַרְשָׁן הֵייסְט בַּיי זֵיי אַב בֵּית דִין אוּנ דֶעם חַזָן רוּפֶען זֵיי פַּיְטָן.

קֵיין פּוֹלִין הָאט זִיךְ שַׁבְּתַי צְבִי'ס גִיפְט אַרַיינְגֶעהַאפְּט דוּרְךְ מָרְדְּכַי פוּן אַייזֶענְשְׁטַאדְט, שְׁפֶּעטֶער ווִי אִין אַנְדֶערֶע אֵייְרָאפֶּאִישֶׁע לֶאנְדֶער, נָאר דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גֶעהַאלְטֶען אַ סַךְ לֶאנְגֶער ווִי אוּמֶעדוּם, וַוייל די פּוֹלִישֶׁע שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס הָאבֶּען נִיט אָבְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן יוּדִישְׁקַייט, זֵיי הָאבֶּען שְׁטְרֶענְג אָבְּגֶעהִיט אַלֶע דִינִים אוּנ מִנְהָגִים, נָאר צוּ אַלֶע „אֲנִי מַאֲמִין'ס" הָאבֶּען זֵיי צוּגֶעזֶעצְט נָאךְ אַ נַייֶעם עִיקָר, אַז זֵיי גְלוֹיבֶּען אִין שַׁבְּתַי צְבִי'ס הֵיילִיגְקַייט אוּנ אַז עֶר אִיז דֶער אֱמֶת'ער מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד. פוּן די דָאזִיגֶע שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט אַ גַאנְצֶע חֶבְרָה „חֲסִידִים", נָאר די חֶבְרָה הָאט קֵיין שׁוּם שַׁייכוּת נִיט מִיט די חֲסִידִים וָואס עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער כִּמְעַט מִיט הוּנְדֶערְט יָאהר

איז ר׳ ישׂראל בעל שם טוב געוואָרען זייער מנהיג. צווישען די פּוילישע יודען האָבען פערשפּרייט שבתי צבי׳ס תורות אברהם קוענקי, א ארץ־ישׂראל־משולח אונ א יטיקעל למדן, וואס האט פערשטעהען געגעבען דעם עולם אז מיט פאסטען, תשובה טהון אונ לעבען אבגעזונדערט פון דער וועלט קאן מען פארט משיח׳ן אראבברענגען, אונ א ליטווישער יוד צדוק, וואס איז געוועהן נאר א גראבער יונג, נאר אזוי פיעל שׂכל האט ער געהאט אז פלוצלונג האט ער געקאנט ווערען א בעל מופת אונ אז ער האט אויסגערעכענט, אז משיח מוז קומען אים יאהר 1695 האבען זיך געפונען גענוג נארען וואס האבען איהם געגלויבט.

דאס איז אבער נאר געוועהן א אנהויב. באלד האבען זיך ארויסגעוויזען גרעסערע בריות, וואס האבען נאך מעהר פערשטאנען ווי אזוי צו מאכען די קונץ אונ ארומפיהרען דאס פאלק ביי דער נאז. דער ערשטער איז געוועהן חיים מלאך, וואס האט נאך אים יאהר 1680 געשמ׳ט פאר א גרויסען מקובל אונ ניט וועניג פוילישע רבנים זענען געוועהן זיינע תלמידים. אים יאהר 1690 האט ער זיך אוועקגעלאזט קיין טירקיי אונ איז אין סאלוניקי בעקאנט געוואָרען מיט׳ן גאנצען דרך פון שבתי צבי, נאר אזוי ווי די שבתי צבי׳ניקעס פון סאלוניקי זענען שוין דעמאלט געוועהן אין חרם, איז ביי איהם געבליבען ער זאל פערלייגנען אז ער איז איינער פון זיי, אונ שטילערהייד זאל ער ארומפאהרען אין איירא פא אונ בעפעסטיגען צווישען די יודען דעם גלויבען אין דעם נייעם משיח. אזוי האט ער זיך ארומגעדרעהט אויף דער וועלט היבשע עטליכע יאהר ביז ער האט זיך נאך אמאל צוגעשלאגען קיין פוילין, אונ דארט האט ער שוין געפונען א פערטיג פעלד פאר זיין ארבייט. די חסידים זענען שוין ארומגעגאנגען מיט פערדרעהטע קאפּ, זיי האבען פּשוט ארויסגעקוקט עס זאל עמיצער קומען אונ איינרעדען זיי דאס גרעסטע נארישקייט, אבי זיי זאלען האבען וועגען וואס צו ליארמען, אונ אז חיים מלאך האט אנגעהויבען ארומפאהרען איבער פערשיעדענע שטעדט אונ דערצעהלען די נסים וואס ער האט געזעהען אונ געהערט אין טירקיי, זענען טויזענדערווייז צו איהם צוגעשטאנען אונ זיינע רעד האט מען אנגענומען ווי א תורה. ווער שמיעסט אז ער האט אויסגעדרונגען, אז אים יאהר 1706 וועט זיך שבתי צבי, אוף׳ן פיערציגסטען יאהר נאך זיין טויט, בעווייזען אונ האט געבראכט א ראיה פון משה רבנו וואס האט אויך געמוזט פערברענגען פערציג יאהר אין דער מדבר ביז ער האט געקאנט די יודען צופיהרען קיין ארץ ישׂראל, זענען אללע געוואָרען מלא שׂמחה אונ פיער־

יודישע קְהִלוֹת, פון בּוּטְשַׁאטְשׁ, זְשׁאלְקָאוַוא, פּוֹדְהַייץ און הָאראָדֶענְקָא, וֶוענֶען פון גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ שַׁבְּתַי צְבִי. מִיט לִיעבּ־שַׁאפְט הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶענוּמֶען אַללֶע יְסוּרִים פון לַאנְגֶע תַּעֲנִיתִים אַבִּי זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְלֶעבֶּען דִי גְלִיקְלִיכֶע שָׁעָה און זֶעהֶען וִוי „גָאטְט׳ס בֵּן יָחִיד" וֶועט קוּמֶען בֶּעפְרַייהֶען דִי יוּדֶען פון זֵייעֶרֶע צָרוֹת און אוּמְקֶעהְרֶען זֵיי דִי פֶערְלָארֶענֶע מַאכְט.

דֶער יוּנְגֶערֶער אִיז גֶעוֶועהן יְהוּדָה חָסִיד, און עֶר הָאט נָאךְ בֶּעסֶער גֶעקָאנְט דְרֶעהֶען דָאס רֶאדֶעל, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ בֶּערִיהְמְטֶער דַרְשָׁן און אַז עֶר פְלֶעגְט רֶעדֶען פַאר׳ן עוֹלָם אָנְגֶעטְהוּן אִין וַוייסֶען און פֶערְגְלָאצְט דִי אוֹיגֶען הָאט עֶר אִין זַיינֶע ווָארְטֶער אַריינְגֶעלֶעגְט אַזַא פַייעֶרִיג גֶעפִיהל, אַז זֵיי הָאבֶּען יֶעדֶען גֶעמוּזְט רִיהְרֶען, נִיט אוּמְזִיסְט הָאט מֶען אִיהם אוֹיךְ גֶערוּפֶען „מוֹכִיחַ", דֶער שְׁטְרָאפֶער, וַוייל וֶועלְכֶען הָאט מֶען זִיךְ בַּיי זַיינֶע דְרָשׁוֹת גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען פון וֵויינֶען און כִּמְעַט שְׁטֶענְדִיג פְלֶעגְט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם, אֲפִילוּ דִי אֶלְטְסְטֶע אוּן עֶרְנְסְטֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים, בֶּעוַואשֶׁען מִיט טְרֶערֶען. אַ גֶעבָּארֶענֶער אִיז עֶר גֶעוֶועהן פון סְיֶעדְלִיץ, נָאר אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר שְׁטַאמְט נָאר אַרוֹיס פון דוּבְּנָא. דָאס אִיז אָבֶּער קֵיין סָפֵק נִיט אַז נָאר אִין דִי יוּנְגֶע יָאהְרֶען הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אִין אִיטַאלְיֶען, דָארְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט קַבָּלָה, נָאר דִי רַבָּנִים הָאבֶּען בֶּעמֶערְקְט אַז אִין אִיהם אִיז עֶפִּיס נִיט קֵיין רֵיינֶע זַאךְ און מֶען הָאט אִיהם אַרוֹיסְגֶעפְּטֶערְט. אַז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קֵיין פוֹלִין הָאט עֶר אַרוּם זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט פִיעל לוֹמְדִים און רַבָּנִים און הָאט זֵיי גֶעוִויזֶען נַייעֶ דְרָכִים אִין קַבָּלָה, און אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן אָנְגֶעשְׁמֶעקְט מִיט שַׁבְּתַי צְבִי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען פון אַללֶע חֲסִידִים (וָואס צוּ לִיעבּ זֵיי הָאט עֶר, וִוי עֶס שַׁיינְט, אָנְגֶענוּמֶען דֶעם נָאהְמֶען יְהוּדָה חָסִיד) מַאכֶען שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס און עֶס אִיז אִיהם שְׁוֶוער נִיט אָנְגֶעקוּמֶען, וַוייל וֶועמֶען גְלוּסְט זִיךְ נִיט גְלוֹיבֶּען און הָאפֶען, וֶוען דִי אוֹיגֶען זֶענֶען צוּ גֶעמַאכְט עֶס צִיהט צוּם שְׁלָאף און דֶער פֶערְשְׁלָאגֶענֶער מֹחַ קֶאן זִיךְ נִיט רִיהְרֶען.

אַז אַזַא פָּארֶעל, וִוי חַיִּים מַלְאַךְ און יְהוּדָה חָסִיד, זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען, הָאבֶּען זֵיי פֶערְשְׁטַאנֶען אַז צוּזַאמֶען וֶועט דִי אַרְבַּייט גֶעוִויס נָאךְ בֶּעסֶער גֶעהֶען, און זֵיי הָאבֶּען מִן הַסְּתָם גֶעמַאכְט יַד אַחַת. דָאס הָאט אָבֶּער אוֹיפְגֶערִיסֶען דִי אוֹיגֶען פון דִי רַבָּנִים, וָואס הָאבֶּען זִיךְ פְרִיהֶר נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעקוּקְט צוּ אַלְדִינְג וָואס דָא גֶעהט פָאר און הָאבֶּען נָאר דֶעמָאלְט בֶּעקוּמֶען אַ חֲשַׁד, וַוען זֵיי הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען וִוי עֶס וֶוערְט דִי צָאהל פון דִי חֲסִידִים פון

טאג צו טאג גרעסער אונ ווי פיעל בכבוד'ע מענשען שטעהען צו צו זיי. אין יענע יאהרען האט שוין געשפיעלט א גרויסע ראללע דער רב פון די אשכנזים אין אמשטרדם, ר' צבי אשכנזי, אדער ווי די וועלט האט איהם גערופען חכם צבי; מיט פולין האט ער געהאט א שטיקעל שייכות, ווייל זיין פאטער איז געוועהן א פולישער, אונ איז אין חמעלניצקי'ס צייטען אנטלאפען פון דארט. דערפאר האבען זיך די פולישע רבנים געווענדעט צום חכם צבי אונ האבען איהם געבעטען: ער זאל זיי ארויסשרייבען זיין מיינונג וועגען די חסידים אונ זייערע פארשטעהער. ר' צבי אשכנזי האט געאנטפערט קורץ אונ שארף, אז מען טאר די דאזיגע חסידים ניט לאזען קיין קאפ אויפהייבען, ווייל דאס זענען שטאכענדיגע דארנער אויפ'ן פעלד פון דער יודישער אמונה. אז מען האט געהאט די הסכמה פון אזא גרויסען מאנן ווי דער חכם צבי, האט מען שוין מעהר ניט געפרעגט, אונ די רבנים פון קראקויא האבען באלד ארייגעווארפען אין חרם אללע חסידים אונ זייערע מנהיגים. דעמאלט איז געבליבען ביי חיים מלאך אונ יהודה חסיד, וואס האבען זיך ניט געפיהלט אין כח אנצוהויבען א מלחמה מיט די רבנים, זיי זאלען זיך צוזאמען מיט פינפצעהן הונדערט חסידים אוועקלאזען קיין ארץ ישראל אונ דארט שוין בלייבען ביז דאס יאהר פון דער גאולה וועט קומען, ווייל נאך זייער רעכנונג האבען זיי אין גאנצען בעדארפט ווארטען נאך א יאהר צוועלף.

דאס איז געשעהן אים יאהר 1700, אונ וואו זיי זענען דורכגעגאנגען, האבען זיי אנגעמאכט א שטארקען רעש. נאר גרויס איז געוועהן די ווירקונג פון יהודה חסיד, וועלכער האט געהאט נעבען זיך פונפצינ מקורבים פון עדלע יודען לומדים, אללע האבען זיי געטראגען ווייסע מאנטעל, אונ אז זיי פלעגען דורכגעהען דורך א שטאדט אין עסטעררייך אדער אונגארן אונ אנמאכען א יללה ביים דאוונען, איז זיי דאס פאלק נאכגעלאפען אונ מען האט זיי געהרעכענט פאר מענשען וואס ליידען אונ זענען זיך מפקיר צו ליעב דער אמונה. די רבנים האבען געמוזט שטעהען פון ווייטענס אונ האבען מורא געהאט צו זאטשעפען מיט בלינד צורייצטע מענשען. זיי האבען נאך אפט געזעהען מען זאל פון ווייטעוועגען מאכען נדבות, אבי זיי זאלען זיך געהען זייער וועג. אין וויען האט זיי ר' שמואל אפענהיים, א גרויסער נגיד, געגעבען א מתנה יפה אונ האט געדונגען צוויי שיפען, וואס זאלען זיי גלייך ברענגען קיין קאנסטאנטינאפאל, כדי זיי זאלען זיך פערשפארען ארומשלעפען. ניט אללע זענען אבער מרוצה געוועהן צו פאהרען מיט'ן וואסער; דער רב האט געוואלט

בעסער צוזאמען מיט יהודה חסיד, געהען צו פוס איבער װענעדיג, מעהר אבקומען פאר די זינד אונ אריינגעהען קיין ארץ ישראל װי ריינע בעלי תשובה. אוודאי האבען זיי ביי אזא װייטער נסיעה, אונ נאך צו פוס, קיין נחת ניט געהאט: מעהר פון פינף הונדערט מענשען זענען אויסגעשטארבען אונ די איבעריגע האבען זיך קוים מיט צרות פערשלעפט קיין ירושלים. דארט איז זיי אבער ניט בעסער געװארען, קיין גוטען אויפנעהמען האבען זיי ניט געהאט פון די ארץ ישראל יודען, װייל מען האט שוין געװוסט, פריהער געװאוסט זייער כונה, אונ דא איז נאך באלד, אויפ'ן דריטען טאג װי זיי זענען אנגעקומען, געשטארבען יהודה חסיד, זיי זענען געבליבען װי א שיף אהן א רודער, אונ לאנג האלטען זיך איז זיי אונמעגליך געװעהן. אין א צייט פון דריי יאהר איז פון זיי געװארען א תל: א טהייל זענען געװארען מחמד'נער אונ די איבעריגע האבען זיך אומגעקעהרט קיין אייראפא אונ זענען איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום. צװישען די געטויפטע איז געװעהן יהודה חסיד'ס איין איינענער זוהן.

חיים מלאך האט זיך א ביסעל לאנגער געהאלטען, װייל אין ירושלים זענען געװעהן װעהר פיעל שבתי צבי'ניקעס, אונ איהם איז געראטהען זיך צוצושארען צו זיי אונ װערען ביי זיי א גאנצער רבי. ער האט געמאכט א בעזונדער שול, דארט האט ער ביים ארון קדש אנידערגעשטעלט א בילד פון שבתי צבי אויסגעהאקט פון האלץ, אונ אללע שבת אונ יום טוב פלעגט ער מיט די חסידים מאכען הקפות ארום דער בילד אונ זינגען אונ טאנצען מיט משוגענ'ע תנועות. די רבנים האבען ניט געקאנט צוקוקען אזא חלול השם אונ עס האט זיי געקאסט גענוג צייט אונ מיה ביז זיי האבען איהם משלח געװעהן פון ירושלים. די שבתי צבי'ניקעס פון סאלוניקי האבען אבער איהם געגעבען א סך געלד ער זאל זיך נאך קאנען ארומדרעהען אין דער טירקיי, נאר אז דער חכם באשי (דער הויפט-רב פון די ספרדים אין קאנסטאנטינאפאל), האט געפועלט ביי דער טירקישער מלוכה, זי זאל חיים מלאך ניט ערלויבען צו בלייבען אין לאנד, איז ער אװעק קיין דייטשלאנד אונ פון דארט איז ער נאך אמאל אריבער קיין פולין אונ האט נאך עטליכע יאהר זיך ארומגעפיהרט מיט די חסידים אונ שבתי צבי'ניקעס ביז ער איז ניט געשטארבען פון שכרות אונ פון א אויסגעלאסען לעבען. זיין ארבייט האבען דערנאך איבערגענומען אנדערע צװיי שװינדלערס, יצחק קאידענער אונ משה װאידעסלאװ, אונ די רבנים האבען מיט זיי אויך געהאט גענוג מיה אונ פיין ביז מען איז פון זיי פטור געװארען.

אין דער איינענער צייט האט נאך מעהר גערוישט אין דער װעלט. אין

אנדער שבתי צבי'ניק, נְחֶמְיָה חִיָּיא חַיּוֹן, װעלכער האט אין די אללע װעכּס אונ זיבּציג יאהר, װאס ער האט איבּערגעלעבּט, איין רוהיגע מינוט ניט געהאט, װייל ער האט זיך ניט געשטרעבּט צום אמת אונ האט כל ימיו נאר געארבּייט צו בּעפעסטיגען דעם שװינדעל, װאס האט דעמאלט געגוג פערדרעהט יודישע מוחות. געבּארען געװארען איז ער אים יאהר 1650 אין באסניען סעראיעװא, װאס רופט זיך אצונד סעראיעװא, אונ אז ער איז נאך געװעהן א קליין קינד האט מען איהם אװעקגעפיהרט קיין ארץ ישראל אונ בּיז אכטצעהן יאהר האט ער געלערנט תּורה אין חברון. אז ער האט חתונה געהאט האט מען איהם אויפגענומען פאר רב אין איסקופיא, ניט װייט פון סאלוניקי, נאר ער האט זיך אויף דער שטעללע לאנג ניט געקאנט האלטען: מען האט בּעמערקט, אז ער פיהרט זיך זעהר שלעכט אויף, אונ מען האט איהם פון רבנות ענטזאגט. פון דעמאלט אן האט ער אנגעהויבּען נע װנד צו זיין, ער האט זיך אויפגעהאלטען צייטענװייז אין אדריאנאפאל, סאלוניקי אונ בּעלגראד אונ האט זיך געפּרוּװט װערען א מגיד, א מלמד אונ אפילו א סוחר, נאר אין קיין זאך האט ער קיין גליק ניט געהאט; די װילדע תּאװות האבּען איהם פונ'ם װעג ארא בּגעפיהרט, ער האט אויך ניט פיינד געהאט דעם טרונק, אונ מיט אזעלכע חסרונות האט ער זיך קיין גרויסען כּבוד ניט געקאנט פערדיענען. א מאל איז איהם אין א הויז, װאו ער איז געװעהן א מלמד, געפאלען א טירקיש ריענסט-מאדעל, האט ער אים שבּת צוגענומען בּיים בּעל הבּית א פאר פערד אונ איז אנטלאפען מיט איהר פון דער שטאדט; מען האט זיך אבּער בּאלד אומגעקוקט, מען האט איהם געחאפט אונ מען האט זיך מיט איהם מִן הַסְתָּם נוהג געװעהן װי מיט א פערד-גנב. אין סאלוניקי איז חיון צוגעשטאנען צו די שַׁבְּתַי צבי'ניקעס; ער האט זיך געמאכט א איינגאנג טאקי צו בּרכיה אליין, צו משיח'ס איינען איניקעל, אונ פון דארט איז ער אװעק א פערטיגער בּעל מופת. א היבּשע צייט האט ער זיך ארומגעדרעהט אין מצרים אונ ארץ ישראל אונ אז ער איז א בּיסעל בּעקאנט געװארען בּיים פאלק מיט זיינע װאונדער, װאס ער פלעגט קלאמערשט בּעװייזען, האט ער זיך ענטשלאסען ארויסצוגעבּען עטליכע ספרים װעגען שבּתי צבי, נאר א בּיסעלע פערשטעלט, כּדי דער עולם זאל זיך בּאלד ניט חאפען צו זיין כּונה. אין סמירנא האבּען איהם די רייכע מקוּבּלים אויפגענומען אונ האבּען איהם געװאלט געבּען געלד ער זאל קאנען דרוקען זיינע כּתבים, נאר דער רב ר' בּנימין לוי האט פערשטאנען װאס חיון מיינט אונ איז אפענטליך ארויס נעגען איהם, עס האט אבּער איהם ניט

גֶעהָאלְפֶען, וַוייל דָאס פְּרָאסְטֶע פָאלְק הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען פוּן חַיוֹן אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אַז דֶער רַב טְהוּט עֶס פַאר קִנְאָה. וֶוען חַיוֹן בְּלַייבְּט אִין סְמִירְנָא, וָואלְט אִיהם שׁוֹין אֶפְשָׁר דָאס מַזָל אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁפִּיעלֶען, עֶר הָאט אָבֶּער לַאנְג אַיינְזִיצֶען אוֹיף אֵיין אָרְט נִיט גֶעקָאנְט, אוּנ אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער קַיין יְרוּשָׁלַיִם הָאט מֶען מִיט אִיהם גָאר נִיט גֶעמַאכְט קַיין שִׁיהוּת אוּנ דֶער רַב ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָקִי הָאט אִיהם בַּאלְד אַרַיינְגֶעלֶעגְט אִין חֵרֶם. דֶערְמִיט הָאט מֶען אִיהם אָבְּגֶעשְׁנִיטֶען דֶעם וֶועג אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט גֶעזֶעגְנֶען מִיט דֶער טִירְקַיי אוּנ זִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען קַיין אִיטַאלְיֶען. צְוֵויי יָאהר כְּסֵדֶר אִיז חַיוֹן אַרוּמְגֶעפָאהרֶען פוּן אֵיין שְׁטָאדְט אִין דֶער אַנְדֶערֶער אוּנ הָאט זִיךְ אִין עֶרְגִיץ נִיט גֶעקָאנְט אָבְּזוּכֶען אַ מָקוֹם מְנוּחָה. אִין לִיוָואָרְנָא הָאט עֶר אֲפִילוּ יָא גֶעפוּנֶען גוּטֶע פְרַיינְד, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעוָואלְט שְׁטִיצֶען, נָאר דֶער לִיוָואָרְנָא׳ר רַב, אֵיינֶער פוּן דִי בֶּערִיהמְטֶע מְקוּבָּלִים, ר׳ יוֹסֵף עֶרְגַאשׁ אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז עֶר אִיז פוּן שַׁבְּתַי צְבִי׳ס חֶבְרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעמַאכְט אַזַא גֶעוַואלְד, אַז חַיוֹן הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען. דֶערְפַאר אִיז אִיהם שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעגַאנְגֶען אִין וֶוענֶעדִיג, דָארְט אִיז אִיהם גֶערָאטְהֶען זִיךְ מֶעהר צוּצוּלָאזֶען צוּ דִי רַבָּנִים, וֵוי הָאבֶּען אִיהם גֶעגֶעבֶּען הַסְכָּמוֹת אוֹיף זַיינֶע כְּתָבִים אוּנ אִים יָאהר 1711 הָאט מֶען אָבְּגֶעדְרוּקְט אַ קְלֵיין סֵפֶר׳ל „רָזָא דְיִחוּדָא“ (דֶער סוֹד פוּנ׳ם אֵיינְצִיגֶען גָאטט), אִין וֶועלְכֶען עֶר וַוייזְט אוֹיס, אַז דִי גָאטְטְהֵייט בֶּעשְׁטֶעהט פוּן דְרַיי גֶעשְׁטַאלְטֶען: פוּן עַתִּיקָא קַדִּישָׁא (דָאס אַלְטֶע הֵיילִיגְקַייט), פוּן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוּנ פוּן דֶער שְׁכִינָה, וִוי עֶס שַׁיינְט, הָאבֶּען דִי רַבָּנִים פוּן וֶוענֶעדִיג אֲפִילוּ אִין דִי אוֹיגֶען נִיט גֶעזֶעהֶען חַיוֹן׳ס סְפָרִים אוּנ הָאבֶּען גְלַאט אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זַייעֶרֶע הַסְכָּמוֹת, נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סְבָרָא אִיז, אַז עֶר הָאט נָאר אַלֵיין נָאכְגֶעמַאכְט זַייעֶרֶע חֲתִימוֹת, נָאר פַאר אִיהם אִיז דָאס דֶערְוַוייל גֶעוֶועזֶען אַ גַאנְץ גֶעשֶׁאפְט אוּנ, אַז עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ יָאהר גֶעקוּמֶען קַיין פְּרָאג הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פֶערְרוּפֶען אוּנ דִי בֶּעסְטֶע לוֹמְדִים אוּנ רַבָּנִים הָאבֶּען אִיהם אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. דֶער גְרֶעסְטֶער גְבִיר פוּן פְּרָאג ר׳ דָוִד אָפֶּענְהַיים, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ שְׁטִיקֶעל מְקוּבָּל, הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ זְכִיָּה וָואס חַיוֹן אִיז בַּיי אִיהם אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ, אַז דֶער עוֹלָם הָאט נָאךְ דֶערְזֶעהֶען אַז אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע רַבָּנִים וִוי ר׳ יְהוֹנָתָן אַייבֶּעשִׁיץ אוּנ ר׳ נַפְתָּלִי כֹּהֵן קוּמֶען צוּ אִיהם אוּנ רֶעדֶען מִיט אִיהם דִבְרֵי תוֹרָה אִיז עֶר בַּיי דִי עֶדְלֶע יוּדֶען גֶעוָוארֶען גָאר גֶעהוֹיכְט אוּנ גֶעקְרֶאנְט. דֶעם פְּרָאסְטֶען עוֹלָם ווידער הָאט עֶר צוּ זִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען מִיט מוֹפְתִים, מִיט קָמֵעוֹת,

אונ קוים האט מען איהם שוין אנגענומען פאר א איש אלהים האט מען נאר נים געפרעגט קיין שאלות אונ קיינער האט זיך נים אומגעקוקט אויף זיין יראת שמים. ער האט גאנצע טאג געשכורט, נאכגעלאפען נאך אללע תענוגים; נאר קוים האט ער פערגלאצט די אויגען אונ האט געוויזען, אז ער האט צו טהון מיט מלאכים איז שוין אלדינג פערגעפערט געווארען אונ זיין נאהמען האט אנגעהויבען קלינגען אין גאנצען לאנד. אין פראג האט ער אנגעשריבען א נייע ספר "מהימנותא דכלא" (דער גלויבען פון אללעם) אונ האט מיט חכמה אזוי גערעדעט, אז ר' נפתלי כהן האט איהם געגעבען איין הסכמה, חאטש ער האט איהם נאר געוויזען עטליכע בלעטלעך, אי דאס נאר אזעלכע, וואס האבען איהם געטויגט. פון דארט איז ער אריינגעפאהרען קיין ניקלסבורג, פרושניץ, ברעסלויא אונ וויען, אונ אומעדום האט ער געשפיעלט א צווייפנים'דיגע ראללע: צווישען רבנים איז ער געוועהן א פרומער יוד, אונ ביים געוואהנליכען עולם האט ער געזוכט אללע מיטעל הייליג צו מאכען דעם דרך פון שבתי צבי. אין פרושניץ פלעגט ער זיך אפט בסתר צונויפקומען מיט'ן בעריהמטען מקובל לייבעלע פרושניץ, וואס איז געוועהן איינער פון די ערשטע שבתי צבי'ניקעס אין מאהרען. חאטש קיין סך תלמידים האט ער נים געקאנט האבען, ווייל ער איז געגאנגען אבגעריסען אונ אבגעשליסען, צווישען מענשען איז ער ווענינ געקומען אונ די וועלט האט איהם גערעכענט פאר א פשוט'ן משוגע'נעם. פון לייבעלע פרושניץ דערצאהלט מען, אז ער איז געוועהן אזא ארעמאן אז ער איז נים אים שטאנד געוועהן זיך צו דינגען א דירה אונ דערפאר האט ער געוואהנט אונטער דער שטאדט אין א פוסטער חורבה, וואו מען האט געזאגט אז דארט האלטען זיך אויף שדים. אז דער עולם האט געזעהען אז עס שאדט איהם נים, האט מען אנגעהויבען שרייען אז ער איז א כשוף-מאכער, אונ א טהייל האבען זיך איינגעשטעלט דאס לעבען אונ האבען זיך גענומען פון דערוויטענס אכטונג געבען וואס עס געהט פאר ביי איהם אין דער חורבה. לייבעלע האט אבער געוואלט, אז דאס פאלק זאל טאקי בלייבען ביים גלויבען אז ער איז א בעל מופת, אונ דערפאר האט ער אבגעארבייט אזא קונץ: אז ער האט א מאל בעמערקט ווי די שטאדט-לייט קוקען איהם נאך, האט ער מיט פאספאר אויף א לייללעך אנגעשריבען דעם שם המפורש אונ ביי נאכט האט ער דעם לייללעך ארויסגעהאנגען אין פענסטער, אונ אזוי ווי פאספאר גלאנצט אין דער פינסטער האבען פלוצלונג אללע דערזעהען ווי די הייליגע אותיות פליהען ארום אין דער לופט. פון דעמאלט אן איז ביי אללע געבליבען

אַז לייבעלע פרושניץ איז אַ גרויסער בעל מופת נאר די רבנים האבען איהם פאַרט רודף געוועהן. אַוודאי האט זיך חיון געמוזט בעקענען מיט אַזא מענשען, נאר היטען האט ער זיך בעדאַרפט כדי מען זאל ניט דערגעהן אַז זיי זענען ביידע פון איין געוואַנד געשניטען.

אים יאהר 1713 איז חיון געקומען קיין בערלין, און חאטש דאָרט האָבען זיך געפונען נאר עטליכע געצאָהלטע יודישע משפחות האָבען זיי זיך שוין געקריגט איבער אַ שול און עס זענען געוואָרען צוויי צדדים: פון איין זייט איז געשטאַנען אַ רייכע אַלמנה ליעבמאַנן, וואס איהר געשטאָרבענער מאַנן איז געוועהן אַ חשוב ביים קעניג פרידריך דעם ערשטען, און פון דער אַנדערער זייט האָט איהר געטהון צו להכעיס אַ גביר מארקוס מאַגנוס, וואס איז געגאַנגען מיט תקיפות פונ׳ם קראָנפּרינץ. חיון האָט באַלד פערשטאַנען אַז פאַר איהם איז גלייכער צו צושטעהען צו דער אַלמנה ליבמאַנן, ווייל ער האָט געזעהען אַז זי וועט גיכער אויספיהרען, און דערצו איז נאך איהר איידעם געוועהן דער בערלינער רב ר׳ אַהרן בנימין וואָלף, וואס האָט איהם געקאָנט טהון אַ טובה. אַוודאי האָט חיון ניט דערלעגט צו דעם געשעפט און נאך עטליכע חדשים וואס ער האָט פערבראַכט אין בערלין, איז ער אים שטאַנד געוועהן אָבצודרוקען זיין ספר „מהימנותא דכלא“ און זיך לאָזען ווייטער, דורך האַמבורג, קיין אַמשטערדם, וואו עס איז גיך צו ליעב איהם געוואָרען אַ גאַנצער רעש.

אין אַמשטערדם זענען דעמאָלט געוועהן צוויי רבנים: דער חכם צבי. פון די אַשכנזים און ר׳ שלמה אַילן — פון די ספרדים. ר׳ שלמה אַילן איז אין דער יוגענד אַליין שטאַרק פערנאַרט געוועהן פון שבתי צבי׳ס תורות און איז געשטאַנען גאָר נאָהענט צו זיינע תלמידים פון סאַלוניקי. צווישען די רבנים איז איבערהויפט קיין גרויסער שלום ניט געוועהן, ווייל דער חכם צבי האָט זיך גערעכענט פאַר אַ וועלט-בעריהמטען למדן און ביי יעדער שאלה פלעגט ער נאָר שטעלען אויף זיין דעה. אַוודאי אַז חיון איז אָנגעקומען קיין אַמשטערדם און האָט זיך אויסגעגעבען פאַר אַ ארץ-ישראל-משולח, האָט ער זיך געווענדעט צום ספרדישען רב און איז ניט מסופק געוועהן אַז ער וועט איהם זיין צו הילף. ער האָט אויך קיין טעות ניט געהאַט: ר׳ שלמה אַילן האָט איבערגעקוקט חיון׳ס ספר און האָט געפונען אַז דאָרט איז לויטער קבלה און אַז יעדער יוד מאָג עס האַלטען ביי זיך אין שטוב. צו האָט ער עס געטהון דערפאַר וואס ער אַליין איז טאַקי סעהר נעניינט געוועהן צו חיון׳ס געדאַנקען, אָדער ער האָט

פשוט מורא געהאט אז חיון זאל איהם ניט דערמאנען זיינע אלטע זינד אונ זאל אין שטאדט ניט רעדען קיין איבריגע ווארטער וועגען זיינע קינדערשע יאהרען וואס ער האט פערבראכט אין סאלוניקי צווישען די שבתי צבי'ניקעס, דאס איז שווער צו וויסען, נאר יעדער האט געקאנט זעהען, אז ר' שלמה אילן טהוט פאר איהם מעהר ווי פיעל אין זיין קראפט איז. דער חכם צבי איז, מן הסתם, די זאך ניט געפאלען אונ דא האט זיך נאך גראד אין יענער צייט אויפגעהאלטען אין אמשטרדם דער בעריהמטער למדן אונ מקובל ר' משה חגיז, וועלכער האט צוגעגאסען בוימאהל אויפ'ן פייער, אונ עס האט זיך אנגעהויבען א גרויס מחלוקה. ר' משה חגיז איז אליין געוועהן א געבארענער פון ארץ ישראל אונ האט אין דער יוגענד זעהר פיעל געמוזט אויסשטעהען פון שבתי צבי'ס חברה. צו ליעב דעם האט ער געמוזט אוועק פון דער היים אונ זיך זוכען עפיס א פרנסה אין איטאליען. ער איז געווארען ראש ישיבה אין ליווארנא, נאר לאנג בלייבען דארט האט ער ניט געקאנט, ווייל זיינע שונאים האבען איהם אויך פון דער ווייטענס אין זין געהאט אונ האבען אהין צוגעשיקט אזעלכע בריעף מיט רכילות, אז ער איז געצוואונגען געוועהן אוועקצופאהרען קיין אמשטרדם, דארט איז ער געווארען א גבאי פון צדקה-געלד פאר ארץ ישראל, אונ די רבנים האבען איהם שטארק מקרב געוועהן פאר זיין פרומקייט אונ חריפות אין לערנען. נאך די אללע צרות, וואס ער האט איבערגעטראגען פון די שבתי צבי'ניקעס איז זיין הארץ שטאנדיג געוועהן פערביטערט, אונ ער האט נאר געזוכט מיטעל זיך נוקם צו זיין אין זיינע שונאים. אודאי אז ער האט פלוצלונג בעגעגענט אין אמשטרדם איינעם פון דער חברה, האט אין איהם דאס בלוט אנגעהויבען זידען אונ ער האט זיך ענטשלאסען מיט איהם זיך אבצורעכענען נאר אויף איין אנדער אופן. ער האט פערשטעהען געגעבען דעם חכם צבי ווי געפאהרליך חיון'ס ספר איז פאר די יודען, אונ ער האט ארויסגעגעבען א פסק אז אזא ספר מוז מען פערברענען אונ דער מחבר טאר זיך ניט געפינען אין אמשטרדם. דאס איז געוועהן א שארפער קלאפ טאקי פאר ר' שלמה אילן אליין אונ עס איז ביי איהם געבליבען, אז ער מוז דערווייזען דער וועלט אז ער שיצט ניט קיין שעדליכען מענשען אונ לאזט ניט אז אפיקורסישע ספרים זאלען פערשפרייט ווערען צווישען פאלק. ער האט געשיקט זאגען דעם חכם צבי, אז ער וויל מיט איהם אפענטליך האבען א וכוח, נאר דער חכם צבי האט פון קיין זאך ניט געוואלט הערען. דאס האט שוין פערדראסען די גאנצע ספרדישע קהלה, דער פארשטעהער ר' אהרן די פינטא האט עס אנגענומען פאר א פחיתת הכבוד.

און מען האט בעשלאסען; אז דער רב פון די אשכנזים האט ניט קיין רעכט זיך צו מישען צו די ספרדים, און אז יעדענפאלס זאל ר' שלמה איילן מאכען איין אסיפה פון עטליכע לומדים און נאך אמאל דורכקוקען חיון'ס ספר. דער חכם צבי האט לאנג ניט געטענה'ט און האט צוזאמען מיט ר' משה חגיז ארייגעלעגט חיון אין חרם. דא האט זיך ערשט צובערענט דאס רעכטע פייער: די ספרדישע קהלה איז געוועהן גרעסער און רייכער פון די אשכנזים און דער חכם צבי האט געהאט וועניג מענשען, וואס זאלען זיך וועלען ארייגלאזען אין נצחון און איהם העלפען ער זאל אויספיהרען זיינס. אומזיסט זענען געפלויגען בריעף פון די גרעסטע רבנים, וועלכע האבען מסכים געוועהן צום חכם צבי'ס דעה, אומזיסט האט זיך אין דעם ענין ארייגעמישט דער אלטער און בכבודסטער רב פון מאנטוא, ר' יהודה ליאון ברעלי, וואס האט גוט געקענט חיון און האט געשריגען אז ער איז א שווינדלער און עס איז ניט כדאי אז צו ליעב איהם זאל אין אזא יודישער קהלה ארויס א מחלוקת. די ספרדים האבען זיך איינגערעדט אז דאס איז א מלחמה פאר גאטט, און וואס מעהר די אשכנזים האבען געארבייט איז ביי זיי חיון געווארען חשוב'ער. זיי האבען איהם מיט גרויס שמחה און כבוד געפיהרט אין שול אריין, און װער שמיעסט אז די לומדים האבען געפסק'נט, אז אין זיין ספר איז ניטא קיין שום אפיקורסות האט מען פשוט אנגעהויבען די אשכנזים צו רודפ'ן אויפ'ן לעבען. עס איז אזוי ווייט גע־קומען, אז דער חכם צבי און ר' משה חגיז האבען מורא געהאט די גאס איבער־צונעהען, אפט איז ארויס א געשלאג, מען האט שוין אפילו אמאל דעם חכם צבי געוואלט שטעכען, א קליין מסירהלע ביי דער מלוכה, ווי דער שטייגער איז, האט אויך ניט געפעהלט, און עס האט זיך געענדיגט דערמיט וואס דער חכם צבי, מיט וועלכען אמשטרדם האט א לאנגע צייט געשטאלצירט, איז געצוואונגען געוועהן אוועקצופאהרען קיין לאנדאן און פון דארט זיך לאזען קיין פולין.

אז די וועלט איז געוואהר געווארען ווי מאוס דער חכם צבי האט אויס־געליטען צו ליעב חיון, האבען זיך פון אללע זייטען, פון דייטשלאנד, איטאליען, פולין און אפילו פון אפריקא, אנגעהויבען שיטען חרמות אויף חיון'ס קאפ. דאס האט איהם אלליין און זיינע אלטע גוטע פריינד ניט געלאזט רוהען. חאטש עס איז זיי געראטהען ארויס צו פטר'ן זייער געגנער, און עס איז געבליבען אז חיון זאל זיך ווייטער לאזען אין דער וועלט און זאל זיך אויסטענה'ן מיט די רבנים זיינע געגנער. מען האט איהם מיטגעגעבען א סך געלד און בריעף צו

די גראסטע שררות, אונ קודם כל איז ער אוועקגעפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל, ווייל דארט האט ער געהאפט זיך צו בעפרייען פונ'ם אלטען חרם, וואס דער רב פון ירושלים האט ארויסגעגעבען. זיין נסיעה איז געוועהן שרעקליך: אורעדום האט מען שוין געוואוסט פון איהם אונ מען האט איהם אין קיין יודישער שטוב ניט אריינגעלאזט. דריי יאהר האט ער אזוי געליטען ביז דער ערשטער מיניסטער פון טירקיי האט אויף איהם רחמנות געקריגען אונ האט איינגעבעטען א פאר רבנים זיי זאלען מבטל זיין דעם חרם. ער האט געמוזט צושווערען, אז מעהר וועט ער זיך שוין ניט אבגעבען מיט קבלה, אונ ערשט דעמאלט האבען איהם די רבנים ארויסגעגעבען א בריעף אז ער איז פריי פונ'ם חרם. מיט אזא בריעף אין די האנד איז חיון באלד צוריקגעפאהרען קיין אייראפא אונ האט געהאפט, אז אצונד וועט ער ערשט אנהויבען צו פיהרען וועלטען. זיין האפנונג איז אבער צושטערט געווארען: אין די עטליכע יאהר, וואס ער האט פערבראכט אין טירקיי, איז די לאגע פון די שבתי צבי'ניקעס אין איירא פא שטארק שלעכט געווארען. די צרה, וואס חיים מלאך אונ יהודה חסיד האבען אנגעמאכט, האט פארט געמוזט אפנען די אויגען דעם פאלק אונ מען האט אנגעהויבען רודף'ן גאר אהן רחמנות אללע, וואס האבען נאר געהאט א שטיקעל שייכות מיט די תלמידים פון שבתי צבי. מען האט ניט געלעגט קיין כבוד אפילו אויף אזא גרויסען מענשען ווי ר' יהונתן אייבעשיץ, אונ אזוי ווי מען האט אויף איהם שטילערהייד גערעדט, אז ער איז נוטה צוא שבתי צבי, אונ קיין גרויסען ליגען האט מען טאקי ניט אויסגעטראכט, האט מען איהם אויך געוואלט מחרים זיין אונ ער איז ניצל געווארען פון דער סכנה נאר דערמיט, וואס ער אליין האט דער ערשטער אונטערגעשריבען דעם חרם געגען אללע שבתי צבי'ניקעס, אונ אזוי האט ער א ביסעל אבגעוואשען דעם פלעק פון זיך. אין אזא צייט איז חיון צוריקגעקומען קיין איירא פא, קיין געלד האט ער שוין אויך ניט געהאט, דארט וואו מען האט איהם פריהר מקרב געוועהן האט מען זיך איצט פון איהם ניט ווייסענדיג געמאכט, ווייל מען האט מורא געהאט עפיס האבען צו טהון מיט א שבתי צבי'ניק, אונ ער האט זיך אנגעהויבען מעהר צולאזען צו קריסטען אונ זיי ערקלעהרען, אז צווישען זיין למוד אונ דעם קריסטענטהום איז גאר קיין חלוק ניטא. דערמיט האט ער זיך געפריווט טאמער וועט ער ביי די קריסטען נושא חן זיין אונ זיי וועלען איהם העלפען, אונ אז עס איז איהם אויסגעקומען נאר ענג האט ער אויך ניט געזשאלעוועט צו ליעב טהון די שונאי ישראל אונ אויסטראכטען אויף די יודען עטליכע שקרים. איבערהויפט האט איהם דער

מאנגעל נאר דערשלאגען דעם קאפ. אין בערלין איז ער ארומגעגאנגען אהן א שטיקעל ברויט און האט אנגעשריבען צו איינעם פון זיינע געוועזענע בעקאנטע, וואס האבען זיך פון איהם אבגעזאגט, אז ווי באלד ער וועט איהם ניט שיקען א פאר גראשען צו שטילען דעם הונגער וועט ער זיך מוזען טויטען און עס וועט זיין א גרויסע שאנד פאר'ן כלל ישראל. אין פראג האט מען איהם אפילו אין שטאדט ניט אריינגעלאזט און דער רב ר' יהונתן אייבעשיץ פלעגט איהם בסתר אללע טאג ארויסשיקען לעבענסמיטעל. מיט גרויסע צרות האט זיך חיון דער־שלעפט קיין אמשטרדם, נאר דארט האט ער שוין אויך ניט געפונען די בעשיצער וואס פריהר. אללע יודען, אשכנזים און ספרדים, זענען גלייך אויפגעבראכט געוועהן געגען די שבתי צבי'ניקעס; מען איז געוואהר געווארען אז חיון איז טאקי איינער פון דער חברה, און אז ער שפיעלט א צווייאיגע ראלע, אי ביי יודען, אי ביי קריסטען. אודאי האט איהם ניט געהאלפען וואס ער האט דארט ארויסגעלאזט א נייע ספר „הקולות יחדלון“ (די געשרייען זאלען אויפהערען!). ער אליין איז שוין אויך מיעד געווארען אויף דער עלטער זיך אזוי מוטשען, און אז מען האט איהם נאך אמאל אריינגעלעגט אין חרם, האט ער פערשטאנען אז אין איירפא און אזיען קאן מען איהם צו נוט, און ער איז אוועקגעפאהרען קיין אפריקא, וואו ער איז אים יאהר 1726 געשטארבען אין גרויס ארעמקייט. זיין זוהן איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום און האט זיך פאר'ן פאטער נוקם געוועהן אין די יודען; ער האט געוואהנט אין רום און האט ניט איין מאל פאר'ן פאפסט אנגערעהט שלעכטס אויפ'ן יודישען פאלק און זייער אמונה.

דאס פערדרעהטקייט פון די מקובלים און דער שווינדעל פון די שבתי צבי'ניקעס האבען אנגעמאכט אזא פינסטערניס אין יודישען לעבען, אז פון איין זייט האבען זיך אפילו נאר עדלע טוחות, וואס זענען בעשאפען געווארען צו ריינע געדאנקען, געהאפט צו די פינסטערע סודות פון קבלה און האבען זייערע בעסטע יאהרען פערבראכט אויף אזעלכע זאכען, וועלכע האבען דעם פאלק נאר געקאנט שאדען, און פון דער אנדערער זייט האבען אויך די רבנים, וואס אויף זיי איז געלעגען דער היילינער חוב אבצוהיטען דאס יודענטהום, אין גאנצען פערלארען די קאפ. זיי האבען שוין ניט געוואלט מאכען קיין חלוק צווישען גראסטע און קליינסטע, און קוים האבען זיי בעמערקט אז איינער קריכט ארויס פון דעם גלייכען וועג און הויבט אן בלאנזען אין די פערדרייטע וועגען פון קבלה, האבען זיי זיך באלד ענטשלאסען איהם עוקר מן השרש צו זיין. ניט איינער האט דעמאלט געליטען נאר צו ליעב דעם, וואס אויף איהם

איז געפאלען א חשד, אז ער קאן זיך ארויפהאפען אויפ'ן דרך פונ'ם שבתי צבי, אונ דעם ביטערן כוס איז אויך בעשערט געווען אויסצוטרינקען איינעם פון די גרעסטע יודישע דיכטער, ר' משה חיים לוצאטו, וואס האט געמוזט נע ונד זיין אונ אנידערלעגען זיינע ביינער גאנץ ווייט פון דעם שאנעם לויטערן הימעל פון איטאליען, וואו ער איז אויפגעוואקסען אונ וואו ער האט פון קינדהייט אן געזונגען זיינע טהייערע שירים. ר' משה חיים לוצאטו איז געבארען געווארען אים יאהר 1770 אין פאדוא ביי רייכע עלטערען סוחרים, וועלכע האבען איהם געגעבען א גוטע ערציהונג אונ האבען עס אויך געקאנט אויספיהרען אין פאדוא, וואו עס איז געוועהן א אוניווערזיטאט אונ עס האבען זיך געפונען גרויסע געלעהרטע. תורה האט ער געלערנט ביי צוויי מלמדים, ביים בעריהמטען למדן ר' ישעיה באסאן, דער מחבר פונ'ם ספר „לחמי תודה", וואס איז אויך געוועהן א מקובל אונ וואס ביי איהם האט נאך לוצאטו, נאר אין די קינדערשע יאהרען שוין געגאשט עפיס פון דעם למוד, אדער וועניגסטענס בעקומען א חשק בעקענט צו ווערען מיט דער קבלה; אונ ביים רב פון פאדוא ר' יצחק חיים הכהן קאנטאריני, וואס איז אויך געוועהן א דאקטאר אונ א גרויסער שפראכען־קענער אונ איז געוועהן בעפריינדעט מיט געלעהרטע קריסטען אונ בעזאנדערס מיט כריסטיאן טהעאפיל אונגער, וועלכער פלעגט איהם שרייבען בריעף. ר' יצחק חיים הכהן קאנטאריני האט ביי זיין תלמוד לוצאטו אויסגעארבייט א ליעבשאפט צו חכמה אונ אז ער האט זיך אויסגעלערנט לאטיינישׁ, גריכיש, איטאליעניש אונ פראנצאזיש אונ איז אים שטאנד געוועהן צו פערשטעהען די ספרים, וועלכע זענען אנגעשריבען אויף די דאזיגע לשונות, איז ביי איהם דאס ליעבשאפט נאך גרעסער געווארען, ער האט יומם ולילה געלערנט אונ ביי פינפצעהן יאהר איז ער שוין געוועהן א מושלם. שרייבען האט ער אנגעהויבען זעהר פריה אונ אויפ'ן זעכצעהנטען יאהר האט ער אנגעשריבען אויף לשון קדש א קלאג־ליעד אויפ'ן טויט פון זיין רבי'ן ר' יצחק חיים הכהן קאנטאריני. שפעטער מיט א יאהר האט ער אנגעשריבען א ספר „לשון למודים", פאר אזעלכע וואס ווילען לערנען די ריינע העברעאישע שפראכע אונ פערשטעהען איהר אמתע שאנקייט, אונ נאך עהדער ער האט דערגרייכט דאס צוואנציגסטע יאהר איז שוין פון זיין פעדער ארויס אנייער תהלים, וואס איז אויך בעשטאנען פון הונדערט פינפציג קאפיטלעך, אונ צוויי טהעאטער־שטיק „מגדל עז" (א פעסטער טהורם) אונ „שמשון והפלשתים". האטש לוצאטו איז נאך געוועהן זעהר יונג,

האבען איהם זיינע ספרים געמאכט זעהר א גרויסען נאמען, דערצו האט ער נאך געשם׳ט פאר א בעריהמטען למדן, און ביסלעכווייז האבען זיך אנגעהויבען צו איהם, פון ווייט און פון נאהענט, קומען יונגע לייט, וואס האבען ביי איהם געלערנט און געמאכט פון זיין הויז א גאנצע ישיבה. פלוצלונג איז אבער אויפ׳ן צוואנציגסטען יאהר געווארען א שטארקע פעראנדערונג אין זיין לעבען. די ווינקען, וואס ער האט אין דער קינדהייט געכאפט פון זיין רבי׳ן ישעיה באסאן, זענען אזוי ווי פונקען געבליבען ביי איהם אין הארץ און האבען געבליעט ביז ער איז שפעטער ניט געקומען קיין ווענעדיג, וואו עס האבען געלעבט א סך תלמידים פון׳ם בעריהמטען מקובל ר׳ משה זכותא, און וואו ער האט זיך ענטשלאסען אללע זיינע כוחות אוועקצוגעבען נאר דער קבלה. ער האט בעקומען אלטע כתבים פון׳ם ר״י און האט זיך אזוי לאנג פערטיפט אין זיי ביז זיין שארפע צורייצטע פאנטאזיע האט ניט אנגעהויבען צו שאפען בילדער, און ער האט זיך איינגערעדט, אז ער זעהט וואס עס טהוט זיך אין זיבעטען הימעל און הארט ווי מלאכים סוד׳ן זיך און זענען איהם מגלה די פערבארגענע דרכים פון דעם בורא עולם. קיין שווינדלער איז ר׳ משה חיים לוצאטו ניט געוועהן, צו קיין פרנסה האט ער עס ניט בעדארפט, כבוד האט ער פון אללע זייטען געהאט אהן דעם אויך, און אז ער האט געקאנט אוועקווארפען די היילינע שפראכע, וואס ער האט ערשט ניט לאנג געפריוט מיט איהר הילף נאכצומאכען דעם היילינען תהלים און זיך נעהמען צו א פערדרעהט זהר־לשון, האט ער עס געטהון דערפאר, ווייל ער האט פעסט געגלויבט אז זיין נייער וועג איז דער ריכטיגסטער און וועט איהם פיהרען צום אמת׳ן גליק. ער האט אנגעשריבען א פירוש אויף תורה און האט איהם א נאמען געגעבען „זהר תנינא״ (דער צווייטער זהר). די ערשטע צייט אבער האט ער מיט קיינעם ניט גערעדט דערפון און פלעגט נאר אפט זיינע תלמידים אריינווארפען אזעלכע ווארטער, פון וועלכע זיי האבען געקאנט פערשטעהן מיט וואס פאר א געדאנקען זייער יונגער רבי טראגט זיך ארום. א מענשען איז פון דעסטוועגען שווער שטאנדיג זיך צו בעהאלטען, בעזאנדערס ווען ער אלליין איז איינגעגלויבט, אז גאטט האט איהם מזכה געוועהן מיט אזא חכמה, וואס קאן אללען גליקליך מאכען. ר׳ משה חיים לוצאטו האט זיך אויך ניט געקאנט איינהאלטען און האט בסוד איבערגעגעבען זיינע צוויי חברים, ר׳ יצחק מרינו און ר׳ ישראל טריוויש, אז ער פיהלט ווי דער רוח הקדש איז אין איהם אריין, אז גאנץ אפט זעהט ער פאר זיך חלומות האטש ער איז וואך און, אז מיט דעם בעהאלטענעם כח,

וואס ליעגט אצונד אין איהם, האט ער אנגעשריבען זיין ספר „זהר תנינא״.
די ביידע יונגע לייט זענען דערציטערט געווארען אז זיי האבען דערהערט ווי זייער נוטער פריינד האט דערגרייכט אזא גרויסע מדרגה; זיי האבען גוט דורכ־געשטודירט לוצאטו׳ס „צווייטען זהר״ אונ האבען אין איהם געפונען זעהר פיעל חריפות. אונ פון דעמאלט אן האבען זיי צוזאמען מיט לוצאטו געלערנט קבלה.
צוויי יאהר איז די זאך אזוי צוגעגאנגען שטיל, נאר אמאל האט זיך געמאכט וואס לוצאטו איז גראד אויף עטליכע וואכען אוועקגעפאהרען קיין רעדזשיא זיך זעהען מיט׳ן אלטען רבי׳ן ר׳ ישעיה באסאן. אונ פונקט אין דער צייט איז געקומען קיין פאדוא דער בעריהמטער מקובל ר׳ ישראל קמחי פון ארץ ישראל דער מחבר פונ׳ם ספר „עבודת ישראל״. איינגעשטאנען איז ער ביי לוצאטו׳ס עלטערן אונ, אז ער האט זיך מיט זיינע חברים צורעדט וועגען קבלה, האבען זיי איהם דערצעהלט וואס פאר א צירונג ר׳ משה חיים איז אונ האבען איהם געוויזען דעם „זהר תנינא״. דעמאלט איז ארויס דער גאנצער סוד, אונ אז ר׳ ישראל קמחי איז געקומען קיין ווענעדיג האט ער צווישען די מקובלים אנגעמאכט ארעש, אז אין פאדוא געפינט זיך א געטטליכער מענש, אונ נאר אין א קורצער צייט האט זיך לוצאטו געזעהען ארומגערינגעלט מיט נעטריירע תלמידים, וואס זענען אימיסטען געפאהרען פון פערשיעדענע שטאדט לערנען ביי איהם קבלה אונ האבען זייער רבי׳ן פשוט ארומגעטראגען אויף די האנד ווי א איש אלהים.

איינער פון די דאזיגע תלמידים איז געוועהן ר׳ יקותיאל בן ליב, אונ טאקי דערפאר וואס ער האט אזוי פערגאטטערט לוצאטו האט ער איהם אומ־נערן געטהון די גרעסטע רעה אונ פון איהם האבען זיך אנגעהויבען אללע צרות. ר׳ יקותיאל בן ליב איז אליין געוועהן א געבארענער פון ווילנא, מיט גרויס מיה האט ער זיך צוגעשלאגען קיין פאדוא אונ האט דארט אין דער אוני־ווערזיטאט אנגעהויבען שטודירען מעדיצין, באלד האט ער אבער דאס לערנען אוועקגעווארפען אונ האט זיך אלאנגע צייט אבגעגעבען מיט קבלה, אונ ערשט אויף דער עלטער איז איהם געראטהען צו ווערען א דאקטאר אונ צוריק־פאהרען קיין ווילנא. דערפון וואס ר׳ יקותיאל בן ליב האט זיך אבגעזאגט פון לערנען מעדיצין, נאך דעם וואס ער האט זיך אזוי פיעל אנגעליטען, ביז ער איז אריין אין דער פאדוא׳ר אוניווערזיטאט, זעהט מען ווי גרויס דער כח פון לוצאטו איז געוועהן אונ ווי בלינד אללע האבען איהם געפאלגט. אט דער דאזיגער ר׳ יקותיאל בן ליב האט זיך נאר פערגעסען, אז די רבנים קוקען קרום

אויף די מקובלים און אזוי ווי ער האט געוואלט, אז די גאנצע וועלט זאל קלינגען מיט לוצאטו׳ האט ער אנגעשריבען צוויי בריעף צום ווילנא׳ר רב ר׳ יהושע העשיל און צו ר׳ מרדכי שלעזינגער, א גרויסער גביר פון וויען, וואס האט זיך גערעכענט פאר א ליעבהאבער פון קבלה, און האט זיי אין די שאנסטע פארבען אויסגעמאלט וואס פאר א טהייערע כלי לוצאטו׳ איז, ווי ער האט שוין ביי פיערצען יאהר געקאנט דעם ר״י׳ס כתבים, ווי אליהו הנביא מיט נאך א סך הייליגע נשמות קומען צו איהם און לערנען מיט איהם תורה און ווי אזוי ער ניט דערנאך איבער זיינע תלמידים אזעלכע סודות, וואס ברעכען דעם מח. צוא זיין בריעף צום ווילנאר רב האט ר׳ יקותיאל בן ליב צוגעלעגט א בלאט פון לוצאטו׳ס „זהר תנינא“ און האט פון דעסטוועגען אזוי פיעל שכל געהאט, אז ער האט ניט פערגעסען צוצושרייבען מען זאל ניט מיינען אז לוצאטו׳ איז חלילה איינער פון די שבתי צביניקעס, ער האט אדרבא ארויסגעוויזען אז לוצאטו׳ איז א געגנער פונ׳ם שבתי צבי, אז ער האט אליין אנגעשריבען א ספר „קנאת ה׳“, און פאלט אן אויף די פאלשע מקובלים, וואס ווילען נאר פון זייער הנאה וועגען פערפיהרען דאס פאלק מיט נארישקייטען.

אז דער סוד וועגען לוצאטו׳ס הייליגקייט האט שוין אנגעשפארט אין וויען און ווילנא, איז שוין פון איהם געוואהר געווארען ר׳ משה חגיז, וואס האט דעמאלט געוואהנט אין אלטונא; איהם איז נאך געלעגען אין טעם די מלחמה, וואס ער האט ערשט ניט לאנג געפיהרט מיט נחמיה חייא חיון, יעדען מקובל האט ער גערעכענט פאר א שבתי צבי׳ניק, און אז ער האט נאך דערהערט וואס פאר א נסים מען דערצעהלט שוין פון דער יונגען לוצאטו׳ איז ביי איהם געבליבען, אז אט-אט וועט ארויס א נייער משיח און אז מען מוז וועהען מיט אללע כוחות איהם דערשטיקען נאך עהדער ער וועט קאנען צושפרייטען די פליגעל. ער האט באלד אוועקגעשיקט א בריעף צו די רבנים פון ווענעדיג און האט זיי בעשריבען וואס פאר א גרויס אומגליק עס קאן דערפון ארויסקומען פאר׳ן כלל ישראל, ווי באלד מען וועט זיך בעצייטענס ניט אומקוקען און ניט אויסרייסען דאס קליינע בוימעלע ווען עס איז נאך ניט אזוי פעסט איינגעווארצעלט. די רבנים פון ווענעדיג האבען ניט געוואוסט וואס צו טהון: פון איין זייט האבען זיי געוואלט צו ליעב טהון אזא גרויסען למדן ווי ר׳ משה חגיז, פון דער אנדערער זייט אבער איז ביי זיי ר׳ משה חיים לוצאטו׳ אויך געוועזען א גרויסער חשוב, און א חוץ דעם האבען זיי מורא געהאט אנצוהייבען מיט

זיין רייכער משפחה. דערפאר האבען זיי זיך מישב געוועהן אז עס איז גלייכער פאר זיי דערווייל צו שווייגען, אונ זיי האבען נאך איבערגעשיקט לוצאטו׳ן דעם בריעף פון ר׳ משה חגיז, כדי ער זאל זיך אליין פעראנטווערטן. ווי גרויס ר׳ משה חיים לוצאטו׳ס ענוות איז ניט געוועהן, האט איהם שטארק פערדראסען וואס מען איז איהם חושד אין אזא עולה, וואס ער אליין האט גענוג געארבייט געגען איהר, אונ וואס מען וויל זיך איבערהויפט אריינמישען אין זיינע געדאנקען אונ איהם זאגען א דעה. מיט כעס האט ער צוריקגעשריבען די רבנים פון ווענעדיג, אז ער קאן ר׳ משה חגיז ניט אננעהמען פאר קיין דיין איבער זיך אונ האלט עס פאר א שטארקען פחיתת הכבוד זיך פאר איהם פאראנטווערטן, בעזאנדערס ווען ער פיהלט זיך ניט שולדיג אין קיין שום חטא, ווייל דענקען, שרייבען אונ לערנען תורה איז ניט קיין עבירה, אונ דאס איינענע האבען געטהון די גרעסטע צדיקים אין אללע צייטען וואס יודען געדענקען זיך פאר א פאלק. אין דער אייגענער תשובה האט לוצאטו איבערגעבעטען די רבנים דערפאר וואס ער ערלויבט זיך, האטש ער איז נאך א יונגער מאנן, ניט צו פאלגען עלטערע מענשען, נאר ער האט בפירוש זיי ארויסגעזאגט, אז ער האט צו טהון מיט די העכערע וועלטען אונ האטש פאר קיין נביא רעכענט ער זיך אליין ניט, ווייל נביאות קאן נאר זיין אויף דער הייליגער ערד אין ארץ ישראל, פון דעסטוועגען קאן ער ניט אבלייגנען, אז אין איהם ליעגט א רוח הקדש אונ אז ער זעהט אונ פיהלט אזעלכע איבערנאטירליכע זאכען וואס קיין געוועהנליכער מענש קאן זיי נאר מיט זיין שכל ניט משיג זיין. אזוי האט לוצאטו געאנטווערט די רבנים אונ האט זיך בערוהט; נאר דערנאך האט ער זיך בערעכענט, אז ער האט אפשר ניט גלייך געטהון וואס ער האט זיך ניט געוואלט אומקוקען אויף ר׳ משה חגיז׳ס בריעף, ער האט פערשטאנען אז אזא צורייצטע נאטור קאן גלאט אזוי אנמאכען א רעש אונ עס זאל זיך דערפון אנהויבען א גאנצער טומעל, אונ דאריבער האט ער איהם פארט, אין א חדש ארום, אנגעשריבען זעהר א ווייכען בריעף אונ האט איהם פערשטעהען געגעבען, אז האטש זיין תלמיד ר׳ יקותיאל בן ליב האט קיין ליגען ניט געזאגט, אונ גאטט האט איהם באמת מזכה געוועהן מיט א הייליגען פערבארגענעם כח, פון דעסטוועגען האט ער ניט קיין שום שייכות צו שבתי צבי׳ס חברה אונ עס ליעגט איהם אפילו אין דער מחשבה ניט זיך אמאל אויסצוגעבען פאר משיח. פאר עדות האט ער געשטעלט זיין אלטען רבי ר׳ ישעיה באסאן אונ ר׳ ישעיה׳ס שווער, דער רב פון רעדזשיא, וועלכע קאנען איהם פון קינדהייט אן אונ וויסען גוט אללע זיינע

געדאנקען. פונקט אזא בריעף האט ער אויך געשיקט דעם רב הכולל פון די אשכנזים אין דריי שטאדט, אלטונא, האמבורג און וואנדסבעק ר' יהודה קאצענעלענבאגען, און האט איהם אויך ביינעלעגט זיין ספר „חוקר ומקובל", כדי ער זאל זעהען ווי זיין דרך איז אין קבלה. ביידע בריעף האט לוצאטו אויסגעלאזט מיט דער בקשה: מען זאל אויסמיידען קריעג, ווייל מחלוקת שאדט דעם פאלק און צו נוטצען פיהרט עס קיינעם ניט. לוצאטו'ס ווארטער האבען ווייך געמאכט ר' משה חגיז און ער האט איהם באלד גע- אנטפערט, אז ער מיט אללע רבנים גלויבען איהם, חאטש עס איז איהם זעהר אונאנגענעהם וואס לוצאטו בעריהמט זיך אז ער האט רוח הקדש. דערביי האט ער איהם געמאכט א פארווארף, וואס ביי דריי און צוואנציג יאהר האט ער נאך ניט חתונה געהאט און האט ארויסגעזאגט זיין האפנונג, אז ער וועט נעווים אוועקווארפען די קבלה און זיך נעהמען אויפ'ן דרך הישר און דעמאלט וועט אודאי קיינער צו איהם נאר ניט האבען און עס וועט ווערען שטיל. אזא עצה האט מן הסתם ניט געקאנט געפאלען לוצאטו'ן: ער האט זיך ווייטער געטהון זיינס און פאדוא איז געווארען א פלאץ פאר אללע וואס האבען גע- וואלט לערנען קבלה. אז ר' משה חגיז איז דערפון געוואהר געווארען האט עס איהם אונטערגעצונדען און ער האט באלד אוועקגעשיקט א בריעף צו די רבנים פון ווענעדיג און האט זיך געקלאגט פאר וואס זיי שטעהען פון ווייטענס, ווען אויף אללע יודען רוקט זיך אן א נייע צרה. די רבנים האבען איהם אפילו באלד געאנטפערט אז זיי האבען איין מאל פאר אללע מאל זיך ענטשלאסען, זיי וואלען זיך ניט אריינמישען אין דער זאך, נאר ר' משה חגיז האט ניט גע- שוויגען און האט מיט בריעף אויפגערייצט אנדערע לומדים פון ווענעדיג און מען האט שוין אנגעהויבען שטארק שמיעסען, אז לוצאטו איז טאקי א געפאהר- ליכער מענש און אז דאס יודישקייט קאן דורך איהם ליידען. די רבנים האבען פערשטאנען אז לוצאטו קאן שטארק ליידען, האבען זיי צו וויסען געגעבען זיין רבי'ן ר' ישעיה באסאן ער זאל זיין תלמיד מציל זיין פאר א סכנה. ר' ישעיה באסאן האט אבער ניט געהאט קיין אנדער מיטעל צו בעשיצען לוצאטו נאר דערמיט וואס ער האט געשיקט א בריעף צו די רבנים פון ווענעדיג און האט בעשריבען אז לוצאטו איז אויף זיינע האנד אויפגעוואקסען, אז ער איז שטאנדיג געוועהן גוט און פרום, נאר אזוי ווי ער האט זיך פון קינדהייט אן געוויזען פאר א גרויסען עלוי האט ער זיך צו פריה געחאפט צו דער קבלה

און האט זיך בעזאנדערס בעשעפטיגט מיט׳ן ר״ים ספרים; דאריבער איז קיין וואונדער ניט וואס ער פיהלט אין זיך דעם אייגענעם רוח הקדש מיט וועלכען דער אויבערשטער האט שוין ניט איין מאל בעגליקט זיינע חשובים, ווי אשטייגער ר׳ יוסף קארו, ר׳ עזריה פנו, ר׳ נתן שפירא, ר׳ משה זכותא און נאך אנדערע מקובלים. אין זיין בריעף האָ- אויך ר׳ ישעיה באסאן עדות געזאגט, אז ער האט אליין איבערגעזעהען לוצאטו׳ס ספרים און האט אין זיי ניט געפונען אפילו קיין פינטעלע פון שבתי צבי׳ס דרכים, און יעדען פאלס האט ער געבעטען, מען זאל לוצאטו׳ן ניט נוגע בכבוד זיין, ווייל אין ניכע ציישען דארף ער זיין ביי איהם וועט ער מיט איהם איבערעדען און זעהען אוועג ווי אזוי אויסצוגלייכען ביידע צדדים און עס זאל אויך זיין גע־ליעבטען תלמיד קיין פלעק ניט פאלען. אומזיסט האט אבער ר׳ ישעיה באסאן זיך געפרואווט צו לעשען דאס פייער, ר׳ משה חגיז האט געהאלטען אין איין שרייען, און אז ער האט מיט די רבנים פון ווענעדיג גאר ניט געקאנט מאכען, האט ער זיך געווארפען צו אנדערע רבנים, צו ר׳ יוסף אירגאס פון ליווארנא, צו ר׳ שמשון מארפורגא פון אנקונא און צו ר׳ אברהם סגרי פון קאזאל און האט זיי פארגעלעגט, אז זיי זאלען איטיסטען ארויפפאהרען קיין פאדוא און אזוי ווי זיי אללע צוזאמען וועגען א בית דין, זאלען זיי נייטהען לוצאטו, אז ער זאל זיך אדער אבזאגען פון זיין דרך, אדער אוועקפאהרען קיין ארץ ישראל. אז ער האט דאס אויך ניט געפועלט, האט ר׳ משה חגיז אנ־געהויבען ארבייטען מיט די דייטשע רבנים און האט געהאפט, אז דארט וועט איהם געראטהען מען זאל מחרים זיין לוצאטו, ווייל צווישען זיי האבען זיך געפונען פיעל געגנער פון די מקובלים. די דייטשע רבנים האבען אבער אויך געהאנדעלט מיט ישוב הדעת: פון לוצאטו׳ן האבען זיי שוין געהערט און האבען מורא געהאט אזא למדן אריינצולעגען אין חרם, דערפאר איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען סתם ארויסגעבען א חרם געגען אללע וואס וועלען שרייבען קבלה ספרים אויפ׳ן ארט פונ׳ם זהר. ר׳ משה חגיז האט דאס אויך אנגענומען פאר ליעב, ווייל ער האט געוואוסט, אז סאי ווי סאי קאן דער חרם גילטען געגען לוצאטו׳ן. און מיט גרויס שמחה האט ער מודיע געווען קיין ווענעדיג, אז גאנץ האט איהם פארט געהאלפען צו דערלעבען א נקמה אין לוצאטו און אז ער וועט זיך ניט בערוהיגען ביז ער וועט פון איהם מאכען א תל.

אין ווענעדיג האט לוצאטו געהאט געגוג גוטע פריינד און קוים זענען זיי געוואהר געווארען וואס פאר א צרה ר׳ משה חגיז גרייט צו פאר איהם,

האבען זיי באלד צו וויסען געגעבען קיין רעדזשיא ר׳ ישעיה באסאן, ער זאל די זאך ניט האלטען פאר גרינג אונ זאל זעהען ווי וויט מאגליך אויסצוגלייכען לוצאטו׳ן מיט זיינע שונאים. עס זאל ניט קומען צו קיין גרויס אומגליק. מיט ציטערניש איז ר׳ ישעיה באסאן תיכף אוועקגעלאפען קיין פאדוא אונ האט אנגעהויבען בעטען זיין תלמיד ער זאל ניט זיין קיין עקשן. ווי איבערגעגעבען ר׳ ישעיה באסאן איז געוועהן דער קבלה אונ האט אין הארצען ביי זיך געהאסט די אלע וואס פאלען אן אויף אזא אומשולדיגען מענשען אונ א אמת׳ן ירא שמים ווי לוצאטו, האט איבער אלע זיינע מחשבות גובר געוועהן איין געפיהל פון רחמנות צו זיין עדלען תלמיד אונ ער האט ניט געוואלט ער זאל געביך אזוי ליידען ווי אנדערע. וועלכע עס האט געטראפען די ניפטיגע פייל פונ׳ם חרם. מיט שווארצע פארבען האט ער אויסגעמאלט לוצאטו׳ן וואס פאר א שווערע יסורים איהם ערווארטען, ווען מען וועט איהם הלילה מחרים זיין, אונ האט איהם פשוט געזאגט, אז ער וועט ניט אבטרעטען ביז דא וועט ניט ווערען א סוף. ער האט געפאדערט פון איהם ער זאל אונטערשרייבען א בריעף אונ שווארן, אז מעהר וועט ער זיך ניט בעשעפטיגען מיט קבלה, מיט קיינעם ניט לערנען אונ קיינעם ניט ווייזען זיינע כתבים אונ ניט דערצאהלען די פערבארגענע סודות, וועלכע מען איז איהם מגלה פון אויבען. א שרעקליכע מלחמה האט זיך אנגעהויבען ביי לוצאטון אין הארץ: עפיס ווי א בושה האט איהם אבגעהאלטען ער זאל זיך ניט אונטערגעבען אונ קיינעם ניט צו ליעב טהון, נאר אז ער האט דערזעהען די טרערען פונ׳ם אלטען רבי׳ן, אז ער האט איבערגעוואגען אונ איבערגעקלאהרט ווי גרויס די ליעבשאפט איז צו איהם פונ׳ם בעהאלטענעם מקובל אז ער ענטשליעסט זיך אפילו איהם צוצורעדען צו אזא זאך, וואס איז איהם אליין דערווידער. אז ער האט זיך דערמאנט וואס עס האט זיך אויסגעליטען אוריאל אקוסטא אונ ברוך שפינוזא ביז דער טויט האט זיי בעפרייהט פון די רבנים׳ס כעס. איז ער ביי זיך אראבגעפאלען אונ האט אונטערגעשריבען אזא בריעף ווי מען האט פערלאנגט, אונ דארט איז אויך געשטאנען אז אלע זיינע ספרים, וועלכע ער האט ביז אהער אנגעשריבען, מוז ער איבערגעבען ר׳ ישעיה באסאן אונ ביי איהם זאלען זיי בלייבען. די רבנים פון ווענעדיג האבען אבער מורא געהאט זיך צו פערלאזען נאר אויף ר׳ ישעיה באסאן אליין, ווייל זיי האבען איהם געקאנט אז ער איז א ווייכהארציגער, אונ דאריבער האבען זיי ארויסגעשיקט קיין פאדוא דריי דיינים, ר׳ יעקב ב׳יוס ־ משה מנחם סררי אונ ר׳ נחמיה כהן; פאר זיי אין די

אויגען האט לוצאטו אלדינג אונטערגעשריבען אונ זיי אליין האבען ביי איהם צוגענומען אללע זיינע כתבים אונ פערשלאסען אין א קאסטעל מיט צוויי שלאסער. איין שליסעל האבען זיי אבגעגעבען ר' ישעיה באסאן אונ דעם אנדערן האבען זיי מיט גענומען מיט זיך אונ דערמיט האבען זיי בעווארענט מען זאל ביי ר' ישעיה באסאן ניט קאנען אויסנארען די כתבים; איבער זיין נוטסקייט האבען זיי איהם געהאלטען פאר א שוואכען שומר.

די ערשטע צייט נאך דעם איז געווארען שטיל אונ מען האט געקאנט מיינען, אז לוצאטו האט זיך שוין אויף עביג געזעגענט מיט זיינע יוגענד־חלומות אונ האט אויף תמיד אוועקגעווארפען אללע זאכען, וועלכע זענען ביי איהם ערשט ניט לאנג געוועהן אזוי טהייער אונ היילינ. אויפ'ן פינף אונ צוואנציגסטען יאהר האט לוצאטו חתונה געהאט מיט דער טאכטער פונ'ם מאנטואר רב ר' דוד פינטשי, באלד איז ער געווארען א פאמיליען־פאטער, ער האט אנגעהויבען אין זין צו האבען פרנסה אונ עס איז געגאנגען גאנץ גוט, ווייל ער האט געמאכט שותפות מיט די עלטערן אונ אנדערע קרובים, אונ זיי זענען געוועהן געניטהע סוחרים. ער האט ווייטער זיך גענומען שרייבען שאנע שירים אויף לשון קודש אונ די קבלה ספרים האט ער אין גאנצען אוועקגעלעגט. אז מען האט פון דערווייטענס בעטראכט זיין גליקליך לעבען, האט מען גאר אנדערש ניט געקאנט רעכנען. אז דער מענש האט לחלוטין אבגעווישט אללע חשבונות פון א מאל אונ אז איהם ליעגען נאר אין קאפ געשעפטען אונ מסחרים; קיינער האט אבער ניט בעמערקט וואס פאר א פייער עס ברענט ביי איהם אינוועניג, אז זיינע געדאנקען זענען פריי פון די קעטען וואס ער האט ארויפגעלעגט אויף די האנד, אז ער ליידט שרעקליך אונ קאן ניט אויסהאלטען, אונ אז סוף כל סוף וועט ער זיך מוזען מיט געוואלד ארויסרייסען פון דער תפיסה, וואס ער האט זיך אין איהר אליין פערשלאסען. אזוי איז טאקי געשעהען, אונ קוים האט לוצאטו אנגעוואהרען דאס געלד אונ האט אנגעהויבען פיהלען מאנגעל, האט ער געזעהען אז קיין אנדער טראסט ווי דער פרייהער געדאנק איז פאר איהם ניטא. ער האט זיך נאך א מאל גענומען צו דער קבלה אונ האט גאר קיין טורא ניט געהאט, מען זאל איהם רופען עובר שבועה, ווייל ברעכען א ווארט, וואס מען גיט עס ניט מיט'ן אייגענעם רצון, איז גיט קיין עבירה.

מען האט, מן הסתם, באלד אבגעטראגען אין די אויערן פון די רבנים, וואס פאר א איבערקערעניש עס איז ווייטער געווארען אין לוצאטו'ס לעבען.

צום אנהייב האבען זיי זיך ניט וויסענדיג געמאכט, נאר אז זיי זענען געוואהר געווארען, אז לוצאטו האט אנגעשריבען זיין „מאמר הוכוח" און פאלט שטארק אן אויף ר' יהודה ליאון די-מודינא פאר זיין ספר „ארי נוהם" האבען זיי שוין ניט געקאנט מעהר שווייגען. זיי האט ניט אזוי פיעל געהארט וואס לוצאטו נעהמט זיך אן פאר'ן „זהר" און שטעלט אזוי הויך די קבלה, ווי עס האט זיי פערדראסען וואס ער איז ארויסגעשפרונגען געגען א מענשען וואס איז געוועהן רב אין ווענעדיג, און וואס זיין רבי, ר' ישעיה באסאן, זיין שווער, ר' דוד פינטשי און נאך א רב פון מאנטוא, ר' עובדיה באזיליא, האבען איהם געגעבען זייערע הסכמות, און עס איז ביי די רבנים געבליבען מען זאל איהם דערפאר ניט שווייגען. אין ווענעדיג זענען דעמאלט געוועהן צוויי הויפּט-רבנים, ר' שמואל אבוהב און ר' יצחק פּציפיקו, און זיי האבען אימיסטען ארויסגעשיקט קיין פאדוא א בעזונדער משולח, ר' שלמה לעמבערגער, אפאלישען יודען, וואס האט בעדארפט נאכגעהען לוצאטו'ן טריט אין טריט און מעלדען ווי אזוי ער פיהרט זיך אויף. באלד האט דער משולח מודיע געוועהן קיין ווענעדיג, אז ר' ישעיה באסאן האט לוצאטו'ן אבגעגעבען צוריק אללע כתבים און אז אין קראקויא דרוקט מען איבער דעם „זהר" מיט א נייעם פירוש פון לוצאטו. ביי אזא ידיעה איז געווארען א רעש צווישען די רבנים און זיי האבען געמאכט איין אסיפה, כדי מען זאל בערעכנען ווי גרויס לוצאטו'ס זינד זענען און וואס מען דארף מיט איהם טהון. מען האט אנגעהויבען אויפצוזוכען אלטע חטאים, און איינער פון די דיינים, וואס איז געוועהן אין פאדוא, ווען מען האט בעדארפט ביי לוצאטו'ן נעהמען דעם בריעף, אז ער וועט תשובה טהון, ר' יעקב בלילוס, האט זיך דערמאנט אז לוצאטו האט זיך בערימט, אז ווען משיח וועט קומען וועט זיין תהלים אנגענומען ווערען ביי די יודען מעהר ווי דוד המלך'ס. אויסער דעם האט ער אויך דערצעהלט, אז ער האט ביי לוצאטו'ן אליין געזעהען א ספר מיט השבעות וואס מען קאן דורך דעם ארויסרופען שדים און רוחות. און אויך א שווארץ קאסמיעל, וואס דארט האט זיך געפונען א שפיגעלע, א שארף מעסער און א שווארץ וואקסען ליכטעל, וואס לוצאטו האט עס, נאך זיין מיינונג, בענוצט אויף כשוף צו טהון. עס האט זיך אפילו געפונען א מענש וואס האט געוואלט מלמד זכות זיין אויף לוצאטו און האט עדות געזאגט, אז לוצאטו האט דעמאלט באלד פעראנפערט און ערקלאהרט, אז דאס שפיגעלע מיט'ן מעסער האט ער אויף צו גאלען זיך,

אונ דאס ליכט איז גלאט אזוי שוואַרץ געוואָרען, ווייל עס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. די רבנים האָבען אָבער ניט געוואָלט אָננעהמען קיין שום תירוצים אונ האָבען געדרונגען אז דערמיט אַליין איז ער שוין אַ חוטא, וואָס ער קאָן לאַטייניש. די בעסטע ראיה האָבען זיי געבראַכט דערפון וואָס דער בעריהמטער מקובל ר׳ משה זכותא, וועלכער האָט אין דער יוגענד צוזאַמען מיט ברוך שפינוזא געלערנט לאַטיין, האָט געפאַסט פערציג טאָג כסדר אונ תפלה געטהון, אַז גאָט זאָל אויף איהם רחמנות האָבען אונ אַרויסשלאָגען פונ׳ם מח דאס פרעמדע לשון, כדי עס זאָל איהם ניט מפלבל זיין אונ ער זאָל קאָנען מיט אַ קלאָרען קאָפּ לערנען די הייליגע קבלה.

די רבנים האָבען ניט לאַנג געטראַכט אונ האָבען, אים יאָהר 1734, באַלד נאָך ימים נוראים, אַרויסגעשיקט קיין פּאַדואַ דריי דיינים זיי זאָלען דאָרט מאַכען אַ בית־דין אונ רופען לוצאַטו צום משפט. די דיינים האָבען געפאָדערט פון לוצאַטו, ער זאָל זיי אַרויסגעבען אַלע זיינע כתבים אונ זאָל צושווערען, אַז אָהן דעם רשות פון די רבנים זאָל ער גאָר ניט דרוקען. לוצאַטו האָט זיי אָבער ניט געוואָלט הערען אונ האָט זיי שטאָלץ געענטפערט, אַז זיי טאָרען איהם קיין דעה ניט זאָגען, אונ משפט׳ן קאָנען איהם נאָר די רבנים פון זיין שטאָדט, אָדער אַזעלכע נאָהענטע מענשען ווי זיין שווער, ר׳ דוד פינטשי, אָדער זיין רבי, ר׳ ישעיה באַסאַן. לוצאַטו האָט אַ טעות געהאַט: ער האָט געמיינט, אַז די רבנים פון פּאַדואַ וועלען זיך אָננעהמען פאַר איהם; עס קאָן זיין, אַז זיי וואָלטען עס געוויעהן געטהון, ווען ער וואָלט נאָך געווען דער אייגענער עושר וואָס פריהר, לוצאַטו איז שוין אָבער געוועהן אַ געמיינער מאַן, זיין שווער איז געלעגען אויפ׳ן טויטען בעט, אויף ר׳ ישעיה באַסאַן איז געפאַלען אַ חשד, אַז ער האָט לוצאַטו׳ן אָבגעגעבען צוריק זיינע כתבים אונ ער האָט שוין מורא געהאַט צו רעדען אַ וואָרט, אונ אַזוי איז ניט געוועהן קיינער ווער עס זאָל זיך אַרויסשטעלען. אַוודאי האָבען די רבנים פון ווענעדיג זיך געקאָנט טהון אונגעשטאָרט אונ, אַז די דיינים זענען צוריק געקומען פון פּאַדואַ מיט גאָר נישט, האָבען זיי באַלד אַרויסגעגעבען אַ חרם געגען לוצאַטו אונ זיינע ספרים, אונ דעם חרם האָט ר׳ משה חגיז צושיקט אין אַלע יודישע קהלות פון דייטש־לאַנד, האָללאַנד אונ פּוילין.

חאָטש לוצאַטו האָט גוט געוואוסט, אַז ניט היינט־מאָרגען וועט ער ליעגען אין חרם אונ דאס אומגליק וואָלט איהם ניט בעדאַרפט אַזוי איבעראַשען, פון דעסטוועגען האָט ער אין גאַנצען אָנגעוואָרען זיין קוראַזש. ווען אַלע

האבען זיך געסוזט פון איהם אװעקקעהרען און מען האט מורא געהאט צו שטעהען אין זיינע ד׳ אמות. נאר זיין רבי ר׳ ישעיה באסאן האט איהם ליעב געהאט ווי פריהר און איז איהם געקומען טרייסטען און נאך עטליכע גע־צאהלטע תלמידים האבען ניט געוואלט פון איהם אבטרעטען. לוצאטו האט אבער ארויסגעזעהען, אז אין פאדוא װעט איהם שװער זיין צו בלייבען, און ער האט זיך ענטשלאסען אװעקצוװארפען װייב און קינדער, זיך געזעגנען מיט אללע װאס זענען איהם ליעב געװעהן און זיך אװעקלאזען זוכען ערגיץ א נייע היים, װאו די קללות פון די רבנים זאלען ניט דערגרייכען. ער האט געװארפען איין אויג אויף אמשטרדם, װאס האט געשם׳ט פאר א פרייע שטאדט, װאו די מקובלים שפיעלען א גרויסע ראללע, דארט האט ער געהאפט צו געפינען נייע גוטע פריינד און תלמידים, און אהין, איז ביי איהם געבליבען, זאל ער זיך צושלאגען. אונטערװעגס איז איהם אבער בעשערט געװעהן צו ליידען א גרויסען בזיון און נאך אמאל דערפיהלען דעם כח פון די רבנים. ער האט זיך אבגעשטעלט אין פראנקפורט אם מאין, װייל ער האט געהאט פון זיין שװער א בריעף צום רב פון דארט, ר׳ יעקב הכהן בערלין, װעל־כער האט איהם לכתחלה פריינדליך אויפגענומען און דערנאך האט ער אויף איהם אנגערייצט אללע רבנים און דיינים פון דער שטאדט און מען האט איהם ניט געװאלט ארויסלאזען, ביז ער האט ניט געמוזט אונטערשרייבען א בריעף, אז ער װעט מיט קיינעם פון יונגע לייט ניט לערנען זהר און קבלה, ביז ער װעט אליין ניט אלט װערען פירציג יאהר און זיינע תלמידים װעלען אויך זיין עלטערע מענשען, און אויב ער װעט עובר זיין דארויף װעט איהם מאגען טרעפען דער חרם, װאו ער װעט זיך געפינען. דערביי האט מען דורכגעקוקט זיינע אללע פאפירען און מען האט ביי איהם צוגענומען זיין „מאמר הויכוח״ געגען ר׳ יהודה ליאון די־מודינא, און מען װייסט ניט עד היום װאו דער כתב־יד איז היגעקומען. אז ר׳ משה חגיז האט דערהערט, װי מען האט זיך מיט לוצאטו׳ן אבגערעכענט אין פראנקפורט אם מאין האט ער זיך פשוט מחיה געװעהן; דעמאלט האט ער שוין געהאט א שותף צו זיך־ר׳ יעקב עמדן, װאס האט זיך מיט׳ן גאנצען פייער פון דער יוגענד געװארפען אויף די מקובלים, און זיי ביידע האבען געלאזט זאגען לוצאטו׳ן, ער זאל ניט מיינען, אז ער װעט זיך אויסדרעהען פון זייערע האנד, און אז זיי װעלען קיין אויג פון איהם ניט אראבלאזען װאו ער װעט נאר זיין.

קוים מיט צרות האט זיך לוצאטו, א דערשלאגענער און א צובראכענער,

בֶּעזֶעצְט אִין אַמְשְׁטֶרְדַם אוּנ דָא אִיז אִיהם לִיכְטִינ גֶעוָוארֶען אִין דִי אוֹיגֶען, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן אִיהם אוּנ אוֹיךְ פוּן דִי צָרוֹת וָואס מֶען הָאט אִיהם אָנְגֶעטְהוּן, אוּנ דִי סְפַרְדִישֶׁע קְהִלָה הָאט אִיהם אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אוֹיסְצוּהֵיילֶען דִי ווּאוּנְדֶען, וֶועלְכֶע דִי דַייטְשֶׁע אוּנ אִיטַאלְיֶענִישֶׁע רַבָּנִים הָאבֶּען אִיהם גֶעמַאכְט. קוֹדֶם כָּל הָאט אִיהם דִי קְהִלָה בֶּעשְׁטִימְט אַ יֶאהְרְלִיךְ גֶעהַאלְט, עֶר זָאל קָאנֶען שֵׁאן לֶעבֶּען אוּנ צוּ קֵיינֶעם נִיט בֶּעדַארְפֶען אָנְקוּמֶען, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם הָאט אִיהם דֶער גְרֶעסְטֶער גְבִיר ר׳ משֶׁה דֶ־הַאוִויש, אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּנ הָאט אִיהם גֶעהַאלְטֶען וִוי אַ אֵיינֶען קִינְד אוּנ גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּהן. לוּצַאטוֹ הָאט זִיךְ אָבֶּער פוּן דִי אַללֶע זַאכֶען אָבְּגֶעזָאגְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט עֶרְנֶאהְרֶען דוּרְךְ אֵיינֶענֶע אַרְבַּייט אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ גְלָאז־שְׁלַייפֶען, צוּ דֶער־זֶעלְבֶּער מְלָאכָה, וָואס הָאט מְפַרְנֵס גֶעוֶועהן בָּרוּךְ שְׁפִּינוֹזַא. דִי הַצְלָחָה הָאט אִיהם צוּ גֶעשְׁפִּיעלְט, אוּנ עֶר אִיז טַאקִי גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיָה אִין דֶעם פַאךְ, אוּנ נָאר אִין אַ קוּרְצֶער צַייט אִיז עֶר אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּנ אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן, אַרוֹיסְצוּנֶעהְמֶען קַיין אַמְשְׁטֶרְדַם. צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין פַּאדוּאַ אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָחָה פוּן ר׳ יְקוּתִיאֵל בֶּן לֵייב, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט קַבָּלָה, חָאטְשׁ דִי רַבָּנִים הָאבֶּען עֶס נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען, פְלֶעגְט עֶר אָפְּט שְׁרַייבֶּען בְּרִיעף אוּנ זֵיי שְׁטַארְקֶען, זֵיי זָאלֶען בַּיי זִיךְ נִיט אַרָאבְּפַאלֶען אוּנ זִיךְ נִיט שְׁרֶעקֶען פַאר דִי שְׁטֵיינֶער, וָואס מֶען הָאט גֶעוָוארְפֶען זֵייעֶר רַבִּי׳ן אוּנ וָואס הָאבֶּען אִיהם, מִיט נָאטְט׳ס הִילְף, נִיט גֶעשַׁאדְט. אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נִיט אֵיין מָאל גֶע־בֶּעטֶען דֶעם אַלְטֶען ר׳ יְשַׁעְיָה בַּאסָאן, עֶר זָאל בֶּעטְרַאכְטֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי אִיהם אַלֵיין אוּנ עֶר זָאל זֵיי שְׁטִיצֶען מִיט אַ רֶעכְטֶער עֵצָה אוּנ זִיךְ אָנְנֶעהְמֶען פַאר זֵיי, וֶוען דִי רַבָּנִים וֶועלֶען אוֹיף זֵיי אָנְפַאלֶען. ר׳ יְשַׁעְיָה בַּאסָאן, וָואס אִיז גֶעוֶועהן שְׁטִילֶערְהֵייד אַ פֶערְבְּרֶענְטֶער מְקוּבָּל, הָאט זִיךְ לַאנְג נִיט גֶעלָאזְט בֶּעטֶען, אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען לוּצַאטוֹ׳ס תַּלְמִידִים אִין פַּאדוּאַ גֶעהַאט אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ סוֹמֵךְ צוּ זַיין, אוּנ דֶער פְרוּמֶער לַמְדָן הָאט זֵיי גֶעהַאלְטֶען אוּנְטֶער זַיינֶע פְלִיעגֶעל.

דִי רַבָּנִים זֶענֶען בַּאלְד דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, נָאר זֵיי הָאבֶּען גָאר נִיט גֶעקָאנְט טְהוּן. קַיין אַמְשְׁטֶרְדַם הָאבֶּען זֵיי קַיין שְׁלִיטָה נִיט גֶעהַאט, אוּנ טְשֶׁעפֶּען זִיךְ גְלַאט אַזוֹי צוּ ר׳ יְשַׁעְיָה בַּאסָאן הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעהַאט פַאר וָואס, ווַייל אַלְדִינְג וָואס עֶר אוּנ לוּצַאטוֹ׳ס תַּלְמִידִים הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט טְהוּן אִיז צוּ

געגאנגען שטיל אונ קיינער האט זיי ניט געקאנט בעשולדיגען, אז זיי האבען זיך מיט עפּיס פערזינדיגט. איין זאך האבען יא די רבנים געטהון: זיי האבען געלאזט אויסרופען אין די שולען, אז יעדער וואס האט ביי זיך לוצאטו'ס כתבים טאר זיי ניט האלטען אונ מוז זיי צו שטעלען צו די רבנים, מען זאל זיי פערברענען, נאר מען האט קיין איינציג בלעטעל ניט געבראכט אונ די מורא פון א חרם האט קיינעם ניט איבערגעשראקען.

לוצאטו האט זיך אין אמשטרדם אבגעלעבט גליקליכע צעהן יאהר. פון דער ארבייט האט ער געהאט פרנסה בשפע אונ עס פלעגט איהם נאך בלייבען גענוג צייט אויף צו לערנען מיט זיינע תלמידים, צווישען וועלכע איז אויך געוועהן דער בעקאנטער דיכטער אונ מחבר פונ'ם טהעאטער־שטיק „גמול עתליה": ר' דוד פראנקו מינדעס. די רבנים פון אמשטרדם האבען איהם פשוט אויף די האנד געטראגען, אונ וואו עס פלעגט ערגיץ פארקומען א שווערע שאלה פלעגט מען זיך צו איהם ווענדען. אין דער צייט האט ער אנגעשריבען זיין בעריהמט טהעאטער־שטיק „לישרים תהלה" אונ האט עס געגעבען דרשה־געשאנק, ווען זיין תלמיד, ר' יעקב די האוויש האט חתונה געהאט. אויסער דעם האט ער ארויסגעגעבען נאך אסך כתבים, אונ בעזאנדערס האט זיך אויסגעצייכענט זיין מוסר־ספר „מסלת ישרים", ווייל ער האט זיך ניט געהאלטען אן דעם דרך פון די מגידים, וואס סטראשען דעם עולם מיט'ן גיהנום; ער האט מיט שכל אויסגעוויזען, אז פאר יעדען מענשען איז פשוט גלייכער צו האבען גוטע מדות אונ, אז ווען ער האט מורא פאר גאטט אונ פארגעסט ניט, אז עס איז דא א בורא עולם, וואס ווייסט אללע זיינע געדאנקען אונ לאזט זיך ניט נארען ווי א בשר ודם, ווען ער איז א ענו, איינגעהאלטען, בעטראכט אונ ווייט פון תאוות, קאן ער זיך רוהיג אבלעבען די יאהרען אונ פארדערן פון אנדערע זיי זאלען אויך זיך אזוי פיהרען; אונ דעמאלט קאן די וועלט האבען א קיום אונ ניט בעשטעהען נאר דארויף, וואס איינער חאפּט ביים אנדערן אויס, אדער ער נארט איהם אב. עד היום נאך רעכענט זיך דער „מסלת ישרים" פאר איינס פון די בעסטע מוסר־ספרים, אונ ניט אומזיסט דער־צעהלט מען, אז ווען דער ווילנא'ר גאון האט עס איבערגעלייענט האט ער געזאגט, אז עס טהוט איהם באנג, וואס לוצאטו איז שוין טויט, ווייל ווען ער וואלט געלעבט וואלט ער זיך ניט געפוילט צו פוס געהען צו איהם אונ לערנען זיך ביי איהם אמת'ע פרומקייט.

לוצאט"ן האט אבער ניט געקאנט בעפרידיגען דאס גליקליכע לעבען אין אמשטערדם. חאטש ער איז געוועהן ארומגערינגעלט, ווי אמאל אין פאדוא, מיט געטרייע תלמידים, אונ פון אללע זייטען האט מען איהם אבגעגעבען דעם גראסטען כבוד, האט עס איהם געצויגען קיין ארץ ישראל אונ ער האט גע- האפט, אז אין צפת וועט ער קאנען דערגרייכען פונקט די אייגענע מדרגה וואס דער ר"י. אים יאהר 1745, האט ער זיך מיט'ן גאנצען הויזגעזינד אויפ- געזעצט אויף א שיף, אונ ער האט זיך געזונג אנגעליטען ביז ער האט געשטעלט זיין פוס אויף דער הייליגער ערד. קוים האט ער זיך אבגערוהט פון דער וייטער נסיעה, אונ האט אנגעהויבען טראכטען ווי אזוי ער זאל זיך פיהרען אין ארץ ישראל, איז דארט געווארען א גרויסע מגפה אונ גאר פלוצלונג איז ער גע- שטארבען, דען 6 מאי 1747 אין עכו, עהדער ער איז אלט געווארען פירציג יאהר, אונ טאקי אין דער אייגענער צייט איז פון דעם חולאת אויסגעשטארבען זיין גאנצע משפחה. מען האט איהם אריינגעבראכט קיין טבריה, אונ דארט האבען איהם די רבנים געמאכט א גרויסען הספד, ווי א צדיק, אונ האבען איהם בעהאלטען נעבען קבר פון ר' עקיבא. ניט איין מאל האט דערנאך דאס הארץ געציטערט ביי די דאזיגע, וואס האבען לוצאטו'ן פערטריבען, פון זיין אומגעריכטען טויט; ניט איין טרער האבען זיי געלאזט דארויף, וואס צו ליעב זייערע רדיפות איז אזוי ניך פערלאשען געווארען אזא ליכטיגער שטערן.

נאך א גרויסען מענשען איז בעשערט געוועהן פיעל צו ליידען וועגען זיין צוגענייגטקייט צו קבלה: דאס איז געוועהן ר' יהונתן אייבעשיץ, אדער ר' יהונתן פראגער, וואס די שונאים האבען איהם מיט געוואלד געוואלט אריינ- רעכנען צווישען די שבתי צבי'ניקעס, אונ וואס וואלט אפשר געהאט דעם אייגענעם סוף ווי אללע שבתי צבי'ניקעס, ווען זיין נאמען וואלט ניט באלד אנגעהויבען קלינגען אויף דער וועלט, אונ ער שטעלט זיך ניט אזויהויך, אז עס איז שוין שווער געוועהן איהם אראבצוווארפען פון זיין הויכער מדרגה. ר' יהונתן אייבעשיץ איז געבארען געווארען אין קראקויא אים יאהר 1690, אונ אזוי ווי זיין גאנצע משפחה איז בעשטאנען פון לויטער מקובלים, האט ער זיך אויך פון דער פריהעסטער קינדהייט גענומען צו קבלה, אונ די כתבים פון אברהם מינואל קארדוזא, אונ שפעטער די נאהענטע בעקאנטשאפט מיט נחמי- חייא חיון, האבען איהם א ביסעלע מעהר ווי מען דארף צוגעבונדען צום דרך פון שבתי צבי. פון דעסטוועגען האט ער, ווי אללע פולישע לומדים פון יענע- צייט, זיינע אללע פעהיגקייטען אריינגעלעגט אין לערנען; די גמרא האט איה-

נעהאלפען ארויסצוווייזען זיין גרויס חריפות און זיין וועלטענעם זכרון, און ביי איין און צוואנציג יאהר איז ער שוין געוועהן רב און ראש ישיבה אין פראג, און טויזענדער תלמידים האבען ביי איהם געלערנט תורה. מען פלעגט זיך אבער אפט צו איהם טשעפען דערפאר, וואס ער האט זיך ניט געקאנט בעהאלטען און האט געהאט געשאפטען מיט מקובלים און שבתי צבי'ניקעס. אז מען האט איהם געוואלט מאכען פאר רב אין מעץ, איז די אלטע רביצין אריינגעלאפען מיט א געשריי צו די דארטיגע יודישע פארשטעהער, און האט אנגעמאכט אלארם, מען זאל אויפ'ן ארט פון איהר פרומען מאנן ניט אנידערזעצען א שבתי צבי'ניק. דאס האט געמאכט אזא רושם, אז די אסיפה האט זיך געמוזט צוגעהען, און ערשט שפעטער מיט עטליכע יאהר איז ר' יהונתן אייבעשיץ אויסגעקליבען געווארען אין מעץ פאר רב. דערוויל האבען זיך אנגעהויבען פאר די פראגער יודען זעהר טרויעריגע טאג; עס איז ארויס א מלחמה צווישען פרייסען און אסטעררייך, און אזוי ווי דעם פרייסישען קעניג פרידריך דעם גרויסען איז געגאנגען צו הילף פראנקרייך, האט דאס פראנצאזישע חיל זיך געשטעלט אין פראג, און די שונאי ישראל האבען אויסגעטראכט אז די יודען זענען פאלש דער מדינה, און געבען איבער די פראנצאזען אללע סודות. דערפאר האט מען פון זיי געריסען געלד מעהר ווי זיי האבען פערמאגט, און א אסטעררייכישער גענעראל איז געוועהן אזא בעל יושר, אז ער האט ביי די ארעמע יודען פון מאהרען געפאדערט, מען זאל איהם אין זעכס טאג אריינטראגען פינפציג טויזענד גולדען, און אויב ניט האט ער זיי אללע געוואלט אבבראבעווען און אויסהרג'נען. דאס גליק איז געוועהן, וואס די פארשטעהער פון דער וויענער קהלה, דער רייכער רב, ר' יששכר בערוש אשכלות, און דער באראן די אגולאר, זענען דערפון בעצייטענס געוואהר געווארען און מען האט פון אויבען בעפאהלען דעם גענעראל, ער זאל זיך ניט אויסשלאגען די הוצאות פון אזא מערדערישע הכנסה.

פון דעמאלט אן האט מען אבער אין באהמען און מאהרען אנגעהויבען שטארק רודפ'ן די יודען און מען האט זיי געהאלטען פאר שפיאנען. א שטיקעל נגיעה האט אין דעם געהאט ר' יהונתן אייבעשיץ, און גענומען האט זיך עס דערפון, וואס אין דער צייט, ווען די פראנצאזען זענען געשטאנען אין פראג, האט ר' יהונתן געלעבט פריינדליך מיט די פראנצאזישע הויפט-לייט און זיי האבען איהם געגעבען בריעף קיין מעץ, וואוהין ער האט זיך געקליבען פאהרען. אז מען האט געזעהען ווי דער יודישער רב איז א גאנצער בן בית

ביי די פראנצאזען, איז געפאלען דער חשד אויף אללע יודען; מען האט נאר פערגעסען אז ערשט ניט לאנג, ווען מען האט געהאפט, אז מען וועט נאך קאנען בעפעסטיגען פראג אונ ניט אריינלאזען אהין דעם שונא, האט ר׳ יהונתן אייבעשיץ געטריבען אלליין די יודען זיי זאלען אים יום כפור ארבייטען גלייך מיט די קריסטען, אונ האט אויסגעוויזען, אז אבהיטען דאס פאטערלאנד איז די גרעסטע מצוה, אונ מען מאג צו ליעב דעם עובר זיין אויף אסך הייליגע דינים; דאס האט ניט געהאלפען, עס איז געבליבען, מען זאל זיך נוט אברעכנען מיט די יודען אונ זייערע פארשטעהער. קוים האט מען ארויסגעפטר׳ט די פראנצאזען, האט מען זיך גענומען צו די יודען, אונ עס איז ארויס א בעפעהל אז אין זעכס חדשים זאל זיך זייער געביין ניט געפינען אין באהמען אונ מאהרען. ביי ר׳ יהונתן אייבעשיץ האט מען צוגענומען זיין גאנץ פערמעגען, אונ אזוי ווי ער אלליין איז דערווייל אנטלאפען געווארען קיין מעץ, האט מען איהם פערווערט מעהר אריינצוקומען קיין אסטערייך. ר׳ יהונתן האט געפיהלט אז ער איז אין דעם אביסעל שולדיג אונ האט פון מעץ אנגעהויבען ארבייטען דורך די מארראנען פון באיאן אונ בארדא, מען זאל שטיצען די פערטריבענע אונ האט אויך אוועקגעשריבען צו די יודען פון רום, מען זאל זוכען א וועג צום פאפסט אונ איהם בעטען, ער זאל זיך אננעהמען פאר זייערע אומשולדיגע ברידער. צווישען די קריסטען האבען זיך אויך געפונען גענוג מענשענפריינדע, וואס האבען פערשטעהען געגעבען דער אסטערייכישער מלוכה, אז זי טהוט איין עולה, וואס זי איז זיך נוקם אין אללע יודען פאר חטאים פון עטליכע יחידים, בעזאנדערס האבען שטארק געארבייט די געזאנדטע פון האללאנד אונ ענגלאנד, נאר דאס אלץ האט קיין ישועה ניט געבראכט. פיער יאהר זענען די פראגער יודען געוועהן אין א סכנה, אט האט מען זיי געטריבען אונ אט האט מען זיי ווייטער צו רוה געלאזט, ביז מען איז ניט געפאלען אויפ׳ן אלטען שכל אונ מען האט זיך געווענדט צו דעם אלטען מיטעל, וואס האט דעם יודען שוין ניט איין מאל ארויסגעשלעפט פון אללע אומגליקען, אונ דאס איז געוועהן די מטבע וואס האט דא אויך געהאלפען. אין וויען האט מען דער מלוכה ערקלעהרט, אז דערמיט וואס זי טרייבט ארויס די יודען פערלירט זי א שטארקע הכנסה, אונ פון פראג האט מען אללע מאל געמעלדעט, אז די שטאדט ווערד וועהר ארעם אונ פערוויסט, אונ אזוי האט מען ארויפגעבראכט די קייזערין מאריא טהערעזיא, זי זאל הייסען צוריק אריינלאזען די יודען. מען איז בארויף מרוצה געווארען, נאר זי האט געוואלט, אז די צאהל פון די יודען

וָאל זַיין בֶּעשְׁטִימְט, אונ צו לִיעב יְעם איז אַרוּיס אַגֶעזֶעץ. אַז אִין בֶּאהֶמֶען טָארֶען זִיךְ נִיט גֶעפִינֶען מֶעהר פון צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד יודִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, אונ אִין מֶאהרֶען — נִיט מֶעהר פון פִינְף טוֹיזֶענְד אונ הוּנְדֶערְט, אַז אִין יֶעדֶער פַאמִילְיֶע מֶאג נָאר חֲתוּנָה הָאבֶּען דֶער עֶלְטְסְטֶער זוּהן אונ, אַז די יוּדֶען מוּזֶען אַלֶע יָאהר אַרַיינְטְרָאגֶען דֶער קְרוֹין אַ בֶּעזוּנְדֶער נְתִינָה פון צְוַויי הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד גוּלְדֶען. דָאס גֶעזֶעץ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען כִּמְעַט הוּנְדֶערְט יָאהר, בִּיז 1848, וֶוען די זוּנְן פון פְרַייהַייט הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שַׁיינֶען אוֹיךְ אִין עֶסְטֶערְרַייךְ, אונ אַזוֹי ווִי אַלֶע גֶעזֶעצֶע פון אַזַא אַרְט, וֶועלְכֶע עס איז שְׁוֶוער אָבְּצוּהִיטֶען, הָאט עס אוֹיסְ־גֶעצַאפְּט גֶענוּג גֶעלְד בַּיי יוּדֶען, נָאר אַלֶע וֶוענֶען גֶעוֶועהן צוּפְרִידֶען: די דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען גֶערִיסֶען, הָאבֶּען גֶעדַאנְקְט גָאטט, אַז זֵיי הָאבֶּען פַאר וָואס צו רַייסֶען, אונ די דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט לָאזֶען רַייסֶען, הָאבֶּען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה גֶעוֶועהן, אַז מֶען הָאט זֵיי נוּט בֶּערִיסֶען אונ דֶערְנָאךְ שׁוֹין גֶעלָאזְט צו רוּה.

אִין מֶעץ איז ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ גֶעבְּלִיבֶּען נָאר עֶטְלִיכֶע יָאהר. עֶר איז גֶעוָואהנְט גֶעוֶועהן צו הָאבֶּען אוּנְטֶער זִיךְ די גְרֶעסְטֶע יְשִׁיבָה אונ שְׁטֶאנְדִיג זַיין אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט לוֹמְדֵי תּוֹרָה; אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאט מֶען אָבֶּער דָאס נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהרֶען, דֶערְפַאר הָאט עס אִיהם גֶעצוֹיגֶען קַיין דַייטְשְׁלַאנְד אונ עֶר הָאט זִיךְ בֶּעמִיהט מֶען זָאל אִיהם אוֹיפְנֶעהמֶען פַאר הוֹיפְּט־רַב פון די דְרַיי קְהִלּוֹת: אַלְטוֹנַא, הַאמְבּוּרְג אונ וַואנְדְסְבֶּעק. דָארְט הָאט מֶען טַאקִי בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען אַזַא בֶּערִיהמְטֶען לַמְדָן ווִי ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ, ווַייל דָאס גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען הָאט זִיךְ גֶעפִיהרְט אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָחָה פון די רַבָּנִים, זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט די גַאנְצֶע דֵעָה אונ זֵיי פְלֶעגְט מֶען פָאלְגֶען, נִיט נָאר אִין רֶעלִיגְיָאנְס־זַאכֶען, נָאר אוֹיךְ אִין אַלֶע עִנְיָנִים, אונ דַארִיבֶּער הָאבֶּען אַלֶע גֶעהָאפְט, אַז ר׳ יְהוֹנָתָן וֶועט אִים שְׁטַאנְד זַיין צו הַאלְטֶען דָאס פָאלְק אִין די הֶאנְד אונ אַכְטוּנְג גֶעבֶּען, אַז שָׁלוֹם אונ יֹשֶׁר זָאלֶען הֶערְשֶׁען צְווִישֶׁען די יוּדֶען. צוּם אוּמְגְלִיק, איז פון דֶער הָאפְנוּנְג נָאר נִיט גֶעוָוארֶען: פוּנ׳ם עֶרְשְׁטֶען טָאג אָן, וָואס ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט זַיין פוּס אִין אַלְטוֹנַא, איז שׁוֹין אַרוּיס אַ שְׁטַארְק מַחֲלוֹקֶת אונ פון די עֶרְשְׁטֶע פוּנְקֶען הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ שְׂרֵפָה, וֶועלְכֶע עס איז שׁוֹין אוּנְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶועהן צו לֶאשֶׁען.

ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ הָאט אִין זִיךְ גֶעהַאט דָאס עַקְשָׁנוּת פון אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט, וָואס אַמָאל איז עס אַ מַעֲלָה, ווַייל עס הֶעלְפְט דֶעם שַׁארְפֶען מֹחַ אוֹיסְ־פִיהרֶען זַיינְס אונ נִיט אַרָאבְּפַאלֶען בַּיי זִיךְ, וֶוען עס גֶערָאטְה אִיהם נִיט, נָאר

אפטער איז עס א חסרון, ווייל ניט שטאנדיג קאן דער מענש דערגרייכען זיין ציעל אונ דערווייל ליידט ער פיעל אונ בלייבט ביי די צרות. אז ער האט זיך איין מאל פאר אללע מאל אריינגענומען אין קאפ, אז די קבלה איז דאס הייליגסטע אונ, אז שבתי צבי איז טאקי עפיס געוועהן, האט ער בשום אופן ניט געוואלט אבטרעטען פון זיין דרך, אונ עס האט איהם אויך ניט געהאלפען דאס, וואס ער איז אין דער יוגענד שיער ניט אומגליקליך געווארען צו ליעב דעם. נאנצע פינף אונ צוואנציג יאהר זענען אוועקגעגאנגען פון דעם ערב יום כפור, וואס ער האט אליין געמוזט אפענטליך אין שול ארויסגעבען א חרם נעגען די שבתי צבי'ניקעס, אונ נאר דורך דעם איז ער ניצל געווארען פון דעם חשד, וואס איז אויף איהם געפאלען, ווען מען איז געוואהר געווארען, אז ער פיהרט געשעפטען מיט לייבעלע פראשניץ, אונ מיט משה מאיר זאלקאווער, וועלבער איז ארומגעפאהרען אויף דער וועלט ווי א משולח פון די פולישע שבתי צבי'ניקעס; אין דער צייט איז ער געוועהן רב אין עטליכע גרויסע שטאדט אונ אומעדום האט איהם דאס פאלק אנגענומען פאר א מנהיג הדור, פאר א מענשען וואס קאן פיהרען זיינע ברידער אין רעכטען וועג, ביי אזא לאנגע וואלט ר' יהונתן אייבעשיץ בעדארפט זיין זעהר אבגעהיט אונ איינגעהאלטען אונ נוט אבטונג געבען עס זאל קיין שום פלעק ניט זיין אויף איהם, אונ מען זאל נאר פערשפארען איהם פראגען אזעלכע שאלות, וואס ער האט ניט געטארט אונ ניט געקאנט געבען אויף זיי א קלארע תשובה; צום סוף האט ער נאר פערגעסען ווי פיעל ער האט געהאט א מאל געליטען איבער דער קבלה אונ שבתי צבי אונ, אז ער האט געוואהנט אין מעץ, וואו דער עולם האט איהם געהאלטען פאר א בעל מופת אונ חולים פלעגען זיך יאגען צו איהם נאך רפואות, האט ער אנגעהויבען ארויסצוגעבען קמיעות, אונ אזוי ווי ער האט געוואוסט אז ביי איין אומגליק האפט מען זיך אן אין א שארף פון א שווערד האט ער אין די דאזיגע קמיעות אריינגעשלעפט פיעל זאכען פונ'ם שבתי צבי, כדי אז יעדער וואס וועט געהאלפען ווערען זאל אנהייבען גלויבען, אז אין זכות פון שבתי צבי, האט ער בעקומען א רפואה שלמה. אין פראנקרייך האט מען זיך דארויף ניט אומגעקוקט: קיינער איז פון די קמיעות קיין שבתי צבי'ניק ניט געווארען, אונ עס האט ר' יהונתן אייבעשיץ ניט געשאדט. אז ער איז אבער, אים יאהר 1760, אריינגעפאהרען קיין אלטונא אונ האט דארט אויך אנגעהויבען טהיילען אזעלכע קמיעות, איז דער סוד ארויס ווי בוימאהל אויפ'ן וואסער. דעמאלט איז גראד אין אלטונא אונ האמבורג

ארויסגעגאנגען א שרעקליך חולאת און טויזענדער פרויען וועגען אויסגעשטארבען פון קימפעט; פון דער ווייטענס האט מען געהערט, אז דער נייער רב איז פשוט מחיה מתים. און מען האט זיך צו איהם פון אללע זייטען געווארפען מיט בקשות. דא האט ר' יהונתן אייבעשיץ געפונען זעהר א וואהלען פלאן פאר זיינע קמיעות, און אזוי ווי זיי פלעגען גראסטענטהיילס בעשטעהען פון ראשי תבות נאר פון דעם ערשטען אות פון יעדען ווארט, האט מען ריכטיג ניט געקאנט זאגען וואס ער מיינט און זיינע געגנער האבען. עס איז איהם אבער נאר ארויס פונ'ם קאפ אז אין אלטונא געפינען זיך לומדים, וואס קוקען מיט קנאה אויף זיין גרויסען שטאנד. און אז דארט זיצט דעם חכם צבי'ס זוהן, דער בעריהמטער ר' יעקב עמדן, וואס האטש ער איז נאך געוועהן צו יונג און האט זיך גערעכענט פאר א מורה הוראה אין א קליינער קהלה, האט ער אללע זיינע כוחות אוועקגעלעגט אויף דער מלחמה מיט די מקובלים און די שבתי צבי'ניקעס, און איז פערטיג געוועהן יעדען פון זיי אין א לעפעל וואסער צו דערטרענקען. אוודאי איז מען באלד געוואהר געווארען מיט וואס פאר א מין קמיעות ר' יהונתן אייבעשיץ היילט דאס פאלק און מען האט אויסגעוויזען אז די ראשי תבות בעדייטען אזוי: „א, גאטט פון ישראל! שיק אין זכות פון דיין קנעכט שבתי צבי א רפואה פאר דער יודענע, כדי דיין נאהמען און דער נאהמען פונ'ם משיח שבתי צבי זאל געהייליגט ווערען אויף דער וועלט!" עס האט זיך אנגעהויבען א רעש, נאר קיינער האט זיך ניט געוואגט אנצורירען דעם כבוד פון אזא בעריהמטען גאון, וואס האט שוין מגדל געוועהן מעהר פון צוואנציג טויזענד תלמידים. און וואו די גראסטע רבנים רעכנען איהם פאר זייער רבי'ן. ר' יעקב עמדן האט זיך אפילו יא גע-פריווט ערגיץ אין א קליין שולכען זאגען א דרשה, און אויסגעוויזען אז פאר אזעלכע קמיעות מוז מען דעם שרייבער אריינלעגען אין חרם. נאר ער איז געצוואונגען געוועהן פריהר אויסנעהמען א תנאי, אז ער בעשולדיגט ניט אין דעם ר' יהונתן אייבעשיץ און רעכענט, אז די דאזיגע קמיעות האט ער אומגערן ארויסגעלאזט פון זיין האנד. ר' יהונתן אייבעשיץ איז שוין אבער אזוי בעליעבט געוועהן, אז ער האט זיך נאר ניט בעדארפט פאראנפערן, און איין ווארט פון איהם איז גענוג געוועהן, אז די פארשטעהער פון אלטונא זאלען אנפאלען מיט כעס אויף ר' יעקב עמדן און איהם וועלען פון דער שטאדט ארויסשיקען. אט דא איז ערשט ארויס דאס רעכטע מחלוקת: מען האט ר' יעקב עמדן ארויסגעבראכט פון דער העזה און ער האט צושיקט בריעף צו די גראסטע יודישע קהלות.

אַז דָאס יוּדֶענְטְהוּם אִיז אִין גֶעפַאהר אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען פוּן דִי קָמֵיעוֹת, וֶועלְכֶע ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ הָאט נָאךְ אִין מֶעץ גֶעשְׁרִיבֶּען מִיט זַיין אֵייגֶענֶער הַאנְד. אַז עֶר הַאלְט שַׁבְּתַי צְבִי פַאר מָשִׁיחַ.

אִין אַ סַךְ שְׁטֶאדְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ שְׁרֶעקְלִיךְ קָאכֶענִישׁ אוּנ אוּמֶעדוּם הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד אָבְּגֶעזוּכְט, וִוי עֶר פִיהְרְט זִיךְ בַּיי יוּדֶען, צְוֵויי צְדָדִים, וָואס קוּקֶען שְׁטֶאנְדִיג נָאר אַרוֹיס דַארוֹיף, מֶען זָאל הָאבֶּען פַאר וָואס זִיךְ צוּ שְׁלָאגֶען אוּנ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן זָאל קֶאנֶען דִי אוֹיגֶען אוֹיסְקְרַאצֶען. עֶס אִיז אַזוֹי וַוייט גֶעקוּמֶען, אַז דֶער „וַעַד אַרְבַּע אֲרָצוֹת״, וֶועלְכֶער הָאט נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ זִיךְ אַרַיינְצוּמִישֶׁען אִין יֶעדֶער שְׁאֵלָה וָואס אִיז נוֹגֵעַ דֶעם לֶעבֶּען פוּנ׳ם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הָאט גֶעמוּזְט מַאכֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער אֲסִיפָה וֶועגֶען דֶער זַאךְ; וַוייל אִין פּוֹלִין אוּנ מֶאהרֶען הָאט מֶען מֶעהר גֶעהַאלְטֶען פוּן ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ. אִין דֶער דָאזִיגֶער אֲסִיפָה אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶועהן צוּ דֶערְגֶעהֶען אֵיין עֶק, וַוייל צְוִוישֶׁען דִי רַבָּנִים אַלֵיין אִיז אַרוֹיס אַ קְרִיעג: אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעוָואלְט אַרַיינְלֶעגֶען ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ אִין חֵרֶם אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען אָנְגֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְד אוּנ גֶעשְׁרִיגֶען, אַז זֵיי וֶועלֶען אַרוֹיסְגֶעבֶּען אַ חֵרֶם גֶעגֶען יֶעדֶען, וָואס וֶועט נָאר אֲפִילוּ מִיט אַ וָוארְט אָנְרִירֶען דֶעם כָּבוֹד פוּן אַזַא גָאוֹן עוֹלָם. אִין אַלְטוֹנַא הָאט מֶען נָאר נִיט גֶעלָאזְט דִי גֶעגְנֶער פוּן ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ אוֹיפְהוֹיבֶּען אַ קָאפּ, אוּנ מֶען פְלֶעגְט זֵיי אָפְּט אָנְטְהוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת. פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען קוּמְט קֵיין גוּטְס קֵיין מָאל נִיט אַרוֹיס אוּנ, אַז דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער אַלְטוֹנַא׳ר קְהִלָּה הָאבֶּען זֵיי שְׁטַארְק דֶערְקוּטְשֶׁעט, הָאבֶּען דִי גֶעגְנֶער זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַאר׳ן קֶאנִיג פְרִידְרִיךְ דֶעם עֶרְשְׁטֶען פוּן דֶענֶעמַארְק אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען, עֶר זָאל נִיט דֶערְלָאזֶען, אַז אַ שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיק, וָואס לֵייקֶענְט אִין דֶעם עִיקָר פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה, זָאל זַיין אַ רַב.

ר׳ יְהוֹנָתָן אֵייבֶּעשִׁיץ הָאט אָבֶּער בֶּעקוּמֶען אַ גְרֶאסֶערְן צַד צוּם קֶאנִיג אוּנ דִי מְלוּכָה הָאט אִיהם נָאךְ פוּן אִיהר זַייט אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען אֵיין עֶרְלוֹיבְּנִישׁ צוּ פִיהְרֶען דָאס רַבָּנוּת. דָאס הָאט צוּם אִיבְּרִיגֶען אוּנְטֶערְגֶעצוּנְדֶען זַיינֶע שׂוֹנְאִים אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ אַ מָאל גֶעוֶוענְדְט צוּם קֶאנִיג מִיט דֶער בַּקָּשָׁה, עֶר זָאל זֵיי בֶּע־פְרֵייהֶען פוּן אַזַא רַב, וָואס זֵיי הָאבֶּען צוּ אִיהם קֵיין צוּטְרוֹיעֶן נִיט אוּנ קֶאנֶען פוּן אִיהם נִיט עֶרְוַוארְטֶען קֵיין אֵיינְצִיגֶען גֶערֶעכְטֶען מִשְׁפָּט. דֶערְבַּיי הָאבֶּען זֵיי צוּגֶעשְׁטֶעלְט עֶטְלִיכֶע קָמֵיעוֹת, אוּנ הָאבֶּען אוֹיסְגֶעוִויזֶען, אַז אַ מֶענְשׁ וָואס שְׁרַייבְּט אַזֶעלְכֶעס, קָאן זִיךְ נִיט רֶעכְנֶען פַאר קֵיין יוּדֶען. דֶעם קֶאנִיג אִיז דִי זַאךְ נִמְאָס גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז פוּן דִי יוּדֶען אַלֵיין וֶועט עֶר

דעם אמת ניט וויסען, אונ ער האט די קמיעות געגעבען, איבערקוקען א גייסטליכען, אונ א גרויסען געלעהרטען, דעם פראפעסאר דוד פרידריך מעגערלין. דארט וואו מען האט אבער צו טהון מיט ראשי תבות קאן מען טייטשען ווי אזוי מען וויל, אונ עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס מעגערלין האט ארויסגעגעבען א מיינונג, אז ר׳ יהונתן אייבעשיץ מיינט גאר ניט שבתי צבי, אז ער רעדט נאר פון קריסטוס אונ, אז ער איז אין הארצען א אמת׳ער קריסט, אונ דערפאר איז אזוי אויף איהם אין כעס ר׳ יעקב עמדן, ווייל דאס אייגענע האט זיין פאטער, דער חכם צבי, געטהון מיט נחמיה חייא חיון, וועלכער איז אויך אייגענטליך געוועהן א פערבארגענער קריסט. מעגערלין איז ביי זיך אזוי פעסט געוועהן, אז ער שטעהט נאהענט צום אמת, אז ער האט אנגעשריבען ר׳ יהונתן אייבעשיץ א בעזונדער בריעף, אונ האט איהם פאר־געלעגט, אז ער זאל אראבנעהמען פון זיך די מאסקע אונ זאל אננעהמען אפענטליך דאס קריסטענטהום. ביים קאניג איז זעהר אנגעלעגט געוועהן, אז ער איז געוואהר געווארען וואס פאר א ישועה עס קאן אמאל ארויסקומען פון ר׳ יהונתן אייבעשיץ, אונ האט געגעבען א בעפעהל, אז ער זאל בלייבען הויפט־רב ווי פריהר; אונ מעהר זאל זיך קיינער ניט טארען טשעפען צו איהם. אויף דער אלטונא׳ר קהלה איז געקומען א שמחה וואס זייער רב האט אויס־געפיהרט אונ זיינע שונאים זענען געבליבען צום נארר; נאר די אמת׳ע סבה וואס די מלוכה האט זיך אזוי אנגענומען פאר ר׳ יהונתן אייבעשיץ איז קיינעם ניט בעקאנט געוועהן. ער אליין האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט, אונ האט געדאנקט נאטט, וואס ער האט געקאנט בלייבען אויף זיין שטוהל אונ פיהרען זיך מיט זיין דרך ביז׳ן טויט, וועלכער האט איהם בעפרייהט פון אללע יסורים אויפ׳ן פיער אונ זיבצינגסטען יאהר.

דערווייל האבען די שבתי צבי׳ניקעס אין פולין אויך ניט געדרימעלט. אז דער „ועד ארבע ארצות“ האט אין לעמבערג, דעם 2 יולי 1722, ארויס־געלאזט געגען זיי א חרם האבען נאר עטליכע געצאהלטע קלאמערשט תשובה געטהון, אי דאס נאר לפנים; די איבריגע האבען זיך נאר אנגעהויבען מעהר היטען אונ ביסלעכווייז האבען זיי צו זיך צוגעשלעפט א סך בכבודע בעלי בתים, ווי אלישע שור, פישעל זלאטשובער, מאיר קאמינקער, אונ נאך אנדערע. צווישען זיי זענען אויך געוועהן פערשיעדענע חברות: א טהייל האבען תמיד געפאסט אונ געלעבט אבגעזונדערט פון דער גאנצע וועלט, אונ א טהייל זענען דווקא נאכגעלאפען אללע תענוגים. אונ האבען געדרונגען

אז מען קומט צו דער קדושה מוז מען דורכגעהען פינפציג טויערן פון טומאה". אים יאהר 1725, האבען די פולישע שבתי צבי'ניקעס ארויסגעשיקט זייערן א משולח, משה מאיר זאלקאווער, ער זאל פון זיי ברענגען אגערוס זייערע ברידער פון אנדערע לאנדער, אונ בעזאנדערס פון טירקיי. אין מאנהיים האט מען אבער דעם משולח איבערגענומען, דעמאלט איז אויך ארויס דער סוד, אז ר' יהונתן אייבעשיץ האלט מיט זיי, אונ די רבנים האבען צום צווייטען מאל ארויסגעגעבען א חרם. די שבתי צבי'ניקעס װענען אבער בײ זיך ניט אראבגעפאלען, אונ וואס מעהר מען האט זיי נערודפ'ט האבען זיי דערפיהלט אין זיך א גרעסערע שטארקהייט, אונ האבען נאר געהאפט, אז אין גיכע צייטען װעט זיי נאטער צושיקען א פיהרער, וואס וועט צונויפנעהמען די שאפעלעך אונ װעט ניט צולאזען צו זיי קיין בייזע וואלף. אזא פאסטוך האט זיך באלד אבי געזוכט אונ דאס איז געוועהן יעקב פראנק – א מענש, וואס האט זיך אונ טערגענומען אויסצופיהרען שבתי צבי'ס שליחות אונ האט פערדרעהט דעם קאפ פון א האלבער וועלט, יודען אונ קריסטען.

יעקב לייבאוויטש, וואס איז שפעטער בעקאנט געווארען מיט דעם נאהמען, יעקב פראנק, אדער בארון אפענבאך, איז געבארען געווארען אים יאהר 1720 אין בוטשאטש אין א קליין שטאדטעל פון גאליציען. זיין פאטער, ר' יהודה ליב איז געוועהן רב אין טשערנאוויץ, וואס האט דעמאלט געהערט צו דער וואלעכיא; ער האט מן הסתם געוואלט דעם זוהן אויך בעגליקען מיט תורה אונ מאכען פון איהם א מורה הוראה. דער קליינער יעקב האט אבער וועניג חשק געהאט צו ברעכען זיך דעם מח איבער לערנען; פון קינדהייט אן האט ער שוין ליעב געהאט צו לעבען, אונ קיין גרויסער אוהב אמת איז ער קיין מאל ניט געוועהן. אין קבלה-ספרים האט ער יא אפט אריינגעקוקט, ווייל דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז זיי וועלען איהם צו נוטץ קומען צום שווינדעל, אונ שפעטער מיט א סך יאהרען, אז זיין נאהמען האט שוין געקלונגען אויף דער וועלט, פלעגט ער זיך פאר זיינע מקורבים בעריהמען, אז נאך קליינערהייד האט ער פערשטאנען צו מאכען די קונץ, אונ האט אבגענארט דעם אייגענעם טאטען, חאטש קיין נאר איז ער קיין מאל ניט געוועהן. ביי דרייצעהן יאהר האט ער שוין אנגעשפארט אין בוקארעשט, אונ האט געדיענט ביי א סוחר, א פולישען יודען, ר' מרדכי מרגליות. מיט'ן בעל הבית פלעגט ער אפט פאהרען קיין טירקיי איינקויפען סחורה. עס איהם אויך אויסגעקומען צו זיין אין ניקאפאליס, סמירנא

אונ סַאלוֹנִיקִי, אונ איז דָארט גֶעוָוארֶען אַנָאהֶענְטֶער מְחוּתָּן מִיט דִי שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס, וָואס הָאבֶּען זִיךְ שׁוין גֶערֶעכֶענְט פַאר טִירְקֶען אונ הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען דָאנְמֶאה. דֶעמָאלְט איז ער גֶעבֶּענְשְׁט גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם נַייֶעם נָאמֶען פְּרַאנְק, וַוייל דִי טִירְקֶען פְלֶעגֶען רוּפֶען יֶעדֶען פְרֶעמְדֶען פְּרַאנְק. פּוּנְקְט אִין דֶער צַייט, וָואס יַעֲקֹב פְּרַאנְק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוּמְצוּדְרֶעהֶען אִין טִירְקַיי, איז גֶעשְׁטָארְבֶּען בְּרַכְיָה, דֶער פִירֶער פוּן דִי שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס, אונ עֶס איז פוּן אִיהם אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען אַיין אַלְמָנָה אונ אַ קְלֵיין טָאכְטֶערְל, וָועלְכֶע הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי יְרוּשָׁה, אונ הָאבֶּען זִיךְ אויךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעכְנֶען פַאר הֵיילִיג. דִי אַלְטֶע הָאט זִיךְ גֶערוּפֶען „גְבִירָה“, אָדֶער „מַטְרוֹנִיתָא“, אונ דִי יוּנְגֶע הָאט גֶעהֵייסֶען „נַעֲרָה קַדִּישָׁא“. אַזַא מֶענְשׁ וִוי יַעֲקֹב פְּרַאנְק, וָואס עֶס הָאט אִיהם פוּן דֶער קִינְדְהַייט אָן גֶעצוֹיגֶען נָאר גוּט צוּ לֶעבֶּען, הָאט אַזַא מִין פְּרוּסְקַייט, וָואס ער הָאט בֶּעמֶערְקְט בַּיי דִי שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס - אונ וָואס בֶּעשְׁטֶעהְט: אִין נָאכְלוֹיפֶען תַּאֲווֹת אונ נִיט שְׁטַארְק אָבְגֶעשֵׁיידְט זַיין פוּן וַוייבֶּער-גֶעמוּזְט וֶועהר גֶעפָאלֶען, אונ ער איז בַּאלְד אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם מַהֲמַדְנִישֶׁען גְלוֹיבֶּען אַזוי וִוי אַלֶע, וָואס הָאבֶּען גֶעהֶערְט צוּ דֶער סֶעקְטֶע דָאנְמֶאה, אונ הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט צְווִישֶׁען דִי פַייֶערִיגֶע שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס. אַז יַעֲקֹב פְּרַאנְק הָאט זִיךְ אָבֶּער צוּגֶעקוּקְט צוּם לֶעבֶּען פוּן דִי דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען גֶעשְׁפִּיעלְט אַ רָאלֶע בַּיי דִי שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס, הָאט ער בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען אַז מִיט עַזּוּת אונ אַיינְגֶעשְׁפַּארְטַקַייט וֶועט אִיהם גֶערָאטְהֶען זִיךְ אַרוֹיפְצוּחַאפֶּען אוֹיף אַ הוֹיכֶער מַדְרֵגָה. אונ פְּלוּצְלוּנְג הָאט ער אָנְגֶעהוֹיבֶּען בְּלָאזֶען פוּן זִיךְ אונ שְׁרַייֶען אַז אִין אִיהם לִיגְט דִי נְשָׁמָה פוּן שַׁבְּתַי צְבִי. יַעֲקֹב פְּרַאנְק איז דַוְקָא נִיט גֶעוֶועהן קֵיין שֶׁאנֶער מֶענְשׁ, רֶעדֶען הָאט ער אויךְ נִיט גֶעקָאנְט, קֵיין לַמְדָן איז ער אַוַדַאי נִיט גֶעוֶועהן, אונ דָאךְ הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד אָבְגֶעזוּכְט עֶטְלִיכֶע נַארֶען, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעגְלוֹיבְּט. אַזוֹי פִיהְרְט זִיךְ שׁוין דִי וֶועלְט: קוים גֶעפִינְט זִיךְ אַ זֶועלְכֶער, וָואס גֶעהְמְט זִיךְ פֶּעסְט עֶפִּיס אוֹיף אַ נַייֶעם וֶועג אונ וֶוערְד בַּיי זִיךְ נִיט בָּטֵל, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אִיהם דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט אַ בִּיסֶעלֶע קְרוּם, מוּז ער בֶּעקוּמֶען אָנְהֶענְגֶער, וָואס מַאכֶען אָן אַלַארְם אונ צוּלֶעגֶען דִי זַאךְ אוֹיף טוֹיזֶענְד טֶעלֶער בִּיז מֶען הוֹיבְּט אָן דֶערְפוּן צוּ שְׁמִיעסֶען, אונ אַז דִי וֶועלְט נֶעהְמְט אִיהם נָאר אִין מוֹיל אַרַיין - איז ער שׁוין נָאהֶענְט צוּם צִיעל. דָאס אֵייגֶענֶע איז אויךְ גֶעשֶׁעהֶען מִיט יַעֲקֹב פְּרַאנְק, אונ אַז ער הָאט נָאךְ אִים יָאהר 1762 חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין נִיקָאפָּלִיס מִיט זֶעהר אַ שֶׁאנֶער פְרוֹי חַנָּה, וָואס הָאט גֶעבָּארֶען צְווַיי זִיהן יוֹסֵף אונ יַעֲקֹב, אונ אַיין טָאכְטֶער חַוָּה, הָאט אִיהם דָאס וַוייבּ נָאךְ

מעהר געהאלפען אויסצופיהרען זיין זאך . זי איז געוועהן אזא אשה צנועה ווי אללע פרויען פון די שבתי צבי'ניקעס, אונ צו'דעם ציעל וואס איהר מאנן האט געצויגען האט זי איהם זעהר געטוינט : זי האט צו זיך צוגעצויגען יונגע לייט פון אללע זייטען אונ צו ליעב איהר איז ער אויך גרוים געווארען .

פון דעסטוועגען איז איהם אין טירקיי ניט אזוי גוט געגאנגען. שונאים האט ער געהאט אסך, אונ עס איז אסברא אז די יודען פון סאלוניקי האבען געדונגען א טערק, ער זאל איהם הרג'נען. עס איז געבליבען ביי פראנק'ן ער זאל זוכען זיין גליק ערגיץ אין דער פרעמד אונ ער האט אנגעהויבען זאגען אז א בת קול האט איהם מגלה געוועהן, אז ער מוז פאהרען קיין פולין. קיין בת קול האט ער, פערשטעהט זיך, ניט געהערט, נאר ער איז געוואהר געווארען, אז אין פולין זענען דא זעהר פיעל שבתי צבי'ניקעס, אונ אז דארט וועט ער אים שטאנד זיין אויסצופיהרען דעם פלאן, וואס אין טירקיי האט ער איהם ניט געקאנט געראטהען. אים יאהר 1766, פונקט ווען אין די פולישע יודישע קהלות האט זיך רעכט צובּרענט דאס מחלוקת וועגען ר' יהונתן אייבעשיץ, איז יעקב פראנק אראבגעקומען קיין פולין; ער האט שכל געהאט ניט צו קומען מיט קיין לעדיגע האנד, אונ אזוי ווי ער האט געשיט מיט געלד אונ געגעבען ברייטע נדבות, האט ער זיך באלד קונה שם געוועהן אומעדום. די פולישע שבתי צבי'ניקעס האבען שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף א מענשען, וואס זאל האבען אין זיך א כח צו ווערען זייער מנהיג, אונ זיי זאלען פיהלען, אז זיי האבען אויף וועמען זיך אנצושפארען; אונ אז זיי האבען דערזעהען יעקב פראנק איז ביי קיינעם פון זיי קיין ספק ניט געוועהן אז דאס איז דער בעשערטער, וואס זיי האבען אויף איהם אזוי פיעל געווארט. פראנק האט זיי טאקי ניט געזשאלעוועט צו דערצעהלען נאנצע מעשות, ווי אין איהם איז אריין דער רוח הקדש, אונ דארט וואו עס האט איהם געפאסט צום רומעל האט ער געוויזען מופתים אויך. פאר די שבתי צבי'ניקעס איז שוין גענוג געוועהן, וואס פראנק האט געלעבט אין סאלוניקי אונ האט זיך ארומגעדרעהט אויף דער אייגענער הייליגער ערד, וואס אויף איהר איז אויסגעוואקסען שבתי צבי מיט זיין גאנצער משפחה, אונ אז זיי האבען נאך פון איהם געהערט, אז אין איהם ליעגט די נשמה פון משיח אונ ער האט זיי נאך אויסגעדרונגען, אז אויף איהם איז גע־פאלען דער גורל צו בעפרייהען די יודען אונ זיי אריינפיהרען אין זייער אייגען לאנד ווי יהושע בן נון, ווייל עס זענען אוועקגעגאנגען פיערציג יאהר זייט חיים מלאך האט זיך בעוויזען אים יאהר 1716, האבען אללע איהם געגלויבט אונ

וואוהין ער איז נאר געקומען זענען איהם טויזענדער נאכגעלאפען. אין רוהאטין, בויסק, נאדווארנא, לאסקארון און נאך אנדערע שטאדט פון פאדאליען און גאליציען האט מען איהם פשוט אויף די הענד געטראגען, און איהם צו ליעב האבען זיך די שבתי צבי'ניקעס אנגעהויבען רופען פראנקיסטען אדער זהריסטען, ווייל דער זהר איז ביי זיי געווארען דאס הייליגסטע. דעם נאהמען פון פראנק'ן האבען זיי אריינגעשטעלט אין די תפלות און פלעגען איהם ניט אנדערש רופען ווי „הייליגער הערר".

די רבנים האבען פריהער אויך גענוג גערודפ'ט די שבתי צבי'ניקעס, האטש זיי פלעגען זיך בעהאלטען און ניט ארויסווייזען אפענטליך ווער זיי זענען. אז זיי האבען פלוצלונג בעקומען אזא פארשטעהער ווי יעקב פראנק, האבען זיי נאר אנדערש אויפגעהויבען די קאפ און האבען ניט נאר אויפגעהערט זיך צו היטען, נאר זיי זענען נאך פריי ארויסגעשפרונגען און געוויזען אז זיי האלטען ניט פונ'ם תלמוד. דערצו זענען נאך צו זיי צוגעשטאנען עטליכע רבנים און בכבודע בעלי בתים, ווי דער נאדווארנא'ר רב ר' יהודה ליב קריסא, דער בוסקער רב ר' נחמן בן שמואל הלוי, און בעזאנדערס דער אלטער גביר אלישע שור, וואס זיין טאכטער חנה האט געקאנט אויסווענדיג דעם גאנצען זהר און האט זיך גערעכענט פאר א נביאה. אודאי האבען די רבנים ניט געטארט שווייגען, און עס איז ביי זיי געבליבען מען זאל זעהען ווי ווייט מעגליך מאכען א תל פון די פראנקיסטען. דערווייל האט זיך געמאכט וואס יעקב פראנק איז געקומען קיין לאנצקארון, ווען עס איז דארט געוועהן א יריד, זיך זעהען מיט זיינע חברה-לייט, און האט זיך מיט צוואנציג פראנקיסטען פערשלאסען אין א אכסניא, כדי קיינער זאל זיי ניט שטערען. די יודען האבען באלד צו וויסען געגעבען דער פאליציע, אז עס איז געקומען עפיס א טערק און רעדט צו יודען, זיי זאלען אננעהמען די מחמדנישע אמונה און אוועקפאהרען קיין טירקיי. אויסער דעם האבען זיי געשריגען, אז זיי האבען אריינגעקוקט דורך די שפארונעס פון די לאדענס און האבען אליין געזעהען ווי פראנק מיט זיינע חסידים האבען געטאנצט ארום א נאקעטע פרוי און אז דאס איז עפיס א מין עבודה זרה. די פאליציע האט זיי אלע פערנומען, נאר אזוי ווי פראנק איז געוועהן איין אויסלענדער האט מען איהם תיכף אבגעלאזט, און די איבריגע האבען געמוזט כורע ומשתחוה זיין אז מען זאל זיי בעפרייהען. דעמאלט האבען די רבנים געמאכט די ערשטע אסיפה אין סאטאנוב, און טאקי באלד האט מען אין בראדי, פונקט אים כ' סיון פונ'ם יאהר 1766, ארויסגעלאזט א שארפען חרם

גֶעגֶען דִי פְרַאנְקִיסְטֶען. מֶען הָאט בֶּעשְׁלָאסֶען אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ מִיט זֵיי נִיט מְשַׁדֵּךְ זַיין, זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלֶען זִיךְ רֶעכְנֶען פַאר מַמְזֵרִים אוּן אַז יֶעדֶער יוּד, וָואס וֶועט גֶעוָואהר וֶוערֶען פוּן אַ פְרַאנְקִיסְט, אִיז מְחוּיָב בַּאלְד צוּ מֶעלְדֶען דֶעם רַב דֶערְפוּן. צְווִישֶׁען דִי תַּקָנוֹת, וָואס דִי רַבָּנִים הָאבֶּען אִין יֶענֶער צַייט גֶעמַאכְט, אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן אַ בֶּעפֶעהל: מֶען זָאל נִיט טָארֶען לֶערְנֶען דֶעם זֹהַר פַאר דְרַייסִיג יָאהר. צוּ שְׁפֶּעט הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט צוּ וָואס דִי קַבָּלָה קָאן פִיהְרֶען. אוֹיסֶער דֶעם הָאבֶּען דִי רַבָּנִים אַוֶועקְגֶעשְׁרִיבֶּען צוּ ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדֶן עֶר זָאל זֵיי גֶעבֶּען אֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלֶען זִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט דִי פְרַאנְקִיסְטֶען אוּן פוּן אִיהם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בַּאלְד אַ קוּרְצֶע תְּשׁוּבָה, אַז מֶען טָאר גָאר אוֹיף זֵיי קֵיין רַחֲמָנוּת נִיט הָאבֶּען.

אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען אַזַא הֶיתֵּר, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי פְרַאנְקִיסְטֶען נָאר אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אוֹפֶן. נָאךְ אִין דֶעם אֵיינֶענֶעם יָאהר הָאט מֶען זֵיי מַחֲרִים גֶעוֶועהן אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שׁוּל, אוּן מֶען הָאט בֶּעזָאנְדֶערְס גֶעזֶעהֶען אַז דִי וַוייבֶּער זָאלֶען זִיךְ אָבְזָאגֶען פוּן דִי פְרַאנְקִיסְטֶען; אוּן מֶען קָאן זָאגֶען, אַז עֶס אִיז נִיט גֶעוֶועהן אֵיין מִשְׁפָּחָה, ווּאוּ דָאס פַאמִילְיֶען-לֶעבֶּען זָאל נִיט זַיין פֶערְפִינְסְטֶערְט אוּן גֶעשְׁטֶערְט. אַחוּץ דֶעם זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט מְסִירָה. אוּן אַזוֹי וִוי פְרַאנְק אַלֵיין אִיז שׁוֹין אִין יֶענֶע מְקוֹמוֹת נִיט גֶעוֶועהן אוּן זֵיי הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז אָהן אִיהם קָאן זִיךְ זַיין חֶבְרָה נִיט רִירֶען, הָאבֶּען זֵיי גֶעלָאזְט זָאגֶען נִיקָאלַאי דֶעמְבָּאוְוסְקִי, דֶעם עֶפִּיסְקָאפּ פוּן קַאמֶענִיץ-פָּאדָאלְסְק, אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט זֶעהר אַ שֶׁעדְלִיכֶע יוּדִישֶׁע סֶעקְטֶע, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן זִיכֶער, אַז עֶר וֶועט זִיךְ מִיט דִי פְרַאנְקִיסְטֶען אָבְּ-רֶעכֶענֶען. דִי פְרַאנְקִיסְטֶען זֶענֶען טַאקִי גֶעוֶועהן אִין אַ גְרוֹיסֶער סַכָּנָה, וַוייל דֶעמְבָּאוּסְקִי אִיז גֶעוֶועהן אַ הֵייסֶער קַאטָאלִיק, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֶעבֶּען דֶעם אִינְקְווִיזִיצְיָאנְס-גֶערִיכְט. פְרַאנְק הָאט אָבֶּער פוּן דֶער וַוייטֶענְס נִיט גֶעדְרִימֶעלְט אוּן הָאט זַיינֶע לַייט נִיט גֶעלָאזְט פַאלֶען. אַז מֶען הָאט אִיהם בַּאלְד נָאךְ דֶער לַאסְקָארוּנֶער מַעֲשֶׂה אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען אִין חָאטִין, וָואס הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט צוּ טֶערְקַיי, אוּן הָאט פוּן דָארְט גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אוֹיף אַלֶעמֶען, וָואס עֶס גֶעהט פָאר אִין פָּאדָאלְיֶען. קוֹים אִיז עֶר גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן דֶער מְסִירָה, הָאט עֶר בַּאלְד גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף צוּ דִי פְרַאנְקִיסְטֶען, אוּן הָאט זֵיי גֶערָאטְהֶען זֵיי זָאלֶען פָּשׁוּט זָאגֶען דֶעם עֶפִּיסְקָאפּ, אַז דֶער יְסוֹד פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵיינֶענֶער וָואס בַּיי דִי קְרִיסְטֶען, אוּן אַז זֵיי הָאבֶּען דֶעם תַּלְמוּד פַיינְד דֶערְפַאר, וָואס עֶר אִיז

פול מיט שקרים און מאוסע זאכען. פראנק האט אבער פערשטאנען, אז ווי וואהל און פראקטיש זיין עצה איז וועלען זיך די פראנקיסטען פארט ניט וועלען אויסגעבען פאר קריסטען, און דאריבער האט ער זיך בגנבה אליין אריבערגעהאפט קיין פולין, און האט זיי פערשטעהען געגעבען, אז דאס איז דער בעסטער, און דער גלייכסטער וועג פאר זיי און, אז נאך שאנער וואלט געוועהן ווען עס טויפען זיך טאקי א צוואנציג-דרייסיג מענשען פון זיי: דעמאלט וואלט דער עפיסקאפ געזעהען, אז זיי מיינען טאקי ערנסט איבערצוגעהען צום קריסטענטהום, און די יודען וואלטען געבליבען מיט זייער מסירה צום נארען. אויף איינצוטענה'ן מיט זיין חברה איז פראנק, דאכט זיך, קיין נארר ניט געוועהן, און דערצו האט מען איהם נאך פערגאטטערט און מען האט געקוקט אויף זיינע ווארטער ווי אויף א ווינק פון אויבען. פון דעסטוועגען איז איהם שווער געוועהן צו פועל'ן, ניט נאר אז עטליכע פון די פראנקיסטען זאלען זיך לאזען טויפען, נאר זיי זאלען אפילו מיט'ן מויל זאגען, אז זייער גלויבען גלייכט זיך אויס מיט'ן קריסטליכען; און אז ער איז צוריק אוועקגעפאהרען איז ער ניט געוועהן פעסט ביי זיך אז מען וועט איהם פאלגען, ווייל ער האט גוט בעמערקט, אז אפילו די בעסטע פראנקיסטען האבען זיך געשוכט און עס איז זיי זעהר שווער געוועהן אנצונעהמען פראנק'ס דעה. דערווייל האבען אבער די יודען זיך דערוואוסט אז פראנק דרעהט זיך ווייטער ארום אין פולין, האבען זיי געגעבען נאך א מסירה, און די פאליציע האט פערנומען א סך פראנקיסטען, און האט זיי איינגעזעצט אין תפיסה. דאס האט די פראנקיסטען ארויסגעבראכט פון דער העזה, און עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען טהון אזוי ווי יעקב פראנק האט זיי געהייסען. אז מען האט זיי געפיהרט צום עפיסקאפ, האבען אללע געשריגען, אז זיי זענען געגנער פונ'ם תלמוד און רעכנען זיך פאר קריסטען און דערפאר טהון די יודען זיי אן אזעלכע צרות. דערביי האבען זיי שוין ניט געזשאלעוועט אויסצורעדען אויף די יודען וואס עס איז זיי נאר געקומען אין מויל אריין, און האבען אפילו געזאגט, אז יודען בענוצען טאקי בלוט צו די מצות. דעמאלט האט זיך טאקי גראד געמאכט א בלבול דם אין יאמפאל און מען האט אין דעם בעשולדיגט עטליכע בעלי בתים. דעמבאווסקי האט באלד געזעהען אז דאס איז פאר איהם זעהר א גוט געשעפט, אז ער וועט בעקומען טויזענדער פרישע קאטאליקען, דערצו איז נאך ביי איהם אנגעלעגט געוועהן, וואס צום יאמפאלער פראצעס זענען איהם נאר אומגערעכט צוגעקומען נייע עדות, און ער האט געהייסען בעפרייהען אללע פראנקיסטען און האט זיי

געגעבען דאס רעכט אומעדום צו וואהנען און פריי האנדלען; ער האט זיי נאך צוגעזאגט צו שיצען, ווייל ער האט זיך איינגערעדט, אז די צאהל פון די פראנקיסטען וועט זיך פערגרעסערן און דערנאך וועלען זיי אללע צו-זאמען ווערן קריסטען.

די יודען זענען געגאנגען מיט׳ן אלטען כלל, אז נצחון איז א גרויסע זאך, נאר דא האבען זיי דווקא א טעות געהאט, ווייל דער פון איז ארוים א גרויסער מכשול. די פראנקיסטען האבען אלליין ניט געהאפט, זיי זאלען אזוי גיך אויפ-געריכט ווערען, און פלוצלונג זאל אויף זיי קומען אזא ישועה. ערשט עטליכע חדשים צוריק האבען זיי געמוזט זיך שטאנדיג בעהאלטען, דאווענען אין פער-שלאסענע חדרים, מורא האבען פאר א זייטיגען קוק, און דא האט מען זיי געגעבען פאלקאמענע פרייהייט, און ביים עפיסקאפ זענען זיי נאר געווארען תקיף. גרויס איז געוועהן זייער פרייד און, אז דעם מענשען איז גוט אויפ׳ן הארצען דערמאנט ער זיך, אז מען דארף זיך נוקם זיין אין א שונא. ביי די פראנקיסטען איז געבליבען, זיי זאלען זיך אברעכענען מיט די יודען, און זיי האבען זיך געווענדעט צו דעמבאווסקי׳ן מיט א בקשה, ער זאל זיי ערלויבען האבען א ויכוח מיט די רבנים און זיי אויסווייזען פונ׳ם זהר, אז דער יסוד פון דעם קריסטענ-טהום איז הייליג. דערביי האבען זיי צוגעשטעלט איין ארט, „אני מאמין״ וואס אלישע שור האט אנגעשריבען און וואס איז בעשטאנען פון ניין פונקטען:

1) א אמת׳ער יוד דארף ניט נאר ליעב האבען נאטט, נאר שטאנדיג נאכקלאהרען און וועלען פערשטעהען זיין גרויסקייט און הויכקייט. 2) די תורה און די נביאים האבען אין זיך בעהאלטענע סודות, וואס ניט יעדער איז זוכה זיי צו וויסען און נאר מיט רוח הקודש קאן מען זיי משיג זיין. 3) דער בעסטער פירוש אויף דער תורה איז דער זהר, ווייל דער תלמוד פערדרעהט נאר דעם פשט, ער פארשפרייט נארישקייטען אין פאלק, ער הייסט פיינד האבען אנדערע אמות און איז אפילו מתיר בלוט צו פערגיסען פון ניט-יודען. 4) די פראנקיסטען גלויבען, אז עס איז דא א בורא עולם וואס די גאנצע וועלט מיט אללע ברואים, פון גרויס ביז קליין, געפינען זיך אונטער זיין השגחה. 5) זיי גלויבען אבער אויך, אז דער איינענער גאט האט דריי „פרצופים״ (פנים׳ער), און דערפאר שטעהט אין חומש: „בראשית ברא אלהים״ און ניט „אלה״. אז די וועלט איז בעשאפען געווארען דורך גאטטער און ניט דורך איין גאטט. 6) זיי גלויבען, אז גאט האט אנגענומען דאס געשטאלט פון א מענשען און האט אלדינג געטהון וואס א לעבעדיגער מענש בעדארף צו טהון, נאר ער איז געוועהן פריי פון זינד,

וואס קלעבען זיך אן אין א בשר ודם. 7) ירושלים אונ דער בית המקדש וועלען מעהר קיין מאל ניט צוריק אויפגעבויעט ווערען. 8) משיח וועט ניט קומען בעפרייהען די יודען, נאר ער וועט זיך צום צווייטען מאל בעווייזען אונ מכפר זיין אויף די עונות פון אללע מענשען. 9) דער משיח וועט טאקי זיין גאטט אלליין, ער וועט אראבנעהמען די קללה פונ׳ם פאלק ישראל אונ וועט זיי אנווייזען דעם רעכטען וועג.

דעם עפיסקאפ איז די זאך זעהר געפאלען אונ כאטש די ניין עיקרים, וואס אלישע שור האט געשטעלט, זענען נאך געוועהן גאנץ ווייט פונ׳ם קריסטענטהום, האט ער געוואוסט אז דאס אלליין וועט אויך גענוג פערשלאגען די יודען די קאפ, אונ ער האט געהייסען מען זאל באלד אבדרוקען די עיקרים אויף לשון קדש אונ פוליש אונ מען זאל זיי צושיקען אין אללע יודישע שטאדט. אויסער דעם האט ער דעם 20 יוני 1757, ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז פונקט אין צוויי חדשים ארום מוזען די רבנים ארויסשיקען שליחים קיין קאמעניץ, וואס זאלען דארט מיט די פראנקיסטען אוכוח האבען; דערביי האט ער זיי מזהיר געוועהן, אז פאר יעדען טאג וואס זיי וועלען פערשפעטיגען וועלען זיי צאהלען שטראף, אונ ווי באלד זיי וועלען גאר ניט קומען וועט ער הייסען פערברענען דעם תלמוד אונ וועט רעכנען, אז מיט׳ן שווייגען זענען זיי מודה אז די פראנקיסטען האבען רעכט.

אזא אויפטהוא פון די פראנקיסטען האט אנגעמאכט א געוואלד צווישען די פולישע יודען. דער ענין פון וכוח אלליין איז ביי די יודען קיין נייעס ניט געוועהן, ניט איין מאל איז זיי שוין אויסגעקומען אפענטליך זיך ארויסצושטעלען געגען די שונאים אונ האלטען מלחמה מיט דבורים; נאר דעמאלט זענען געוועהן אנדערע צייטען אונ אנדערע מענשען: יודישע לומדים זענען געוועהן בקי אין פערשיעדענע חכמות אונ לשונות׳ אונ האבען געוואוסט וואס צו ענטפערן. אז מען האט די יודען גערופען צו א וכוח אים דרייצעהנטען יאהרהונדערט, האט זיך געפונען ארמב״ן, וועלכער איז אים שטאנד געוועהן אין א פייערינע רעדע צושלאגען אללע בעשולדיגונגען געגען זיין פאלק; אז א גאנצע מחנה פון שונאי ישראל האבען אים פינפצעהנטען יאהרהונדערט געשלעפט די רבנים צו א וכוח, האבען זיך אבגעזוכט אזעלכע גרויסע לייט, ווי ר׳ יוסף אלבו, דון ווידאל פערער אונ ר׳ זרחיה סלדין, אונ מען האט די ניפטיגע פיילען ניט צוגעלאזט צום יודענטהום. אצונד איז אבער געלעגען א שרעקליך חשכות אויף די פולישע יודען, זייערע רבנים האבען זיך, אויסער

ש״ס אונ פוסקים, מיט קיין זאך ניט בעשעפטיגט. קיין שום פרעמדע שפראכע האבען זיי ניט פערשטאנען, ווי אזוי זשע האבען זיי געקאנט זיך בעשליסען צו האבען א ויכוח מיט די פראנקיסטען, וועלכע האבען גערעדט גוט פויליש אונ צווישען זיי זענען טאקי געוועהן רעכטע געלעהרטע. דערצו האבען זיך די רבנים נאך מעהר געשראקען דערפאר, וואס זיי האבען געהערט, אז די פראנקיסטען וועלען ברענגען אללע זייערע ראיות פונ׳ם זהר, אונ דערמיט וועלען זיי זיין געבונדען, ווייל דעם זהר האבען זיי אויך געהאלטען פאר הייליג. אודאי איז געווארען צווישען די פוילישע רבנים א גרויסער רעש, זיי האבען צושיקט בריעף קיין אויסלאנד אונ געשריגען אז דאס איז „גזרת השמד”, אז מען וויל זיי מיט געוואלד אויסטויפען; זיי האבען זיך אפילו געפריווט צו זוכען א וועג צום פאפסט אונ איהם בעטען ער זאל מבטל זיין דעמבאווסקי׳ס בעפעהל, אונ האבען געשיקט קיין אמשטרדם. מען זאל זיי ווענינגסטענס געבען א שפאנישען יודען, וועלכער זאל קאנען איבערזעצען אלדינג וואס מען וועט זיי פראגען ביי דעם ויכוח. פון די אללע זאכען איז מן הסתם גאר ניט געווארען; עס האט זיך אויסגעלאזט דערמיט, וואס זיי האבען נאר פערשפעטיגט עטליכע טאג אונ סוף כל סוף האבען זיי געמוזט ארויסשיקען קיין קאמעניץ פיער רבנים, פון סאטאנוב – ר׳ מענדיל, פון מעזיבוז – ר׳ ליב, פון יאזלאוויץ – ר׳ בער, אונ פון מאהילוב – ר׳ יוסף קרעמעניצער. פון די פראנקיסטענס זייט זענען געקומען ביז דרייסיג פארשטעהער, אונ בעזאנדערס האבען דעמאלט געשפיעלט א ראללע יהודה ליב קריסא פון נאדווארנא, שלמה בן אלישע שור פון רוהאטין אונ נחמן בוסקער. ביי אזא לאגע, וואו די רבנים האבען קיין מויל ניט געקאנט עפנען אונ האבען מיט גרויס מיה פערשטאנען די שאלות, וועלכע מען האט זיי פאר-געלעגט, איז קיין וואונדער ניט וואס די פראנקיסטען זענען געבליבען גערעכט. דעם 14 אקטאבער 1757 האט דער עפיסקאפ ארויסגעגעבען א פסק, אז דאס שאדליכקייט פונ׳ם תלמוד איז בעוויזען געווארען, אז מען מוז פערברענען אללע גמרות וואס געפינען זיך אין גאנץ פאדאליען, אז די יודען מוזען בעצאהלען די פראנקיסטען 5000 גולדען פאר זייער טרחא אונ 154 רענדליך דארפען זיי מנדר זיין אויף צורעכטצומאכען די קאמעניצער קאטאלישער קירכע, אונ א חוץ דעם זענען זיי מחויב רוהיג אויסצוהערען די פראנקיסטען, ווען זיי וועלען זיי זאגען מוסר אונ צורעדען זיי זאלען זיך נעהמען אויף זייער וועג.

א פחד איז געפאלען אויף די פוילישע יודען, ווען זיי האבען געזעהען אז דעמבאווסקי טרייבט טאקי קיין קאטאוועס ניט אונ ער האט שוין נעגעבע

א בעפעהל מען זאל זוכען אין אללע יודישע הייזער אונ צונעהמען אללע גמרות, וואס מען וועט דארט געפינען. זיי האבען זיך געקלאגט פארן קאניג אלליין אונ האבען געפונען אפילו א שטיקעל צד, ווייל דער ערשטער מיניסטער, דער גראף בריהל האט געהאלטען ביי זיך א יודישען פאקטאר ברוך ינן, אונ ער האט זיי צוגעזאגט גאנצע גליקען; נאר זיי האבען אומזיסט אויסגעבראכט געלד אונ האבען נאר ניט געפועלט. פון אללע זייטען האבען זיך דערווייל געשלעפט וואגענס, פול מיט גמרות, קיין קאמעניץ אונ פונקט ערב ראש חדש כסלו האט מען דעם תלמוד פערברענט. די יודען האבען דעם טאג גע־פאסט אונ האבען דאס אומגליק גערופען „שרפת התורה". די פראנקיסטען האבען ווידער געטאנצט אונ זייער שמחה איז נאך גראסער געווארען, ווען דער עפיסקאפ האט געהייסען דער פאליציע זי זאל גייטהען די ווייבער, וועלכע האבען זיך פריהר אבגעזאגט פון זיי — וועגען דעם חרם וואס די רבנים האבען זיי פריהר מחרים געוועהן —, זיי זאלען זיך צוריק אומקעהרען צו זייערע מאנ־נער. דעמאלט האבען עטליכע פרויען אלליין זיך דאס לעבען גענומען, ווייל זיי האבען גערעכענט פאר א גרויסען חטא צו בלייבען צווישען די פראנ־קיסטען.

באלד האט זיך אבער דאס גליק אבגעטהון פון די פראנקיסטען אונ איז איבערגעגאנגען צו די יודען. קיין חדש איז ניט אבגעלאפען זייט מען האט דעם תלמוד פערברענט אונ דעמבאווסקי איז פלוצלונג געשטארבען. די וועלט זאגט א ווארטעל, אז דער טויט איז קיין נקמה ניט. פון דעסטוועגען האבען די יודען געשריגען, אז דאס האט דעמבאווסקי געהאט א מפלה פאר דעם גרויסען חלול השם וואס ער האט אנגעמאכט, אונ קוים האבען זיי דערפיהלט, אז די פראנקיסטען האבען שוין מעהר קיין בעשיצער ניט, האבען זיי זיך גענומען מיט אללע כוחות זיי צובעצאהלען כפל כפלים פאר די צרות, וועלכע זיי האבען איבערגעטראגען. מסירות האט זיך ווייטער אנגעהויבען שיטען אויף די פראנקיסטען, אונ דערצו זענען נאך די יודען געפאלען אויף א שכל אונ צו יעדער מסירה האבען זיי צוגעלעגט א היבשע מטבע, אונ דאס איז געוועהן דער בעסטער בעוויז, אז זיי זענען גערעכט. ביי אזעלכע מיטעל איז קיין וואונדער ניט וואס אין א קורצער צייט האט מען די פראנקיסטען ניט געקאנט דערקענען: א סך פון זיי האט מען איינגעזעצט אין תפיסה; די דאזיגע וואס מען האט איבערגעלאזט האט מען אבגעגאלט א האלבען קאפ מיט א האלבען בארד, עס זאל הייסען, אז דאס זענען ניט קיין יודען אונ ניט קיין קריסטען; פיעל זענען

זיך צולאפען קיין בעסאראביען, וואס איז דעמאלט געשטאנען אונטער דער מאכט פון טירקיי, נאר די פולישע רבנים האבען זיי דארט אויך ניט געלאזט רוהען, זיי האבען אוועקגעשיקט בריעף צום חכם-באשי קיין קאנסטאנטינאפאל און ער האט זיי גערודפט נאך מיט מעהר כעס. עס פלעגט צו ליעב דעם אפט קומען צו געשלעג, און איין מאל ביי אזא געשלעג האט מען דערהרג׳ט דעם אלטען אלישע שור.

אז דאס וואסער האט שוין דערגרייכט ביז צום האלז און די פראנקיסטען האבען מעהר ניט געקאנט אויסהאלטען, האבען זיי זיך געווענדעט צום קאניג אליין, און האבען איהם דערצעהלט וואס פאר א חסד דעמבאווסקי האט מיט זיי געטהון, ווי עס איז זיי געראטהען צו דערווייזען דאס שעדליכקייט פונ׳ם תלמוד, און ווי די יודען האבען זיך דערנאך מיט זיי דערפאר אבגערעכענט, און מען האט זיי פונ׳ם הימעל אראבגעווארפען טיעף אין דער ערד אריין. דער 11 יוני 1758 האט דער קאניג אויגוסט דער דריטע ארויסגעגעבען א בעפעהל אז די מלוכה דארף שיצען די פראנקיסטען, און זיי האבען דאס רעכט זיך צו בעזעצען אין גאנץ פולין. די יודען האבען זיך אבער געטהון וויערם: זיי האבען וואייטער געשיט מיט געלד און דעם קאניג׳ס בעפעהל איז געבליבען נאר אויפ׳ן פאפיער. ווי באלד די פראנקיסטען האבען א קוק געטהון, אז עס איז קיין תכלית ניט, און אז אהן א פארשטעהער וועט מען זיי טאקי צום איבריגען דערקוועטשען, האבען זיי אוועקגעשריבען צו פראנק׳ן, וואס איז דעמאלט געזעסען אין טירקיי, ער זאל זיי געבען איין עצה. פראנק האט ניט געמאכט קיין לאנגע שיהות און איז אים אנהויב פונ׳ם יאהר 1759 אליין געקומען קיין פולין בעטראכטען וואס עס פעהלט זיין חברה, און מיט וואס מען קאן זיי העלפען. דעמאלט האבען זיי בעשלאסען, אז עס איז נאך ווענינ וואס מען ווייזט די קאטאלישע גייסטליכע פון דער ווייטענס אז מען איז נוטה צום קאטאליציזים, נאר מען מוז זיי עס בעווייזען בפועל. פראנק האט פארגעלעגט מען זאל פשוט ווערען קריסטען און אלע האבען מסכים געווען צו זיין דעה, ווייל עס איז ביי זיי קיין ספק ניט געוועהן אז די גייסטליכע וועלען זיך מיט זיי שטארק משמח זיין און זיי אויפהאפען ווי א אבן טוב. זיי האבען באלד אנגעשריבען א פאפיער צום נייעם עפיסקאפ וראטיסלאוו לובינסקי, און האבען איהם מודיע געוועהן, אז זיי זענען אלע פערטיג אנצונעהמען דאס קריסטענטהום, און דערביי האבען זיי איהם געבעטען ער זאל פון זייערט־וועגען אפגעבען א פעלד, וואו זיי זאלען קאנען מלחמה האלטען מיט די שונאים

פונ'ם אמת, אונ ער זאל זיי ערלויבען נאך אמאל א ויכוח צו האבען מיט די יודען. לובינסקי האט זיי אבער זעהר קאלט אויפגענומען; וועגען ויכוח האט ער זיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט, אונ וועגען זייער איבערגאנג צום קאטאליציזמוס האט ער זיי געזאגט, אז ווארטער האבען קיין ווערטה ניט, אז אזעלכע זאכען טהוט מען פריהר אונ דערנאך קאן מען דערפון רעדען. יעדענפאלס האט ער געהייסען זייער פאפיער אבדרוקען, כדי ער זאל זיי קאנען האלטען ביים ווארט.

לובינסקי'ס קאלטע תשובה האט א ביסעל אבגעהאלטען די פראנקיסטען פון זייער פלאן אונ עס זענען אזוי אוועקגעגאנגען עטליכע חדשים ביז זיי האבען זיך געקאנט בערעכנען וואס זיי זאלען טהון. יעדענפאלס האט זיי פראנק אנגעזאגט זיי זאלען קיין שום שריט ניט מאכען ביז זיי וועלען ניט וויסען אז זייער לאגע איז געזיכערט, אונ ערשט דעם 16 מאי 1769 האבען זיי אוועקגעשיקט צוויי בקשות, איינע נאך אמאל צום עפיסקאפ לובינסקי, וועלכער האט דעמאלט בעקומען שוין א גרעסערע שטעללע, אונ די אנדערע צום קאניג. ביידע בקשות האבען אונטערגעשריבען אים נאהמען פון אללע פראנקיסטען, יהודה ליב קריסא אונ שלמה שור. אין דער בקשה צום קאניג איז געשטאנען אז זיי ערווארטען פון איהם טאקי ארעכטע הילף אונ האפען אז ער אלליין וועט אכטונג נעבען מען זאל זיינע ווארטען פינקטליך אויספאלגען, ווייל אויף זיין בעפעהל פון פריהר האט מען זיך ניט אומגעקוקט, אונ די יודען, וואס האבען אפילו פאר נאטט קיין מורא ניט, האבען געמאכט פון זיי א תל, אונ דערביי האבען זיי געבעטען ער זאל לאזען אויסרופען אין גאנץ פוילין אונ ליטא, אז ווער פון די פראנקיסטען עס האט זיך בעהאלטען, מאג זיך ארויסווייזען אונ דארף פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען, אז די מלוכה מוז זיי שיצען אונ זיי אומקעהרען זייערע ווייבער אונ קינדער, וועלכע האבען זיך געמוזט אין דער שלעכטער צייט אבטהיילען פון זיי, אונ אז זיי האבען דאס רעכט זיך בעשעפטיגען מיט עהרליכע פרנסות אין דער גאנצער מדינה.

ביים עפיסקאפ לובינסקי האבען זיי געבעטען צוויי זאכען: ערשטענס, האבען זיי אנגעוויזען. אז עס איז זעהר נאטהיג מען זאל זיי ערלויבען צו האבען א ויכוח מיט די רבנים, ווייל זיי ווייסען אז צווישען די יודען זענען דא זעהר פיעל, וואס פיהלען אין הארצען אז די פראנקיסטען האבען רעכט נאר זיי האבען נאך ניט אזוי פיעל כח זיי זאלען זיך אבטהיילען פון אנדערע, אונ אז זיי וועלען אבער זעהען. ווי די רבנים וועלען פערליערען זייער ווערטה ביים ויכוח, וועלען

זיי ביי זיך שטארקער ווערען און וועלען אויך ארויסשפרינגען גלייך מיט זיי. אויסער דעם האבען זיי געדרונגען, אז צו ליעב דעם זכות וועלען די איבריגע יודען אויך אפנען די אויגען און די קאטאלישע קירכע וועט בעקומען צעהנער טויזענדער נייע קאטאליקען. צווייטענס האבען זיי געבעטען, מען זאל זיי אביזוכען עפיס א מעמד פרנסה, ווייל זיי זענען כמעט אללע זעהר פעראָרעמט געוואָרען און לעבען פון נדבות, וואס מען שיקט זיי צו פון אונגארן און וואלעכייא. און דערפאר מוז מען זעהען זיי זאלען זיך קאנען בעזעצען מעהר צווישען קריסטען און די פריצים אליין זאלען זיי מקרב זיין, כדי זיי זאלען זיך פערדינען עהרליך זייער שטיקעל ברויט און ניט דארפען אזוי ווי די יודען, האלטען שענקען און שינדען די הויט פונ'ם פאלק. די פראנקיסטען האבען גערעכענט, אז דאס מאל וועט זיי געראטהען, ווייל דער קאניג האט שוין פריהר נאך ארויסגעוויזען אז ער האלט פון זיי און וועט זיי אצונד געוויס ניט אבזאגען, און לובינסקי וועט זיי אויך צו ליעב טהון, בעזאנדערס ביי דער גרויסער מאכט וואס ער האט דעמאלט געהאט. זיי האבען אבער א טעות געהאט: דעם קאניג איז די זאך נמאס געוואָרען, און ער האט זיי אפילו ניט געוואָלט ענטפערן; לובינסקי האט זיי אפילו יא געשיקט א תשובה, נאר קיין גרויסע הנאה האבען זיי דערפון ניט געהאט. ער האט זיי געגעבען אנצוהערען אז זיי רעהען מיט דער צונג, אט זאגען זיי אז זיי גלויבען אין קריסטוס און אט שרייען זיי אז זיי ווארטען אויף משיח, און מען קאן צו זיי קיין צוטרויען ניט האבען, און ביז זיי וועלען זיך ניט טויפען טארען זיי ניט רעדען פון קיין הילף. די יודען ווידער האבען ניט אויפגעהערט מלחמה צו האלטען. זיי האבען געשריגען, אז די פראנקיסטען וועלען קיין מאל ניט ווערען קיין אמת'ע קריסטען, פונקט ווי פון די שבתי צבי'ניקעס זענען ניט געוואָרען קיין אמת'ע טירקען, און פון זיי וועט נאר ארויס א שעדליכע קריסטליכע סעקטע. ביי דער אייגענער מיינונג איז אויך געוועהן דער שליח פונ'ם פאפסט אין פולין, דער גייסטליכער ניקאלאי סעררא, וועלכער האט געשריבען קיין רום אז מען מוז די פראנקיסטען לאזען טויפען און אז דעמבאווסקי האט אומזיסט אנגעמאכט וועגען זיי אזא געוואלד.

אזוי האבען די פראנקיסטען זיך געמוטשעט און געליטען ביז דאס רעדעלע פונ'ם מזל האט זיך ווייטער אדרעה געטהון צוריק, און עס האבען זיך אנגעהויבען פאר זיי עפיס ליכטיגערע טאג. לובינסקי האט געמוזט אוועקפאהרען און זיין שטעללע האט פערנומען מיקולישמיקאלסקי, וואס האט געוואָלט

אז די וועלט זאל נאר ווערען קאטאליקען. די פראנקיסטען האבען באלד פער־שטאנען, אז ביי איהם וועלען זיי אלדינג אויספיהרען אונ האבען זיך צו איהם געווענדט מיט א בקשה ער זאל זיי העלפען אין דער נויט, אונ אויסער דעם זאל ער זיי לאזען אוכוח האבען מיט די רבנים. מיקאלסקי האט אבער זיי גע־ענטפערט, אז קודם כל מוזען זיי בעווייזען אז זיי גלויבען פעסט אין די יסודות פונ'ם קריסטענטהום אונ דערנאך קאן מען שוין רעדען וועגען אוכוח. דעמאלט האבען ביידע פארשטעהער פון די פראנקיסטען, יהודה ליב קריסא אונ שלמה שור אנגעשריבען א גאנצע מגלה אויפ'ן נאהמען פון מיקאלסקי אונ האבען וועגען זייער אמונה אריינגעשטעלט זיבען פונקטען: 1) אז וואס די נביאים האבען געזאגט איבער משיח'ן איז שוין מקוים געווארען; 2) אז משיח איז געוועהן גאטט אליין מיט זיין נאהמען „אדני", אונ ער האט אנגענומען דאס געשטאלט פון א בשר ודם, כדי ער זאל קאנען מכפר זיין די עונות פון אללע; 3) אז זייט משיח איז געקומען זענען בטל געווארען אללע מנהגים אונ דינים פון קרבנות; 4) אז יעדער איז מחויב צו דיענען דעם משיח, ווייל אין איהם ליעגט די גאנצע ישועה; 5) אז דער קרייץ איז משיח'ס חתימה אונ א זכר פונ'ם דרייאייניגען גאטט; 6) אז ביז מען טויפט זיך ניט קאן מען ניט משיג זיין דאס גרויסקייט פונ'ם מלך המשיח; 7) אז דער תלמוד בעפאהלט מען זאל נוטצען קריסטליך בלוט, אונ אז יעדער וואס גלויבט אין איהם קאן זיך אהן דעם בלוט ניט בעגעהען. דעם לעצטען פונקט האבען זיי געשטעלט מיט א בע־זונדער כונה אונ האבען בפירוש געשריבען, אז זיי וועלען עס דערוויזען אונ די רבנים וועלען מוזען מודה זיין, ווען מען וועט זיי נאר לאזען זיך מיט זיי אויסטענה'ן. זיי האבען געוואוסט גאנץ גוט, אז אויף אלדינג קאן מען זיי נאך איבערפרעגען טויזענדער שאלות, אונ די הויפט־פראגע מוז זיין: פאר וואס זיי טויפען זיך נאך אלליין ניט? דערפאר איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען דעם בלבול פון בלוט אריינגעבען פאר א נדן אונ דא וועט מען זיי שוין לאזען טהון וואס זיי וועט געפאלען. די פראנקיסטען האבען טאקי קיין טעות ניט געהאט: קוים האט מיקאלסקי דערהערט, אז ביים וכוח וועט מען רעדען וועגען עלילות הדם האט ער זיך אין דעם אנגעחאפט מיט ביידע הענד, אונ אפילו ניקאלאי סעררא, דער שליח פונ'ם פאפסט, וואס האט איבערהויפט געקוקט קרום אויף די פראנקיסטען, איז אויך געוועהן נייגעריג צו וויסען וואס פאר בע־האלטענע סודות די אינווענינגסטע שונאים פון די יודען וועלען ארויסגעבען. אין יענער צייט האט גראד דער פאפסט קלעמענט דער דרייצעהנטער

ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז מען טראכט אומזיסט אויס אויף די יודען אז זיי דארפען בלוט אויף פסח, און אז מען טאר זאלען אזעלכע זאכען אין די קאטאלישע לאנדער ניט פארקומען. דארויף האט איהם ארויפגעבראכט א געוויסער יעלעק, א יוד מיט א היים יודיש הארץ, וואס האט ניט געזשאלעוועט קיין מיה און קיין צייט און איז אליין געפאהרען קיין רום און האט ניט גערוהט ביז דער פאפסט האט איהם ניט אויסגעהערט און גוט איבערגעקוקט אללע בעווייזע, וועלכע ער האט געבראכט. אודאי האט ניקאלאי סעררא זעהר געגארט אז דער וכוח זאל שוין זיין, די פראנקיסטען זאלען שוין גיכער אויסזאגען די אינווענינסטע סודות, און ער זאל האבען וואס צו מעלדען קיין רום. און ער האט פון זיין זייט אויך צוגערעדט מיקאלסקי'ן ער זאל לאזען ביידע צדדים זיך אויסטענה'ן, ווייל סאי ווי סאי וועלען זיי איינע אויף די אנדערע ארויסזאגען דעם אמת, און מען וועט דערווייל געוואהר ווערען די חסרונות פון אללע.

פון דעסטוועגען איז מיקאלסקי'ן ניט אזוי גרינג אנגעקומען ביז ער האט געקאנט בעשטימען עס זאל ווערען א וכוח צווישען די יודען, און די פראנקיסטען. כמעט אללע גייסטליכע האבען ניט געקאנט ליידען די פראנקיסטען און האבען געשריגען, אז אפילו, ווען זיי וועלען זיך טויפען וועט מען פון זיי האבען שטאנדיג גרויסע צרות, עס וועט פון זיי נאר ארויס א שעדליכע סעקטע און קוים וועלען זיי נאר פערבעסערן זייער לאגע, וועלען זיי זיך נוהג זיין מיט'ן קריסטענטהום גלייך ווי אצונד מיט'ן יודענטהום, און וועלען זאגען דעות אז דאס איז ביי זיי הייליג און יענץ ניט. אז מיקאלסקי האט זיך וועגען דעם וכוח אנגעפראגט ביי לובינסקי'ן, האט ער געזאגט אז מען דארף זיך נאך גוט מיישב זיין, און האט געהייסען זיך אנפראגען: ערשטענס, וואס פאר א חלוק עס איז צווישען די פראנקיסטען, וואס רעכנען זיך פאר געגנער פונ'ם תלמוד, און די קראימעם, וועלכע גלויבען אויך ניט אין איהם; צווייטענס, צו האבען די פראנקיסטען פעסטע געזעצע אין זייער אמונה; דריטענס, צו מיינען זיי טאקי די זאך לשמה אדער זיי רעכנען פשוט, עס זאל זיי בעסער ווערען אין פרנסה, ווען זיי וועלען זיך טויפען; פיערטענס, צו וועט מען האבען א רעכטען מענשען, וואס זאל געטריי איבערזעצען אלדינג וואס עס וועט גערעדט ווערען ביים וכוח; און פינפטענס, ווער זענען די צוויי מענשען, וואס שרייבען שטאנדיג אים נאהמען פון אללע פראנקיסטען, צו זענען זיי עהרליכע לייט און צו האבען זיי א כח הרשאה פון זייערע ברידער; אויף די אללע שאלות האט מיקאלסקי,

ווי עס שיינט, געגעבען אַ קלאָרע תשובה, און עס איז ענדליך בעשטימט געוואָרען, אַז דעם 16 יולי 1759 זאָל אין לעמבערג זיין דער וכוח, און מען האָט צו וויסען געגעבען אַללע רבנים פון דער געגענד זיי זאָלען אויסקלויבען דריי שלוחים און ווי באַלד זיי וועלען פערשפּעטיגען וועלען זיי מוזען בעצאָהלען שטראַף טויזענד טהאַלער, אַחוץ דעם וואָס עס וועט שאַדען דעם כלל ישראל.

מיקאלסקי האָט אויף דעם וכוח פיעל גערעכענט, און ער האָט זיך טאַקי איינגערעדט, אַז ווי באַלד די פראַנקיסטען, אָדער, ווי ער האָט זיי גערופען, זהריסטען, וועלען גובר זיין די תלמודיסטען, האָט ער שוין פערטיגע קאַטאָליקען פון אַללע פוילישע יודען. ער האָט געהייסען אויספּוצען די הויפּט-קירכע פון לעמבערג, וואו דער וכוח האָט בעדאַרפט פּאַרקומען, און די גראָסטע שררות האָבען זיך אַהין פערזאַמעלט. מען האָט געצאָהלט פאַר בילעטען וועהר גרויסע מקחים, און דאָס געלד איז געגאַנגען אויף די אָרעמע פראַנקיסטען. פון די יודען זיינען געקומען ביז פיערציג רבנים, און בראָשם זיינען געוועהן, דער לעמבערגער רב ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, און דער יאָזלאָוויצער רב ר' בער, וואָס איז שוין געוועהן ביים ערשטען וכוח אין קאַמעניץ און האָט שוין געהאַט אַ ביסעל געניטהשאַפט; פון די פראַנקיסטענ'ס זייט זענען געקומען יעקב פראַנק אַלליין און זיינע ביידע מקורבים, יהודה ליב קריסאַ און שלמה שור. אַוודאי, אַז די רבנים האָבען פאַר זיך דערזעהען דעם גרויסען עולם, די פוילישע מאַגנאַטען מיט זייערע אויסגעפוצטע דאַמען, זענען זיי ביי זיך נאָר אַראָבגעפאַלען. די פראַנקיסטען האָבען ווידער גערעדט נאָר מיט אַ אַנדער שטאַרקהייט, זיי האָבען געפיהלט, אַז ביי אַללע, וועלכע שטעהען אַרום זיי, זענען זיי שוין פון פריהער גערעכט. דערצו זענען נאָך די רבנים געוועהן געבונדען, ווייל ערשטענס, האָבען זיי געמוזט אָנקומען צו אַ איבערזעצער און ער האָט ניט געקאָנט און אפשר טאַקי ניט געוואָלט אַקוראַט איבערגעבען זייערע רעד; צווייטענס, האָבען די פראַנקיסטען זייערע אַללע ראַיות געבראַכט פונ'ם זהר און עס איז זיי שווער געוועהן אָבצוזאָגען זיך פון דעם ספר, וואָס איז ביי זיי אויך הייליג געוועהן; און דריטענס, האָבען זיי פּשוט מורא געהאַט צו רעדען איבריגע ווערטער, די קריסטען זאָלען ניט זאָגען אַז מען שאַנדעט זייער גלויבען. אַזוי האָט מען זיך אָבגעמוטשעט גאַנצע דריי טאָג, דעם 16, 23 און 30 יולי. די רבנים האָבען כמעט קיין מויל ניט געעפענט, אפילו ווענען עלילות דם. האָבען זיי זיך ניט געקאָנט רעכט אויסטענה'ן, ווייל זיי האָבען

קיין געשיכטע ניט געקאנט, פון די טויזענדער בעווייזע, וואס געלעהרטע יודען האבען שוין פריהר מיט הונדערטער יאהרען געבראכט, האבען זיי ניט אנגעהויבען וויסען, זיי האבען זיך נאר געקאנט שווארען אז זייער פאלק איז אומשולדיג; נאר אויפ'ן ווארט האט זיי קיינער ניט געוואלט גלויבען, חאטש זייערע שונאים האבען אויך מעהר ניט געהאט ווי ווערטער. אונ, בעדעקט מיט שאנד אונ שפאט, האבען זיי געמוזט צוזעהען ווי דער גאנצער עולם איז זיך משמח מיט די פראנקיסטען אונ מען שרייעט, אז ביי זיי איז נאר דער גאנצער אמת.

פונקט ווי צוויי יאהר צוריק אין קאמעניץ, האבען די רבנים געהאט דעם איינענעם פסק אין לעמבערג, נאר די נאכוועהעניש'ען פונ'ם צווייטען ויכוח זענען שוין ניט געוועהן אזעלכע: מען האט זיך בעגנוגט מיט'ן בזיון, וואס מען האט אנגעטהון די יודען, מען האט פון זיי חוזק געמאכט, פון נייע גזירות אבער האט מען שוין ניט גערעדט. אונ די עטליכע נמרות, וואס האבען זיך נאך פערוואלגערט אין די ישיבות אונ בתי מדרשים, זענען געבליבען גאנץ. דערפאר איז די לאגע פון די פראנקיסטען דווקא געווארען שוואכער. נאך דעם וואס זיי האבען זיך אין אללע פאפירען ארויסגעשטעלט ווי אמת'ע קריסטען, נאך דעם וואס זיי האבען ביים ויכוח מיט פייערנע רעד בעוויזען אז זייער גלויבען איז דאס קריסטענטהום, האבען זיי די גייסטליכע אנגעהויבען דערקוטשען זיי זאלען זיך טאקי טויפען, אונ עס זאל ווערען איין ענדע. די פראנקיסטען איז אבער שווער געוועהן זיך דארויף צו ענטשליסען, ווייל רעדען מיט'ן מויל, אדער אפילו שרייבען מיט דער האנד, האבען זיי זיך מתיר געוועהן אלדינג; אז עס איז אבער טאקי געקומען צום רעכטען עיקר, האבען זיי ניט געוואלט אבטרעטען פון זייערע יסודות, וואס זענען פארט געוועהן אנדערע, ווייל זיי האבען ניט געהאלטען פון קיין אנדער משיח, אויסער שבתי צבי אונ יעקב פראנק. וואס מעהר צייט עס איז אוועקגעגאנגען, האבען די גייסטליכע וועניגער זיי געלאזט רוהען אונ האבען געשריגען, אז אזוי בלייבען טארען זיי ניט אונ מוזען אננעהמען דעם קאטאליציזמוס. די פראנקיסטען האבען זיך בעטראכט אונ האבען געזעהען אז קיין אנדער וועג האבען זיי ניט, אונ ווי באלד זיי וועלען זיך טאקי ניט טויפען וועלען זיי מאוס אבשניידען פון ביידע זייטען, אונ סאי יודען, סאי קריסטען וועלען מאכען פון זיי אתל. דערצו האבען זיי זיך נאך בערעכענט אז קיינער קאן זיי ניט פארווערען צו בלייבען אין הארצען די איינענע וואס זיי זענען, חאטש די וועלט וועט זיי האלטען

פַאר קְרִיסְטֶען, אָט אִיז דָאךְ שַׁבְּתַי צְבִי גֶעבְּלִיבֶּען דֶער אֵיינֶעֶנֶער מָשִׁיחַ, חָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ מַחֲמַד'נֶער. וָואס וְשֶׁע וֶועלֶען זֵיי פֶערְלִיעֶרֶען אַז זֵיי וֶועלֶען אִיבֶּערְגֶעהֶען צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם? אַזאַ תֵּירוּץ הָאבֶּען זִיךְ דִי פְרַאנְקִיסְטֶען גֶע־פוּנֶען, פְרַאנְק אַלֵיין הָאט זֵיי שׁוֹין לַאנְג צוּגֶערֶעדְט דֶערְצוּ, אוּנ עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען אַז זֵיי זָאלֶען אַלֶע פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין וֶוערֶען קַאטָאלִיקֶען.

דֶעם אֱמֶת מוּז מֶען זָאגֶען, אַז אַ שְׁטַארְקֶע נְגִיעָה אִין דֶעם, וָואס דִי פְרַאנְקִיסְטֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיסְגֶעטוֹיפְט, הָאבֶּען אוֹיךְ דִי יוּדֶען גֶעהַאט. בַּאלְד נָאךְ דֶעם לֶעמְבֶּערְגֶער וִכּוּחַ הָאבֶּען דִי רַבָּנִים גֶעמַאכְט אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאוו, אַ גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה אוּנ עֶס אִיז נִגְמַר גֶעוָוארֶען בַּיי זֵיי, מֶען זָאל אַנְוֶוענְדֶען אַלֶע מִיטֶעל אוּנ זֶעהֶען אַז דִי פְרַאנְקִיסְטֶען זָאלֶען זִיךְ אוֹיפְהֶערֶען צוּ רֶעכְנֶען פַאר יוּדֶען. זֵיי הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז כָּל זְמַן דִי פְרַאנְקִיסְטֶען וֶועלֶען נִיט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר כְּלָל, וֶועט מֶען זֵיי נָאךְ נִיט אֵיין מָאל שְׁלֶעפֶּען צוּ אַ דִין תּוֹרָה, אוּנ דַוְקָא צוּ אַזֶעלְכֶע דַיָּנִים, וָואס קָאנֶען דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַרַיינְוַוארְפֶען אִין גְרֶעסְטֶען אוּמְגְלִיק; דַארִיבֶּער אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען זֵיי זָאלֶען זִיךְ לָאזֶען קָאסְטֶען אַ הִיבְּשֶׁע מַטְבֵּעַ אוּנ זֵיי צוּטְרַייבֶּען צוּ דֶער טוֹיפֶע. דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי אֱמֶת'ע סִבָּה, וָואס דִי קַאטָאלִישֶׁע גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי גֶענוּמֶען צוּם הַארְצֶען, אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען דִי פְרַאנְקִיסְטֶען זָאלֶען בְּלַייבֶּען אִין מִיטֶען; צְוֵויי טוֹיזֶענְד יוּדִישֶׁע רֶענְדְלִיךְ הָאבֶּען אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען אַזאַ חֵשֶׁק, אַז מֶען הָאט פָּשׁוּט דִי פְרַאנְקִיסְטֶען גֶעצְווּנְגֶען בַּיי דִי פָּאלֶעס אוּנ מֶען הָאט זֵיי גֶעשְׁלֶעפְּט צוּם טוֹיפֶען. נָאר אֵיין גֶעוִוֶער הָאבֶּען דֶערְמָאלְט דִי רַבָּנִים גֶעהַאט, דָאס אִיז גֶעוֶועהן ר' יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב. מֶען דֶערְצֶעהְלְט נָאךְ פוּן אִיהם, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוָאהר גֶעוָוארֶען וִוי דִי יוּדֶען שִׁיטֶען נָאךְ מִיט גֶעלְד אַבִּי זֵיי זָאלֶען פַּטֶר'ן דִי פְרַאנְקִיסְטֶען, הָאט עֶר דַארוֹיף זֶעהר גֶעקְרֶעכְצְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט, אַז נָאטְט אַלֵיין וֵויינְט אוֹיף אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וַוייל כָּל זְמַן אַ קְרַאנְקֶער אֵבֶר אִיז נָאךְ צוּגֶעהֶעפְט צוּם גוּף, קָאן מֶען נָאךְ הָאפֶען, אַז עֶר וֶועט אַמָאל גֶעזוּנְד וֶוערֶען, וִוי בַּאלְד מֶען שְׁנַיידְט אִיהם אָבֶּער אָב, אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיף עֶבִּיג פֶערְלָארֶען....

נָאךְ אִין דֶעם אֵיינֶענֶעם יָאהר 1759 הָאבֶּען זִיךְ דִי פְרַאנְקִיסְטֶען אָנְגֶע־הוֹיבֶּען צוּ טוֹיפֶען, אוּנ נָאר אִין אֵיין לֶעמְבֶּערְג הָאבֶּען זִיךְ אִין אַ פָּאר חֳדָשִׁים אוֹיסְגֶעטוֹיפְט מֶעהר פוּן טוֹיזֶענְד. דִי עֶרְשְׁטֶע, וֶועלְכֶע הָאבֶּען אָנְגֶענוּמֶען דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם וֶוענֶען גֶעוֶועהן אֶלִישָׁע שׁוֹר'ס בֵּיידֶע זִיהְן; שְׁלֹמֹה שׁוֹר, וָואס הָאט זַיין נָאמֶען אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען אוֹיף לוּקַאס פְרַאנְצִישֶׁקִי וָואלָאווְסְקִי

און נָתָן שוֹר, וָואס הָאט זִיךְ דֶערְנָאךְ גֶערוּפֶען מִיכַאִיל וָואלָאוְוסְקִי.
יַעֲקֹב פְרַאנְק אַלֵיין הָאט זִיךְ גֶעטוֹיפְט שְׁפֶּעטֶער פוּן אַלֶע, וַוייל עֶר הָאט
גֶעוָואלְט מַאכֶען דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע צֶערֶעמָאנְיֶע. עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפָאהְרֶען קֵיין
וַוארְשָׁא, און הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפִירְט גָאר גְרוֹיס; גֶעלְד הָאט עֶר גֶעהַאט
גֶענוּג, און אַז עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָאהְרֶען אִין אַ טְהַייעֶרֶע קַארֶעטֶע מִיט זֶעקְס
פֶערְד, אָנְגֶעטְהוּן אִין דִי שֶׁאנְסְטֶע טִירְקִישֶׁע קְלֵיידֶער און אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט
פִינְפְצִיג רַייטֶער, אִיז מֶען אִיהם נָאכְגֶעלָאפֶען און עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען
רַעַשׁ. עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם קֶאנִיג, און הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר
זָאל אִיהם דִיעֶנֶען וִוי אַ פָאטֶער בַּיי דֶער טוֹיפֶע, און א ו י ג וּ ס ט דֶ ע ר דְ ר י טֶ ע
אִיז מְרוּצָה גֶעוָוארֶען צוּ זַיין פְרַאנְקְ'ס טוֹיף-פַאטֶער. מִיט גְרוֹיס פַארַאד אִיז
פְרַאנְק אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קַאטָאלִיצִיזְמוּס, בַּיים טוֹיפֶען הָאט עֶר זִיךְ גֶעגֶעבֶּען
אַ נַייעֶן נָאהמֶען: יוֹסֵף, צוּזַאמֶען מִיט אִיהם הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ גֶעטוֹיפְט זַיין
פְרוֹי חַנָה און זַיין טָאכְטֶער חַנָה. אִיהם הָאבֶּען שׁוֹין נָאכְגֶעטְהוּן דִי אִיבְּרִיגֶע
פְרַאנְקִיסְטֶען און קֵיין אֵיינְצִיגֶער פוּן זֵיי אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אִין יוּדִישְׁקַייט.

אַ צוּנְד הָאבֶּען שׁוֹין, דַאכְט זִיךְ, דִי פְרַאנְקִיסְטֶען גֶעקָאנְט רֶעכְנֶען אַז
זֵייעֶרֶע צָרוֹת הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלָאזְט, צוּם סוֹף הָאבֶּען זֵיי זִיךְ עֶרְשְׁט אָנְגֶע-
הוֹיבֶּען: דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם וָואלְט זֵיי בֶּאֱמֶת גֶעוֶועהן גֶעבְּרַאכְט רוּה, וֶוען זֵיי
גֶעהַמֶען עֶס מִיט'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען און מֵיינֶען דֶערְבַּיי קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת נִיט,
זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער אַרוּמְגֶעטְרָאגֶען מִיט אַ מַחֲשָׁבָה זָרָה, אַז נָאר לְפָנִים וֶועלֶען
זֵיי זִיךְ רֶעכְנֶען פַאר קְרִיסְטֶען, און גֶעטְרַייא וֶועלֶען זֵיי טַאקִי בְּלַייבֶּען שַׁבְּתַי צְבִי'ס
תוֹרוֹת, דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט, אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם טוֹיפֶען, צוּ
בֶּעטֶען בַּיי דֶער מְלוּכָה מֶען זָאל זֵיי אָפְּגֶעבֶּען אַ בֶּעזוּנְדֶער אָרְט צוּ וָואהנֶען.
פְרִיהֶר הָאט עֶס נָאךְ גֶעהַאט אַ זִין, וַוייל זֵיי הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען, אַז זֵיי קֶאנֶען
נִיט זִיצֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי יוּדֶען, וָואס טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ זֵיי אוּמְזִיסְט
און טְהוּעֶן זֵיי אָן צָרוֹת; אַ צוּנְד אָבֶּער הָאט מֶען פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי ווִילֶען
לֶעבֶּען אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט נָאר צוּ לִיעבּ דֶעם, זֵיי זָאלֶען זִיךְ קֶאנֶען פִיהְרֶען פְרַיי אוֹיף
זֵייעֶר אַלְטֶען דֶרֶךְ. אַוַודַאי אִיז אוֹיף זֵיי גֶעפַאלֶען אַ חֲשַׁד און נָאךְ מֶעהר וָואס
מֶען הָאט גֶעווּאוּסְט, אַז אוֹיף זֵייעֶר פָארְשְׁטֶעהֶער פְרַאנְק קָאן מֶען זִיךְ נִיט
פֶערְלָאזֶען, וַוייל עֶר הָאט זֶעהר לַייכְט גֶעבִּיטֶען דִי אֱמוּנָה: פְרִיהֶר אִיז עֶר
גֶעוֶועהן אַ מַחְסַדְנֶער און דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אַ קַאטָאלִיק. מֶען הָאט זִיךְ
אָנְגֶעהוֹיבֶּען מֶעהר צוּצוּקוּקֶען צוּ זֵייעֶרֶע הַנְהָגוֹת און בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט זִיךְ אָנְגֶ-
עהוֹיבֶּען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג, אַז זֵיי זֶענֶען פַאלְשׁ דֶעם נַייעֶם גְלוֹיבֶּען. דִי

פראנקיסטען האבען אפילו פון זייער זייט אנגעגעבען דער מלוכה א פאזיציער און בעשריבען אלעדינג, וואס איז מיט זיי פארגעקומען די גאנצע צייט, נאר אין דעם פאפיער האבען זיי זיך נאך ערגער פערדרעהט, ווייל זיי האבען פון פראנק'ן דערצעהלט גאנצע מופתים, ווי ער האט זיי עטליכע מאל נביאות געזאגט, און עס איז אללעס מקוים געווארען, און סוף כל סוף האבען זיי אויסגעדרונגען, אז זיי האלטען פראנק'ן פאר א פערבארגענעם משיח, און אז זיי האבען אויף זיין לייב אלליין געזעהען די וואונדען פון קריסטוס. דערמיט האבען זיי אויף זיך ארויפגעשלעפט גאר א גרויסע צרה, ווייל די גייסטליכע האבען טאקי אנגעהויבען שטארק מורא צו האבען, זיי זאלען ניט אנמאכען א נייע קריסטליכע סעקטע; זיי האבען זיך שוין גאר אנדערש גענומען צו זיי און זעכס פראנקיסטען, וואס מען האט זיי, ווי עס שיינט, שרעקליך גע-סוטשעט, האבען ארויסגעגעבען אללע סודות. עס איז נאך קיין יאהר ניט אוועקגעגאנגען זייט פראנק איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום, האט מען איהם און נאך פיעל פון זיין חברה, אים יאנוואר 1760, איינגעזעצט און מען האט איהם אנגעקלאגט, אז ער ניט זיך אויס פאר משיח'ן און אז ער האט מחלל געוועהן די קדושה פונ'ם קריסטענטהום דערמיט, וואס ער האט עס אימיסטען אנגענומען כדי ער זאל קאנען בעפעסטיגען זיין שאדליכען גאנג. צוויי חדשים האט געדויערט, און עס איז ארויס דער משפט מען זאל איהם און זיינע אללע מקורבים האלטען דאס גאנצע לעבען פערשלאסען אין א פעסטונג און אויסער דעם זאלען נאך זיינע צוהעלפערס, ווי קריסא, שור און אנ-דערע, נאכגעהן צו די שווערסטע ארבייט. לויט דעם געזעץ, איז פראנק'ן אייגענטליך געקומען פערמשפט ווערען צום טויט, נאר מען האט געלעגט כבוד אויפ'ן קאניג, וואס איז געוועהן זיין טויף-פאטער, און מען האט איהם געשענקט דאס לעבען. די יודען האבען גאר אומגערעכט דערלעבט א נקמה, ווייל חאטש זיי האבען ניט אויפגעהערט צו רודף'ן די פראנקיסטען, האבען זיי אויף אזא ביטערן סוף ניט געקאנט ארויסקוקען און, אז זיי האבען דערזעהען ווי מען האט פראנק'ן מיט זיינע לייט איינגעקאוועט אין קייטען, און מען האט זיי אוועקגעפיהרט קיין טשענסטאחאב און די איבריגע פראנקיסטען האט מען צושיקט אין די ערטער, וואו זיי זענען געבארען געווארען, און די מלוכה האט צוגעשריבען מען זאל אויף זיי גוט אכטונג געבען, זיי זאלען זיך מעהר ניט אבגעבען מיט אזעלכע שאדליכע זאכען, האבען זיי ניט געגלויבט די איינענע אויגען.

נאך װעניגער האט זיך פראנק אליין געקאנט גלויבען, אז פלוצלונג װעט ער האבען אזא מפלה דארט װאו ער האט גערעכענט, אז עס איז נאר אויף זיין חברה געקוסען די רעכטע ישועה, אונ אז ער דארף שוין מעהר פאר קיינעם ניט מורא האבען. ביי איהם איז דאס קריסטענטהום נאר געװעהן א מאסקע אונ מען האט דערנאך געפונען, אז ער שרייבט טאקי אין זיינע כתבים, אז מיט דעם שריט האט ער אבגענארט די קריסטען פונקט װי יעקב אבינו האט אבגענארט יצחק'ן אונ האט זיך אנגעטהון אין א פעל מיט האר, כדי דער פאטער זאל איהם ניט דערקענען אונ איהם שענקען זיין ברכה. דערפאר האט ער זיך אפילו ניט געװאלט שטארק פערשטעלען אונ קוים האט ער זיך מיט אללע פראנקיסטען גערעכענט פאר קריסטען האט ער זיך װייטער געטהון זיינס. ער האט אויסגעקליבען פון זיינע מקורבים צװעלף מענשען, פונקט נעגען דער צאהל פון די שבטים אונ פון קריסטוס'ס שליחים (אפאסטאל), אונ האט זיך שוין געבראכען דעם קאפ איבער א פלאן, װי אזוי ער זאל זיין מאכט צוטהיילען צװישען די דאזיגע צװעלף תלמידים, אונ זיי זאלען זיך דערנאך פערשפרייטען אויף דער גאנצער װעלט. ער האט אבער פערגעסען, אז קיין סודות זיינען גישט איביג: אודאי מען האט זיי גוט נאכגעקוקט אונ צו װיסען געגעבען די גייסטליכע, אז ניט קיין פערבלאנזעטע שאפעליך האבען זיי צונויפגעזאמעלט אין דער קאטאלישער קירכע נאר באזע װאלף, װאס רייסען זיך נאך אלץ צוריק אין װאלד אריין. עטליכע האבען זיך מודה געװעהן אונ נאך ניך איז פראנק'ס האפנונג אין גאנצען צושטערט געװארען: ער האט געמיינט אז ער איז שוין נאר נאהענט צום ציעל אונ צום סוף האט מען איהם נאר פערשלאסען אין טשענסטאהובער פעסטונג. אונ זיין חברה האט מען צוװארפען אין אללע עקען פונ'ם לאנד.

ביטער איז אודאי געװעהן די פראנקיסטען, װאס מען האט זיי פערמשפט צו תפיסה אדער צו שװערע ארבייט, נאר ניט פיעל בעסער איז געװעהן די דאזיגע, װעלכע מען האט צושיקט אין פערשיעדענע שטאדט. זיי האבען געמוזט ארומגעהען אין די הייזער, אונ אזוי װי יודען אונ קריסטען האבען זיי פיינד געהאט האט מען זיי אפילו קיין נדבות ניט געװאלט געבען, אונ א סך װעגען פשוט אויסגעשטארבען פון הונגער. אזוי האבען זיי זיך אבגעמוטשעט מעהר פון א יאהר, ביז די גייסטליכע האבען אויף זיי פארט רחמנות בעקומען אונ האבען זיי אװעקגעשיקט קיין װארשא אויף ארבייט, זיי זאלען האטש זיך פערדיענען דאס טרוקענע שטיקעל ברויט. דאס קאן מען

פערשטעהען, אז קיין גרויס ליעבשאפט צו די יודען האבען די פראנקיסטען ניט געקאנט האבען, אונ וואו עס פלעגט נאר אויסקומען האבען זיי זיך ניט געפוילט ארויפצולעגען אויף זיי כל הרעות. אין א קליין שטאדטעל וואילאוויץ, ניט ווייט פון זאמושץ, האבען די פראנקיסטען אבגעטהון די יודען אזא שפיצעל: זיי האבען גענומען זייערע א פרוי אונ זי אנגעטהון אין אזעלכע קליידער, וואס פאסען פאר אלטע פרומע יודישע ווייבער, כדי עס זאל הייסען אז זי איז די רביצין, אונ זי איז געקומען צום גייסטליכען אונ האט איהם איבערגעגעבען א סוד, אז איהר מאנן, דער רב מיט נאך עטליכע בעלי בתים האבען פאר פסח דערהרג'ט א קריסט אונ בענוצט זיין בלוט. פון דעם שפיצעל האט זיך אבער אויסגעלאזט זעהר א ביטערע זאך: מען האט דעם רב אונ נאך אנדערע איינוואהנער, וואס די פראנקיסטען האבען זיי געוואלט טרעפען אונ האבען געהייסען דער פערשטעלטער רבי'צין דערמאנען זייערע נאהמען פערמשפט צום טויט, אונ די אמת'ע רבי'צען, וואס פון איהר איז קלאמערשט געקומען די מסירה אונ זי האט געביך פון קיין זאך ניט געוואוסט, האט מען אזוי לאנג געמוטשעט אונ אנגעטהון ענוים קשים ביז זי האט זיך געמוזט טויפען מיט פינף קינדער. די איבריגע יודען זענען זיך צולאפען אונ פונ'ם שטאדטעל איז געווארען א תל.

דרייצעהן יאהר איז פראנק געזעסען אין טשענסטוחוב. די ערשטע צייט איז איהם זעהר שלעכט געוועהן, וויל מען האט איהם געהאלטען זעהר שטרענג אונ ער האט ניט געטארט ארויסגעהען פון דער פעסטונג. פון דעסטוועגען האט ער ניט אויפגעהערט צו שרייבען אונ שטארקען אללע זיינע חברה-לייט, זיי זאלען בייזיך ניט אראבפאלען אונ אננעהמען דאס אומגליק פאר א נסיון, וואס נאטט פרווט זיי דערמיט, כדי זייערע הערצער זאלען ווערען ריין אונ געלייטערט. אויף זיין ענגש אלליין האט ער געזאגט, אז ער האט עס פריהר געוואוסט אונ האט אויסגעוויזען פונ'ם זהר, אז דארט געפינט מען א רמז, אז ער וועט מוזען זיצען אין געפאנגעניש גלייך מיט שבתי צבי. ביסלעכווייז האבען זיך אנגעהויבען מעהר פראנקיסטען צו בעזעצען אין טשענסטוחוב, כדי זיי זאלען זיין נאהענטער צו זייער ראש, אונ דעמאלט האט אויך פראנק בעקומען איין ערלויבניש צו וואהנען אין שטאדט, נאר ניט ארויספאהרען פון דארט. זיינע אנהאנגער האבען געשמירט מיט געלד מען זאל זיך ניט אזוי שטארק צוקוקען צו פראנק'ס הנהגות, אונ באלד האט מען שוין געזעהען פון איהם מופתים. עס האט געהייסען, אז ער האט צוויי מתים לעבעדיג געמאכט. די פעסטונג

פְלֶעגֶען דִי פְרַאנְקִיסְטֶען רוּפֶען „דִי טְהוֹיעֶרְן פוּן רוֹם“, אוּנ דָאס הָאבֶּען זֵיי בַּוְקָא אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין אַ גְמָרָא, וַוייל אִין דֶער מַסֶכְתָּא סַנְהֶדְרִין שְׁטֶעהט, אַז ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט אַמָאל גֶעפוּנֶען זִיצֶען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא בַּיי אַ הֵייל אוּנ הָאט אִיהם גֶעפְרֶאגְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? „גֶעה פְרֶעג אִיהם!“ הָאט אֵלִיָהוּ גֶעאֶנְטְפֶערְט. דַארוּיף הָאט אִיהם דֶער תַּנָא נָאךְ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: וואוּ וֶועט עֶר אִיהם גֶעפִינֶען? הָאט אֵלִיָהוּ אִיהם גֶעזָאגְט, אַז מָשִׁיחַ זִיצְט בַּיי דִי טְהוֹיעֶרְן פוּן רוֹם. נָאר ר׳ יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִיט בֶּעגְנִיגְט מִיט דֶער תְּשׁוּבָה אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר דֶערְקֶענֶען מָשִׁיחַ׳ן? דָא הָאט אִיהם אֵלִיָהוּ גֶעגֶעבֶּען אַ סִימָן, אַז עֶר זִיצְט צְווִישֶׁען דִי קְרַאנְקֶע אוּנ מְצוֹרָעִים אוּנ הֵיילְט זֵיי. אָט אִין דֶער דָאזִיגֶער גְמָרָא הָאבֶּען זִיךְ דִי פְרַאנְקִיסְטֶען אָנְגֶעחַאפְּט אוּנ הָאבֶּען גֶעדְרוּנְגֶען, אַז עֶס גֶעהט אוֹיף פְרַאנְק׳ן אוּנ אַז דָארְט וואוּ זַיין תְּפִיסָה אִיז גֶעפִינֶען זִיךְ דִי טְהוֹיעֶרְן פוּן רוֹם.

אִין דֶער צַייט וָואס פְרַאנְק הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין טְשֶׁענְסְטָאחָאב אוּנ הָאט שׁוֹין נִיט גֶעהַאט אֵייגֶענְטְלִיךְ וָואס אָנְצוּוֶוערֶען, וַוייל אוֹיף דֶער הִילְף פוּן דִי קַאטָאלִישֶׁע גַייסְטְלִיכֶע הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט מֶעהר רֶעכְנֶען, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט עֶטְלִיכֶע יְסוֹדוֹת פוּן זַיין אֱמוּנָה, אוּנ הָאט שׁוֹין גָאר נִיט גֶעוָואלְט קֵיינֶעם אַיינְרֶעדֶען אַז זַיין גְלוֹיבֶּען גְלַייבְט זִיךְ אוּם מִיט׳ן קַאטָאלִיצִיזְמוּס. נָאךְ זַיין לִמוּד, אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, אַז גָאטְט בֶּעשְׁטֶעהט פוּן דְרַיי חֲלָקִים, פוּן דֶעם עַתִּיקָא קַדִישָׁא, פוּן דֶער שְׁכִינָה אוּנ פוּן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, אוּנ פְרַאנְק אַלְלֵיין מֶאג זִיךְ רֶעכְנֶען פַאר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר הָאט אִין זִיךְ אַללֶע דְרַיי טְהֵייל פוּן דֶער גֶאטְטְלִיכֶער קְרַאפְט אוּנ דַארְף אָבְּקוּמֶען פַאר דִי זִינְד פוּן יִשְׂרָאֵל, אוּנ דֶער גְלוֹיבֶּען פוּן דִי פְרַאנְקִיסְטֶען אִיז אַ מִיטֶעל וֶועג אוֹיף אוֹיסְצוּגְלַייכֶען דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם מִיט׳ן יוּדֶענְטְהוּם. מִיט אַזֶעלְכֶע יְסוֹדוֹת הָאט עֶר אָנְגֶעפִילְט אַ גַאנְץ סֵפֶר, וָואס זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען דָארְט דֶערְנָאךְ צוּגֶעשְׁרִיבֶּען אַ סַךְ זַאכֶען פוּן זַיין נָאהמֶען אוּנ הָאבֶּען עֶס גֶערוּפֶען „פְרַאנְק׳ס תּוֹרָה“; נָאר קַיין בֶּעזוּנְדֶערֶע אוֹיפְטְהוּעכְצֶען הָאט מֶען פוּן אִיהם נִיט גֶעזֶעהֶען, דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן פוּנְקט אַזוֹינֶע פֶערְדְרֶעהְטֶע גֶעדַאנְקֶען, וֶועלְכֶע דִי פְרַאנְקִיסְטֶען הָאבֶּען שׁוֹין נִיט אֵיין מָאל אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אִין זֵייעֶרֶע פַּאפִּיעֶרֶען צוּם פּוֹלִישֶׁען קֶאנִיג אוּנ צוּ דִי קַאטָאלִישֶׁע גַייסְטְלִיכֶע, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, דִי אֵייגֶענֶע נַארִישְׁ־קַייטֶען נָאר מִיט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, מִיט מֶעהר עַזוּת אוּנ אוֹיסְגֶעלַאסֶענְהַייט.

וִוי וַוייט פְרַאנְק אִיז גֶעוֶועהן אַיינְגֶעבִּילְדֶעט, אַז דִי יוּדֶען מוּזֶען צוּשְׁטֶעהֶען צוּ זַיין אֱמוּנָה, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶערוּפֶען אֱמוּנַת אֱדוֹם, זֶעהט מֶען אַרוֹיס

דערפון וואס ער האט נאך אים יאהר 1767, ווען ער איז געזעסען אין טשענס־טוחובער פעסטונג, געשיקט א בריעף צו דער יודישער קהלה אין בראדי אונ האט זיי געווארנט זיי זאלען זיך נעהמען נאטש אין הארצען אונ ניט בלייבען ביי די אלטע נארישקייטען. ווייל די גבורה איז איבערגעגאנגען צו די פעלקער פון אדום אונ דער רצון פונ'ם אויבערשטען איז אז די קינדער פון אברהם יצחק ויעקב זאלען אננעהמען מיט ליעבשאפט זייער גלויבען. דערביי האט ער זיי געשריבען אויך א סימן אז אין גיבע צייטען וועלען די יודען פון קראקויא האבען א שטארקען פסק אונ נאטט'ס שטראף וועט זיי טרעפען. די בראדער יודען האבען מן הסתם זיך אויסגעלאכט פון זיין בריעף, נאר שפעטער מיט דריי אונ דרייסיג יאהר האבען פראנק'ס תלמידים נאך אמאל איבער־געשריבען דעם דאזיגען בריעף אונ צושיקט אין אנדערע קהלות, אונ דעמאלט האבען זיי שוין געקאנט דערוויזען, אז זייער רבי'נס נביאות איז מקוים געווארען אונ אז די קראקויער יודען האבען זעהר פיעל געליטען פון דער מלחמה וואס רוסלאנד האט אנגעהויבען מיט פולין.

אים יאהר 1768 איז ביי פראנק'ן געבארען געווארען א נייער געדאנק, וואס האט איהם אויף א קורצער צייט געגעבען זעהר גרויסע האפנונגען. ער איז געוואהר געווארען, אז דאס רוסישע חיל מיט'ן גענעראל רעפנין האט זיך צוגערוקט קיין קראקויא, אונ האט פערשטאנען אז דער פולישער מלוכה איז גענונג פערדרעהט דער קאפ, אונ מען וועט איהם וועניג אין זין האבען. דע־מאלט האט ער אויסגעקליבען דריי געטרייע שליחים פון זיינע חברה־לייט אונ האט זיי שטילערהייד אוועקגעשיקט קיין ווארשא צום רוסישען ארכימאנדריט נאר מיט א נייעם פלאן. דער ארכימאנדריט האט אויפגענומען פראנק'ס שליחים אונ איז נאר נבהל ומשתומם געווארען, אז ער האט דערהערט פון זיי ווי פראנק ליידט נעביך אומזיסט, ווי די קאטאליקען רודפ'ן איהם נאר דערפאר וואס ער האט געזעהען על פי קבלה, אז די היילינסטע פון אללע אמונות איז נאר די גריכישע (פראוואסלאווען), אונ ער האט געוואלט די דאזיגע אמונה בע־פעסטיגען צווישען זיינע תלמידים. ווער שמיעסט אז די שליחים האבען איהם געגעבען אנצוהערען, אז ווען פראנק ווערד פריי האט ער שוין פערטיגע צוואנציג טויזענד יודען וואס וועלען אננעהמען פראוואסלאוויע, האט זיך דער פרומער ארכימאנדריט אנגעחאפט אין דעם מיט ביידע האנד, אונ האט זיי געהייסען פאהרען קיין מאסקויא צו עטליכע גרויסע שררות, וואס זענען אים שטאנד געווען זיי צו העלפען. מיט גוטע רעקאמענדאציעס פונ'ם ארכימאנדריט

אונ פון נאך אזעלכע געהויבענע מענשען. ווענען די שליחים געקומען קיין מאסקווא, אונ האבען זיך דארט גענומען ארבייטען נאר אויף איין אנדער אופן. די פריהריגע מאפיערען, וואס קריסא אונ שור האבען ערשט ניט לאנג ארויסגעלאזט, אונ האבען זיך בעמיהט מיט פסוקים פון דער תורה אונ שטעליך פון דער קבלה צו בעווייזען דאס הייליגקייט פונ'ם קאטאליציזמוס, האבען די שליחים איבערגעדרעהט אונ די גאנצע קדושה אריינגעלעגט אין פראוואסלאוויע, אונ זיי האבען באלד אבגעזוכט אזעלכע מענשען, וואס האבען זיך געלאזט איינרעדען, אז פראנק קומט טאקי אב פאר זיין ליעבשאפט צו דער גריכישער קירכע אונ אז אונטער זיינע פלייצעס שטעהען טאקי צוואנציג טויזענד תלמידים, וואס זענען מוכן ומזומן צוזאמען מיט איהם צו ווערען פראוואסלאווע. עס קאן זיין אז די שליחים וואלטען זיך געוועהן צו עפיס צוגעשלאגען, נאר די יודען האבען זיך באלד דערוואוסט וואס דא געהט פאר אונ האבען אוועק־געשיקט זייער בעקאנטען שתדלן ברוך יון גלייך קיין פעטערסבורג אונ ער האט זיי דארט נאר אין גאנצען מבטל געוועהן. ברוך יון האט זיך געטוינט [illegible] אזעלכע זאכען אונ האט געוואוסט וואו א טהיר אפענט זיך אונ ער האט אומגעווארפען דעם גאנצען בנין, וואס פראנק'ס שליחים האבען גערעכענט אז זיי זענען שוין מיט איהם פערטיג. ער האט מיט געבראכט בריעף צו די גרעסטע רוסישע גייסטליכע אונ האט אומעדום אויפגעקלאהרט אז פראנק איז א פשוט'ער שווינדלער, אז אין תפיסה זיצט ער צו ליעב אבנארעריי, אז ער וויל שוין צום פינפטען מאל בייטען די אמונה, ווייל ער איז שוין געוועהן א יוד, א שבתי צבי'ניק, א טערק אונ א קאטאליק, אונ אז ער וועט מיט זיך ניט מיט ברענגען אפילו ניט קיין הונדערט־חלק פון דער צאהל. וואס זיינע שליחים בעריהמען זיך. אוודאי האבען זיי גאר ניט געפועלט, אונ האבען געמוזט אוועק־פאהרען פון רוסלאנד מיט חרפה אונ בושה: זיי האבען נאך געדאנקט גאטט, וואס מען האט זיי אבגעלאזט, ווייל מיט קיין פאסער זענען זיי ניט געקומען אונ רוסיש האבען זיי קיין ווארט ניט גערעדט.

אזוי האט זיך גאר נישט אויסגעלאזט פון פראנק'ס האפנונגען, אונ ער האט געמוזט בלייבען אין טשענסטוחוב נאך פינף יאהר. מיט איין זאך האט ער זיך חאטש געטרעסט, וואס ער האט דערלעבט א שטיקעל נקמה אין פו[illegible]. פון אללע זייטען האט מען זיך גענומען שטארק צו צערייסען דאס לאנד אונ פראנק האט אין זיך געהאט אזוי פיעל העזה צו שרייען אז דאס רעכענט זיך גאטט אב מיט דער פולישער מלוכה דערפאר וואס זיי האבען איהם אנגעטאן

אזוי פיעל צרות. אחוץ דעם האט איהם זעהר געפראהט ווען ער האט פון ווייטענס געהערט, אז זיינע תלמידים שווייגען נים אונ פערשפרייטען זיין תורה אין מאהרען אונ באהמען. עס איז טאקי אים יאהר 1769 געראטהען עטליכע פראנקיסטען זיך אריינצוכאפען קיין פראשניץ, אונ אזוי ווי דארט האט נאך געגליהט א פונק פונ׳ם בעריהמטען מקובל לייבעלע פראשניץ, איז זיי נים שווער געוועהן אבצוזוכען מאמינים, אונ באלד האט דאס שטאדטעל אנגעהויבען זידען ווי א קעסעל. פון דארט האבען זיך די פראנקיסטען צולאזט איבער גאנץ באהמען ביז זיי האבען זיך צושלאגען קיין פראג. נאר דא האט זיי דער בעריהמטער רב ר׳ יחזקאל לאנדויא נים געלאזט קיין קאפ אויפהייבען, ער האט זיי באלד אריינגעלעגט אין חרם אונ האט נאך צושיקט בריעף אין אלע יודישע שטאדט מען זאל זיך היטען פאר זיי ווי פאר פייער.

ענדליך איז אויך געקומען אויף פראנק׳ן א ישועה. אים יאהר 1772 האט דאס רוסישע חיל אבגענומען טשענסטוחוב, אונ פראנק האט אנגעהויבען ארבייטען מים אלע כוחות ער זאל נושא חן זיין ביי די רוסישע הויפט־לייט. וואס ער האט אזוינס אויפגעטהון, צו האט ער זיך פאר זיי אויסגעגעבען ווי א מענש וואס ליידט צו ליעב זייער רעליגיאן, אדער ער האט זיי פשוט געדיענט ווי א שפיאן, איז שווער צו וויסען, נאר אין עטליכע חדשים ארום האט איהם סובאראב געהייסען בעפרייען אונ ער האט זיך געמאגט פאהרען וואהין ער האט געוואלט. פראנק האט טאקי באלד, אים יאהר 1773, אוועקגעווארפען טשענסטוחוב, אונ האט ווייטער צושיקט א בריעף צו אלע יודישע קהלות. אין דעם בריעף האט ער שוין גערעדט שארפער אונ האט מודיע געוועהן די יודען, אז עס איז שוין צייט זיי זאלען זיך בעטראכטען וואו זיי האלטען אין דער וועלט, זיי זאלען זיך נים איינרעדען אז מען וועט זיי לאזען צו רוה, עס וועלען קומען צייטען וואס מען וועט זיי נים לאזען קיין גאס דורכגעהען, מען וועט אויף זיי שפייען אונ ווארפען שטיינער אונ קיינער וועט זיך פאר זיי נים אננעהמען. דערפאר איז זיין עצה, אז די יודען זאלען אננעהמען די אמונה פון אדום, אונ דעמאלט וועט דער שלאפער גובר זיין דעם שטארקען אונ זיי וועלען האבען דאס רעכט זיך צו רעכנען פאר דער ערשטער אמונה אונ פערנעהמען א בכבוד׳ן פלאץ צווישען אלע פאלקער.

ווי עס שיינט, האט זיך פראנק די ערשטע צוויי יאהר נאך דער בעפרייהונג ארומגעדרעהט אין פערשיעדענע ערטער, אונ האט אלץ געווארט, אז זיין בריעף

צו די יודישע קהלות זאל האבען עפיס א פעולה, נאר אז ער האט געזעהען אז די יודען זענען פארט עקשנים, אונ לאנגער בלייבען אין פולין האט ער מורא געהאט. האט ער זיך אים יאהר 1775 בעזעצט אין ברינן, דיא הויפט־שטאדט פון מאהרען, אונ זיינע דריי תלמידים, ביידע ברידער וואלאווסקי אונ עמערדסקי־דעמבאווסקי, וועלכער האט אין יודישקייט געהייסען ירוחם בן ליפמאן פון טשארטקוב, האט ער איבערגעגעבען די קאמאנדע זיי זאלען ארבייטען אין בראדי, לעמבערג, לובלין אונ נאך אנדערע שטאדט פון פולין אונ באהמען. די תלמידים האבען טאקי גענוג געארבייט, אונ וועז די צאהל פון די פראנקיסטען איז ניט גראסער געווארען, איז אבער דערפאר ביי פראנק'ן אין קעשינע פראהליכער געווארען, ווייל צווישען די יסודות פון דער נייער אמונה האט זיך גערעכענט פאר'ן הייליגסטען חוב צו געבען נדבות פראנק'ן. עס איז געווארען אזא גרויסע מצוה ווי א מאל קרבנות אונ דערפאר האט אפילו דער ארמסטער פון די פראנקיסטען אבגעריסען ביי זיך פונ'ם מויל אונ האט איהם געשיקט א פדיון. אודאי האט פראנק געקאנט לעבען נאר ברייט; געלד געהט צו געלד, פון אללע זייטען האט מען איהם אבגעשיט מיט רענדליך, זיין הויף האט אנגעהויבען ווערען א מקום קדוש אונ איז שטאנ־דיג געוועהן פול מיט פראנקיסטען, וואס פלעגען געהן אהין עולה רגל זיין, אונ פראנק איז געוועהן ארומגערינגעלט מיט עשר אונ כבוד.

אים יאהר 1778 איז פראנק אויף א קורצער צייט אריינגעקומען קיין וויען אונ האט דארט געשפיעלט נאר די גרויסע ראללע. ער האט אבגענומען פאר זיך מיט זיין חברה איינס פון די גרעסטע הייזער, ער פלעגט ארויספאהרען מיט די טהייערסטע פערד אונ די שאנסטע קארעטעס, אונ ביי אזא רייך לעבען האט ער צו זיך צוגעצויגען פיעל מענשען אונ די מלוכה האט זיך אויך אנ־געהויבען צוקוקען צו זיין הנהגה. צום אנהויב האט דער ערשטער מיניסטער גראף קוניץ איהם דוקא געשטיצט אונ אפילו ביי דער קייזערין מאריא טהערעזיא אליין האט ער נושא חן געוועהן, ווייל מען האט איהם אונ זיינע מקורבים גערעכענט פאר פרומע קאטאליקען. וועלכע האבען זיך שטארק אנגעליטען צו ליעב דעם גלויבען. באלד זענען אבער אנגעלאפען מסירות פון יודען אונ פראנק איז געצוואונגען געוועהן אוועקצוווארפען וויען אונ זיך צוריק אומקעהרען קיין ברינן, וואו קיינער האט איהם ניט געשטערט אונ ער האט זיך געקאנט פריי צופיהרען די האנד.

אין ברינן האט זיך פראנק געפיהרט פשוט ווי א מלך. ער האט געבען

זיך געהאט עטליכע הונדערט פראנקיסטען, וואס האבען אין פולין אוועקגע-
ווארפען ווייבער אונ קינדער אונ זענען געקומען זיך וואלגערן ביים רבי'ן אין
הויף; פון זיי האט זיך פראנק אויסגעקלויבען זיינע לייב-מענשען וואס פלעגען
איהם אבהיטען אונ דיענען געטריי אזוי ווי סאלדאטען, אונ גאנץ אפט איז
גאר געוועהן צו בעוואונדערן ווי גיך די פראסטע פולישע יודען האבען זיך אויס-
געלערנט צו טראגען א פארמע, געהען מיט שווערדען אונ זיך פיהרען ווי אללע
קרינס-לייט. פראנק האט מקרב געוועהן גראבע מענשען, אונ עס קאן זיין אז
ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווייל קיין לומדים זענען צו איהם
ניט געקומען; נאר אין זיינע כתבים פערענטפערט ער די זאך גאר אנדערש:
עס וואלט גאר קיין קונץ ניט געוועהן, זאגט ער, ווען דער רבונו של עולם
פיהרט זיין וועלט נאר דורך קלוגע מענשען; דער אויבערשטער טהוט אבער
פונקט פערקעהרט, אונ דוקא דורך קליינע אונ נארישע מענשעליך בעווייזט
ער אונז זיין כח. פראנק האט אבער פערשטאנען צו האלטען אין מורא אללע
זיינע לייט, וואס האבען ביי איהם געהייסען: „חברה ה'" אדער „מחנה", אונ וואס
פלעגען זיך צווישען זיך רופען איינער דעם אנדערן: שוועסטער אונ ברידער.
דערצו האט ער זיי אזוי אויסגעמושטירט, אז זיי זאלען קאנען זיין בעלי סוד, אונ
דארט וואו מען דארף זאלען זיי זיך אפילו אזוי פערשטעלען, אז זיי קאנען
קלאמערשט פראנק'ן ניט אויפ'ן פנים. דריי זאכען, געפינט מען אין זיינע
כתבים, האט ער זיי אנגעזאגט: ערשטענס, אז איהר וועט פאלגען ניין אונ
ניינציג מאל אונ דאס הונדערטע מאל ניט, איז גלייך ווי איהר זענט קיין מאל
ניט געטריי געוועהן; צווייטענס, אז איך זאג אייך, אז די ערד איז פון גאלד
דארפט איהר בלינד גלויבען אונ גאר ניט איבער פרעגען; אונ דריטענס, אז
איהר זעהט מיך אין גאס געהען צו פוס אדער רייטען אויף א פערד טאר קיינער
מיר ניט נאכקוקען אונ דערנאך אפילו ניט דערצעהלען דער אייגענער פרוי
מיט די קינדער, אז מען האט מיך בעגעגענט, ווייל פונ'ם איבריגען פלוידערן
קומט קיין גוטס ניט ארויס. גאנץ אפט פלעגט פראנק לערנען קבלה מיט זיין
מחנה אונ האט זיי פערשטעהען געגעבען, אז אין אמונה זענען דא דריי
מדרגות: די ערשטע איז דאס קריסטענטהום, וואס עס האט זיי דערצו
צוגעפיהרט; די צווייטע איז דת אונ דערביי האלטען זיי אצונד; אונ די
דריטע איז אדום, נאר דערצו קאן מען ערשט דערגרייכען, אז מען איז
גוט אונ פרום, אונ מען האט א גרויסען זכות אין הימעל.

פראנק'ס גאנצע הנהגה איז געוועהן פול מיט סודות. פון אללע אורחים

וָואס פְלֶעגֶען קוּמֶען ־קַיין בְּרִינְן הָאבֶּען נָאר עֶטְלִיכֶע גֶעצֶאהלְטֶע גֶעקָאנְט הָאבֶּען דִי זְכִיָה אִיהם אָפְּגֶעבֶּען שָׁלוֹם אוּנ מִיט אִיהם רֶעדֶען אַ פָּאר וָוארְטֶער, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט בֶּעגְנִיגֶען דֶערְמִיט, וָואס זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַ צַייט אַרוּמְגֶעדְרֶעהט בַּיי אִיהם אִין הוֹיף אוּנ הָאבֶּען אִיהם פוּן דֶער וַוייטֶענְס גֶעזֶעהֶען פָארֶען, חָאטְשׁ זַיין פָּנִים הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעקָאנְט אָנְקוּקֶען, וַוייל דִי ־קַארֶעטֶע אִיז גֶעוֶועהן צוּגֶעדֶעקְט פוּן אַלֶע זַייטֶען. פְרַאנְק הָאט גֶעהַאלְטֶען, אַ חוּץ נְבִאִים, שְׁרַייבֶּערְס אוּנ מְשָׁרְתִים, בִּיז זִיבְּצִיג לַייבּ־מֶענְשֶׁען, אוּנ אַז עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָאהרֶען אִיבֶּער דֶער שְׁטָאדְט אִיז דָאס גֶעוֶועהן אַ גַאנְצֶער פַאראַד: דֶער קוּטְשֶׁער אִיז גֶעוֶועהן אָנְגֶעטְהוּן אִין אַ גְרִינֶעם רוּסִישֶׁען מוּנְדִיר, אַרוּם דֶעם וָואגֶען פְלֶעגֶען פָאהרֶען צְוֶועלְף רַייטֶער מִיט לַאנְגֶע שְׁפִּיזֶען, עֶר אַלֵיין הָאט שְׁטָאנְדִיג גֶעטְרָאגֶען אַ רוֹיט זַיידֶען הִיטֶעל, אוּנ אוּנְטֶער דֶעם רוֹיטֶען לַאנְגֶען זַיידֶענֶעם מַאנְטֶעל טְהַייעֶרֶע פוֹילִישֶׁע קְלֵיידֶער אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע מַאגְנַאטֶען, אוֹיפ'ן פָּנִים אָבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעוִויזֶען וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פוֹילִישֶׁער יוּד, מִיט אַ גֶעדִיכְטֶער בָּארְד אוּנ מִיט לַאנְגֶע פֵּאוֹת, אוּנ נָאר דִי שְׁוַוארְצֶע פִינְקֶעלְדִיגֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען דֶעם סוֹד, אַז דָאס אִיז נִיט ־קַיין גֶעוֶועהנְלִיכֶער מֶענְשׁ. אִין קִירְכֶע פְלֶעגְט עֶר זֶעהר זֶעלְטֶען קוּמֶען, נָאר אַלֶע טָאג אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן דֶער מִנְהָג אַרוֹיסְפָאהרֶען אִין אַ וֶואלְדֶעל אוּנ דָארְט דַאוְונֶען בִּיְחִידוּת; דֶעמָאלְט אִיז אִיהם גֶעוֶועהנְלִיךְ, אוֹיסֶער זַיינֶע מְקוֹרָבִים, נָאכְגֶע־פָאהרֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער רַייטֶער, אוּנ הָאט מִיטְגֶעפִיהרְט וַואסֶער אִין אַ לֶעדֶער. פְרַאנְק הָאט יֶעדֶעס מָאל אָנְגֶעוִויזֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער פְּלַאץ, דָארְט הָאט מֶען אוֹיפְ־גֶעשְׁפְּרֵייט אַ טְהַייעֶרְן קָאוְויָאר (טֶעפְּפִיךְ) אוּנ עֶר הָאט דָארְט אֵיינֶער אַלֵיין זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קְנִיעַ אוּנ גֶעזָאגְט פֶערְשִׁיעדֶענֶע תְּפִלוֹת, דֶער עוֹלָם הָאט גֶעמוּזְט שְׁטֶעהֶען פוּן וַוייטֶענְס אוּנ הָאט נִיט גֶעטָארְט צוּגֶעהֶען נָאהֶענְט, אוּנ אַז דָאס דַאוְונֶען הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט הָאט מֶען דֶעם פְּלַאץ בֶּעגָאסֶען מִיט וַואסֶער.

פוּן זַיין קְדוּשָׁה הָאט פְרַאנְק אָפְּגֶעטְהֵיילְט דֶעם גְרֶעסְטֶען חֵלֶק זַיין שֶׁאנֶער טָאכְטֶער חַוָה, וָואס אִיז, נָאךְ דֶער מוּטְטֶער'ס טוֹיט, דִי גַאנְצֶע דְרַייצֶעהן יָאהר, וֶועלְכֶע דֶער פָאטֶער הָאט פֶערְבְּרַאכְט אִין דֶער טְשֶׁענְסְטָאחוֹב'ער פֶעסְ־טוּנְג, אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען גֶעוָוארֶען אִין וַוארְשָׁא בַּיי אֵיינֶעם פוּן דִי גְרֶעסְטֶע שְׂרָרוֹת אוּנ זִי אִיז גֶעוָוארֶען אַ זֶעלְטֶענֶע יְפַת תֹּאַר, גֶעלֶערְנְט אוּנ מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס פַּאסֶען פַאר אַ עֶדֶעל קִינְד. פְרַאנְק הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז צוּ זַיין שְׁווִינְדֶעל וֶועט אִיהם דִי טָאכְטֶער שְׁטַארְק צוּ נוּטְץ קוּמֶען, אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען

שרייען אז אין איהר ליעגט נאך מעהר רוח הקדש ווי אין איהם, אונ אז ניט ער אלליין, ניט אפילו שבתי צבי אונ די היילינע אבות האבען געהאט אזא געהויבענע נשמה ווי זי. ער האט זי אנגעהויבען רופען „אמונה“ אונ זיינע אללע כתבים זיינען פול געווארען מיט איהרע שבחים. „אז זי וועט אוועקגעהען פון אונז, פלעגט ער אפט זאגען, וועלען מיר אללע בלייבען ווי א גוף אהן א נשמה, אונ אז איהר זכות וועט אויף אונז מגין זיין וועלען מיר האבען ביידע וועלטען“. חוה האט גיך איבערגענומען דעם פאטערס דרך, אונ איז נאך געווארען מעהר בריה פון איהם, אונ א כח האט זי טאקי געהאט א גראסערן, וויל א שאנע פרוי איז דער בעסטער מאגנעט, אונ קאן צו זיך מעהר צו שלעפען ווי אללע אנדערע מיטעל. זי האט זיך נאך אנגעהויבען זעלטענער ארויסצווייזען ווי פראנק אונ איז שטאנדיג געוועהן ארומגערינגעלט מיט פיער־צעהן מיידלעך; עס פלעגט זעהר שווער אנקומען זי צו זעהען, אונ דערפאר האט מען נאך מגזם געוועהן איהר שאנהייט אונ וואס וועניגער מען האט זיי אנ־געקוקט האט מען אלץ מעהר גערעדט פון איהר אונ מען האט דערצעהלט גאנצע נסים ונפלאות. עס איז א סברא אז צו איהר האט זיך געשדכנ׳ט איינער פון די רייכסטע פוילישע מאגנאטען, דער גראף לובאמירסקי, אונ צו ליעב דעם פלעגט ער אפט קומען קיין ברינן.

אים יאהר 1782 איז פראנק צוזאמען מיט זיין בעריהמטער טאכטער נאך א מאל אריבערגעפאהרען קיין וויען, אונ האט דארט מיט זיין גרויס רייכקייט אונ מיט׳ן בריטען פיהרונג נאך מעהר אויפגעריסען די אויגען ווי מיט פיער יאהר צוריק. הונדערטער פראנקיסטען האבען זיך ארומגעדרעהט ביי איהם אין הויף, אונ עס איז זיי געראטהען אריינצונארען ניט וועניג יודען אין זייער נעץ. אין אסטעררייך האט דעמאלט געהערשט דער גוטער אונ מענשענפריינד־ליכער קייזער יאזעף דער צווייטע, וואס האט געגעבען פרייהייט אללע פעלקער אונ דאריבער האט אויך פראנק געקאנט טהון וואס ער האט גע־וואלט. די פאליציע האט זיך אפילו יא אומגעקוקט אויף זיין הנהגה אונ האט איהם געפרעגט פון וואנען עס קומט צו איהם אזא עשירות, נאר פראנק האט זיך אויסגעדרעהט מיט א תירוץ אז איהם שיצט די קייזערין פון רוסלאנד יעקאטערינא די צווייטע. די תשובה וואלט געווען גענוג ווען די יודען וואלטען איהם ניט מעהר זאטשעפעט, ער האט אבער געהאט שונאים, אי צווישען די פרומע, אי צווישען די אויפגעקלעהרטע, ביידע צדדים האבען איהם גערעכענט ניט אהין אונ ניט אהער אונ מען האט אנגעהויבען קלאגען דער

מלוכה אז ער איז פשוט א שאדליכער מענש, ווייל ער שלעפט צו זיך צו יונגע לייט אונ קליינע קינדער אונ זיי בעגנב׳נען די עלטערן אונ טראגען איהם אוועק דעם לעצטען גראשען. אוודאי האט שוין די מלוכה ניט געקאנט שווייגען. מען האט איהם געהייסען פון ווין ארויספאהרען. אונ ער איז צוריק געפאהרען קיין ברין, דארט האט ער שוין אבער אויך ניט געקאנט לאנג בלייבען, ווייל מען האט אויף איהם אכטונג געגעבען אונ ער האט געמוזט לעבען א ביסעל איינגעהאלטענער, אונ ער האט זיך ענטשלאסען צו זוכען פאר זיך מיט דער גאנצער „מחנה” א נייע היים אונ לחלוטין אוועקוואנדערען ברינן, וואו ער האט כמעט דרייצעהן יאהר כסדר געלעבט רוהיג אונ גליקליך.

נאך אין פולין האט פראנק אונ זיין גאנצע חברה זיך בעמיהט צו בעקומען א בעזונדער ארט. וואו זיי זאלען זיך קאנען זיצען אליין אונ קיינער זאל זיי ניט מישען אין זייערע ענינים, נאר עס איז זיי ניט געראטהען אונ דערפון האבען זיך נאך אנגעהויבען פאר זיי די גרויסע צרות; אצונד, אז מען האט פראנק׳ן טאקי אהן צערעמאניעס ארויסגעשיקט פון אסטערייך, איז ביי איהם געבליבען אז מעהר וואהנען צווישען שכנים איז קיין תכלית ניט, אונ אז דאס בעסטע וואלט געוועהן ווען ער ווערד אליין א בעל הבית אונ דארף נאר ניט אנקומען צו קיין פרעמדע. ער האט אנגעהויבען נאכזוכען א פלאץ אונ האט אים יאהר 1778 געפונען א טהייערן שלאס, ניט ווייט פון דער שטאדט אפענבאך, וואס האט געהערט צום פירסט איזענבורג בירשטיין, אונ אזוי ווי ער איז געוועהן א גרויסער נצרך אונ פראנק האט איהם נאך געגעבען זעהר א וואהלען מקח, האט ער איהם פערקויפט דאס גאנצע שלאס מיט דיא ערד אונ מיט אללע רעכטע וואס ער האט געהאט, אונ פראנק האט בעקומען דעם טיטעל באראן פאן אפענבאך אונ, פונקט ווי אללע אנדערע פירסטען, האט ער שוין געהאט צו שאפען איבער אללע איינוואהנער פונ׳ם שלאס, אונ די גאנצע מאכט איז איינגעשטאנען ביי איהם אין די האנד. מעהר האט טאקי פראנק ניט בעדארפט, ווייל ביי זיך אין שלאס האט ער געהאלטען נאר זיין „מחנה” אונ קיינער האט איהם שוין ניט געשטערט זאגען קיין דעה. מיט גרויס פאראד איז פראנק אריינגעפאהרען אין זיין שלאס צוזאמען מיט ביידע זיהן, יעקב אונ יוסף, אונ מיט זיין הייליגער טאכטער חוה אונ די איינוואהנער פון אללע שטאדט ארום האבען זיך אנגעהויבען ברעכען די קאפ, פון וואנען האט זיך צו זיי גענומען דער נייער פריץ. פראנק האט אליין ארויסגעלאזט א קלאנג, אז ער איז איינער פון די גרויסע רוסישע שררות, אז ער שטעהט

אונטער דעם שוץ פון דער קייזערין יעקאטערינא, און אז חוה איז א רוסישע פרינצעסין. באלד האט מען אנגעהויבען דערצעהלען גאנצע מעשות: א טהייל האבען געזאגט, אז פראנק איז א פוילישער פירסט. אנדערע האבען געדרונגען אז ער איז א געוועזענער רוסישער מלך, און גאר די קלוגע האבען אויסגעוויזען, אז ער איז מעהר ניט ווי איין אלטער רוסישער גענעראל וואס איז צוגעשטעלט געווארען, ער זאל אכטונג געבען אויף חוה'ן, וועלכע בעהאלט איהר נאהמען און איז אייגענטליך די טאכטער פון דער רוסישער קייזערין עליזאבעטהע פעטראוונא. קיין אנדערע געדאנקען האבען טאקי קיינעם ניט געקאנט קומען אויפ'ן מח, ווען מען האט בעטראכט פון דער ווייטענס דאס רייכקייט פון פראנק'ן, און ער אליין האט טאקי געוואלט מען זאל אויסטראכטען וואס מען וויל, אבי ווייטער זיין פונ'ם אמת.

צום אנהויב האט פראנק מיט זיך אליין מיט געבראכט אין שלאס אריין ביז זעכס הונדערט חברה-לייט. נאר דערנאך האט זיך די צאהל פערגרעסערט און אפט פלעגען זיך געפינען ביי איהם אין הויף מעהר פון טויזענד מענשען. די בשורה, אז פראנק האט זיך געמאכט א קליינע מלוכה און ביי איהם קאנען זיך די פראנקיסטען פיהרען נאך די ריינע יסודות פון זייער אמונה און פערשפארען זיך צו פערשטעלען, האט זייערע הארצער אנגעפילט מיט פרייד און יעדער פון זיי האט מיט פערגניגען אוועקגעשיקט אהין די שאנסטע מתנות און אפילו דער ארמסטער האט גערעכענט פאר א חוב חאטש איין מאל זיין אליין ביים רבי'ן, איהם איבערלאזען א רעכטען פדיון און אנקוקען מיט אייגענע אויגען זיין גדולה. פראנק האט זיך אויפ'ן נייעם ארט געפיהרט נאך מיט מעהר גדלות און זעהר זעלטען האט ער זיך געוויזען פאר די הונדערטער פרעמדע וואס האבען זיך מיט גרויס מיה קוים פערשלעפט צו איהם אין שלאס אריין און געוונג בעצאהלט נאר דערפאר זיי זאלען בעטראכטען חאטש די פיער וואנד פון זיין וואהנונג. חוה האט זיך אויך אזוי נוהג געווען און נאר איין מאל אין וואך האט מען זי געקאנט זעהען, ווען זי פלעגט ארויסגעהען פאר'ן טויער פונ'ם שלאס אויסטהיילען נדבות די ארעמע לייט. פראנק'ס הכנסה איז געווען אזוי גרויס, אז ער איז אים שטאנד געוועהן אויסצוהאלטען אויף זיין רעכנונג עטליכע הונדערט איינוואהנער פונ'ם שלאס און א חוץ דעם נאך צוטהיילען טויזענדער רענדליך פרעמדע קבצנים, און דאס אלדינג האבען געגעבען די פראנקיסטען און גראסטענטהיילס מעהר ווי פיעל די כוחות זייערע האבען געטראגען.

די הנהגה פון די פראנקיסטען ביי זייער משיח אין שלאס איז געוועהן אקוראט לויט פראנק'ס תורה, ווי ער האט אנגעשריבען אין טשענסטאחוב, נאר פראנק אליין פלעגט זעהר זעלטען דאווענען בציבור. זיי האבען געהאט זייער אייגענע קירכע ביים טייך מאין און אז פראנק פלעגט אמאל קומען אהין, האט מען איהם געשטעלט אונטער אטהייערע חופה, און דארט האט ער מתפלל געוועהן ביחידות. דאס פלעגט אבער געשעהן נאר עטליכע נעצאהלטע מאל אין יאהר; זיין געוועהנליך דאווענען איז געוועהן ווי פריהר אין אוואלד, וואו ער פלעגט פאלען כורעים, און דערנאך האט מען דאס ארט בעגאסען מיט וואסער. געטראגען האט ער שטענדיג זיין רויטען מאנטעל, ווייל זיין אמונה האט ער גערופען אדום און אדום הייסט אויך רויטה אויף לשון קודש, נאר אפט פלעגט ער זיך אנטהון ווייסע קליידער פון אכהן גדול, און מען דערצעהלט, אז ווען ער איז אמאל געפאהרען קיין פראנקפורט דורך אפענבאך און דער ווינד האט גראד צובלאזען דאס גרינע פארטוכעל פון דער קארעטע האט מען איהם דערזעהען זיצען אין אווייסען קיטעל מיט אאורים ותומים אויפ'ן הארץ און מיט קליינע גלאקלעך ארום די זוימען פון די מלבושים

דריי יאהר זענען אזוי אוועקגעגאנגען און פראנק האט דערפיהלט אז ער ווערט אלט און די כוחות לאזען זיך איהם אויס, דערצו האט ער בעמערקט אז אין זיין קאססע ווערט אלץ ווייניגער, און ער איז נאך אריינגעקראכען אין חובות, ווייל ווי די פדיונות האבען זיך ניט געשיט פון אללע זייטען האט עס פארט ניט געקאנט טראגען אויף אזא ברייטען לעבען. פראנס האט געוואלט בעווארנען די קינדער און זיי איבערלאזען א פעטע ירושה, און דאריבער האט ער אים יאהר 1781 מודיע געוועהן אללע פראנקיסטען זיי זאלען קומען צו איהם, ווייל ער זעהט אז לאנג ציהען וועט ער שוין ניט, און ער וויל זיך מיט זיי געזעגענען פאר'ן טויט. א שטארקען רעש האט די ידיעה אנגעמאכט אומעדום, וואו די פראנקיסטען האבען געוואהנט, און בעזאנדערס אין ווארשא, ווייל דארט האבען זיך געפונען די רייכסטע און די פערמעגליכסטע פון זיי, און עס איז ביי זיי אללע געבליבען, אז עס מאג זיי קאסטען זייער גאנץ עשירות און זיי מוזען נאך בעקומען פראנק'ס ברכה עהדער ער וועט צומאכען די אויגען. זיי האבען אבער מורא געהאט די מלוכה זאל זיך ניט אומקוקען אז צופיעל מענשען פאהרען ארוים און זאל זיך ניט שטויסען וואוהין די נסיעה איז, דערפאר האבען זיי פריהר ארויסגעשיקט די ווייבער מיט די

קינדער קיין דייטשלאנד אונ דערנאך האבען זיי ביסלעכווייז צונויפגענומען אללע זייערע קאפיטאלען אונ זענען אויך אריבער די גרעניץ. צו שפאט האט זיך די פולישע מלוכה געכאפט אונ האט אין גאנצען פערהאלטען אין וועג עטליכע מענשען מיט פיערציג טויזענד רענדליך. דאס איז אבער ניט געוועהן אפילו קיין צוואנציגסטעל פון דעם וואס די פראנקיסטען האבען איבערגעפיהרט פראנק'ן אונ געבראכט זיינע קינדער א פערטיגע ירושה.

טאקי נאך אין דעם יאהר, דעם 10 דעצעמבער איז פראנק געשטארבען אונ מעהר פון אכט הונדערט פראנקיסטען זענען געוועהן ביי זיין לויה. מיט גרויס פאראד האט מען איהם מקבר געוועהן אין אפענבאך, נאר קיין נייסטליכער איז ניט געוועהן דערביי, ווייל חאטש דער טויט האט ביי זיי צוגענומען זייער מנהיג איז זיי געבליבען הייליג „פראנק'ס תורה", אונ זיי האבען אללע גוט געוואוסט, אז מיט די קאטאליקען געהערען זיי זיך גאר ניט אן, אונ אז אצונד דארפען זיי נאך איינוועגדען מעהר כח צו בעפעסטיגען די אמונה פון ארום.

א קיילעכדיגען יאהר האבען די פראנקיסטען בעוויינט זייער משיח'ן אונ געטראגען טרויער נאך איהם, נאר קיין יתומים זענען זיי פארט ניט געבליבען: חוה האט איבערגענומען די גאנצע ארבייט פונ'ם פאטער, אונ עס איז איהר אויך ניט שווער געוועהן, ווייל פראנק האט שטענדיג געשריגען, אז קיין הייליגערע פון איהר איז גאר ניטא, אונ דער עולם האט זיך שוין פון לאנג געוואהנט מיט דעם געדאנק, אז זי מוז נאך זיין טויט ארויף אויף זיין ארט. חוה האט טאקי פערשטאנען ווי אזוי צו דרעהען דאס ראדעל: ביידע ברידער זענען ביי איהר געוועהן געטרייע נביאים, אונ אחוץ דעם האבען איהר געהאלפען די אלטע פראנקיסטען וואלאווסקי, דעמבאווסקי אונ נאך אנדערע, וואס זענען שוין געבליבען וואהנען אין שלאס אונ האבען דארט איינגעפיהרט א קליינע נאר א זעלבסטשטענדיגע מלוכה מיט חיל אונ כלי זין. אויף אזעלכע זאכען דארף מען אבער האבען א סך געלד, אונ די פדיונות, וואס מען פלעגט ברענגען, האבען ניט געקלעקט אויף אזא הוצאה; ווער שמיעסט אז עס זענען נאך אוועקגעגאנגען עטליכע יאהר, אונ דער עולם האט אנגעהויבען ווייניגער פאהרען צו איהר, האט חוה אנגעהויבען פיהלען א מאנגעל, אונ איז געצוואונגען געווארען צו מאכען חובות. געטרויעט האט מען איהר אומעדום, ווייל קיינער איז ניט מסופק געוועהן, אז זי איז טאקי א רוסישע פרינצעסין, אונ דערפאר איז זי אים יאהר 1798 שוין שולדיג געוועהן דריי מיליאן גולדען. אז עס איז איהר

געוואָרען שטאַרק ענג האָט זי צולאָזט פיעל פון איהרע דיענער, אונ אַ סך פראַנקיסטען, וואָס האָבען ביי איהר אין הויף געלעבט, האָבען געמוזט זיך אומקעהרען קיין פולין אָדער זוכען זיך אַרבייט ערגיץ אין די פאַבריקען פון דייטשלאַנד. די בעלי חובות האָבען מן הסתם אויך ניט געשוויגען, נאָר זי האָט זיי אָנגעהויבען פיהרען מיט הבטחות אַז אָט אָט דאַרף איהר אָנקומען געלד פון רוסלאַנד אונ זי וועט זיך מיט אַללע אָבּרעכנען. דערווייל האָבען איהרע נביאים צושיקט בריעף אין אַללע שטעדט, וואו די פראַנקיסטען געפינען זיך, אונ האָבען מודיע געוועהן, אַז חוה איז אין אַ גרויסער נויטה, אונ זיי האָבען באַלד ווייטער אויסגעלעדיגט די קעשענעס; בעזאָנדערס האָט מען איהר אַריינגעשיקט פיעל געלד פון פראַג. עס איז שוין אָבער אַלץ וועניג געוועזען, זעהר וועניג מיילער האָט זי דערמיט געקאָנט פערשטאָפען אונ, ווי עס שיינט, האָט מען איהר אָנגעהויבען שטאַרק דערקוטשען. חוה האָט נאָך אַ מאָל געמוזט מאַכען אַ שווינדעל, אונ האָט אים יאָהר 1800 צוקלעבט אין אַללע גאַסען פון אָפּענבאַך מודעות, אַז זי שיקט אַרויס איהר ברודער קיין פעטערסבורג אונ פון דאָרט וועט ער אין זעכס חדשים אַרום צוריק קומען מיט חיל אונ געלד, אונ דעמאָלט וועט זי די דאָזיגע, וואָס וועלען רוהיג וואַרטען, בעצאָהלען פינקטליך זייער קאַפּיטאַל מיט פּראָצענט, אונ די, וועלכע וועלען זיין עזות־פנים'ער, וועלען זיי האָבען וואָס צו געדענקען. ווי נאַריש אַזא מודעה וואָלט זיך בעדאַרפט אויסווייזען, האָבען זיך געפונען גענוג נאַראָנים, וואָס האָבען איהר געגלויבט, אונ אַז מען האָט געזעהען אַז חוה אַלליין איז אויף אַ צייט אַוועקגעפאָהרען קיין ווענעדיג אונ איהר ברודער יעקב האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין רוסלאַנד האָבען זיי זיך געקוויקט מיט דער האָפנונג אַז גאָר גיך וועט זיך אַ גוס טהון אַ רעגען פון רוסישע רענדלעך, אונ זיי וועלען בעקומען אַ מנה יפה. קוים האָט זיי אָבער חוה איינגעשטילט, האָט זי זיי שוין אַללעמען פערגעסען. וואָס זי האָט געטהון אין ווענעדיג — איז ניט בעקאַנט, נאָר אַז איהר ברודער איז געפאָהרען קיין פעטערסבורג נאָר ניט זוכען געלד, זעהט מען אַרויס דערפון, וואָס שפּעטער מיט פיערצעהן יאָהר האָט ער שוין געדיענט ווי איין אָפּפיציער אין דער רוסישער אַרמעע.

מיט אַ וועהטיג אין הארצען האָבען דעמבאָווסקי אונ וואָלאָווסקי, די גרויסע זיילען וואָס אויף זיי האָט זיך נאָך אין גאַנצען געהאַלטען דער בנין פון אמונת אדום, בעטראַכט ווי פראַנק'ס אַרבייט געהט לאיבוד, אונ זיי האָבען זיך ענטשלאָסען צו מאַכען די לעצטע פּרווו אונ שיקען אַ בריעף צו

דער יודישער קהלה אין פראג, טאמער וועט זיך אויפבלאזען דער פערלאשענער פונק, און עס וועט ווערען א נייע שרפה. אין דעם בריעף, וואס איז געוועהן געשריבען מיט רויטהען טינט פאר א זכר פון אדום, האבען זיי דערמאנט די יודען דעם מאמר פון דער גמרא: „יעקב אבינו לא מת“ און איהם אנגעווענדעט אויף פראנק'ן און געוויזען, אז יעקב פראנק איז ניט גע־שטארבען, ווייל זיין תורה לעבט און וועט עביג לעבען; זיי האבען מזהיר געוועהן די עקשנים, וואס פערמאכען די אויגען פאר'ן ליכט פונ'ם אמת, אז אין גיכע צייטען וועלען זיי חרטה האבען דארויף וואס זיי פערלירען ביידע וועלטען, נאר עס וועט זיי ניט העלפען און צוריקהאפען דאס גליק, וואס זיי האבען אליין פון זיך אוועקגעשטופט, וועלען זיי ניט קאנען. דער דאזיגער בריעף האט אבער ניט געהאט די איינענע פעולה ווי אללע פריהריגע בריעף, וואס פראנק אליין האט געשיקט: עס איז ניט נאר ניט צוגעקומען קיין נייע פראנקיס־טען, נאר די צאהל פון די אלטע האט זיך אנגעהויבען פערקלייגערן, די דאגות פרנסה האבען יעדען פערשלאגען דעם קאפ און זעהר זעלטען האט זיך עמיצער דער־מאנט צו שיקען א פדיון דער רבי'צין, וואס האט דערוויל געמוזט אויסשטעהן גענוג צרות; וואו זי האט דערטאפט א גראשען האט זי אלץ אריינגעשטופט די בעלי חובות, אזוי האט זי זיך אבגעמוטשעט נאך פיער יאהר ביז עס איז איינעם פון איהרע קרעדיטארען נמאס געווארען, און ער האט זיך געווענדט צום געריכט. עס איז שוין געוועהן בעשטימט דער טאג פונ'ם משפט, נאר פלוצלונג איז אין אפענ־באך ארויס א קלאנג אז חוה איז געשטארבען, און מען האט זי שוין בעגראבען. דער טויט מיט דער קבורה איז אזוי שטיל און גיך צוגעגאנגען אז קיינער האט זיך ניט געוואלט גלויבען, און עד היום רעכענט מען, אז זי איז דעמאלט גאר פאר בושה אנטלאפען קיין פולין און ערשט שפעטער מיט עטליכע יאהר האט זי דארט געפונען איהר עביגע רוה.

אזוי האט זיך אויסגעלאזט די גאנצע מאכט פון יעקב פראנק און זיין טאכטער חוה, און ווען עס קומט איינעמליך פאר ווי א וואונדער, וואס מען האט כמעט דרייסיג יאהר געלאזט עקסיסטירען א קליינע יודישע מלוכה, קאן מען עס נאר פערשטעהן דערמיט, וואס גראד אין יענע צייט זענען אללע לאנדער פון איירופא געוועהן פערדרעהט מיט מלחמות און האבען זיך גאר ניט געקאנט אומקוקען ווי איינער פון די דייטשע באראנען מאכט זיך משוגע און פיהרט זיך עפיס משונה, האלב ווי א יוד און האלב ווי א קריסט. קוים זענען

אונטערגעוואקסען אפאר דורות, זענען שוין די קינדער פון די פראנקיסטען געווארען ריינע קאטאליקען און האבען מעהר ניט געדענקט די יודישע מנהגים, וואס זייערע עלטערן האבען נאך אבגעהיט, חאטש גאנץ לאנג פלעגען זיי זיך נאך משדך זיין איינער מיט'ן אנדערן און צו ליעב דעם איז ביי זיי געבליבען א זכר, אז זיי קומען ארויס פון די פראנקיסטען. נאך אצונד געפינען זיך אין ווארשוי א סך משפחות, ווי כרזשעזינסקי, יאסינסקי, קראסינסקי, מאיעווסקי, פיאטראווסקי, וואלאווסקי, זאוואדסקי, זעלינסקי און נאך אנדערע, וואס רעכנען זייער יחוס פון יהודה ליב קריסא און אלישע שור. א סך פון זיי שעהמען זיך ניט מיט זייער יודישען שרש, און דער בעריהמטער פולישער אדוואקאט דאמיניק זעלינסקי האט זיך אפט ליעב געהאט צו בעריהמען אז זיין באבע פלעגט איהם אים שבת מכבד זיין מיט „קוגעל”, ווען ער איז געוועהן א קליין קינד. איבערהויפט איז דער יודישער כבוד געבליבען איינגעבאקען ביי אללע עניקלעך פון די פראנקיסטען און, אז עס האט זיך אמאל געמאכט וואס איינער פון די שונאי ישראל האט אויפ־געווארפען דעם אבער־פראקוראר קאנטי וואלאווסקי, אז זיין עלטער זיידע איז געוועהן א יוד, האט ער מיט גאוה געענטפערט דארויף, אז ער נעהמט זיך אדרבא איבער דערמיט וואס ער שטאמט ארויס פון לומדים און האט געקאנט פון זיי ירשנען א סך שאנערע מעלות און מדות ווי דער ווילדער כח וואס איז איבערגעגאנגען צו פיעל פריצים פון זייערע אבות און אין דעם בעשטעהט אין גאנצען זייער חכמה.

עס איז נאר צו בעוואונדערן וואס די גאנצע צייט, ווען אין פולין האבען די שבתי צבי'ניקעס געפיהרט אזיינע וועלטען און פון זיי איז ארויס אזא מענש ווי יעקב פראנק, האבען זיי פון דעסטוועגען געהאט פאר זיך פארט אזא גרויסען צד ווי ר' יהונתן אייבשיץ, וואס האט געוויס די זאך געמיינט ערנסט און אלדינג האט ער געטהון לשם שמים. חאטש ר' יהונתן אייבשיץ האט זיך שוין גוט אבגעבריהט מיט די קמיעות און האט זיך געמוזט ארייג־לאזען אין אזא מחלוקת, וואס נאר זיין כבוד התורה האט איהם ארויסגעראטע־וועט פון דער סכנה, האט ער ביז צום טויט ניט אויפגעהערט שטילערהייד צו שטיצען די שבתי צבי'ניקעס, ווייל ער האט שטארק געגלויבט אז זיי וועלען אויסארבייטען עפיס א נייעם דרך, וואס וועט פארט בעסער זיין פונ'ם אלטען. עס איז איהם אבער גענוג בעשערט געוועהן צו זעהען ווי אללע זיינע האפנונגען ווערען צושטערט, ווייל זיין איינגער יונגסטער זוהן וואלף אייבשיץ

איז געוואָרען אַ פייערינער פראַנקיסט, ער האָט געמאַכט יד אחת מיט וואָלאָווסקי'ן, נאָר ער האָט זיך נאָך דערצו אַריינגעלאָזט פּשוט אין שווינדעל, ער האָט אויסגעבראַכט פיעל געלד, אונ איז אַריינגעקראָכען אין גרויסע חובות אונ אַז די בעלי חובות האָבען איהם אָנגעהויבען רודפ'ן, האָט איהם די אַסטערדייכישער מלוכה געשיצט, ווייל ער האָט זי פערזיכערט אַז ער וועט זיך טויפען, אונ צו ליעב דעם האָט ער נאָך ביי איהר אויסגענאַרט דעם טיטעל באַראָן פאָן אַדלערשטהאל. אַוודאי האָט דער אַלטער ר' יהונתן אייבעשיץ דערפון קיין נחת ניט געקאָנט האָבען אונ זיינע געגנער האָבען געדרונגען אַז דאָס שטראָפט איהם גאָטט דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט זיין קלינער פון אַנדערע אונ האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַזעלכע דרכים וואָס האָבען געקאָנט מאַכען אַ תל פון'ם גאַנצען יודישקייט.

במעט אין דער אייגענער צייט וואָס דאָס קליינע יודיש וועלטעל אין פוילין האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל צו ליעב דער גרויסער מלחמה וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען ר' יהונתן אייבעשיץ אונ די איבריגע רבנים וועגען קמיעות אונ צווישען די יודען אונ די פראַנקיסטען, איז אין איין אַנדער עק פון דער מדינה געקומען אויף זיי אַ נייע צרה, וואָס מען האָט זיך נאָר אויף איהר ניט געריכט. הונדערט יאָהר זענען שוין אַוועקגעגאַנגען זייט באַגדאַן חמעלניצקי האָט אָנגעמאַכט זיין גרויסע שחיטה, דער גאַנצער דור, וואָס האָט נאָך געקאָנט געדענקען די שרעקליכע צייט, איז שוין לאַנג אויסגעשטאָרבען אונ נאָר איין טרויעריגער זכר איז געבליבען — דאָס זענען געוועהן די תעניתים, וואָס פרומע יודען האָבען אָבגעהיט אונ די טרערען וואָס זיי האָבען פערגאָסען אויף די קברים פון טויזענדער הרוגים — פּלוצלונג האָבען זיך די קאָזאַקען, אים יאָהר 1768, ווייטער צו בונטעווען אָקעגען פוילין אונ זייער פיהרער גאָנטאַ, אַ שרעקליכער רוצח, איז געפאַלען אויפ'ן שכל אַז מען דאַרף מאַכען דעם אָנהייב פון יודען. דער דאָזיגער אָנהויב האָט די פוילישע יודען אָבגעקאָסט געגנוג בלוט, ווייל די קאָזאַקען האָבען ניט געוואָלט זיין בעסער פון זייערע עלטער־זיידעס די היידעמאַקעס אונ זענען אַזוי ווי ווילדע חיות אָנגעפאַלען אויף אַללע יודישע שטאָדט. אין סמילא האָבען זיי אַ סך יודען אויפגעהאַנגען אונ אָבגעראַבעוועט זייער פערמעגען, אַזוי האָבען זיי זיך אויך נוהג געוועהן מיט די יודען פון באַר אונ באַללאַ אונ בעזאָנדערס האָבען זיי אַרויסגעוויזען זייערע אַכזריות אין אומאַן, — דאָרט האָבען זיי אויסגעקוילעט מעהר פון אַכט טויזענד יודען אונ דאָס איז געשעהען אים כ' סיון, פונקט אין דעם טאָג ווען צוריק מיט

הונדערט יאהר איז אין נעמירוב אויך געפאלען אזוי פיעל קרבנות. דער דאזיגער קלאפ איז די יודען לאנג געלעגען אין טעם, ווייל כמעט אין גאנץ אייראפא איז זייער לאגע געוועהן זעהר טרויעריג, דירען זיך האבען זיי ניט געהאט וואוהין אונ ניט מיט וואס, ווייל מען האט זיי געמאכט פאר אביונים. דערצו האט זיך שוין זייער צאהל שטארק פערגרעסערט, אונ זיי האבען געמוזט בלייבען ביי דער אלטער האפנונג, אז די צייט וועט פערהיילען אויך די פרישע וואונדען אונ האבען זיך געטראסט דערמיט וואס מען מוז נאטט'ס משפט אננעהמען פאר ליעב.

אין פראנקרייך איז אין יענע יאהרען דער מעמד פון די יודען געוועהן נאר ניט קיין פרעהליכער: גרעסטענטהיילס האבען יודען געוואהנט אין עלזאס אונ לאטרינגען, אונ אזוי ווי זיי זענען ארויסגעקומען פון די אנטלאפענע סא-באנען, וואס די קריסטען האבען זיי שטאנדיג גערודפ'ט, איז די שנאה איבער-געגאנגען אויך צו די נייע דורות, אונ די יודען האבען דארט קיין נחת ניט געהאט. איינעם פון די עלזאסער יודען, ר' הירץ לוי, זעהר א ארענטליכען מענשען אונ דעם שאנסטען בעל הבית פון וויטאלסהיים, איז בעשערט געוועהן צו פאללען פאר א קרבן פון דעם שרעקליכען האס, וואס די קריסטען האבען אין הארץ געטראגען אונ וואס צו ליעב איהם זענען זיי פערטיג געוועהן יעדען יודען דערטרענקען אין א לאפעל וואסער. אים יאהר 1764, פונקט צום ערשטען חנוכה-ליכטעל, זענען גנבים אין א דארף הוססען אנגעפאלען שפעט ביי נאכט אויף א קריסטליכער פרוי, איין אלמנה, אונ אזוי ווי אין שטוב האט זיך מעהר ניט געפונען ווי די בעל הבית'טע מיט א דיענסט האט מען זיי גע-בונדען, אונ מען האט זיי אזוי לאנג געשלאגען אונ געמוטשעט ביז זיי האבען געמוזט אנווייזען וואו זייער געלד איז בעהאלטען. אז די גנבים האבען אפ-געטהון זייערס האבען די אומגליקליכע געמאכט א געוואלד, דאס גאנצע דארף איז זיך צונויפגעלאפען, נאר געהאפט האט מען קיינעם ניט, ווייל די גנבים זענען געוועהן אין מאסקעס אונ א חוץ דעם האבען זיי זייערע פנים'ער אויס-געשמירט מיט סאזשע. דעמאלט איז געבליבען מען זאל מאכען א בלבול אויף די יודען, אונ די דיענסט האט עדות געזאגט, אז זי האט דערקענט פיער יודען, וואס פלעגען אפט קומען אהין: ר' הירץ לוי, ר' מנחם דער שוחט, ר' משה לאנג, אונ ר' שמעון פיים. די קריסטען האבען שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף אזא מעשה, מען האט דערפון באלד מודיע געוועהן דעם געריכט אונ מען האט אללע בעשולדיגטע יודען איינגעזעצט. אויסער ר' הירץ לוי, וואס איז נאר

אִין דֶערְהֵיים נִיט גֶעוֶועהן , וַוייל עֶר אִיז נָאךְ פְרִיהר מִיט אַ פָּאר טֶאג אַוֶועקְ־גֶעפָאהְרֶען קַיין סִירֶענְץ אוֹיף חֲנוּכָּה צוּ זַיינֶע אַ שְׁוֶועסְטֶער, דֶער אוֹיבֶּעְר־שְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִיהְרְט , אַז דֶעם גַאנְצֶען וֶועג זָאל עֶר זִיךְ בֶּעגֶעגְנֶען מִיט בֶּעקַאנְטֶע מֶענְשֶׁען אוּנ זֵיי זָאלֶען דֶערְנָאךְ קָאנֶען בֶּעוַוייזֶען וואו ר׳ הֶירְץ לֵוִי הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דִי נַאכְט וֶוען דִי גְנֵבָה אִיז גֶעשֶׁעהֶען. דֶערְפַאר אִיז עֶר בַּיי זִיךְ גֶעוֶועהן פֶעסְט, וֶוען מֶען הָאט אִיהם גֶעשִׁיקְט זָאגֶען וָואס פַאר אַיין אוּמְגְלִיק עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט , אוּנ חָאטְשׁ זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד הָאבֶּען אִיהם גֶערָאטְהֶען עֶר זָאל שׁוֹין נָאר נִיט צוּרִיקְפָאהְרֶען אוּנ זָאל בֶּעסֶער אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ קַיין שְׁוֵוייץ , הָאט עֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעוָואלְט דַארוֹיף בֶּעשְׁטֶעהֶען : עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען , אַז עֶרְשְׁטֶענְס , דַארְף עֶר גָאר קַיין מוֹרָא נִיט הָאבֶּען , וַוייל עֶר פִיהְלְט זִיךְ אִין קַיין זַאךְ נִיט שׁוּלְדִיג , אוּנ דֶער אֱמֶת מוּז אַרוֹיס וִוי בּוֹים־אֶהל אוֹיפ׳ן וַואסֶער, אוּנ צְוֵוייטֶענְס , טָאר עֶר עֶס נִיט טְהוּן דִי יוּדֶען, וָואס מֶען הָאט שׁוֹין אַיינְגֶעזֶעצְט , וַוייל וִוי בַּאלְד עֶר וֶועט אַנְטְלוֹיפֶען וֶועט שׁוֹין אוֹיף זֵיי גֶעוִוים פַאלֶען אַ חְשַׁד אוּנ דֶער פְלֶעק וֶועט טַאקִי בְּלַייבֶּען אוֹיפ׳ן גַאנְצֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַזוֹי הָאט זִיךְ ר׳ הֶירְץ לֵוִי אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּרִיק קַיין ווִיטָאלְסְהַיים , אוּנ מֶען הָאט אִיהם בַּאלְד אַרֶעסְטִירְט , נָאר עֶר אִיז בַּיי זִיךְ נִיט אַרָאבְּגֶעפַאלֶען , וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט , אַז זַיינֶע יִסוּרִים זֶענֶען נָאר לְפִי שָׁעָה אוּנ אַז עֶס וֶועט אִיהם נִיט שְׁוֶוער זַיין אוֹיסְצוּוַוייזֶען דוּרךְ בֶּעגְלוֹיבְּטֶע מֶענְשֶׁען , אַז עֶר אִיז אִין דֶער גְנֵבָה נִיט שׁוּלְדִיג. ר׳ הֶירְץ לֵוִי הָאט אָבֶּער , אַ פָּנִים , נִיט גֶעקֶענְט דָאס שְׁלֶעכְטַקֵייט פוּן דִי שׁוֹפְטִים , זַיינֶע עֵדוּת הָאט מֶען נִיט גֶעוָואלְט אָנְנֶעהמֶען , מֶען הָאט זֵיי אַלֶע גֶעהַרְגֶ׳ט גֶעשְׁלָאגֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוּנ דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זֵיי פֶערְמִשְׁפָּט צוּם טוֹיט. דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע יוּדֶען הָאבֶּען שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעזֶעהֶען אִין וָואס פַאר אַ צָרָה זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלֶען , נָאר זֵיי הָאבֶּען נָאךְ פָּארְט גֶעהָאפְט , אַז דָאס הָאבֶּערֶע גֶערִיכְט אִין קַאלְמַאר, וואוּהִין זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעוֶוענְדְט מִיט אֵיין אַפֶּע־לַאצְיֶע , וֶועט נִיט דֶערְלָאזֶען אַזַא רְצִיחָה , אַז מֶען זָאל מֶענְשֶׁען אוּמְבְּרֶענְגֶען אוּמְזִיסְט אוּנ מֶען זָאל נָאר נִיט וֶועלֶען אוֹיסְהֶערֶען זֵייעֶרֶע בֶּעוַוייזֶע. זֵייעֶר לֶעצְטֶער הָאפְנוּנְג אִיז אָבֶּער אוֹיךְ פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען : דִי שׁוֹפְטִים פוּן קַאלְמַאר הָאבֶּען אוֹיךְ נִיט גֶעהַאט גָאטְט אִין הַארְצֶען , זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט אוּמְקוּקֶען דַארוֹיף , וָואס דִי רֶעד פוּן דִי עֵדוּת הָאבֶּען זִיךְ נִיט אוֹיסְגֶעגְלַייכְט אוּנ מֶען הָאט לַייכְט זִיךְ גֶעקָאנְט אִיבֶּערְצַייגֶען אַז זֵיי הָאבֶּען פַאלְשׁ גֶעשְׁוָוארֶען , זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעשְׁטֶעלְט דַארוֹיף. וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז אַלֶע בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶע זֶענֶען גַאנְץ רַייכֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים , וָואס בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ שְׁטֶאנְדִיג מִיט עֶהְרְלִיכֶע פַּרְנָסוֹת

אונ זֶענֶען נִיט פֶּעהִיג אוֹיף גְנֵבָה אונ גְזֵלָה; עֶס אִיז גָאר נִיט אָנְגֶענָאנְגֶען וָואס אַללֶע עֵדוּת זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְבְּרֶעכֶער, וָואס זֶענֶען נָאר וָואס אַרוֹיס פוּן גֶעפֶּאנְגֶענִישׁ אונ וָואס זֶענֶען פֶערְטִיג גֶעוֶועהן צוּ קוֹילֶען אַ אֵיינְגֶענֶעם פָּאטֶער; זֵיי הָאבֶּען אֲפִילוּ נִיט גֶעלֶעגְט קֵיין כָּבוֹד אוֹיף זֵייעֶר אַ בֶּעקַאנְטֶען פְּרִיץ. אֵיינֶער פוּן דִי בְּכָבוֹדְסְטֶע עֶלְזַאסֶער קְרִיסְטֶען, וָואס הָאט נִיט גֶעקָאנְט צוּ זֶעהֶען דָאס רַחֲמָנוּת פוּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אונ הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם גֶערִיכְט אַ בְּרִיעף, אַז עֶר הָאט אַללֵיין אִין דֶער נַאכְט פוּן דֶער גְנֵבָה בֶּעגֶעגֶענְט פָאהרֶען ר' הֶירְץ לֵוִי קֵיין סִירֶענְץ. נָאר אָהן יֹשֶׁר הָאבֶּען זֵיי גֶעפַּסְקֶעט, אַז מֶען זָאל דֶערְוַויילּ טֵיידְטֶען נָאר אֵיין ר' הֶירְץ לֵוִי, נָאר פַארְ'ן טוֹיט זָאל מֶען אִיהם אָנְטְהוּן עִנוּיִם קָשִׁים, כְּדֵי עֶר זָאל זָאגֶען אוֹיף דִי אִיבְּרִיגֶע, אונ דֶעמָאלְט וֶועלֶען זֵיי זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט קָאנֶען פֶערְאַנְטְפֶערְן. ר' הֶירְץ לֵוִי אִיז אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן: מֶען הָאט אִיהם אָנְגֶעטְהוּן אוֹיפְ'ן קָאפּ אַ אַייזֶערְנֶע רֵייף אונ דוּרְךְ אַ בֶּעזוּנְדֶער שְׁרוֹיף הָאט מֶען אַזוֹי לַאנְג גֶעדְרֶעהט בִּיז דִי רֵייף הָאט שְׁטַארְק אַיינְגֶעקְלֶעמְט דֶעם קָאפּ אונ עֶס הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט דָאס בְּלוּט פוּן דִי אוֹיגֶען אונ פוּן דִי אוֹיעֶרְן. מֶען הָאט אִיהם אַוַדַאי צוּגֶענוּמֶען פוּן דָארְט הַאלְבּ אַ טוֹיטֶען, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען דִי תַּלְיָנִים נִיט גֶעקָאנְט צִיהֶען בַּיי אִיהם וֶוערְטֶער. אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן טָאג אִיז גֶעוֶועהן בֶּעשְׁטִימְט דֶער טוֹיט, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט, דִי מִיתָה מְשׁוּנָה, וָואס מֶען הָאט אִיהם בֶּעדַארְפְט אָנְטְהוּן. בַּיי נַאכְט הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען בּוֹיעֶן דֶעם עֶשַׁאפַאט אונ דִי יוּדֶען זֶענֶען בַּאלְד גֶעוָוארֶען דֶערְפוּן. גַאנְץ פְּרִיה הָאבֶּען זֵיי זִיךְ מִיט גְרוֹיס מִיה אַרֵיינְגֶעבֶּעטֶען אִין גֶעפֶאנְגְנִישׁ כְּדֵי זֵיי זָאלֶען זִיךְ הָאטְשׁ גֶעזֶעגֶענֶען מִיט ר' הֶירְץ לֵוִי. עֶר הָאט נָאךְ נִיט גֶעוואוּסְט אַז זַיין סוֹף אִיז שׁוֹין נָאהֶענְט. נָאר אַז עֶר הָאט דֶערְזֶעהֶען פַאר זִיךְ אַ מִנְיָן יוּדֶען הָאט עֶר שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס אִיהם עֶרְוַוארְטֶעט אונ עֶר הָאט זִיךְ גַאנְץ רוּהִיג אָבְּגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן בֶּעט אונ הָאט מִיט זֵיי גֶעזָאגְט וִדוּי. אַללֶע הָאבֶּען זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט אונ דִי יְלָלָה אִיז גֶעוָוארֶען נָאךְ גְרֶעסֶער. אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעהֵייסֶען בְּרֶענְגֶען זַיין זוּהן אַבְרָהָם, אַ קִינְד פוּן פִינְפְצֶעהן יָאהר, אונ הָאט אִיהם מוֹסֵר גֶעוֶועהן אונ גֶעבֶּעטֶען: עֶס זָאל אִיהם נִיט אָבְּשְׁרֶעקֶען דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער טוֹיט פוּנְ'ם פָּאטֶער, אונ עֶר זָאל תָּמִיד בְּלֵייבֶּען גוּט אונ פְרוּם, צוּ גָאט אונ צוּ לַייט, זָאגֶען קַדִישׁ נָאךְ אִיהם, אונ וִוי ווַייט זַיינֶע כּוֹחוֹת וֶועלֶען טְרָאגֶען זָאל עֶר זִיךְ בֶּעמִיהֶען בַּיי דֶער מְלוּכָה צוּ דֶערְוַוייזֶען, אַז זַיין פָּאטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנְשׁוּלְדִיג, ווַייל עֶר אִיז פֶעסְט אִיבֶּערְצֵייגְט, אַז דֶער אֱמֶת וֶועט זִיךְ רֵיין אַרוֹיסְוַוייזֶען אונ דֶער שֶׁקֶר וֶועט אוּמְפַאלֶען. אִין דֶער רִיהְרֶענְדֶער מִינוּט, וֶועט

דער אלטער פאטער האט צוגעפרעסט זיין קינד צום קראנקען הארץ אונ איהם געגעבען די לעצטע ברכה פאר'ן טויט, האבען זיך נאך געפרובט די גייסטליכע פארצולעגען ר' הירץ לוי, ער זאל אוועקווארפען זיין אמונה אונ בעקומען א כפרת עון, נאר ער האט זיי גאר ניט געלאזט רעדען, אונ האט זיי נאר געבעטען זיי זאלען איבערגעבען זיין משפחה, אז מען זאל בעצאהלען א פרוי פון קאלמער צוועלף טהאלער, ווייל דער חוב איז גראד ניט פערשריבען ביי איהם אין בוך, אונ דערנאך וועט מען ניט וויסען צו עס קומט איהר צו גיין. פונקט דריי א זייגער ביי טאג האט מען געבראכט ר' הירץ לוי צום עשאפאט אויפ'ן מארק־פלאץ. וואס איז געוועהן בעלאגערט פון טויזענדער קריסטען, וועלכע זענען זיך אימיסטען צונויפגעפאהרען פון פערשיעדענע ערטער שעפען תענוג אונ צו־קוקען ווי מען איז זיך נוקם אין א יודען. אין א שטיבעל ניט ווייט פונ'ם עשאפאט האט זיך צונויפגעקליבען ווייטער א מנין יודען אונ צוזאמען מיט'ן יונגען יתום האבען זיי געזאגט תהלים אונ גאט געבעטען ער זאל שטארקען דעם קדוש אין דער לעצטער רגע אונ אהן יסורים איהם גיכער צונעהמען אין א בעסערע וועלט. ר' הירץ לוי איז טאקי בעהארצט אונ אהן מורא ארויפגעגאנגען אויפ'ן עשאפאט, חאטש ער איז געוועהן שטארק פערמוטשעט פון די ענוים קשים וואס מען האט איהם פריהר מיט א טאג אנגעטהון. דער תלין האט איהם באלד אויסגעבראכען אללע ביינער אונ האט איהם ארומגעבונדען ארום א ראד, אונ כדי דאס אכזריות זאל זיין נאך גראסער, האט ער די ראד קלייגער געמאכט אונ צו ליעב דעם האט דער קאפ געמוזט ארונטערהאנגען. ביי אזא טויט איז דער דין געוועהן, אז דער בעשולדיגטער האט בעדארפט בלייבען אויפ'ן ראד אכטצעהן שעה כסדר, אונ אז ער האט עס אויסגעהאלטען האט איהם שוין דער תלין געמוזט דערהרג'נען. אוודאי האבען די אללע, וואס האבען זיך גע־שטופט אויפ'ן מארק־פלאץ אונ געוואלט שטעהען נאהנטער צום ראד געמוזט האבען שטייגערנע הארצער, ווען זיי האבען געקאנט אויסהערען אונ אויסהאלטען דאס געשריי פון א מענשען, וואס מען האט איהם נאר ניט דערקוילעט אונ וואס האט געבעטען מען זאל איהם גיכער מאכען א טויט... ניין א זייגער ביי נאכט האט ר' הירץ לוי געשריגען, מען זאל איהם דערקוויקען מיט א טרונק וואסער, נאר דער תלין האט איהם צוגעטראגען וויין, ווייל ער האט געוואוסט אז ער וועט ניט טרינקען קיין יין נסך. ערשט אין דער פריה צעהן א זייגער, האט איהם דער תלין געגעבען דעם לעצטען קלאפ אונ ער האט אויסגעהויכט זיין כשר'ע נשמה. די ראד מיט'ן טויטען קערפער האט מען אויפגעהאנגען

אויף א הויכער תליה, כדי עס זאל בלייבען פאר א זכר אויף דור דורות, אונ דעם עשאפאט האט מען געלאזט שטעהען, ווייל מען האט זיך גערעכנט אז ניט היינט-מארגען וועט מען דארפען טוידטען די איבריגע. מען קאן זיך פארשטעלען די אימה וואס איז געפאלען אויף אללע עלזאסער יודען; די דריי בעשולדיגטע, וואס האבען זיך נאך געמוטשעט אין תפיסה האבען זיך געוויס גערעכענט פאר פערלארען. נאר זיי האבען געציטערט מען זאל ניט אויסגיסען דעם כעס אויף אללע יודען. אין אזא לאגע האבען זיי זיך געהאפט צו די אלטע מיטעל: מען האט גוזר תענית געוועהן אונ מען איז ניט ארויס; עקראכען פון די שולען, וואו גרויס אונ קליין האבען געיאמערט אונ געקלאגט; מען האט געזאגט סליחות אונ מען האט גאטט געבעטען, אז ער אליין טאקי זאל זיך דא אריינמישען אונ שיקען זיין ישועה. זייער געוויין האט טאקי דערגרייכט צו די שערי רחמים אונ גאר גיך האט זיך געוויזען א קליינע שיין פון הילף. איינער פון די שופטים, וואס האט פערמשפט ר' הירץ לוי אונ וואס אויף זיין יושר האבען בעדארפט איבערקומען די איבריגע בעשולדיגטע, האט געמוזט אוועקפאהרען פון קאלמאר אונ דער אנדערער משפט איז אבגעלעגט געווארען אויף עטליכע חדשים. אין דעם האבען די יודען שוין דערזעהען א אצבע אלהים, אונ מען האט זיך באלד דערמאנט אין ר' הירץ לוי'ס צוואה, ווי ער האט געבעטען פאר'ן טויט מען זאל ניט לאזען זיין נאהמען בלייבען פארפלעקט אויף עביג אונ מען זאל איהם אבוואשען פון דעם חטא, וואס מען האט אויף איהם אומזיסט ארויפגעלעגט. ווי שווער עס האט זיך לכתחלה אויסגעוויזען מען זאל עפיס פועל'ן, ווייל עס איז זיך פשוט ניט געוועהן וואהין צו קלאגען אויפ'ן האכערן געריכט פון קאלמאר, האבען די יודען פארט זיך ענטשלאסען אוועקצושיקען עטליכע מענשען קיין פאריז, אונ פיער פארשטעהער פון די יודישע קהלות אין נאנסי אונ שטראסבורג זענען אהין ארויסגעפאהרען. גרינג אנגעקומען איז עס זיי אודאי ניט; עס האט גענוג געדויערט ביז זיי האבען געפונען א וועג גלייך צום קאניג. מען האט ארויסגעפאדערט אללע פאפירען פון קאלמאר, אונ מען האט דעם גאנצען פראצעס איבערגעגעבען דעם פארלאמענט פון מעץ. דעם ערשטען סימן האבען די עלזאסער יודען געהאט אז די סכנה איז שוין ניט אזוי גרויס, ווען מען האט פלוצלונג אין א פריה מארגען צונעמען דעם עשאפאט, וואס איז נאך אלץ געשטאנען ביז אהער אין מיטען שטאדט אונ געווארט אויף יודישע קרבנות. אין מעץ האט מען די זאך בעטראכט מיט ישוב הדעת, מען האט אראבגעשיקט

א גאנצע קאמיסיע מען זאל אויפ'ן ארט אויספרעגען אללע עדות, אונ עס האט זיך מן הסתם אקוראט ארויסגעוויזען אז קיין איינציגער פון די יודען איז ניט שולדיג אין דער גנבה. ניין חדשים זענען אוועקגעגאנגען ביז מען האט אין מעץ ארויסגעגעבען א משפט, אז די דריי יודען, וואס מען האט נאך געהאלטען אין געפאנגניש, זאלען באלד בעפרייהט ווערען, אז דער טויט פונ'ם אומשולדיגען ר' הירץ לוי מוז בעטראכט ווערען ווי א רציחה, אז זיין טויטען קערפער דארף מען אפגעבען זיין משפחה, כדי מען זאל איהם ברענגען צו קבר ישראל, אונ אז זיינע קינדער האבען דאס רעכט צו מאנען היזק ביי די שופטים וואס האבען איהם אומזיסט פערמשפט צום טויט. פונקט אים שמחת תורה איז אנגעקומען די טהייערע בשורה פון דעם נייעם משפט, אונ דער טאג איז פאר די יודען געוועהן א דאפעלטער יום טוב. אסרו חג האט מען באלד אראבגענומען די ראד פון דער תליה, אונ מען האט דעם גוף פון ר' הירץ לוי מקבר געוועהן מיט גרוים כבוד. די מלוכה פון איהר זייט האט די שופטים פון קאלמאר אבגעזאגט פון זייערע שטעלען, אונ דעמאלט איז געווארען שטיל, ווייל דאס פאלק האט אקוק געטהון אז מען שפיעלט זיך ניט מיט זיי, אונ זיי האבען פערשטאנען, אז ווי באלד זיי וועלען נאך מאכען אזעלכע בלבולים וועט עס זיי טהייער קאסטען.

די בלבולים האבען טאקי אויפגעהערט, נאר די שנאה צו די יודען האט זיך נאך א צייט שטארק געהאלטען אין פראנקרייך, ווייל זיי האבען איינענטליך דארט ניט געטארט וואהנען אונ, אויסער עלזאס אונ לאטרינגען, זענען זיי אין עטליכע פראנצאזישע שטאדט געזעסען ווי איינגעבעטענע אונ האבען זיך בעדארפט שרעקען פאר'ן מינדסטען ווינטעלע. עס איז קיין וואונדער ניט וואס דער בעריהמטער פראנצאזישער שרייבער פראנסוא מאריע דע־וואלטער, וואס ווי גרוים זיין חכמה איז געוועהן אזוי נידריג אונ פערדארבען זענען געוועהן זיינע מדות, האט זיין גאנצע גאל אויסגעגאסען אויף די יודען, ווייל ער איז געגאנגען מיט דעם כלל, אז א געשלאגענעם מאג מען צום איבריגען דערשלאגען. וואלטער'ן איז שטאנדיג בעשערט געוועהן האבען צו טהון מיט יודען: נאך אז ער האט געוואהנט אין לאנדאן האט איהם א יודישע קאנטאר דע־מעדינא אנגעזעצט א סך געלד; דערנאך, אז ער האט זיך אויפגעהאלטען אין בערלין אונ פאדסדאם, אונ איז געווארען א בן בית ביים קאניג פרידריך דעם צווייטען, האט ער עפיס געפיהרט ניט קיין ריינע געשאפטען מיט א יובעליר הירש אונ א קאפיטאליסט אפרים פייטעל,

ער האט זיי געוואלט אבנאזש'ן, אונ האט זיי אונטערגערוקט פאלשע דיסאנטען אונ פאלשע חתימות, זיי האבען זיך אבער ניט געלאזט; עס איז געווארען א פראצעס, די זאך איז אנגעקומען צום קעניג, אונ וואלטער האט געהאט בזיונות. אט די דאזיגע מפלה האט ער ניט געקאנט מוחל זיין די יודען, אונ האט שפעטער זיין גאנץ ביטער הארץ אויסגעלאזט צום גאנצען יודישען פאלק. דערצו האט וואלטער זעהר ווענינ געהאלטען פון רעליגיאן איבערהויפט אונ אזוי ווי מיט'ן קריסטענטהום האט ער מורא געהאט צו זאטשעפען האט ער זיך נוהג געוועהן ווי די באזע שווינער, וואס זאגט דער טאכטער אונ מיינט די שנור. וואס ער האט געהאט אין דער לונג אויף אללע אמונות איז ביי איהם ארויס אויף דער צונג נאר נעגען יודען אונ יודישקייט אליין. אונ ער האט געשריגען אז אללע אומגליקען נעהמען זיך נאר פון זיי.

פאר וואס וואלטער קלינגט אזוי אויף אללע גלאקער, אונ האלט יודען אין סויל מעהר ווי אנדערע – איז דוקא קיין סוד ניט געוועהן, די וועלט האט איהם געגונ געקענט, אונ מען האט געוואוסט אז ער נעהמט זיך ניט אן קיינעמס קריוודע, נאר ער וויל זיך פשוט אברעכנען מיט אייגענע שונאים, אונ צו ליעב זיין נקמה מאכט ביי איהם נאר ניט אוים וואס ער פאלט אן אויף א גאנץ פאלק. עס האט זיך אבער קיינעם ניט געגלוסט ארויסצושפרינגען נעגען איהם, ווייל זיין פעדער איז געוועהן צו שארף, אונ ער האט געקאנט זיינע נעגנער פערשיטען מיט פייער. פון דעסטוועגען האט זיך אבגעזוכט אין באררא א געבילדעטער יוד ר' יצחק פינטא, וואס איז ארויסגעקומען פון מאראנען; איהם האט א שטארקען ברען געטהון וואלטער'ס שקרים האבען איהם אונטערגעצונדען, אונ ער האט ניט געקאנט איינרוהען ביז ער האט איהם ניט געענטפערט אונ דערוויזען אז ער איז נאר א אומזיסטער שונא. זיין תשובה וואלט געוועהן אנגעמאכט נאר א שטארקען רושם, נאר צום אומגליק, איז ר' יצחק פינטא געוועהן פון די שפאנישע יודען, אונ די ספרדים האבען שטאנדינג אראבגעקוקט מיט גאוה אויף די אשכנזים, גלייך ווי זיי וואלטען ניט געטראגען דאס אייגענע פעקעל צרות ווי זייערע איבריגע ברידער. די ספרדים האבען זיך געהאלטען פאר גרויסע מיוחסים אונ האבען אפט זיך בע־ריהמט, אז זיי קומען ארוים גלייך פונ'ם שבט יהודה, דערביי איז זייער צאהל געוועהן ניט גרוים, זיי האבען זיך אומעדום געקאנט אריינגנארען אונ אפילו אין פראנקרייך, וואו עס האט ניט געטארט זיין קיין זכר פון א יודען, האבען זייערע געצאהלטע גבירים געשפיעלט א גרויסע ראללע, אונ דאס בעריהמטע

האנדעלס-הויז גראדיס האט בעלעבט דעם מסחר אונ פלעגט מיט אייגענע שיפען אריינברענגען סחורה פון גאנץ ווייט. אז עס האבען זיך אנגעהויבען לאזען קיין באָרדאָ דייטשע אונ פולישע יודען, האבען די ספרדים מורא געהאט פאר זיך, מען זאל זיך ניט ארומקוקען, אונ צו ליעב די גאסט זאל מען זיי אויך ניט הייסען ארויס, אונ דערפאר האבען זיי אללע געארבייט ביי דער מלוכה, מען זאל ארויסגעבען א בעזונדער געזעץ געגען די אשכנזים, אונ מען זאל זיי הייסען אין דריי טאג ארויס פאהרען פונ'ם לאנד. מילא ביי דער מלוכה איז זיי געראטהען דאס צו פועל'ן, חאטש עס איז זיי אנגעקומען מיט גרויס מיה, אונ זייער שתדלן אין פאריז ראדריג פעריירא, וואס איז צוזאמען מיט זיין מוטטער אנטלאפען פון דער שפאנישער אינקוויזיציאן אונ האט זיך בעריהמט געמאכט מיט איין ערפינדונג פון צייכענס וואס טויב-שטומע זאלען זיך קאנען פערשטעהען איינע די אנדערע, האט געמוזט בענוצען זכות אבות ביז מען האט זיך געחאפט טרייבען די אשכנזים. די קריסטען האבען אבער ניט געקאנט פערשטעהען וואס דא טהוט זיך; געוואוסט האבען זיי גאנץ גוט, אז יודען איז פערווערט זיך צו בעזעצען אין פראנקרייך אונ אז לויט דעם געזעץ דארפען די ספרדים אויך זיך דארט ניט געפינען; האבען זיי פשוט ניט פערשטאנען פון וואנען עס האט זיך פלוצלונג גענומען, אז א טהייל זענען כשר, אונ די איבריגע זענען טרף · די ספרדים האבען געפיהלט, אז מען מוז די קריסטען ענטפערן א תירוץ אויף דער שאלה, האט זיך ר' יצחק פינטא בענוצט מיט דער געלעגענהייט וואס ער האט אנגעהויבען א מלחמה מיט וואלטער'ן אונ האט אין די תשובה אריינגעלאזט א שטארקען ניפט געגען די אשכנזים, ער האט געדרונגען, אז זיי זענען טאקי שאדליכע מענשען, אז זיי ווילען זיך ניט בעשעפטיגען מיט קיין ארבייט אונ אז זיי זענען כמעט אללע בעטלערס אונ שנארערס, חאטש ער האט ניט פערלייגענט, אז שולדיג אין דעם זענען זיי אויך ניט אונ, אז נאר די שרעקליכע רדיפות אונ צרות האבען זיי געבראכט דערצו. זיין תשובה האט אזוי אויסגעזעהען, אז ער איז מודה אויף א סך חסרונות, וועלכע וואלטער ווייזט אן, נאר דערביי האט ער געגעבען אנצוהערען, אז אזעלכע חסרונות געפינט מען נאר ביי די דייטשע אונ פולישע יודען, אונ דערפאר פערדריסט איהם וואס וואלטער האט די ספרדים אויך ארונטערגענומען אונטער איין טלית. פאר וואלטער'ן איז אזא תשובה געוועהן ווי געוואונשען; ער האט באלד צו ליעב געטהון פינטאן אונ האט איהם געענטפערט, אז ער האט טאקי א טעות געהאט וואס ער האט די ספרדים ניט

ארויסגענומען פונ׳ם כלל, אונ דערפאר איז ער נאך מיט מעהר שנאה אנגע־פאלען אויף די איבריגע יודען. די אשכנזים האבען אבער אויך ניט געשוויגען אונ עס האט זיך אנגעהויבען אקריעג געגען איין שונא פון צוויי צדדים, וואס חאטש זיי שלאגען זיך צווישען זיך פיהלען זיי פון דעסטוועגען, אז זיי מוזען זיך וועהרען צוזאמען אונ אז די פיילען פונ׳ם פיינד פאלען אויף זייערע אללע קאפ גלייך. די צייטונגען האבען געהאלטען דוקא פאר יודען, נאר דער רעש, וואס מען האט אנגעמאכט, האט געעפענט די אויגען פון די קריסטען, אונ זיי האבען זיך דערוואיל בעטראכט, אז פאר זיי וואלט גלייכער געוועהן, אז אין לאנד זאלען זיך ניט געפינען ניט קיין ספרדים אונ ניט קיין אשכנזים אונ, אז דער גאנצער מסחר זאל בעסער איינשטעהען ביי זיי אין די האנד. אוודאי האבען די קריסטען אנגעהויבען אויסווייזען, אז מען דארף די ספרדים אויך ארויסטרייבען, ווייל ווען מען האט זיי אריינגעלאזט קיין באררא האט מען זיי גערעכענט פאר ניי־קריסטען, אונ אצונד, אז עס לאזט זיך אויס, אז זיי זענען נאר יודען דארף מען זיי טהון זייער רעכט אונ ארויסווארפען גלייך מיט אנ־דערע. דעמאלט האט ראדריג פעריירא געמוזט אנשרייבען א גאנץ בוך אונ אויסווייזען ווי האללאנד אונ ענגלאנד זענען גליקליך געווארען דורך די יודען, אונ וואס פאר א צרה פראנקרייך קאן זיך אנארבייטען ווען זי וועט פערלירען אזעלכע פעהיגע סוחרים ווי די ספרדים, אונ עס האט גענוג אבי־געקאסט געלד אונ בלוט ביז מען האט די זאך פערריבען, אונ די יודען זענען ווייטער געבליבען אין פראנקרייך.

אין דער איינענער צייט האט זיך אויך אין ענגלאנד אנגעהויבען אקאבעני׳ש מיט די יודען, וואס מען האט געוואלט פערבעסערן זייער צושטאנד, אונ מאכען אז זיי זאלען זיך קאנען רעכענען פאר אמת׳ע קינדער פונ׳ם לאנד. שוין גאנצע הונדערט יאהר זענען איינענטליך אוועקגעגאנגען זייט די יודען האבען זיך נאך אמאל בעזעצט אין ענגלאנד, אונ האבען אין די גרויסע האנדעלס־שטאדט, בעזאנדערס אין לאנדאן, געהאט אָרענטליכע קהלות; דאס געזעץ האט אבער אויף זיי געקוקט ווי אויף פרעמדע, זיי האבען נאך אלץ געהייסען נאך די לאנדער, פון וואנען זייערע עלטערן זענען אראבגעקומען, מען האט זיי גערופען, שפאנער, פארטוגעזען, האללאנדער אדער דייטשען אונ זיי האבען געמוזט צאהלען א בעזונדער מס גלייך מיט די דאזיגע מענשען, וועלכע געפינען זיך אין ענגלאנד נאר לפי שעה, אונ גלייך ווי זיי זענען דארט ניט געבארען געווארען. נאר עטליכע געצאהלטע גבירים איז געראטהען וואס די מלוכה האט

זיי געגעבען די רעכטע פון אללע היימישע איינוואהנער. דערפאר איז זעהר שלעכט געוועהן דער צושטאנד פון די איבריגע וואס האבען אזעלכע רעכטע ניט געהאט און וואס די מלוכה האט גאר ניט געוואלט וויסען פון זייער אמונה. ניט איין מאל פלעגט מען זיי בעשטראפען פאר דעם וואס זיי קומען ניט אין קירכע, ווייל מען האט זיי נאך געהאלטען פאר האלבע קריסטען. נאך ערגער איז געוועהן די עטליכע יודען, וואס זענען אהין געקומען פון דייטשלאנד און פולין: זיי האבען געהייסען אשכנזים, און אפילו די ספרדים, וועלכע האבען זיך אויך גערעכענט פאר איינגעבעטענע, פלעגען אויף זיי קוקען קרום און זיי האבען געהאט צרות פון צוויי זייטען, אי פון איינענע, אי פון פרעמדע. ביסלעכווייז האט זיי אפילו די מלוכה אנגעהויבען פריינדליכער בעהאנדלען, זי האט זיי שוין בעטראכט ווי יודען, און די ריכטער האבען אזוי פיעל כבוד געלעגט אויף זייער אמונה אז זיי פלעגען קיין יודישע עדות ניט ארויסרופען אים שבת. דערווייל האט זיך די מאכט פון ענגלאנד פערשפרייט אויף פערשידענע ערטער, וואו עס האבען זיך געפונען יודען פון פריהר. די דאזיגע יודען זענען, מן הסתם, געבליבען ביי זייערע רעכטע, און דאס האט איינגעגעבען אהיסק אויך די ענגלישע יודען זיי זאלען בעטען די מלוכה מען זאל זיי אויך שענקען די אייגענע רעכטע און זיי זאלען ניט שטעהען נידריגער פון זייערע ברידער אין אנדערע ערטער. וואס געפינען זיך אויך אונטער ענגלאנד'ס שוץ. זיי האבען געהאט נוטע פריינד, וואס האבען זיי צוגעהאלפען, דער מיניסטער פעלהאם איז אויך געוועהן א אוהב ישראל און האט פארגעשטעלט דער מלוכה, אז די יודען זענען זעהר פעהיגע און נוצליכע מענשען. און חאטש די שונאים האבען אנגעמאכט א געוואלד אז די יודען וועלען איינזייגען דאס גאנצע עשירות פון דער מדינה און די קריסטען וועלען ווערען ביי זיי קנעכט, האט דער קאניג געארג דער צווייטע אונטערגעשריבען אים יאהר 1753, א געזעץ וועגען יודען און האט זיי געשטעלט גלייך מיט אללע. דאס געזעץ האט אבער מעהר ניט געדויערט ווי א יאהר, ווייל צווישען דאס פאלק איז געווארען אזא שרעקליכער רעש, אז די מלוכה האט פשוט מורא געהאט עס זאל דערפון ניט ארויס א מרידה. עס האט זיך ארויסגעוויזען אזא שרעקליכע שנאה נעגען די יודען, וואס מען האט זיך גאר ניט געקאנט ריכטען דארויף. ווער עס האט געוואלט רעדען עפיס א גוטווארט פאר זיי איז מיטן לעבען ניט זיכער געוועהן, אללע צייטונגען זענען פול געווארען מיט שרעקליכע מעשות

וועגען יודען אונ איין ליגען איז געוועהן גראסער פונ'ם אנדערן; אין בריסטאל האט מען פערברענט אפענטליך דאס בילד פונ'ם גייסטליכען טורקער, וואס האט זיך אנגענומען פאר זיי אונ האט ניט געוואלט מסכים זיין צו דער דעה פון די דאזיגע פרומע קריסטען, וועלכע האבען געדרונגען אז מען טאר גאר די יודען קיין רעכטע ניט געבען דערפאר וואס, וועדלינג אין דער תורה שטעהט, מוזען זיי בלייבען צוזאעט אונ צושפרייט צווישען די פעלקער ביז גאטט וועט זיי ניט צונויפזאמלען אויף זייער אייגענער ערד. אוודאי איז די מלוכה געצוואונגען געוועהן מבטל צו זיין דאס געזעץ. נאר די יודען האבען זיך אזוי גוט אויפגעפיהרט אונ בעוויזען זייער נוצליכקייט, אז אפילו זייערע שונאים האבען געמוזט שווייגען, אונ ביסלעכווייז האט זיי דאס לעבען אליין געגעבען אללע רעכטע, חאטש אויף פאפיער האבען זיי זיך נאך א היבשע צייט אלץ גערעכענט פאר פרעמדע.

נאר ווען אין גאנץ אייראפא האט זיך עפיס געטהון אונ גערודעוועט מיט די יודען, איז זייער אינוועניג לעבען אין פולין אונ דייטשלאנד — דווקא אין די לאנדער וואו זייער צאהל איז געוועהן גרעסער ווי אומעדום — געבליבען אזוי ווי פערפרוירען, בעדעקט מיט א שרעקליך פינסטערניש אונ פערקאוועט כמעט ביז צום גרונד מיט אייז, כדי דאס וואסער זאל זיי אין ערגיץ ניט פערטראגען אונ די חוואליעס זאלען ניט האבען קיין שום שייכות צום גרויסען ברייטען לעבענס-ים, וואוהין עס גיסען זיך אריין אזוי פיעל טייכען... דאס ארעמע פאלק, וואס האט געביך געהארעוועט מיט'ן ביטערן שווייס אויפ'ן שטיקעל ברויט, האט געדאנקט גאטט אז עס האט איבערגעשטופט די זינדיגע וועלט אונ האט זיך ניט געקאנט אבגעבען מיט הויכע שאלות, אונ די רבנים האבען נאר אין זין געהאט צו בעפעסטיגען דעם שלחן ערוך מיט נייע חומרות, אונ דער מעמד פון זייערע אומגליקליכע בלינדע ברידער איז זיי גאר ניט אנגעגאנגען. דאס איז אבער געוועהן דאס פינסטערניש, וואס ווערד שטארקער דווקא עהדער עס הייבט אן טאג צו ווערן: באלד האט זיך געוויזען א שוואכע שיין אונ ביסלעכווייז האט אללע מאל אנגעהויבען מעהר ליכטיגער ווערען. צוויי גרויסע מענשען זענען אויפגעשטאנען, איינער אין פולין אונ דער אנדערער אין דייטשלאנד. דאס זענען געוועהן, ר' ישראל בעל שם טוב אונ ר' משה מענדעלסאהן. איינער האט אויפגעריסען דאס פענסטער פונ'ם איינגעהויקערטען יודישען שטיבעל, עס זאל א ביסעל ארויס די אונריינע פער-רזמפענע לופט, אונ דער אנדערער האט אויסגעדרעהט דעם גאנצען בנין צו

דער מזרח-זייט און האט די פערשלאפענע אנגעוויזען דעם גלאנץ פונ'ם מארגענשטערן; איינער האט זיך ניט אזוי פיעל מתכון געוועהן, דער אנדערער האט צו פיעל געמיינט, נאר ביידע דאזיגען אנגעמאכט א שטארקע בעוועגונג, און מיט רעכט קאן מען זאגען אז פון זיי הייבט זיך אן פאר יודען א נייע צייט.

די נייע צייט.

ערסטעס קאפיטעל.

ר' ישראל בעל שם טוב און זיין גוד.

(1698—1760 נאך קריסטוס געבורט).

אז מען קוקט זיך צו צו דער ביטערער לאגע פון די פויל'שע יודען פון חמעלניצקיס צייט ביז איינינע דורות שפעטער, וואו זייער פרידליך לעבען פון א מאל איז פערשטערט געווארען. די טייכען פון יודיש פערגאסען בלוט זענען נאך ניט אויסגעטריקענט געוועהן. וואו פרנסה האט געפעהלט, און אויסער שרעק און דאגות האט דער יוד גישט געהאט. איז גאר קיין חדוש ניט, וואס אזעלכע שווינדלער ווי א שבתי צבי און א יעקב פראנק האבען זיך געקאנט אויסגעבען פאר משיח'ן און איינרעדען דעם עולם, אז גאט האט זיי געשיקט אויסצולייזען זיין ארעם ליידענד פאלק פון זיינע פיין און צרות. דער מענש וואס גלויבט מיט'ן גאנצען הארצען אין בורא עולם. אין זיין יושר און רחמים און וואס פיהלט אין זיינע אייגענע מעשים און מדות קיין אונרעכט ניט, ער זאלל קאנען אננעהמען פאר פערדינט די שטראף וואס קומט אויף איהם, גלויבט, אז גאט שיקט די פיין אויף איהם ניט אלס שטראף אלליין אבער אויך אלס נסיון, איהם צו פרובען ווי שטארק זיין אמונה און בטחון איז; און אז ער שטעהט אויס דעם נסיון און טרעט פון זיין גאטט ניט אב, האפפט ער, וועט גאטט באלד זיך מרחם זיין און וועט איהם די ישועה צושיקען, ער זאלל אללע זיינע איבערליטענע פיין און ליידען דערצאהלען אין פריידען. אזוי איז אויך א גאנץ פאלק. די איבער-ליטענע צרות זענען דענמאלט אזוי פיעל און אזוי גרויס געוועהן, אז דער יוד האט

זיי ניט געקאנט אננעהמען אלס שטראף פאר זיינע זינד אליין . דאריבער האט ער אין זיי געזעהן אויך דעם לעצטען נסיון אונ געגלויבט , אז דאס זענען די „חבלי משיח" , דאס שטאק פינסטערניס וואס עס ווערט עהדער דער העללער טאג דארף אויפשיינען . די חבלי משיח האבען זיי שוין געזעהן , וואו איז דען דער משיח אליין ? האט געוויס יעדער ביי זיך געפרעגט . די שאלה צו פערענטפערן האבען זיך גענומען שווינדלער , אונ עס איז קיין חדוש ניט וואס מען האט זיי געגלויבט . דער עולם האט מיט אונגעדולד משיח'ן דערווארט , מיט די אויגען איהם געזוכט , איהם געוואלט געפינען , געוואלט זוכה זיין איהם צו זעהן , אונ אז עס האט זיך געפונען א מענש וואס האט אויסגעשריען אליין , אדער ער האט אנגעשטעלט שרייער , וואס האבען געשריען : אט איז ער ! האט מען געגלויבט אונ מען האט משיח'ן געזעהן . אונ וויפיעל האט דער שווינדעל יודען אבגעקאסט ! וויפיעל צרות אונ פיין איז מען אויסגעשטאנען אונ וויפיעל ברידער האט מען דורך דעם פערלארען !... נאר א דאנק גאטט , מען איז די קרענק אויסגעשטאנען , דער שווינדעל איז ארוים אונ ניט די שבתי צביניקעס ניט די פראנקיסטען , וואס זענען פון טאג צו טאג ווייניגער אונ שפּלי'ר געווארן , האבען מעהר ניט געקאנט קיינעם פערפיהרען . צו אזא צייט , דאכט זיך , האבען די רבנים , אלס פארשטעהער אונ לעהרער פון זייער אמונה אונ געפיינינט פאלק , געברויכט זיך צוקוקען צו דעם מאראלישען לעבען פון זייערע נידריגערע ברידער , אונ איינזעהן , אז דער מכשל פון פאלשע משיחים וואס האט פונ'ם המון אזוי פיעל פערפיהרט , האט געקאנט געשעהן נאר דאנן , ווען דער המון האט ניט געקאנט זיין צופריעדען מיט דער הנהגה אין אמונה וואס זיי , די רבנים , האבען זיך מיט איהם נוהג געוועהן , אונ זיי האבען געברויכט אנהייבען מקרב צו זיין דעם פראסטען עולם , מיט טרעסט אונ גוטע האפפנונג איהם כח געבען צו קאנען אריבער טראגען די שלעכטע צייטען , ביז גאטט וועט צושיקען די אמת'ע ישועה וואס מיר אללע האפען , אזוי ווי עס האבען שטאנדיג געטהון אונזערע חכמים אונ גרויסע לייט ביי יעדער גזרה רעה , ביי יעדען אונגליק פון זייערע ברידער ; איז אבער דא ניט אזוי געוועהן : די רבנים פון יענער צייט זענען טיף פערזונקען געוועהן אין זייער פלפול אין תלמוד אונ זיינע מפרשים , פון קיין אנדער וויסענשאפט , אויסער תלמודישע אונ קבלה , ניט געוואוסט אונ ניט געוואלט וויסען , בעטראכט דעם גאנצען תכלית פון יודישען לעבען נאר אין קאנען זיין קלאר , לכל הפחות , גאנץ ש"ס , אונ האבען פערלאנגט , אז אללע יודען פון אללע קלאסען זאללען זיין לומדים אזוי ווי זיי אליין . די רבנים

האבען ניט פערשטאנען אז א גאנץ פאלק קאן ניט בעשטעהען פון לומדים אונ רבנים אלליין, ניט דערמאנט אז זעלבסט ווען יודען זענען אין זייער אייגען לאנד געזעסען, יעדער אין זיין אייגענעם וויינגארטען, צווישען אייגענע ברידער זענען אויך געוועהן, אי לומדים אי עמי הארץ, בפרט ווען יודען זענען אזוי פערוואגעלט, אזוי געיאגט אונ געפלאגט, וואו ער איז קיינמאל ניט נאר מיט זיין פרנסה ניט זיכער, אבער אויך פאר זיין איינגעבעטען ביטער היים ברויך ער ציטערן מען זאלל איהם ניט ארויס טרייבען, אונ וואו זעלבסט זיין לעבען הענגט אויף א האר, — ווי די לאגע פון די פולישע יודען איז דאמאלט געוועהן. — ווי קאנן מען פערלאנגען פון אזא פאלק, אז אללע זאלען לערנען תורה טאג אונ נאכט, אדער פאר שפל האלטען דעם המון פונ'ם פאלק וואס קאן עס ניט אזוי זיין ווי די רבנים ווילען? זיי, די לומדים אונ די רבנים האבען עס ניט פערשטאנען אונ האבען דאריבער אויף דעם עם הארץ געקוקט וויא אויפ'ן גראסטען שפל, וואס איז גאר ניט כדאי וועגען איהם צו רעדען. זיי האבען געשריבען ספרים פאר נאך אזעלכע לומדים ווי זיי, געזאגט דרשות אונ פלפולים אין די בתי מדרש אונ שולען, וואס זענען צום לעבען אונ לעבענספראגען ניט נוגע, אונ עס איז גאר זייער דאגה ניט געוועהן, וואס עס זענען דא אמענגע יודען וואס פערשטעהען ניט אונ קאנן ניט פערשטעהן ניט זייערע ספרים אונ ניט זייערע דרשות. נאר א למדן, נאר א מופלג איז א לייט, אין עם הארץ איז גלייך ווי נאר ניש'ט, נאר זיי די לומדים זענען געווארען דער גאנצער יחוס פונ'ם פאלק, די גאנצע דעה אין אללע ענינים, דער קאפ פון דער אומה, אבער וועה צו דעם גוף וואו דער קאפ מיינט, אז אללע אנדערע אברים זענען גאר איבריג אונ ער וויל אויף זיי ניט קוקען אונ פאר זיי ניט זארגען, זיי זאללען אויך געזונד זיין, אונ זאללען אויך האבען דאס וואס זיי פעהלט...

אזוי האבען זיי פערוואהרלאזט דעם המון עם, אין אללע ענינים איהם נידריג געשטעלט, צו קיין זאך איהם ניט צוגעלאזט, זעלבסט זיך אנטהון אפיינערן בגד האט ער ניט געטארט, אומעדום איז ער געוועהן א שפל, א נחות דרגא, אונ האט ניט נאר אין לעבען קיין העכערס ניט געקאנט דערגרייכען אבער זעלבסט אויף נאכ'ן טויט האט ער פיעל ניט געקאנט האפען. עס איז גענוג אריינצוקוקען אין די פיעל מוסר־אונ קבלה־ספרים וואס זענען געשריבען ביז יענער צייט, אום איינצוזעהן ווי שווער זייערע מחברים האבען געמאכט פאר'ן המון, דעם וועג וואס פיהרט דעם מאמין צו עולם הבא. וויפיעל דינים, [illegible] אונ גזרות האבען זיי אין דעם וועג אנגעשטעלט פאר דעם צוברעכענעם

גֶעפְּלָאנְטֶען יוּדֶען, וָואס זַיין קָאפּ אִיז אִיהם פֶערְשְׁלָאגֶען מִיט שְׁוֶוערֶע דַאֲגוֹת, דֶער רוּקֶען- אִין דְרַייֶען גֶעבּוֹיגֶען פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן יָאךְ פוּן זַיין בִּיטֶערֶער פַּרְנָסָה, דָאס הַארְץ, פוּל מִיט וואוּנְדֶען פוּן אַלְץ וָואס עֶר קָאנְן נָאר גֶעדֶענְקֶען פוּן זַיין הִיסְטָארְיֶע, עֶר זָאלל נִיט קֶאנֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין לֶעצְטֶער טְרֶאסְט, צוּ עוֹלָם הַבָּא הָאטְ'שׁ נָאכ'ן טוֹידְט! אוּנ עֶס אִיז קֵיין וואוּנְדֶער נִיט, וָואס דֶער הֲמוֹן עַם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶען דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי לוֹמְדִים אוּנ לֶעבֶען פַאר זִיךְ אִין זַיין פִינְסְטֶערְן וֶועלְטֶעל נָאךְ זַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט מֶען אִין דֶעם וֶועלְטֶעל אָנְגֶעהֵייבֶען הֶערְן אַ נַייֶען מוּסָר, מִיט אַ נַייֶע תּוֹרָה, אַז נִיט דַוְקָא דוּרְךְ אַ סַךְ גְמָרָא לֶערְנֶען קָאנְן מֶען זַיין אַ עֶהְרְלִיכֶער יוּד אָבֶער אוֹיךְ דוּרְךְ מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּנ נִיט נָאר דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶער דִי גוּטֶע כַּוָנָה, וָואס מֶען הָאט דֶערְבַּיי, אִיז דֶער עִיקָר, אוּנ מֶען מֶאג נָאר קֵיין לַמְדָן נִיט זַיין נָאר אַז מֶען גְלוֹיבְּט מִיט'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען אִין בּוֹרֵא עוֹלָם אוּנ מֶען הִיט אָב זַיין גֶעבָּאט הָאטְ'שׁ ווִיפִיעל אֵיינֶער אִיז בִּיכוֹלֶת, הָאט מֶען שׁוֹין עוֹלָם הַבָּא גְלַייךְ מִיט דִי וָואס זִיצֶען טָאג אוּנ נַאכְט אִיבֶּער דֶער גְמָרָא. בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאבֶען דִיזֶע וֶוערְטֶער אָנְגֶעהֵייבֶען נָאכְצוּרֶעדֶען פִיעל פוּן דִי בִּיז אַהֶער פֶערְשְׁטוֹיסֶענֶע קְלַאסֶען אִין יֶעדֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָה, אוּנ מֶען הָאט דֶעם נַייֶעם גַאנְג אִין אֱמוּנָה אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶען חֲסִידוּת. דָאס הֵייסְט: אֶמֶתְ'עֶ פְרוּמְקֵייט. צוּ קֵיין בֶּעזוּנְדֶער סֶעקְטֶע אִיז דָאס אָבֶער נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען. וַוייל דִי כְּלָלִים זֶענֶען נָאךְ נִיט אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט גֶעוֶועהן, אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט עֶס נָאר נָאכְגֶערֶעדְט אַלְס פְּרָאטֶעסְט גֶעגֶען יֶענֶע וָואס הָאבֶען זִיךְ גֶעגְרֵייסְט מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה אוּנ חֲרִיפוּת, עֶס הָאט נָאךְ גֶעפֶעהלְט דֶער מֶענְשׁ וָואס זָאלל אִין זִיךְ דֶעם כֹּחַ הָאבֶען צוּזַאמֶענְצוּנֶעהמֶען אָט דִי אַללֶע פְּרָאטֶעסְטִירֶענְדֶע קוֹלוֹת, זֵיי צוּ אָרְדְנֶען אוּנ מַאכֶען פוּן זֵיי כְּלָלִים וְוִיא דֶער עוֹלָם זָאלל זִיךְ נָאךְ זֵיי פִיהְרֶען אִין לֶעבֶען.

עֶס הָאט גֶעפֶעהלְט דֶער מֶענְשׁ, וָואס זָאלל מִיט אַ רֵיינֶער אִיבֶּערְצֵייגוּנְג אוּנ אֶמֶתְ'ר לִיעבְּשַׁאפְט צוּ זַיינֶע אָרֶעמֶע פֶערְוָואהְרְלָאזְטֶע בְּרִידֶער, אָפֶען פַאר דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט עֶרְקְלֶערְן, אַז דֶער הֲמוֹן עַם אוּנ דֶער עַם הָאָרֶץ זֶענֶען אוֹיךְ יוּדֶען בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב פּוּנְקְט ווִי דִי לוֹמְדִים, אוּנ זֵיי הָאבֶען אוֹיךְ אַ חֵלֶק נִיט נָאר אִין עוֹלָם הַבָּא, נָאכ'ן טוֹידְט, אָבֶער אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶער עֶרְד לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייד הָאבֶען זֵיי אַ חֵלֶק אִין זֵייעֶרֶע שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּנ אִין אַלְץ וָואס גֶעהֶערְט צוּ דֶער אוּמָה אַזוֹי וְוִי לוֹמְדִים אוּנ וְוִי אַללֶע מְיוּחָסִים אוּנ זֵיי בְּרוֹיכֶען נָאר נִיט צוּ זַיין אַזוֹי אַרָאבְּגֶעפַאללֶען בַּיי זִיךְ וְוִי דִי בַבָּנִים הָאבֶען זֵיי בִּיז אַהֶער אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען...

אזא מענש האט זיך טאקי באלד געפונען אונ דאס איז געוועהן ר׳ ישראל בעל שם טוב פון מעזיבוז, וואס איהם איז בעשערט געוועהן אט די אללע אונצופריעדענע פערזאמלען ארום זיך, זיי צו געבען כללים אין אמונה אונ לעבען, זיי ניט לאזען זיך אין גאנצען מרחיק זיין פון די רבנים אונ זיי ניט לאזען ווייט אראבקריכען פון יודישען וועג אונ פון דער תורה אונ איבער־הויפט, ניט לאזען זיי פערפיהרט ווערן, ווי עס זענען פערפיהרט געווארען אללע אנדערע יודישע סעקטען.

אין יענע יאהרען האט מען אין די פוילישע שטאדטלעך זעלטען פערשריבען חענען א קינד קומט אויף דער וועלט, דאריבער איז שווער צו בעשטימען אקוראט ווענן ר׳ ישראל איז געבאהרן געווארען; נאר ווי פון יעדען גרויסען מענשען, וואס האט א גרויסע ראלע געשפיעלט אין ענייני אמונה פון זיין פאלק, ווערט דערצעהלט וואונדערליכע אונ איבערנאטירליכע מעשות. אזוי האט זיך אויסגעארבייט א גאנצע געשיכטע פולל מיט וואונדער־געשיכטען, וועלכע דער־צאהלען נסים ונפלאות ווי אזוי ר׳ ישראל בעל שם טוב איז אויף דער וועלט געקומען, ווי אזוי ער איז פון קליין גרויס געווארן, אלץ ניט כדרך הטבע ווי אבי ווער. לויט נאך דיזע געשיכטען איז ער געבאהרען אים יאהר 1698 אין א קליין שטאדטעל אקופ ביי דער גרעניץ צווישען פולען אונ וואלאכיי.

מען דערצעהלט, אז דער פאטער ר׳ אליעזר איז געוועהן א יוד א למדן אונ איז שטאנדיג געזעסען אונ געלערנט. אונ די גאנצע ברויטגעבערין איז גע־וועהן די מוטטער, וואס פלעגט ציהען איהר פרנסה דערפון, וואס זי איז געוועהן א אקושערין. ניט איין מאל פלעגט זי זיך בעוואשען מיט טרערען פאר וואס גאטט ניט איהר ניט קיין אייגענע קינדער אונ האט אלץ געהאפט, אז דער אויבערשטער וועט אויף איהר פארט רחמנות האבען אונ איהר שיקען א קדיש אויף דער עלטער. פלוצלונג האט זיך אבער געמאכט א גרויס אומגליק אונ זי האט שוין כמעט אין גאנצען פערלארען איהר האפנונג: טאטארען פלעגען אפט אנפאלען אויפ׳ן שטאדטעל, אבראבעוועו די איינוואהנער אונ א מאל טאקי אוועקפיהרען עטליכע פון זיי געפאנגען, כדי זיי זאלען זיי אין דער פרעמד פערקויפען פאר קנעכט, אונ גאר אומגערעכט האבען זיי אויפגעהאפט ר׳ אליעזר׳ן אונ האבען איהם אוועקגעשיקט ערגיץ ווייט. דארט האט ער זעהר עהרליך אונ געטריי געדיענט דעם בעל הבית, וואס האט איהם געקויפט אונ איז ביי איהם געווארען א זא חשוב, אז מען האט איהם ערלויבט אים שבת ניט צו ארבייטען. דער בעל הבית איז אבער געוועהן א גוטער ברודער מיט׳ן

עֶרְשְׁטְעַן מִינִיסְטֶער אוּנ הָאט אִיהם גֶעוָואלְט שֶׁאנְקֶען אַ טְהַייעֶרֶע מַתָּנָה, הָאט עֶר נִיט גֶעפוּנֶען קֵיין בֶּעסֶער גֶעשֶׁאנְק וִוי אַוֶועקְצוּגֶעבֶּען אִיהם זַיין גֶעלִיעבְּטֶען קְנֶעכְט. בַּיים מִינִיסְטֶער הָאט ר׳ אֱלִיעֶזֶר אוֹיךְ נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶועהן אוּנ עֶר אִיז בַּיי אִיהם פְּרִיהֶר גֶעוָוארֶען אַ לַייבּ־מֶענְשׁ אוּנ דֶערְנָאךְ — זַיין גַאנְצֶער יוֹעֵץ. עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִיהְרְט, אַז ר׳ אֱלִיעֶזֶר הָאט אַ מָאל גֶעגֶעבֶּען אַ וִויכְטִיגֶע עֵצָה, וָואס דֶערְפוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער מְדִינָה אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, אוּנ דֶער סוּלְטַאן אַלֵיין הָאט אִיהם גֶעוָואלְט זֶעהֶען. דָא אִיז שׁוֹין זַיין מַזָל גָאר גֶעהוֹיכְט גֶעוָוארֶען, וַוייל עֶר אִיז דֶעם סוּלְטַאן שְׁטַארְק גֶעפֶאלֶען אוּנ עֶר הָאט אִיהם חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן אַ גְרוֹיסֶען שְׂרָרָה. ר׳ אֱלִיעֶזֶר הָאט לְפָנִים גֶעמוּזְט צוּ לִיעבּ טְהוּן, נָאר עֶר הָאט זִיךְ צוּ זַיין פְּרוֹי נִיט צוּגֶערִירְט אוּנ הָאט אִיהר נָאר מְגַלֶה סוֹד גֶעוֶועהן אַז עֶר אִיז אַ יוּד אוּנ דַארִיבֶּער טָאר עֶר מִיט אִיהר נִיט וָואהְנֶען. דִי פְּרוֹי הָאט אוֹיף אִיהם רַחֲמָנוּת גֶעקְרִיגֶען אוּנ הָאט אִיהם פוּן אִיהר פֶערְמֶעגֶען גֶעגֶעבֶּען אַ סַךְ גֶעלְד, כְּדֵי עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפֶען אוּנ זִיךְ צוּשְׁלָאגֶען אַהֵיים. ר׳ אֱלִיעֶזֶר הָאט טַאקִי אַזוֹי גֶעטְהוּן, נָאר אוֹיפ׳ן וֶועג זֶענֶען אִיהם גַזְלָנִים בֶּעפַאלֶען, מֶען הָאט בַּיי אִיהם אַלְדִינְג צוּגֶענוּמֶען, אוּנ עֶר אִיז, נָאךְ אַ לַאנְגֶער צַייט, צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אַ קַבְּצָן וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועהן פְּרִיהֶר, אוּנ גֶעבְּלִיבֶּען אַזוֹי כָּל יָמָיו. אַוַדַאי אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן זַיין וַוייבּ, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶערֶעכֶענְט פַאר אַיין עֲגוּנָה, גֶעוֶועהן זֶעהר גְרוֹיס, נָאר נָאךְ גְרֶעסֶער אִיז גֶעוָוארֶען אִיהר פְרֵייד, אַז גָאט הָאט אִיהר גֶעשֶׁאנְקְט אַ קִינְד אוּנ זִי הָאט מִיט מַזָל גֶעהַאט אַ יוּנְגֶעלֶע. דָאס אִיז גֶעוֶועהן ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, נָאר אוֹיפְצִיהֶען אִיהם אִיז זֵיי בֵּיידֶע נִיט בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן. גִיךְ אִיז ר׳ אֱלִיעֶזֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ בַּאלְד נָאךְ אִיהם אִיז אוֹיךְ דָאס וַוייבּ נָאכְגֶעגַאנְגֶען אִין קֶבֶר אַרַיין אוּנ דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ יָתוֹם. נָאר אַיין יְרוּשָׁה הָאבֶּען אִיהם דִי אָרֶעמֶע עֶלְטֶערְן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, — דָאס אִיז גֶעוֶועהן אַ פֶּעסְטֶע הָאפְנוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִיהם נִיט פֶערְלָאזֶען, הָאטְשׁ עֶר בְּלַייבְּט אֵיינֶער אַלֵיין. פַאר׳ן טוֹיט, דֶערְצֶאהלְט דִי לֶעגֶענְדֶע, הָאט אִיהם דֶער פָאטֶער גֶענוּמֶען אוֹיף דִי הֶאנְד אוּנ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִיט שְׁרֶעקֶען פַאר קֵיינֶעם אוּנ נָאר הָאפֶען אוֹיפ׳ן אֲבִי יְתוֹמִים וָואס וֶועט אִיהם גֶעווִיס נִיט פֶערְלָאזֶען, אוּנ נִיט אַיין מָאל פְלֶעגְט דֶער בַּעַל שֵׁם דֶערְמָאנֶען דֶעם פָאטֶערְס לֶעצְטֶע דִבּוּרִים אוּנ הָאט פֶערְזִיכֶערְט, אַז דִי דָאזִיגֶע רֶעד זֶענֶען בַּיי אִיהם גֶעוָוארֶען דֶער פוּנְדַאמֶענְט פוּן אַ רֵיינֶער אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא עוֹלָם. דָאס שְׁטֶעדְטֶעל הָאט גֶעדֶענְקְט וָואס פַאר אַ פְרוּמֶער יוּד ר׳ אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶועהן אוּנ מֶען הָאט

מגדל געוועהן דעם קליינעם יתום גלייך מיט אללע אנדערע קינדער. אז ער איז אלט געוואָרען פינף יאָהר האָט מען איהם אוועקגעגעבען אין א חדר, וואו ער האָט געליטען ווי יעדעם שוואַך קינד, וואָס האָט ניט ווער עס זאָלל זיך פאַר איהם אָננעהמען. דערצו האָט מען נאָך בעמערקט אַז ער איז גאָר קיין מתמיד ניט, אַז ער האָט ליעב אוועקצוקוקען פונ'ם ספר אונ איז שטענדיג פאַרטראַכט; גאַנץ אָפט פלעגט ער גאָר פערפאַלען ווערען אויף גאַנצע טאָג אונ מען פלעגט איהם געפינען אין וואַלד שטעהען פערשמאַכט, אָהן עסען אונ אָהן טרינקען אונ ניט וויסען וואָס מיט איהם טהוט זיך. די עטליכע בעלי בתים, וואָס פלעגען נאָך אַמאָל אַכטונג געבען אויפ'ן יתום איז נמאס געוואָרען זיך מיט איהם אַרומפּיהרען, מען האָט געזעהען אַז שלאָגען העלפט איהם ניט האָט מען אַראָב גענומען פון איהם די השגחה אין גאַנצען. עלף יאָהר איז ער אַלט געוועהן, ווען ער האָט שוין בעדאַרפט אַראָב אויף זיין אייגענער קאָסט, אונ ער איז געוואָרען אַ בעהעלפער אין אַ חדר. דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען זיין עדעל האַרץ, ווייל ער האָט זעהר אָבגעהיט די קליינע קינדער, וואָס מען האָט איהם איבערגעגעבען, אונ וואָס זענען אייגענטליך ניט געוועהן אַ סך יונגער פון איהם. שפּעטער האָט ער ניט איין מאָל איבער געחזרט, אַז דאָס זענען בייא איהם געוועהן די גליקליכסטע יאָהרען, ווען ער פלעגט זאָגען מיט די קינדער „מודה אני", אונ דאַווענען מיט זיי אין שול אויף אַ הויך קול...

אַז ער איז געוואָרען בר מצוה, האָט ער בעקומען אַ העכערע שטעלע, אונ מען האָט איהם געמאַכט פאַר אַ אונטער־שמש אין שול. דאָ איז איהם שוין בעסער געוואָרען, ווייל אַרבייט האָט ער געהאַט זעהר ווייניג, קיינער האָט איהם ניט נאָכגעקוקט אונ ער האָט געהאַט גענוג צייט זיך צו בעשעפטיגען מיט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, אונ האָט גאַנץ רוהיג געלעבט אין דער צייט, דערצאָהלט די לעגענדע. האָט ער געשמאַק געלערנט קבלה אונ האָט געהאַט גאַנצע פּאַק מיט געשריבענע ספרים. ווי אַרום די דאָזיגע ספרים זענען געקומען צו איהם, האָט מען שפּעטער דערצעהלט אַ גאַנצע מעשה: ערגיץ אין אַ ווייטער מדינה האָט געלעבט אַ גרויסער צדיק וואָס האָט געהאַט די זכיה צו געפינען אין אַ הייל אַ סך כתבים. פאַר'ן טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיין זוהן, אַז ער זאָל זיך אַוועקלאָזען קיין פּולין אונ דאָרט אין אַ שטעדטעל אָקוּפּ זאָל ער אָבזוכען אַ בחור'ל פון פיערצעהן יאָהר, וואָס הייסט מיט'ן נאָמען „ישראל בן אליעזר", אונ איהם זאָל ער אָבגעבען די

כְּתָבִים, ווייל ער האָט געזעהען אין חלום אַז נאָר ער דאַרף זיי בעקומען. דער זוהן האָט פּינקטליך אויסגעפילט די צוואה פון זיין פאטער און איז אַוועקגעפאָהרען קיין אָקופּ, דאָרט האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביי איינעם פון די שאַנסטע בעלי בתּים, און אַזוי ווי די זאַך האָט געמוזט צוגעהען בסוד און עס האָט בעדאַרפט אַ ביסעלע געדויערן ביז ער וועט געפינען דעם ריכטיגען מענשען, האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל זיך בעזעצען אין אָקופּ און קויפען דאָרט אַ שטוב. אין אַ קליין שטעדטעל, אַז עס קומט פּלוצלונג אַראָב אַ רייכער יורש, בעפאַלען איהם באַלד די שדכנים: קיין וואונדער איז נאָך ניט אַוועקגעגאַנגען, האָט מען דעם יונגען מאַנן טאַקי דאָ חתונה געמאַכט מיט אַ טאָכטער פון די אָקופּער גבירים. נאָך דער חתונה האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען און איז זעהר ענטטוישט געוואָרען, אַז ער האָט אין גאַנץ שטאָדט ניט געפונען קיין אַנדער־ישראל בן אליעזר" ווי נאָר דאָס קליינע שמש'ל. דער גבירישער איידעם האָט זיך געוואָלט איבערצייגען צו האָט ער קיין טעות ניט און איז געפאַלען אויף אַ שכל: ער האָט געבעטען דעם שווער ער זאָל איהם לאָזען לערנען אין אַ בעזונדער שטיבעל געבען דער שול און זאָל דינגען דעם קליינעם שמש ער זאָל איהם בעדיענען. ער האָט באַלד בעמערקט ווי דער ישראל בן אליעזר פערברענגט גאַנצע נאַכט מיט לערנען און האָט פערשטאַנען אַז אין איהם ליעגט טאַקי עפּיס אַ פערבאָרגענער כּח, און נאָר פאַר דער וועלט פערשטעלט ער זיך און מאַכט זיך אַז ער איז קלאָמערשט אַ עם הארץ, און ער האָט איהם דערמאָלט אויסגעזאָגט דעם סוד און האָט איהם איבערגעגעבען אַללע כתבים. דער יונגער מאַנן האָט אָבער אויך געוואָלט לערנען קבלה און ר' ישראל האָט עס איהם געמוזט צו ליעב טהון. פון דעמאָלט אָן האָבען זיי זיך גערעכענט פאַר חברים, און אַזוי ווי אין שול האָט מען זיי געקאָנט שטערען, האָט דער רייכער איידעם געדונגען אַ בעזונדער שטיבעל אונטער דער שטאָדט און דאָרט זענען זיי שוין עטליכע יאָהר כּסדר געזעסען יומם ולילה און האָבען געלערנט.

ר' ישראל איז דערווייל אַלט געוואָרען אַכטצעהן יאָהר און עס האָט זיך אויף איהם אויך אָבגעזוכט אַ בעלן, וואָס האָט איהם זיין טאָכטער געגעבען פאַר אַ ווייב. זי איז אָבער באַלד נאָך דער חתונה געשטאָרבען און טאַקי תּיכף האָט ער פערלאָרען אויך דעם רייכען חבר און איז געבליבען איינער אַלליין. זיין גאַנצע פּרנסה איז אין דער לעצטער צייט געוועהן פון'ם חבר און אַז דער טויט האָט אָבער דעם אויך פּלוצלונג צוגענאַפּט, האָט זיך ר' ישראל

גֶעסוּזְט אָנְהוֹיבֶּען זוּכֶען עֶפִּיס אַאַנְדֶער פַּרְנָסָה. דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען קַיין בְּרָאדִי אוּנ אִיז דָארְט עֶרְגִיץ אִין אַ אוּנְטֶער־גֶאסֶעל, וואו דִי קַבְּצָנִים וָואהְנֶען, גֶעוָוארֶען אַ דַרְדְקִי־מְלַמֵד. דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אָבֶּער בַּאלְד אוּמְגֶעקוּקְט אַז דָאס אִיז עֶפִּיס נִיט קַיין פְּרָאסְט מְלַמֶד׳ל, זַיין פְרוּמְקַייט אוּנ נָאךְ מֶעהר זַיין לִיעבְּשַׁאפְט צוּ מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָוארְפֶען אִין אוֹיג, אוּנ מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִיהם אָפְּט נֶעהְמֶען פַאר אַ בּוֹרֵר, מֶען פְּלֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיהם פֶּערְלָאזֶען. אַמָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אֵיין צַד הָאט אִיהם בֶּענוּטְצְט צוּ אַ דִין תּוֹרָה וָואס דֶער אַנְדֶערֶער צַד אִיז גֶעוֶועהן אֵיינֶער פוּן דִי שֶׁאנְסְטֶע בְּרָאדֶער בַּעֲלֵי בָּתִּים, ר׳ אַבְרָהָם קוּטָאוֶוער. דֶער פָאטֶער פוּנ׳ם בֶּערִיהְמְטֶען בְּרָאדִי׳ר רַב ר׳ גֵרְשׁוֹן קוּטָאוֶוער. ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט בַּיי דֶעם דִין תּוֹרָה אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַזוֹי פִיעל גֶענִיטְהְשַׁאפְט אִין וֶועלְט־זַאכֶען אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ טַאקִי נִיט וֶועניג חֲרִיפוּת אִין לֶערְנֶען, אַז דֶער אַלְטֶער ר׳ אַבְרָהָם הָאט גָאר נִיט גֶעקָאנְט פֶּערְשְׁטֶעהֶען ווי קוּמְט עֶס צוּ אַזַא גֶעוֶואהנְלִיכֶען מֶענְשֶׁען. עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיהם אַבִּיסֶעל מֶעהר צוּרֶעדְט, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז עֶר אִיז אֵיין אַלְמָן הָאט עֶר אִיהם פָארְגֶעלֶעגְט עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט זַיינֶע אַ טָאכְטֶער אַ גְרוּשָׁה. ר׳ יִשְׂרָאֵל אִיז דַארוֹיף מְרוּצֶה גֶעוָוארֶען, נָאר אֵיין תְּנַאי הָאט עֶר מִיט אִיהם אוֹיסְגֶענוּמֶען, אַז קֵיינֶער זָאל דֶערְוַוייל דֶערְפוּן נִיט ווִיסֶען. ר׳ אַבְרָהָם אִיז אִין עֶטְלִיכֶע טֶאג אַרוּם גֶעשְׁטָארְבֶּען, דִי זַאךְ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בְּסוֹד. אַז ר׳ גֵרְשׁוֹן קוּטָאוֶוער הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען, נָאךְ שִׁבְעָה, אִיבֶּערְקוּקֶען דֶעם פָאטֶערְס פַּאפִּיערֶען, אִיז עֶר נִבְהָל וּמִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעפוּנֶען „תְּנָאִים״ וָואס דָארְט אִיז בְּפֵירוּשׁ גֶעשְׁטַאנֶען, אַז ר׳ אַבְרָהָם הָאט פֶּערְקְנַס׳ט זַיין טָאכְטֶער פַאר אַ אוּנְבֶּעקַאנְטֶען יוּדֶען יִשְׂרָאֵל בֶּן אֱלִיעֶזֶר. עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁוֶועסְטֶער צוּ ווֵייסְט זִי נִיט עֶפִּיס דֶערְפוּן, נָאר פַאר אִיהר אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶועהן אַ נַייעֶס, אוּנ עֶס אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גֶעבְּלִיבֶּען, מֶען זָאל ווַארְטֶען אוּנ זֶעהֶען וָואס דִי צַייט וֶועט ווַייזֶען. אִין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אַרוּם אִיז טַאקִי גֶעקוּמֶען צוּ ר׳ גֵרְשׁוֹן קוּטָאוֶוער, וָואס הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּיעלְט דִי גְרוֹיסֶע רָאלֶע, אַ יוּד אָנְגֶעטְהוּן אִין אַ גְרָאבּ קוּרְץ פֶּעלְצֶעל אוּנ הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דֶער קֶעשֶׁענֶע „תְּנָאִים״ אוּנ גֶעוִויזֶען, אַז דָאס הָאט עֶר גֶענֶעבֶּען זַיין וָוארְט ר׳ אַבְרָהָם׳ן אוּנ אַצוּנְד אִיז עֶר גֶעקוּמֶען עֶס מְקַיֵים זַיין. ר׳ גֵרְשׁוֹן קוּטָאוֶוער הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפֶען דִי שְׁוֶועסְטֶער, אוּנ עֶס אִיז זֵיי אַוַדַאי בֵּיידֶע גוּט פִינְסְטֶער גֶעוָוארֶען אִין דִי אוֹיגֶען אַז זֵיי הָאבֶּען בֶּעטְרַאכְט דֶעם „חָתָן״: ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהֶען ווִי אַ פֶּערְגְרֶאבְּטֶער רֶענְדַאר, וָואס ווֵייס קַיין צוּרָה פוּן קַיין אַלֶף נִיט,

און זיי האבען נאר ניט געקאנט פערשטעהען וואס דער פאטער האט אזוינס דערזעהען אין דעם „פראסטאק״. נאר ווי שווער עס איז ניט געוועהן ר׳ גרשון קוטאווער זיך משדך זיין מיט אזוילד פרעמדען גראבען מענשען, און דער שוועסטער — זיך צו פערבינדען אויף עביג מיט אזא מין מאנן, האבען זיי פארט ניט געקאנט געהען געגען רצון פונ׳ם פאטער און מען האט בעשטימט דעם טאג פון דער חתונה. די לעגענדע דערצעהלט, אז פאר דער חופּה האט ר׳ ישראל אויסגעזאגט דער כלה ווער ער איז און האט זי געבעטען זי זאל זיך גוט בעטראכטען צו וועט זי קאנען מיט איהם גלייך פערשווארצט ווערען און טראגען די צרות פונ׳ם לעבען, און אז זי האט איהם געגעבען דאס ווארט דארויף און האט צוגעשווארען, אז דער סוד וועט ניט אראב פון איהרע ליפּען, איז געווארען א חתונה, און די גאנצע שטאדט האט צו טהון געהאט מיט דעם שוואגער, וואס דער בראדי׳ר רב האט פּלוצלונג בעקומען און מען האט עס ניט געוואוסט ווי עס אויסצודייטען.

פאר ר׳ גרשון קוטאווער איז דאס געוועהן א גרויסע בושה און עס איז בייי איהם געבליבען ער זאל אליין לערנען מיט׳ן שוואגער און איהם מאכען פאר א מענשען. ר׳ ישראל האט אבער, דערצעהלט די לעגענדע, געפיהלט אז עס איז נאך ניט געקומען די צייט וואס ער זאל קאנען ענטדעקען ווער ער איז, און ארויסווייזען זיין דרך, דאריבער האט ער זיך געמאכט אז עס איז איהם זעהר שווער צו פערשטעהען וואס מען לערנט מיט איהם, און עס איז אזוי ווייט געקומען, אז ר׳ גרשון האט די געדולד פערלארען און האט געזאגט דער שוועסטער, אז זי מוז איין מאל פאר אללע מאל: אדער גט׳ן זיך מיט׳ן מאנן אדער אוועק פאהרען פון בראדי, כדי ער זאל ניט דארפען ליידען קיין חרפות־בושות. דער שוועסטער איז אודאי געוועהן א גרויסער וועטהיג וואס זי האט ניט געטארט רעדען און זי האט געמוזט בעשטעהען. ר׳ גרשון זאל איהר קויפען א פערד און וואגעלע און געבען א ביסעל געלד, און אזוי האט זי זיך מיט איהר מאן אוועקגעלאזט זוכען א נייע היים.

לאנג האבען זיי אומגעוואנדערט ביז זיי האבען געפונען איין ארט ערגיץ אין א דארף, צווישען קוטאוו און קאסאוו און האבען זיך דארט בעזעצט און אנגעהויבען ציהען די פרנסה דערפון, וואס ר׳ ישראל פלעגט די גאנצע וואך פערברענגען אין וואלד צווישען די בערג און דארט גראבען לעהם, און די פרוי פלעגט דריי מאל אין וואך ארויספאהרען צו איהם מיט׳ן פערד און וואגעלע, פערנעהמען די לעהם און זי פערקויפען אין שטאדט. פון אזא מין

פרנסה פלעגען זיי מן הסתם געניג ליידען הונגער, נאר ר' ישראל'ן האט עס וועניג געאהרט, די פרוי האט אויף איהם קיין תרעומות ניט געהאט, ווייל ער האט איהר פריהער געזאגט, אז זי וועט דארפען געניג אויסשטעהען, ביז עס וועט קומען די גוטע שעה, וואס ער וועט קאנען נתגלה ווערען פאר דער וועלט, אונ זי איז דארויף בעשטאנען. ער אליין ווידער פאר זיך האט כמעט נאר ניט בעדארפט. ער פלעגט שטאנדיג פאסטען אונ זיין גאנץ מאכל איז בעשטאנען אין א טרוקען שטיקעל ברויט, וואס ער אליין פלעגט דאס מעהל אויסמישען מיט וואסער אונ עס באקען ביי דער זונן. ר' ישראל האט זיך גליקליך געפיהלט ווען ער פלעגט איינער אליין ארומבלאנזשען צווישען די געדיכטע וואלדער אויף די בערג קארפאטען -- די גאנצע געגענד האט ביי איהם אויסגעזעהען ווי א גן עדן אונ זיינע פרייע געדאנקען, וואס זענען געוועהן תמיד פערטיעפט אין דער גרויסקייט פון דעם, וואס האט דיזעלבע בערג אונ וואלדער בעשאפען, האבען איהם כח געגעבען אללע זיינע נויטהען אריבערצוטראגען. פון קינדוויז אן האט ר' ישראל'ן געצויגען אין וואלד אריין, דארט האט ער ניט איין מאל אויסגענאסען זיין הארץ ניט אין קיין בעשטימטער תפלה פונ'ם סדור'ל, נאר אין א היים געבעט, וואס פליסט ווי א קוואל פון פרומען הארצען. אזוי האט ער אבגעלעבט גאנצע זיבען יאהר.

א פרוי איז אבער פארט שוואכער פון א מאנס-פערשוין. ר' ישראל'ס פרוי איז מיעד געווארען צו ליידען; דעם תענוג, וואס ער האט געשעפט אין וואלד, האט זי ניט געקאנט פיהלען, זי האט נאר געוואוסט, אז לעהם פיהרען איז זעהר שווער, אונ אז נאך שווערער איז, ווען מען הארעוועט זיך גוט אן אונ מען האט נאך דעם ניט מיט וואס דאס חיות צו דערהאלטען. זעהר זעלטען פלעגט ר' ישראל אריינקומען צו איהר אין דארף, אונ אז ער האט געזעהען איהר איינגעשרומפען פנים, איהר אויסגעדארטקייט פון הונגער אונ נויטה, האט איהם דאס הארץ גוט וועה געטהון, דערפאר האט ער איהר צו ליעב געטהון, אז זי האט זיך איין מאל צוגעזעצט צו איהם אונ האט איהם אנגעהויבען בעטען, ער זאל רחמנות האבען אויף זיך אונ אויף איהר אונ זאל מיט איהר פאהרען קיין בראדי צום ברודער בעטען ביי איהם הילף. ביי ר' גרשון קוטאווער זענען זיי, צום אנהויב, ניט געוועהן אזיינע בעליבטע גאסט, נאר דערנאך האט ער געמוזט בעסער ווערען אונ האט זיי אבגעגעבען ביי זיך א וואהנונג. ער האט זיך אפילו געפרווט מאכען ביי זיך ר' ישראל'ן פאר א שמש, נאר עס האט זיך ניך ארויסגעוויזען אז ער טויג דערצו אויך ניט. ר' גרשון האט גע-

וואַרְפֶען, אַז עֶס אִיז קֵיין תַּכְלִית נִיט. אונ הַאלְטֶען בַּיי זִיךְ אַ עֶם הָארֶץ אַ שְׁוָואנְגֶער הָאט אִיהם נִיט גֶעפַּאסְט, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרויסְנֶעהמֶען עֶטְלִיכֶע רֶענְדְלִיךְ אוּנ דִינְגֶען דֶער שְׁוֶועסְטֶער אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אויף דֶעם וֶועג פוּן קוּטָאוו, נִיט ווייט פוּן טַייךְ פְּרוּט.

דֶעמָאלְט הָאט זֵיי שׁוין אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעסֶער צוּ גֶעהֶען, ווייל דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אויף אַ וָואהלֶען טְרַאקְט אוּנ פִיעל מֶענְשֶׁען פְלֶעגֶען זִיךְ דָארְט אָבְּשְׁטֶעלֶען. ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט נָאךְ אַלְץ גֶעלֶעבְּט אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט; עֶר הָאט זִיךְ אִימִיסְטֶען אויסְגֶעבּוֹיעט אַ קְלֵיין שְׁטִיבֶּעלֶע בַּיים טַייךְ, אוּנ דָארְט אִיז עֶר גֶעוֶועסֶען אוּנ הָאט גֶעלֶערְנְט. אַהֵיים פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען נָאר פוּן אֵיין שַׁבָּת צוּם אַנְדֶערְן אוּנ נָאר אַז עֶס אִיז גֶעוֶועהן אַ סַךְ אַרְבַּייט, בֶּעת עֶס פְלֶעגֶען זִיךְ צוּנויפְפָאהרֶען פִיעל אוֹרְחִים אוּנ דִי פְרוֹי אַלֵיין הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אָבְּפֶּערְטִיגֶען, פְלֶעגְט זִי אִיהם אָבְּרַייסֶען פוּן דֶעם לֶערְנֶען אוּנ עֶר הָאט אִיהר גֶעמוּזְט הֶעלְפֶען. קֵיינֶעם הָאט נָאר נִיט גֶעקָאנְט אַיינְפַאלֶען, אַז דֶער פְּרָאסְטֶער רֶענְדַאר מִיט דִי גְרָאבֶּע מַלְבּוּשִׁים, וָואס טְרָאגְט הָאלְץ אוּנ דֶערְלַאנְגְט יֶעדֶען עֶסֶען, אִין אִיז אַ בֶּן תּוֹרָה. זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, נָאר ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט נָאר וֶועניג דֶערְפוּן נֶהֱנֶה גֶעוֶועהן; פַאר אִיהם אִיז גֶענוּג גֶעוֶועהן אַ בְּרוֹיט, וָואס עֶר פְלֶעגְט מִיט זִיךְ מִיט נֶעהמֶען אויף אַ גַאנְצֶער וָואךְ. נָאר שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען מַאכֶען אַ בְּרֵייטֶען; דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר אַרָאבְּוַוארְפֶען פוּן זִיךְ דִי וָואכֶענְדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּנ אָנְטְהוּן ווייסֶע מַלְבּוּשִׁים, אוּנ דֶעם גַאנְצֶען טָאג פֶערְבְּרֶענְגֶען פְרֶעהלִיךְ אוּנ אויפְגֶערֶעגְט. אויף יָמִים נוֹרָאִים פְלֶעגֶען זֵיי אַרַיינְפָאהרֶען קֵיין קוּטָאוו אוּנ דָארְט בְּלֵייבֶּען אַ גַאנְצֶען חֹדֶשׁ; נָאר ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ אִין שְׁטָאדְט שְׁטַארְק אָבְּגֶעהִיט מֶען זָאל נִיט ווִיסֶען וֶוער עֶר אִיז אוּנ מֶען זָאל אִיהם הַאלְטֶען נִישְׁט מֶעהר ווִי פַאר אַ פָּשׁוּט׳ן רֶענְדַאר.

עֶס אִיז זִיךְ אָבֶּער פָארְט שְׁוֶוער שְׁטֶאנְדִיג צוּ בֶּעהַאלְטֶען. אַ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט, אַז עֶס אִיז פֶערְפָאהרֶען אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע אַ רַב אוּנ הָאט דָארְט גֶעמוּזְט שַׁבָּת הַאלְטֶען, אוּנ אַז עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט דָאס דַאוֶוענֶען אוּנ דִי גַאנְצֶע הַנְהָגָה פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל׳ן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסֶען, אַז דָאס אִיז אַ פֶערְבָּארְגֶענֶער צַדִּיק. דֶער רַב הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אוּנ הָאט גֶעגֶעבֶּען ר׳ יִשְׂרָאֵל׳ן אָנְצוּהֶערְן, אַז עֶר הָאט אִיהם דֶערְקֶענְט. ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ לְכַתְּחִלָּה גֶעוָואלְט אויסְדְרֶעהֶען אוּנ אַיינְרֶעדֶען דֶעם רַב, אַז עֶר אִיז מֶעהר נִיט ווִי אַ רֶענְדַאר, נָאר עֶס הָאט נִיט גֶעהָאלְפֶען, עֶר אִיז גֶעצְווָאוּנְגֶען גֶעוֶועהן אִיהם אויסְצוּזָאגֶען דֶעם אֶמֶת אוּנ הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל דִי זַאךְ הַאלְטֶען

בְּסוֹד, ווייל עס איז נאָך ניט געקומען די צייט אַז די וועלט זאל פון איהם געוואָהר ווערען. דערוויילע האט זיך געמאכט, מען האט בּיי איהם אויסגעדונגען די קרעטשמע אונ ער איז ווייטער געבליבען אָהן פּרנסה. היבּשע עטליכע יאָהר האָט ער זיך אָבּגעמוטשעט; פאַר׳ן עסען אַלליין האָט ער זיך פערדונגען צו איין אַנדער רעבּער אונ האָט געלערנט מיט זיינע קינדער גמרא. דערנאָך איז ער אין טלוסט. געוואָרען נאָך אַמאל אַ דרדקי מלמד אונ האָט פונ׳ם קנעלען אַזוי פיעל געהאַט אַז ער איז שטענדיג געגאַנגען אין צוריסענע שיך. אַזוי האָט ר׳ ישראל געלעבּט אין דחקות, בּיז דער עולם האט זיך ניט אָנגעהויבּען צוקוקען צו זיין פאַסטען, צו זיין פייעריג דאַווענען, צו זיין טובל׳ן זיך אין אַ קאלטער מקוה אפילו אים ווינטער, אונ איבּערהויפּט צו אַללע זיינע פרומע מדות, אונ עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ר׳ ישראל דער אָרעמער מלמד, דער אָבּגעקומענער רעבּער, איז אַ בּעהאַלטענער צדיק, אַ בּעל שם. בּעקאַנט געוואָרען פאַר דער וועלט איז ר׳ ישראל אים יאָהר 1735 אונ פון דעמאָלט אָן איז שוין זיין נאָמען אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט אַזוי פיעל וואונדערבּאַרע ערצעהלונגען, אַז עס איז אונמעגליך צו דערגעהען אַ וואָרט אמת. איינס קאָן מען זיכער זאָגען, אַז ווען מען קוקט זיך צו מיט אָפענע אויגען צו דער צייט, ווען ר׳ ישראל האָט אָנגעהויבּען אַרבּייטען אָפענטליך צווישען פאָלק, צום אָרט, וואו ער האָט זיין גאַנץ לעבּען פערבּראַכט אונ צו די מענשען, וועלכע האָבּען זיך אָנגעהאַפּט אין איהם, מוז מען מודה זיין, אַז פון איהם האָט קיין אַנדערער זיך ניט געקאָנט אַרויס, נאָר אַ בּעל שם, אַ צדיק, וואָס איז פול מיט סודות אונ מען זעהט פון איהם נאָר נסים. מען דאַרף ניט פערגעסען אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס האָבּען זיך דעמאָלט געפונען די יודען פון פּאָדאָליען, גאַליציען אונ בּוקאָווינאַ: די פּאָלישע מלוכה האָט זיי ווייניג געקאָנט שיצען פאַר אויסווענינסטע שונאים, אונ ווער שמיעסט נאָך פאַר אינווענינסטע. יעדער פּריץ האָט פון זיי געשונדען די הויט אונ האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף אַ מעלקעדיגער קוה, וואָס קוים האָט ער אָבּגענומען די מילך האָט איהם ניט געאַהרט אַז אויף דער בּהמה זאל זיך נ״ר האַלטען די פעל מיט די בּיינער. אַחוץ דעם האָבּען זיך אַללע מאל, זייט דעם יאָהר 1730 אָנגעהויבּען צו זיי אַריינהאַפּען די היידאַמאַקעס אונ האָבּען זיי פריהר שטילערהייד געראַבּעוועט, בּיז דער חשק האָט זיך אין זיי ניט צובּרענט אונ זיי האָבּען אים יאָהר 1768 אָנגעמאַכט די גרויסע שחיטה. בּיי אַזאַ בּיטערן מצב, ווען די פּרנסה איז געשלאָגען, פון אַללע זייטען פּרעסט מען צו, די רבּנים ווילען זיך

נאר ניט אנקערען מיט די עמי הארץ, מוז דאס פראסטע פאלק אראבפאלען גאנץ נידריג, ווערען פערגראבט און פול מיט נארישקייטען און אבערגלויבען; דערצו איז נאך די טבע פונ׳ם מענשען אזוי, אז גראד ווען עס איז איהם שטארק שלעכט גלויבט ער גיכער אין יעדער ישועה, נאר די פערגרעסערטע האפנונג, דאס ווילען זיך אנכאפען אין א שארף פון א שווערד, נעהמט ביי זיי צו דעם שכל, ער הערט אויף צו דענקען און קלעהרען, ער פערגעסט אז די וועלט פיהרט זיך נאך בעשטימטע כללים, און יעדער זאך, זי מאג געשעהן גאנץ נאטירליך, קומט ביי איהם אוים ווי א מופת. דערפון נעהמט זיך וואס טאקי באלד, נאך די ערשטע קלאפ, וואס די פולישע יודען האבען געכאפט פון חמעלניצקי׳ן, האבען זיך אנגעהויבען צווישען זיי ארויסווייזען בעלי שמות, און דער עולם האט זיך ניט געפוילט אנצודערצעהלען פון זיי די נסים ונפלאות. אים יאהר 1648 האט שוין געשם׳ט ר׳ יואל בעל שם. מען האט דערצעהלט פון איהם אז ער האט אין פאזען ארויסגעטריבען די קליפה פון א משוגענעם יודען; וועלכער איז נאך דעם באלד געזונד געוואָרן. און אז חמעלניצקי׳ס חברה וועגען אנגעפאלען אויף א קליין יודיש שטאדטעל, און די עטליכע יודען וואס וועגען נאך דארט געוועהן, האבען זיך געמוזט ראטעווען מיט א שיפעל, האט ר׳ יואל זיי אללע מציל געוועהן פון דער גרעסטער סכנה, ווייל די קאזאקען וועגען זיי נאכגעשוואומען אין וואסער, נאר ער האט געזאגט אזא שפראך, אז זיי האבען בשום אופן ניט געקאנט דעריאגען די יודען. אזעלכע זאכען האט מען נאך דעם דערצעהלט אויך פון אנדערע מקובלים, ווי ר׳ משה פראגער, ר׳ בנימין כהן און ר׳ אליהו בעל שם, און עס האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען מיט זייערע אויגען געזעהען ווי די דאזיגע „הימעל-מענשען“ האבען זיך געראנגעלט מיט שדים און זיי נובר געוועהן. דאס איז גאנץ לייכט צו פערשטעהען, ווייל דאס פאלק זעהט שטאנדיג דאס וואס עס וויל זעהען. אודאי אז ר׳ ישראל האט זיך צוגעלאזט צום געמיינעם עולם, אלליין האט ער זיך געפיהלט פראסט, און די ארעמע לייט און דער אונצופריעדענער המון עם האבען דערפיהלט, אז זיי האבען פלוצלונג בעקומען א פארשטעהער, וואס מאכט פון זיך ניט אזא פרוש ווי די רבנים און לומדים און האלט זיך ניט פאר א גרויסען מיוחס, האבען זיי איהם געמוזט אנטהון די איינציגע קרוין וואס זיי האבען געהאט, און האבען איהם אנגעהויבען בעטראכטען ווי א בעל שם. זיין דרך אין פרומקייט האט דאס פאלק ניט געקאנט פערשטעהען; ערשט א סך יאהרען שפעטער האבען זיינע תלמידים

און מְקוּרָבִים דֶער וֶועלְט בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט אִין וָואס זַיין רֶעכְטֶע כַּוָנָה אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען ; דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט אָבֶּער הָאט דֶער עוֹלָם מֶעהר נִיט גֶעווּאוּסְט, אַז עֶס אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארֶען אַנַייֶער צַדִיק, וָואס קָאן דֶערְוַוייזֶען מוֹפְתִים, אוּנ מֶען הָאט טַאקִי גֶעזֶעהֶען דִי מוֹפְתִים, וַוייל מֶען הָאט זֵיי גֶעוָואלְט זֶעהֶען . . .

אָנְגֶעהוֹיבֶּען הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב פוּן הֵיילֶען קְרַאנְקֶע. עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָאהרֶען אִיבֶּער פֶערְשִׁיעדֶענֶע שְׁטֶעדְט. אִין דֶער צַייט, וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען אִין דִי וָואלְדֶער אוּנ אוֹיף דִי הוֹיכֶע קַארְפַּאטֶען־בֶּערְג, אִיז עֶר גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן אַסַךְ גְרָאזֶען, וָואס זֶענֶען אִיהם דֶערְנָאךְ צוּ נוּטְץ גֶעקוּמֶען וִוי רְפוּאוֹת. אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער גֶעגְלוֹיבְּט אִין דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער קַבָּלָה, וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט. פְלֶעגְט עֶר גֶעוִויס זָאגֶען פֶערְשִׁיעדֶענֶע שְׁפְּרִיכֶע אוּנ לְחָשִׁים, וֶוען עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט דֶעם קְרַאנְקֶען אַיינְגֶעבֶּען עֶפִּיס אִינְוֶוענִיג אָדֶער צוּלֶעגֶען אַפְלַאסְטֶער, אוּנ דֶערְפַאר אִיז בַּיים עוֹלָם אַיינְגֶערֶעדְט גֶעוֶוערֶען, אַז טַאקִי נָאר אִין דֶעם לִיעגְט דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ זַיינֶער. זֶעהר אָפְט פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען, אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְגְלַייכֶען מִיט דִי דָאקְטוֹירִים אוּנ דֶערְפַאר הָאט עֶר נִיט לִיעבּ גֶעהַאט צוּ הֵיילֶען אַזַא קְרַאנְקֶען וָואס אִיהם הָאט שׁוֹין בֶּעהַאנְדֶעלְט אַדָאקְטָאר, אוּנ דֶעסְטְגְלַייכֶען הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט גֶעהֶען אוֹיף אַזֶעלְכֶע אֶרְטֶער, וואוּ מֶען הָאט שׁוֹין פְרִיהֶר גֶערוּפֶען אַטָאטֶער אָדֶער אַבַּעַל־מַאכֶער. נִיט אֵיין מָאל הָאבֶּען אִיהם דִי דָאקְטוֹירִים גֶערוֹדְפְט, וַוייל עֶר הָאט זֵיי פָּשׁוּט גֶעשַׁאדְט צוּ דִי פַּרְנָסָה, אוּנ אַז עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְפָאהרֶען אִין אַשְׁטָאדְט אַרַיין אִיז מֶען אִיהם נָאכְגֶעלָאפֶען אִין דִי גַאסֶען אוּנ בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט הָאט עֶר גֶעמוּזְט אוֹיפְנֶעהמֶען קְרַאנְקֶע, גֶעבֶּען סְגוּלוֹת אוּנ טְהֵיילֶען קְמֵיעוֹת. דִי דָאקְטוֹירִים פְלֶעגֶען פוּן אִיהם חוֹזֶק מַאכֶען אוּנ אָפְט הָאבֶּען זֵיי אִיהם גֶעפְרֶעגְט מִיט אַגֶעלֶעכְטֶער: וֶוער הָאט עֶס אִיהם אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶעדִיצִין? נָאר ר׳ יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט אֶנְפֶערְן גַאנְץ קַאלְט, אַז זַיין חָכְמָה הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט בַּיי אַגְרוֹיסֶען פְּרָאפֶעסָאר — בַּיי גָאטט אַלֵיין. נִיט שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אָבֶּער אָבְּגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם וָואס דִי דָאקְטוֹירִים פְלֶעגֶען מַאכֶען חוֹזֶק פוּן אִיהם ; אִין אוֹסְטְרָאה הָאט אִיהם אַדָאקְטָאר גֶעוָואלְט שִׁיסֶען, אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט וַוייטֶער גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקַייט צוּ דֶערְצֶעהלֶען מוֹפְתִים, וִוי אַזוֹי עֶר אִיז נִיצֹל גֶעוָוארֶען אוּנ דִי קוֹיל אִיז צוּ אִיהם נִיט צוּגֶעשְׁטַאנֶען. ר׳ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער עָנָיו אוּנ דֶערְצוּ הָאט עֶר טַאקִי גֶעגְלוֹיבְּט אַז אַלְדִינְג אִיז פוּן גָאטט, אוּנ אַז מֶען פְלֶעגְט אִיהם קוּמֶען דַאנְקֶען, וֶוען אַקְרַאנְקֶער אִיז פוּן זַיינֶע רְפוּאוֹת

געזונד געווארען, פלעגט ער זאגען, אז אין איהם איז גאר ניט געווענדט, און אז די ישועה קומט פון הימעל. דאס איז לייכט צו פערשטעהען אז אזא מענש איז ניט קיין בעריימער, און ער פלעגט נאר צונעהמען דאס וואס מען האט איהם געבראכט און וואס יעדער איז געוועהן ביכולת איהם צו געבען. דערפאר האט מען איהם זעהר ליעב געהאט און אפילו קריסטען האבען פאר איהם געהאט גרויס דרך ארץ. א מאל האט זיך אויף איהם געקלאגט איינער פון די פריצים, וואס שונאים האבען איהם אנגעשטעלט, און ער האט זיך געוואלט לאזען קאסטען א סך געלד אבי מען זאל איהם ארויסשיקען פון מעזעבוז. נאר די פאליציע האט דערפון ניט געוואלט הערען, און האט בפירוש געזאגט דעם פריץ, אז ר' ישראל איז א הייליגער מענש און ניט קיין אבנארער, אז ניט אומזיסט איז ער אזוי בעליעבט ביים פאלק, און עס קומט איהם ניט מען זאל געגען איהם טהון איין עולה.

די הויפט-ראללע צווישען אללע סגולות, וואס דער בעל שם פלעגט ארויסגעבען, האבען געשפיעלט די קמעות. און דאס קליינע שטיקעל פארמעט מיט עטליכע אונפערשטאנדליכע ווערטער אהן א שום געדאנקען, האט בעדארפט אבהיטען קליינע קינדער און דערוואקסענע פון אלעס באז. אויף די קמיעות האט זיך געווארפען דער גאנצער עולם, ווייל מען האט זיי גענוצט שטאנדיג און ניט נאר צו קראנקהייט אלליין; ביי יעדען איז געוועהן איינגערעדט אז זיי זענען די גרעסטע שמירה וואס לאזען ניט צו קיין שום חולאת. אז מען האט ערגיץ אין א שטוב געזעהען ווי איינער ווערד אפילו פערשלאפט און די קמיע האט איהם ניט געהאלפען, האבען אללע איבריגע געזינדע געדרונגען, אז טאקי נאר די קמיעות האבען זיי דערהאלטען ביים לעבען. דערפאר איז דער כח פון דער קמיע יעדעס מאל מעהר השוב'ר געווארען, און ר' ישראל האט גע-מוזט האלטען ביי זיך עטליכע שרייבערס, וועלכע האבען אויך קוים געקאנט צושטעלען אזוי פיעל קמיעות ווי פיעל דער עולם האט פערלאנגט. בע-זאנדערס האט זיך אבער ר' ישראל אויסגעצייכענט מיט די מופתים, וואס מען האט געזעהען פון איהם, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דעם ספר „שבחי בעל שם טוב". וואס מען האט אבגעדרוקט נאך ר' ישראל'ס טויט. דארט ווערען דערצעהלט שטארקע נוזמאות, וואס מען קאן זיי גאר מיט'ן שכל ניט משיג זיין, ווי, למשל, אז ער האט געהאט „קפיצת הדרך" און האט געקאנט אין איין רגע איבערפליהען טויזענדער מייל און איבערשווימען די גרעסטע ימים, אדער אז ער האט אין מעזיבוז געזעהען וואס אין אמשטרדם טהוט זיך

און נאך פון דעם מין איבערנאטירליכע זאכען וועלכע ווערן נאך איצט דער־צאהלט צווישען חסידים.

די ערשטע צייט איז ר׳ ישראל ארומגעפאהרען אין פערשיעדענע שטאדט פון פאדאליען און וואלין, ווי זאסלאב, געמירוב, באר, פולנאה, טולטשין, קאמינקע, חמעלניק, שארגאראד און נאך אנדערע שטאדט. און דערנאך האט ער זיך בעזעצט אין מעזיבוז, און האט דארט פערבראכט די לעצטע צוואנציג יאהר פון זיין לעבען. זיין דאווענען איז געוועהן אהן א סדר און ניט אין קיין בעשטימטער צייט, און אפילו ווען ער איז געוועהן אין שול האט ער ניט געקוקט אויפ׳ן עולם, און ווען אללע זענען שוין לאנג אהיים געגאנגען האט ער נאך געקאנט שטעהען פערטראכט א גאנצע שעה און זיך ניט רירען פונ׳ם ארט. פריהר פלעגט ער מאכען גרויסע הכנות צום דאווענען ביז ער האט בעקומען דאס פייער, דעם ברען, וואס אהן דעם האט ביי איהם קיין איינציגע תפלה ניט געקאנט אראב פון די ליפען מיט א רעכטער כונה; דעמאלט פלעגט ער שרייען און ברומען, ציטערן מיט אלע אברים, מאכען מיט די האנד, און עס איז גאר ניט מעגליך געוועהן איינצושטעהען נעבען איהם. אפט פלעגט ער פלוצלונג, אין מיטען דער שטילער שמונה עשרה, א געשריי טהון, און דאס אלײנג איז ביי איהם געוועהן אהן קונצען און נאר ווייל ער האט געברענט. אז אבהאפען גלאט אזוי דאס דאווענען האט קיין שום ווערטה ניט און, אז יעדער איז מחויב נוט איבערצוטראכטען איבער יעדען ווארט פון די תפלות און אפילו איבער יעדען אות. אין זיינע דרשות האט ער זיך נוהג געוועהן צו זאגען א געדאנקען און דעם געדאנקען סומך זיין אויף א פסוק, און חאטש אין פסוק איז גאר דער געדאנק ניט געלעגען, האט ער אבער דעם פסוק אזוי פערטייטשט ווי עס האט געפאסט צו זיין געדאנקען. דאס אבגעזונדערט לעבען, וואס ער האט אין דער יוגענד געפיהרט, האט געבראכט דערצו אז עס איז איהם שווער געוועהן זיינע געדאנקען ארויסצוגעבען ווי עס דארף צו זיין, און דורך דעם האט דער עולם אין זיינע תורות טויזענדער סודות געפונען. ר׳ ישראל האט אפילו ניט געוואלט ליידען מען זאל פון זיין נאהמען ארויסגעבען ספרים און קיינער האט זיך טאקי ניט איינגעשטעלט צו געהען געגען זיין רצון. ווי עס ווייזט אויס, האט ער מורא געהאט. אז די שרייבערס וועט ניט געראטהען איבערצוגעבען אויף פאפיער דעם אמת׳ן זין פון זיינע רעד און דערנאך וועט מען אויף איהם ארויפלעגען אזעלכע זאכען וואס ער האט קיין מאל אין דער מחשבה ניט געהאט

פון דעסטוועגען האבען ר' ישראל'ס תלמידים ר' יעקב יוסף כהן, דער פולנאה'ער רב, אונ ר' בער מעזעריטשער, וואס האט שפעטער פערנומען דעם בעל שם'ס ארט, געזאמעלט די תורות פון זייער רבי'ן, אונ אים יאהר 1784 האט דער אפטער רב, ר' אהרן כהן, ארויסגעלאזען א ספר מיט דעם נאהמען, „כתר שם טוב" אום בעקאנט צו מאכען אויף דער וועלט דעם בעל שם'ס געדאנקען. אין דער איינענער צייט האט מען אויך געפונען צווישען די פאפיערען פונ'ם יאנאווער רב, ר' ישעיה, א קליין ספר'ל וואס האט געהייסען „צוואת ר' ישראל בעל שם טוב" אונ מען האט עס אויך אבגעדרוקט. פון די דאזיגע צוויי ספרים איז לייכט ארויסצוזעהען אין וואס דער דרך פון ר' ישראל'ן איז בעשטאנען אונ מיר קאנען דא אין קורצען בעשרייבען די עלף יסודות, אין וועלכע ער האט זיך פעסט געהאלטען:

1) אומעדום איז גאטט! זיין כח ליענט אין דער גרעסטער אונ אויך אין דער קליינסטער זאך, וואס דער זינדיגער מענש קאן זעהען מיט די אויגען אונ וואס ער איז ניט ווערטה צו זעהען. א מענש דארף שטאנדיג געדענקען, אז גאטט איז מיט איהם אויף יעדען ארט אונ צו יעדער צייט, אז אהן זיין היילינען ווילען קאן גאר נישט געשעהען, אונ אז ווען א מענש האט נוט אין זין דעם הימלישען בעשעפער אונ פערגעסט ניט אז אין אלדינג, וואס עס קומט איהם פאר די אויגען זעהט ער זיין חכמה אונ גבורה, איז ער שוין דערמיט אליין יוצא אין פרומקייט אונ דיענט גאטט מיט'ן גאנצען הארצען.

2) צווישען די האכערע וועלטען, וואס מיר זעהען ניט, אונ דער ערד, אויף וועלכער מיר געפינען זיך, איז דא א פערבינדונג, אזו פונקט ווי דאס מזל פונ'ם מענשען ווערד בעשטימט אין הימעל, אזוי מאכען דארט א רושם די מעשים פון יעדען: טהוט עמיצער גוטס—האט מען אויבען דערפון הנאה אונ דער יצר טוב ווערד ביי זיך פעסטער, טהוט מען אבער שלעכטס—ווערד דערפון א גאנצע אונארדנונג אונ דער יצר הרע בעקומט גבורה א סך שלעכטס אנצוטהון.

3) דער מענש דארף זיך בעהעפטען אין רבונו של עולם, זיך איבערגעבען איהם מיט אללע אברים, מיט אללע מחשבות, מיט אללע געפיהלע. פאר'ן מענשען איז געווים בעסער צו וויסען, אז עס איז דא א בורא עולם, וואס פיהרט די וועלט נאך זיינע געזעצע, אונ אז ער האט זיך אויף וועמען צו פערלאזען. אונ אזוי ווי עס איז ניט נתפעל צו ווערן פון גוטס אזוי ברויך מען ניט ארא בפאללען פון שלעכטס.

4) דער עיקר אמונה ליעגט אין דעם אינוועניגסטען געפיהל. דער מענש דארף זיך ניט האלטען פאר קיין גרויסען חכם, ער טאר ניט וועלען אלדינג מיט'ן שכל משיג זיין אונ טראכטען, אז אין אללעמען וואס ער פערשטעהט ניט מאג ער שוין ניט גלויבען. דעם מענשענס אויגען זענען צוגעדעקט ווי מיט א שטאר, אונ זעהר זעלטען האט ער די זכיה צו זעהען דאס וואס איז טאקי אמת. דער וואס מיינט, אז גלויבען קאן מען נאר אין דעם וואס מען ווייסט געוויס, פערגעסט, אז דער שוואכער מענש איז פול מיט חסרונות אונ קאן גאר קיין זאך ניט וויסען געוויס, ווייל ער איז ניט זיכער צי זיינע אויגען קוקען גלייך אונ צי זיינע אויערן הערען ריכטיג. אז עמיצער לאכט פון אמת'ע מאמינים, וואס פרעגען גאר קיין קשיות ניט אונ גלויבען, ווייל דאס הארץ הייסט זיי אזוי טהון — איז ער געגליכען צו א טויבען, וואס מאכט חוזק ווען ער זעהט ווי כלי זמר שפיעלען אונ דער עולם טאנצט: איהם קומט אויס פשוט א געלעכטער וואס איינער מאכט עפיס מיט'ן שמיטשעק אראב אונ ארויף אונ דער אנדערער טאנצט אונ עס איז א שמחה אויף ביידע, ער קאן ניט פערשטעהען פון וואנען עס נעהמט זיך אזא פרייד, וואס הייבט דעם בעל שמחה אין דער לופט, זיי האבען ביי איהם אללע א פנים ווי משוגעים, אונ ער פערגעסט נאר, אז ניכער דארף מען איהם אננעהמען פאר א חסר דעה דערפאר וואס ער וויל ניט וויסען פון זיין אייגענעם חסרון, ווייל ווען ער זאל ניט זיין טויב וואלט ער געהערט די שאנע קולות אונ וואלט פערשטאנען, אז מען טאנצט ווי מען שפיעלט אונ אז א וועלט איז ניט משוגע.

5) דאס דאווענען מוז שפיעלען איין הויפט־ראללע ביים מענשען, נאר זיין געבעט דארף זיין ריין, הייס, מיט כונה, עס מוז זיך ארויסרייסען פון די טיעפסטע ווינקעלעך פונ'ם הארצען. מיט דער תפלה קאן דער מענש דערגרייכען ביז צום כסא הכבוד אונ אויסבעטען גוטס ניט נאר פאר זיך אלליין, נאר פאר אללע וואס ער האט דערמאלט אין זין. ווען דער מענש דאווענט טאר ער זיך אויף איין רגע אפילו ניט פערגעסען פאר וועמען ער שטעהט; ער דארף אין גאנצען זיך אויסטהון פון דער וועלט, אראבווארפען פון זיך דעם זינדיגען גוף מיט אללע זיינע בעדארפעניסען, וואס פיהרען איהם ניט איין מאל אראב פונ'ם וועג, אונ מוז נאר טראכטען ווערטה צו זיין, אז די געדאנקען זאלען איהם אוועקטראגען גאנץ ווייט פון דער ערד אויף די הויכע הייליגע עולמות. ניט איטליכען קאן אבער געראטהען זיך צושלאגען צו אזא מדרגה ביים דאווענען, אונ דערפאר מוז מען פריהר א ביסעל צו ארבייטען

ביז די תּפלה קומט ארויס אזוי לויטער אז זי זאל קאנען מאכען א רו״ם דארט אין די שערי רחמים. יעדער פרומער יוד מוז מאכען בעוועגונגען מיט אללע אברים, זיך שאקלען אהין אונ אהער, נוט איבערחזר׳ן יעדעס ווארט אונ וועלען פערשטעהען דעם טעם דערפון, אונ עס זאל איהם נאר ניט אנגעהען וואס אנדערע וועלען אפשר לאכען פון זיינע תּנועות. ווייל מאכען א געלעכטער פון אזעלכע זאכען קאנען נאר די אייגענע שוטים, וואס וועלען אויך לאכען ווען זיי וועלען זעהען ווי איינער שווימט אין טייך אונ מאכט מיט די האנד; מען דארף זיך אבער ניט אומקוקען אויף אזעלכע נאראנים וואס ווילען ניט פערשטעהען, אז פונקט ווי דער שווימער מוז פון זיך מיט די האנד אוועק־טרייבען די חוואליעס כדי ער זאל קאנען צושווימען צו א ברעג. אזוי מוז דער פרומער מיט זיינע תּנועות צוטרייבען אללע זייטינע זאכען, וואס קאנען איהם אבררייסען פון דער ערנסטער מחשבה, אי״נ ער איז געצוואונגען ארומצולויפען, שרייען אונ גוואלדעווען ביז ער בעקומט דעם אמת׳ן ברען. אונ דעמאלט איז ער זיכער אז זיין תּפלה וועט אנגענומען ווערען.

6) דאס לערנען איז ניט אזא עיקר אונ עס איז א סך גלייכער צו זיצען איבער א מוסר ספר אונ שעפען פון דארט מדות טובות עהדער פער־ברענגען די צייט מיט קנייטשען די גמרא אונ ברעכען זיך דעם מח איבער א שאלה, וואס מען דארף זי ניט האבען צום פרומקייט אונ ניט צום פראקטישען לעבען. ר׳ ישראל האט געזעהען וואס פאר א מין דערהייטערטקייט עס ווערט צווישען די מיוחסים, די לומדים, וואס מיינען אז נאר זיי וועט קומען דער גאנצער עולם הבא — אונ דעם פאלק, וואס הייבט שוין אן ביי זיך אראב־צופאלען אונ רעכנען, אז איין עם־הארץ איז טאקי די אומגליקליכסטע בריאה אויף דער וועלט. עס האט איהם נאך מעהר פערדראסען, ווען ער האט בע־רעכענט אז צווישען יודען איז נאר ניטא כמעט איינער וואס זאל לחלוטין אונוויסענד זיין, אונ דער גרעבסטער פון זיי קאן נאך מעביר סדרה זיין אונ חאפען א קוק אין א ספר. דערפאר פלעגט ער אנפאלען אויף די לומדים וואס האבען צופיעל געהאלטען פון זיך, אונ האט געדרונגען אז זיי זענען צבועי׳קעס, אז זיי ווילען זייער תּורה נאר מאכען פאר א מיטעל צו האבען כבוד אויף דער וועלט, אונ אז דווקא דער פראסטאק, וואס נעהמט א מאל א מוסר־ספר אין די האנד אריין אונ וויל טאקי פערשטעהען וואס מען טרייבט דארט, כדי די נוטע מדות זאלען זיך אין איהם אנקלעבען, איז א סך נאהענטער צו גאט ווי די וואס גרויסען זיך מיט זייער פלפול אונ חריפות. מיר זעהען אין

לֶעבֶּען, — פְּלֶעגְט דֶער בַּעַל שֵׁם אָפְט זָאגֶען — צְווייעֶרלֵיי מֶענְשֶׁען, אַזֶעלְכֶע וָואס זִינְדִיגֶען אָפֶּענְטְלִיךְ אוּנ אַלֶע הַאלְטֶען זֵיי טַאקִי פַאר בַּעֲלֵי עֲבֵרָה, אוּנ אַזֶעלְכֶע וָואס טְהוּעֶן כָּל הַפְּסְלָנוּת אוּנ ווילֶען נָאךְ מֶען זָאל פַאר זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאבֶּען, ווייל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט נָאךְ פֶערְגְרֶעסֶערְט זֵייעֶר שֶׁאדְלִיכְקֵייט אוּנ הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר לוֹמְדִים; דִי עֶרְשְׁטֶע קֶענֶען נָאךְ הָאבֶּען אַ תַקָנָה, ווייל זֵיי דַארְפֶען נָאר תְּשׁוּבָה טְהוּן אִיז שׁוֹין פַאר זֵיי אָפֶען דֶער וֶועג צוּ פְרוּמְקַייט. דִי אַנְדֶערֶע אָבֶּער — זֶענֶען אוֹיף עֶבִּיג פֶערְלָארֶען, ווייל בַּיי זֵיי אִיז אַיינְגֶערֶעדְט. אַז זֵיי זֶענֶען נָאר דִי צַדִיקִים, אוּנ עֶס קָאן זֵיי גָאר נִיט אַיינְפַאלֶען חֲרָטָה צוּ הָאבֶּען אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

ז) צוּ פִיעל פַאסְטֶען אוּנ פַּיינִיגֶען דֶעם גוּף אִיז אֵיין עֲבֵרָה, ווייל בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטֶען אִיז אָנְגֶעלֶעגְט, וֶוען דֶער מֶענְשׁ אִיז גֶעזוּנְד אוּנ קָאן אִיהם דִינֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. דֶערְמִיט הָאט זִיךְ ר׳ יִשְׂרָאֵל אָבְּגֶעזָאגְט פוּן דֶעם דֶרֶךְ. וָואס עֶר אִיז אִין דֶער יוּגֶענְד גֶעגַאנְגֶען, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף דִי בֶּערְג אִין דִי וָואלְדֶער אוּנ הָאט גַאנְצֶע וָואכֶען כְּסֵדֶר נִיט גֶעגֶעסֶען. עֶר הָאט אָבֶּער פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז דָאס, וָואס עֶר אַלֵיין אִיז אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן אִיבֶּערְצוּטְרָאגֶען, אִיז נָאךְ נִיט קֵיין רְאָיָה פַאר אַנְדֶערֶע, אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶע־זָאגְט, אַז יֶעדֶער אִיז מְחוּיָב צוּ דֶערְווייטֶערְן פוּנ׳ם הַארְץ דָאס טְרוֹיעֶרִיגְקַייט אוּנ, פַארְקֶעהְרְט, שְׁטֶענְדִיג זַיין בַּיי זִיךְ פְרֶאהְלִיךְ, מוּנְטֶער, אוֹיפְגֶעלֶעגְט. סַאי בַּיים לֶערְנֶען, סַאי בַּיים דַאוֶונֶען הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען אַוֶועקְטְרַייבֶּען פוּן זִיךְ עַצְבוּת. גָאטְט הָאט לִיעבּ דֶעם מֶענְשֶׁען וָואס קוּמְט צוּ אִיהם מִיט אַ פֶעסְטֶען בִּטָחוֹן אוּנ וָואס לָאזְט אַ טְרֶער נָאר פַאר פְרֵייד. אֲפִילוּ בַּיים לֶערְנֶען אִיז אוֹיךְ בֶּעסֶער וֶוען דֶער מֶענְשׁ לֵייעֶנְט הוֹיךְ מִיט שִׂמְחָה יֶעדֶעס וָוארְט. פוּן אַזַא לֶערְנֶען הָאט גָאטְט הַנָאָה, ווייל אַזַא לֶערְנֶען, נָאר אָהן הֲבָנוֹת, קֶאן יֶעדֶער בַּעַל הַבַּיִת, אוּנ ווי בַּאלְד מֶען לֶערְנְט נָאר מוּז זִיךְ עֶפִּיס אָנְקְלֶעבֶּען, אוּנ אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער פֶערְשְׁטֶעהְט נִיט אַ מָאל וָואס עֶר לֵייעֶנְט אִיז דָאס אוֹיךְ גוּט, ווייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפוּן דֶעם אֵיינֶענֶעם תַּעֲנוּג, וָואס אַ פָאטֶער, וֶוען עֶר הֶערְט זַיין קְלֵיין קִינְד פְּלַאפְּלֶען אוּנ ווייסְט אַז עֶס קָאן נָאךְ נִיט שַׁארְף רֶעדֶען, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ צוּם פָאטֶער מִיט לִיעבֶּע אוּנ הָאפְנוּנְג. אַז דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען אַ מָאל אִיבֶּערְגֶעפְרֶאגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם: צִי עֶס אִיז פָארְט נִיט גְלַייכֶער צוּ הַאלְטֶען תַּעֲנִיתִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעאֶנְפֶערְט: שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז עֶס זֶענֶען דָא צְווֵיי דָאקְטוֹרִים, אֵיינֶער הֵיילְט דִי קְרַאנְקְהַייט מִיט אַ בִּיטֶערְן רֶעצֶעפְּט אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער גִיט דַוְקָא אַ זִיסֶע רְפוּאָה, נָאר בֵּיידֶע ווילֶען דֶעם חוֹלֶה גֶעזוּנְד

מאכען, ווערט איהר דען ניט פאלגען בעסער דעם לעצטען דאקטאר, וואס זיין רעצעפט איז אסך גרינגער איינצונעהמען? דאס איינענע איז אויך אין אמונה-זאכען: צו וואס דארפען מיר מוטשען די מענשען אונ פארדערען פון זיי אזעלכעס, וואס ניט יעדער קאן דארויף בעשטעהען, אז מיר קאנען דאס איינענע אויספיהרען אויף איין אנדער אופן אונ זעהען פאר זיך שטאנדיג פרעהליכע פנים'ער אונ געטרעסטעטע הערצער, וואס קומען מיט שמחה צו זייער פאטער אין הימעל אונ דיענען איהם מיט פרייד אונ מיט געזאנג.

8) מען דארף אבהיטען א מצוה, נאר ניט צו פיעל מדקדק זיין אונ זיך אביינלאזען אין קליינינקייטען, ווייל די דאזיגע קליינינקייטען פערדרעהען אפט דעם קאפ אונ מען פערגעסט דעם תכלית פון א נאטהיגע הויפט-זאך. דעם אמת'ן מאמין דארף גאר ניט אהרען ווען ער איז אמאל אומגערן עובר אויף א דין אדער ער טהוט חלילה איין עבירה; ער דארף נאר חרטה האבען אין הארצען, טהון תשובה, אונ גלויבען אז דער אויבערשטער ווערט איהם אוודאי מוחל זיין. דעסטגלייכען זאל דעם מענשען ניט פערדריסען ווען עס געראטהט איהם ניט מקיים צו זיין אזא מצוה וואס ער האט דווקא געוואלט טהון, אונ ער זאל ניט רעכענען אז דורך דעם האט ער עפיס פערלארען, ווייל גאטט זעהט אז ער האט דעם רצון געהאט, נאר ער האט עס ניט געקאנט אויספיהרען, אונ מיט דער כונה אלליין איז ער שוין יוצא געוועהן.

9) אללע מענשען דארפען זיין ביי זיך גלייך אונ זיך ליעב האבען ווי ברידער, ווייל ביי גאטט זענען אללע פאררעכענט פאר קינדער נאר אהן א שום אונטערשיעד, אונ אפילו ביים גראסטען זינדיגען אין הארצען געפינען זיך הייליגע פונקען, וואס קאנען זיך נאך צו ברענען ווען ער וויל זיך נאר איין קנייטש טהון אונ בעטען רחמים ביי זיין בארמהארציגען פאטער. דערפאר טאר קיינער זיך ניט אננעהמען גאטט'ס קריוודע, אונ יעדער מאמין מוז שטאנדיג געדענקען אז אללע ברואים פערדיענען רחמנות אונ ליעבע.

10) א מענש קאן דערגרייכען די גרעסטע מדרגה פון נביאות, ווען ער האט שטאנדיג נאר גאטט אין זין אונ שיידט זיך אב פון אזעלכע וואס בינדען איהם צו צו נארישע תאוות. אוודאי קאנען עס אויספיהרען נאר געצאהלטע, אונ ווען זיי זענען פערטיעפט אין זייערע געדאנקען אונ עס קומט זיי פלוצלונג ארויף א מחשבה אדער עס ווייזט זיך זיי אויס, אז אין די אויערן קלינגען אזוי ווי קולות, איז א סימן אז זיי האבען טאקי ארומגעשוועבט אין

אין די הויכע וועלטען און נאטט האט זיי מזכה געוועהן זיי זאלען זעהען און הארען אזעלכעס וואס בלייבט פאר א אנדער בשר ודם איין עביגער סוד.

11) דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט, און ווען יעדער מענש קאן דורך זיין פרומקייט בעקומען די גראסטע זכיה אין הימעל איז דער צדיק פשוט א הימעל-מענש, ער רעכענט זיך ביי גאטט פאר א פערמיטלער צווישען איהם און זיינע בעשאפעניששען, און אזוי ווי א געליעבט קינד פיהרט ער אלדינג אוים ביים הימעלישען פאטער. די נשמה פונ'ם צדיק פליהט שטאנדיג ארום אין די הויכע וועלטען און יעדער וואס ריהרט זיך צו איהם צו מוז אויך געהויבען ווערען. דערפאר איז גוט צו זיין פונ'ם צדיק'ס מקורבים, ווייל ער קאן מגין זיין מיט זיין זכות אפילו אויף שטארק זינדיגע מענשען און אויסבעטען פון זייערטוועגען א אמת'ע כפרת עון. דער בעל שם האט אויך אנגעזאגט אז אויף א צדיק טאר מען גאר קיין שאלות ניט פרעגען און וואס מען זעהט פון איהם דארף ניט קשה זיין, ווייל ער ווייסט וואס ער טהוט און אפילו ווען ער קריכט בפירוש אראב פונ'ם רעכטען וועג איז פאר איהם גענוג נאר איין ביינ זיך צו טהון און פונ'ם פערלאשענעם פונק ווערט שוין ווידער א פלאם פייער.

דאס גאנצע לעבען פון ר' ישראל בעל שם טוב בעווייזט, אז מעהר ווי געגען אנדערע איז ער געוועהן שטרענג געגען זיך אליין און די אללע מדות וואס ער האט געלערנט זיינע מאמינים האט ער אליין זיך שטארק אין זיי געהאלטען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואס פון יאהר צו יאהר איז ער מעהר אנגענומען געווארען און חאטש די רבנים האבען אויף איהם קרום געקוקט איז די צאהל פון זיינע חסידים געווארען אללע מאל גרעסער. דאס פאלק האט איהם פערגאטטערט פאר זיינע מופתים און האט אין איהם געשאצט דעם בעריהמטען בעל שם, וואס קאן פון טויט לעבעדיג מאכען; די עדלערע ווידער, וועלכע האבען שוין געהאט א שטיקעל בעגריף אין ר' ישראל'ס דרך און האבען פערשטאנען צו וואס אזא חסידות קאן פיהרען, האבען איהם גאר פשוט בעטראכט ווי א נביא, וואס איז געקומען אויפטהון נייעס, כדי צו בעפעסטיגען דעם אלטען אמת. צום אנהויב האבען זיך צו איהם צוגעשארט אללע מקובלים און די בעהאלטענע שבתי צבי'ניקעס, וואס זענען נאך איבער-געבליבען פון יהודה חסיד, נאר שפעטער זענען צוגעשטאנען אויך לייטישע יודען און צווישען זיינע מקורבים האט מען שוין געקאנט געפינען גרויסע

לומדים אונ מורי הוראה. אין דער לעצטער צייט איז ר' ישראל'ס נאהמען גע-
װארען אזוי היילינ, אז אין א סך שטאדט פון פאדאליען, װאלין אונ גאליציען
האט מען אהן זיין סמיכה ניט געװאלט אויפנעהמען קיין רבנים, שוחטים אונ
חזנים.

די רבנים פון די גרויסע שטאדט האבען פון דעסטװעגען ניט אויפגעהערט
צו זיין מתנגדים פונ'ם בעל שם, האטש אפענטליך ארויסצושפרינגען געגען
איהם האבען זיי ניט געקאנט אונ האבען אויך ניט געהאט פאר װאס זיך צו
טשעפען צו אזא פרומען יודען. איין מאל האבען זיי זיך יא געװאלט פריװען
צו בעריהרען זיין כבוד אונ דערװייזען דער װעלט, אז ער שטעהט נידריגער פון
זיי אונ קאן זיך מיט זיי ניט פערגלייכען אין לומדות, נאר עס איז זיי ניט
געראטהען, װייל ר' ישראל האט זיך נאר מיט זיי ניט געװאלט אריינלאזען
אין קיין וכוח. דעמאלט האט נאך געהאט צו שאפען איבער אללע יודישע
עסקים אין פולין דער „ועד ארבע ארצות" אונ ביי איין אסיפה האט
דער װאמושטשער רב, ר' אברהם אבא, פארגעלעגט: מען זאל ר'
ישראל'ן שיקען רופען אונ מיט איהם רעדען פון תורה, כדי מען זאל ארויס-
זעהען אז ער איז נאר א קנאפער למדן. זיי האבען גערעכענט אז דער בעל
שם װעט מורא האבען אונ װעט זיך אבזאגען, נאר ער איז דוקא געקומען.
מיט גאװה האט איהם איינער פון די רבנים געזאגט, אז װערלינ ער פיהרט
זיך װייזט אויס, אז ער איז פול מיט רוח הקדש אונ צום סוף האלט מען איהם
פאר איין עם-הארץ, דערפאר װיל ער, אז דער בעל שם זאל איהם פארענטפערן
א שאלה, װי אזוי א יוד דארף זיך נוהג זיין, װען ער האט פערגעסען צו זאגען
„יעלה ויבא". עס איז א סברא אז ר' ישראל האט זיי געענטפערט קורץ אונ
שארף, אז ער פערשפארט זיך נאר צו ברעכען דעם קאפ איבער אזא דין,
װייל ער האט פיינד צו פערגעסען. דעמאלט זענען ארויס צװיי דעות: די
שונאים האבען געשריגען אז די רבנים האבען חוזק געמאכט פון ר' ישראל'ן
אונ האבען געזאגט אז ער האט זיך איסיסטען אויסגעדרעהט מיט א גלייך-
װארטעל, װייל ער האט פשוט ניט געװאוסט דעם דין, אונ די חסידים האבען
געדרונגען אז די רבנים זענען בטל געװארען פאר'ן בעל שם, װייל ער האט
זיי באלד אויפ'ן פלאץ געװיזען א מופת אונ זיי האבען געזעהען אז מען טאר
זיך מיט איהם ניט טשעפען.

דער בעל שם איז געװעהן גאר פראסט ביי זיך; אין שטוב מיט'ן עסען
אונ טרינקען האט ער זיך געפיהלט װי א געװעהנליכער בעל הבית. מיט

א לאנגען ליליקע-ציבעך פלעגט ער זיך אפט ארומדרעהען אין מארק אונ רעדען מיט'ן קליינסטען האטש ער האט שוין דעמאלט געהאט מעהר פון צעהן טויזענד חסידים. זיין הכנסה איז געוועהן גרויס, ווייל מען פלעגט איהם ברענגען זעהר פיעל געלד פון אללע קראנקע, וועלכע האבען דורך איהם בעקומען א רפואה שלמה; נאר פון דעסטוועגען האט ער געלעבט אין דחקות, אי דאס איז נאך נוט געוועהן וואס די משפחה איז קליין געוועהן. די פרוי איז געשטארבען נאך אין די ערשטע יאהרען ווען ער איז נאר וואס נתגלה געווארען אונ זי האט איהם איבערגעלאזט אין גאנצען צוויי קינדער, א זוהן צבי הירש אונ א טאכטער האדעל. דאס גאנצע געלד פלעגט אוועקגעהען אויף צדקה אונ ניט זעלטען פלעגט ר' ישראל'ן אויסקומען צו געבען גרויסע סוממען, ווייל ער האט זעהר געהאלטען פון פדיון שבוים אונ דעמאלט האבען די פריצים ליעב געהאט איינצוזעצען אין תפיסה די רענדארעס וואס האבען ניט געקאנט צו דער צייט בעצאהלען די ראטע, אונ ניט איין רענדאר האט איהם געהאט צו פערדאנקען וואס ער איז ניט פערפוילט געווארען אין געפאנגעניש. ווער שמיעסט אז עס פלעגט זיך מאכען עפיס א בלבול אויף יודען אונ מען האט אויסגעטראכט אויף יודישע קהלות, ווי זאסלאב אונ פאוואליטש, אז זיי הרגענען קריסטליכע קינדער אונ בעניצען זייער בלוט אויף פסח, דא האט זיך דער בעל שם גאר מוסר נפש געוועהן: פון געלד קאסטען האט מען גאר ניט וואס צו רעדען, נאר ער פלעגט נאך אליין ארומלויפען צו די גראסטע שררות, בעטען אונ וויינען, פעראנטפערן אונ בעווייזען, אונ האט ניט גערוהט ביז דער אמת איז ניט ארויס אונ הונדערטער אומשולדיגע זענען ניצל געווארען.

פונקט ווי ער האט ניט געקאנט ליידען די שטאלצע לומדים אונ רבנים, אזוי איז ער צו געלאזט געוועהן צו איינפאכע יודען, וועלכע ער האט בעמערקט אז זיי האבען אין זיך גוטע מדות, אמאל האט דער בעל שם זיך צוגעקוקט אין שול ווי א בעל מלאכה, וואס פלעגט ארבייטען זאקען, שטעהט אונ דאווענט ערנסט, איז ער צוגעגאנגען צו איהם אונ האט זיך מיט איהם צורעדט אונ איהם אבגעגעבען גרויס כבוד. ר' ישראל האט נוט געזעהען ווי דער עולם וואונדערט זיך אונ קאן ניט פערשטעהען ווי קומט עס אז דער בעל שם זאל גאר האבען דרך ארץ פאר אזא פראסטאק, דאריבער האט ער באלד געזאגט: „עס זאל אייך גאר קיין חדוש ניט זיין, דאס תמימות פון דעם יודען האב איך דערקענט אין זיין שטיל דאווענען, אונ וויסען זאלט איהר אז

אויף איהם האלט זיך אונזער שול". ער האט אויך פיינד געהאט די מגידים, וועלכע פלעגען ארומפאהרען פון שטאדט צו שטאדט שטראפען דאס פאלק פאר וואס מען איז ניט געגוג פרום, און שרעקען מיט יענער וועלט און מיט'ן פייערינען גיהנם. אמאל האט זיך געמאכט דאס דער בעל שם האט געראד שבת געהאלטען אין א שטעדטעל און דארט איז אויך געוועהן א מגיד, וואס האט זיך געשטעלט זאגען א דרשה, ווי דער שטייגער איז געוועהן, און האט אנגעהויבען דעם עולם מאכען א מורא און לעגען שטייגער אויפ'ן הארצען. אז דער בעל שם איז דערפון געוואהר געווארען איז ער גאר ניט צופרידען געוועהן; זיינע מקורבים האבען עס פערשטאנען און האבען צו וויסען געטהון די בעלי בתים פון דער שול און זיי זענען זיך אללע, כן הכתם, באלד צוגאנגען. אויפ'ן אנדערן טאג איז זיך דער מגיד דורכגעגאנגען צום בעל שם און האט איהם געפרעגט וואס ער האט צו איהם און פאר וואס האט ער איהם אנגעטהון אזא בושה, אז ער האט געמוזט די דרשה ענדיגען פאר די פיער ווענד. דא איז ר' ישראל אויפגעשפרונגען פונ'ם פלאץ, טרערען האבען זיך איהם אנגעהויבען גיסען פון די אויגען און מיט א וויינענדיג קול האט ער געשריגען: „אומזיסט פאלט איהר אן אויף אונזערע יודען, ניט שרעקען דארף מען זיי, נאר טרייסטען! בעטראכט ווי דער יוד הארעוועט זיך געביך אן א גאנצען טאג, ווי שווער איהם קומט אן דאס טרוקען שטיקעל ברויט, און פון דעסטוועגען האט ער פארט אין זין צו דיענען דעם אויבערשטען ווי וויט ער קאן נאר, און אז עס קומט די צייט פון מנחה ווארפט ער אוועק די ארבייט און דאווענט ניך אב. און עס זאל אייך גאר ניט אהרען וואס ער חאפט און לאזט אריבער אמאל א ווארט, ווייל דווקא אט די דאזיגע קורצע תפלה מאכט אן דעם גרעסטען רעש אין הימעל". פון די עטליכע ווערטער קאן מען ארויסזעהען וואס פאר א חלוק עס איז צווישען דעם בעל שם, וואס ווערט נתפעל פון א ריינער תפלה אהן קונצען — און די רבנים, וואס מאכען אן טויזענדער שאלות וועגען א פערפעהלטען „יעלה ויבא"!

אויף דער עלטער איז ר' ישראל'ן בעשערט געוועהן צו האבען גרויס צער איבער די פראנקיסטען, און די גאנצע זאך האט איהם פערביטערט דאס לעבען. נאך פריהר האט ער אנגעזאגט זיינע חסידים זיי זאלען זיך ניט אנקעהרען מיט די שבתי צבי'ניקעס און האט זיי פערוועהרט אפילו צו קוקען אין זייערע ספרים. מען דערצאהלט נאך, אז דער בעל שם פלעגט אפט זאגען, אז ער האט א לאנגע צייט צו טהון געהאט מיט דער נשמה פון שבתי צבי און האט

די געוואלט אבריינגען, נאר עס איז איהם ניט געראטהען: דערמיט האט ער געגעבען צו פערשטעהען אז ער האט זיך געענוג געמיהט אויסצולייטערן שבתי צבי׳ס דרך און זוכען א וועג, וואס זאל זיין חברה אויך צופיהרען צוריק צו יודישקייט, נאר עס איז איהם אונמעגליך געוועהן. אז דא זענען נאך אויפגעשטאנען די פראנקיסטען, און עס האט זיך אנגעהויבען אזא שרעקליכע שנאה צווישען זיי און די פוילישע יודען, איז דאס פאר ר׳ ישראלן געוועהן א וועהטיג פון ביידע זייטען: פון איין זייט האט ער געפיהלט אז עס קאן ניט בלייבען אזוי ווי די איינגעשפארטע רבנים ווילען און אז די דאזיגע, וואס פארדערן אז דאס יודישע לעבען זאל זיך א ביסעל דערפרישען און בענייהען, זענען ניט אזוי שטארק אומגערעכט; פון דער אנדערער זייט אבער האט ער געמוזט מודה זיין, אז די פראנקיסטען זענען צו ווייט פערקראכען און אז זיי ווילען אזוי פיעל איבערמאכען און איבערבויען, אז עס קאן חלילה דער גאנצער בנין פונ׳ם יודישקייט איינפאלען. מען קאן זיך פארשטעלען ווי אזוי די מלחמה צווישען די פראנקיסטען און זייערע געגנער האט געמוזט וואַרפען פון די פיס אזא מענשען ווי דער בעל שם, וואס שלום און ברידערליכע ליעבע זענען ביי איהם געוועהן דאס הייליגסטע.

אים יאהר 1759 האט ר׳ ישראל געמוזט פאהרען קיין לעמבערג צום ווכוח מיט די פראנקיסטען און איז פון דארט צוריקגעקומען נאר א דערשלאגענער. זיין עדלע נאטור האט ניט געקאנט איבערטראגען די שרעקליכע שנאה וואס ער האט דערזעהען פון ביידע צדדים; זיין גוט הארץ האט שיער ניט געפלאצט ווען ער האט זיך דערמאנט, אז די יודען אליין שטופען פון זיך אוועק זייערע אייגענע ברידער. און מען מאג באמת זאגען, אז ווען ער האט די פראנקיסטען פערגלייכט צו „אבגעשניטענע אברים”, איז דאס ניט געוועהן גלאט אזוי דבורים, ווייל ער האט טאקי געליטען גליך ווי מען שניידט ביי איהם אליין אויס גליעדער פון זיין קערפער. דאס גאנצע יאהר איז ער געוועהן זעהר שוואך, נאר ליעגען אין בעט האט ער ניט געוואלט; געפיהלט האט ער אז די כוחות לאזען זיך איהם אויס און פון דעסטוועגען האט ער זיך געהאלטען אויף די פיס ביז צו דער לעצטער מינוט. דעם ערשטען טאג שבועות פונ׳ם יאהר 1760 איז דער עולם נאך געקומען צו איהם בעגריסען מיט׳ן יום טוב, ער האט זיי געזאגט תורה און קיינער האט זיך גאר ניט גערעכט אז זיי זעהען איהם צום לעצטען מאל. ר׳ ישראל האט זיך מיט אללע געזעגענט און געזאגט ווען די זונן וועט פערגעהען וועט זיך אויך זיין לעבען ענדיגען. אזוי איז

טאקי געשעהען און נאך אין דער לעצטער מינוט פאר'ן טויט האט ער אללע געבעטען מען זאל ניט וויינען. „מיך דארפט איהר ניט בעוויינען, האט דער בעל שם געזאגט, ווייל איך געה אוועק אין א סך א בעסערער וועלט, נאר פאר זיך בעט נאטש, ער זאל אייך שיקען אויף מיין ארט א מנהיג, וואס זאל ענדיגען מיין ארבייט מיט אזא אמתע כונה ווי איך האב זי אנגעהייבען".

נאכ'ן בעל שם'ס טויט האט די וועלט אנגענומען זיין תלמיד ר' בער מעזעריטשער און איהם צו ליעב איז די צאהל פון די חסידים אין ליטא זעהר גרויס געווארען. ער איז דער ערשטער, וואס האט איינגעפיהרט צווישען זיינע חסידים צו דאווענען נאך דעם נוסח אר"י אנשטאט דעם נוסח אשכנז, וואס האבען ביז אהער געדאווענט אללע יודען אין פוילין און אפילו דער בעל שם אלליין אויך. מיט דעם געגעבען א טהייל יודען א נייען נוסח אין די שוהלען, האט ער, קאן מען זאגען, צוריסען דעם יודישען גוף אין צוויי שטיקער און נאר אנגעמאכט שנאה און קנאה צווישען בריהדער, רדיפות און מסירות, וועלכע האבען נישט מעהר ווי שאדען און חלול השם אנגעמאכט פון אנהייב אן ביז א פאר דורות נאך איהם. די רבנים פון יענער צייט וואלטען געוויס איהם ניט געשוויגען פאר אזא אויפטהוען, צום אונגליק איז שוין אבער זייער מאכט געבראכען געוועהן: סטאניסלאוו אויגוסט פאניאטאווסקי, וואס איז צו יענער צייט קעניג געוועהן אין פוילין, האט תיכף ווי ער איז קעניג געווארן, אים יאהר 1764 מבטל געוועהן דעם „ועד ארבע ארצות" און דער־מיט אבגענומען די מאכט פון די רבנים ארויסצוגעבען א פסק, א חרם, אדער אזוי צו פיהרען מיט תקיפות ווי זיי האבען דאס רעכט געהאט ביז אהער; דאריבער האבען זיי נאר נישט געקאנט טהון געגען די נייע איינפיהרונגען צווישען חסידים, און וואו עס האט זיך נאר צוזאמענגעקליבען א מנין פון זיי, האבען זיי זיך באלד געמאכט זייער אייגענע שוהל, וועלכע זיי האבען א נאמען געגעבען „שטיבעל". דאס שטיבעל איז געוועהן פאר זיי א מקום צו דאווענען נאך דעם נייעם נוסח, אויך צו פערברייננגען די צייט פרעהליך אין דערצאהלען וואונדערליכע מעשות פונ'ם בעל שם אדער פון די נייע צדיקים זייערע און בעזאנדערס צו ווערבאווען נייע חסידים, כדי צו מעהרן זייער צאהל און דערמיט פערגראסערען די הכנסה פון זייער חברה. די ליטווישע חסידים האבען זיך אויך באלד צוטהיילט אין צוויי פארטהייען: „מעזעריטשער" און „קארלינער". פונדעסטוועגען איז דאס נאך אלץ צוגעגאנגען בשתיקה, זיי האבען נאך קיין העזה געהאט אפען זיך ארויסצווייזען, אבער אז איינער

פון זיי א גרויסער ר' איסר האט געפריוט שטעלן אפוס אין ווילנא, אונ האט דארט אנגעהייבען צו ציהען עטליכע פונ'ם פראסטען עולם זיי צו מאכען פאר חסידים, איז געווארען אזא רעש, אז מען האט געקאנט מיינען, אז דער שטורם וועט עוקר מן השרש זיין אלץ וואס איז ביז אהער געפלאנצט אונ געצייעט געווארען אין דעם פעלד, וואס מען האט עס אנגערופען „חסידות“.

אין דער צייט האט אין ווילנא געלעבט ר' אליהו גאון, אדער ווי די וועלט דערמאנט נאך איצט זיין הייליגען נאמען מיט ליעבע אונ כבוד: „דער ווילנאר גאון“. געבאהרען אים יאהר ת"פ (1720) דעם ערשטען טאג פסח. דער פאטער זיינער ר' שלמה זלמן פון ווילנא איז ארויסגעקומען פונ'ם בעריהמטע גאונים.

נאך אז ער איז אקינד געוועהן, האט מען ארויסגעזעהן, אז עס וואקסט א גרויסער מאנן צווישען יודען וואס וועט צו איהם קיין גלייכען ניט זיין, אז ער איז אלט געווארען זעקס אונ אהאלב יאהר האט ער אין ווילנא'ר שוהל געזאגט א חלוק, וואס זיין פאטער האט איהם אויסגעלערנט, אונ אז דער בעריהמטער גאון ר' העשיל, וואס איז דעמאלט אין ווילנא רב געוועהן, האט איהם שבת צו שלש סעודות געפריוט צו וועט ער קאנען זאגען אזא חלוק, ניט א אויסגעלערנטען, נאר טאקי אליין פראגען קשיות אין גמרא אונ אליין פערענטפערן, האט דאס זיבעניאהריגע קינד ארויסגעוויזען אזא שארפען אונ טיפען גלייכען שכל אין לערנען, אז דער גאון ר' העשעל אונ אלע גדולים וואס זיינען דעמאלט ביים טיש געוועהן, זיינען אויפגעשטאנען, איהם געהאלזט אונ געקושט, אונ האבען בפה אחד געזאגט, אז דאס וואקסט א גרויסע ליכט פאר יודען, אצירונג פאר זיין פאלק אויף אייביגע דורות. זייערע נביאות איז טאקי אמת געוועהן, גאנץ גיך האט די וועלט געקלונגען מיט דעם גאונ'ס נאמען, פון דער גאנצער וועלט האט מען זיך צו איהם געווענדט וועגען שווערע שאלות, אונ ווער עס איז זוכה געוועהן איהם צו זעהן אונ מיט איהם צו רעדען, האט זיינע שבחים ניט געקאנט אויסדערצאהלען. זיין גראדער שכל אין לערנען, זיין קלארען בליק אין אללע שאלות פונ'ם לעבען אונ זיין טיפקייט אין יעדען ענין פון תורה אונ חכמה האבען יעדען איינציגען איבערראשט, אונ מען האט איינגעזעהן, אז נאך אזא ווי ער איז טאקי ניטא, אונ די גאנצע יודישע וועלט האט איהם דערקענט פאר דעם גאון הדור. אונ ער איז באמת געוועהן א גאון אין אלץ, סיי אין דער הייליגער תורה, סיי אין טהייערע מדות הנפש האט ער צו זיך קיין גלייכען געהאט; זיין ליעבשאפט צו אללע מענשען בכלל אונ צו יודען בפרט, זיין אמתע אהבה צו שלום

אונ צו אַלץ וואס איז ליכטיג אונ אֶמת, זעהט מען אַרויס פון אַלץ וואס איז פון איהם אונ פון זיינע בעריהמטע תּלמידים געשריבען געוואָרען. נאָך אַז ער איז גאַנץ יונג געוועהן האָט זיך אָנגעהייבען די גרויסע מחלקה צווישען ר׳ יעקב עמדן אונ ר׳ יהונתן אייבעשיץ, אונ אַז די ביידע גאונים, וואס זענען פיעל עלטער געוועהן פאַר איהם, האָבען זיך געווענדעט צו איהם, ער זאלל זיין מיינונג אַרויסזאָגען ווער עס איז גערעכט, האָט ער, ניט אַריינצופאַללען אין דער מחלקה, געאַנטווערט: „איך בין נאָך צו יונג זיך אַריינצומישען צווישען אַזעלכע צוויי גרויסע לייט אין אַזאַ וויכטיגען ענין, נאָר איך בעט ביי גאָטט אונ איך האָף, אַז ער וועט בעלייכטען מיט דער ליכט פונ׳ם אֶמת זיי ביידען, זיי זאללען אַלליין געפינען דעם אֶמת אונ זאללען אויפהערען צו צוטרייסען דאָס אָרעם פאָלק ישראל מיט מחלקת אונ שׂנאת חנם, וואס איז געוויס די גרעסטע זינד אונ דער גרעסטער שאָדען פאַר יודען.

זיין דרך אין תּלמוד איז געוועהן, נאָר דער ריינער פּשט אונ די קלאָרקייט פון דעם ענין. איהם דאַרף מען פערדאַנקען וואס ער האָט אָבגעשאַפט דעם פּלפּול אונ איבריגע חריפות, וואס די לומדים ביז איהם האָבען שטאַנדיג דער־מיט זיך בעשעפטיגט זייער גאַנצען לעבען. אויך האָט ער אין תּנ״ך נאָר דעם ריינעם פּשט געזוכט, פיינט געהאַט איבריגע אונ ווייטלויפיגע דרשות אויף די פּסוקים ווי עס האָבען זיך נוהג געוועהן די דרשנים אין פּוילען ביז איהם.
חוץ דעם איז ער געוועהן אַ אוהב חכמה אונ האָט מקרב געוועהן יעדען גע־בילדעטען יודען וואס האָט אַ ידיעה געהאַט אין וועלטליכע וויססענשאַפטען חוץ תּלמודישע, אונ האָט יעדען וואס קאַן, געבעטען, איבערזעטצען די חכמות פון פרעמדע לשונות אין לשון הקדש, כּדי יודען זאללען אויך קאָנען לערנען חכמה אונ וויססענשאַפט, אונ האָט נאָר קיין מורא געהאַט די חכמה זאלל קיין סתירה ניט זיין צו דער אמונה, ווי עס האָבען שטאַנדיג מורא געהאַט אַללע פּוילישע רבנים ביז איהם אונ נאָך איהם. פון דער קבלה האָט ער געהאַלטען אונ האָט פיעל געלערנט אונ געשריבען קבלה, אָבער די תּורה אונ דער תּלמוד איז ביי איהם דער עיקר געוועהן, ער האָט נאָר אַזאַ קבלה פאַר הייליג געהאַלטען, וואס איהר יסוד איז אין דער תּורה אונ תּלמוד; דאַריבער איז ער שטאַרק געקרענקט געוועהן וואס די קבלה איז געוויס די סבּה געוועהן עס זאל דורך איהר פערפיהרט ווערן שבתי צבי אונ אַנדערע אונ האָבען דורך זייער פאַלשען פערשטעהן די קבלה אַזוי פיעל יודען אַראָבגעפיהרט פון יודישקייט אונ אַזוי פיעל אונגליקען אָנגעמאַכט צווישען יודען. מען קאַן

פֶערְשְׁטֶעהן ווִי שְׁטַארְק אִיז זַיין עַגְמַת נֶפֶשׁ גֶעוֶועהן, אַז עֶר הָאט דֶערְהֶארְט, אַז נָאךְ דִי פַאלְשֶׁע „קַבָּלָה-מְשִׁיחִים”, אִיז גֶעוָוארֶען אַ נַייֶע כִּתָּה יוּדֶען, וָואס גֶעהֶמֶען ווִידֶער אָן דִי קַבָּלָה פַאר׳ן עִיקָר. אוּנ נָאךְ מֶעהר, זֵיי לֶערְנֶען זִי ווִי זֵיי ווִילֶען אוּנ מִיט וָועמֶען זֵיי ווִילֶען, אֲפִילוּ מִיט אַזֶעלְכֶע וָואס קֶאנֶען אַלֵיין נִיט אַ פָּסוּק אִין דֶער תּוֹרָה פֶערְטַייטְשֶׁען, אָדֶער אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אָבְלֶערְנֶען; אוּנ נָאךְ מֶעהר, וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אַזֶעלְכֶע קַבָּלָה לֶערְנֶער וָואס מַאכֶען שׁוֹין חוֹזֶק פוּנ׳ם פְּשַׁט פוּן פָּסוּק, אוּנ לַאכֶען פוּן תַּלְמוּד אוּנ פוֹסְקִים, אוּנ דִי דָאזִיגֶע לַייט רוּפֶען זִיךְ נָאךְ „חֲסִידִים”, אֶמֶתְ׳ע פְרוּמֶע, וָואס נָאר זֵיי הָאבֶען גֶעפוּנֶען דֶעם אֱמֶתְ׳ן וֶועג צוּ גָאטט אוּנ צוּ זַיין הֵיילִיגֶען רָצוֹן. מֶען הָאט דֶעם גָאוֹן חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים גֶעבְּרַאכְט אוּנ כְּתָבִים אִין וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעזֶעהן, אַז עֶס אִיז דָא שְׁטַארְק מוֹרָא צוּ הָאבֶען, עֶס זָאלל פוּן דֶער נַייֶער כִּתָּה נִיט אַרוֹיס אַ נַייֶער מְכְשׁוֹל פַאר יוּדֶען; דַארִיבֶּער, חָאטְשׁ עֶר אִיז זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶען ווַייט גֶעוֶועהן פוּן קְרִיג אוּנ פוּן אַרַיינְמִישֶׁען זִיךְ מִיט אַזֶעלְכֶע עֶנְגֶעץ אִין אַ מַחֲלֹקֶת, הָאט עֶר דָא נִיט גֶעקֶאנְט שְׁווַיינֶען, אוּנ בִּפְרַט אַז פוּן פִיעל רַבָּנִים אוּנ חֲשׁוּבִים זַיינֶען אִיהם בְּרִיף אָנְגֶעקוּמֶען, וואוּ עֶס זֶענֶען בֶּעשְׁרִיבֶּען גֶעוֶועהן דִי הַנְהָגוֹת פוּן דִי חֲסִידִים אִין זֵייעֶרֶע „שְׁטִיבְּלֶעךְ” זֵייעֶר אָבְּשְׁפָּאטֶען פוּן תַּלְמוּד אוּנ פוּן דִי לוֹמְדִים. דֶערְמָאלְט הָאט דֶער גָאוֹן אִין אָנְהֵייבּ מִיט תַּחֲנוּנִים רַחֲמִים גֶעבֶּעטֶען, אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּם אַלְטֶען דֶרֶךְ, נִיט מַאכֶען קֵיין נַייֶעס אִין יוּדִישְׁקַייט, זִיךְ נִיט צוּטְהֵיילֶען אִין בֶּעזוּנְדֶערֶע כִּתּוֹת אִין עִנְיָנֵי אֱמוּנָה, וָואס קָאן קֵיין גוּטְס דֶערְפוּן גֶעווִיס נִיט אַרוֹיסְקוּמֶען. זַיינֶע גוּטֶע קְלוּגֶע רֵייד אוּנ תַּחֲנוּנִים הָאבֶען נִיט גֶעהָאלְפֶען. פֶערְקֶעהְרְט, עֶס הָאבֶען זִיךְ צְווִישֶׁען חֲסִידִים גֶעפוּנֶען אַזֶעלְכֶע, וָואס הָאבֶען פֶערְבְּרֵייטֶערְט לִיגֶען אוּנ שְׁקָרִים, אַז דֶער גָאוֹן אַלֵיין הָאט מוֹדֶה גֶעוֶועהן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, אוּנ דָאס הָאט גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ, אַז דֶער שְׁטִילֶער פְרִיעדְלִיכֶער מֶענְשׁ הָאט גֶעמוּזְט אַרוֹיס מִיט אַ פַייעֶרִיגֶען בְּרִיעף גֶעגֶען זֵיי אוּנ הָאט זֵיי מַחֲרִים גֶעוֶועהן. דֶער חֵרֶם הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶען רֹשֶׁם, אוּנ אַז בַּאלְד נָאךְ דֶעם אִיז נָאךְ ר׳ בֶּער מֶעזֶערִיטְשֶׁער גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט עֶס אוֹיסְגֶעווִיזֶען, אַז דָאס חֲסִידוּת אִיז אִין גַאנְצֶען בָּטֵל גֶעוָוארֶען, עֶס אִיז טַאקִי אַ צַייט שְׁטִיל גֶעוָוארֶען אוּנ מֶען הָאט כִּמְעַט פוּן דִי חֲסִידִים נִיט גֶערֶעדְט אוּנ נִיט גֶעהֶערְט; דָאס אִיז אָבֶּער אַ טָעוּת גֶעוֶועהן, דֶער חֵרֶם הָאט נָאר אַזוֹי פִיעל גֶעווִירְקְט, אַז דִי חֲסִידִים אוּנ זֵייעֶרֶע צַדִּיקִים זָאלֶען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען, אוּנ בֶּעהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאבֶען זֵיי זִיךְ גֶעקְלִינְט ווִי צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען זֵייעֶר מַעֲמָד. אַזוֹי הָאבֶען זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעאַרְבֵּייט אוּנ גֶעוֶוערְבָּאוֶועט נַייֶע

חֲסִידִים, בִּיז דֶער סוֹד אִיז ווִידֶער אַרוֹיס, אוּנ שׁוֹין מִיט מֶעהר חוּצְפָּה אוּנ עַזוּת. דֶער גָאוֹן אִיז שׁוֹין אַלְט אוּנ קְרַאנְק גֶעוֶועהן, אוּנ חָאטְשׁ עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין שְׁוַואךְ גֶעפִיהלְט אָנְצוּהֵייבֶּען פוּן דָאס נַיי דִי אַלְטֶע מִלְחָמָה נֶעגֶען דֶער נַייֶער כִּתָּה, הָאט עֶר קֵיין מִיה נִיט גֶעזְשַׁאלֶעוֶועט אוּנ הָאט וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַבְּרִיעף, וואו עֶר בֶּעט יֶעדֶען יוּדֶען וָואס זַיין אֱמוּנָה אוּנ זַיין פָאלְק אִיז אִיהם לִיעבּ אוּנ טְהַייֶער, עֶר זָאלל טְהוּן וָואס עֶר קָאנְן, נִיט צוּדֶערְלָאזֶען דִי נַייֶע כִּתָּה אַקָאפּ אוֹיפְהֵייבֶּען, אוּנ עֶר הָאט דִי עַקְשָׁנִים נָאךְ אַמָאל מַחֲרִים גֶעוֶועהן. דָאס אַלְץ בֶּעווַייזְט, ווִי ווִיט דִי נַייֶע כִּתָּה אִיז אַוֶועק וַוייט פוּן דֶעם דֶרֶךְ, וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעמֵיינְט אִין אִיהם יוּדֶען צוּפִיהרֶען אִין אֱמֶת׳ר אֱמוּנָה. עֶס הָאבֶּען דֶעמָאלְט צְווִישֶׁען דִי חֲסִידִים פַּאסִירְט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂים וָועלְכֶע עֶס הָאבֶּען בְּכֹחַ גֶעהַאט אַרוֹיסְצוּבְּרֵיינְגֶען פוּן זַיין גֶדֶר זֶעלְבְּסְט אַזַא רוּהִיגֶען פְרִידְלִיכֶען גֶענִיאַלֶען מֶענְשֶׁען ווִי רַבֵּנוּ אֵלִיָּהוּ גָאוֹן, אוּנ דִי מַעֲשִׂים, דִי מְסִירוֹת אוּנ אִינְטְרִיגֶעס וָואס הָאבֶּען זִיךְ צוּ לִיעבּ דֶעם אָנְגֶעהֵייבֶּען צְווִישֶׁען יוּדֶען הָאבֶּען אַזַא גָאוֹן — וָואס אִיז אַלִיכְט גֶעוֶועהן פַאר זַיין פָאלְק — פֶערְפִינְסְטֶערְט זַיינֶע לֶעצְטֶע טֶאג אוּנ דֶעם צַעַר, וָואס עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעהַאט, אִיהם גֶעלָאזְט מִיטְנֶעהמֶען אִין קֶבֶר. דֶעם דְרִיטֶען טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת אִים יָאהר תקנ״ח אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארֶן, אַכְט אוּנ זִיבְּצִיג יָאהר אַלְט. אִיהם הָאבֶּען מַסְפִּיד גֶעוֶועהן אַלֶע גְאוֹנִים אוּנ גְדוֹלִים פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ נָאךְ אִיהם אִיז שׁוֹין צְווִישֶׁען יוּדֶען אַזַא גָאוֹן נִיט מֶעהר גֶעוֶועהן, אוּנ גָאטט וַויים אוֹיבּ אַזַא וֶועט נָאךְ בַּיי יוּדֶען אַמָאל זַיין. חָאטְשׁ דִי חֲסִידִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעטְהוּן זַייעֶר׳ס אוּנ זֶענֶען פוּן יָאהר צוּ יָאהר מֶעהר גֶעוָוארְן, מוּז מֶען מוֹדֶה זַיין, אַז דוּרְךְ דֶעם, וָואס דֶער גָאוֹן אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס גֶעגֶען זֵיי, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַלֵיין אַרוּמְגֶעקוּקְט, אַז זֵיי הֵייבֶּען אָן בֶּאֱמֶת צוּפֶערְקְרִיכֶען צוּ וַוייט פוּן יוּדִישֶׁען וֶועג אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּרִיק זִיךְ צוּנֶעהמֶען צוּ תּוֹרָה אוּנ תַּלְמוּד.

צְווֵיי גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶענוּמֶען זֵייעֶר עוֹלָם אִין דִי הֶאנְד אִיהם נִיט צוּ לָאזֶען פֶערְבְּלָאנְזֶען צוּ וַוייט, דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן: ר׳ יִשְׂרָאֵל דֶער קָאזִינִיצֶער מַגִּיד, וֶועלְכֶער אִיז אַלֵיין גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּנ ר׳ זַלְמָן לַאדִיֶער, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט צְווִישֶׁען דִי גְאוֹנִים פוּן יֶענֶער צַייט; נָאר בְּעֵת דֶער קָאזִינִיצֶער הָאט זַיינֶע חֲסִידִים פוּנ׳ם פְּרָאסְטֶען הָמוֹן צוּגֶעצוֹיגֶען צוּ זִיךְ דוּרְךְ אִיבְּרִיגֶע פְרוּמְקַייט אוּנ דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַבַּעַל מוֹפֵת, הָאט ר׳ זַלְמָן לַאדִיֶער צוּ זִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען דִי עֶדֶעלֶערֶע קְלַאסֶע דוּרְךְ זַיין

שַׁארְפְזִינְנִינְגֶען קָאפּ אִין תּוֹרָה אוּנ דוּרְךְ נוּטְצֶע מִדּוֹת. עֶר הָאט רֵאשִׁית, אַרוֹיסְ־גֶעגֶעבֶּען אַ נַייעֶן „שֻׁלְחָן עָרוּךְ“ אִין וֶועלְכֶען עֶר הַאלְט זִיךְ פֶּעסְט אִין אַלְלֶע דִינִים פוּנ׳ס אַלְטֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּנ לָאזְט זַיינֶע חֲסִידִים נִיט אָבְּטְרֶעטֶען פוּן דֶעם קְלֶענְסְטֶען דִין אִין יוּדִישְׁקַייט; אוֹיךְ זַיין קַבָּלָה לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן אִין אַ הֶאכֶערְן אוּנ פַיינֶערְן עֶרֶךְ, וָואס קָאנְן נָאר פֶערְשְׁטֶעהן אַזַא מֶענְשׁ, וָואס הָאט פְרִיהֶער אַ סַךְ תַּלְמוּד אוּנ מְפָרְשִׁים גֶעלֶערְנְט, אוּנ דֶערְ־מִיט הָאט עֶר דֶעם עוֹלָם צוּרִיק גֶעצוֹיגֶען צוּם תַּלְמוּד, אוּנ הָאט זַיין דֶרֶךְ אִין זַיין לִמּוּד אֱמוּנָה אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „חַבַּ״ד“ דָאס וֶוענֶען דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן „חָכְמָה“, „בִּינָה“. „דַעַת“, אוּנ צְוִוישֶׁען זַיינֶע חֲסִידִים אִיז כִּמְעַט וֶועלְטֶען גֶעוֶועהן אַ פְּרָאסְטַאק אוּנ אַ עַם הָאָרֶץ. פוּן אִיהם שְׁטַאמֶען אַרוֹיס דִי לְיוּבַּאוֶועצֶער נוּטֶע יוּדֶען מִיט דֶער פַאמִילְיֶע שְׁנֵיאוּרְסָאן. אִין פּוֹלִין אָבֶער, וואו דֶעם גָאוֹנ׳ס חֵרֶם הָאט נִיט אָנְגֶעמַאכְט אַזַא רֹשֶׁם ווִי אִין דֶער לִיטָא, זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען דִי נוּטֶע יוּדֶען אוּנ הַסִידִים כִּמְעַט אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען מַצָּב פוּן אַמָאל, אוּנ מֶען קָאן זָאגֶען, אַז דָארְט אִיז דוּרְךְ דֶעם דִי תּוֹרָה אוּנ דֶער תַּלְמוּד אַ צַייט יָאהְרֶען כִּמְעַט פֶערְגֶעסֶען גֶעוָוארֶען. נָאךְ דֶעם בַּעַל שֵׁם הָאט דֶעם עוֹלָם גֶעפִיהְרְט זַיין טָאכְטֶער הָאדֶעל · ווִי עֶס פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, נִיט מִיט אִיהר תּוֹרָה, נָאר מִיט דֶעם זְכוּת פוּן אִיהר פָאטֶער. נָאךְ אִיהר הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דָאס רַבָּנוּת אִיהר זוּהן ר׳ בָּרוּךְ׳ל, שְׁפֶּעטֶער הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶע רָאללֶע אָנְגֶעהֵייבֶּען שְׁפִּילֶען אִיהר צְוֵוייטֶער זוּהן, ר׳ אֶפְרַיִם, דֶער סוּדִילְקָאבֶער רָב, אִיהר עֶנִיקֶעל פוּן אַ טָאכְטֶער פֵּייגֶעלֶע, ר׳ נַחְמָן, ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס, ר׳ יְהוֹשֻׁעַ הֶעשִׁיל, דֶער אַפְּטֶער רַב, ר׳ מֹשֶׁה דֶער סַאוְורַאנֶיער רַב אוּנ ר׳ לֵוִי יִצְחָק דֶער בֶּערְדִיטְשׁוֹבֶער רַב, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ בֶּעקָאנְט גֶעמַאכְט דוּרְךְ זַיין אֱמֶת׳ע מֶענְשֶׁענְלִיעבֶּע אוּנ זַיין דַן זַיין דֶעם גְרֶעסְטֶען חוֹטֵא לְכַף זְכוּת.

אַזוֹי זֶעהֶען מִיר ווִי דִי הָאפְנוּנְג פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז הַאלְבּ עֶרְפִיהְלְט גֶעוָוארֶען: פִינְפְצִיג יָאהר נָאךְ זַיין טוֹיט הָאבֶען אִיהם צְוֵויי מִילְלְיָאן יוּדֶען פֶערְגָאטֶעטֶערְט, אוּנ דִי עֶרְסְטֶע חֲסִידִים הָאבֶען זִיךְ גֶעפִיהְרְט נָאךְ זַיינֶע כְּלָלִים.... נָאר צוּם אוּמְגְלִיק אִיז מִיט זַיין דֶרֶךְ גֶעשֶׁעהֶען דָאס אֵייגֶענֶע וָואס וֶוערְט פוּן פִיעל הוֹיכֶע גֶעדַאנְקֶען, וָואס פֶערְלִיעֶרֶען מִיט דֶער צַייט דֶעם אֱמֶת׳ן וֶוערְטְה. וָואס מֶעהר דִי צָאהל פוּן דִי חֲסִידִים הָאט זִיךְ פֶערְגְרֶעסֶערְט, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶען מֶעהר אַוֶועקְצוּגֶעהֶען פוּנ׳ס בַּעַל שֵׁם׳ס וֶועג, אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט מֶען כִּמְעַט אִין גַאנְצֶען פֶערְגֶעסֶען דֶעם עִיקָּר, וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט דֶעם אֱמֶת, שָׁלוֹם אוּנ אַהֲבַת אַחִים צְוִוישֶׁען יוּדֶען, אוּנ מֶען הָאט

אנגענומען דעם תפל: די „אמונת צדיקים״, אונ ניט צדיקים, וועלכע ער האט געמיינט, נאר צדיקים פון פראפעסיאן... אונ זיינע אללע אנדערע כללים זענען כמעט פערגעססען געווארען.

---

2 ר׳ משה מענדעלזאהן אונ זיין צייט.

(1760—1789 נאך קריסטוס געבורט).

די אייגענע ראטהעניישען, וועלכע מיר בעגעגנען שטאנדיג אין דעם יודישען לעבען אונ פיהרען אונז אפט ארויף אויף דעם געדאנק, אז דאס יודישע פאלק לעבט פשוט מיט נסים, זעהט מען אויך אין דער נייער צייט, אונ עס איז שווער מיט׳ן שכל צו פערשטעהען ווי אזוי האט פלוצלונג געקאנט ליכטיג ווערען דארט וואו עס איז געוועהן אזוי פינסטער? פונקט ווי די ישועה אין א נויטה קומט צו די יודען כמעט תמיד אומגעריכט, ווענינסטענס, ווייזט זיך עס אזוי אויס פונ׳ם ערשטען קוק, אזוי איז אויך דאס מאל פאר זיי אויפגעגאנגען די זונן פון בילדונג אונ אויפקלעהרונג אונ דווקא אין בערלין, וואו דאס פינסטערנים איז געוועהן שרעקליך גרויס, וואו עס האבען געמאנט וואהנען נאר געצאהלטע יודען, אונ די זעלבע האבען נאר געהערט וואס זייערע רבנים זאגען אונ האבען זיך פעסט געהאלטען אין זייערע דרכים. אוודאי קומט עס פאר ווי א וואונדער, וואס אין דעם אייגענעם בערלין, וואו מען האט דעם אלטערזיידען פון דעם איצטיגען באנקיר בלייכרעדער אריינגעלעגט אין חרם דערפאר, וואס עס האט זיך נאר אויסגעוויזען אז ער וויל אריינקוקען אין דייטשע ביכלעך, האט פלוצלונג איין קליין הארבאטע יודעל געקאנט אנמאכען אזא איבערקעהרעניש! אז מען בעטראכט אבער גוט די זאך זעהט מען, אז האט׳ס איין שוואלב, ווי די וועלט זאגט, קאן קיין זומער ניט מאכען, נאר אז די שוואלב לאזט זיך אראב ערגעץ איז פארט א סימן, אז עס דארף דארט ווארם ווערען אונ אז געוויסע כוחות פון דער נאטור וועלען שוין באלד די קעלט פערטרייבען. קיין בערלין האבען זיך געלאזט עטליכע שוואלבען, וואס האבען זיך מיט גרויס מיה קוים ארויסגעריסען פון זייער נעסט, אונ דאס האט שוין געפיהרט דערצו, וואס ר׳ משה מענדעלסאהן איז אים שטאנד געוועהן אויסצופיהרען זיין גרויס שליחות

אין דֶעסוי, אַקְלֵיין שְׁטֶאדְטֶעל אין דַייטְשְׁלַאנְד, אִיז דֶעם 17 אויגוּסְט 1728 בַּיי אֵיין אָרֶעמֶען יוּדֶען אַסוֹפֵר, ר׳ מְנַחֵם מֶענְדֶעל, גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אַ זוּהן מֹשֶׁה, וָואס הָאט זִיךְ שְׁפֶּעטֶער אָנְגֶערוּפֶען נָאךְ דֶעם פָּאטֶערְס נָאהמֶען, מֶענְדֶעלְס-זָאהן״ אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶועהן ר׳ מֹשֶׁה מֶענְדֶעלְסָזָאהן. דִי גְרֶאסְטֶע הַשָּׂגָה פוּן אֵיין אָרֶעמֶען סוֹפֵר אִיז, מִן הַסְתָּם, אַז זַיין זוּהן זָאל וֶוערֶען אַ רַב. אוּנ אַז דֶער קְלֵיינֶער מֹשֶׁה הָאט זִיךְ נָאךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען פַאר אַ גוּט קָאפֶּעל הָאט מֶען אִיהם גֶענוּג גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט גְמָרָא אוּנ פּוֹסְקִים, אוּנ פוּן דִי פְרִיהֶעסְטֶע קִינְדֶערְשֶׁע יָאהרֶען אִיז עֶר גֶעזֶעסֶען יוֹמָם וָלַיְלָה אוּנ הָאט גֶעלֶערְנְט. זַיין גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה, דָאס זִיצֶען שְׁטֶאנְדִיג אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט אִיבֶּער אַ סֵפֶר אוּנ נִיט וִויסֶען פוּן קַיין רוּה, דָאס אַלְדִינְג הָאט צוּם אִיבְּרִיגֶען אָבְּגֶעשְׁוַואכְט דָאס קְרֶאנְקְלִיכֶע קִינְד, בִּיסְלֶעכְוַוייז אִיז דֶער רוּקֶען אִיהם גֶעוָוארֶען אַיינְגֶעבוֹיגֶען אוּנ שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר טַאקִי בֶּעקוּמֶען אַ הָארְב, וָואס הָאט אִיהם פוּן דֶעסְטְ-וֶועגֶען נִיט מָאוּס גֶעמַאכְט, וַוייל פוּן זַיין פָּנִים הָאט אַרוֹיסְגֶעלַייכְט דִי חָכְמָה אוּנ אִין זַיינֶע צְוֵויי פַייֶערִיגֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גֶאטְלִיכֶער פַייֶער. גֶעלֶערְנְט הָאט מִיט אִיהם דֶער דֶעסְוִי״ר, ר׳ דָוִד פְרֶענְקֶעל, אוּנ אַז מֶען הָאט אִיהם דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען קַיין בֶּערְלִין, הָאט אוֹיךְ מֶענְדֶעלְסָזָאהן בֶּעשְׁלָאסֶען אַהִין אַרוֹיסְצוּפָאהרֶען, חָאטְשׁ עֶר אִיז דֶעמָאלְט אִין גַאנְצֶען אַלְט גֶעוֶועהן פִירְצֶעהן יָאהר. תּוֹרָה הָאט עֶר אַוַדַאי בַּיי זַיין אַלְטֶען רֶבִּ׳ן גֶעפוּנֶען גֶענוּג, נָאר נִיט אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעלִיטֶען הוּנְגֶער אוּנ הָאט זִיךְ גֶעטְרַיי גֶעהַאלְטֶען אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנ׳ם פֶּרֶק: „וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען מוּז עֶסֶען בְּרוֹיט מִיט זַאלְץ, אֲפִילוּ וַואסֶער זִיךְ זְשַׁאלֶעוֶוען אוּנ אוֹיף דֶער עֶרְד שְׁלָאפֶען״. דָאס אַלְדִינְג הָאט עֶר גוּט מְקַיֵם גֶעוֶועהן, וַוייל חָאטְשׁ זַיין רַבִּי הָאט אִיהם בֶּעשְׁטֶעלְט „טֶאג״ בַּיי בַּעֲלֵי בָּתִּים אוּנ הָאט אִיהם נָאךְ גֶעצָאהלְט דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען זַיין פֵּירוּשׁ אוֹיף תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי. הָאט עֶר פוּן דֶעם גֶעהַאט אַזוֹי וִויעל הַכְנָסָה אַז נִיט אֵיין מָאל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ לֶעגֶען שְׁלָאפֶען הוּנְגֶערִיג. אִין בֶּערְלִין אִיז מֶענְדֶעלְסָזָאהן בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי בֶּערִיהמְטֶע פּוֹילִישֶׁע לוֹמְדִים ר׳ יִשְׂרָאֵל זַאמוֹשְׁטְץ, פוּן וֶועלְכֶען מִיר וֶועלֶען שְׁפֶּעטֶער רֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער. עֶר הָאט אִיהם גֶעוִויזֶען אַ וֶועג אִין חֲקִירָה-סְפָרִים אוּנ הָאט מִיט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען לֶערְנֶען דֶעם „מוֹרֶה נְבוּכִים״, וָואס הָאט מֶענְדֶעלְסָזָאהן גֶעאֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען. אַ חוּץ דֶעם הָאט אִיהם ר׳ יִשְׂרָאֵל זַאמוֹשְׁטְץ צוּנוֹיפְגֶעפִיהרְט מִיט זַיינֶעם אַ תַּלְמִיד ר׳ אַהֲרן גוּמְפֶּערְץ, וָואס אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוָוארֶען דָאקְטָאר, אוּנ עֶר הָאט מִיט אִיהם גֶעלֶערְנְט לַאטֵיין. אוּנ אַז מֶענְדֶעלְסָזָאהן

אִיז אוּנְטֶערְגֶעוואַקְסֶען הָאט עֶר אִיהם אַרַייְנְגֶעגֶעבֶּען פַאר אַ הוֹיז-לֶעהְרֶער צוּ אַ רַייכֶען פַאבְּרִיקַאנְט ר׳ יִצְחָק בֶּערְנַארְד. דָעמָאלְט הָאט מֶענְדֶעלְסָזאהן אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען פוּן זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל דֶעם בִּיטֶערְן מַאנְגֶעל, עֶר אִיז גֶעוֶועהְן זַאט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מָקוֹם מְנוּחָה אוּנ הָאט זִיךְ עֶרְסְט גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען.

מֶענְדֶעלְסָזאהן הָאט לִיעב גֶעהַאט אִין אַ זֶעלְטֶענֶער פְרַייֶהער שָׁעָה, צְווִישֶׁען טָאג אוּנ נַאכְט, וָוען מֶען מוּז שׁוֹין אַוֶועקְלֶעגֶען דָאס לֶערְנֶען, זִיךְ צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט שַׁאךְ-שְׁפִּיעלֶען, אוּנ צוּ לִיעב דֶעם אִיז עֶר בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען מִיט׳ן בֶּערִיהמְטֶען דַייטְשֶׁען שְׁרַייבֶּער גָאטְטְהָאלְד אֶפְרַיִם לֶעסִינְג, וָואס אִיז נָאךְ דָעמָאלְט אוֹיךְ גֶעוֶועהְן אַ יוּנְגֶער מַאנְן אוּנ אִיז נָאר וָואס אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט. לֶעסִינְג אִיז אוֹיסְגֶעוואַקְסֶען אִין אַ שְׁטוּב, וואוּ מֶען הָאט נִיט גֶעוואוּסְט קַיין הַאס צוּ מֶענְשֶׁען פוּן אַ פְרֶעמְדֶען גְלוֹיבֶען: זַיין פָאטֶער וָואס אִיז גֶעוֶועהְן אַ פְרוּמֶער גַייסְטְלִיכֶער, הָאט אִיהם פוּן קִינְדְהַייט אָן גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען דַארְף אַלֶע גְלַייךְ לִיעב הָאבֶּען, אוּנ דַארִיבֶּער אִיז קַיין וואוּנְדֶער נִיט, וָואס הָאטְ׳שׁ אִין יֶענֶע יָאהְרֶען הָאט מֶען גוּט פַיינְד גֶעהַאט דִי יוּדֶען, הָאט זִיךְ לֶעסִינְג נִיט גֶעשֶׁעמְט אָנְצוּשְׁרַייבֶּען אַ קְלֵיין טְהֶעאַטֶער שְׁטִיק „דִי יוּדֶען" אוּנ אוֹיסְצוּוַייזֶען, אַז דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק הָאט אוֹיךְ מַעֲלוֹת, אוּנ אַ יוּד קָאנְן אוֹיךְ הָאבֶּען דִי שֶׁענֶע מִדּוֹת וָואס אַנְדֶערֶע הָאבֶּען. בַּיי לֶעסִינְגְ׳ן אִיז גֶעוֶועהְן דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג צוּ שְׁפִּיעלֶען שַׁאךְ מִיט אַ בַּר שֵׂכֶל, אוּנ אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז אִין בֶּערְלִין גֶעפִינְט זִיךְ אַ יוּדִישֶׁער יוּנְגֶער מַאנְן, וָואס שְׁפִּילְט גוּט שַׁאךְ, הָאט עֶר אִיהם בַּאלְד אָנְגֶעזוּכְט, אוּנ פוּן דָעמָאלְט אָן הָאבֶּען זֵיי בֵּיידֶע פֶערְבּוּנְדֶען אַ עֶבִּיגֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט. יֶעדֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶועהְן אַ מֵבִין אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת וָואס גָאטְט הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען, אוּנ עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען זֵיי זָאלֶען אַרְבַּייטֶען פַאר דֶער מֶענְשְׁהַייט. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט מֶענְדֶעלְסָזאהן וֶועהר שְׁלֶעכְט גֶערֶעדְט דַייטְשׁ אוּנ נָאךְ אֶרְגֶער גֶעשְׁרִיבֶּען, נָאר לֶעסִינְג הָאט אִיהם אַ סַךְ גֶעהָאלְפֶען אוּנ פְלֶעגְט אִיהם גֶעבֶּען דִי בֶּעסְטֶע עֵצוֹת. עֶר הָאט אִיהם אוֹיךְ צוּגֶערֶעדְט, עֶר זָאל זִיךְ פְּרִיוֶוען שְׁרַייבֶּען, אוּנ אַזוֹי וִוי מֶענְדֶעלְסָזאהן הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁטֶעלֶען אוֹיף זִיךְ אוּנ אִיז דֶערְצוּ גֶעוֶועהְן אַ גְרוֹיסֶער עָנָו, הָאט עֶר בַּיי אִיהם פָּשׁוּט גֶעמוּזְט אוֹיסְנַארֶען זַיין עֶרְשְׁט סֵפֶר: „פִילָאזָאפִישֶׁע גֶעשְׁפְּרֶעכֶע". עֶר הָאט אִיהם פֶערְזִיכֶערְט, אַז עֶר וֶועט עֶס נָאר אִיבֶּערְקוּקֶען אוּנ אוֹיסְבֶּעסֶערְן דִי פֶעהלֶער, אוּנ צוּם סוֹף הָאט עֶר עֶס אָהן זַיין וִויסֶען אָבְּגֶעדְרוּקְט, אוּנ הָאט דוּרְךְ דֶעם זַיין נָאמֶען בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט

אין דייטשלאנד. אזוי זענען אוועקגעגאנגען היבשע עטליכע יאהר און מענדעלסזאהן׳ס מזל האט זיך נאר אין גאנצען פערריכט. דער פאבריקאנט בערנארד האט איהם ביי זיך געגעבען א שטעללע פון בוכהאלטער און ער האט שוין געהאט שאן פרנסה. דעמאלט האט ער אויך חתונה געהאט מיט פרומע גוגענהיים פון האמבורג, און דאס גליק האט איהם דא אויך געשפיעלט, ווייל ער האט בעקומען זעהר א גוטע פרוי וואס האט איהם זעהר געשאצט און ליעב געהאט. די פרייע צייט וואס איז איהם געבליבען פון דער ארבייט, האט ער אלץ פערבראכט מיט לערנען און מיט שרייבען. לעכינג האט איהם צונויפגעפיהרט מיט אללע בעסטע דייטשע געלעהרטע פון בערלין, און אז דער געלעהרטער ניקאלאי האט אנגעהייבען ארויסצוגעבען א צייטונג איז מענדעלסזאהן געווען ביי איהם דער ערשטער מיטארבייטער. דעמאלט האט איהם אויך די בערלינער אקאדעמיע געשענקט א מתנה פון פינפציג רענדליך דערפאר וואס ער האט פערענטפערט א וויכטיגע פילאזאפישע שאלה. זיין ליעבשאפט צום אמת און דאס וואס ער האט בעטראכט דייטשלאנד ווי זיין איינציג פאטערלאנד, האט געפיהרט דערצו, וואס מענדעלסזאהן האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און איז ארויסגעשפרונגען מיט עטליכע פרייע ווארטער געגען דעם קאניג פרידריך דעם גרויסען, וואס האט אויך ליעב געהאט אמאל צו שרייבען און דריגגען, אז אללע מוזען לערנען ביי די פראנצאזען, און האט איהם געמאכט פארווירפע דערפאר, וואס דאס פראנצאזישע שפיעלט ביי איהם א גרעסערע ראללע ווי דאס איינענע דייטשע. אין הויף האט עס שטארק פערדראסען, וואס א יוד זאגט נאר פלוצלונג א דעה, און מען האט אזוי לאנג געארבייט ביז דער קאניג האט מענדעלסזאהן געשיקט רופען. ניט אהן מורא איז מענדעלסזאהן געקומען צום קאניג, נאר פאראנטווארטן זיך אדער אבזאגען זיך פון זיינע געדאנקען האט ער ניט געוואלט. פריי און בעהארצט האט ער בעוויזען, אז דעם אמת מאג מען זאגען אויפ׳ן איינענעם פאטער און אפילו א קאניג, ווען ער שרייבט איז געצוואונגען אויסצוהערען די מיינונגען פון אנדערע. מען האט געזעהן אז מענדעלסזאהן וועט האבען א פסק, נאר דער קאניג האט איהם דוקא פריינדליך בעהאנדעלט און האט איהם געהייסען פערשרייבען צווישען די שוטץ־יודען, דאס הייסט: דעמאלט האט ער בעקומען דאס רעכט צו וואהנען אין בערלין ווי א תושב, ניט ווי קיין איינגעבעטענער. א שטיקעל שנאה, ווי עס ווייזט אויס, האט פרידריך פארט געטראגען אין הארצען: אז די בערלינער אקאדעמיע האט שפעטער געוואלט מענדעלסזאהן

אָנטהון כָּבוד אונ איהם אַריינרעכענען צווישען איהרע מיטגלידער, האָט איהם פרידריך אויסגעמעקט פונ'ם צעטעל, אונ וועהר אָפט פלעגט מענדעלסזאהן זאָגען, אַז עס טהוט איהם אַסך מעהר הנאה וואס דער קאָניג האָט איהם ניט אַריינגעלאָזט עהדער די אַקאַדעמיע אַלליין זאָל איהם האָבען אָבגעזאָגט.

זיין ספר „פעדאָן“, וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה, האָט איהם געבראַכט נאָך מעהר כבוד, ווייל ער האָט מיט דעם בוך ערפרייעט טויזענדער הערצער, וועלכע האָבען זיך געטראַכט געפונען צו זעהען בעוויזען מיט אותות ומופתים דאָס, וואָס זיי האָבען נאָר פריהר געפיהלט אונ געגלויבט. דער „פעדאָן“ איז אין אַ קורצער צייט איבערזעצט געוואָרען כמעט אין אַללע איירָאָפּאֵישע לשונות אונ ניט נאָר די גרעסטע געלעהרטע האָבען געהאַלטען פאַר אַ זכיה זיך צו בעקענען מיט מענדעלסזאהן, נאָר אפילו פירסטען אונ פרינצען פון קאָניגליכער פאַמיליע האָבען גערעכענט פאַר אַ חוב איהם מקרב צו זיין אונ דערמיט אויסדריקען זייער דאַנק דעם בעריהמטען יודישען פילאָזאָף. ביז דעמאָלט האָט מענדעלסזאהן געאַרבייט סתם פאַר דער וויסענשאַפט אונ צו ליעב יודען אַלליין האָט ער נאָך קיין איינציגע שורה ניט געשריבען, דאָס האָט אַרויפגעפיהרט דעם נייסטליכען יאָהאַן קאַספּער לאַוואַטער אויף דעם געדאַנק, אַז מענדעלסזאהן איז נאָר פרעמד פון זיין פאָלק, אונ אַז ער האָט מיט איהם אָפט געמאַכט אַ רעדע וועגען קריסטענטהום אונ האָט געזעהען מיט וואָס פאַר אַ יראה אונ דרך ארץ ער דערמאָנט דעם נאָהמען פון קריסטוס, האָט ער ניט פערשטאַנען, אַז אַזאַ גרויסער מאַן ווי מענדעלסזאהן שאַצט דאָס גוטע וואָס געפינט זיך אין יעדער רעליגיאָן, אונ ער האָט עס אָנגעהאַנגען אין דעם וואָס מענדעלסזאהן שטעהט גאַנץ ווייט פון זיין אמונה. אַוודאי האָט זיך לאַוואַטער איינגערעדט, אַז עס וועט איהם געראָטהען אָבצורייסען מענדעלסזאהן פונ'ם יודענטהום, אונ אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער אוהב אמת איז ביי איהם געבליבען ער זאָל איהם אַריינציהען אין אַ ויכוח, אונ קוים וועט ער אַרויסזעהען אַז לאַוואַטער האָט רעכט, וועט ער זיך ניט שאַמען מודה צו זיין, אַז ער האָט ביז אַהער געלעבט אין טעות אונ וועט צושטעהען צום קריסטענטהום. דעמאָלט האָט גראַד אַ שווייצער פּראָפעסאָר קאַספאַר באָנע אַרויסגעגעבען אַ בוך איבער דעם קריסטענטהום אויף פראַנצאָזיש. לאַוואַטער האָט עס באַלד איבערזעצט אויף דייטש אונ האָט עס געשיקט מענדעלסזאהן פאַר אַ מתנה אונ האָט איהם געבעטען ער זאָל מיט זיין חכמה, עהרליכקייט אונ ליעבע צום

אמת נוט בעטראכטען אללע בעווייזע, וואס כאנע ברענגט, אונ אפענטליך איהם געבען זיין הסכמה דארויף, ווייל ער איז זיכער אז מענדעלסזאהן וועט דאס טהון מיט תמימות גלייך ווי סאקראטעס אליין וואללט דאס געטהון, ווען מען קומט צו איהם מיט אזא שאלה. לאוואטער האט מענדעלסזאהן געשטעלט אין א זעהר שלעכטע לאגע: פון איין זייט האט ער געזעהען אז אין דרויסען איז נאך ניט אזוי ליכטיג, אז ער זאל מאגען פריי זיין מיינונג ארויסזאגען אין אזא וויכטיגער זאך, אונ פון דער אנדערער זייט האט ער עס געהאלטען פאר א שטארקען חלול השם מען זאל נאר דיספוטירען וועגען דעם, וואס פאר א רעליגיאן איז בעסער, ווען אללע אמונות זענען נוט אונ נוצליך, ווייל זיי ווייזען אללע דעם מענשען דעם רעכטען וועג. אנפערן האט ער שוין אבער געמוזט; ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווארעם ווי באלד ער שווייגט, וואלט מען איהם געקאנט חושד זיין, אז ער איז ווי האלב מודה אונ האט נאר קיין דבורים ניט. מענדעלסזאהן איז ארויס מיט דער פעדער, נאר ער האט געטהון ווי א אמת׳ער חכם: עהדער אויסזוכען פרעמדע חסרונות, האט ער בעסער אנגעוויזען איינענע מעלות, אונ דעמאלט האט מען טאקי ארויסגעזעהען וואס פאר א היים יודיש הארץ ער האט. „איך לייגען ניט — האט מענדעלסזאהן געשריבען — אז ווען איך האב מיך אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט וויסענשאפט איז מיין ערשטע כונה געוועהן נאכצופארשען צו גלייכט זיך די יודישע אמונה אויס מיט חכמה. אונ ווען איך זאל געוועהן געפונען אז צווישען זיי איז א שטארקער אונטערשיעד וואלט איך מיר באלד געזוכט איין אנדער וועג; אונ באמת וואס וואלט מיך טאקי געקאנט צובינדען צו אזא גלויבען, וואס מען האט פון איהם נאר צרות, אונ דערצו איז ער נאך געגען דעם געזונדען מענשענפערשטאנד? אמת, איך האב בעמערקט אין מיין גלויבען אסך איבעריגע זאכען, וואס זייטיגע מענשען האבען זיי צוגעזעצט, נאר וואס פאר א רעליגיאן איז פריי פון אזעלכע מותרות? דער עיקר איז אבער פארט ריין אונ הייליג, אונ כל זמן איך ליעב אונ דענק קאן איך מיך ניט איבערמאכען אונ זיך אבזאגען פון דעם וואס איז ביי מיר אזוי טהייער! פאר די קריסטען איז געוויס גלייכער זיי זאלען איבערבייטען זייער מיינונג וועגען יודען, ניט צו ליעב א איבערגעביטענע אמונה, נאר צו ליעב די מעשים טובים וואס זייער אלטע רעליגיאן הייסט זיי טהון". מענדעלסזאהן׳ס תשובה האט אנגעמאכט א שטארקען רעש אונ אפילו די שונאים האבען ניט געהאט וואס צו זאגען. ער האט דעמאלט אזוי נושא חן געוועהן ביים הערצאג פון בראונשווייג, אז ער

האט געלאזט בעטען מענדעלסזאהן ער זאל זיך בעזעצען אין זיין הויפט-שטאדט. אויסער דעם האט איהם דער קראנפרינץ פון בראנשווייג אפענטליך געדאנקט, פאר דער מענשענליעבע וואס ליעגט אין יעדער שורה פון זיין תשובה, אונ דער פירסט פון ליפע-שיימבורג האט איהם ביי זיך פערעכענט פאר א בן בית. אפילו באנע אליין האט געשריבען לאוואטער'ן, אז ער איז ניט צופרידען דערפון וואס מען האט מענדעלסזאהן געמוטשעט מיט א רעליגיאנס-פראגע, אונ לאוואטער איז געצוואונגען געוועהן איינצובויגען דעם קאפ אונ איהם שיקען א דאנק-בריעף פאר זיינע קלוגע רעד.

ווי בלינד די לומדים אונ די רבנים זענען דעמאלט געוועהן אין דייטשלאנד – קאן מען ארויסזעהען דערפון, וואס זיי איז דווקא ניט געפאלען די תשובה, וואס מענדעלסזאהן האט מיט איהם מקדש השם געוועהן, נאר דערפאר וואס ער האט דארט דערמאנט, אז אין יודישקייט געפינט ער „אסך איבריגע זאכען וואס זייטיגע מענשען האבען זיי צוגעזעצט". זיי האבען זיך באלד גענומען לערנען פרושים אונ זוכען בעהאלטענע סודות אין די דאזיגע ווערטער, אונ עס האט מענדעלסזאהן געקאסט גענוג מיה ביז ער האט איבערצייגט דעם פרומען רב ר' הירשעל לעווין, אז ער האט דערמיט חלילה קיין שלעכטס ניט געמיינט. פון דעסטוועגען האבען די רבנים אנגעהויבען קוקען אויף איהם קרום, אונ אזוי ווי אין יענער צייט איז אויף איהם אנגעפאלען אויך א קריסטליכער שרייבער פון פראנקפורט אם מאין, יאהאן באלטהאזאר קעלבעלע, פלעגט זיי מענדעלסזאהן רופען „די יודישע קאלבעלעך".

מילא אז פרידער האבען די פרומע יודען געהאט נאר א שנאה, חנם צו מענדעלסזאהן, האבען זיי באלד בעקומען א געלעגענהייט זיך נאך מעהר טשעפען צו איהם אונ האבען שוין געהאט פאר וואס צו שרייען. אים יאהר 1772 האט דער הערצאג פון מעקלענבורג-שווערין ארויסגעלאזט א בעפעהל אז יודען זאלען גלייך מיט קריסטען ניט טארען מקבר זיין זייערע מתים פאר דריי טאג, ווייל עס האט זיך שוין עטליכע מאל געטראפען וואס מען האט מקבר געוועהן לעבעדיגע מענשען, וואס האט זיך נאר אויסגעוויזען אז זיי זענען טויט. די יודען האבען עס אנגענומען פאר א גזרה אונ האבען אוועקגעשיקט שליחים קיין אלטונא צו ר' יעקב עמדן ער זאל זיי העלפען. ר' יעקב עמדן האט געוואוסט אז מענדעלסזאהן איז א גרויסער חשוב ביים הערצאג אונ דערפאר האט ער די שליחים אבגעשיקט צו איהם אונ איז געוועהן זיכער אז ער וועט עס פועל'ן. מענדעלסזאהן האט אבער געענטפערט

אז ער רעכענט עס פאר דער גרעסטער עבירה זיך אקעגענשטעלען געגען אזא תקנה, וואס דערפון הענגט אב דאס לעבען פון מענשען, און האט נאך, פארקעהרט, אויסגעוויזען פון דער גמרא, אז נאך אין די אלטע צייטען האט מען זיך ניט געאיילט דעם מת ברענגען צו קבר ישראל ביז מען האט ניט געוואוסט אקוראט אז לעבעדיג קאן ער שוין ניט ווערען. אזא תשובה האט אונטערגעצונדען ר׳ יעקב עמדן מיט אללע איבריגע רבנים, און מענדעלסזאהן איז ביי זיי אין די אויגען געווארען א געפעהרליכער אפיקורוס.

מענדעלסזאהן׳ס בלינדע שונאים האבען ניט פערשטאנען, אז ער איז א צירונג פאר׳ן גאנצען יודישען פאלק און אז די קריסטען זעהען אין איהם א לעבעדיגען בעוויז, אז מען קאן זיין א יוד צו גאטט און צו לייט, אבהיטען יודישקייט און פארט זיין נוטצליך דעם לאנד. נאר דאס וואס מענדעלסזאהן׳ס איינענע ברידער איז שווער געוועהן צו פערשטעהען, דאס האט דווקא פערשטאנען זיין גוטער פריינד לעסינג, חאטש ער איז געוועהן א קריסט, האטש אויף פיעל זאכען פונ׳ם יודישען לעבען האט ער ניט געקאנט זיין אזא מבין. ווי הויך לעסינג האט געשטעלט מענדעלסזאהן — קאן מען ארויסזעהען פון זיין בעריהמטען טהעאטער-שטיק „נאטהאן דער ווייזע״, וואס ער האט אנגעשריבען אין דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען, און וואס האט איהם טאקי מקצר ימים געוועהן, ווייל אין דעם טהעאטער-שטיק האט ער אויפגעדעקט אזא אמת, וואס גאטט ווייסט אויב אפילו שפעטער מיט עטליכע הונדערט יאהר וועט מען וועלען האָרען דערפון. אין זיין הויפט-העלד, נתן דעם חכם, א יוד א יין עושר, וואס אללע האבען איהם ליעב און דערמאנען זיין נאהמען מיט דרך ארץ, האט לעסינג אויסגעמאלט מענדעלסזאהן מיט זיין גאנצען חאראקטער, און עס איז גענוג נאר איבערצולעזען עטליכע שורות ועהט מען, אז דאס איז דער יודישער פילאזאף מיט אללע זיינע מדות. לעסינג שטעלט פאר, אז נתן האט געוואהנט אין ירושלים אין דער צייט פון די קרייצציגע, און אז די קריסטען זענען בעפאלען די הייליגע שטאדט האבען זיי אבגעבראכעוועט זיין פערמעגען, פערברענט זיין הויז און אומגעבראכט זיין ווייב מיט זיינע קינדער. מיט דעם יודישען „גם זו לטובה״, וואס האט דעם יודען ניט איין מאל געגעבען כח איבערצוטראגען גאנצע בארג צרות, האט נתן אנגענומען פאר ליעב זיין ביטער מזל, און אז שפעטער האט מען איהם גראד געבראכט א קריסטליך קינד. א קליין ארעם יתומה׳לע האט ער עס אנגענומען פאר

א מתנה פון גאטט. ער האט בערעכענט אז דאס שיקט איהם גאטט א טרעסט אויף דער עלטער, אז ער איז ממלא אויף אזא אופן זיין חסרון, און ער האט דאס קינד ערצויגען מיט ליעבע און צערטליכקייט פון א אייגענעם פאטער. דאס שאנע ריינע, גוטע און ערהאבענע, וואס איז ביי איהם אליין געוועהן היילינ — דאס אלדינג האט נתן איבערגעגעבען זיין טאכטער, און זי איז אויפגעוואקסען געווארען אין א גלויבען וואס האט זי גליקליך געמאכט און וואס האט ביי איהר אין קאפ איינגעווארצעלט דעם געדאנק, אז אללע מענשען זענען גלייך און אז ליעבע דארף זיי עביג פערבינדען. אין וואס נתן'ס אמונה בעשטעהט — זעהט מען ארויס אין דעם משל, וואס לעסינג האט איהם אין מויל אריינגעלעגט: אז דער סולטאן סאלאדין פרעגט ביי נתן, וועלכע פון די רעליגיאנען איז די בעסטע: דערצעהלט ער איהם א מעשה ווי א פאטער, וואס האט געהאט דריי זיהן און האט זיי גלייך ליעב געהאט, האט זיי געוואלט בעווארענען, אז נאך זיין טויט זאל קיינער פון זיי זיך נים איבערנעהמען און נים שרייען אז ער איז דער מיוחס און איהם קומט דער גרעסטער חלק פון דער ירושה; דערפאר האט ער אין דער צוואה אריינגעשטעלט, אז ווער עס וועט ברענגען אזא און אזא רינג מיט אללע סימנים וואס ער האט פינקטליך בעשריבען, מוז בעקומען די גאנצע ירושה און יעדען פון די דריי ברידער האט ער שטילערהייד איבערגעגעבען פונקט די אייגענע רינג. אודאי האט זיך ערשט נאך דעם פאטער'ס טויט אנגעהויבען א קריעג צווישען די יורשים. יעדער האט געשריגען אז נאר זיין רינג איז דער אמת'ער און די אנדערע זענען פאלש, און די מלחמה קאן נאר דעמאלט אויפהערען ווען די ברידער וועלען קומען צום שכל. אז ביי א פאטער קאן ניט זיין קיין חלוק צווישען זיינע קינדער, און אז דאס האט ער אימיסטען געטהון כדי זיי זאלען זעהען, אז ער האט קיינעם ניט געוואלט געבען די בכורה און זאלען זיך גלייך איינטהיילען מיט דער ירושה. אזא בילד פון א יודען ניט אונז לעסינג און טאקי נעבען איהם שטעלט ער פאר א גייסטליכען און ווייזט אונז שוין פונקט דעם היפך: דער פאטריארך פון ירושלים געפינט, אז אזא יודען ווי נתן, וואס האט געטהון אזא גרויסע עבירה און האט ערצויגען ביי זיך א קריסטליך מאדכען, קומט צו ברענגען אויפ'ן פייער, און אז מען ווייזט איהם, אז פון דעם קינד וואלט געווארען א תל ווען דער יוד וואלט אויף דעם קיין רחמנות ניט געהאט, ענפערט ער קורץ און שארף: „דאס איז קיין תירוץ ניט. דעם יודען מוז מען פארט

פערברענען ו׳... מען קאן זיך פארשטעלען וואס פאר א רעש לעסינג׳ס טהעאטער־שטיק האט אנגעמאכט אין דייטשלאנד; די שונאים האבען איהם קיין נאס ניט געלאזט דורכגעהען, אונ מען מאג זאגען, אז ער איז דערפון פון דער וועלט געגאנגען פאר דער צייט. נאר צום אומגליק, האבען די יודען אפילו ניט געוואוסט וואס פאר א מליץ יושר זיי האבען פלוצלונג פאר זיך בעקומען, אונ דעם, וואס האט לעסינג׳ן ארויפגעבראכט דארויף, האבען די רבנים פערווארפען מיט שטיינער.

מענדעלסזאהן האט אבער ניט געקוקט אויף דעם געשריי פון די פרומע אונ האט זיך געטהון זיינס. די יודען האבען דעמאלט ניט געהאט קיין רעכטע דייטשע איבערזעצונג פון דער תורה אונ ער האט זיך ענטשלאסען ארויסצוגעבען אזא איבערזעצונג, וואס ער האט פריהר געמאכט פאר זיינע אייגענע קינדער, ווען ער האט מיט זיי אנגעהויבען לערנען חומש. צוזאמען מיט דער איבערזעצונג איז ביי איהם אויך געבליבען ער זאל אנשרייבען א פירוש אויף גאנץ תנ״ך מיט׳ן נאהמען „באור״ אונ צו דער ארבייט האט ער צו געצויגען אללע יודישע געלעהרטע, וואס זענען דעמאלט געוועהן אין בערלין, ווי ר׳ שלמה מדובנא, וואס איז געוועהן דער בעל מגיה ביים דרוקען, ר׳ נפתלי הירץ וויזעל, ר׳ אהרן יאראסלוי אונ ר׳ הירץ האמבערג. קוים זענען דערפון געוואהר געווארען די רבנים, איז געווארען א געוואלד, אז מענדעלסזאהן וויל איבערקעהרען דעם גאנצען יודענטהום. מען האט אנגעהויבען זיינע ביכער צו ברענען אונ עס האט ניט געהאלפען אפילו וואס דער בערלינער רב ר׳ הירשעל לעווין האט געגעבען זיין הסכמה אונ האט געשריבען בפירוש, אז ער געפינט מענדעלסזאהן׳ס ארבייט פאר זעהר נאטהיג אונ נוטצליך. מענדעלסזאהן איז זיך פון גאנצען געשריי אונ רעש ניט אראבגעפאלען, איהם האט געשטארקט, דאס וואס די קריסטען האבען איהם דווקא געשטיצט אונ עס האט איהם וועניגסטענס געפרעהט וואס, ווען די יודען ווילען דערוויייל נאך ניט פערשטעהען וואס ער טהוט פון זייערטוועגען, אפענט ער האטש א וועג פאר די קריסטען זיי זאלען דורך זיין איבערזעצונג זיך קאנען איבערצייגען וואס עס שטעהט אין דער יודישער תורה. מענדעלסזאהן׳ס איבערזעצונג איז טאקי פריינדליך אויפגענומען געווארען ביי די גרעסטע שררות, אונ דער קאניג כריסטיאן פון דענעמארק מיט׳ן קראנפרינץ האבען די ערשטע זיך פערשריבען צווישען זיינע אבאנענטען. נאר דאס אלדינג האט פון דעסטוועגען ניט אבגעהאלטען אזעלכע גרויסע רבנים, ווי

ר' יְחֶזְקֵאל לַאנְדָא פון פְּרָאג, ר' רְפָאֵל כֹּהֵן פון אַלְטוֹנַא און ר' הִירְשׁ יַאנוֹב פון פוּרְטָה, און זֵיי הָאבֶּען גֶעפַּסְקֶנְט אַז מֶענְדֶעלְסָזָאהְן'ס סְפָרִים זֶענֶען אַפִּיקוֹרְסִישֶׁע סְפָרִים, און דֶער אֵיינְצִיגֶער חֶסֶד אִיז גֶעוֶועהן, וָואס אִיהם אַלֵיין הָאבֶען זֵיי נִיט גֶעטְשֶׁעפֶּעט. חָאטְשׁ עֶס הָאט זִיךְ זֵיי שְׁטַארְק גֶעגְלוּסְט אִיהם אַרַיינְצוּלֶעגֶען אִין חֵרֶם. טַאקֵי נָאר דָאס נוּטְסֶקַייט און דֶער קַאלְטֶער יִשּׁוּב הַדַּעַת פון מֶענְדֶעלְסָזָאהְן הָאט פון זַיין הַארְץ דֶערְוַייטֶערְט יֶעדֶעס גֶעפִיהל פון פֶּערְדְרוּס אָדֶער נְקָמָה! עֶר פְלֶעגְט נָאר אָפְּט זָאגֶען מִיט אַ גֶעלָאסֶענֶער. אַז עֶר הָאט נָאר זִיךְ נִיט גֶערֶעבְּט, אַז זַיין אִיבֶּערְזֶעצוּנְג זָאל נָאךְ זַיין נָאטְהִיגֶער פַאר דִי רַבָּנִים וִוי פַאר'ן פְּרָאסְטֶען פָאלְק. אַוַדַאי הָאט דָאס, וָואס מֶענְדֶעלְסָזָאהְן הָאט זִיךְ נִיט אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין קֵיין מַחֲלוֹקֶת מִיט דִי רַבָּנִים, גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ וָואס זַיינֶע שׂוֹנְאִים הָאבֶּען גֶעמוּזְט מִיעד וֶוערֶען און דֶער נַייֶער דוֹר, וָואס אִיז דֶערְוַייל אוּנְטֶערְגֶעוַואקְסֶען הָאט דוּרְךְ זַיינֶע סְפָרִים בֶּעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶען חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און חָכְמָה, און נָאר נִיךְ הָאט ר' משֶׁה מֶענְדֶעלְסָזָאהְן זוֹכֶה גֶעוֶועהן צוּ זֶעהֶען אַרוּם זִיךְ הוּנְדֶערְטֶער חֲבֵרִים און תַּלְמִידִים. וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זַיין דֶרֶךְ און הָאבֶּען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבֶּען נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט זַיין גְרוֹיסֶע אַרְבַּייט.

דִי צָרוֹת, וָואס מֶענְדֶעלְסָזָאהְן הָאט אִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען פון דִי רַבָּנִים, און פְרוּמֶע לוֹמְדִים, הָאבֶּען אוֹיף קֵיין הָאר נִיט פֶערְקְלֵיינֶערְט זַיין לִיעבֶּע צוּ דִי יוּדֶען און אַז זֵיי הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ זֵיינֶער אַ טוֹבָה הָאבֶּען זֵיי שְׁטֶענְדִיג נִיט נָאר אִין אִיהם אַלֵיין גֶעפוּנֶען אַ גֶעטְרַייעֶן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶעם בְּרוּדֶער, נָאר אֲפִילוּ דִי קְרִיסְטֶען, וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהן נֶעבֶּען אִיהם, הָאבֶּען אוֹיךְ לִיעב גֶעהַאט זַיין נַאצְיָאן און עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶועהן אָנְגֶעלֶעגְט וֶוען זֵיי הָאבֶּען מִיט עֶפִּיס גֶעקֶאנְט אָבְּדִיעֶנֶען זֵייעֶר עֶדְלֶען יוּדִישֶׁען פְרַיינְד. אַזוֹא כֹּחַ הָאט אִין זִיךְ מֶענְדֶעלְסָזָאהְן גֶעהַאט און וֶוער עֶס אִיז מִיט אִיהם בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט זַיין מִיט אִיהם נֶפֶשׁ אַחַת און הָאט, אִיהם צוּ לִיעבּ, גֶעשֶׁעצְט אוֹיךְ אַלֶע יוּדֶען. אַז לֶעסִינְג אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאבֶּען דִי יוּדֶען בֶּעקוּמֶען אַלְץ נָאר דוּרְךְ מֶענְדֶעלְסָזָאהְן, אֵיין אַנְדֶער בֶּעשִׁיצֶער, און דָאס אִיז גֶעוֶועהן אֵיינֶער פון מֶענְדֶעלְסָזָאהְן'ס קְרִיסְטְלִיכֶע חֲבֵרִים כְּרִיסְטִיאַן וִוילְהֶעלְם דָאהם, וָואס דוּרְךְ אִיהם זֶענֶען גֶעהָאלְפֶען גֶעוָוארֶען אַסַךְ יוּדֶען אִין פְרַאנְקְרֵייךְ, עֶסְטֶערְרֵייךְ און שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אִין דַייטְשְׁלַאנְד.

אִין יֶענֶע יָאהְרֶען אִיז דִי לַאגֶע פון דִי יוּדֶען אִין עֶלְזַאס און מֶעטְץ,

דאס זענען שוין דעמאלט געשטאנען אונטער דער מאכט פון דער פראנצאזישער מלוכה, געוועהן וועהר טרויעריג. אין אנדערע ארטער האבען זיי אפילו אויך געגונג געליטען. נאר דאס איז נאך אלץ געוועהן א גאר ניט געגען דעם וואס זיי האבען זיך דארט געמוזט אנליידען. יעדער פריץ האט געטהון מיט זיי וואס ער האט נאר געוואלט; היינט האט ער זיי ערלויבט זיך צו בעזעצען ביי זיך אין דארף אדער אין שטאדטעל אונ מארגען האט ער זיי ארויסגע־ווארפען נאר אהן א פארוואס. אומעדום האבען זיי דארט געמוזט וואהנען אין בעזונדערע אבגעשלאסענע גאסען אונ קיינער פון זיי האט זיך ניט געטארט ארויסווייזען ערגיץ אין איין אנדער גאס. אין מעטץ האט מען ניט געלאזט וואהנען מעהר פון 180 יודישע משפחות, אונ דערפאר האבען דארט געמוזט די בחורים אונ בתולות פערזיטצען. סם האבען זיי אבער געצאהלט מעהר פון אללע איינוואהנער. מען האט ביי זיי געריסען אויף אלדינג, אפילו קירכען האבען זיי געמוזט אויסהאלטען. די הכנסה פון זיי איז געוועהן אזוי גרויס, אז ווי באלד דער קאניג האט געוואלט איינעם געבען א רעכטע מתנה, האט ער איהם אויף א צייט אבגעגעבען די יודען אין די האנד אריין. מען פלעגט זיי אזוי אויסלעדיגען, אז אפילו דער עלטסטער זוהן ביי א פאטער האט אנדערש ניט געקאנט בלייבען אין מעטץ ביז ער האט ניט בעצאהלט א מנה יפה. אונ ביי די אללע נתינות האבען די יודען געמוזט ציהען די פרנסה נאר פון געלד־ארבייט אונ מסחר פון בהמות, חאטש דער מסחר איז זיי אויך שווער אנגעקומען, ווייל ארומפאהרען האבען זיי ניט געהאט דאס רעכט, אדער זיי האבען געמוזט דערפאר בעצאהלען א סך מעהר ווי פיעל זיי וואלטען געקאנט פערדיענען. אונ אין פיעל מקומות, ווי אין שטראסבורג אונ נאך אנדערע שטאדט, האבען זיי אפילו ניט געטארט איבערנאכטיגען. אודאי האבען זיי ניט געהאט פון וואס צו לעבען אונ זענען געצוואונגען געוועהן זיך חאפען צום פראצענט, אונ אזוי ווי קיין גרויסע עשירים זענען זיי ניט געוועהן האבען זיי געקאנט נאר מאכען קליינע געשעפטלעך, זיי האבען געגעבען דאס ביסעל געלד אויף וואכערם געמיינע לייט אונ בעלי מלאכות. די נויטה האט זיי, פערשטעהט זיך, געטריבען זיי זאלען רייסען ווי ווייט עס האט זיך נאר געלאזט, אונ דורך דעם זענען זיי פערהאסט געווארען ביים פראסטען פאלק, וואס האט נאר געהאלטען דעם יודען פאר א בלוט־צאפער אונ האט גאר ניט געוואלט בערעכנען, אז ער האט געביך קיין אנדער ברירה ניט, אונ אז ער מוטשעט אנדערע נאר דערפאר וואס מען ווערגט איהם.

מיט דעם אומגליקליכען מעמד פון די עלזאסער יודען האט זיך בענוצט וועהר א שלעכטער מענש העלל, וואס איז פריהר געוועהן א פראסטער שרייבער אונ ביסלעכווייז האט ער זיך אזוי ווייט אויפגעהויבען, אז מען האט איהם געמאכט פאר שופט. אזא מענש האט געריסען פון טויט אונ פון לעבעדיג, אונ ער האט זיך אימיסטען אויסגעלערנט לשון קדש אונ יודיש-דייטש, כדי ער זאל פערשטעהען אלדינג וואס קומט פאר צווישען די יודען אונ זיי זאלען זיך נים קאנען בעהאלטען פאר איהם. דאס אומגליק איז אבער געשעהען וואס ער האט געהאט צו בריימע קעשינעס אונ ווי פיעל מען האט איהם געגעבען איז נאך אלץ וועניג געוועהן; אוודאי אז ער האט שוין גוט אויסגעזויגען די יודען אונ האט פערשטאנען אז מעהר וועט ער שוין ביי זיי גאר נים מוציא זיין, איז ער געווארען קלאמערשט א בעל טובה. עס האט געהייסען, אז ער געהמט זיך אן פאר די אומגליקליכע וואס לייען געלד ביי יודען, אונ ער האט זיך גענומען צו די יודישע פראצענטניקעס. קודם כל האט ער אנגעהויבען צורעדען מען זאל מאכען פאלשע קוויטלעך אונ יעדער בעל חוב זאל צושטעלען דעם געריכט א צעטעל אז ער האט שוין אין גאנצען זיין חוב בעצאהלט. זיין רשעות איז געוועהן אזוי גרויס אז ווען עס האט זיך געפונען איין ערענטליכער קריסט, וואס האט זיך נים געוואלט בענוצען מיט א פאלש קוויטעל, האט ער אנגעשטעלט די גייסטליכע זיי זאלען עס נים דערלאזען אונ זיי זאלען שרייען, אז נאכמאכען די חתימה פון א יודען, כדי זיין געלד זאל פערפאלען ווערען, איז גאר די גרעסטע מצוה. דערנאך האט ער אנגעשריבען א בעזונדער בוך וועגען די יודען אונ האט מודה געוועהן, אז פאלשע קוויטלעך קומען טאקי פאר. נאר דאס פאלק האט קיין אנדער מיטעל נים זיך צו ראטעווען פון די יודען. צום גליק האט זיך די מלוכה נאך צייטליך אומגעקוקט, מע האט העלל'ן פריהר איינגעזעצט אין תפיסה אונ דערנאך האט מען איהם ארויסגעטריבען פון עלזאס.

אז די יודען האבען געפטערט דעם רשע, האבען זיי אנגעהויבען צו טראכטען אז עס איז קיין תכלית נים ווייטער צו בלייבען אין אזא שרעקליכער לאגע, אונ עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען דעם קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען איינגעבען א בקשה אונ בעטען ביי איהם רחמים. אזא פאפיער האט מען אבער בעדארפט שרייבען מיט שכל; צווישען זייערע פארשטעהער האבען זיי נים געהאט אזעלכען וואס זאל זיין פעהיג אזעלכעס אנצושרייבען, אונ זיי האבען זיך געווענדט צו מענדעלסזאהן, וואס האט שוין דערמאלט געשמ-

אויף דער וועלט, אונ האבען איהם פארגעלעגט ער זאל אויף זיך נעהמען די מצוה. מענדעלסזאהן איז אבער געוועהן אויך א פראקטישער מענש, ער האט זיך איבערלעגט, אז אזא פאפיער איז גלייכער ווען א קריסט ארבייט עס אויס. אונ ער האט מיט דער מצוה מכבד געוועהן זיין יונגען פריינד דאהם, וואס האט דעמאלט נאר וואס ארויסגעלאזט א בוך וועגען געשיכטע אונ איז צו ליעב דעם געווארען א חשוב ביי דער מלוכה. דאהם איז געוועהן א כן בית ביי מענדעלסזאהן אונ איז מן הסתם געווארען איין אוהב ישראל. מיט שמחה האט ער אויף זיך גענומען די ארבייט אונ אזוי ווי ער האט געזעהען אז כמעט אין גאנץ אייראפא איז די לאגע פון די יודען זעהר געדריקט, האט ער זיך מיישב געוועהן, אז עס איז בעסער ער זאל שרייבען וועגען כלל יודען אין אללע לאנדער אונ האט געשריבען א בעזונדער ספר מיט דעם נאהמען "דאס פאר-בעסערן פונ'ם יודישען מעמד".

דאהם האט זיך געשטעלט אויף דער אלף אונ האט אויסגעוויזען, אז געגען די יודען טהוט מען די גראסטע עולה, וואס דוקא זייערע גרויסע מעלות מאכט מען פאר חסרונות: דעם שארפען שכל אונ דעם חשק עפיס צו טהון אונ ניט לעדיג זיצען נעהמט מען אן פאר שווינדעל אונ בעטריגעריי, די גוטע מדות רעכענט מען פאר נארישקייטען אונ אויף זיין אלטען יחוס קוקט מען ווי אויף איין עקשנות. אמת, צווישען יודען געפינען זיך אויך שלעכטע מענשען פונקט ווי ביי אללע פעלקער, נאר ווי קאן מען נאר פון זיי פארדערן, אז זיי זאלען זיין בעסער פון אנדערע, ווען מען טהוט זיי אן אזעלכע צרות אונ מען טרייבט זיי מיט געוואלד זיי זאלען טהון שלעכטס. דאריבער האט דאהם גע-וויזען, אז עס איז א חוב אויף אללע וואס פערשטעהען, אז מען טאר ניט לאזען עטליכע מיליאן מענשען זיך ארומדרעהען אויף דער וועלט נאקעט אונ בלויז, הונגעריג אונ דארשטיג, זיי זאלען גלייך מיט איהם אויפהייבען זייער קול אונ בעטען די מלוכות, וואס ווילען זעהען זייערע לאנדער גליקליך, זיי זאלען געבען יודען פרייהייט אונ זיי בעטראכטען ווי גלייכע קינדער. אונ וואהל וועט זיין דער מדינה, וואס וועט זיך אזוי נוהג זיין, ווי עס פארדערן די געזעצע פון מענשענליעבע. נאר דיענען ביי דער קרוין אונ פערנעהמען הויכע שטעללען דארויף איז דאהם אלליין אויך ניט מרוצה געוועהן. פאר וואס — איז שווער צו וויסען: עס קאן זיין, אז ער האט מורא געהאט צו פיעל צופערלאנגען מען זאל איהם אין גאנצען ניט אבזאגען, נאר ניכער איז צו גלויבען, אז מענדעלסזאהן.

וואס האט איהם צוגעהאלפען ביים שרייבען, האט אזוי געוואלט, כדי עס זאל זיך באלד ניט אנהייבען קיין נייע קנאה און שנאה.

דאהם'ס בוך האט אנגעמאכט א גרויסען רעש; מען האט איהם חושד געוועהן, אז די יודען האבען איהם איבערגעקויפט, און דווקא אין דייטשלאנד, וואו ער האט געלעבט, אז מען וועט מעהר שטעלען אויף זיינע רעד ווי ערגיץ אנדערש, האט מען שלעכט געקוקט אויף איהם. אפילו אזא גרויסער מאנן ווי דער פראפעסאר יאהאן דוד מיכאליש, וואס האט גוט געקאנט העברעיש, האט געשריבען נעגען איהם און האט געדרונגען, אז פון יודען קאן גאר קיין לייט ניט ווערען. די מלוכה פון הסתם האט זיך צוגעהערט ניבער וואס די שונאים זאגען, און האט ניט געוואלט פערבעסערן די לאגע פון די דייטשע יודען.

דערפאר האט דאהם'ס בוך זעהר פיעל געהאלפען די יודען אין פראנקרייך. אויך דער קייזער יאזעף האט זיך גענומען ארויסצוגעבען נייע געזעצע וועגען די אסטערדייכישע יודען; ער האט געהייסען אפנען פאר זייערע קינדער אללע אקאדעמיעס און אוניווערזיטאטען, מאכען פון זייערטוועגען בעזונדערע שולען און זיי בעפרייהען פון דעם "יודישען מס" וואס זיי האבען געמוזט צאהלען אויסער אללע אנדערע נתינות. דאס איז גאר געוועהן איין התחלה, ווייל פיעל געזעצע זענען נאך אבער געבליבען! אין א סך ערטער האבען זיי זיך ניט געטארט געפינען, אפילו אין וויען האט מען זיי ניט ערלויבט צו האבען א שול, נאר עס איז שוין גוט געוועהן וואס מען האט אנגעהויבען צו טראכטען וועגען זיי, און דאס האבען זיי געהאט דאהם'ן צו פערדאנקען.

פון זיין זייט האט מענדעלסזאהן געוואלט, אז אויסער דאהם'ס גוטע רייד זאל מען נאך פארענטפערן אללע אנדערע שאלות וועגען יודען, כדי די שונאים זאלען קיין פתחון פה ניט האבען. און דאריבער האט ער געהייסען זיין תלמיד, דעם דאקטאר מארקוס הערץ, ער זאל פון ענגליש איבערזעצען ר' מנשה בן ישראל'ס ספר, אין וועלכען ער האט אזוי ליכטיג צושלאגען אללע בעשולדיגונגען אויף יודען, און אליין האט מענדעלזאהן אנגעשריבען א פארערע מיט דעם נאהמען "רעטונג דער יודען" און האט אויסגעוויזען, אז מיט געוואלד קאן מען קיינעם ניט אנוואַרפען קיין אמונה און פון געוואלטיגע זאכען קאן קיין גוטס ניט ארויס. מענדעלסזאהן'ס פארערע איז דער וועלט זעהר געפאלען, חאטש ער האט ארויסגעזאגט זעהר א ביטערן אמת, נאר עס האבען זיך געפונען אזעלכע קריסטען, וואס האבען זיך דערמיט אויך געוואלט בענוצען און האבען אנגעהויבען שרייען, אז מענדעלסזאהן איז גאר קיין יוד ניט.

ווייל ביי איהם שטעהט די מענשענליעבע האבער פון אלדינג, אונ דאס איז דאך דער פונדאמענט פון דער קריסטליכער רעליגיאן. איינער פון די קריסטליכע שרייבערס האט זאגאר ארויסגעלאזט א בעזונדער בוך אונ האט געשריבען, אז עס פרעהט איהם זעהר וואס מענדעלסזאהן האט סוף כל סוף אראבגענומען די מאסקע פונ'ם פנים אונ מען מאג איהם בפירוש רעכנען פאר א קינד פון דער קריסטליכער קירכע, וואס איז פול מיט יושר אונ רחמנות, אונ ניט פאר א קנעכט פון דעם יודישען גלויבען, וואס בעלאסטעט אויף אללע מיט קללות אונ חרמות. ביי אזא זאך האט מענדעלסזאהן ניט געטארט שווייגען, אונ ווי עס איז איהם זעהר ניט ליעב געוועהן אנצוהייבען א ויכוח וועגען אמונה, האט ער פארט געמוזט ארויס מיט דער פעדער. דעמאלט האט ער אנגעשריבען זיין בעריהמטען ספר „ירושלים" אונ האט בעקאנט געמאכט ווי אזוי ער קוקט אויפ'ן יודענטהום, נאך מענדעלסזאהן'ס מיינונג קאן מען גאר ניט פערגלייכען די יודישע אמונה מיט אנדערע רעליגיאנען, ווייל יענע רעליגיאנען האבען געוויסע יסודות, וואס מען מוז אין זיי גלויבען, אונ די יודישע אמונה בעשטעהט פון דינים, וואס מען מוז זיי פאלגען; די תורה איז א געזעץ-בוך, וואס ווייזט דעם יודען כללים ווי אזוי ער דארף זיך פיהרען אונ לעבען צופרידען אונ גליקליך, אונ דערפאר טאר מען זיך ניט ערלויבען אפילו אויף איין האר אבצוטרעטען פון איהר. פונקט ווי יעדער איינוואהנער האט קיין רעכט ניט עובר צו זיין אויף די חקים פון זיין מדינה, מען מאג נאכקלאהרען דעם טעם פון יעדער מצוה, נאנץ אפט קאן מען פערשטעהען אז עס וועגען דא פיעל זאכען וואס האבען א ווערטה אין געוויסע צייטען אונ נאר אויף בע-שטימטע ארטער. נאר קיין שום איינציגער מענש טאר זיך אליין ניט שאפען זיינע איינענע דינים, ווייל ווען דעם איבערשטענס רצון וועט זיין, אז עס זאל עפיס פעראנדערט ווערען וועט ער אונז זיין הייליגען ווילען מגלה זיין פונקט אויף אזא וואונדערבארען אופן ווי ער האט אונז געגעבען די תורה אויף דעם בארג סיני. מיט דעם דאזיגען ספר האט מענדעלסזאהן פשוט מרעיש עולם געוועהן, די גרעסטע געלעהרטע האבען איהם געלויבט, אפילו דער פראפעסאר מיכאליש, וואס איז געוועהן א שונא ישראל, האט געמוזט מודה זיין אז ער האט רעכט, אונ דער בעריהמטער פילאזאף קאנט האט איהם געשריבען אז ער בעוואונדערט דאס חריפות, וואס ער האט בעמערקט אין זיין ספר, אונ ער האפט אז זיינע אמת'ע געדאנקען וועלען מאכען א גרויסען רושם ביי אללע פעלקער, וועלכע וועלען זיך איבערציינען אז די יודישע אמונה איז

פְרַיי אָהן קָעסְטֶען, אָהן צְוַואנְגֶען, אָהן אַ דֵעָה וָאנֶען דֶעם הארץ אָדֶער דֶער מַחֲשָׁבָה.

מִיט וָואס פַאר אַ חֲשִׁיבוּת מֶענְדֶעלְסָזָאהן׳ס סְפָרִים הָאבֶּען זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט זֶעהט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן וָואס, וֶוען שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען קַיין בֶּערְלִין דֶער בֶּערִיהְמְטֶער פְרַאנְצֶאזִישֶׁער שְׁרַייבֶּער, גְרַאף מִירַאבָּא אוּנ הָאט גֶעזֶעהֶען וִוי מֶענְדֶעלְזָאהן׳ס נָאהמֶען אִיז דָארְט גְרוֹיס נָאכ׳ן טוֹיט, הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בֶּעזוּנְדֶער בּוּךְ אוּנ הָאט דֶער פְּרֵייסִישֶׁער מְלוּכָה גֶעגֶעבֶּען רֶעכְטֶע עֵצוֹת וֶועגֶען דִי אָרְדְנוּנְגֶען, וָואס מֶען דַארְף אַיינְפִיהְרֶען אִין לַאנְד; אוּנ דֶערְבַּיי הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען דִי יוּדֶען אוּנ עֶר הָאט זֵיי נִיט קַיין קְלֵיינֶע טוֹבָה גֶעטְהוּן.

נָאר וֶוען מֶענְדֶעלְסָזָאהן הָאט גֶעהַאט גֶענוּג אַרְבַּייט מִיט דִי אוֹיסְוֶוענִינְסְטֶע שׂוֹנְאִים, הָאט עֶר גֶעמוּזְט פִיהְרֶען מִלְחָמָה מִיט זַיינֶע פֶערְנַארְטֶע בְּרִידֶער אַלֵיין, וֶועלְכֶע הָאבֶּען נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייֶען אַז עֶר מַאכְט אַ תֵּל פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה. מִיט שִׂמְחָה הָאט מֶענְדֶעלְסָזָאהן בֶּעגְרִיסְט דֶעם קֵייזֶער יָאזֶעף׳ס בֶּעפֶעהל, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אֶפְנֶען אִין אֶסְטֶערְרַייךְ יוּדִישֶׁע שׁוּלֶען, אוּנ הָאט דֶערְמִיט בֶּעווִיזֶען אַז דִי מְלוּכָה הֵייכְט אָן בִּיסְלֶעכְוַויז זָארְגֶען פַאר דִי יוּדֶען אוּנ זֵיי בֶּעוָוארְנֶען זֵיי זָאלֶען אוֹיסְוַואקְסֶען נוּצְלִיכֶע מֶענְשֶׁען; צוּם סוֹף הָאבֶּען דִי יוּדֶען אָנְגֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְד, אַז דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע גְזֵרָה אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָואלְט אֲפִילוּ לָאזֶען קָאסְטֶען גֶעלְד אַבִּי מֶען זָאל זֵיי בֶּעפְרַייהֶען פוּן דִי שׁוּלֶען. דֶעמָאלְט הָאט מֶענְדֶעלְסָזָאהן אַ קוּק גֶעטְהוּן, אַז עֶס אִיז קַיין תַּכְלִית נִיט אוּנ אַז מֶען מוּז דֶעם פָאלְק אֶפְנֶען דִי אוֹיגֶען, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אָנְצוּפַאלֶען אוֹיף דִי רַבָּנִים, וָואס ווִילֶען הַאלְטֶען דִי יוּדֶען אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ גוּטֶע פְרַיינְד, ר׳ נַפְתָּלִי הִירְץ ווַיזֶעל הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ סֵפֶר „דִבְרֵי שָׁלוֹם וֶאֱמֶת" אוּנ הָאט פֶערְשְׁטֶעהֶען גֶעגֶעבֶּען דֶעם עוֹלָם, אַז דִי דָאזִיגֶע, וָואס הַאלְטֶען זֵיי אָבּ פוּן בִּילְדוּנְג, טְהוּעֶן זֵיי אַ גְרוֹיסֶע רָעָה, ווַייל אַנְדֶערְשׁ וֶועלֶען זִיךְ דִי יוּדֶען קַיין מָאל נִיט קָאנֶען אוֹיפְהֵייבֶּען. דִי פְרוּמֶע רַבָּנִים הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי רְאָיוֹת, וָואס ר׳ נַפְתָּלִי הִירְץ ווִיזֶעל הָאט גֶעבְּרַאכְט פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעווִיזֶען, אַז אֲפִילוּ דִי גְמָרָא קָאן נִיט לַיידֶען קַיין תַּלְמִיד חָכָם וָואס אִיז פְרֶעמְד פוּן ווִיסֶענְשַׁאפְט. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אֵיינְס, אוּנ קוֹקֶענְדִיג אוֹיף זֵיי, הָאט דָאס בְּלִינְדֶע פָאלְק נִיט גֶעוָואלְט פוּן קַיין זַאךְ הֶערֶען אוּנ הָאט גֶעבְּרֶענְט אַלֶע סְפָרִים פוּן מֶענְדֶעלְסָזָאהן אוּנ זַיינֶע לַייט. ווֶער ווַייסְט צוּ

עס וואלט געקאנט קומען, ווען די רבנים פיהלען ביי זיך אביסעל מעהר תקיפות אונ האבען קיין מורא ניט פאר דער מלוכה. ביטער איז אודאי גע־וועהן מענדעלסזאהן צוצוזעהען ווי יודען אליין שטופען פון זיך אוועק זייער גליק, אונ אקליינער טרייסט איז פאר איהם וועניגסטענס געוועהן דאס, וואס די יודישע קהלות פון וועניג, פעררארא אונ טריעסט האבען זיך גענומען מאכען שולען אונ האבען זיך צו איהם געווענדט מיט א בקשה, ער זאל זיי פערזארגען מיט שול־ביכער. דער געדאנק, אז זיין ארבייט איז פארט ניט געוועהן אומזיסט האט איהם דערקוויקט אונ זיס געמאכט זיינע לעצטע לעבענס־טאג.

אים יאהר 1786 איז מענדעלסזאהן געשטארבען, אונ די געלעהרטע וועלט, סאי יודען, סאי קריסטען, האט שטארק דערפיהלט די גרויסע אבדה. גאנצע הונדערט יאהר האבען בעדארפט אוועקגעהען ביז מען האט זיך אויסגעלערנט שאטצען זיין ווערטה: אז זיינע עדלע קריסטליכע חברים האבען געוואלט באלד נאך זיין טויט שטעלען זיין בילד פון א שטיין אויף דעם בערלינער אפערן־פלאץ, האט מען עס ניט דערלאזט, אונ ערשט אים יאהר 1887 האט מען איהם אין זיין געבורטס־שטאדט דעסויא געשטעלט א מאנומענט, אונ גאנץ דייטש־לאנד האט זיך דערמיט משמח געוועהן. נאר די דאזיגע מצבה איז געוויס א נאר ניט געגען דעם זכרון וואס מענדעלסזאהן האט איבערגעלאזט ביי זיין פאלק, אונ זיין נאהמען וועט בלייבען עביג, כל זמן תורה אונ חכמה וועלען נאך גילטען פאר דעם יודען ווי כבוד אונ גדולה.

צווישען די יודישע לומדים אונ געלעהרטע, וואס האבען אומגערינגעלט ר' משה מענדעלסזאהן אונ איהם מיטגעהאלפען, יעדער נאך זיינע קרעפטע, צו פערשפרייטען ליכטיגקייט אין יודישען פאלק, מוז מען קודם כל דערמאנען ר' ישראל זאמושטש, וואס איז געוועהן מענדעלסזאהן'ס רבי אונ האט איהם דער ערשטער געוויזען א וועג צו וויסענשאפט. ר' ישראל זאמושטש האט געהייסען נאך דער שטאדט זאמושטש, וואו ער איז אים יאהר 1700 גע־בארען געווארען. זיין יוגענד איז וועניג בעקאנט, נאר דאס ווייסט מען, אז פון קליינערהייד אן האט ער זיך געדעכענט צווישען די מופלגים אונ וואלט געוויס ערגיץ געווארען רב, ווען דער חשק זיך צו בעשעפטיגען מיט וויסענשאפטען טרייבט איהם ניט אוועק פונ'ם רבנות אונ הייסט איהם ניט אנהייבען ארומ־וואנדערן אויף דער וועלט. ער איז אויך געצוואונגען געוועהן אוועקצופאהרען פון דער היים, ווייל חאטש ער האט נאר געקוקט אין יודישע חקירה־ספרים

אונ האט קיין פרעמדע לשונות ניט געקאנט, האבען פון דעסטוועגען די פרוסע אנגעשמעקט, אז ער געהמט זיך עפיס אויף א נייעם דרך אונ זיי האבען איהם אנגעהייבען אזוי שטארק רודף'ן, אז ער האט זיך געמוזט זוכען איין אנדער היים. ער האט זיך אוועקגעלאזט קיין דייטשלאנד, נאר אזוי ווי דארט איז ניט געוועהן בעסער ווי אין פולין, פון מלמדות האט ער געקאנט האבען נאר ווענינ פרנסה אונ האט זיך נאך בעדארפט היטען פאר די פרוסע, האט ער זיך אבגעמוטשעט צוואנצינ יאהר אונ האט זיך קוים דאס טרוקענע שטיקעל ברויט פערדיענט. ערשט אים יאהר 1741 איז איהם געראטהען אבצודרוקען אין פראנקפורט אן דער אדער זיין ספר „נצח ישראל", וואס האט איהם געמאכט א גרויסען נאהמען אויף דער וועלט. מיט דעם דאזיגען ספר האט ער געמאכט איין התחלה צו לערנען יודען וויסענשאפטען, נאר אזוי ווי גלאט אזוי רעדען וועגען חכמה האט ער מורא געהאט טאמער וועט קיינער נאר ניט וועלען נעהמען זיין ספר אין די האנד אריין, האט ער איינגעוויקעלט זיין הויפט-כוונה אין יודיש לומדות, אונ עס האט געהייסען, אז ער וויל נאר פארענטפערן אונ ערקלעהרען די דאזיגע ערטער אין דער גמרא, וואס האבען א שייכות צו געאמעטריע אונ אסטראנאמיע. דעמאלט איז מען פון איהם געוואהר געווארען אין בערלין, אונ איינער פון די בערלינער נבירים, ר' דניאל איטציג האט איהם אהין ארויסגענומען אונ האט איהם ביי זיך געהאלטען כמעט ביז זיין טויט. אין בערלין איז איהם שוין בעסער געוועהן, בעזאנדערס אז זיין תלמיד ר' משה מענדעלסזאהן איז געווארען אזוי גרויס, אונ ער האט איהם צוגעפיהרט מיט קריסטליכע געלעהרטע. נאר פון דעסטוועגען האבען איהם די צרות, וועלכע ער האט ביז אהער איבערגעטראגען, מיעד אונ אלט געמאכט אונ ער איז ניט אים שטאנד געוועהן ווייטער צו דרוקען זיינע ספרים, חאטש ער האט ניט אויפגעהערט צו שרייבען אונ האט זיך אפילו בעשעפטינט מיט ערפינדונגען. ווי עס ווייזט אויס, האט עס איהם געצויגען א היים קיין פולין, אונ אויף דער עלטער האט ער זיך בעזעצט אין בראדי, וואו ער איז געשטארבען אים יאהר 1778. ביים ארומפאהרען זענען ביי איהם פיעל כתבים פערפאלען געווארען אונ עס האט איהם בעזאנדערס באנג געטהון, וואס ער האט פערלארען א גרויס ספר וועגען אסטראנאמיע „ארבות השמים", וואס ער האט דארויף געארבייט אסך יאהרען. ערשט שפעטער מיט פינף אונ צוואנצינ יאהר האט מען אבגעדרוקט זיין ספר „אוצר נחמד" – א פירוש אויפ'ן „כוזרי", אונ נאך א פירוש פון איהם אויף ר' יהודה אבן תבון'ס ספר

„רוח חן". ניט לאנג, א יאהר צעהן צוריק, האט מען אין בערלין געפונען
א זונן־זייגער, וואס ר' ישראל זאמושטשץ האט איהם אליין געמאכט און וואס מען
רעכענט איהם פאר זיין אייגענע ערפינדונג.

נאך ביטערער איז געוועהן דער גורל פון ר' שלמה מיימון, וואס האט
אויך געלעבט אין בערלין אין מענדעלסזאהן'ס צייטען און וואס מען קאן זאגען,
אז ער איז כמעט בעשאפען געווארען ער זאל דאס גאנצע לעבען ליידען דחקות
און ניט האבען אפילו איין גוטע שעה. ר' שלמה מיימון איז געבארען געווארען
אין נעשוויז, א קליין שטאדטעל אין ליטא, ביי ארעמע עלטערן און אז ער
איז נאך געוועהן א קליין קינד האט ער שוין געשם'ט פאר א עלוי און מען
האט געזעהען אז ער וואקסט א גרויסער למדן. עלף יאהר איז ער אלט גע-
וועהן ווען מען האט איהם חתונה געמאכט, און צוויי מחותנים האבען זיך
געשלאגען איבער איהם, יעדער האט געוואלט חאפען די מציאה און מען האט
דעם פאטער צוגעצאהלט פאר איהם א מתנה יפה. דער קליינער שלמה האט
זיך נים געוואלט בעגנוגען נאר מיט גמרא־לערנען, און אזוי ווי אין יענע
יאהרען האבען זיך אין ליטא אנגעהויבען ארויסווייזען חסידים, האט ער זיך
צו זיי צוגעלאזט און האט ביי זיי גענאשט פיעל זאכען פון קבלה. זיין שארפער
מח האט נאר בעדארפט האבען מען זאל איהם ווייזען עפיס א שיין פון חכמה,
און ער האט שוין ניט געקאנט איינרוהען. ער האט זיך געחאפט צום „מורה
נבוכים" ביסלעכווייז האט ער איבערגעקוקט אללע יודישע חקירה־ספרים, ביז
ער איז געקומען צום שכל, אז ער מוז האבען ביכער אין פרעמדע לשונות. דא
האט ער אבער געמוזט בלייבען שטעהען איבער צוויי סבות: ערשטענס, וואו
האט ער געקאנט בעקומען די נאטהיגע ביכער אין דעם קליינעם שטאדטעל,
וואו ער האט זיך געפונען און וואו ער אליין איז טאקי געוועהן דער איינציגער
חכם; און צווייטענס, וואס וואלט ער מיט זיי געטהון ווען ער האט זיי שוין
אפילו, אז ער קאן קיין אות ניט לעזען; דא איז ער אבער געוואהר געווארען
אז אין סלוצק איז דא א רב, וואס איז אמאל אין דער יוגענד געוועהן אין
דייטשלאנד, און מען זאגט אז ער האט מיט זיך מיט געבראכט דייטשע ביכער.
מיימון האט ניט לאנג געטראכט, און חאטש עס איז געוועהן ווינטער, האט
ער ניט געקוקט אויפ'ן שנעע מיט'ן פראסט און איז צו פוס אוועקגעגאנגען
קיין סלוצק, א מרחק פון היבשע עטליכע מייל, בעטען ביים רב ביכער. דער
רב איז נאר נבהל ומשתומם געווארען אז ער האט דערזעהען פאר זיך א יונגען
מאן, וואס צו ליעב לערנען שלעפט ער זיך אין דער קאלט אזוי ווייט, נאר

אז ער האט זיך מיט איהם א ביסעל צורעדט האט ער פערשטאנען, אז פון
איהם קאן אויסוואקסען א רעכטע כלי אונ ער האט איהם באלד אוועקגעגעבען
אללע ביכער, וואס האבען זיך שוין ביי איהם דרייסיג יאהר געוואלגערט אויפ'ן
בוידעם. מיט שמחה איז מימון אהיים געקומען, אונ חאטש עס איז איהם זעהר
שווער אנגעקומען, ווייל ער האט זיך פריהר גענוג אנגעמוטשעט ביז ער האט
זיך אויסגעלערנט פשוט לעזען, אונ דערנאך האט ער זיך ערשט בעדארפט
בעהאלטען מען זאל איהם חאפען מיט א טרף-פסול. פון דעסטוועגען האט ער
געשמאק געלערנט אונ די ביכער האבען איהם די אויגען געעפענט. אוודאי
האט ער שוין ניט געקאנט בלייבען מעהר ביי דער שווינער אויף קעסט אונ
עס האט איהם אנגעהויבען ציהען קיין דייטשלאנד, וואו ער האט געהאפט
זיך צו עפיס צוצושלאגען. מיט גרויס מיה האט ער געפועלט ביי א סוחר ער
זאל איהם מיט נעהמען קיין קאניגסבערג; דארט האט ער גערעכענט, אז ער
דארף נאר ארויסגעהען אויף דער גאס אונ שרייען אז ער איז א חכם, וועט
מען איהם אויפחאפען ווי א אבן טוב. ווי ערשטוינט איז ער אבער געווארען
אז מען האט איהם אריינגעפיהרט אין קאניגסבערג צו א יודישען דאקטאר, אונ
אז ער האט געזאגט אז ער וויל לערנען מעדיצין, האט מען פון איהם געמאכט
דאס גרעסטע געלעכטער: די אבגעריסענע קליידער פון איין זייט אונ דאס
פערדארבענע ליטוויש רעדען פון דער אנדערער זייט, האבען אויף אללע געמאכט
אזא איינדרוק אז מען האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען פון לאכען. אויפ'ן
טיש איז אבער געלעגען גראד מענדעלסזאהן'ס ספר „פעדאן" אונ מימון האט
דערווייל א ביסעל אריינגעקוקט. דער דאקטאר איז א בעלן געוועהן איהם צו
פרעגען אויב ער פערשטעהט עפיס, אונ איז מיט איהם צו ליעב דעם איינ-
געגאנגען אין א טיעפען שמועס. מימון האט מן הסתם ארויסגעוויזען זיין שארפען
שכל אונ דער דאקטאר האט איהם געראטהען ער זאל גאר ניט מאכען קיין
לאנגע שיהות אונ זאל שוין אוועקפאהרען קיין בערלין, ווייל נאר מענדעלסזאהן
מיט זיינע לייט וועלען זיין מבינים אויף אזא יונגען מאנן אונ וועלען איהם
העלפען צו דערגרייכען זיין ציעל. איין אנדערער וואלט זיך אפילו בערעכענט,
אז עס איז גאר קיין מעגליכקייט ניט ער זאל קאנען זיך מיט לעדיגע האנד
צושלאגען קיין בערלין, נאר מימון האט גאר ניט געוואלט טראכטען, קוים
האט מען איהם אנגעוויזען א וועג אונ ער האט פערשטאנען, אז דארטען ארום
קאן ער קומען צו א תכלית, איז פאר איהם קיין זאך ניט שווער געוועהן אונ

עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אוֹיף גָאטט'ס בֶּערָאטְה. אִין זַיין „לֶעבֶּענְס בֶּעשְׁרַייבּוּנְג" וָואס עֶר הָאט אוֹיף דֶער אֶלְטֶער אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען, דֶערְצֶעהלְט עֶר וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעלִיטֶען דִי גַאנְצֶע צַייט בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין בֶּערְלִין, אוּנ דִי הָאר שְׁטֶעלֶען זִיךְ קַאפּוֹיר. עֶר אִיז מֶעהר צוּ פוּס גֶעגַאנְגֶען וִוי גֶעפָאהְרֶען, דֶעם טָאג פְלֶעגְט עֶר אָבְּקוּמֶען מִיט אַ דַאר שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, וָועכִים חֳדָשִׁים כְּסֵדֶר אִיז עֶר צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אֵיין אָרֶעם-מַאנְן אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעוֶועהן אַ מְלַמֵד, אַ מְקַבֵּל, אוּנ פוּן דִי אַלֶע נוּטֶע פַּרְנָסוֹת אִיז עֶר צֶעהן מָאל אִין טָאג גֶעשְׁטָארְבֶּען פַאר הוּנְגֶער. אַז גָאטט הָאט אִיהם שוֹין גֶעהָאלְפֶען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁלָאגֶען קֵיין בֶּערְלִין, אִיז אִיהם שוֹין גֶעוֶועהן גוּט: מֶענְדֶעלְסָזָאהן הָאט אִיהם שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶועהן אוּנ עֶר הָאט גֶעקָאנְט זִיצֶען אוּנ לֶערְנֶען אוּנ נִיט וִויסֶען פוּן קֵיין נוֹיטְה. לַאנְג הָאט דָאס אָבֶּער נִיט גֶעקָאנְט דוֹיעֶרְן, עֶס אִיז אִיהם נִמְאַס גֶעוָוארֶען זִיךְ אַזוֹי אַרוּמְצוּשְׁלֶעפֶּען, אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל זִיךְ גֶעהמֶען עֶפִּיס צוּ אַ פַאךְ. עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ גֶעדֶענְקְט צוּ לֶערְנֶען מֶעדִיצִין אוּנ דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַוֶועקְצוּפָאהְרֶען עֶרְגִיץ אִין אַ קְלֶעגֶערֶער שְׁטָאדְט, וואוּ עֶר זָאל קָאנֶען רוּהִיג לֶערְנֶען. דֶער מַאנְגֶעל הָאט אִיהם אָבֶּער וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרַייבֶּען פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערְן, עֶר הָאט זִיךְ אַ צַייט אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען אִין הַאמְבּוּרְג, פוּן דָארְט אִיז עֶר אַרִיבֶּער קֵיין הָאלַאנְד, צְוֵויי יָאהר הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִין אַ גִימְנַאזְיוּם אִין אַלְטוֹנָא, אַ פָּאר מָאל אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קֵיין בֶּערְלִין, אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֶעהט אָהן אַ פֶעסְטֶען מַעֲמָד, בִּיז עֶר אִיז נִיט גֶעקוּמֶען קֵיין בְּרֶעסְלוֹיא אוּנ אִיז נִיט גֶעוָוארֶען אַ לֶעהְרֶער בַּיים בֶּערִיהמְטֶען דִיכְטֶער אֶפְרַיִם קוּה, וֶועלְכֶער הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען שוֹין בִּיז צוּם לֶעצְטֶען טָאג פוּן זַיי אוּמְגְלִיקְלִיךְ אוּנְרוּהִיג לֶעבֶּען. גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז עֶר אִים יָאהר 1800; עֶר אִיז אִין גַאנְצֶען אַלְט גֶעוֶועהן 47 יָאהר, אוּנ פוּן אִיהם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן „מוֹרֶה נְבוּכִים" אוּנ צְוֵויי סְפָרִים וֶועגֶען מַאטְהֶעמַאטִיק אוּנ אַנְדֶערֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען „תַּעֲלוּמוֹת חָכְמָה" אוּנ „חֵשֶׁק שְׁלֹמֹה". חָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט זֶעהר אָרֶעם אוּנ אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט, קֵיין כָּבוֹד הָאט עֶר גֶעווּיס נִיט גֶעזוּכְט, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז זַיין נָאהמֶען גֶעוֶועהן בֶּעקַאנְט, אוּנ דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע דַייטְשֶׁע דִיכְטֶער שִׁילֶער אוּנ גֶאטְהֶע הָאבֶּען פוּן אִיהם גֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָואלְט מִיט אִיהם פֶּערְזֶענְלִיךְ בֶּעקֶענֶען.

נִיט וֶוענִיגֶער שְׁלִים-מַזָל'דִיגֶע בְּרִיאָה אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק, אֵיינֶער פוּן דִי פּוֹילִישֶׁע לוֹמְדִים, וָואס הָאבֶּען פַאר זַייעֶר פְרַיי דֶענְקֶע

נֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען פוּן דֶער הַיים אוּנ זוּכֶען זִיךְ אַ מָקוֹם מְנוּחָה אִין דֶער פְרֶעמְד. ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין לוּבְּלִין, אוּנ צוּזַאמֶען מִיט'ן תַּלְמוּד הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעשֶׁעפְטִינֶען מִיט פִילָאזָאפְיֶע אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען פִיעל חִבּוּרִים אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ. דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען אָבֶּער גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג אוֹיף אִיהם אוּנ, ווִי דֶער שְׁטֵיינֶער אִיז, הָאבֶּען זַיי זִיךְ גֶענוּמֶען אִיהם רוֹדֵף'ן עֶר זָאל נִיט זַיין צוּ קְלוּג. עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֶעהט אִין עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעדְט פוּן פּוֹלִין אוּנ לִיטָא, נָאר מֶען הָאט אִיהם אוּמֶעדוּם אָנְגֶעטְהוּן אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אַז סוֹף כָּל סוֹף אִיז עֶר גֶעצְווּאוּנְגֶען גֶעוֶועהן זִיךְ אַוֶועקְצוּלָאזֶען קַיין דַייטְשְׁלַאנְד. דֶעמָאלְט הָאט שׁוֹין מֶענְדֶעלְסָזָאהְן'ס נָאהמֶען גֶעקְלוּנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּנ אַזוֹי ווִי ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק הָאט זִיךְ אִין דִי דַייטְשֶׁע שְׁטֶעדְט אוֹיךְ אָנְגֶעלִיטֶען גֶענוּג פוּן דִי רַבָּנִים, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מִצְוָה זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אַ „אַפִּיקוֹרוֹס", חָאטְשׁ מֶען הָאט פוּן אִיהם קַיין שְׁלֶעכְטֶס נִיט גֶעזֶעהֶען, אוּנ זַיין אֵיינְצִיגֶער חֵטְא אִיז נָאר בֶּעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם, וָואס עֶר הָאט לִיעבּ גֶעהַאט צוּ פִיעל אַרוֹיסְזָאגֶען דֶעם אֶמֶת, אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל זִיךְ צוּשְׁלָאגֶען קַיין בֶּערְלִין אוּנ זוּכֶען שׁוּטְץ בַּיים בֶּערִיהמְטֶען יוּדִישֶׁען פִילָאזָאף. דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל, אַז עֶר הָאט דֶערְזֶעהֶען מֶענְדֶעלְסָזָאהְן אִין דֶער פְרִיה אַרוֹיסְגֶעהֶען פוּנ'ם בֵּית הַמִּדְרָשׁ נָאךְ דֶעם דַאוֶונֶען, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַזוֹי בָּטֵל גֶעוָוארֶען, אַז עֶר הָאט נִיט גֶעוַואגְט צוּצוּגֶעהֶען צוּ אִיהם. מֶענְדֶעלְסָזָאהְן ווִידֶער הָאט אִיהם, וֶועדְלִיג זַיין הַלְבָּשָׁה אִיז גֶעוֶועהן, אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַיין אָרֶעם-מַאנְן, אוּנ הָאט אִיהם גֶעוָואלְט גֶעבֶּען אַ נְדָבָה, נָאר עֶר הָאט זִיךְ אָבְּ-גֶעזָאגְט. נָאךְ דֶעם אֵיינֶעם טָאג הָאט זִיךְ ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק גֶעמַאכְט מֶעהר קוּרַאזְשׁ אוּנ, אַז מֶענְדֶעלְסָזָאהְן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִנְחָה אִיז עֶר גְלַייךְ צוּ אִיהם צוּגֶעגַאנְגֶען. מֶענְדֶעלְסָזָאהְן הָאט אִיהם פֶערְווּאוּנְדֶערְט גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר ווִיל פוּן אִיהם, אַז קַיין נְדָבָה נֶעהמְט עֶר נִיט? דַארוֹיף הָאט אִיהם ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק גֶעזָאגְט גַאנְץ קוּרְץ, אַז עֶר ווִיל בַּיי אִיהם לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּנ עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט הָאט אִיהם מֶענְדֶעלְסָזָאהְן פֶערְבֶּעטֶען צוּ זִיךְ ווִי אַיין אוֹרֵחַ. וָואס מֶעהר מֶענְדֶעלְסָזָאהְן אִיז מִיט אִיהם בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען, גְרֶעסֶער אִיז זַיין לִיעבֶּע גֶעוֶועהן צוּ אִיהם, אוּנ חָאטְשׁ ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק הָאט בַּאלְד בֶּעקוּמֶען שׂוֹנְאִים אוֹיךְ אִין בֶּערְלִין אוּנ מֶען הָאט פוּן אַלֶלֶע זַייטֶען גֶעגֶעבֶּען אָן צוּ הָארֶען מֶענְדֶעלְסָזָאהְן, אַז עֶר טְהוּט נִיט גְלַייךְ וָואס עֶר אִיז מְקָרֵב אַזַא מֶענְשֶׁען, הָאט עֶר אִיהם גֶעשְׁטִיצְט ווִי ווַייט נָאר זַיינֶע כּוֹחוֹת הָאבֶּען גֶעטְרָאגֶען. עֶס אִיז

געקומען אזוי ווייט אז אפילו ר' יעקב עמדן – וואס האט געטראגען א האס אין הארצען אויף ר' אברהם אבא גלוסק, וועלכען ער האט אראבגעווארפען פון אללע טרעפ דערפאר וואס ער האט איהם ניט אבגעגעבען אזא כבוד, ווען ער איז געוועהן ביי איהם אין אלטונא – האט געשיקט מענדעלסזאהן א בריעף אונ האט איהם געמאכט א פארוואורף פאר וואס ער האלט ביי זיך אזא „באזען הונד". נאר מענדעלסזאהן האט זיך ניט געוואלט אומקוקען אויף אזעלכע זאכען, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז ווי באלד ער וועט צונעהמען פון איהם די האנד וועט ער ניט האבען מיט וואס א טאג איבערצוקומען. ר' אברהם אבא גלוסק האט געזעהען אז ער איז ארומגערינגעלט מיט שונאים אונ אויסער מענדעלסזאהן האט ער ניט צווישען יודען אפילו איינעם וואס זאל זיך וועלען פאר איהם אננעהמען; ער האט זיך אבער שוין ניט געקאנט איבערמאכען אונ פלעגט, ווי עס שיינט, אפען רעדען אזעלכע דבורים, וואס האבען ניט גע-שמעקט א סך מיוחסים. די פארשטעהער פון דער בערלינער קהלה האבען א קוק געטהון אז מען קאן איהם אזוי ניט ביינען, האבען זיי זיך מישב גע-וועהן, אז עס איז א מצוה איהם אנצולערנען אויף איין אנדער אופן. דעמאלט איז נאך געוועהן א געזעץ, אז אין בערלין האבען געמאגט זיצען נאר עטליכע געצאהלטע יודישע איינוואהנער, וואס מען האט זיי גערופען „שוטץ-יודען", אונ די איבריגע האבען זיך גערעכענט פאר פרעמדע אונ האבען געקאנט האבען ראס רעכט צו בלייבען אין בערלין נאר אין דער צייט, וואס זיי האבען געדיענט ביי א שוטץ-יודען. מיט דעם געזעץ האבען זיך בענוצט די ראשי הקהלה. אין איין שאנעם פריה מארגען איז מען מיט פאליציע צוגעפאהרען צום ארעמען שטיבעלע, וואו ר' אברהם אבא גלוסק האט געוואהנט, אונ מען האט זיך איהם געהייסען נאר אהן טענות אויפזעצען אונ ארויספאהרען פון בערלין. מיט גרוים מיה האט ער קוים געפועלט מען זאל איהם לאזען זיך געזעגענען מיט מענדעלסזאהן אונ דערמיט האט ער זיך געראטעוועט. אז מענדעלסזאהן האט איהם דערזעהען אין אזא שרעקליכער לאגע, איז ער באלד אוועקגעלאפען צו איינעם פון זיינע גוטע פריינד אונ האט געבראכט פון איהם א צעטעל, אז ער האט געדונגען ר' אברהם אבא גלוסק פאר א מלמד צו זיינע קינדער אונ דער-מיט האט ער שוין ווייטער געמאגט בלייבען אין בערלין. די פארשטעהער האבען זיך אבער נאך ניט געקיהלט אונ אז עס איז זיי ניט געראטהען איהם ארויסצושיקען פון דער שטאדט, האבען זיי אויפ'ן אנדערן טאג אנגעגעבען אויף איהם ער זאל בעצאהלען דעם היזק, ווייל זיי האבען אומזיסטען געדונגען

אַ וָואגֶען אוּנ אַ פֶערד, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען אִיהם מְשַׁלֵחַ זַיין. ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק הָאט זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל, וָואס הָאט זֵיי נָאךְ מֶעהר נִיט גֶעמוּזְט שְׁמֶעקֶען. עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֶעהלְט: ווִי אִין לֶעמְבֶּערְג פְּלֶעגֶען אַפְּט דִי קְרִיסְטְלִיכֶע נָאס־יוּנְגַאטְשֶׁעס פֶערְוַוארְפֶען דִי יוּדֶען מִיט שְׁטֵיינֶער אוּנ קֵיינֶער הָאט זֵיי קֵיין וָוארְט נִיט גֶעזָאגְט; אַ מָאל הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט, וָואס אַ שְׁטֵיין אִיז גֶעפְלוֹיגֶען אוֹיף אַ יוּדֶענְס קָאפּ נָאר עֶר הָאט זִיךְ פֶערְבְּלָאנְזֶעט אוּנ הָאט גֶעטְרָאפֶען צוּ אַ קְרִיסְט אִין אַ פֶענְסְטֶער אוּנ הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעשְׁלָאגֶען אַ שׁוֹיבּ. דֶער קְרִיסְט'הָאט זִיךְ גֶעקְלָאגְט אוּנ דֶער שׁוֹפֵט הָאט גֶעפוּנֶען, אַז דֶער יוּד דַארְף בֶּעצָאהלֶען דֶעם קְרִיסְט פַאר דֶער שׁוֹיבּ, וַוייל דֶער שְׁטֵיין אִיז דָאךְ גָאר צוּ לִיעבּ אִיהם גֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען אוּנ וֶוען עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעדְרֶעהט דֶעם קָאפּ אִיז דֶער שְׁטֵיין הָאט אִיהם נִיט גֶעטְרָאפֶען אִיז דָאךְ יֶענֶער נִיט שׁוּלְדִיג". דִי פַארְשְׁטֶעהֶער הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט; זֵיי הָאבֶּען זִיךְ פָּארְט גֶעשֶׁאמְט אֶפֶענְטְלִיךְ אַרוֹיסְצוּוַוייזֶען אַזאַ יֹשֶׁר ווִי „דֶער לֶעמְבֶּערְגֶער שׁוֹפֵט" אוּנ הָאבֶּען אִיהם צוּ רוּה גֶעלָאזְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז אִיהם נִמְאָס גֶעוָוארֶען צוּ וָואהנֶען שְׁטָאנְדִיג צְווִישֶׁען שׂוֹנְאִים אוּנ עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען זוּכֶען דָאס גְלִיק עֶרְגִיץ אַנְדֶערְשׁ. עֶטְלִיכֶע יָאהר כְּסֵדֶר אִיז עֶר אַרוּמְגֶעפָאהרֶען אִיבֶּער דֵייטְשְׁלַאנְד, פְרַאנְקְרֵייךְ אוּנ עֶנְגְלַאנְד, נָאר אוּמֶעדוּם אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען דֶער אֵיינֶענֶער קַבְּצָן, אוּנ אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קֵיין בֶּערְלִין כִּמְעַט אָהן אַ הֶעמְד אוֹיפְ'ן לַייבּ. עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט עֶלֶענְד, קְרַאנְק אוּנ נִידֶערְגֶעשְׁלָאגֶען, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אִיהם פֶערְגְלוּסְט פַאר'ן טוֹיט אָנְצוּקוּקֶען נָאךְ אַ מָאל פּוֹילִין. אַ צוּבְּרָאכֶענֶער הָאט עֶר זִיךְ פֶערְשְׁלֶעפְּט צוּרִיק צוּ דֶער אַלְטֶער הֵיים אוּנ דָארְט הָאט עֶר שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעדוֹיעֶרְט: דֶער טוֹיט הָאט אִיהם גִיךְ בֶּעפְרֵייהט פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּנ מֶען ווֵייסְט אֲפִילוּ נִיט וואוּ עֶר אִיז צוּ קֶבֶר יִשְׂרָאֵל גֶעקוּמֶען. עֶס אִיז פוּן אִיהם גָאר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען, וַוייל נָאךְ אִין דֶער יוּגֶענְד הָאט מֶען אִין ווִילְנָא זַיינֶע דְרֵייצֶעהן סְפָרִים פֶערְבְּרֶענְט, אוּנ נָאר דֶער בֶּערִיהמְטֶער דֵייטְשֶׁער דִיכְטֶער שַׁאמִיסָא הָאט גֶעלָאזְט אַ טְרֶער אוֹיף זַיין אוּנְבֶּעקַאנְטֶען קֶבֶר אוּנ הָאט אִין אַ בֶּעזוּנְדֶער שִׁיר בֶּעשְׁרִיבֶּען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה, וָואס ר' אַבְרָהָם אַבָּא גְלוּסְק הָאט גֶעמוּזְט פִירֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער פַאר'ן אֱמֶת.

אַ בִּיסֶעל גְלִיקְלִיכֶער פוּן אִיהם אִיז גֶעוֶועהן אֵיין אַנְדֶער פּוֹילִישֶׁער לַמְדָן, ר' מֶענְדִיל לֶעפִּין, וָואס הָאט אוֹיךְ פֶערְבְּרַאכְט עֶטְלִיכֶע יָאהר אִין בֶּערְלִין בֵּיי מֶענְדֶעלְסָזָאהן אוּנ אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוֶועהן אֵיינֶער פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע, וֶועלְכֶע

האבען געארבייט פאר דער בילדונג פון די רוסישע יודען. ר' מענדיל לעפין איז געבארען געווארען אים יאהר 1741 אין סאטאנוב ביי ניט קיין געמיינע עלטערן, אונ אזוי ווי זיי האבען קיין גראסערע השגה גאר ניט געהאט ווי נאר צו מאכען פון זייער קינד א רב, האט מען מיט איהם געלערנט תורה ווי ווייט מען האט נאר געקאנט. דאס זיצען גאנצע נאכט אין בית המדרש איבער דער גמרא האט איהם געשאדט צו דער ראיה אונ ער האט זיך געמוזט אנהייבען היילען די קראנקע אויגען. ר' מענדיל לעפין האט שוין אבער דערווייל שטילערהייד פערזוכט פונ'ם עץ הדעת: ער האט ערגיץ בעקומען דעם ספר "אלים" פון ר' יוסף שלמה דיל מדיגו אונ דער ספר אלליין איז גענוג געוועהן צו דערוועקען אין איהם א גרויסען חשק צו לערנען וויסענשאפטען. אוודאי האט ער זיך וועהר דערפרייהט, אז די דאקטוירים פון זיין שטאדטעל האבען געראטהען די עלטערן זיי זאלען איהם אוועקשיקען קיין בערלין צו א גוטען אויגען-דאקטאר, ווייל ער האט שוין פון דער ווייטענס געהערט אז דארט געפינט זיך ר' משה מענדעלזאהן אונ האט געהאפט, אז פאר איהם וועט זיך עפנען א נייער קוואל פון תורה אונ חכמה. ר' מענדיל לעפין האט אויך ניט קיין טעות געהאט: מענדעלזאהן האט איהם אויפגענומען מיט ליעבשאפט ווי א איינען קינד, אין א קורצער צייט איז ער געווארען א משולם, ער האט געלערנט פערשיעדענע לשונות אונ איז אים שטאנד געוועהן צו פערנעהמען א כבוד'ן פלאץ צווישען די קריסטליכע געלעהרטע, וואס האבען ארומגערינגעלט מענדעלזאהן. — די אויגען זיינע זענען געזונד געווארען, אונ עס איז איהם אויך ליכטיג געווארען. אז ער האט זיך געלאזט פאהרען פון בערלין א היים, האט ער זיך אבגעשטעלט אין בראדי; דארט האט ער געפונען ר' נחמן קראכמאל אונ ר' יוסף פעריל, וואס זענען נאך דעמאלט געוועהן יונגע לייט. ער האט זיי געוויזען א וועג פון בילדונג אונ איהם האט מען צו פערדאנקען אלדינג וואס די צוויי גרויסע מענשען האבען געטהון פאר די יודען פון גאליציען. ביי דעם אללעמען איז ער מיט דער הלבשה אונ דער גאנצער הנהגה געבליבען דער אייגענער פראסטער פוילישער יוד, וואס ער איז פריהר געוועהן, ווייל ער האט ניט געוואלט איבערמאכען דאס מיט וואס ער איז פון קינדערווייז אן געוואהנט געוועהן, ער האט געזאגט אז דער עיקר איז דער מענש אלליין, ניט זיינע קליידער. שפעטער מיט עטליכע יאהר האט ער זיך בעזעצט מיט זיין משפחה אין פאדאליען אין א קליין שטאדטעל מיקאלאיעוו, וואס האט

געהערט צום פולישען פירסט אדאם טשארטאריזשסקי. דארט האט זיין ווייב געהאלטען אַ קלייטעל פון טאפ און האט מפרנס געוועהן דאס הויזגעזינד, און ער פלעגט זיך זיצען אין דער היים און לערנען. דער פירסט האט געוואהנט אין מעזיבוז, נאר אפט פלעגט ער אריינקומען קיין מיקאלאיעוו און האט ליעב געהאט ארומצוגעהען איבער דעם מארק און רעדען מיט די יודען. אמאל איז דער פירסט דורכגעגאנגען נעבען ר׳ מענדיל׳ס ווייב׳ס קלייטעל און האט עפּיס בעמערקט ווי עס וואלגערט זיך א דייטשעס בוך. ר׳ מענדיל פלעגט אָפט קומען העלפען דעם ווייב, ווען עס זענען געוועהן אסך קונים, און אזוי ווי ער האט פיינד געהאט לעדיג צו זיצען פלעגט ער מיט נעהמען מיט זיך ספרים ער זאל האבען אין וואס אריינצוקוקען. פריהר מיט א טאג איז ר׳ מענדיל גראד געוועהן אין קלייטעל און האט דארט פערגעסען א מאטהעמאטיש בוך, וואס האט זיך דעם פירסט געווארפען אין אויג. ער האט אנגעהויבען פרעגען ווי קומט אהין אזא בוך, און מען האט איהם דערצעהלט, אז אין שטאדטעל געפינט זיך א יוד, וואס בעשעפטיגט זיך גאנצע טאג מיט אזעלכע ספרים. דער פירסט איז נייגעריג געוועהן זיך צו בעקענען מיט דעם יודען. און אז ר׳ מענדיל לעפין איז צו איהם געקומען האט ער ביי איהם שטארק נושא חן געוועהן און עס האט איהם זעהר געפרעהט וואס ער זעהט פאר זיך א תלמיד פון׳ם בעריהמטען מענדעלסזאהן, פון וועלכען ער האט שוין געוואוסט. פון דעמאלט אן איז ר׳ מענדיל לעפין געווארען א בן בית ביים פירסט טשארטאריזשסקי; ער האט מיט איהם געלערנט מאטהעמאטיק און האט פון ווייניט-ווענען גענוצט איבערזעצען אויף פראנצאזיש קאנט׳ס פילאזאפיע. שפעטער האט איהם א גרויסער גביר ר׳ אברהם פרץ ארויסגענומען קיין פעטערסבורג פאר א לעהרער צו זיינע קינדער, און זיין מעמד איז געווארען גאר גוט, חאטש וואמלען געלד האט ער ניט געקאנט און יעדען איבריגען גראשען האט ער צוטהיילט ארעמע לייט. פון זיינע ספרים זענען בעקאנט: „אגרות חכמה״ וועגען נאטור-וויסענשאפטען, „רפואת העם״ וועגען מעדיצינישע מיטעל און באבסקי רפואות, „חשבון הנפש״ וועגען די מדות וואס יעדער מענש דארף זיך לערנען, און „אלון מורה״ א רייגע איבערזעצונג אויף לשון קודש פון׳ם „מורה נבוכים״. אויסער דעם האט ער געשריבען פראסט יודיש און האט זיך ענטשלאסען ארויסצוגעבען א נייע איבערזעצונג פון גאנץ תנ״ך; עס איז איהם אבער געראטהען נאר אבצודרוקען „משלי״ און האט דערמיט אויך אנגעמאכט א שטארקען בעש. דעמאלט האבען אללע געבילדעטע געוואלט אז

יודען זאלען רעדען ריין דייטש אונ זאלען פלוצלונג אוועקוואַרפען די פער־דארבענע יודישע שפראכע, נאר זיי האבען פערגעסען איין זאך, אז א גאנץ פאלק איז שווער איבערצומאכען אין איין טאג, אונ א מאל העלפען ניט הונדערטער יאהרען אונ מען קאן ניט פערניכטען א לשון וואס עטליכע מיליאנען מענשען בענוצען זיך מיט איהם. דערפאר האט זיך ר' מענדיל לעפין ניט געלאזט נארען; נאך אז ער איז געוועזען אין בערלין אונ האט געזעהען מיט וואס פאר א מיה עס איז אנגעקומען מענדעלסזאהן צו פערשפרייטען זיין דייטשע איבערזעצונג פון דער תורה צווישען די יודען. ער איז ביי זיך אויך ניט אראבגעפאלען ווען ר' טוביה פעדער האט געמאכט א געוואלד אונ איז אויף איהם אנגעפאלען אין א בעזונדער ספר „קול מחצצים", וואו ער האט פארגעשטעלט אז אין גן עדן זיצט א גאנצער בית דין אונ ר' משה מענדעלסזאהן אליין וויל איהם פערמשפט'ן פאר דער עולה וואס ער האט געטהון. ר' מענדיל לעפין האט זיך אויסגעלאכט דערפון, ער האט זיך רוהיג אבגעלעבט זיינע אכט אונ זיבציג יאהר אונ איז געוועזען זיכער, אז אויף יענער וועלט וועט ער זיין בעריהמטען רבי'ן ניט אנטהון קיין חרפות-בושות דערמיט וואס ער האט געוואלט, אז יעדער פראסטער יוד זאל אויך קאנען געוואהר ווערען פון נוצליכע אונ ליכטיגע געדאנקען.

מענדעלסזאהנ'ס תלמידים האבען זיך איבערהויפט פערשפרייט איבער גאנץ אייראפא אונ יעדער האט צוטראגען פון בערלין די פראהליכע בשורה צו זיך א היים, אז עס איז טאג געווארען אונ אז איצט איז שוין אין די יודען אליין געווענד זיי זאלען לחלוטין פערטרייבען דאס פינסטערניש אונ שניידען זיך מיט בילדונג א נייעם וועג צווישען די פעלקער. איינער פון מענדעלסזאהנ'ס פייערינסטע אנהאנגער איז געוועזען ר' דוד פרידלאנדער אין קאניגסבערג, אונ אז ער האט געהאט די זכיה איהם אהין אראבצובריינגען אויף עטליכע טאג אונ בעטראכטען דעם גרויסען כבוד וואס אללע קריסטליכע געלעהרט אונ פראפעסארען האבען איהם אבגעגעבען, דער בעריהמטער פילאזאף קאנט האט איהם געקושט פאר אללע אין די אויגען), איז ביי איהם געבליבען ער זאל זיין גאנץ פערמעגען אוועקגעבען אבי די דייטשע יודען זאלען זיך קאנען בילדען. דערפאר האט ער אונ אויך זיינע דריי זיהן ניט געזשאלעוועט קיין געלד אויף עפענען שולען, אונ די משפחה „פרידלאנדער" האט געשפיעלט די גראסטע ראללע. ביי איהם אין שטוב זענען אויסגעוואקסען צוויי גרויסע

לייט, ר' יצחק אייכעל אונ ר' מענדיל ברעסלוי; ער האט זיי פריהער געהאלטען פאר מלמדים צו זיינע קינדער אונ דערנאך האט ער זיי געגעבען מיטעל זיי זאלען אנהויבען דרוקען דעם העבראישען זשורנאל „מאסף" (דער פערזאמלער).

דער ערשטער „מאסף" איז נאך ארויס פאר מענדעלסזאהן'ס לעבען, ווייל דאס איז איינענטליך געוועהן זיין געדאנק אז מען זאל נוצליכע זאכען שרייבען אין העבראישען אונ די יודישע געלעהרטע זאלען האבען א מיטעל־פונקט, וואו אללע זייערע כוחות זאלען זיך קאנען ארויסווייזען. אויסער ר' נפתלי הירץ וויזעל, וואס האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיין „שירי תפארת" אונ איז געשטארבען אויפ'ן אכטציגסטען יאהר, האבען אין „מאסף" געארבייט ר' יואל לאווע, ר' אהרן וואלפסאהן, ר' יוסף הײלפערן, ר' יוסף פייט, ר' איציק סאטאנוב, ר' וואלף היידענהיים אונ אויך ר' יהודה ליב בן־זאב, וואס האט אנגעשריבען די בעסטע העבראישע גראמאטיק, „תלמוד לשון עברי". דער „מאסף" האט אויך געהאט אין פראנקרייך א מיטארבייטער — דאס איז געוועהן ר' משה ענסהיים, וואס האט זיינע יונגע יאהרען פערבראכט ביי מענדעלסזאהן אונ האט געלערנט מיט זיינע קינדער. ער איז געוועהן אזא בעריהמטער מאטהעמאטיקער, אז אפילו דער גרויסער אסטראנאם לאפלאס האט געהאלטען פון איהם אונ האט איהם שטאנדיג געלויבט.

נאך מענדעלסזאהן'ס טויט האבען אין בערלין זעהר פיעל געטהון פאר דער יודישער בילדונג זיינע צוויי תלמידים, ר' אליעזר בן־דוד, וואס מען האט איהם געוואלט מאכען פאר פראפעסאר ווען ער זאגט זיך אב פון יודישקייט, אונ מארקוס הערץ, וואס איז געווארען איינער פון די בעליעבסטע בערלינער דאקטוירים אונ וואס זיין הויז פלעגט צו זיך צוציהען די גרעסטע געלעהרטע קריסטען פון יענער צייט. בעזאנדערס האט געשפיעלט א גרויסע ראללע זיין פרוי הענריעטע הערץ, א טאכטער פון א שפאנישען יודישען דאקטאר ר' בנימין דע־לעמאס, ווייל זי איז געוועהן אי שאן, אי געלערנט אונ גאטט האט זי געבענשט מיט אללע מעלות וואס גיבען דעם מענשען חן ביי אללע אין די אויגען. צו הענריעטע הערץ פלעגען זיך צונויפקומען דיכטער, פילאזאפען, נאטורפארשער אונ אפילו דער גראף מיראבא, וואס האט אזוי פריינדליך בעהאנדעלט יודען, איז ביי איהר געוועהן א אפטער גאסט. נאך צוויי חברת'עס האט זי געהאט: דאס זענען געוועהן רחל לעווין אונ

דאראטהעא מענדעלסזאהן, ר' משה'ס טאכטער, אונ זייערע נוטע פריינד פלעגען ניט איין מאל זיך ברעכען דעם קאפ איבער דער שאלה: וועד פון די דריי פרויען איז שאנער אונ קלינער. אין יענע יאהרען איז די גע־צאהלטע יודען פון בערלין געוועהן זעהר גוט, די גראסטע קאנטארען די בעסטע פאבריקען האבען זיך געפונען ביי זיי אין די האנד, אונ אזוי ווי זיי האבען געזוכט מעהר התקרבות צו דער געלעהרטער וועלט אונ ניט צו די עדעללייט אונ מיוחסים האט דאס געבראכט דערצו וואס זיי אליין האבען פיעל געארבייט, אז אויך זייערע ארעמע ברידער יודען זאללען געבילדעט זיין. אונ מען קאנן זאגען, אז זיי האבען פאר יענער צייט פאר דעו בילדונג צווישען יודען פיעל געטהון.

אז א מענשען איז גוט אויפ'ן הארץ, וויל ער אז עס זאל ניט זיין אפילו קיין זכר פון אזעלכע געזעצע, וואס וואלטען איהם געקאנט שטערען, אונ ער קאן אפילו ניט ליידען אז זיי זאלען בלייבען זאגאר אויף פאפיער. דאס אייגענע איז אויך געוועהן מיט די בערלינער שטאט־יודען: זיי זענען אללע געוועהן זעהר רייך, עס האט ביי זיי גאר ניט אויסגעמאכט וואס מען פאר־דערט ביי זיי גראסערע נתינות ווי ביי אנדערע, זיי וואלטען נאך דריי מאל אזוי פיעל געגעבען, ווען מען מאכט ניט פון פערטוועגען א שאנדליכע אויס־נאהמע. די יודען האבען דעמאלט געמוזט צאהלען א בעזונדער מס אונ א חוץ דעם האט זיי די מלוכה געצוואונגען זיי זאלען פערקויפען קיין אויסלאנד פאר טהייערע מקחים זעהר שלעכטע סחורה, וואס מען פלעגט מאכען אין איהרע פאבריקען. עס האט זיי ניט געארט וואס זיי האבען געמוזט צו דער סחורה דערלעגען, נאר די בושה זייערע איז גרויס געוועהן, ווייל נאר זיי האבען געהאט דעם חיוב צו פערזארגען שלעכטע סחורה אין דער פרעמד אונ אויף אזא אופן רייך מאכען די מלוכה. אז פרידריך ווילהעלם דער צווייטער איז געווארען קעניג אונ מען האט געהערט פון איהם, אז ער איז א גוטהארציגער מענש, האבען זיך די יודען געפרובט קומען צו איהם מיט א בקשה ער זאל מבטל זיין די אלטע גזרות; ער האט דוקא צוגעזאגט אונ האט געהייסען אויס־קלויבען עטליכע לייטישע יודען, וואס די מלוכה זאל קאנען מיט זיי איבער־רעדען וועגען אללע פעראנדערונגען, וואס זענען נאטהיג צו מאכען אינ'ם לעבען פון די דייטשע יודען. דעם בעזונדערן יודישען מס האט מען באלד אבגעשאפט, דאס פערקויפען פון שלעכטע סחורה האט אויך אויפגעהערט אונ די מלוכה איז מוסכם געווארען בעסער מיט א מאל געהמען דערפאר דרייסיג

טויזענד טהאלער, נאר אז די יודען האבען אנגעהויבען שרייען אז זיי זאלען האבען אללע רעכטע גלייך מיט אללע, דיענען ביי דער קרוין און בעקומען אפילו פראפעסאר שטעללען, דעמאלט האבען זיך די שונאי ישראל אומגעקוקט און אללע יודישע האפנונגען האבען זיך אויסגעלאזט מיט נאר ניט. פון דעסט־וועגען וועגען די בערלינער יודען ביי זיך ניט אראבגעפאלען און האבען ניט אויפגעהערט צו ארבייטען וועגען בילדונג, ווייל זיי האבען פעסט געגלויבט אז נאר מיט עדעלקייט און קענטניסע קאנען זיי זיך קויפען ליעבשאפט ביי די קריסטען. ר׳ דוד פרידלאנדער האט געשיט מיט געלד און האט אויס־געהאלטען די ערשטע בערלינער יודישע שולע, וואו פינף הונדערט יודישע קינדער האבען בעקומען איינע גוטע ערציהונג, האטש ר׳ נפתלי הירץ וויזעל איז ניט אזוי געוועהן צופריעדען דערפון, ווייל אין דער שולע האט מען ניט שטארק אכטונג געגעבען אויף יודיש לערנען און פרעמדע לשונות זענען גע־וועהן דער עיקר. אויסער דעם האט ר׳ דוד פרידלאנדער איינגעפיהרט א בע־זונדער דרוק, וואס האט אללע יאהר ארויסגעלאזט טויזענדער נאטהיגע ביכער און וואו ר׳ יצחק אייכעל האט אבגעדרוקט זיין דייטשע איבערזעצונג פונ׳ם סדור. די שולע און די דרוק – דאס זענען געוועהן צוויי זיילען, אויף וועלכע עס האט זיך געהאלטען דער גאנצער בנין פון דער יודישער בילדונג, וואס האט זיך פון בערלין פערשפרייט כמעט איבער גאנץ אייראפא.

ווען די פרומע זענען ניט צופריעדען געוועהן פון די געבילדעטע נאך בעת מענדעלזאהן האט געלעבט און האבען איהם חושד געוועהן אין אפיקורסות, האטש ער האט זיך געפיהרט זעהר יודישליך און האט אויף קיין שריט ניט אבגעטרעטען פונ׳ם „שלחן ערוך“, האבען זיי שוין שפעטער אוודאי געהאט אויף וואס צו שרייען, ווען עס איז אונטערגעוואקסען א נייער דור, וואס האט שוין טאקי געוואלט לעבען א ביסעלע פרייהער, און וואס איז ניט געפאלען אפילו אזא מענשען ווי ר׳ נפתלי הירץ וויזעל, וועלכער האט צו זיין גרויסען פערדרוס איינגעזעהן, אז זיי זאגען זיך שוין צופיעל אב פון יודישקייט און קאנען פערקריכען גאנץ ווייט. אזוי זענען געווארען צוויי צדדים מיט א שרעקליכער שנאה איינער צום אנדערן: די פרומע האבען געארבייט מעשים און האבען געלארמט, אז מען טאר גאר ניט שטעהען אין די ד׳ אמות פון די „בערלינער רשעים“. און די אויפגעקלארטע האבען זיך ניט געקימערט וועגען זייער פריינדשאפט, זיי האבען זיך מעהר צוגעלאזט צו די קריסטען, און אזוי ווי זיי האבען געפונען צווישען זיי געגוג גוטע ברידער, האבען זיי

זיך אללע מאל מעהר דערווייטערט פון יודען אונ פון דעם יודענטהום. בעי־
ואנדערס איז געווארען גרויס דער רעש צווישען די רבנים פון אסטערייך,
ווען די מלוכה איז אויך געקומען צום שכל, אז עס איז גלייכער די יודען
זאלען זיין געבילדעט, אונ האט אנגעהויבען אכטונג געבען אויף זיי אונ ניט
דערלאזען זיי זאלען לעבען אבגעזונדערט פון אללע. אז מען האט פערווערט
די יודען זיי זאלען ניט טארען מקבר זיין זייערע מתים באלד אויף דער הייסער
שעה, נאך עהדער מען ווייסט צו איז דער מענש באמת געשטארבען, אדער
ער האט נאר אויף א קורצער צייט אויפגעהערט צו אטהעמען, אונ דער
פרעדיגער פון פראג ר׳ אליעזר פלעקעלש האט געשריגען, אז דאס איז
זעהר א נאטהיגע תקנה. האט דער בעריהמטער רב ר׳ יחזקאל לאנדא
אנגעמאכט אזא געוואלד, גלייך ווי צו ליעב דעם וואלט די יודישע אמונה
געווען אין דער גרעסטער סכנה. אזוי האט זיך מיט יעדען טאג פארגרעסערט
דער האס וואס האט אבגעטהיילט ביידע צדדים, אונ דער אבגרונד צווישען
זיי איז געווארען אללע מאל טיעפער. די צאהל פון די אויפגעקלאהרטע איז
אבער געוועהן זעהר קליין אונ די גאנצע מאכט איז פארט געוועהן ביי די
פרומע אין די האנד; זיי זענען געוועהן די פארשטעהער פון די קהלות, זיי
האבען געפיהרט אללע יודישע חברות, זיי זענען געוועהן גבאים פון בקור
חולים אונ פון דער חברה קדישא. אוודאי אז עס האט בעדארפט איי א נויטה
איינער פון די אויפגעקלאהרטע אנקומען צו זיי, האבען זיי איהם געוויזען
זייערע תקיפות אונ ביטער איז שוין געוועהן דעם דאזיגען, וואס האט געמוזט
צו זיי אין א נויטה אנקומען. דאס האט ארויפגעפיהרט עטליכע פון די בערלינער
יודישע געלעהרטע, ווי אייכעל אונ וואלפסאהן, אויף דעם געדאנק
זיי זאלען מאכען א בעזונדער חברה, וואס אללע חברים זאלען זיך רעכנען
ווי געבארענע ברידער. איינער פאר׳ן אנדערן זאל זיין פערטיג צו געהען אין
פייער, אונ די רייכע זאלען שטיצען די ארעמע, כדי מען זאל ניט מורא האבען,
אז ביי א קראנקהייט זאל ניט זיין וואו א קאפ אנידערצולעגען אונ ביי א קבורה
זאלען די פרומע זיך פערשפארען מתעסק זיין אונ זיך נוקם זיין אין די טויטע
פאר די לעבעדיגע. מענדעלסזאהנ׳ס עלטערער זוהן, ר׳ יוסף, האט זיי דערצי־
געהאלפען, אונ עס איז טאקי געווארען אזא חברה. דאס אומגליק איז אבער
געוועהן, וואס די דאזיגע חברה האט א סך יודען אין גאנצען דערווייטערט פון
זייערע ברידער. געטריי אונ איבערגעגעבען דעם יודענטהום זענען נאר געבליבען
די יודישע געלעהרטע, וואס זייערע גרויסע קענטניסע אין תורה אונ תלמוד

הָאבֶּען זֵיי שְׁטַארְק צוּנֶעבּוּנְדֶען צוּ זַייעֶר פָאלְק אוּנ צוּ זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען; בַּיי דִי רָאזִינֶע אָבֶּער, וָואס זֶענֶען שוֹין אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען מִיט נַייֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז דֶער בּוּנְד צוּ דֶער נַאצְיָאן אוּנ צוּ דֶער רֶעלִיגְיָאן גֶעוָוארֶען זֶעהר שְׁוַואךְ, אוּנ זֵיי הָאבֶּען נָאר אַזוֹי פִיעל גֶעוואוּסְט, אַז זֵיי זֶענֶען יוּדֶען, וָואס מֶען הָאט זֵיי אָפְּט דֶערְמָאנְט אַז זֵיי הָאבֶּען נִיט קֵיין גְלַייכֶע רֶעכְטֶע מִיט אַלֶע. אַוַדאי הָאבֶּען זֵיי זִיךְ לַאנְג נִיט גֶעקָאנְט הַאלְטֶען, בַּיי אַזֶעלְכֶע אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, אַז זֵיי לַיידֶען נָאר אוּמְזִיסְט, קֵיין צִיעל פַאר דִי אוֹיגֶען הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעזֶעהֶען, פַאר וָואס אוּנ פַאר וֶועמֶען זִיךְ לָאזֶען שְׁלָאגֶען הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעהַאט, וַוייל זֵיי זֶענֶען וֶוענִיג בֶּעקַאנְט גֶעוֶועהן מִיט דֶעם גֵייסְט, וָואס הַאלְט אוֹיף דִי יוּדִישֶׁע נַאצְיָאן, אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרָאבְּוַוארְפֶען פוּן דִי פְּלֵייצֶעס דָאס פֶּעקֶעל צָרוֹת אוּנ אִיבֶּערְגֶעהֶען אַהִין, וואו מֶען הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנ מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען פָאלְקָאמֶענֶע פְרַייהַייט. דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר פִיעל יוּדֶען אוֹיסְגֶעטוֹיפְט, אוּנ מֶען קָאן זָאגֶען, אַז כִּמְעַט דִי הֶאלְפְט פוּן דִי בֶּערְלִינֶער קְהִלָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. ר׳ דָוִד פְרִידְלֶאנְדֶער מִיט נָאךְ אַ גַאנְצֶער חֶבְרָה פוּן דִי בֶּערְלִינֶער גְבִירִים הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוָואלְט מַאכֶען דֶעם שְׁרִיט, וַוייל עֶס אִיז זֵיי נִיט אָנְגֶעשְׁטַאנֶען זֵיי זָאלֶען נָאךְ אַלְץ זַיין שׁוּטְץ-יוּדֶען אוּנ דִי פָּאלִיצְיֶע זָאל זֵיי אַלֶע מָאל זָאגֶען אַ דֵעָה, אַז דָאס מֶאגֶען זֵיי אוּנ יֶענְץ טָארֶען זֵיי נִיט, נָאר אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דִינְגֶען מִיט דִי גַייסְטְלִיכֶע, אוּנ הָאבֶּען גֶעזָאנְט, אַז נִיט אַלֶע יְסוֹדוֹת פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער אֱמוּנָה קָאנֶען זֵיי אָנְנֶעהמֶען, הָאט מֶען זֵיי אָבְּגֶעזָאגְט, אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט בְּלַייבֶּען יוּדֶען. דָאס פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אַז דִי דְרַיי בֶּערִיהמְטֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹיֶען, דָארָאטְהֶעאַ מֶענְדֶעלְסְזָאהן, רָחֵל לֶעוִוין אוּנ הֶענְרִיעטֶע הֶערְץ, וָואס הָאט דֶערְלֶעבְּט אֵיין אֶלְטֶער פוּן דְרַיי אוּנ אַכְטְצִיג יָאהר, הָאבֶּען אוֹיךְ נִיט גֶעקָאנְט זִיךְ הַאלְטֶען פֶעסְט אִין דֶעם יוּדֶענְטְהוּם, וָואס הָאט גֶעשָׁאלְטֶען מִיט בִּיטֶערֶע קְלָלוֹת אוּנ חֲרָמוֹת גֶעגֶען דֶעם וָואס אִיז זֵיי אַזוֹי הֵיילִיג גֶעוָוארֶען, אוּנ זֶענֶען אוֹיךְ אַרִיבֶּער אוֹיף דֶער זַייט, וואוּ דִי גְרָאסְטֶע גֶעלֶעהרְטֶע קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זֵיי אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט לִיעבֶּע אוּנ כָּבוֹד.

דִי פְרוּמֶע רַבָּנִים הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט ווִיסֶען, אַז אִין דֶעם אַלֶעמֶען הָאבֶּען זֵיי טַאקִי אַלֵיין אַ שְׁטַארְקֶע שׁוּלְד גֶעהַאט..... דָאס ווִילְדֶע עַקְשָׁנוּת, וָואס הָאט שׁוֹין בַּיי יוּדֶען גֶענוּג קָרְבָּנוֹת אוֹיסְגֶערִיסֶען, הָאט זֵיי נִיט גֶעלָאזְט זִיךְ בֶּעסֶער צוּקוּקֶען אוּנ פֶערְשְׁטֶעהֶען, אַז נִיט אַלֶע פָאדֶעסְם זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעריסֶען.

אַז דָאס הֵייסֶע יוּדִישׁ הַארְץ אִיז נָאךְ בַּיי פִיעל גֶעבְּלִיבֶּען, אוּנ אַז דַוְקָא דָארְט, וואו עֶס ווַייזְט זִיךְ אוֹיס, אַז דֶער לֶעצְטֶער פוּנְק פוּן יוּדִישְׁקַייט אִיז פֶערְלָאשֶׁען גֶעווָארֶען, גְלַאנְצְט אִין דֶער פִינְסְטֶערְ' ווִי אַ לִיכְטִיגֶער שְׁטֶערְן דָאס פִּינְטֶעלֶע יוּד, דַארִיבֶּער הָאבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע קְלָלוֹת נִיט בֶּעדַארְפְט אַזוֹי פֶערְטְרַייבֶּען פוּן זִיךְ דֶעם נֵייעֶם יוּנְגֶען דוֹר, אִיהם אַדְרַבָּה מְקָרֵב זַיין מִיט גוּטֶען אוּנ לָאזֶען יֶעדֶען זַיין אַיהר ווִי זַיין יוּדִישׁ הַארְץ הֵייסְט אִיהם.

3 דִי יְשׁוּעָה פוּן — פְרַאנְקְרַייךְ.

(1789—1806 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

כִּמְעַט אִין דֶעם אֵיינֶעם יָאהר, ווָאס דִי בֶּערְלִינֶער אוֹיפְגֶעקְלָארְטֶע יוּדֶען זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי ווַייט, אַז זֵיי זֶענֶען פֶערְטִיג גֶעווֶעהן זִיךְ אִין גַאנְצֶען אוֹיסְצוּשְׁפַּאנֶען פוּנ'ם עוֹל אוּנ מִיט אַ מָאל אַרָאבְּווַארְפֶען פוּן זִיךְ דִי שְׁווֶערֶע מַשָּׂא פוּן יוּדִישְׁקַייט, הָאט זִיךְ אִין פְרַאנְקְרַייךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ רֶעווָאלוּצְיָא, ווָאס הָאט אַלֶּע פְרִיהֶרִיגֶע אָרְדְנוּנְגֶען אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט מִיט'ן קָאפּ אַרָאבּ, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען פְלוּצְלוּנְג בֶּעקוּמֶען אַזַא הִילְף, ווָאס קֵיינֶער הָאט זִיךְ גָאר בַּארוֹיף נִיט גֶעקָאנְט רֶעכְטֶען. דָאס ווָאס אִיז בַּיי מֶענְדֶעלְסָזָאהן גֶעווֶעהן גָאר אַ לִיעבֶּע הָאפְנוּנְג, דָאס ווָאס דָאהם הָאט אוֹיסְגֶעמָאלְט מִיט דִי שֶׁאנְסְטֶע פַארְבֶּען ווִי אַזַאךְ ווָאס ווֶעט אַ מָאל גֶעשֶׁעהֶען שְׁפֶּעטֶער מִיט הוּנְדֶערְטֶער יָאהרֶען, דָאס אַלְדִינְג אִיז מְקוּיָם גֶעווָארֶען אִין פְרַאנְקְרַייךְ גָאר נִיט גֶערִיכְט. בַּיי דִי יוּדֶען אִיז גֶעווָארֶען לִיכְטִיג אִין אַלֶּע ווִינְקֶעלֶעךְ, אוּנ אַזוֹי ווִי אִין אַ זִיסֶען חָלוֹם הָאבֶּען זֵיי דֶערְזֶעהֶען פַאר זִיךְ אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ רִיז, פוּן נַאפָּאלֶעאָן בָּאנַאפַּארְטֶע, ווָאס הָאט חֵשֶׁק גֶעהַאט אֲפִילוּ אָבְּצוּנֶעהמֶען פַאר דִי יוּדֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ ווֶערֶען פַאר זֵיי דֶער צְווַייטֶער כּוֹרֶשׁ.

דִי הַתְחָלָה אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאט גֶעמַאכְט אַ עֶדְלֶער יוּד, ר' הִירְץ מֶעדֶעלְסְהַיים, אָדֶער סֶערְף-בֶּער, אֵיינֶער פוּן דִי דָארְטִיגֶע וֶועלְטֶענֶע גְבִירִים, ווֶעלְכֶע קוּקֶען נִיט דַארוֹיף ווָאס זֵיי אַלֵיין אִיז גוּט, אוּנ חָאטְשׁ זֵיי פִיהלֶען נִיט דֶעם גָלוּת, פֶערְגֶעסֶען זֵיי נִיט זֵייעֶרֶע גֶעמֵיינֶע בְּרִידֶער אוּנ זוּכֶען אַלֶּע מִיטֶעל אַז זֵיי אַלֵיין זָאלֶען נִיט זַיין קֵיין יְחִידִים נָאר דֶערְפַאר ווָאס זֵיי הָאבֶּען גֶעלְד, אוּנ זֵיי ווִילֶען בֶּעסֶער גֶעהָאלְפֶען ווֶערֶען צְווִישֶׁען כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

סערף-בער פלעגט צושטעלען קרינס-מיטעל דער פראנצאזישער ארמעע, אונ צו ליעב דעם האט ער זיך געמוזט אפט געפינען אין אזעלכע ארטער, וואו עס האט ניט געטארט קיין פוס פון א יודען אריינקומען. דאס ערשטע מאל האט מען איהם ערלויבט צו בלייבען אין שטראסבורג אגאנצען ווינטער, אונ אזוי ווי די מלוכה האט געזעהען, אז ער איז איהר זעהר נוטצליך האט מען איהם ניט געטשעפעט, אונ ער האט זיך דארט בעזעצט מיט דער גאנצער משפחה. קוים האט ער געפיהלט, אז מען רעכענט איהם שוין אין שטראסבורג פאר א היימישען, אונ ער האט טאקי פונ'ם קעניג בעקומען דאס רעכט צו בויען הייזער אונ קויפען ערד, האט ער באלד געמאכט עטליכע פאבריקען אונ האט אויסגעשריבען יודישע ארבייטער, כדי ער זאל, ערשטענס, זיינע ארעמע ברידער געבען צו פערדיענען א עהרליך שטיקעל ברויט, אונ צווייטענס, ווייזען די קריסטען אז יודען זענען פעהיג צו אלערליי מלאכות אונ קאנען לעבען ניט נאר פון שווינדעל. די דייטשע איינוואהנער פון שטראסבורג האבען אבער אנגעהויבען קוקען דארויף קרום, זיי האבען פשוט מורא געהאט עס וועט פאר זיי ווייניגער בלייבען ווען יודען וועלען האבען פרנסה, אונ זיי האבען זיך גענומען ארבייטען ביי דער מלוכה מען זאל די עטליכע יודען ארויסטרייבען פון דארט. סערף-בער איז געוועהן איינער פון מענדעלסזאהן'ס לייט, ער זיין דייטשע איבערזעצונג פון דער תורה פערשפרייט אין פראנקרייך, אונ אז עס איז ארויס דאהם'ס בוך וועגען יודען האט עס איהם, מן הסתם, מענדעלסזאהן באלד צוגעשיקט אונ עס איז גראד אקוראט אויסגעקומען אין דיזער צייט, ווען די שטראסבורגער איינוואהנער האבען אנגעהויבען ליארמען, אז די יודען מאכען זיי אומגליקליך. דעמאלט איז געבליבען ביי סערף-בער, ער זאל דאהם'ס בוך איבערזעצען אויף פראנצאזיש אונ דערמיט בעקאנט מאכען די מלוכה. דאס האט טאקי געמאכט א שטארקע ווירקונג, אונ אזוי ווי די יודען פון עלזאס אונ לאטרינגען האבען זיך נאך פריהר געקלאגט אויף זייער ביטערער לאגע, האט דער קעניג לודוויג דער זעכצעהנטע באלד געהייסען זיי בעפרייהען פונ'ם בעזונדערן יודישען מס, אונ א חוץ דעם האט ער געזעצט א קאמיסיע, מען זאל בעטראכטען ווי אזוי צו פערבעסערן דעם מעמד פון די יודען אין פראנקרייך, אונ מען זאל אויסהערען די מיינונגען פון סערף-בער אונ ר' יצחק בער, וואס האבען זיך גערעכענט פאר פארשטעהער פון די עלזאסער יודען, אונ פורטאדא, וואס איהם האבען אויסגעקליבען די ספרדים פאר א מליץ ישר, אונ וואס האט דערנאך געשפיעלט

ווער א גרויסע ראללע ביי דער מרידה (רעוואלוציאן), וואס איז געווארען אין פראנקרייך.

נאר א סך מעהר נאך פון די יודישע פארשטעהער האבען געארבייט פאר דעם יודישען פאלק צוויי בעריהמטע קריסטען: דער גראף מיראבא און דער גייסטליכער גרעגואר. נאך די פאר יאהר וואס מיראבא האט פערבראכט אין בערלין און איז דארט צוגעבונדען געווארען מיט דער עדעלסטער פריינדשאפט צו מענדעלסזאהן'ס תלמידים און צו אללע גרויסע יודישע געלעהרטע, איז ער צוריקגעקומען קיין פאריז א אמת'ר אוהב ישראל, ווייל ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען וואס פאר א מענשען זיי האבען ארויסגעגעבען אין דייטשלאנד, וואו זיי זענען נאך גענוג פערפאלגט, און ער האט פערשטאנען וואס פון זיי קאן ווערען, ווען מען וועט זיי לאזען פריי אויפהייבען א קאפ. ער האט באלד ארויסגעלאזט אים יאהר 1787 א בוך „וועגען מענדעלסזאהן און דער פערבעסערונג פון דער יודישער לאגע" און האט אויסגעוויזען אז אללע חטאים, וואס מען האט פאר זיי די יודען שוין מעהר פון טויזענד יאהר געברענט און געבראטען, פאלען אויף די קאפ פון זייערע שונאים, וועלכע מען מוז נאר בעטראכטען ווי פשוט'ע רוצחים. מיראבא האט ניט איבערגעלאזט איין שאלה, וואס די יודענפיינדע פרעגען געוועהנליך און ווילען נאר קיין תירוצים ניט אויסהערען; זיינע ווערטער האבען אבער געהאט א ווערטה און אז ער האט זיך גענומען צו א זאך, האט מען געוואוסט, אז ער האט דערביי קיין אנדער מיין ניט נאר צו זאגען דעם אמת. „קוים ווילט איהר — האט מיראבא געשריבען אין זיין בוך — אז יודען זאלען ווערען בעסערע מענשען און נוצליכע קינדער פונ'ם לאנד, מוזט איהר מאכען זיי זאלען זיך פיהלען פריי און גלייך מיט אללע, עס זאל ניט זיין קיין חלוק צווישען זיי און אנדערע. זיי זאלען מעגען אלדינג טהון, מיט יעדער זאך זיך בעשעפטיגען און פערשפארען זיך אזוי צו ערנידריגען מיט פרנסות בזיוות, זיי זאלען אלליין ארויסזעהען אז זיי קאנען בלייבען געטריי זייער גלויבען און פארט ארבייטען צוזאמען מיט'ן כלל פאר דער טובה פון דער מדינה, וואס בעהאנדעלט זיי ניט ווי קיין שטיפמאמע און רעכענט זיי פאר אייגען בלוט און פלייש. „און ווען אפילו איהר זאלט רעכט האבען מיט דעם וואס איהר שרייעט, אז די יודען זענען אצונד פערדארבען און אז ערשט שפעטער מיט עטליכע דורות קאנען זיי זיך פערדיענען די פרייהייט וואס איז אזוי נאטהיג פאר זיי און טאקי פאר אייך, מוזט איהר טאקי שוין אנהייבען פערבעסערן זייער לאגע,

כדי עס זאל זיך ניט פערציהען ווייטער אונ שפעטער זאל נאך שווערער ווערען צו העלפען. מיט אזעלכע פייערינע רעד האט זיך מיראבא געווענדט צום פאלק, אונ מען מאג זאגען, אז זיינע ווערטער זענען ניט געגאנגען לאבוד אונ האבען אין פראנקרייך אויפגעוועקט די שאלה וועגען די יודען. נאר מיראבא האט די שאלה געשטעלט אזוי, אז די מלוכה האט געמוזט מודה זיין אז די יודען-פראגע איז וויכטיגער פאר די פראנצאזען ווי פאר די יודען אליין.

די שונאי ישראל האבען אבער אויך ניט געשוויגען אונ דאס גאנצע געשריי איז געגאנגען פון עלזאס. דארט זענען שוין די יודען מיעד געווארען איבערצוטראגען די שרעקליכע צרות, אונ זייערע קרעכצען האבען זיך געלאזט הערען גאנץ ווייט; דאס האט ניט געטוינט די שונאים, אונ זיי האבען זיך ענטשלאסען אנצומאכען אזא רעש, אז מען זאל ניט וויסען פון וואנען די קולות קומען אונ וועמען עס טהוט באמת וועה. זיי האבען אנגעהויבען גאר שרייען, אז זיי זענען אונגליקליך, אז זיי קאנען פון די יודען שוין ניט אויס-האלטען, אז די יודען זויגען זיי אויס אונ מאכען נאר פון זיי א תל, אונ איינער פון זיי האט אפגעדרוקט אין מעץ א ביכעל וואס האט געהייסען „א געשריי פון אן איינוואהנער געגען די יודען״ אונ וואס איז גע-ווען פול מיט גאל. עס האט זיך אפילו באלד אפגעזוכט א געלעהרטער יוד ר' ישעיה בער בינג, וואס האט אויסגעוויזען, וואס פאר א נארישע שקרים עס געפינען זיך אין דעם דאזיגען ביכעל, נאר די שונאים האבען ניט געהאט קיין שטארקע בושה: אט האט מען איינעם געחאפט אין א ליגען אונ אט זענען אויף זיין ארט אויפגעשטאנען אנדערע צעהן וואס האבען די אייגענע ליגענס נאך מעהר צונקייעט אונ עס איז זיי גאר ניט אנגעגאנגען וואס קלוגע אונ ארענטליכע מענשען האבען פון זיי געלאכט, ווייל זיי האבען גוט געוואוסט, אז דער פראסטער עולם וועט זיי קיין קשיות ניט פרעגען. ביי זיי וועט אלדינג זיין א תורה אונ מען וועט זיי נאך האלטען פאר גרויסע בעלי טובה. אזוי איז געווארען א גאנצער מבול פון ביכער געגען יודען אונ עס איז פשוט נמאס געווארען צו לעזען. דאס האט געצוואונגען „די קאניגליכע געזעלשאפט פיר וויסענשאפט״ אין מעץ מען זאל פארלעגען די בעסטע פראנצאזישע שרייבער זיי זאלען אנשרייבען א אנטפער אויף דער שאלה: „צו זענען דא אזעלכע מיטעל, וואס מיט זיי זאל מען די יודען פון פראנק-רייך קאנען גליקליכער אונ נוצליכער מאכען?״ אונ וועמעס תשובה עס וועט זיין בעסער דער זאל בעקומען א בעלאהנונג. זיין תשובות

װענען אנגעקומען , זיבען פון זיי האבען געערדט נאר נוטעס אויף יודען , אונ בעזאנדערע האבען זיך דעמאלט אויסגעצייכענט מיט זייערע עדלע געדאנקען צוויי נייסטליכע , גרענואר אונ דע-לא-לוז : זיי האבען געשריגען , אז מען דארף גאר קיין סך ראיות ניט ברענגען , יודען װענען גלייך מיט אללע אנדערע ברואים אונ אויב זיי װענען טאקי באמת פערדארבען װענען נאר די קריסטען אין דעם שולדיג , אונ פון זיי אלליין הייננט אב דער הסרון צו פערבעסערן.

די תשובות פון די צוויי נייסטליכע , װאס האבען זיך אזוי אנגענומען פאר יוז'ען , װענען ארויס אויף דער װעלט פונקט אין דער צייט װען דאס פאלק אלליין איז געקומען צום שכל , אז אללע מענשען דארפען זיך רעכענען װי ברידער אונ ניט קוקען צו װאס פאר אמונה יעדער געהאר . מיט רעכט האט מען דעמאלט געקאנט מיינען , אז די יודען װעלען אויך אויפגערעכט װערען , בעזונדערס װען אין דער נאציאנאל-פערזאמלונג װענען געזעסען אזעלכע צוויי נוטע פריינד װי מיראבא אונ גרעגואר . צום אומגליק איז אבער די צאהל פון די יודען אין פראנקרייך געװעהן װעהר קליין ; סך הכל האבען זיי בעטראפען פינפצינ טויזענד נפשות , װעלכע װענען געװעהן צוװארפען אין עלזאס , מעץ , פאריז , באררא אונ אוויניאן , אונ צווישען דעם ביסעל איז אויך קיין אחדות ניט געװעהן , די ספרדים האבען זיך געהאלטען פאר די גראסטע מיוחסים , די אשכנזים האבען געשריגען , אז זיי װענען די בעסטע חשובים ביים אויבערשטען , אונ צו ליעב די דאזיגע פוסטע מחלוקת האבען זיי זיך ניט געקאנט האלטען צוזאמען אונ צונויפנעהמען זייערע כוחות אונ ארבייטען לטובת הכלל . אזוי האט זיך די זאך אביסעלע פערצויגען ביז אין לאנד איז געװארען װעהר אונרוהיג . די צורייצטע בויערן װענען אנגעפאלען אויף די פריצים , מען האט געהרג'ט אונ געראבעװעט אונ מען האט זיך דערמאנט , אז עס װענען דא יודען , װאס ביי אזא צייט דארפען זיי די ערשטע זיין אויפ'ן פייער . אודאי האט מען זיך גוט אבגערעכענט מיט די יודען פון עלזאס , מען האט זייערע הייזער פערברענט , צוגענומען זייער פערמעגען אונ זיי האבען געמוזט נאקעט אונ בלויז אנטלויפען קיין באזעל , וואו די איינוואהנער האבען אויף זיי רחמנות געהאט אונ מען האט זיי אריינגעלאזט האטש זיי האבען דארט ניט געטארט וואהנען . דעמאלט האבען זיך די עלזאסער אומגליקליכע יודען געװענדט צו גרענואר , אונ ער האט אין דער נאציאנאל-פערזאמלונג אנגעמאכט א געװאלד פאר דער רשעות װאס עס װייזען ארויס אזעלכע מענשען , װאס װילען פרייהייט פאר זיך אונ שקלאװעריי פאר אנדערע .

דערווייל האבען זיך טאקי די איבריגע יודען מישב געוועהן: אז עס איז קיין תכלית ניט צו זיין שטאנדיג אין א סכנה, און כאטש זיי האט זיך ניט געגלוסט זיך אריינמישען אין פרעמדע עסקים האבען זיי זיך ענטשלאסען צוצושטעהען צו דער רעוואלוציאן און פיעל פון זיי זענען אריין אין דער נאציאנאל-גווארדע. אין באָרדאָ איז אפילו באלד געווארען א יודישער הויפטמאן און אין פאריז האבען זיך הונדערטער יודען געקויפט א שאנעס נאהמען מיט זייער גבורה. קוים האט מען געזעהען, אז די יודען ווייזען ארויס אז זיי פערשטעהען אויך וואס די צייט פערלאנגט, האט מען שוין אין דער נאציאנאל-פערזאמלונג אויפגענומען עלף דעפוטאטען פון זיי, און צווייא, גאלדשמיד פון האללאנד און אברהם לאפעץ לאגונא פון פארטוגאל האבען טאקי געאפענט דאס מויל און האבען אנגעהויבען פאדערן גלייכע רעכטע פאר זייערע ברידער. גרינג איז דאס אבער ניט אנגעגאנגען. אז דער קאסטעלאן האט פארגעלעגט דער פערזאמלונג, מען זאל מאכען אז קיינעם טאר מען ניט שטערען און זאגען א דעה וועגען זיין אמונה, האבען די עטליכע קאטאלישע גייסטליכע, וועלכע זענען אויך געוועהן אין דער פערזאמלונג אנגעמאכט אזא ליארם אז עס איז גאר ניט געוועהן מעגליך צו רעדען. אומזיסט האט מיראבא געשריגען, אז עס איז גאר א בושה צו טענה'ן איבער אזא היילינגער זאך ווי די פרייהייט פונ'ם גלויבען, מען האט ניט געוואלט הערען, און מיט גרויס מיה איז געראטהען ראבא סאינט-עטיען צו מאכען א פשרה, און מען זאל בעשליסען: אז מען טאר קיינעם ניט זאטשעפען וועגען זיין אמונה ביז ער שטערט ניט מיט איהר די ארדנונג פונ'ם לאנד. דער פונקט איז געגאנגען אויך אויף יודען, נאר פון דעסטוועגען האט מען אין א קורצער צייט ווייטער געזוכט אנהייבען רעדען פון דער יודען פראגע. אין עטליכע ערטער האט מען געלערנט פירושים אויף דער תקנה פון דער פערזאמלונג, און עס איז געבליבען, אז מען זאל יודען גוט שלאגען, כדי זיי זאלען בעסער פערשטעהען דעם נייעם פירוש. עס איז ווייטער געווארען א רעש אין דער פערזאמלונג, גרעגואר האט געשריגען, אז עס איז א גרויסע רציחה וואס מען האט דעם פונקט אנגעשריבען ניט גאנץ דייטליך און דערפון איז ארויסגעקומען א רעה פאר אומשולדיגע מענשען; מיט זיין דעה האט זיך אויך אויסגעגלייכט איינער פון די בכבוד'סטע דעפוטאטען דער גראף קלערמאן-טאנער, און עס איז געבליבען: מען זאל צו שיקען א צירקולאר אומעדום, אז די יודישע אמונה מוז אויך ווערן געשיצט און האבען די איינענע פרייהייט וואס אנדערע רעליגיאנען. א ביסעל האט עס געהאלפען, נאר אין

עלזאס אונ לאטרינגען האט מען ניט אויפגעהערט אנצוטהון די יודען צרות, אונ זיי האבען געמוזט ווייטער זוכען הילף ביי דער נאציאנאל-פערזאמלונג. זיי האבען אויסגעקלויבען פאר א שליח ר׳ יצחק בער, וואס האט געקאנט זעהר שאן רעדען, אונ איהם איז אויך ניט שווער געוועהן אויסצומאלען די ביטערע לאגע פון זיינע ברידער אין די שרעקליכסטע פארבען. ר׳ יצחק בער האט נושא חן געוועהן ביי דער פערזאמלונג, מען האט איהם אויפגענומען פאר א גאסט, אונ מען האט איהם צוגעזאגט אלדינג צו טהון אונ העלפען די יודען. די פערזאמלונג האט אויך ווארט געהאלטען, אונ כאטש עס האבען זיך באלד אנגעהויבען זעהר טרויעריגע טאג, וואס האבען אללע פערדרעהט די קאפ, האט מען פון דעסטוועגען באלד בעשטימט א בעזונדער זיצונג וועגען דער יודען-פראגע אונ מען האט זיך גענומען אויסארבייטען א ריינע געזעץ פאר יודען, וואס די מלוכה זאל שוין קאנען אכטונג געבען מען זאל עס אכהיטען. די יודען האבען מן הסתם געהאט ניט ווייניג געגנער, נאר די צאהל פון זייערע בעשיצער איז פארט גראסער געוועהן אונ מען האט געמאכט פאר א חק, אז די ספרדים מוזען גערעכענט ווערען פאר אמת׳ע איינוואהנער פון פראנקרייך. דאס וואס די אשכנזים זענען געבליבען אין דרויסען איז אודאי געוועהן א גרויסער וועטהיג פאר די יודען, נאר זיי האבען געמוזט אננעהמען פאר ליעב האטש דעם ערשטען שריט צו זייער פרייהייט.

קיים האט מען שוין אבער געמאכט איין התחלה איז מען שוין ניט געבליבען שטעהען אין מיטען. די אשכנזים האבען שטארק אנגעהויבען ארבייטען מען זאל זיי אויך געבען די איינענע רעכטע, אונ סערף-בער האט זיך אזוי פיעל געלאזט קאסטען, אז נאר אין א קורצער צייט האט די נאציאנאל פערזאמלונג ערקלעהרט, אז אללע יודישע איינוואהנער פון פאריז מוזען האבען אלס איין פרייהייט. נאר אין עלזאס האט מען ניט געקאנט אזוי גיך איין סוף מאכען פון דער שאלה. א טהייל שטאדט האבען ניט געמאכט קיין חלוק צווישען יודען אונ קריסטען אונ אז עס איז אויסגעקומען אפילו זיך איינצוטהיילען מיט ערד האט מען די יודען געגעבען א גלייכען חלק; דערפאר האבען זיך אבער געפונען אזעלכע ארטער, וואו מען האט נאך אלס דעם יודען געגעבען אנ-צוהערען, אז ער שטעהט נידריגער פון אנדערע, אונ מען האט כאטש געדאנקט גאטט וואס עס פלעגט ניט קומען צו קיין קלאפ. דאס איינציגע וואס די נאציאנאל-פערזאמלונג האט געקאנט טהון פאר די עלזאסער יודען איז בע-שטאנען אין דעם, וואס מען האט זיי בעפרייט פון די גרויסע נתינות וואס

פלעגען ביי זיי ארויסציהען די לעצטע פרוטה, אונ דאס איז אלליין אויך געוועהן ניט קיין קליינע טובה.

צווישען די דעפוטאטען אלליין האבען זיך אבער געפונען עדלע מענשען פריינדע, וואס האבען ניט געקאנט ליידען אז אין פראנקרייך זאלען נאך א טהייל יודען דארפען איבערטראגען צרות צו ליעב דער אמונה, אונ איינער פון זיי, דופאר, האט זיך ארויסגעשטעלט אונ האט אנגעהויבען שרייען אז עס איז שוין צייט מען זאל אין גאנצען מבטל זיין אלדינג וואס איז נאך געבליבען פון אמאל אונ וואס הייסט נאך מאכען א חלוק צווישען די איינוואהנער פונ'ם לאנד. דעם 27 סעפטעמבער 1791 האט די גאנצע פערזאמלונג מסכים געוועהן צו דופאר'ס דעה, אונ פאר אללע יודען, וואס האבען זיך בעזעצט אין פראנקרייך נאר אהן א שום חלוק, איז אויפגעגאנגען די זונן פון פרייהייט. די גאנצע צייט, וואס מען האט זיך געיִשובט וועגען דער שאלה, איז ר' יצחק בער ניט אבגעטרעטען פון דער פערזאמלונג אונ אז איינער האט געוואלט רעדען עפים א שלעכט ווארט האט ער עס ניט דערלאזט אונ מען האט גרויס כבוד געלעגט אויף זיינע ווארטער. דערפאר איז זיין שמחה געוועהן זעהר גרויס, ווען ער האט דערלעבט די ישועה; מיט פרייד האט ער באלד מודיע געוועהן זיינע ברידער אונ האט זיי געבעטען זיי זאלען ווייזען די פראנצאזען, אז זיי זענען ווערטה זיך צו רעכנען פאר קינדער פונ'ם לאנד.

דער טאג, וואס די יודען האבען געגעבען א שבועה צו זיין געטריי פראנקרייך, איז ביי זיי געוועהן א יום טוב, אונ גאר ניך האבען אפילו די פריהריגע שונאים געמוזט מודה זיין, אז דער יוד פערשטעהט ווי אזוי דאנקבאר צו זיין פאר א טובה. ניט נאר די ספרדים, וואס זענען שוין א ביסעל געוואהנט געוועהן מיט דער פראנצאזישער שפראכע, נאר אפילו די אשכנזים, וועלכע האבען ביז אהער גערעדט יודיש-דייטש, האבען זיך באלד גענומען לערנען פראנצאזיש, מען האט געמאכט א ריינע פראנצאזישע איבערזעטצונג פון דער תורה, יודישע קינדער האבען אנגעהויבען לערנען אין פראנצאזישע שולען, אונ מען קאן זאגען, אז כמעט ווי אצונד איז אויסער דער שול שווער געווארען צו דערקענען ווער עס איז א יוד אונ ווער עס איז א קריסט. די יודען האבען אויך פערגאסען זייער בלוט פאר פראנקרייך אונ אין א נויטה האבען זיי אויך קיין געלד ניט געזשאלעוועט: קוים האבען זיי געזעהען אז מען בעטראכט זיי ווי ברידער האבען זיי אנגעהויבען קוקען אויף פראנקרייך ווי אויף א מוטטער, הונדערטער יודישע גבורים האבען געדיענט אין דער ארמעע אונ, אז עס

האט געפעהלט אויף הוצאות אונ מען האט זיך געמוזט צונויפלעגען האט די קליינע יודישע קהלה פון באררא אליין געגעבען הונדערט טויזענד פראנק. אין צוויי־דריי יאהר איז דאס יודישע לעבען אזוי צונויפגעשמאלצען געווארען מיט'ן פראנצאזישען, אז מען האט אנגעהויבען ביי די יודען בעמערקען די אייגענע מעלות אונ חסרונות וואס ביי די פראנצויזען. אז די רעוואלוציאן איז אללע מאל געווארען גראסער אונ עס האבען זיך ארויסגעוויזען עטליכע צדדים, דער האט געצויגען אהין אונ דער אהער אונ ווען עס איז געראטהען דער איז געוועהן דער פיהרער, זענען יודען אומעדום געוועהן אין דער מיט, אונ אז מען האט בעדארפט חאפען א קלאפ האבען זיי זיך אויך ניט אבגעזאגט. צו ליעב אזא זאך האט איינער פון די שאנסטע יודישע בעלי בתים פון באררא, ר' אברהם פורטאדא געמוזט אנטלויפען, ווייל דער צד, וואס ער האט מיט איהם געהאלטען, איז געפאלען אונ דער אנדערע, וואס האט פלוצלונג אויפגעהויבען א קאפ, האט איהם געוואלט הרג'נען אונ האט טאקי צוגענומען זיין גאנץ פערמעגען. אז מען האט אין פראנקרייך געמאכט א שחיטה אויף אללע גרויסע פריצים אונ עדעללייט, האט מען די יודען אויך אריינגעשטעלט אין צעטעל, אונ איינער פון די יודישע גבירים, שארל פריקסאטא, איז שיער ניט אומגעקומען נאר צו ליעב דעם וואס ער איז געוועהן א לוי, אונ די פראנצויזען האבען גערעכענט אז פון דעם שבט שטאמען אללע יודישע מיוחסים אונ דערפאר מוז מען איהם אויך אומברענגען. מיט גרויס מיה האט ער זיך אבגעבעטען אונ האט געמוזט בעצאהלען פאר זיין לעבען מיט א קאפיטאל פון א מיליאן אונ צוויי הונדערט טויזענד פראנק. אז עס איז באלד ארויסגעקומען די מאשין אויף צו קאפען מענשען, וואס מען האט זיי גערופען גילאטינע, איז א יוד געוועהן איינער פון איהרע ערשטע קרבנות: אויף איונגען מאן כרמל איז געפאלען עפים אחשד אונ דאס שארפע מעסער דער גילאטינע איז בעשפריצט געווארען מיט יודיש בלוט.

א שטיקעל איבערשלאג האבען די יודען פון פראנקרייך געהאט אים יאהר 1794, נאר דאס איז געוועהן ניט דערפאר, ווייל מען האט געוואלט טרעפען זייער אמונה, נאר דווקא צו ליעב דעם וואס מען האט זיי גערעכענט גלייך מיט אללע, אונ מען האט ניט געוואלט עס זאל זיין א חלוק צווישען זיי אונ אנדערע. די פראנצויזען האט זיך דעמאלט פערגלוסט אין גאנצען אראבווארפען פון זיך דעם עול פון אמונה, לעבען נאר נאך דער השגה פונ'ם

מענשליכען שכל, אונ טהון נאר דאס וואס עס בעפעהלט דער ריינער פערשטאנד. דאס פערשטעהט זיך אז די נייע תקנה איז נאר געגאנגען אויפ'ן קריסטענטהום, אונ אז מען האט פארגעלעגט מען זאל יודען פערוועהרען טראגען בארד אונ מל זיין די קינדער, האט די נאציאנאל-פערזאמלונג דארויף ניט געקאנט בעשטעהען, ווייל זיי זענען געגאנגען מיט דעם דרך, אז מ'ישט'ן זיך צו א פרעמדער רעליגיאן טאר מען ניט. פון דעסטוועגען האבען זיך אין א סך ארטער אבגעזוכט אזעלכע פרייע מענשען וואס האבען ניט געוואלט ליידען, אז עס זאלען זיך נאר ארומדרעהען מענשען, וואס פיהרען זיך לויט געוויסע דינים פון זייער גלויבען. זיי האבען געארבייט אז דאס ווארט „אמונה" זאל נאר ניט געהאבט ווערען, אונ דערפאר האט מען אין נאנסי געגייטה די יודען זיי זאלען זיך אויך, גלייך מיט די קריסטען, אבזאגען פון יודישקייט אונ זאלען דאס גאנצע זילבער פון דער שול אוועקגעבען אויף צדקה-זאכען. די יודען האבען מן הסתם ניט געוואלט הארען, אונ דעמאלט האט מען שוין קיין כבוד ניט געלעגט אויף זיי: מען איז אנגעפאלען אויף די שולען, מען האט פערברענט ספרי-תורה, אונ וואו מען האט דערטאפט א יודיש ספר האט מען עס צוריסען, אונ אזוי ווי מען האט איינגעפיהרט אז רוהען זאל מען מעהר ניט ווי יעדען צעהנטען טאג אונ ניט זונטאג, האט מען די יודען געצוואונגען זיי זאלען אויך ארבייטען אים שבת אונ יום טוב, אונ זיי האבען אויך קיין אנדער ברירה ניט געהאט. אודאי האבען ביי אזא לאגע די יודישע רבנים געגוג זיך אנגעליטען פונקט ווי די קריסטליכע גייסטליכע. דעם רב פון וועסטהאפען, א קליין שטאדטעל, ר' יצחק לענטשיץ האט מען עטליכע חדשים געהאלטען אין געפאנגנים, אונ מען האט איהם געוואלט פערמשפט'ן צום טויט נאר דערפאר וואס מען איז געוואהר געווארען אז ער האט געדאווענט אונ געפסק'נט שאלות. איינער פון די גרויסע לומדים, ר' דוד זינצהיים, האט געמוזט אנטלויפען פון שטראסבורג אונ זיך ארומדרעהען אין דער וועלט אויך פאר אזעלכע חטאים. אין מעץ האבען די יודען מורא געהאט צו באקען מצות אויף פסח, ווייל מען האט געוואוסט, אז מען קאן פאר אזא זאך ניט גוט אבשניידען; נאר א קלוגע יודישע פרוי איז געפאלען אויף א שכל אונ האט בעוויזען אז ביי די יודען איז די מצה א צייכען פון פרייהייט, עס דערמאנט זיי ווי זיי האבען ארא בגעווארפען פון זיך דעם יאך פון מצרים, אונ דאס איז אנגענומען געווארען פאר א תרוץ. אין פאריז האט מען געצוואונגען די יודישע קינדער זיי זאלען קיין שול ניט אנקוקען אונ אז עס איז געפאלען א חשד אויף

איינעם פון די שטראסבורגער נבירים, אלכסנדר זעליגמאן, אז ער היט אב זיין אמונה האט מען ניט געקוקט דארויף וואס ער איז געוועהן א גרויסער נדיב אונ די שטאדט האט איהם אבגעקאסט א סך געלד, אונ מען האט איהם איינגעזעצט אין תפיסה. צום גליק, איז אבער די טרויעריגע צייט באלד אוועק, אונ אז מען האט געמאכט נייע ארדנונגען זענען שוין די יודען געבליבען ביי אללע רעכטע אונ נאר די יודישע איינוואהנער פון מעץ האבען נאך געהאט א עכוב אונ נאך א היבשע צייט האט מען זיי ניט געוואלט ארייננשטעלען אין צעטעל פון די אמת'ע פראנצאזישע איינוואהנער.

אז האללאנד איז אים יאהר 1795 אויך געווארען א רעפובליק האבען באלד די יודען פון דארט דערפיהלט ווי טהייער אונ הייליג עס זענען די דריי ווארטער „פרייהייט, גלייכקייט אונ ברידערשאפט", וואס די מנהגים פונ'ם לאנד האבען אנגעשריבען אויף זייער פאהן. עס איז די יודען אין האללאנד אפילו פריהר אויך ניט שלעכט געוועהן. נאך די רדיפות וואס זיי האבען זיך אנגעליטען אין אנדערע ערטער, איז האללאנד ביי זיי געוועהן א גן עדן, אונ האטש זיי זענען געשטאנען א סך נידריגער פון די קריסטען האבען זיי עס ניט געפיהלט; זייער צאהל האט אין גאנצען בעטראפען פינפציג טויזענד, אי דאס זענען זיי בעשטאנען פון צוויי פערשיעדענע קהלות, ספרדים אונ אשכנזים, וואס האבען זיך איינס מיט'ן אנדערן ניט אנגעקעהרט. יעדער איז געוועהן פערטראגען מיט זיך, מען האט געדאנקט נאטט וואס די מלוכה מישט זיך ניט אריין אין זייערע אינוועניגסטע געשעפטען, אונ קיינעם איז גאר ניט אנגעגאנגען וואס יודען האבען ניט געטארט דיענען ביי דער קרוין, מען האט זיי ניט געקאנט אריינגעהמען אין קיין צעך אונ אויסער דעם האבען זיי געמוזט געבען פיעל נתינות אויף אזעלכע זאכען וואס זיי אליין האבען ניט געטארט דערפון נהנה זיין. אודאי אז עס האט זיך איבערגעביטען די מלוכה אונ דריי יודישע משפחות, ווי אסיר, די־לעמאן אונ בראמעט, האבען זעהר פיעל געארבייט פאר דער פרייהייט פונ'ם לאנד, זענען די יודען צום איבריגען אויפגערעגט געווארען, האטש גלאט איז עס ניט צוגעגאנגען. קודם כל זענען די פארשטעהער פון דער אמשטערדאמער יודישער קהלה ניט געוועהן צופרידען פון די נייע אויפטהועכצען, זיי האבען געשריגען אז עס פעהלט זיי אזוי אויך גאר ניט, אונ האבען זיך עפיס אזוי ווי געשראקען אז די פרייהייט זאל זיי ניט שאדען צום יודישקייט. די צוואנציג טויזענד יודען, וואס האבען געוואהנט אין אמשטערדם, האבען זיך ניט געוואלט בענוצען מיט זייער רעכט אונ האבען

ניט גֶעשִׁיקְט קֵיין אֵיינְצִיגֶען רֶעפּוּטַאט פוּן זִיךְ צוּ דֶער נַאצְיָאנַאל-פֶערְזַאמְלוּנְג, חָאטְשׁ זַיי הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז דָארְט וֶועט מֶען רֶעדֶען וֶועגֶען יוּדֶען, אוּנ אַז עֶס וֶועט זֶעהר נֶאטְהִיג זַיין אוֹיסְצוּהֶארֶען דִי מֵיינוּנְג פוּן אַ יוּדֶען. דֶערְוַוייל הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעזוּכְט עֶטְלִיכֶע שׂוֹנְאִים אוֹיךְ אוּנ מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְ-צוּוַוייזֶען חֲטָאִים אוּנ שְׁרַייֶען, אַז דִי יוּדֶען פֶערְדִיעֶנֶען נִיט מֶען זָאל זַיי שְׁטֶעלֶען גְלַייךְ מִיט דִי קְרִיסְטֶען אוּנ אַז זַיי אַלֵיין הָאבֶּען נָאר דֶערְצוּ אֲפִילוּ קֵיין הַשָּׂגָה נִיט. צוּם גְלִיק, הָאט זִיךְ אָבֶּער אִין דֶער זַאךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט דֶער פְרַאנְצֶאזִישֶׁער גֶעזַאנְדְטֶער נָ א עֶ ל, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי יוּדֶען, אוּנ מֶען הָאט דֶעם 2 סֶעפְּטֶעמְבֶּער 1796 אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ גֶעזֶעץ, אַז יוּדֶען הָאבֶּען דִי אֵייגֶענֶע רֶעכְטֶע וָואס קְרִיסְטֶען. נָאר אַזוֹי וִוי דִי נַארִישֶׁע רַבָּנִים הָאבֶּען אַלֶץ גֶעלַיאַרֶעמְט אַז זַיי ווִילֶען קֵיין פְרַייהַייט נִיט, הָאט מֶען זַיי צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן אוּנ מֶען הָאט צוּגֶעשְׁרִיבֶּען, אַז מֶען גֵייטְה קֵיינֶעם נִיט אוּנ וֶוער עֶס וִויל מָאג זִיךְ בְּלַייבֶּען בַּיי זַיינֶע אַלְטֶע רֶעכְטֶע.

מֶען קָאן פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז אִין הָאללַאנְד הָאט דִי פָאלְקָאמֶענֶע יוּדִישֶׁע פְרַייהַייט נִיט אָנְגֶעמַאכְט אַזַא שִׂמְחָה וִוי אִין פְרַאנְקְרַייךְ; עֶס הָאט זִיךְ, פֶערְקֶעהְרְט, צוּ לִיעבּ דֶעם, אִין אַמְשְׁטֶערְדַם בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ גְרוֹיס מַחֲלוֹקֶת. דִי גֶעצֶאהלְטֶע עֶטְלִיכֶע אוֹיפְגֶעקְלֶעהרְטֶע הָאבֶּען גֶעוָואלְט, אַז דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער קְהִלָּה זָאלֶען אַוֶועקְלֵייגֶען זֵייעֶרֶע אַלְטֶע דְרָכִים אוּנ זָאלֶען זִיךְ נֶעהמֶען אַיינְפִיהרֶען נַייעֶ תַּקָנוֹת; דָאס הָאט יֶענֶע נִיט גֶעטוֹיגְט, וַוייל זַיי הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט מֶען זָאל זַיי נִיט אָנְהוֹיבֶּען אָפְּטֶער זָאגֶען דֵעוֹת אוּנ שְׁפֶּעטֶער זָאל מֶען זַיי גָאר אִין גַאנְצֶען נִיט אַרָאבְּנֶעהמֶען דִי קְרוֹין. דָאס הָאט גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ, וָואס דִי אוּנְצוּפְרִידֶענֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט מַאכֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער שׁוּל וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען „עֲדַת יְשֻׁרוּן", אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז אִיז פוּן זַיי גֶעוָוארֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער קְהִלָּה, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפִיהְרְט פְרַייעֶר: פוּן דֶער שְׁמוֹנָה-עֶשְׂרֵה הָאבֶּען זַיי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען דִי תְּפִלָּה „וְלַמַּלְשִׁינִים אַל תְּהִי תִקְוָה", זֵייעֶרֶע מֵתִים הָאבֶּען זַיי גֶעהֵייסֶען בֶּעגְרָאבֶּען עֶרְשְׁט אוֹיפְ'ן דְרִיטֶען טָאג, אוּנ אַ מֶרְחָץ הָאבֶּען זַיי אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט אַ נַייעֶם אוּנ הָאבֶּען זִיךְ נִיט אָנְגֶעפְרֶעגְט בַּיי דִי רַבָּנִים וִוי אַזוֹי צוּ מַאכֶען דִי מִקְוָה. אַוַדַאי הָאט יֶענֶער צַד, וָואס אִיז גֶעוֶועהן מֶעהר תַּקִיף, אָנְגֶעהוֹיבֶּען זַיי צוּ רוֹדֵפ'ן, מֶען הָאט זַיי אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין חֵרֶם, אוּנ מֶען הָאט זִיךְ אֲפִילוּ גֶעפְּרִיוְוט טָאמֶער וֶועט מֶען קָאנֶען פוֹעֵל'ן בַּיי דֶער מְלוּכָה זִי זָאל זַיי נִיט לָאזֶען לֶעבֶּען אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דֶער גְרוֹיסֶער קְהִלָּה. נָאר חָאטְשׁ דִי פְרוּמֶע זֶענֶען גֶעוֶועהן דֶער רֹב הָאבֶּען זַיי גָאר נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהרֶען אוּנ

אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר יאָהר, זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צוקוקען און האָבען געזעהען אַז עס איז ניט אַזאַ געוואַלד, האָט געמוזט ווערען אַ שלום. אין אַ קורצער צייט האָבען טאַקי די געלעהרטע יודען פון האָללאַנד דערגרייכט נאָר אַ גרויסע מדרגה: ר׳ יצחק דא קאָסטאַ אַטיאַס איז אים יאהר 1798 געוואָרען פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג, און עטליכע יודען, ווי מאָרעסקאָ און ר׳ משה אַסיר, האָבען פערנומען זעהר שיינע שטעללען ביי דער קרוין. האָללאַנד האָט געוויזען אַז זי מיינט עס גאַנץ ערנסט און די יודען האָבען דאָרט באַלד געפונען אַ פּלאַץ, וואו זיי האָבען געקאָנט גלאַנצען מיט זייערע מעלות.

מען קאָן אויך די פרומע יודען פון האָללאַנד וואָס האָבען זיך פריהר אַזוי אַרויסגעשטעלט אַקעגען דער פרייהייט, קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ניט איינמאָל האָבען זיי זייער האַלז געשטרעקט פאַר זייער אמונה, און האָבען די פרייהייט פערוואָרפען, וואָס מען האָט זיי פאַר דער אמונה געבאָטען, אָבער אַז זיי האָבען געזעהען, אַז מען גיט זיי די פרייהייט בתום לב און מען טשעפּעט די אמונה ניט, און אַז אדרבה די פרייהייט האָט בכח אַרויסצובריינגען פעהיגע יודען, וואָס קאָנען זיין אַ צירונג פאַר זייער פאָלק, האָבען זיי זיך זעהר געפרייט און זיי האָבען גערעכענט פאַר איין הייליגען חוב צו אַרבייטען פאַר זייערע ברידער אין אַנדערע לאַנדער, זיי זאָלען אויך בעקומען פרייהייט. צום ערשטען האָבען זיי זיך אומגעקוקט אויף דער לאַגע פון די יודען אין די קליינע דייטשע מלוכות, און האָבען געבעטען די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג זי זאָל זיך אָננעהמען פאַר די דייטשע יודען און געבען אָנצוהערען יענע מלוכות, אַז ווי באַלד זיי וועלען ניט מבטל זיין דעם שווערען יודישען מס וועט מען אין האָללאַנד אָנהויבען נעהמען פונקט אַזאַ מס ביי יעדען דייטש וואָס קומט אַהין צו פאָהרען, און דעמאָלט וועלען זיי דערפיהלען דעם טעם דערפון. אַוודאי האָט מען געפועלט, ווייל די קליינע דייטשע מלוכות האָבען מורא געהאַט זיך אַרויסצושטעללען געגען האָללאַנד און פראַנקרייך, און ביסלעכווייז זענען די דייטשע און איטאַליענישע יודען אויך געהאָלפען געוואָרען. אין אַ סך שטאָדט האָבען די יודען אויפגעהערט צו וואָהנען אין אַ בעזונדער ענגער יודישער גאַס, און קוים זענען די פראַנצויזען אַריין קיין ווענעדיג האָט מען באַלד צובראָכען די טויערן פון׳ם יודישען גהעטאָ, וואָס האָט ביז אַהער ניט צוגעלאָזט צו די יודען קיין ליכטיגע שיין. אין פּיעמאָנט האָבען די קריסטען אַלליין געמאַכט אַ יום טוב ווען דער מעמד פון די יודען האָט זיך פערבעסערט און

א נייסטליכער האט זיי בעגריסט אין שול מיט זעהר א פריינדליכע רעדע. אז די שטאדט קאלן איז איבערגעגאנגען צו די פראנצויזען האבען זיך באלד דארט אנגעהויבען בעזעצען יודען. איבערהויפט האט דאס פראנצאזישע חיל, אומעדום וואו עס האט נאר געשטעלט א פוס, בעפעסטיגט די פרייהייט און פאר די יודען האט זיך אנגעהויבען א נייער לעבען.

אין יענער צייט האט זיך געלאזט הערען אויף דער וועלט דאס גרויסקייט פון נאפאלעאן באנאפארט, וועלכער האט געוואלט ווערען א צווייטער אלכסנדר מוקדון, און האט זיך גענומען פערשפרייטען די מאכט פון פראנקרייך אין אללע ווייטע לאנדער. ער איז געגאנגען קיין מצרים, און פון דארט האט ער גערעכענט צו געהען אזש קיין אינדיען. ווען דאס טירקישע חיל פערשטעלט איהם ניט דעם וועג און עס הייבט זיך ניט אן א שווערע מלחמה. ארץ ישראל איז געווארען דער פלאץ פון א שרעקליך בלוט פערגיסענעש און צוויי שטאדט, אל־אריש און גזה, זענען אריינגעפאלען צו די פראנצויזען אין די האנד אריין. נאפאלעאן האט געשיקט זאגען די יודען, אז זיי וועט קיין שלעכטס ניט געשעהען, אז ער וועט פערקעהרט, אבנעהמען פון זייערט־וועגען דאס היילינע לאנד און זיי וועלען זיך ארויפשלאגען אויף זייער פריהרינען שטאנד; זיי האבען אבער מורא געהאט צו שטעלען אויף זיינע ווארטער, און דערצו זענען זיי טאקי געוועהן געטריי דער טירקישער מלוכה. עס איז אויך ניט שווער געוועהן צו פערשטעהען, אז דערמיט וואס נאפאלעאן זאגט זיי צו גאלדענע בערג מיינט ער נאר אבצונארען די צוויי יודישע מיניסטארען, ר׳ חיים מעלים־פרחי, וואס האט אבגעהיט די שטאדט עכו ביים ים, און זיין פאטער ר׳ שמואל פרחי, וואס איז געשטאנען אין דמשק, כדי זיי זאלען ביי זיך שלאבעריגער ווערען, און ער זאל זיך קאנען בענוצען מיט זייער שלאפקייט. די יודען זענען אבער קיין נאראנים ניט געוועהן און האבען גוט פערשטאנען, אז אזעלכע זיסע חלומות קאנען זיך אויסלאזען זעהר ביטער, און אז מען האט דערהערט אז נאפאלעאן הייבט זיך אן צוצוריקען קיין ירושלים, האבען אללע יודען געהאלפען בעפעסטיגען די שטאדט. מען האט געארבייט טאג און נאכט, דער רב ר׳ מרדכי יוסף מיוחס האט אפילו מתיר געוועהן צו ארבייטען אים שבת און האט אליין געלעגט דעם ערשטען שטיין ביי דער פעסטונג. א ביסעל האט אפילו נאפאלעאן געשפיעלט דאס גליק, אין טהאל יזרעאל האט ער איינגענומען מיט פיער טויזענד מאן דאס טירקישע חיל, וואס איז געוועהן זעכס מאל אזוי די גרויס. נאר ביי עכו האט ער געמוזט

בלייבען שטעהען אונ איז געצוואונגען געוועהן צוריק אוועק קיין מצרים. די צייט וואס ער האט פערבראכט אין ארץ ישראל האט אויסגעארבייט ביי איהם אין הארץ עפיס ווי אגעפיהל פון רחמנות צום יודישען פאלק, וואס האלט זיך אויף די פיס טויזענדער יאהר אונ פאלט ניט אונטער דער משא פון די צרות, אונ דערצו האט זיך נאך צוגעמישט ביי איהם דער געדאנק, אז פאר מענשען, וואס לעבען נאר מיט נסים מוז מען טאקי דרך ארץ האבען. דערפאר האט נאפאלעאן שפעטער, ווען די מאכט איז אין גאנצען איבערגעגאנגען צו איהם, בעפעסטיגט די יודישע פריהייט, האטש באמת איז ער ניט געוועהן קיין שטארקער אוהב ישראל, אונ האט עס אויך ניט געקאנט זיין, ווייל אין פראנקרייך האט די קאטאלישע קירכע פארט געשפיעלט די הויפטראללע אונ האט ניט געלאזט, אז פרעמדע רעליגיאנען זאלען שטעהען אויף א גלייכער מדרגה מיט איהר. דערפאר האט נאך אלאנגע צייט די מלוכה אין פראנקרייך זיך ניט געוואלט מישען צו דער יודישער אמונה, גלייך ווי זי ווייסט גאר פון איהר ניט; די יודען האבען טאקי געהאט אללע רעכטע, נאר וועגען גלויבען איז אין לאנד ניט געוועהן קיין שום געזעץ, עס האט געהייסען כמעט, אז מען לאזט זיי לויפען, אונ מען וויל זיך אויף זייער אינוועניג רעליגיאז לעבען גאר ניט אומקוקען, ניט שטערען אונ ניט שיטצען.

אזוי איז מען שוין געשטאנען ביי דער שוועל פונ'ם ניינצעהנטען יאהר-הונדערט אונ נאר אין פראנקרייך. האללאנד אונ איטאליען איז די יודען בעסער געוואָרען; אין עסטערייך אונ פרייסען, אונ אויך אין די הונדערטער קליינע דייטשע מלוכות, זענען זיי פערשווארצט געווארען ווי פריהר. אין בערלין האט מען אפילו די יודישע דאקטוירים ניט געוואלט אריין שרייבען אין צעטעל פון די וואס האבען דאס רעכט צו היילען קראנקע. אפילו אזעלכע צוויי גרויסע לייט ווי גאטהע אונ פיכטע, וואס ביי זיי האט, דאכט זיך, ניט בעדארפט אנגעהן שנאה צו פרעמדע פעלקער. האבען ניט געהאלטען פון יודען, אונ אז מען האט אנגעהויבען רעדען, אז עס וואלט א ישר געוועהן זיי מענשליכער צו בעהאנדלען, האבען די ביידע בעריהמטע דענקער שטארק פראטעסטירט געגען דעם. אז די געלעהרטע האבען געהאט אזעלכע שלעכטע מחשבות וועגען יודען, קאן מען שוין פערשטעהען וואס דאס פאלק האט איבערגעטהון רשעות. אומזיסט האבען נעביך מענדעלסזאהן'ס תלמידים אוועקגעלעגט אללע כוחות צו פערשפרייטען וויסענשאפט צווישען זייערע ברידער; אומזיסט האבען די יודען אלליין ביסלעכווייז מעהר געלערנט די ריינע דייטשע שפראכע; אומזיסט

האבען זיך די שאנסטע בערלינער בעלי בתים אבגעזאגט מיט'ן יודישקייט כדי זיי זאלען ניט דארפען איבערטראגען דעם קרומען קוק פון די קריסטען, די שנאה האט ניט געוואלט מאכען קיין חלוק: קוים נאר א יוד — האט מען געמאנט זיין א געבילדעטער, אפילו נאר א געוועזענער, און די פערגיפטעטע פיילען זענען שוין געפלויגען. די באזע צונגען האבען זיך געדרעהט אהן איין אויפהער, און אפילו די הענד האבען זיך געריכען ארויסצולאזען א קלאפ אויף דער אלטער איינגעבויגענער יודישע פלייצע. מען קאן ניט זאגען, צו יעדער צייט האבען די יודען געהאט אויך נוטע פריינד צווישען קריסטען; אויך דעמאלט האבען זיך פאר זיי אנגענומען א פאר קריסטליכע געלעהרטע און בעזאנדערס כריסטיאן גרונד, וואס איז ניט מיעד געווארען צו שרייען איבער דעם אונרעכט וואס מען טהוט די יודען; מען האט אבער די גוטע קולות ניט געקאנט ארויסהערען, קוים האט מען דערזעהען, אז איינער וויל זאגען פון די יודענס וועגען עפיס א רעכט ווארט, האט מען אנגעמאכט אזא ליארם, און דער זייטיגער מענש האט שוין גאר ניט געקאנט פערשטעהען, און האט נאר פערשטאנען, אז דעם יודען מאכט מען מיט דער בלאטע און מן הסתם קומט איהם טאקי אזוי.

בעזאנדערס איז פאר די יודען געוועהן א גרויסער בזיון דאס וואס יעדער דייטשער פירסט האט ביי זיי גענומען בעזונדער מס. קוים האט א יוד בעדארפט אריבערפאהרען די גרעניץ פון א קליינער דייטשער מלוכה, האט מען איהם שוין געהיט די נשמה, און ער האט געמוזט צאהלען געלד נאר דערפאר וואס מען ערלויבט איהם דורכצופאהרען. אזעלכע קליינע מלוכות זענען געוועהן כמעט הונדערט, א יודישער סוחר האט געקאנט אין איין טאג בייטען צעהן גרעניצען, און אומעדום האט מען איהם אבגעשטעלט, און ער האט געמוזט קויפען פאר געלד דאס רעכט ווייטער צו פאהרען. ביי יודען האט ניט אזוי אויסגעמאכט דאס געלד, ווי די בושה וואס מען פלעגט איהם פערהאלטען ווען אללע אנדערע זענען זיך געפאהרען פריי. מען האט זיך געפרווט צו נעהמען אזא מס אויך ביי די פראנצאזישע יודען, וואס האבען בעדארפט ארומפאהרען איבער דייטשלאנד, נאר פראנקרייך האט א ווינק געטהון, אז זי וויל עס ניט ליידען און מען האט זיי געמוזט צו רוה לאזען. דערפאר האט מען זיך אבער מעהר נוקם געוועהן אין די אייגענע דייטשע יודען.

ערשט אים יאהר 1803 האבען זיך צוויי יודען גענומען ארבייטען געגען דעם מס, און עס איז זיי געראטהען, וואס אין א טהייל ארטער האט מען איהם

מְבַטֵל גֶעוֶועהן. דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן ר׳ יִשְׂרָאֵל יַאקָאבְּזָאהן, וָואס הָאט גֶעפּוּעֶלְט בַּיים פִירְסְט פוּן בְּרוּינְשְׁוַויג עֶר זָאל אִין זַיין מְדִינָה אָבְּשַׁאפֶען דֶעם מַס, אוּנ ר׳ וָואלְף בְּרֵיידֶענְבַּאךְ, וָואס אִיז וֶועגֶען זַיין שַׁאךְ־שְׁפִּיעֶל גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב בַּיי פִיעל בַּארָאנֶען, אוּנ מֶען הָאט עֶס אִיהם גֶעמוּזְט צוּלִיעבּ טְהוּן. בְּרֵיידֶענְבַּאךְ אִיז אוֹיךְ גֶעפַאלֶען אוֹיף אַ שֵׂכֶל, אַז דִי יוּדֶען מוּזֶען זִיךְ פְּרִיוֶוען מִיט דֶער מַטְבֵּעַ; עֶר הָאט צוּשִׁיקְט בְּרִיעף אִין אַלֶע יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת מֶען זָאל זִיךְ צוּנוֹיפְלֶעגֶען אוּנ מֶען זָאל זִיךְ פָּשׁוּט מִיט גֶעלְד קוֹיפֶען רֶעכְטֶע.

דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען אָבֶּער זִיךְ דֶערְוואוּסְט דֶערְפוּן אוּנ הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דִי יוּדֶען וֶועלֶען טַאקִי אֶפְשָׁר עֶפִּיס מַאכֶען. אַוַדַאי הָאבֶּען זֵיי זִיךְ נִיט גֶעקֶאנְט בֶּערוּהִיגֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַרוֹיס צוּ טְרֶעטֶען גֶעגֶען זֵיי מִיט דֶער פֶעדֶער. מֶען הָאט אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען אַלֶע אַלְטֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען. אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיינֶע מְסִירוֹת גְרַאטֶענָאוֶוער: עֶר הָאט אוֹיף דִי יוּדֶען אוֹיסְגֶעגָאסֶען דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערֶע גַאל וָואס קָאן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטְ הַארְץ, אוּנ הָאט מִיט גַאֲוָה גֶעזָאגְט אַז עֶר רֶעכֶענְט זִיךְ אַלֵיין פַאר׳ן „הָמָן״ פוּן דֶער נַייֶער צַייט. אִיהם הָאבֶּען אוּנְטֶערְגֶעהָאלְפֶען נָאךְ אַ סַךְ קְלֵיינֶע הָמָן׳ס אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַזַא גֶעוַואלְד, אַז אֲפִילוּ דִי גֶעלֶעהְרְטֶע קְרִיסְטֶען, וָואס פְלֶעגֶען זַיין גֶאסְט בַּיי הֶענְרִיעטֶע הֶערְץ, הָאבֶּען זִיךְ גָאר גֶעמוּזְט שֶׁאמֶען, אוּנ הָאבֶּען פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַאטְשֶׁעפֶּען מִיט מֶענְשֶׁען אָהן גֶעוִויסֶען אוּנ אָהן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי בֶּערְלִינֶער יוּדֶען, וֶוען זֵיי הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶען וִוי דִי אַלְטֶע שִׂנְאָה הָאט זִיךְ בֶּענַייהט נָאךְ מִיט אַ גְרֶאסֶערֶער קְרַאפְט. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע פֶערְלָארֶען אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוואוּסְט וָואס מֶען הֵייבְּט אָן צוּ טְהוּן. פְרִיהֶר הָאבֶּען זֵיי גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיסְטַעֲנָה׳ן מִיט דִי שׂוֹנְאִים אוּנ זֵיי אָנְפֶערְן מִיט בֶּעזוּנְדֶערֶע סְפָרִים, נָאר זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד מְיַשֵׁב גֶעוֶועהן, אַז דֶערְמִיט וֶועלֶען זֵיי וֶוענִיג הֶעלְפֶען אוּנ אֶפְשַׁר נָאךְ מֶעהר קַאלְיֶע מַאכֶען, וַוייל דִי שׂוֹנְאִים פְרֶאגֶען נָאר אֵייגֶענְטְלִיךְ קֵיין קֻשְׁיוֹת נִיט מֶען זָאל זֵיי דַארְפֶען גֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה, אוּנ זֵיי וֶועלֶען נָאךְ דַאנְקֶען נָאטְט וֶוען זֵיי וֶועלֶען הָאבֶּען צוּ וָואס זִיךְ צוּ טְשֶׁעפֶּען; דֶערְפַאר אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען זֵיי זָאלֶען בֶּעטֶען דִי פָּאלִיצְיֶע מֶען זָאל נִיט דֶערְלָאזֶען אֶפֶענְטְלִיךְ צוּ טְהֵיילֶען אִין דִי גַאסֶען בִּיכְלֶעךְ וֶועגֶען יוּדֶען, סַאי אוֹיף שְׁלֶעכְטֶען, סַאי אוֹיף גוּטֶען. עֶס אִיז שׁוֹין אָבֶּער שְׁוֶוער גֶעוֶועהן צוּ פֶערְשְׁטָאפֶּען דִי מַיילֶער, אוּנ פוּן אַלֶע זַייטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעשִׁיט מְסִירוֹת אוּנ מֶען הָאט הָאט גָאר גֶעהַאט צוּ טְהוּן מִיט יוּדֶען, גְלֵייךְ

ווי צו ליעב זיי זענען גאנץ פרייסען און אללע דייטשע מלוכות געוועהן אין א סכנה. ניט נאר אין בערלין, אויך אין ברעסלויא און פראנקפורט אם מאין האבען זיך געפונען אזעלכע חכמים, וואס זענען געפאלען אויף פרעה׳ס שכל און האבען געשריגען, אז מען טאר ניט דערלאזען יודען זאלען זיך אזוי מעהרען און מען מוז זוכען מיטעל צו פערקלײנערן די צאהל פון די יודישע יונגלעך. אין א סך ערטער וואלט אפילו שוין געקומען צו א געשלאג אויך; נאר די נײסטליכע האבען א ביסעל אבגעהאלטען דערפון. די לאגע איז געווארען אזוי טרויעריג, אז אפילו די יודען אלליין האבען אנגעהויבען טראכטען אין עצה ווי אזוי שטיללער צו מאכען דעם כעס פון די שונאים, און איינער פון זיי האט פארגעלעגט, אז די מלוכה זאל ארויסגעבען א געזעץ, אז יעדער יוד איז מחויב וועניגסטענס צוויי פון זיינע קינדער חתונה צו מאכען פאר קריסטען. אזא נארישער פלאן האט געקאנט איינפאלען א יודען, און דאס אלליין בעווייזט ווי וויים דאס אומגליק האט בײ איהם צוגענומען דעם שכל.

פון דעסטוועגען נאר אין גאנצען שווייגען איז די יודען געוועהן אונמעגליך, און צוויי יודישע שרייבער פון האמבורג און קאניגסבערג, וואס האבען ניט געוואלט ארויסשטעלען זייערע נאהמען, האבען זיך גענומען פשוט חוזק מאכען פון די שונאי ישראל און אבשפעטען פון דעם געוואלד, וואס זיי מאכען אן. איינער פון זיי האט אפילו אויסגעוויזען, אז דאס גאנצע געשריי געהערט זיך דווקא פון דעם, וואס יודען בילדען זיך, וואס זיי רעדען שוין אזוי ריין דייטש, אז מען קאן זיך זיי ניט נאכקריכען, וואס זיי טראגען מעהר קיין בארד ניט, ביי וועלכע מען זאל זיי קאנען רייסען. אוודאי האבען זיך די עדלערע קריסטען געשעמט, נאר די שונאים האבען פון קיין בושה ניט געוואלט וויסען, און האבען ניט אויפגעהערט אונטערצוהיטצען דאס פאלק. ערשט אז פרייסען האט געהאפט א גוטען קלאפ ביי דער מלחמה נעבען יענא, ערשט אז די פראנצויזען האבען זיך אריינגעהאפט קיין דייטשלאנד און האבען מיט זיך אריינגעבראכט אין לאנד די פרייהייט, האט אנגעהויבען די יודען בעסער צו ווערען; די דייטשען האבען זיך אלליין געמוזט אין זין האבען און דאריבער האבען זיי שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט און זענען געצוואונגען געוועהן די יודען א ביסעל אראב צווארפען פונ׳ם קאפ.

אין דער דאזיגער פינסטערער צייט, ווען די דייטשע יודען האבען געמוזט ציהען זייער פרנסה נאר פונ׳ם האנדעל און דאס אלליין האט מען זיי אויך ניט פערגונען און מען האט געשריגען, אז זייער גאנצער מסחר איז נאר

געבויעט אויף שווינדעל, האט א יודישער סוחר געוויזען דער וועלט, אז ניט שטאנדיג איז עהרליך דווקא שעדליך, אונ אז ווען דאס שטיקעלע הצלחה דיענט קאן אויך דער פערשטויסענער יוד שטייגען גאנץ הויך. דאס איז געוועהן ר׳ מאיר אנשיל ראטהשילד, וואס איז געבארען געווארען אין פראנק־פורט אם מאין אים יאהר 1743. זיינע עלטערן זענען געוועהן פראסטע בעלי בתים אונ האבען מן הסתם געוואלט פון זייער קינד מאכען א גרויסען למדן. נאר דעם קליינעם ראטהשילד האט זיך ניט געגלוסט ליעגען אין פורטה אין דער ישיבה; איהם האט עס געטראגען צו דער האנדעלסוועלט, אונ גאר מיט א קליין קאפיטאל האט ער זיך געאפפענט א געשעפט אונ איז געווארען א באנקיר. א סך יאהרען האט ער געהארעוועט ביז ער האט בעקומען א רעכטען נאהמען, אונ ערשט אים יאהר 1801 האט איהם דער קורפירסט פון העסען, וויל־העלם, געמאכט פאר זיין אגענט, אונ ער איז ביי איהם געווארען דער גראסטער חשוב. דעמאלט איז שוין ראטהשילד געוועהן אין גרויסען נאמען אונ איז שוין אויפ׳ן אנדערן יאהר אים שטאנד געוועהן צו מאכען דער מלוכה פון דענעמארק איין הלואה פון צעהן מילליאן טהאלער. אים יאהר 1806 זענען די פראנצויזען געשטאנען ניט ווייט פון פראנקפורט אם מאין, אונ מען האט זיך יעדען טאג געקאנט רעכטען, אז אט וועלען זיי אריין אין שטאדט, אונ וועלען פון איהר א תל מאכען. אוודאי האט זיך יעדער פערמעגליכער בעל הבית געשראקען אונ אויף ראטהשילד׳ן האט געווים געציטערט די הויט, ווייל ער איז שוין דעמאלט געוועהן בעקאנט פאר א מילליאנער אונ ער האט געוואוסט אז צום ערשטען וועט מען זיך נארפען צו איהם. פלוצלונג איז צו איהם איין מאל ביי נאכט געקומען דער קורפירסט ווילהעלם, אונ האט איהם מגלה גע־וועהן א סוד, אז אויפ׳ן אנדערן טאג וועלען די פראנצויזען אבנעהמען פראנק־פורט, אונ אזוי ווי ער מוז באלד אנטלויפען לאזט ער ביי איהם איבער עטליכע מילליאן נאלד, ווייל פיהרען עס מיט זיך קאן ער ניט, אונ קיין אנדער בעגלויבטען וואס מען זאל איהם מאגען געטרויען אזא סומע האט ער ניט. אומזיסט האט איהם ראטהשילד געגעבען צו פערשטעהען, אז ער קאן דאס געלד ניט נעהמען, ווייל זיין הויז שטעהט אויפ׳ן ערשטען פייער; דער קורפירסט האט פון קיין זאך ניט געוואלט הארען, ער האט איהם כמעט דאס געלד אנ־געווארפען אונ האט איהם נאר ביים געזעגנען געזאגט, אז ער פערלאזט זיך אויף איהם, אונ אויב עס וועט איהם ניט געראטהען אבצוהיטען זיינע מילליאנען וועט ער צו איהם קיין טענה ניט האבען. דער קורפירסט איז אוועק, די

פראנצויזען וועגען טאקי אין דער פריה אריין קיין פראנקפורט, און מען האט מן הסתם קודם כל אבגעראבעוועט ראטהשילד'ן. שפעטער איז געווארען שלום, די שטאדט האט זיך בערוהיגט, יעדער האט זיך גענומען צו זיינע געשעפטען, און מען האט גאר ניט בעמערקט ווי גיך ראטהשילד האט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס און האט נאך אנגעהויבען שפיעלען א גרעסערע ראללע ווי פריהר. אין א פאר יאהר ארום איז אויך דער קורפירסט צוריקגעקומען און אזוי ווי ער האט שוין געהערט ווי מען האט זיך אבגערעכענט מיט ראטהשילד'ן, האט ער פערשטאנען אז פון זיין פערמעגען איז גאר ניט געבליבען. עס איז איהם אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען עפיס צו פאדערן ביי ראטהשילד'ן, נאר ער האט איהם גלאט אזוי געשיקט רופען, ער זאל מיט איהם איבערערעדען וועגען איין הלואה. ווי פערוואונדערט איז ער אבער געווארען, אז ראטהשילד האט איהם באלד דערפראהט מיט א בשורה, אז ער דארף ביי קיינעם ניט בארגען. און אז ער קאן צו יעדער צייט בעקומען זיין געלד מיט פראצענט. דעמאלט האט זיך ארויסגעוויזען, אז נאך אין דער איינענער נאכט וואס דער קורפירסט האט איהם איבערגעגעבען דאס געלד האט ער עס איינגעמויערט אין דער וואנד און ביי זיך אין קאסע האט ער איבערגעלאזט זיין איינען קאפיטאל, כדי דער שונא זאל האבען וואס צו ראבעווען און זאל זיך ניט שטויסען. אז מען דארף נאך ערגיץ אנדערש זוכען. אזוי האט ער מציל געוועהן דאס געלד און דערנאך האט ער דערמיט אנגעהויבען מאכען געשעפטען, און דער אויבערשטער האט איהם מצליח געוועהן. דער קורפירסט האט, פערשטעהט זיך, קיין פראצענט ניט געוואלט נעהמען, און האט נאך דעם סוד פון ראטהשילד'ס עהרליכקייט מודיע געוועהן אללע מלכים פון גאנץ אייראפא; די גרעסטע הלואות האט מען ביי איהם געמאכט, און ער איז אין גאנץ אייראפא זעהר גרויס געווארען. אים יאהר 1812 איז ר' מאיר אנשיל ראטהשילד געשטארבען און האט איבערגעלאזט פינף זיהן און פינף טאכטער, וועלכע האבען זיך אללע געפיהרט ווי זייער פאטער און זענען געבליבען טריי זייער אמונה: און זייער פאלק, האבען זיך אויך קונה שם טוב געוועהן דורך מעשים טובים און צדקה, און אזוי פיהרען זיך אללע זכרים פון דער בעריהמטער גליקליכע פאמיליע עד היום הזה.

4 די נייע סנהדרין.

(1806—1818 נאך קריסטוס געבורט).

אז נאפאלעאן באנאפארט איז געווארען קייזער פון פראנקרייך און כמעט גאנץ אייראפא האט פאר איהם אנגעבויגען דעם קאפ, האבען זיך זיינע מחשבות שטארק פאראנדערט וועגען יודען. פריהר איז ער זיי אויך ניט געוועהן קיין גרויסער דורש טוב, און אז ער האט נאך א ביסעלע דערפיהלט אין אזיען דעם כח פון זייער עקשנות, און ער האט אפשר גערעכענט, אז צו ליעב זיי איז צושטערט געווארען איינער פון זיינע בעסטע חלומות, האט ער אנגעהויבען קוקען נאר קרום אויפ'ן יודישען פאלק. דאס האבען אנגעשמעקט די יודישע שונאים אין עלזאס, לאטרינגען און די איבריגע געוועזענע דייטשע פראווינצען, און האבען זיך ענטשלאסען אנצוטראגען נאפאלעאן אין די אויערן אללע מסירות אויף יודען, וואס מען קאן נאר אויסטראכטען. אין עלזאס האט די רעוואלוציאן ארעם געמאכט די יודען גלייך מיט די קריסטען און אז עס איז שטיל געווארען האבען די יודען אלליין ניט געוואוסט צו וואס זיי זאלען זיך נעהמען. צו מלאכות און ערדארבייט האט מען זיי ניט צוגעלאזט און זיי זענען געצוואונגען געוועהן זיך צו האפען צו דער אלטער פרנסה — צו פראצענט. דאס פערשטעהט מען, אז מיט פראצענט האבען זיך נאר געקאנט בעשעפטיגען די דאזיגע געצאהלטע בעלי בתים, וואס עס איז זיי נאך עפיס געבליבען, און זיי האבען אייגענטליך די כויערן געהאט צו פערדאנקען וואס מען האט זיי געגעבען געלד אויף ערד־קויפען און וואס אין א קורצער צייט האט זייער ערד בעטראפען אריבער זעכציג מיליאן פראנק, און שולדיג זענען זיי געוועהן דארויף אין גאנצען נאר א זעכסטעל. דערפון איז לייכט ארויסצוזעהען, אז די יודען האבען בדוקא ניט בערויבט די כויערן, און האבען זיי אויסגעהאלפען אין אזא צייט, ווען אהן יודיש געלד וואלט פון זיי געווארען א תל; נאר פון דעסטוועגען האבען זיך די שונאים בענוצט נאר דערמיט, וואס מען האט סתם די יודען געהאלטען פאר פראצענטניקעס, און האבען אנגעמאכט א געוואלד, אז די יודען זייגען אויס דאס בלוט פון די איינוואהנער, און מען קאן שוין פון זיי ניט אויסהאלטען. מערקווירדיג איז, וואס האבער פון אללע האבען געשריגען די סוחרים פון שטראסבורג, האטש דארט האבען געוואהנט לויטער בכבודע יודישע משפחות, ווי סערף־בער, ראטיבאן און פיקאר, וועלכע האבען

גֶעלֶעבְּט פוּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע נַחֲלוֹת אוּנ קֵיין יוּדִישֶׁע פְּרָאצֶענְטְנִיקֶעס וֶוענֶען נָאר דָארְט נִיט גֶעוֶועהן. דִי שְׁטְרַאסְבּוּרְגֶער סוֹחֲרִים הָאבֶּען פָּשׁוּט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְפַּטֶר'ן דִי יוּדֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען נִיט בֶּעדַארְפֶען מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דִי יוּדִישֶׁע פֶעהִיגְקֵייטֶען אִין מִסְחָר, אוּנ דֶערְפַאר, אַז נַאפָּאלֶעאָן אִיז אִים יָאהר 1806 אַרֵיינְגֶעפָאהְרֶען קֵיין שְׁטְרַאסְבּוּרְג, הָאט מֶען אִיהם דֶערְלַאנְגְט אַ גַאנְצֶע מְגִלָּה וואו מֶען הָאט בֶּעשְׁרִיבֶּען, אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען דִי שֶׁאדְלִיכְסְטֶע מֶענְשֶׁען, אַז מִיט קֵיין עֶהְרְלִיכֶער אַרְבֵּייט ווילֶען זֵיי זִיךְ נִיט אָבְּגֶעבֶּען, אַז זֵייעֶר גַאנְץ בְּרִיָה'שַׁאפְט בֶּעשְׁטֶעהט נָאר אִין שְׁווינְדֶעל אוּנ אָבְּנַארֶערַיי, אַז דָאס פָאלְק וָואלְט זֵיי גֶעוָואלְט דֶערְטְרֶענְקֶען אִין אַ לֶעפֶעל וַואסֶער אוּנ אַז ווִי בַּאלְד דִי מְלוּכָה וֶועט זִיךְ נִיט אָנְנֶעהמֶען וֶועט פַאר דִי יוּדֶען אֶרְגֶער זַיין, וַוייל מֶען וֶועט זֵיי אוֹיסְקוֹילֶען גָאר אָהן רַחֲמָנוּת. אַזַא מִין מְסִירָה הָאט נַאפָּאלֶעאָן אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט אִין כַּעַס, אוּנ עֶר אִיז שׁוֹין פֶערְטִיג גֶעוֶועהן צוּ גֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל, מֶען זָאל בַּיי דִי יוּדֶען צוּנֶעהמֶען דִי רֶעכְטֶע; בֶּעזָאנְדֶערְס וֶוען דִי שְׁרַייבֶּערְס בָּאנַאל, שַׁאטָאבְּרִיאַן אוּנ פָאנְטַאן הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ צוּפַייעֶרְט אוּנ אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מְקוֹרָבִים, דֶער גְרַאף מָאלֶע, וָואס אִיז אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן יוּדֶען, הָאט זֵיי אוּנְטֶערְגֶעהָאלְפֶען. דָאס גְלִיק אִיז אָבֶּער גֶעוֶועהן וָואס צְוֵויי גְרוֹיסֶע לַייט, רֶעגְנִיאַל אוּנ סֶעגוּר, הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי יוּדֶען אוּנ הָאבֶּען פֶערְשְׁטֶעהֶען גֶעגֶעבֶּען דֶעם קֵייזֶער, אַז וֶוען אֲפִילוּ מֶען זָאל גְלוֹיבֶּען, אַז אַלְדִינְג וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף דִי עֶלְזַאסֶער יוּדֶען, אִיז אֱמֶת, טָאר מֶען נִיט דֶערְלָאזֶען, אַז צוּ לִיעבּ עֶטְלִיכֶע שׁוּלְדִיגֶע זָאלֶען לַיידֶען אַ סַךְ אוּמְשׁוּלְדִיגֶע. זֵיי הָאבֶּען אוֹיךְ אָנְגֶעוִויזֶען, אַז דִי יוּדֶען פוּן בָּארְדָא אוּנ מַארְסֶיעל זֶענֶען זֶעהר גֶעשֶׁאצְט אוּמֶעדוּם, אוּנ אַז נַאפָּאלֶעאָן אַלֵיין הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט אָרְדֶענְס פַאר זֵייעֶר גֶעטְרַיישַׁאפְט דֶער מְדִינָה. דָאס הָאט אַ בִּיסֶעל גֶעשְׁטִילְט נַאפָּאלֶעאָנ'ס צָארְן, עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעלֶעגְט אַז פֶערְמִשְׁפָּט'ן אַ גַאנְצֶע נַאצְיָאן נָאר דֶערְפַאר, וָואס אַנְדֶערֶע הָאבֶּען זֵיי פַיינְד אוּנ זוּכֶען אוֹיף זֵיי חֲטָאִים אִיז נִיט אַזַא יָשָׁר, אוּנ הָאטְ'שׁ בַּיי אִיהם אִין הַארְץ אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען גֶענוּג שִׂנְאָה פוּן פְרִיהֶער אוּנ פוּן אַצוּנְד, וָואס מֶען הָאט אִיהם אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט, אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען, מֶען זָאל אוּמְהֶערֶען דִי מֵיינוּנְג פוּן דִי יוּדֶען אַלֵיין, אוּנ עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אַז דִי יוּדֶען זָאלֶען אוֹיסְקְלוֹיבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ עֶדְלֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זָאלֶען בֶּעקְלֶעהְרֶען דִי מִיטֶעל, וֶועלְכֶע דִי מְלוּכָה מוּז טְהוּן, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ מֶעהר אוֹיף זֵיי נִיט דַארְפֶען בֶּעקְלַאגֶען. דֶערְבַּיי הָאט עֶר פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל, אַז דִי אַלֶע יוּדִישֶׁע עֶרֶעלַייט זֶענֶען מְחוּיָב אָבְּצוּגֶעוָואהנֶע

די יודען פון זייערע שאנדליכע פּרנסות, און אײַנפֿירען בײַ זײ ערענטליכע מלאכות, און אויסער דעם האט ער געמאכט אַז אין אַ צייט פון אַ יאהר זאָלען די יודען ניט טאָרען מאַנען זייערע חובות בײַ קריסטען. דאס איז געווען אַ קלאפּ, וואס די יודען האבען איהם געמוזט שטאַרק פיהלען נאָך די ערשטע עטליכע גוטע יאהר וואס זײ האבען געהאט אין פראַנקרייך.

מיט אַ שווער האַרץ זענען זיך צונויפגעקומען קיין פּאַריז די יודישע דעפּוטאַטען: זײ האבען פערשטאַנען אַז מען רופט זײ צונויף, זײ זאָלען אויסהאָרען אַ גאַנץ צעטעל פון זינד און, אַז זײ האבען דערזעהען אַז די מלוכה האט פון איהר זייט בעשטימט דעם גראף מאָלע. וועלכער האט זיך שוין אַרויסגעוויזען אַ צורר היהודים, האבען זײ זיך געשראָקען טאמער וויל מען זײ גאָר ניט אויסהאָרען און מען פאַרדערט נאָר פון זײ, אַז זײ זאָלען זיך מודה זיין אַז זײ זענען טאַקי אומגערעכט. צום גליק זענען שוין אָבער צווישען די פּראַנצאָזישע יודען דעמאָלט געוועהן גענוג גרויסע מענשען, און אַז מען האט בעדאַרפט אויסקלויבען איבער הונדערט דעפּוטאַטען איז דער גורל געפאַלען אויף אַזעלכע יודען, וועלכע זענען נאָר געוועהן פערשיעדען צווישען זיך אין די דעות וועגען אמונה, אָבער אַללע גלייך זענען זײ פערבונדען געוועהן מיט ליעבע צו זייער פאָלק, און זענען פערטיג געוועהן דעם אמת יעדען צו זאָגען אין די אויגען. אַוודאי האבען די גאַנצע אַרבייט איבערגענומען אויף זיך דער אַלטער ר׳ יצחק בער, וואס האט פון זיין יוגענד אָן ניט אויפגעהערט זיך צו בעמיהען פאַר זיינע ברידער, זיין זוהן ר׳ מיכאל בער, דער ספרדישער רב ר׳ אַברהם אַנדראַדע, דער שטראַסבורגער רב ר׳ יוסף דוד זינצהיים, דער מאַנטואַ׳ר רב ר׳ אַברהם וויטא דיקאָלאָניא, און נאָך אַנדערע לומדים און געלעהרטע. בעזאָנדערס האט זיך אויסגעצייכענט ר׳ אַברהם פורטאַדאָ פון באָרדאָ וועלכער האט גענוג זיך אָנגעליטען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. ער איז אַרויסגעקומען פון מאַראַנען און האט׳ש גאַנצע צוויי הונדערט יאהר זענען שוין אַוועקגעגאַנגען זייט זיין גאַנצע משפחה האט געמוזט לפנים אָננעהמען דאס קריסטענטהום, זענען זיינע עלטערן געטריי געבליבען דעם יודענטהום, און האבען אַלץ געוואַרט אויף דער גוטער שעה זײ זאָלען קאָנען אָפענטליך ווערען יודען. אַז אין ליסאַבאָן איז געוועהן דאס גרויסע ערדציטערניש, איז זיין פאָטער דערהרג׳ט געוואָרען און אויף דער מוטטער, וואס זי איז דעמאָלט געוועהן אויף דער צייט, איז אַרויפגעפאַלען אַ גאַנץ הויז, און מען האט זי שוין אויך גערעכענט פאַר פערלאָרען. צווישען

דעם הויפען שטיינער, וואו זי איז געלעגען פערשיט, האט זי אבער ניט אנגעוואָרען איהר האפנונג, אונ האט א נדר געטהון, אז ווי באלד זי וועט
נצל ווערען מזו זי אוועק פון פארטוגאל אונ ווערען א יודיש קינד. אזוי איז
טאקי געשעהען, טאקי נאר מיט נסים איז זי געבליבען לעבען, אונ איז באלד
אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן, אונ דארט האט זי מיט מזל געהאט א זוהן,
וואס פון איהם איז נאך דעם אויסגעוואקסען איינער פון די שאנסטע בעלי
בתים אין בארדא. צווישען די דעפוטאטען זענען אויך געוועהן נאר פרומע,
אונ אזוי ווי ביי דער ערשטער אסיפה איז בעשטימט געוואָרען מען זאל שבת
אויסקלויבען א פרעזידענט פון דער פערזאמלונג, איז שוין געוואָרען א שאלה: צו
מאג מען אים שבת קלויבען? די פרומע רבנים האבען געזאגט, אז שבת איז
א טאג פון רוה אונ מען טאר זיך אפילו ניט צונויפקומען, אונ די פרייערע
האבען געשריגען, אז עס מאכט נאר ניט אויס, אונ עס איז דוקא בעסער מען
זאל שוין טאקי ווייזען דער מלוכה, אז דארט וואו מען דארף אבהיטען די
געזעצע פונ'ם לאנד קוקען זיך די יודען ניט אום אויף זייערע אייגענע דינים.
עס וואלט שיער געקומען צו א גרויס מחלוקת, ווען מען מאכט ניט א פשרה,
אז יעדער זאל נאך פרייטאג אנשרייבען זיין צעטעל, ווען ער וויל אויס־
קלויבען פאר א פרעזידענט, אונ שבת זאל ער עס מיטברענגען צו דער אסיפה.
מען האט זיך טאקי אזוי נוהג געוועהן, אונ פרעזידענט איז געוואָרען ר' אברהם
פורטאדא. ביסלעכווייז זענען ביי זיך די דעפוטאטען געוואָרען שטארקער
אונ אז זיי האבען געזעהען ווי די מלוכה גיט זיי אב כבוד, ווי זי האט גע־
שטעלט פאר דעם זאל, וואו זיי האבען זיך פערזאמעלט, א וואך מיט מוזיק
אונ האט בעשטימט א בעזונדער אפיציער, וואס זאל אויספאלגען אללע בע־
פעהלע פונ'ם פרעזידענט; האבען זיי פערשטאנען, אז זיי האבען אויף זיך
גענומען זעהר א ערנסטע שליחות, אונ אז נאפאלעאן וויל טאקי האבען פון
זיי א רעכטע תשובה אויף אללע שאלות, וואס די שונאי ישראל האבען אין
דער לעצטער צייט אויפגעוועקט. דעמאלט האט איינער פון די דעפוטאטען
ר' ליפא סערף בער געזאגט א פייערינע רעדע, אונ האט געענדיגט זיין
דרשה מיט די דאזיגע ווארטער: מיר מוזען פערגעסען צו זענען מיר פון עלזאס
אדער פון ערגיץ אנדערש, „אלס איינע מיוחסים זענען מיר אללע, צוזאמט אונ
צושפרייט זענען מיר אויף דער וועלט, נאר איין נאטט דיענען מיר, אונ
פון איין ליעבע דארפען מיר וויסען צו דער לאנד, וואס שיצט אונז אונ האט
דאס רעכט צו פאָדערן פון אונז איבערגעבענהייט אונ געטריישאפט".

צו דער אנדערער אסיפה האט מען די דעפוטאטען איבערגעגעבען צוועלף שאלות אויף וועלכע מען האט פערלאנגט צו האבען פון זיי א קלארע תשובה. א טהייל שאלות זענען געוועהן וועגען גיטין, חתונות און רבנים, און מען האט זיי אויך געפרעגט: צו מאגען יודען נעהמען עטליכע ווייבער און זיך משדך זיין מיט קריסטען? די הויפט פראגע אבער איז בעשטאנען אין דעם: צו בעטראכטען די פראנצאזישע יודען פראנקרייך פאר זייער פאטערלאנד, די פראנצויזען פאר זייערע ברידער, און די געזעצע פונ'ם לאנד פאר הייליג? די דאזיגע פראגע האט פיעל דעפוטאטען געקראנקט, ווייל זיי האבען זיך נאר ניט גערעכט, אז מען זאל זיי נאר פרעגען אויף אזא זאך. זיי האבען זיך שוין לאנג גערעכענט פאר אמת'ע פראנצויזען, און אז מען האט פארגעלעזען די פראגע האבען זיי זיך ניט געקאנט איינהאלטען און האבען א געשריי געטהון: „מיר בלייבען געטריי אונזער פאטערלאנד ביז צום טויט!"

די דעפוטאטען האבען באלד אויסגעקליבען צווישען זיך א קאמיסיע פון פיער מענשען, וואס האבען אויף זיך גענומען אויסצוארבייטען, אונטער דער השגחה פונ'ם רב ר' יוסף דוד זינצהיים, א תשובה אויף אללע שאלות, און עס איז געבליבען אז ביי דער דריטער אסיפה זאל מען איבער קוקען די תשובה, און אז אללע דעפוטאטען וועלען געבען דארויף זייער הסכמה זאל מען עס דערנאך דערלאנגען דער מלוכה. די ערשטע צוויי שאלות וועגען חתונות און גיטין האט מען ערקלעהרט גאנץ איינפאך און אללע דעות זענען געוועהן גלייך, ביי דער דריטער שאלה אבער, צו מאגען זיך יודען משדך זיין מיט קריסטען, האט זיך אנגעהויבען א חלוקי דעות: ביי פיעל דעפוטאטען האט עס ניט אויסגעמאכט, נאר די רבנים און די לומדים האבען אבער דערצו ניט געקאנט מסכים זיין. פון דעסטוועגען האבען די דעפוטאטען זיך אויסגעגלייכט דערמיט, וואס זיי האבען געאנטווערט אז קיין בפירושער איסור דארויף איז ניטא, ווייל די תורה האט נאר אנגעזאגט מען זאל זיך ניט משדך זיין מיט די כנענים, און אזוי ווי קריסטען זענען ניט געטצענדיענער קאן מען זיי ניט רעכענען צווישען די פעלקער וואס מען טאר מיט זיי זיך ניט מתחתן זיין, פאר די רבנים וועט אודאי ניט אזוי גרינג זיין מסדר קדושין זיין ביי אזא געמישטער חתונה, גאר די קאטאלישע גייסטליכע וועלען אויך ניט מרוצה זיין צו געבען זייער ברכה אזא פאר פאלק; דער ווידער, וואס האט חתונה מיט א קריסטין בלייבט אלץ א יוד, און מען רעכענט עס איהם ניט פאר אזא עבירה, וואס דארף איהם אין גאנצען אבברייסען פון זיין אמונה. די אללע

איבריגע שאלות זענען ווייטער בעהאנדעלט געווארען רוהיג און איבערלעגט, און אז עס איז געקומען צו דעם וואס די יודען בעשעפטיגען זיך מיט פראצענט און צו קוקען זיי אויף פראנקרייך ווי אויף א פאטערלאנד, האבען די דעפוטאטען אויסגעוויזען, אז די יודען ווילען אליין אוועקווארפען די שאנדליכע פרנסה, און ווען מען לאזט זיי נאר, געפינען זיי באלד שאנערע מיטעל צום לעבען און בעצאהלען דערפאר דעם לאנד מיט ליעבע און געטריישאפט, ווייל זיי רעכנען עס פאר׳ן ערשטען חוב, און אזוי בעפעהלען אללע יודישע הייליגע ספרים, וועלכע שרייבען אז יודען זאללען בעטראכטען אללע מענשען ווי ברידער.

א חוץ דעם ריינעם אמת, וואס איז געלעגען אין די תשובות, זענען זיי געוועהן אנגעשריבען מיט גרויס שכל און ישוב הדעת, און קוים זענען זיי געקומען צו נאפאלעאן אין די האנד אריין האט ער נאר אנדערש אנגעהויבען קוקען אויף יודען, און האט געלאזט זאגען די דעפוטאטען, אז אלדינג וואס מען האט אנגערעדט אויף זייער פאלק איז אין זיינע אויגען בטל ומבוטל, און אז עס וועט ביי קיינעם פון זיי קיין האר ניט געקרימט ווערען. דא איז יא מקוים געווארען דער פסוק: ברצות ה׳ דרכי איש גם אויביו ישלים אתו: ווען גאטט בעגליקט א מענשען ווערן פון זיינע שונאים אויך גוטע פריינד. דער איינציגער גראף מאלע, וואס האט קיין יודען ניט געקאנט אנקוקען, האט געמוזט די דעפוטאטען איבערגעבען נאפאלעאן׳ס רצון, און האט זיי דערצעהלט ווי דער קייזער האט מיט גרויס פערגניגען געלעזען זייערע תשובות, און אצונד וויל ער נאך, טאקי פון זייער טובה ווענען, פארדערן ביי זיי איין ערבות אז אלדינג וואס זיי האבען געאנטפערט וועט בלייבען פעסט, און אזוי וועלען זיי זיך פיהרען אין זייער אינוועניג רעליגיאז לעבען.

פון דעם ערבות, וואס נאפאלעאן האט געפאדערט פון די דעפוטאטען, זענען זיי גאר געווארען מלא שמחה, ווייל ער האט זיי פארגעלעגט, אז זיי זאלען אין פאריז בענייהען א סנהדרין, וואס זאל האבען צו שאפען איבער אללע יודען פון דער גאנצער וועלט, און זיי האבען זיך געלאזט איינרעדען אז דאס איז דער ערשטער שריט צו זייער אמת׳ער פרייהייט, און אז פון פראנקרייך וועט זיך אנהויבען די אמת׳ע גאולה. אוודאי האבען זיי זיך געמאנט פראהען ביי דעם געדאנק, אז זייער אלטע האפנונג איז ווייטער בעלעבט געווארען, האטש נאפאלעאן האט גאר ניט געמיינט זיך אריינלאזען מיט זיי אין אזעלכע ווייטע דרכים און האט נאר געוואלט, אז יודען זאלען האבען א מיטעל פונקט, פון וואנען עס וועלען ארויסגעגעבען ווערען פאר זיי בעשטימטע געזעצע,

אונ ער איז געוועהן זיכער אז דאס גאנצע פאלק וועט האבען צוטרויען צו א גרויסער פערזאמלונג, וואס וועט בעשטעהען פון רבנים, לומדים אונ אנדערע בכבודע מענשען. דערפאר האט ער געהייסען, אז די דעפוטאטען זאלען צושיקען בריעף צו אללע יודישע קהלות, זיי זאלען אויסקלויבען איין אונ זיבציג מיטגלידער פונ'ם סנהדרין, וואס זאלען בלייבען זיצען אין פאריז, אונ זאלען זיך פיהרען, ביי שאלות פסקנען אונ מאכען פערשיעדענע תקנות, פונקט ווי די סנהדרין אין די אלטע צייטען, ווען די יודישע מלוכה האט נאך געהאט איהר פריהרינע מאכט.

אז די דעפוטאטען האבען געשריבען אומעדום פון דעם גליק, וואס האט זיך פלוצלונג בעוויזען אין פראנקרייך, איז געווארען א שטארקער רעש, אונ אזוי ווי מען האט נאך ליעב יעדע זאך א ביסעל מגזם צו זיין פון דערווייטענס, אונ מען האט שוין לאנג געהערט, אז נאפאלעאן האט צוגעזאגט די יודען פון ארץ ישראל אז ער וועט זיי צוריק אויסבויען דעם בית המקדש, האט מען געגלויבט אז פון דעם נייעם סנהדרין וועט זיך עפיס טאקי אנהויבען פאר יודען א רעכטע ישועה. נאר אין בערלין האבען די יודען דערפון חוזק געמאכט, אונ דאס איז מעהר געוועהן צו ליעב דעם, וואס זיי האבען זיך שוין גע־רעכענט פאר אמת'ע דייטשען, אונ זענען ברוגז געוועהן אויף נאפאלעאן פאר וואס ער האט געמאכט אזא תל פון זייער פאטערלאנד. פון אללע אנדערע ערטער האבען זיך געשיט ברכות אויף די קאפ פון די דעפוטאטען, וואס האבען די זכיה אזוי נושא חן זיין ביי נאפאלעאן, אונ מען האט שוין ארויס־געקוקט אויף גוטע בשורות אונ נחמות. ענדליך איז געקומען דער טאג, דער 9 פעברואר 1807, וואס די פערזאמלונג פון די סנהדרין האט שוין בעדארפט אנ־הויבען זייער ארבייט. די איין אונ זיבציג סנהדרין זענען בעשטאנען פון צוויי דריטעל רבנים, אונ די איבריגע זענען געוועהן לומדים אונ עשירים. ר' יוסף דוד זינצהיים, איז אויסגעקלויבען געווארען פאר „נשיא", דער אלטער זעגריר — פאר „אב בית דין", אונ ר' אברהם וויטא די קאלאניא פאר „חכם". מיט גרויס פאראד זענען אללע סנהדרין אוועקגעגאנגען אין שול אריין, אונ דארט האט דער עולם אויסגעהערט צוויי פייערינע דרשות, וואס דער „נשיא" האט געזאגט אויף לשון קדש אונ דער חכם — אויף איטאליאניש, דערנאך האבען זיי זיך אללע פערזאמעלט אין ראטהויז אונ זייערע זיצונגען האבען זיך געעפענט. בעשאפטיגט האבען זיי זיך אייגענטליך גאר דערמיט,

וואס זיי האבען געמאכט תקנות פאר אללע פראנצאזישע, דייטשע אונ איטאליענישע יודען מיט די תשובות, וועלכע זיי האבען פריהר געגעבען דער מלוכה; קיין גרויסע ארבייט איז דאס ניט געוועהן. נאר אז מען האט זיי פון ווייטענס געזעהען זיצען אנגעטהון אין די לאנגע זיידענע מאנטעל מיט די דרייעקיגע קאפלושען אויף די קאפ, האט זיך דער יוד, וואס האט ליעב אפט ארומצופליהען מיט חלומות, זעהר לייכט געקאנט לאזען איינרעדען אז פון יענער זייט טהיר שטעהט שוין משיח אונ אז היינט-מארגען לאזט זיך שוין אויס דער ביטערער גלות.

דאס איז אבער געוועהן, ווי די וועלט זאגט א ווארטעל, א גרויסער וואלקען נאר אהן א קאפ רעגען. די סנהדרין האבען גערעכענט אז ווי באלד זיי וועלען נאר ענדיגען זייערע זיצונגען, וועט נאפאלעאן אפענטליך ארויסזאגען זיין רצון, אז ער וויל שענקען די יודען פאלקאמענע פרייהייט אונ, קוקענדיג אויף איהם, וועלען דאס אייגענע טהון אויך די איבריגע מלכים פון אייראפא; פון די אללע זאכען האט זיך אבער אויסגעלאזט א גאר ניט, אונ מען האט נאך אנגעהויבען הערען פונקט פארקעהרט, ווארום נאפאלעאן האט זיך ווייטער צוגעלאזט צו די שונאי ישראל, אונ האט אין גאנצען איבערגעביטען זיין גוטע מיינונג וועגען יודען. נאפאלעאן האט אבער באמת דעמאלט קיינעם ניט אין זין געהאט, דער קאפ איז איהם פערטראגען געוועהן מיט דער מלחמה, וואס ער האט אנגעהויבען מיט פרייסען אונ רוסלאנד, אונ אז ר' אברהם פורטאדא אונ מאריץ לעווי פון נאנסי האבען זיך ניט געפוילט אוועקצופאהרען צו איהם אין לאגער אונ ביי איהם געוואהר וועדען וואס ער טראכט וועגען זייערע ברידער, האט ער זיי געגעבען די בעסטע הבטחות. די יודען זענען אבער טאקי נאר געבליבען ביי די דאזיגע הבטחות, אונ דאס נייע געזעץ, וואס נאפאלעאן האט ארויסגעלאזט וועגען זיי, דעם 17 מערץ 1808, האט ביי זיי צוגענומען א סאך רעכטע: אהן א פאטענט פון דער מלוכה האט קיין יוד ניט געטארט מאכען קיין שום מסחר, אללע זיינע קאנטראקטען האבען ניט געהאט קיין ווערטה, ווען זיי זענען געמאכט געווארען אהן א בעזונדער ערלויבניש, איבערפאהרען פון איין ארט אויף'ן אנדערן האבען זיי ניט געהאט קיין רעכט אונ רעקרוטען געבען האבען זיי געמוזט אליין, ניט דינגען פאר זיך אנדערע. ווי עס האבען געמאנט אללע איבריגע איינוואהנער פון פראנקרייך. געהייסען האט עס, אז דאס נייע געזעץ וועט בלייבען נאר אויף צעהן יאהר; עס איז אבער שווער געוועהן עס אויסצופיהרען, אונ

פאר די יודען פון באָרדאָ, פּאַריז און ליוואָרנאָ האָט מען נאָר גיך געמוזט מאַכען אַ היתר, און נאָר די יודען פון די געוועזענע דייטשע פּראָווינצען האָבען ווייטער געמוזט פיהלען דעם טעם פון אַ געמוטשעט לעבען.

דערפאר איז נאר גוט געווארען די יודען פון וועסטפאלען, וואו נאפאלעאן'ס ברודער, זשעראם באנאפארט, איז געווארען קאניג. ער האט געהאט רעכטע יועצים, און צווישען זיי איז אויך געוועהן דער בעריהמטער יודענפריינד דאהם, און ער האט באלד אויסגעגלייכט די רעכטע פון אללע און האט אפילו געהייסען שטרענג בעשטראפען אזעלכע וואס וועלען זאגען איודען שלעכטע ווערטער. ר' מיכאל בער האט ביי איהם בעקומען די בעסטע שטעללע און דעמאלט האט אין קאסעל אנגעהויבען שפיעלען א גרויסע ראללע ר' ישראל יאקאבזאהן, וואס האט געעפענט אויף זיין רעכנונג אסך שולען און האט געארבייט מיט אללע כוחות, אז די יודען זאלען זיין געבילדעט. צו ליעב דעם איז ער געצוואונגען געוועהן צו נעהמען די גאנצע מאכט אין זיינע האנד און זיך אזוי פיהרען אז די רבנים זאלען איהם הערן און מסכים זיין צו אלץ וואס ער וועט טהון, און ער האט עס אזוי ווייט געבראכט, אז אהן זיין ידיעה האט מען אין שול קיין דרשה ניט געזאגט און די פרומע האבען חאטש ניט וועלענדיג געמוזט צו אלם מסכים זיין.

חאטש נאפאלעאן האט א ביסעל צוריקגעהאפט פיעל רעכטע, וואס די יודען פון פראנקרייך האבען בעקומען אין דער צייט פון דער רעוואלוציאן, פון דעסטוועגען האט ער א גרויסע טובה געטהון די יודען, וועלכע האבען געוואהנט אין די קליינע דייטשע מלוכות, ווייל דארט האט עס געהייסען, אז פראנצאזישע יודען זענען זעהר גליקליך, און מען האט זיך פשוט אנגעהויבען שאמען מען זאל זיי שטארק אונטערדריקען. דער הערצאג פון באדען, קארל פרידריך, איז געוועהן דער ערשטער וואס האט די יודען פון זיין לאנד געגעבען רעכטע, חאטש גלייך מיט אללע אנוואהנער האט ער זיי ניט געמאכט און האט זיי נאך געזאגט א דעה, אז נאר די תורה און ניט דער תלמוד דארף ביי זיי זיין הייליג. אין פראנקפורט איז אויך געווארען א גאנצע פעראנדערונג זייט דאס פראנצאזישע חיל האט פערנומען די שטאדט. צום אנהייב האט זיך די לאגע פון די יודען נאר פערבעסערט, און דארט וואו דער יוד האט פריהער ניט געטארט קיין איינציגען שריט ארויסגעהען פון דער גהעטא, און יעדער שכור האט געמאגט דעם שאנסטען בעל הבית מאכען דעם גראסטען סקאנדאל, האבען זיך איצט די יודען פערשפרייט איבער דער גאנצער

שטאדט, נאר אז עס איז געווארען שלום האט דער נייער מושל, דער ערץ הערצאג האלבערג, זיך גענומען בישלעכווייז צו בעפעסטיגען דעם יודישען מעמד אונ האט עס געטהון ווי א בערעכענטער מענש, כדי די שונאים זאלען פערשפארען שרייען. פון איין זייט האט ער גענעבען צו פערשטעהען, אז עס פאסט ניט מען זאל נעגען יודען זיך בעדיענען מיט אלטע געזעצע, אונ פון דער אנדערער זייט האט ער געמוזט זאגען די יודען, אז זיי מוזען זיך אליין פערדיענען ליעבשאפט ביים פאלק מיט מעשים טובים. די יודען האבען ווידער פערשטאנען וואס מען בדריך, אונ אז דער מלוכה איז א ביסעל ענג געווארען אין געלד האבען זיי אריינגעטראגען 440,000 גולדען. דאס איז געוועהן דער בעסטער בעוויז, אז זיי זענען געטריי, אונ אים יאהר 1811 האט מען זיי געשענקט אללע רעכטע. אין דעם איינעם יאהר האט אויך האמבורג בעפרייעט אללע יודען, אללע האבען נאכגעטהון אללע שטאדט פון ארום, אונ נאר אין איין לובעק איז עס צוגעגאנגען שווער, ווייל דארט האט מען פשוט ניט געקאנט קיין יודען, מען האט זיך גלאט אזוי געשראקען פאר זיי, אונ אז עס האבען זיך דארט בעזעצט די ערשטע זעכס אונ זעכציג יודישע משפחות, האט עס די שטאדט גערעכענט פאר א שטראף. ניך האט מען אבער פערשטאנען דעם טעות, אונ מען האט קיין חרטה ניט בעדארפט האבען. אויך אין ברעמען האבען די יודען בעקומען רעכטע, אונ דער הערצאג פון מעקלענבורג, פרידריך פראנץ, האט אפילו ערלויבט, אז יודען זאלען מאגען זיך משדך זיין מיט קריסטען. אפילו פרייסען האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען, אונ דער קאניג פרידריך ווילהעלם דער דריטע האט געמוזט געבען יודען רעכטע, אונ האט זיי געלאזט פערנעהמען פראפעסאר-שטעלען. די דייטשע יודען האבען טאקי אין דער צייט פון דער מלחמה ארויסגעוויזען אזוי פיעל געטרייישאפט, אז אפילו די ארגסטע שונאים זייערע האבען געמוזט מודה זיין, אז זיי זענען די נוצליכסטע איינוואהנער פונ'ם לאנד. דערצו האט נאך ר' דוד פרידלאנדער אונ נאך אנדערע בערלינער גבירים געלאזט זיך קאסטען א היבשע מטבע, וואז מען האט בעדארפט האט מען געגעבען א ברייטע נדבה, אונ ווען עס איז נאטהיג געוועהן האט מען ניט געזשאלעוועט צו געבען, אונ די לאגע פון די יודען אין פרייסען האט זיך שטארק פערבעסערט. נאר אין אסטערדייך, בייערן אונ זאכסען זענען די יודען נאך אלץ געשטאנען אין דעם איינעם ביטערן מעמד וואס פריהר. אז נאפאלעאן האט געמאכט מאקסימליאן יאזעף פאר קאניג פון בייערן האט ער אפילו אויף דער

הייסער שעה ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז די יודען בעקומען גלייכע רעכטע מיט די קריסטען, נאר קוים איז שטיל געווארען האט מען באלד אנגעהויבען לערנען פירושים ביז מען איז געוואהר געווארען, אז עס וועט קיינעם ניט שאדען ווען די יודען וועלען, ווייטער בלייבען אין דרויסען. אין נאכמען האבען עטליכע געצאהלטע יודען געמאכט וואהנען אין דרעזדען און לייפציג, נאר מען האט מיט זיי אויסגענומען א תנאי, אז זיי טארען קיין שולען ניט בויען און קאנען האבען נאר מנינים, און אז די מלוכה מאג זיי צו יעדער צייט הייסען ארויספאהרען נאר אהן א סבה. אין אסטערבייך איז אויך, נאך דעם קייזער יאזעפ'ס טויט, געווארען די יודען נאר שלעכט און מען האט אנגעהויבען דערפרישען אלטע גזרות און רייסען ביי זיי אזעלכע נתינות אז זיי האבען עס נאר ניט געקאנט אויסהאלטען; ווער עס האט בעדארפט אפילו אויף א טאג אריינקומען קיין ווין האט געמוזט צאהלען א בעזונדער מס, און די פאליציי האט מעהר ניט געהאט צו טהון ווי נאכצולויפען אין די גאסען יעדען יודען און פרעגען איהם אויף א פאס און אויף א צעטעל פון מס. חתונה האבען האט נעמאכט נאר דער עלטסטער זוהן אין יעדער יודישער משפחה, און ווי באלד מען האט עובר געוועהן אויף דעם געזעץ איז מען בעשטראפט געווארען ווי פאר דעם גראסטען פערברעכען.

פרייסען און אלע אנדערע ערטער, וואו מען האט, צו ליעב פראנקרייך, אנגעהויבען פריינדליכער בעהאנדלען יודען, האבען אבער לאנג ניט געקאנט בלייבען ביים נייעם גאנג און טאקי זיך איינגעוויינען מיט דעם געדאנק, אז יודען זענען ניט ערגער פון אנדערע. און קוים איז אוועק די מורא פון נאפאלעאן, האבען זיי זיך גענומען צום אלטען. און אים יאהר 1814 האט מען אין פראנקפירט ווייטער אריינגעטריבען די יודען אין זייערע בלאטיגע גאסלעך פון דער גהעטא. אין האמבורג האבען די שונאים אזוי אנגערייצט דאס פאלק אויף די יודען אז עס האט אפילו ניט געהאלפען וואס דער סענאט איז געוועהן פאר זיי. דאס איינענע האט זיך אויך געטהון אין האנאווער, ברוינשווייג און העסען, און בעזאנדערס אין לובעק און ברעמען; דארט איז מען נאך מעהר אין כעס געוועהן אויף די יודען דערפאר וואס מען איז עטליכע יאהר געצוואונגען געוועהן זיי צו בעטראכטען ווי מענשען. און דערפאר האבען זיך געפונען בעלנים, וואס האבען געשריגען, אז מען דארף זיי אין גאנצען ארויסטרייבען. דעמאלט האט אבער בעדארפט זיין דער וויענער קאנגרעס, און די וועלט האט ארויסגעקוקט, אז דארט וועט מען בעווארנען אלע שאלות

פון דער לעצטער צייט. אודאי האבען זיך אהין געווארפען די פראנקפורטער יודען אונ האבען טאקי געהאט רעכטע טענות, ווייל ערשטענס, האבען זיי בעצאהלט מזומן געלד פאר זייער פרייהייט אונ קיינער האט זיי ניט געזאגט, אז מען פערקויפט זיי די רעכטע נאר אויף צוויי־דריי־יאהר, אונ צווייטענס, האבען זיי געשריגען, אז אין דער צייט ווען דאס לאנד איז געוועהן אין סכנה האבען זיי איינגעשטעלט זייער לעבען אונ האבען שוין דערמיט אליין פערדיענט מען זאל זיי רעכנען פאר אמת'ע דייטשע קינדער. דערצו האט נאך א ביסעל צוגעהאלפען דער יונגער ראטהשילד וואס האט נאך דעם פאטער'ס טויט נאך פערגרעסערט זיינע געשעפטען, אונ נאך א גרעסערע טובה האט געטהון די באראנין פאני פאן ארנשטיין, וואס די גרעסטע שררות פלעגען קומען צו איהר אונ זי האט געפועלט ביי די מיניסטארען הארדענבערג אונ מעטערניך אז זיי זאלען ביים קאנגרעס זיך אננעהמען פאר די יודען.

די גאנצע ארבייט איז אבער געוועהן אומזיסט. אומעדום, וואו די פראנצאזישע מאכט האט פריהער אריינגעבראכט די פרייהייט, האט מען זיך באלד געהאפט צוריק, ווען מען איז נאר געוואהר געווארען, אז מען האט זיך שוין ניט מעהר פאר וועמען צו שרעקען. עס איז כמעט אין גאנץ אייראפא געווארען א איבערקעהרעניש: דער פאפסט פיוס דער זיבעטע האט זיך גענומען נאך אמאל איינצופיהרען די אינקוויזיציאן, ער האט געהייסען גייטהען די יודען זיי זאלען ווייטער הערען דרשות פון קאטאלישע גייסטליכע, אונ פון די שאנע הייזער, וועלכע זיי האבען זיך אין די עטליכע גליקליכע יאהר געקויפט אדער געדונגען אין די בבייטע נאסען פון רום, האט ער זיי משלח געוועהן צוריק אין זייער געטא. פון איטאליען האבען זיך אויך די דייטשען אראבגענומען א מוסר אונ האבען אנגעהויבען נאך מיט מעהר כח צו ארבייטען גענען די יודען, נאר זיי האבען די שנאה איינגעוויקעלט אין ליעבשאפט צום פאטערלאנד, אונ האבען געשריגען, אז נאר די דייטשען האבען דאס רעכט צו הערשען ביי זיך אין לאנד אונ אללע אנדערע פאלקער מוזען אנבוינען דעם קאפ. דעמאלט האט איינער פון די שונאי ישראל, א פראפעסאר פון דער בערלינער אוניווערזיטאט, פרידריך רוהס, ארויסגעלאזט א בוך אונ האט בעוויזען אז מען מוז די יודען שטארק האלטען אין די האנד, ארויפלעגען אויף זיי די גרעסטע נתינות, זיי הייסען טראגען א בעזונדער צייכען אויף די קליידער אונ מאכען זיי אזוי שווער דאס לעבען אין לאנד אז זיי זאלען אלליין אנטלויפען. אין גאנץ דייטשלאנד האט מען זיך מיט דעם בוך ארומגעטראגען ווי מיט א אבן טוב,

טייל אזוי איז געוועהן די מיינונג פונ'ם פאלק וואס איז געגאנגען מיט דעם כלל, אז וואס ערגער עס וועט זיין דעם יודען דאס בעסער וועט זיין פאר זיי. אודאי האבען די יודען פונ'ם קאנגרעס אויך ניט געקאנט האבען קיין גרויסע ישועה: אויף'ם פאפיער איז טאקי געשטאנען, אז מען מוז געבען יודען אללע רעכטע נאר אז עס איז געקומען צו עפיס האט מען אנגעהויבען לערנען אזוי פיעל פרושים, אז די יודען האבען געדאנקט גאטט, וואס מען האט זיי שוין גאר ניט געטשעפעט אונ מען האט זיי געלאזט חאטש לעבען אין ענגשאפט אונ ארעמקייט ווי פריהר.

זעהר א ביטערע צייט האט זיך אנגעהויבען פאר די דייטשע יודען. עס איז אזוי אויסגעקומען אז דער וויענער קאנגרעס, וואס האט קלאמערשט בעשיצט די יודען, האט געשטעלט דעם גנב ביי דער טהיר פאר א שומר, אונ האט געמאכט אז פרייסען אונ עסטערייך זאלען אכטונג געבען אויף די איבריגע קליינערע מלוכות אונ שטאדט, מען זאל דארט יודען בעהאנדלען מיט יושר. ביי אזעלכע צוויי שומרים האט דער יוד געמוזט האבען דאס מזל פון דעם קינד, וואס ווערד דערשטיקט צווישען דער אקושערין אונ צווישען דער קימפעטארען. אין פרייסען איז דער נאהמען "יוד" געוועהן בעדעקט מיט שאנד אונ שפאט, אין א סך ערטער האבען יודען ניט געטארט וואהנען, ניט פיהרען קיין מסחרים, ניט קויפען קיין הייזער ביי קריסטען, ניט ארויספאהרען פון דעם פלאץ וואו זיי האבען זיך שוין געפונען. אונ איינער פון די היידעל־בערגער פראפעסארען פרידריך פריעס, האט זיך ניט געשעמט אפענטליך צו שרייבען, אז עס איז ניטא קיין אנדער מיטעל פטור צו ווערען פון די יודען, נאר מען זאל זיי פערניכטען. נאך ערגער איז געוועהן אין עסטערייך, וואו די יודען האבען געמוזט וואהנען אין בעזונדערע גאסען. קיין טיראל האבען זיי גאר ניט געטארט אריינשמעקען, אין באהמען האט מען זיי ניט געלאזט זיצען אין דארפער, אין מאהרען האט מען פאר זיי פערשלאסען אזעלכע האנדעלס־שטאדט ווי ברונן אונ אלמוטץ, אונ ביי דעם אללעמען האט מען ביי זיי געריסען זעהר פיעל מס, סאלדאטען האבען זיי געמוזט געבען, אונ דער יוד האט געמאנט דיענען דאס גאנצע לעבען איז ער גראסער פון א אונטער־אפיציער ניט געווארען. אודאי אז מען האט געזעהען ווי פרייסען אונ עסטערייך בעהאנדלען די יודען האט מען פערשטאנען, אז שטארק פערדריסען וועט זיי ניט, ווען מען וועט ניט אזוי ריכטיג אויספאלגען דעם הסכם פון וויענער קאנגרעס, אונ מען האט זיך גענומען אברעכנען מיט די יודען נאך מיט מעהר אכזריות ווי

אַ מאָל. פון ליבעק האָט מען באַלד אַרויסגעטריבען פערציג יודישע משפחות, און ברעמען האָט אויך געטהון דאָס איינענע. פראַנקפורט האָט אויך געוואָלט אַרויסטרייבען איהרע יודען. נאָר דאָרט האָבען זיך די יודען אַרויסגעשטעלט, און אַזוי ווי דער סענאַט האָט מורא געהאַט, אַז לפנים וועלען פרייסען און עסטרייך זיך נעהמען פאַר די יודען, איז געבליבען מען זאָל אָנהויבען פרעגען שאלות וועגען קאָנגרעס אַלליין, און מען האָט זיך געווענדעט צו גרויסע פראָפעסאָרען פון בערלין און מאַרבורג מיט אַ בקשה זיי זאָלען נוט בעקלאָהרען די זאַך און אַרויסזאָגען זייער מיינונג: צו האָט נאָר דער וויענער קאָנגרעס רעכט געהאַט זיך אַריינצומישען אין אַ שאלה, וואָס איז נוגע דעם אינוועניגסטען לעבען פון דער שטאָדט; די יודען האָבען אויך ניט געשוויגען און דערמאָלט האָט דער יונגער בערנע אָנגעשריבען אַ פּאַפּיער, אין וועלכען ער האָט אויסגעוויזען ווי ווייט די שונאים זענען פון שכל און פון יושר. ניין יאָהר האָט געדויערט ביז די פראָפעסאָרען האָבען געפּסקנט. אַזלויט די געזעצע פון אַ מאָל קאָנען די יודען ניט פאָדערן קיין שום רעכטע. דער פּסק האָט אפילו קיין ממשות ניט געהאַט, נאָר די שנאה צו די יודען האָט ער פערגרעסערט אָהן אַ שיעור, מען האָט קיין יודען ניט געלאָזט קיין נאָס דורכגעהען, און עס איז געבאָרען געוואָרען אַ נייעס ווערטעל, וואָס מען פלעגט נאָכשרייען דעם יודען: „העפּ, העפּ“, דאָס זענען די ראשי תבות פון די לאַטיינישע ווערטער „Hierosolyma est perdito“, „ירושלים איז פערלאָרען“.

נאָר מיט די ווערטער אַלליין רודף׳ן יודען איז אָבער גמאָס געוואָרען און מען האָט זיך מיישב געווען, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט מען זאָל שלאָגען און ראַבעווען אויך. דעם אָנהויב האָט מען געמאַכט אין ווירצבורג, וואו דאָס פאָלק איז אָנגעפאַלען אויף די יודישע הייזער און קלייטען, געבראָכען טהירען, געשלאָגען פענסטער, געראַבעוועט, געהרג׳ט, און ווען עס קומט ניט אַריין קיין חיל וואָלט געווען נאָר אַ גרויסע שחיטה. אויפ׳ן אַנדערען טאָג האָבען די איינוואָהנער געבעטען מען זאָל זיי בעפרייהען פון די יודען, און די מלוכה האָט זיך געפיהלט אַזוי שוואַך אין מאַכט און גערעכטיגקייט, אַז זי האָט עס זיי צו ליעב געטהון, און פיער הונדערט אביונים האָבען געמוזט אַרויס פון דער שטאָדט און וואַלגערן זיך אויף די פעלדער נאַקעט און בלויז, הונגעריג און דאָרשטיג. באַלד האָט מען זיך מיט די יודען אַזוי נוהג געווען אויך אין באַמבערג, דאַרמשטאַדט, מייניגען, קאַרלסרוהע און אפילו אין האַמבורג. פראַנקפורט האָט אויך מן הסתם אויך סתקנא געווען

אין אנדערע שטאדט, דארט איז מען גאז געוועהן אויף די יודען נאך פון פריהר, אונ אחוץ דעם האט מען ארויסגעזוכט מען זאל אבבראכעווען ראטהשילד'ן, נאר אזוי ווי אללע שררות האבען ביי איהם געהאלטען זייער געלד האט מען איהם געמוזט אבהיטען אונ צו ליעב דעם האט מען אריינגעשיקט זעהר פיעל חיל אונ מען האט ניט דערלאזט צו קיין אומגליק. דאס איינענע איז אויך געשעהען אין היידעלבערג. וואו די שונאי ישראל האבען זיך שטארק געוואלט צופיהרען די האנד. נאר צוויי מענשענפריינדליכע פראפעסארען, דויב אונ טהיבא. האבען צונויפגענומען אסך סטודענטען אונ האבען בעשיצט די יודען כמעט מיט מסירת נפש.

פון דייטשלאנד האט זיך דאס פייער אריבער געהאפט אויך קיין דענעמארק. וואו די יודען האבען שוין געלעבט עטליכע יאהר גליקליך אונ פריי, נאר דארט האבען זיך האט'ש געפונען פיעל מענשען. טאקי פון די איינוואהנער אלליין. וואס האבען זיך אנגענומען פאר די יודען אונ אפילו די נייסטליכע האבען זיי געשיצט. דערפאר האט מען אין באיערן ארויסגעוויזען מעהר רציחה ווי אומעדום אונ דארט האבען זיך שוין אבגעזוכט אזעלכע מהמירים וואס האבען געוואלט יוצא זיין די גרויסע מצוה פון יודען שלאגען מיט אללע הדורים: מען האט געברענט שולען צוריסען ספרי תורה אונ מען האט געמאכט אשהחינו דארויף וואס מען האט בעניהט די גאנצע מדות פון צוריק מיט הונדערטער יאהרען.

אין דער דאזיגער פינסטערער צייט האט דער אויבערשטער דוקא אזוי געפיהרט. אז יודען זאלען פון זיך ארויסגעבען צוויי מענשען, וואס ווי רעכענט דייטשלאנד מיט רעכט פאר ליבטיגע שטערן. וועלכע האבען ניט דערלאזט די דייטשען אין נאנצען זיך פע. בלאנזען אונ האבען אנגעוויזען דעם וועג צו דער פרייהייט, וואס האט זיך אנגעהויבען אים יאהר 1848 כמעט פאר גאנץ אייראפא. דאס זענען געוועהן לודוויג בארנע אונ היינריך היינע.

לודוויג בארנע, אדער ליב ברוך, איז געבאהרן אין פראנקפורט אם מאין אים יאהר 1786. זיין פאטער האט זיך גערעכענט פון די שאנסטע בעלי בתים פון דער פראנקפורטער יודישער קהלה. אז ליב איז נאך אקינד געוועהן האט מען שוין ארויסגעזעהען, אז זיין קאפ טראכט אונ אונטערשיידעט פון גוט אונ שלעכט, ווי אין שטובינע אונ פאמיליען זאכען אזוי אויך אין אלם וואס בעגעגענט איהם אין קלאס צווישען חברים אונ אויפ'ן גאס צווישען מענשען. ניט איינמאל איז איהם זיין יונג בלוט צוקאכט געווארען, ווען עס פלעגען זיינע קריסטליכע

חברים מיט שפאט איהם נאכשרייען „יוד!“ ניט דערפאר וואס ער האט געקענט אז מיט דעם נאמען „יוד“ ברויך ער זיך טאקי שאמען, נאר ווייל זיין עהרליך יונג הארץ האט שוין דענמאלט געפיהלט די גאנצע אומזיסטע שנאה און די גאנצע אונגערעכטיגקייט, וואס עס ווערט אין דעם איינציגען ווארט אויסגעדריקט זיין גאנצעם פאלק. אזוי דערצאהלט ער אליין: „אז איך האב אמאל א רייזע פאס גענומען אין פראנקפורטער פאליציע, און ערגעץ א שרייבער'ל האט מיר אריינגעשריבען אין פאס „יודע!“ האב איך געפיהלט וואס ער מיינט דערמיט. און מיין הארץ האט דעמאלט געזאגט: „ווארט, ווארט, איך וועל אייך אויך שרייבען אמאל אפאס אייך אללעמען, וואס איהר האט ליעב דעם אנדערן בלוט צו פערגיסען און פון איהם אבשפאטען!“

און זיין הארץ האט אמת געזאגט. בארנע האט ווירקליך דעם דייטשעשען פאלק באלד א פאספארט געשריבען און איהם בעצייכענט מיט אללע זיינע פרימיטעם, דאס הייסט: ער האט מיט זיין פייערינגער פעדער די דייטשען אויפגעוויזען אללע זייערע חסרונות און זייער איינענע קנעכטישע לאגע; אבער ניט פון שנאה און ניט מיט נקמה האט ער עס געטהון, ווי ער האט אין זיינע קינדערשע יאהרען גערעכענט, נאר פון ליעבשאפט און רחמנות צו יעדען אונטערדריקטען ליידענדען מענשען. און פון זיין אמת'ר ליעבשאפט צו פרייהייט און גערעכטיגקייט. די אונרעכט, שפאט און פערדרוס, וואס ער האט זיך אלס יוד גענוג אנגעליטען האבען איהם די אויגען געאפענט איינצוזעהן די אונגערעכטיגקייט וואס ווערט בכלל יעדען איינציגען געטהון, זיין לאגישער שכל האט באלד דערקענט, אז נאר דאריבער בעהאנדעלט דער דייטש זיין יודישען שכן אזוי נידריג און שלעכט, ווייל ער, דער דייטש אליין ווערט פון די גרעסערע פאר איהם אזוי בעהאנדעלט, דאריבער האט ער זיין גאנץ לעבען און דעם גאנצען כח פון זיין פעדער געאפפערט, דער וועלט צו ערקלערען וואס רעכט און אונרעכט הייסט, און האט געלערנט יעדען זיינע איינענע מענשענרעכטע דערקענען און די איינענע מענשענווירדע שאטצען און טהייער האלטען. ער האט שטארק געהאפפט, אז נאר בילדונג, פרייהייט און אויפקלערונג קאנען זיין ליידענד פאלק העלפען, און ער האט מיט זיין בלוט פונ'ם הארצען געשריבען דיזע האפנונג זאלל אויסגעפיהרט ווערן. דאס ליידען פון זיין פאלק האט איהם געלערנט פערשטעהען און פיהלען די ליידען פון יעדען ליידענדען און ער האט זיך דער גאנצער וועלט ליידענדע אוועקגעגעבען, און כדי מען זאלל ניט זאגען, אז זיין גאנצע כונה איז נאר זיך אליין און זיינע יודען

האט ער אים יאהר 1848 אין אפפענבאך אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען. אין הארצען איז ער אבער א יוד געבליבען, געטריי זיין פאלק און האט נאך מיט מעהר מוטה און פייער פערטהיידיגט יודען אלס פריהער; ער האט איין געלעגענהייט ניט דורכגעלאזען, וואו ער האט ניט צו נישט געמאכט די שונאים'ס טענות און בעשולדיגונג געגען יודען, און דייטשלאנד האט אין איהם באלד דערזעהען, אז ער איז א גרויסער וויכטיגער שרייבער, וואס דערמאנט א אהנליכקייט צו לעססינגען. מען קאן אבער זאגען, אז ער האט נאך מעהר פאר לעססינגען דער וועלט נוטצען געבראכט, ווייל לעססינג'ס ווערק זיינען נאר פאר דער העכערע קלאסע געוועהן, בארנע אבער האט געשריבען פאר אללע קלאסען, און אלץ וואס ער האט געשריבען האט דער גראסטער און דער קלענסטער געלעזען און פערשטאנען, און ביסלעכווייז האבען זיך זיינע ווארטער איינגעווארצעלט אין פיעל הערצער און האבען, מיט דער צייט, אויך די געווינשטע פריכטע געגעבען אויף וועלכע ער האט געהאפפט. איבער זיין צו אפטען ארויסזאגען דעם אמת גאנץ אפען האט ער זיך געמוזט בעזעצען אין פאריז, און האט פון דארט זיינע בעריהמטע „פאריזער בריפע" געשריבען, וועלכע האבען אין זייער צייט א גרויסען רושם געמאכט, און אזוי האט ער ניט אויפגעהערט צו שרייבען און צו שטרייטען פאר דער פרייהייט און גערעכטיגקייט זיין גאנצען לעבען ביז זיין טויד. אים יאהר 1837 איז בארנע געשטארבען אין פאריז, נאר זיין נאמען און זיינע ווערקע לעבען נאך און וועלען נאך לאנג לעבען אין דער געשיכטע פונ'ם דייטשעשען פאלק און אויך טהייער בלייבען אין אונזער יודישער געשיכטע.

דער אנדערער און נאך גראסערער יוד איז היינריך היינע. געבאהרען אין דיססעלדארף אים יאהר 1799. ער האט ניט נאר א גראסערן טאלאנט געהאט פאר בארנען, אבער אויך א ווארעמערע ליעבענדערע יודיש הארץ האט ... געהאט פאר איהם. אין בארנען זעהען מיר נאר, אז ער איז א שונא פון דער אונגערעכטיגקייט וואס ווערט געגען יודען געטהון, נאר קיין בעזאנדערע ליעבשאפט צו יודען זעהט מען ניט אין איהם, אין היינע'ן אבער זעהט מען, אז ער האט יודען און יודישקייט אמת ליעב, אז ער פיהלט ווי זיין הארץ איז צום יודענטהום צוגעבונדען און איינגעוואקסען און איהם איז ניט נאר ליעב דער יוד, אבער אויך טהייער זיין תורה, זיין געשיכטע, זיינע צרות און ליידען טויזענדער יאהרען. „צייטענווייז; זאגט היינע, פיהל איך מיך שטאלץ וואס איך געהאר צו דעם געאדעלטען אוראלטען שטאם, וואס האט אזוי פיעל

געקאַנט אויסלײדען און אַריבערטראָגען כּדי זײַן יחוס ניט צו פערקויפען!" איך װעה די גריכען. שרײַבט ער, װענען נאָר שאָנע יונגלעך געװעהן, די יודען אָבער װענען מאַנכער געװאָהן, גבורים, װאָס לאָזען זיך ניט בויגען, ניט נאָר אַמאָל, אָבער טאַקי ביז הײַנטיגען טאָג, האָטש זײ האָבען אַזוי פיעל פערפאָלגונגען און צרות געהאַט, און װאָלט איך ניט האַלטען דאָס, װאָס לײַט געהמען זיך איבער מיט זײער יחוס, פאַר אַ גרויסע נאַרישקײט, װאָלט איך מאָגען אמת שטאָלץ זײַן דערמיט װאָס מײַנע אַלטערן געהערן צו דעם „בית ישׂראל" און קומען אַרויס פון העלדען װעלכע האָבען זיך געלאָזט פײַניגען און זײַנען אין פײַער געגאַנגען אויף קדוש השם, װאָס איך קום אַרויס פון יענע, װעלכע האָבען די מענשען מיט גאָט בעקאַנט געמאַכט און זײ די ערשטע מוסר געלערנט; פון דעם פאָלק װאָס האָט אויף אַלע געדאַנקען פעלדער זײַנע העלדען אויסגעשטעלט און פאַר יעדען ליכטיגען שטראַהל געגוג בלוט און קרבנות געגעבען!"

אין די יונגע יאָהרען נאָך איז ער צוגעשטאַנען צו דער חברה יודישע יונגע לײַט, װאָס האָבען געאַרבײַט צו פערברײטערן בילדונג צװישען יודען און מיט צואַרבײַטען פאַר ספּעציאַלע יודישע װיססענשאַפט. מיט זײַנע אַלע חברים צוגלײַך, האָט ער אויך זיך אַנדר געטהון דאָס יודישקײט ניט צו פערבײַטען פאַר קײן גליקליכע שטעללע בײַ דער רעגירונג אָדער בײַ אײן אַנדערן; און הײנע האָט טאַקי אין דער יוגענד געלערנט און האָט אַלץ געטהון צו דערקענען יודען און יודישקײט. אַזוי זאָגט ער אַמאָל: „דער גײַסט פון דער יודישער געשיכטע ענטדעקט זיך מיר װאָס אַ טאָג מעהר און מעהר!" און צו בעװאונדערן און כּמעט ניט צו פערשטעהען איז, װאָס גראָד אין דער צײַט, װאָס ער האָט זיך געפיהלט צו יודענטהום צו געבונדענער װי פריהער, האָט ער זיך פלוצלונג, דעם 28 טען יוני 1825 געלאָזט טויפען. אָבער דאָס טויפען זיך האָט איהם צו זײַנע ברידער יודען נאָך נאָהענטער צוגעבונדען. און װאָס אַלטער ער איז געװאָרן, דאָס ליבער און דאָס טהײַערער איז בײַ איהם געװאָרען דאָס יודענטהום. פאַר דער ביבעל (תורה) האָט ער קײן װאָרטער געהאַט זײַן בעװאונדערונג און אַכטונג אויסצודריקען. „די יודען קאָנען זיך טרעסטען װאָס זײ האָבען נאָר ירושלים און דעם בית המקדש פערלאָרען, ענטקעגען די תורה װאָס זײ האָבען אַרויסגעראַטעװעט איז זײער אבדה כּמעט װי נאָר נישט! װאָס אין מיר האָט זיך צוריק אויפגעהאַפט דאָס געפיהל פאַר אמונה, האָב איך צו פערדאַנקען אָט דעם הײליגען ספר! די ביבעל איז פאַר מיר ניט נאָר אַ טרײסט

אַליין, אָבֶער אויך אַ זַאךְ וָואס אִיךְ בֶּעוואוּנְדֶערֶע. אִין דֶער יוּגֶענְד הָאבּ אִיךְ משֶׁה רַבֵּינוּ'ן נִיט לִיעבּ גֶעהַאט, עֶס קָאן זַיין, וַוייל אִיךְ בִּין פֶערְבְּלֶענְדֶעט גֶעוֶועהן פוּן דִי גְרִיכִישֶׁע קוּנְסְט אוּנ אִיךְ הָאבּ משֶׁה'ן נִיט גֶעקֶאנְט מוֹחֵל זַיין, וָואס עֶר הָאט פֶערְבָּאטֶען בִּילְדֶער אוּנ סְטַאטוּיֶען צוּ מַאכֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִיט אַיינְגֶעזֶעהן, אַז חָאטְשׁ משֶׁה הָאט אַלֶע גֶעקִינְסְטֶעלְטֶע בִּילְדֶער פַיינְד גֶעהַאט, אִיז עֶר אַלַיין אָבֶער דֶער גְרֶעסְטֶער קִינְסְטְלֶער אִין דֶער וֶועלְט גֶעוֶועהן. עֶר הָאט זַיין קוּנְסְט־גֵייסְט בֶּענוּצְט, אַזוֹי וִוי דִי עֶגִיפְּטִישֶׁע קִינְסְטְלֶער, נָאר וָואס גְרוֹיסֶע, אוּנצֶערְשְׁטֶערְבַּארֶעס אוֹיסְצוּבוֹיֶען, אוּנ אַזוֹי וִוי יֶענֶע הָאבֶּען פוּן שְׁטֵיינֶער אֵייבִּיגֶע פִּירַאמִידֶען גֶעבּוֹיט, הָאט משֶׁה, וָואס אִיז נָאךְ מֶעהר קִינְסְטְלֶער פַאר זֵיי גֶעוֶועהן, גֶענוּמֶען אַפַּאמִילְיֶע פוּן פַאסְטוּכֶער אוּנ הָאט פוּן אִיהר אַ פָאלְק אוֹיסְגֶעבּוֹיט, אַ פָאלְק וָואס הַאלְט זִיךְ אוּנ וֶועט זִיךְ פִיעל לֶאנְגֶער הַאלְטֶען פַאר דִי פִּירַאמִידֶען אַ גְרוֹיס אֵייבִּיג פָאלְק, נָאטֶעס פָאלְק, וָואס דִינְט אַלֶע אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער אַלְס מוּסְטֶער; יָא, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַמוּסְטֶער פַאר דֶער גַאנְצֶער מֶענְשְׁהַייט! משֶׁה, הָאט דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל בֶּעשַׁאפֶען! —.. אוּנ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אִין אָנְהֵייבּ משֶׁה'ן נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זַיין וֶוערְק, דִי יוּדֶען עֶרְסְט שְׁפֶּעטֶער בֶּעגְרִיפֶען: דִי יוּדֶען וֶועלְכֶע דִי וֶועלְט הָאט אִיהר בֶּעגְרִיעף פוּן אֵיין אֵיינְצִיגֶען גָאט צוּ פֶערְדַאנְקֶען, דִי יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען גָאטֶ'ס גֶעבָּאט אוּנ זַיין הֵיילִיגֶע לֶעהרֶע גֶערֶעטֶעט פוּן אַלֶע שְׁטוּרֶעמְס אוּנ מִלְחָמוֹת נִיכֶער וִוי זַייעֶר לַאנְד אוּנ לֶעבֶּען, וִוי זֵייעֶר פְרַייהַייט אוּנ אוּנְאַבְּהֶענְגִיגְקַייט. אוּנ זֵיי, דִי יוּדֶען הָאבֶּען דֶעם טְהַייעֶרְן אוֹצָר דֶער וֶועלְט פְרַיי גֶעגֶעבֶּען, דֶער מֶענְשְׁהַייט טְרֵייסְט אוּנ גְלִיק צוּ פֶערְשַׁאפֶען!" אִין אַזַא אַרְט אֵייסֶערְט זִיךְ הֵיינֶע פִיעל מָאל. וואו אִיהם קוּמְט נָאר פָאר וֶוענֶען יוּדֶען אוּנ יוּדִישְׁקַייט צוּ רֶעדֶען. זַיין שִׁיר „ר' יְהוּדָה הַלֵּוִי" בֶּעוַוייזְט וִוי לִיעבּ דִי יוּדִישֶׁע פָּאעֶזְיֶע אִיז אִיהם גֶעוֶועהן, אוּנ מֶען קָאן זָאגֶען: וֶוענְן בֶּערְנֶע הָאט פַאר יוּדֶען גֶעשְׁטְרִיטֶען, הָאט אָבֶער הֵיינֶע דִי יוּדִישֶׁע וואוּנְדֶען גֶעהֵיילְט, אוּנ הָאט יוּדִישֶׁען מוּטְה גֶעשְׁטַארְקְט אוּנ אוֹיפְגֶעהֵייבֶען, אוּנ דֶערְמִיט אַלַיין אִיז נִיט אָבְצוּשַׁאצֶען דֶען וֶוערְטְה פוּן זַיין טְהוּן אוּנ ווִירְקֶען פַאר יוּדֶען. אַזוֹי וִוי בֶּערְנֶען אִיז אוֹיךְ הֵיינֶען בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ שְׁטַארְבֶּען אִין פַארִיז: עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִים יָאהר 1854. נָאר וָואס וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער וֶוערְן זַיינֶע וֶוערְקֶע אִין דֶער וֶועלְט אַלְס בֶּעקַאנְטֶער אוּנ בֶּעלִיבְּטֶער. הֵיינֶעס שְׁרִיפְטֶען זַיינֶען שׁוֹין אֵיין אֵייגֶענְטְהוּם גֶעוָוארְן נִיט נָאר פוּן דַייטְשֶׁען, נָאר זֵיי גֶעהֶערְן שׁוֹין דֶער גַאנְצֶער גֶעבִּילְדֶעטֶער מֶענְשְׁהַייט, אוּנ וֶועלְטֶען וֶוען אַ פָּאעֶט אִיז נָאךְ אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי בֶּעלִיבְּט גֶעוָוארְן, בַּיי דֶעם גְרֶעסְטֶען

ביים קלעגסטען, אזוי בעליבט ווי היינעם פאעזיע איז אונ וועט בלייבען. פאר יודען האט ער געווים זעהר א גרויסען ווערטה, ווייל קיינער קאנן ניט אבלייגענען וואס ער אלליין האט זיין גאנצען לעבען ביז א מינוט פאר זיין טויט געזאגט, אז ער איז א יוד אונ שטארבט א יוד, אונ נאך אזעלכע רייד וואס ער האט אויך אויף דער געבילדעטער וועלט ירושה געלאזען, ווער קאנן עס איהם אבלייקענען?!

אז די יודען פון דייטשלאנד אונ אסטערייך איז אזוי שלעכט געוועהן האבען זיך א טהייל פון זיי געווארפען אויף אללע זייטען אונ האבען אנגעהויבען זוכען הילף דארט, וואו די ישועה איז דוקא געוועהן וייט. דעמאלט האט גראד א משוגע'נער נייסטליכער טהאמאש פעשעל פון ברוינוא, אין אסטערייך געמאכט אים יאהר 1814 א בעזונדער סעקטע, וואס האט אלליין ניט געוואוסט וואס זי וויל, נאר אזוי ווי מען האט זיי אנגעהויבען רודה'ן האט זיך זייער צאהל פערגרעסערט ביז פינף טויזענד. צו זיי זענען צוגעשטאנען עטליכע יודען אונ האבען געמיינט, אז דורך דער סעקטע וועלען זיי געהאלפען ווערען; די גאנצע סעקטע האט אבער געדויערט, זעהר א קורצע צייט, זיי זענען אללע אזוי ווייט פערקראכען, אז זיי האבען געוואלט קוילען אייגענע קינדער, אונ עס האט זיך אויסגעלאזט דערמיט, וואס אין פינף יאהר ארום איז שוין קיין זכר ניט געוועהן פון דער דאזיגער סעקטע, וואס האט זיך גערופען „דער יודיש קריסטליכער גלויבען" אונ טהאמאש פעשעל האט געענדיגט זיין לעבען אין א הויז פון משוגעים. דאס איז געוועהן א קורצער חלום אין א געשטערטען שלאף פון א מענשען, וואס האט ניט וואו א קאפ אנידערצולעגען: ער שפארט זיך אן אויף א שטיין, עס ווייזט זיך איהם אוים אויפ'ן הימעל א יריד אונ ער כאפט זיך נאר אויף מיט קאפ-וועהטהיג.....

ניט בעסער האט זיך אויסגעלאזט איין אנדער יודישער חלום, וואס האט אויך מעהר ניט געדויערט ווי א פאר יאהר. אין אמעריקא האט געוואהנט א גרויסער יודישער עושר, ר' מרדכי עמנואל נח, וואס איז פריהר געוועהן אמעריקאנישער געזאנדטער ביי דער מלוכה פון תונים, אז ער האט געהערט פון דער ווייטענס וואס פאר א צרות עס טראגען איבער זיינע ברידער אין אייראפא איז ביי איהם געבליבען א פלאן צוזאמען צונעהמען זיינע צוזייעטע אונ צושפרייטע ליידענדע ברידער קיין אמעריקא אונ דארט מאכען פון זיי א זעלבסטשטאנדיגע מלוכה. ר' מרדכי עמנואל נח האט בעטראכט אז אין אמעריקא וועגען דעמאלט געוועהן זעהר ווענינ יודען, צוויי קליינע יודישע קהלות האבען

עֶקְסִיסְטִירְט אִין נוּי־יָארְק אוּנ נוּי־פָּארְט אוּנ וַוייטֶער הָאט מֶען אִין פִיעל אָרְטֶער אֲפִילוּ נִיט גֶעקָאנְט דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ יוּדֶען. מֶען דֶערְצֶעהלְט אֲפִילוּ, אַז אִין אַזָא גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט וִוי צִינְצִינַאטִי הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אִים יָאהר 1816 בֶּעזֶעצְט דֶער עֶרְשְׁטֶער יוּד — אַ זֵייגֶערְמַאכֶער, אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי דָארְפְסְלַייט הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט אַ זֵייגֶער צוּ פֶערְרֶעכְטֶען; אִין עֶטְלִיכֶע טֶאג אַרוּם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אָבְּנֶעהמֶען זַיין זֵייגֶער, הָאט עֶר גֶעפוּנֶען דִי קְלַייט פֶערְשְׁלָאסֶען אוּנ הָאט שׁוֹין גֶערֶעכֶענְט, אַז דֶער זֵייגֶערְמַאכֶער אִיז גֶעוִויס אַנְטְלָאפֶען. אַז עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פְרֶעגֶען בַּיי דִי שְׁכֵנִים, הָאט מֶען אִיהם פֶערְשְׁטֶעהֶען גֶעגֶעבֶּען, אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת אוּנ אַזוֹי וִוי דֶער זֵייגֶערְמַאכֶער אִיז אַ יוּד הָאט עֶר זַיין קְלַייט צוּגֶעמַאכְט. מִיט אַ שִׂמְחָה אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין דָארְף אוּנ הָאט דֶער מִשְׁפָּחָה דֶערְצֶעהלְט אַז אִין שְׁטָאדְט אִיז דָא אַ יוּד, אוּנ אַז עֶר אִיז דֶערְנָאךְ אִין אַ וָואכֶען־טָאג גֶעפָאהרֶען אָבְּנֶעהמֶען דֶעם זֵייגֶער הָאט עֶר גֶעמוּזְט מִיטְנֶעהמֶען זַיין אַלְטֶע מוּטְטֶער, וָואס אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר נַייגִירִיג אוּנ הָאט גֶעוָואלְט מִיט אִיהרֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען זֶעהן אַזֶעלְכֶען, וָואס שְׁטַאמְט אַרוֹיס פוּנ'ם אַלְטֶען יוּדִישֶׁען פָאלְק. בַּיי אַזָא לַאגֶע וָואס דִי אַמֶערִיקַאנֶער הָאבֶּען אֲפִילוּ נִיט גֶעוואוּסְט וִוי אַ יוּד זֶעהט אוֹיס אוּנ בַּיי דֶער פְרַייהַייט וָואס אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבֶּען גֶעהַאט אִין אַמֶערִיקָא, אִיז דֶערְפַלַאן נִיט גֶעוֶועהן אֲפִילוּ קֵיין שְׁלֶעכְטֶער, אַז יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ בֶּעזֶעצֶען אִין דֶעם נַייֶען אוּנ פְרַייֶען לַאנְד, נָאר ר' מָרְדְכַי עִמָנוּאֵל נֹחַ הָאט, וִוי עֶס שַׁיינְט, נִיט גֶעהַאלְטֶען פוּנ'ם פָּסוּק: „וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּא מְאֹד״, אַז מֶען דַארְף אָנְהוֹיבֶּען פוּן קְלֵיין אוּנ דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס שׁוֹין מִמֵּלָא גְרוֹיס, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיט אַ מָאל אוֹיפְהוֹיבֶּען דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק אוּנ עֶס נָאךְ מַאכֶען פַאר אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף פְרֶעמְד עֶרְד. עֶס אִיז טַאקִי גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶער רַעשׁ, אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אַז זַיינֶע בְּרִיעף זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אֵייְרָאפַּא אוּנ עֶר הָאט בֶּעשְׁטִימְט. אַז יֶעדֶער יוּד זָאל גֶעבֶּען אַ דָאלַאר אַ יָאהר, דָאס גֶעלְד זָאל גֶעהֶען אוֹיף אִיבֶּערְצוּפִיהרֶען דֶעם עוֹלָם קֵיין אַמֶערִיקָא, אוּנ אַכְטוּנְג גֶעבֶּען דַארוֹיף זָאל אַ בֶּעזוּנְדֶער קָאמִיטֶעט אִין פַּארִיז. גֶעהַייסֶען הָאט עֶס, אַז צוּ אִיהם זֶענֶען צוּגֶעשְׁטַאנֶען פִיעל רַבָּנִים, לוֹמְדִים, בַּאנְקִירֶען אוּנ גֶעלֶעהרְטֶע, וִוי ר' אַבְרָהָם וִויטַא דִי קוֹלוֹנְיָא פוּן פַּארִיז, אַנְדְרַאדַא אוּנ גְרַאדִיז פוּן בָּארְדָא, מֶענְדֶעזַא פוּן לָאנְדָאן, נוּנֶעץ קוֹרְדוּזַא פוּן גִיבְּרַאלְטַאר, ר' אַבְרָהָם בּוּסַאק פוּן לִיוָוארְנָא אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע לַייט. דֶער טָאג וָואס מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט לֶעגֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען שְׁטֵיין אוּנ אָנְהוֹיבֶּען בּוֹיעֶן דִי עֶרְשְׁטֶע יוּדִישֶׁע שְׁטָאדְט אֲרָרָט אִיז בֶּעשְׁטִימְט

געוועהן אויפ'ן 7 פעברואר 1826 אונ ר' מרדכי עמנואל נח האט טאקי געמאכט א גרויסע צערעמאניע אונ פון פיעל ערטער זענען זיך די אמעריקאנער צונויפ־געפאהרען צו דער יודישער שמחה אונ האבען מיט'ן גאנצען הארצען פערגינעגען די יודען ווי זאלען זיך צושלאגען צו א אייגענער נחלה. עס איז אבער דערפון גאר ניט געווארען, אונ שפעטער מיט עטליכע יאהר האט מען פערגעסען אפילו דעם זכר פון דער שטאדט. אדער, בעסער געזאגט, פון דעם לופט־שלאס, וואס איז אומגעפאלען נאך עהדער מען האט איהם אויסגעבויעט. מיט די האנד קאן מען זיך גאר ניט נעהמען פאר דער צייט. אונ דער אמעריקאנישער ארדט איז ניט געוועהן דער פלאץ, וואו די יודישע תבה זאל זיך קאנען אבשטעלען, ווען דער מבול האט נאך ניט אויפגעהערט אונ די בעזע וואליעס טראגען די אלס ווייטער אונ ווייטער....

---

5 די רעפארם אונ די יודישע וויסענשאפט.

(1818—1840 נאך קריסטוס געבורט).

ווייל די פראנצאזישע יודען זענען געווארען געוואהר פון פרייהייט, אונ מענדעלסזאהן האט געוויזען די דייטשע יודען דעם וועג פון אויפקלעהרונג, האבען פיעל פון די אויפגעקלערטע אנגעזעהענע נאכצוטראכטען, אז עס איז ניט נוט מען זאל ווייטער כלייבען ביי די אייגענע דינים אונ מנהגים, וואס זענען איבער־געגאנגען א ירושה פון טויזענד יאהר צוריק. אז עס זענען דא אסך זאכען וואס דער נייער דור וועט דאריף ניט וועלען אונ אויך ניט קאנען בעשטעהען, אונ אז עס איז גלייבער איינצופיהרען א ביסעל נייעס עהדער זיך האלטען פעסט אין דעם אלטען, אונ צו ליעב דעם זאלען פיעל זיך אבזאגען גאר אין גאנצען פון יודישקייט. אזוי האט מען זיך גענומען מאכען א רעפארם. דאס הייסט: איבער מאכען, אבשאפען אללע איבריגע זאכען, אויפטהון עפים נייעס אונ נאטהינעס אונ געבען דעם יודישקייט אזא פארם, אז יודען זאלען זיך קאנען אויסגלייכען מיט אללע אייראפאישע פאלקער.

דער ערשטער וואס האט זיך גענומען מאכען נייע ארדנונגען ביים דאווענען איז געוועהן ר' יעקב ישראל יאקאבזאהן, וואס האט זיך געדעבענט פאר'ן פארשטעהער פון די יודען אין וועסטפאלען. ער האט איינגעפיהרט, צוזאמען מיט די תפלות אויף לשון קודש, אויך דייטשע געבעטע, ער פלעגט

אלליין דרשנ'ען אין שול אויף דייטש, אונ האט געהייסען, אז צו דרייצעהן יאהר זאל מען פאר די יודישע מאדלעך מאכען א מין „בר מצוה" אדער קאנפיר־מאציאן, דאס הייסט: זיי פערהארען צו ווייסען ווי די יסודות פון דער אמונה, אונ ווי אויך פערשטעהען נעבען וואס פאר א דינים אונ מצות זיי דארפען אפ־היטען. אז יאקאבזאהן איז, אים יאהר 1816, אריבער קיין בערלין, האט ער דארט אין א בעזונדער זאל, צוזאמען מיט'ן באנקיר ר' יעקב בער, דעם פאטער פונ'ם בעריהמטען קאמפאזיטאר מאיר־בער, געעפענט א שול אונ האט אויך איינגעפיהרט איין ארגעל. אזא שול האט צו זיך, מן הסתם, צו־געצויגען א סך עדלע יונגע לייט, אונ דארט האבען זיך אויסגעבילדעט די ערשטע פרעדיגער יעקב אויערבאך, קלייא אונ צונזבורג. די פרומע האבען אבער דאס ניט געוואלט ליידען אונ האבען אזוי לאנג געארבייט ביי דער מלוכה, ביז מען האט געהייסען פערמאכען די שול. דעמאלט איז קלייא אוועקגעפאהרען קיין האמבורג אונ האט דארט געעפענט א נייע שול, וואס איז נאך געווארען א סך מעהר רעפאמירט ווי די בערלינער.

די ביטערע יודישע לאגע פון איין זייט, אונ דאס וואס די אויפגעקלארטע האבען אנגעהויבען אויפצוטהון נייעס, פון דער אנדערער זייט, האט געמוזט פיהרען דערצו, וואס דאס לומדות איז געפאלען אונ די גרויסע ישיבות פון פראג, פראנקפורט, אלטונא, מעטץ, פורטה אונ האבערשטאדט, וואו טויזענדער יודישע בחורים האבען פריהר געשאפט זייער גאנץ חריפות, זענען כמעט געבליבען לעדיג. אפילו אין פוילען האט זיך דער צאהל פון די לומדים פערקלייגערט אונ געשס'ט אויף דער וועלט האבען נאר פיער רבנים: ר' מרדכי בענעט פון ניקלשבורג, ר' יעקב ליסא, ר' עקיבא איגר אונ ר' משה סופר. די דאזיגע רבנים אבער האבען אין זיך ניט געהאט דעם כח זיך ארויסצושטעלען פאר מנהיגים פונ'ם גאנצען דור, זיי האבען מעהר ניט געוואוסט נאר זייערע שאלות אונ פוסקים אונ האבען געהאלטען די אללע, וואס געהען מיט איין אנדער דרך פאר גרויסע אפיקורסים, וואס עס איז שווער זיי מהזיר למוטב צו זיין, אונ דאריבער איז גאר ניט כדאי מיט זיי האבען צו טהון. די אויפגעקלארטע האבען טאקי מעהר ניט בעדארפט נאר מען זאל זיי לאזען טהון רוהיג זייער ארבייט, אונ אז ר' משה סופר האט זיך עפים יא גע־וואלט פריווען אונ אנהויבען מיט זיי א מלחמה, איז יאקאבזאהן ניט פויל גע־ווען אונ האט ארויסגעשיקט א בעזונדער שליח צו די רבנים פון די קלייגערע

שטאדט אונ בעטען בײ זײ איין הסכמה אויף די אללע אויפטהועבצען פון דער רעפארם, דעם שליח איז באלד געראטהען אריבערצושלעפען אויף זיין זייט צוויי רבנים: ר' אהרן חארין פון אראד אונ ר' משה קוניץ פון אפען. עס איז אבער שפעטער צוגעקומען דער רעפארם א בעשיצער פון אזא זייט, וואס מען האט עס גאר ניט געקאנט ערווארטען; איינער פון די פרימסטע לומדים אין דייטשלאנד, ר' אליעזער ריסער, איין איידעם פונ'ם רב ר' רפאל כהן אונ זיין רעכטע האנד, איז אפענטליך ארויסגעשפרונגען געגען די האמבורגער „פרומע", וואס האבען געשריגען, אז די אויפגעקלארטע מיט זייערע נייע שולען מאכען א תל פון יודישקייט, אונ האבען אנגעהויבען דרינגען, אז עס איז גאר קיין עולה ניט ווען מען דאווענט רוהיג, געלאסען מיט א שאנעם נוסח, אונ ניט מיט קיין קולות אונ געוואלדען ווי אין די קלייזלעך. אזוי האט די שול-רעפארם בעקומען מעהר קראפט, אונ ביסלעכווייז האבען אנגעהויבען אין די נייע שולען צו קומען בעלי בתים פון געוועהנליכע סוחרים. אים יאהר 1820 האבען די בערלינער אונ האמבורגער סוחרים, וואס זענען זיך צונויפגעפאהרען אויפ'ן יריד קיין לייפציג אונ האבען דארט געמוזט בלייבען די גאנצע ימים נוראים, געאפענט דארט א קליין שולכען אויף דעם שטייגער פונ'ם האמבורגער טעמפעל, אונ מאיר-בער, וואס איז נאך דעמאלט געוועהן גאר א יונגער מאן, האט אימיסטען אנגעשריבען די מוזיק פון עטליכע תפלות פאר'ן קאהר. שפעטער מיט א פאר יאהר האבען זיך אזעלכע שולען געאפענט אויך אין קארלסרוהע, קאניגסבערג אונ ברעסלויא.

אז די האמבורגער פרומע האבען געזעהען ווי די אויפגעקלאהרטע הויבען אן אזוי וואקסען אונ זייערע רבנים זענען ניט אים שטאנד געגען זיי עפיס אויסצופיהרען, איז בײ זיי געבליבען זיי זאלען אויפנעהמען פאר רב אונ פארשטעהער א בעריהמטען למדן, וואס איז אי אבן תורה, אי ניט פרעמד פון בילדונג, כדי ער זאל וויסען וואו מען קאן טרעפען די שוואכע זייט פונ'ם שונא אונ זאל זיך קאנען געגען די רעפארמירטע ארויסשטעלען. דער גורל איז געפאלען אויף ר' יצחק בערנאס, אונ אזוי ווי ער איז טאקי געוועהן אמת קלוג אונ פרום האט ער זיך ניט געוואלט אריינלאזען אין מחלוקת אונ האט ביסלעכווייז אליין אנגעהויבען מאכען נייע אָרדנונגען, ביז ביידע צדדים האבען אויפגעהערט איינער דעם אנדערן נאכצוקוקען אונ יעדער האט אין זין געהאט ויינם. אזוי האט ר' יצחק בערנאס שטילערהייד געארבייט, אז צווישען די האמבורגער יודען זאל הערען שטיל.

אין דער איינענער צייט האט מען אנגעהויבען הארען פון ר' יצחק נח מאנהיימער, דעם ערשטען פרעדיגער פון וויען, וואס האט כמעט פיערציג יאהר פערנומען זיין שטעללע און אללע האבען איהם ליעב געהאט, סאי פרומע, סאי אויפגעקלערטע. אז מען האט אין וויען געאפענט אים יאהר 1826 דעם ערשטען טעמפעל און מען האט אראבגעבראכט מאנהיימער'ן, האט מען באלד פון איהם געהערט נאר איין ווארט „שלום", ווייל ער האט פערשטאנען, אז כל זמן די אויפגעקלערטע וועלען שטעהען אבגעזאנדערט פונ'ם פאלק און די פרומע וועלען קוקען אויף זיי קרום, וועט פון דער גאנצער רעפארם קיין תכלית ניט ווערען. דערפאר האט ער געדרונגען אז מען טאר ניט חאפען, און אז עס איז גלייכער צו געהען מיט א מיטעל-וועג, כדי אללע זאלען זיין צופרידען. מאנהיימער האט געוויזען, אז מען קאן זיך בעגעהען אהן א ארגעל, אבי עס זאל ניט זיין קיין געשריי וועגען חלול שבת, און ער האט רעכט געהאט. דער דרך פון שלום האט איהם געהאלפען צו ווערען דער פארשטעהער פון דער גאנצער יודישער קהלה און, אויף איהם קוקענדיג, האבען די קהלות פון פעשט, פראג און אנדערע שטאדט אויך איינגעפיהרט „קאהר-שולען" און די אויפגעקלערטע האבען אומעדום אנגעהויבען שפיעלען א ראללע.

דעמאלט האבען דריי יונגע לייט, ר' יום טוב ליפמאן, אדער לעאפאלד צונץ, עדוארד גאנז און ר' משה מאזער, געמאכט א בעזונדער חברה אויף צו ארבייטען וועגען דער יודישער וויססענשאפט. זיי האבען טאקי באמת געמיינט, אז די גאנצע שנאה צו יודען נעהמט זיך נאר דערפון, וואס זיי זענען ניט געבילדעט און קוים וועט די זונן פון אויפקלארונג שיינען איבער זיי וועט די שנאה לחלוטין פערשוואונדען ווערען און אללע וועלען זיי מקרב זיין ווי ברידער. דעם טעות האבען אויך אנדערע געבילדעטע יודען געהאט שפעטער מיט אסך יאהרען נאך אין עטליכע ערטער; עס איז אוודאי ביטער געווארען אויפ'ן הארץ, ווען ניט קיין צארטליכע האנד האט אויפגעוועקט פונ'ם דרי'מעל און געגעבען אנצוהערען אז מען דארף פערגעסען א נארישען חלום, ווי זיס ער זאל ניט זיין, נאר קיין רעה איז קיין מאל דערפון ניט ארויסגעקומען: די וויססענשאפט האט דערווייל צווישען יודען דערגרייכט זעהר א שאנע מדרגה און חכמה איז שטאנדיג געוועהן און וועט עביג בלייבען דאס בעסטע צירונג פאר'ן יודען. אויך דעמאלט האבען די אללע, וועלכע האבען אינטערעסטירט די קליינע חברה, ניט בעדארפט קיין חרטה האבען. פון די יונגע שוואכע בוימעלעך זענען געווארען פעסטע איינגעווארצעלטע בוימער

מיט טהייערע פרות, אונ נאר ניך האבען זיך ארויסגעוויזען אזעלכע גרויסע לייט ווי ר׳ יצחק מרדכי יאסט, וועלכער האט דער ערשטער זיך גענומען שרייבען די געשיכטע פון יודען ביז צו דער נייער צייט, ר׳ נחמן קראכמאל, דער בעריהמטער פילאזאף, וואס האט אנגעשריבען א ספר „מורה נבוכי הזמן״, ר׳ שלמה יהודה ליב ראפאפארט דער פראגער רב, וואס האט מיט זיין לעבען בעוויזען, אז בילדונג שאדט ניט צו פרומקייט, אונ ר׳ יוסף פערל, וואס האט געאפענט די ערשטע יודישע שולע אין טארנאפאל אונ האט גאליציען געמאכט פאר איין ארט פון תורה אונ חכמה.

נאר חאטש די יודען האבען אזוי געארבייט אויף פעלד פון וויסענשאפט, האט מען זיי אין דייטשלאנד נאך נוט פיינד געהאט אונ פון קיין רעכטע האט מען נאר ניט געטארט רעדען. די דייטשע מלוכות האבען ניט געוואלט זיך אמשל נעהמען פון פראנקרייך, וואו מען האט אים יאהר 1830, ווען עס האט געהערשט לואי־פיליפ, אויסגעגלייכט אללע רעליגיאנען אונ דאס לאנד האט אויף זיך גענומען צו צאהלען שכירות די יודישע רבנים גלייך מיט די נייסטליכע אונ אויסהאלטען די ראבינערשולע, וואס מען האט צוריק מיט א יאהר געאפענט אין מעץ. אז עס פלעגען זיך אמאל יא געפינען עדלע מענשען, וואס האבען ניט געקוקט אויף זייער כבוד אונ האבען אויפגעוועקט די שאלה וועגען דער יודישער לאגע, האט מען זיי פערשריגען, אונ מען האט זיי ניט געלאזט קיין ווארט רעדען. אזוי איז אויך געוועהן אין פראנקפורט, ווען מען האט אין סענאט געוואלט חאטש מאכען אהיתר וועגען יודישע חתונות אונ מבטל זיין דאס אלטע געזעץ, וואס האט ערלויבט נאר דעם עלטערן זוהן אין א יודישער משפחה חתונה צו האבען: צוויי דריטעל פון די סענאטארען זענען געוועהן געגען דעם אונ די איבריגע האבען געמוזט אנבויגען די קאפ. די דאזיגע פינסטערע צייט, ווען יודען האבען, דאכט זיך, בעדארפט פערלירען דעם לעצטען מוטה, האט אבער דוקא אויפגעמונטערט איין יודען ער זאל אוועקלעגען אללע זיינע כוחות אונ זאל אנהויבען א מלחמה פאר זיינע ברידער מיט אויסוועניגסטע שונאים. דאס איז געוועהן ר׳ גבריאל ריסער, א מענש וואס האט ניט אויפגעהערט דאס גאנצע לעבען ליעב צו האבען זיין פאלק מיט א אמת׳ער הייסער ליעבע אונ איז ניט מיער געוואָרען צו זיין א מליץ יושר פאר זיינע ברידער ביז ער האט אליין זוכה געוועהן צו זעהען פאר זיין טויט אים יאהר 1860, די דייטשע יודען נאר אין א פרעהליכען מעמד. ניט ווייניגער פון ריסער׳ן האט אויך געארבייט זיין חבר, דער דאקטאר ר׳ שלמה לודוויג שטיינהיים,

וואס האט מיט זיינע שירים געשטארקט דעם יודען אונ חזק געמאכט פון דעם, וועלכער האט זיך דערשראקען פאר'ן ערשטען שטורמווינד אונ האט זיך געזוכט א בעהאלטעניש צווישען פרעמדע אונ ניט צווישען די זייניגע.

אין יענער צייט האט אויך די העבראישע שפראכע אנגעהויבען בליהען: ר' שמואל ליב גאלדבערג פון טארנאפאל האט געעפענט א זשורנאל „כרם חמד" אונ די בעסטע יודישע געלעהרטע, צווישען זיי אויך צונץ אונ ר' מיכאל זאקש, זענען געווארען זיינע מיטארבייטער. דעמאלט האט אויך שטארק קונה שם געווען מיט זיינע ספרים ר' יצחק שמואל רעדזשיו פון גארץ, אונ אויף איהם קוקענדיג, איז אין איטאליען געווארען א גאנצע חברה פון העבראישע שרייבער, צווישען וועלכע עס האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט גהירונדי, דער רב פון פאדוא, אלמאנצי, איינער פון די גרעסטע נבירים, ר' שמואל וויטא דע-לא-וואלטע, א דאקטאר פון מאנטא, אונ ר' שמואל דוד לוצאטו, דער דירעקטאר פון דער ראבינער-שולע אין פאדוא. אים יאהר 1837 האט אויך דער דאקטאר לודוויג פיליפזאהן, וואס איז שפעטער געווארען רב אין מאגדעבורג, אנגעהויבען ארויסצוגעבען „די צייטונג דעס יודענטהומ'ס" אונ האט ביז זיין טויט, מעהר פון פינפציג יאהר, ניט ארויסגעלאזט די פעדער פון דער האנד.

אזוי האבען די יודישע געלעהרטע ניט אויפגעהערט צו ארבייטען, אונ זיי זענען געגאנגען מיט דעם דרך, אז ווי באלד די יודען וועלען זיך בילדען אונ וועלען ניט זיין פערגראבט, וועט זיי דאך בעסער ווערען אונ אלע אנדערע פאלקער וועלען ניט עביג קאנען פערליינגען זייער ווערטה. דערפאר האט יעדער פון זיי רוהיג, אהן רעש געטהון אלדינג וואס ער האט גערעכענט פאר נוטצליך אונ נאטהיג צו דעם ציעל, וואס אלע האבען געהאט פאר די אויגען. ניט שטענדיג איז אבער געווען שטיל אין דער יודישער געלעהרטען-וועלט. צוויי גרויסע לומדים, וואס זענען פון קינדהייט אן געווען חברים, זענען זיך צוגאנגען אין פערשיעדענע דרכים, אונ עס האט זיך צווישען זיי אנגעהויבען א מחלוקת, ניט חלילה וועגען פערזאנליכע שנאה, נאר א אמת'ע מחלוקת לשם שמים. דאס זענען געווען ר' אברהם גייגער, וואס איז ארויסגעקומען פון א גרויסער רבנישער משפחה, אונ ר' שמשון רפאל הירש, וואס איז אויסגעוואקסען ביי עלטערן-סוחרים פונ'ם מיטלען גראד. איינענטליך, ווען מען זאל רעכענען אז קינדער טהוען שטאנדיג נאך אלטערע, וואלט גייגער זיך בעדארפט האלטען אין די רבנישע גאנג אונ הירש וואלט בעדארפט זיין נאר

א היינטינ-וועלטינגער; צום סוף איז אויסגעקומען פונקט פערקעהרט: גייגער האט זיך ניט געוואלט בעגעהען נאר מיט א קאהר-שול אונ מיט עטליכע נייע צערעמאניעס, ער האט טאקי געשריגען, אז מען דארף אומוואַרפען דעם גאנצען בנין וואס די רבנים האבען די לעצטע צייט אויסגעבויעט אהן א פלאן אונ אהן א ארדנונג; הירש ווידער האט ניט געלאזט אנרירען אפילו איין אות פונ'ם "שלחן ערוך" אונ האט געדרונגען, אז קוים וויל מען איין שטיינדעל צונעהמען מוז דאס גאנצע הויז איינפאלען, אונ דער יוד וועט נאר בלייבען אין דרויסען אונ וועט סוף כל סוף מוזען ערגיץ אין דער פרעמד זיך אריינבעטען אין שכנות. ביידע האבען זיך געהיצט. ביידע האבען מיט פייער ארויסגעזאגט זייערע פערקעהרטע מיינונגען, נאר ביידע זענען געוועהן הייסע יודען, ביידע האבען גלייך ליעב געהאט זייערע ברידער אונ יעדער האט געמעגט זיי צו העלפען מיט איין אנדער דרך.

דער גלאנצענדער צושטאנד פון דער יודישער וויסענשאפט האט אויך קריסטליכע געלעהרטע איינגעגעבען חשק זיך צו בעשעפטיגען מיט לשון קדש, אונ מיט בעזאנדער לויב מוז מען דערמאנען די נאהמען פון צוויי גרויסע לייט: פראנץ דעליטש, וואס האט זעכציג יאהר כסדר זיך אבגעגעבען מיט העברעאיש, אונ אדאם מארטינע. זיי האבען, צו ליעב דער יודישער וויסענשאפט, אויך ליעב בעקומען דאס יודישע פאלק, אונ ביי יעדער געלעגענהייט האבען זיי מיט פערגניגען ארויסגעוויזען ווי זיי שאצען די יודען אונ האפען, אז דאס יודישע מזל וועט נאך אמאל שיינען ווי פריהער, אזוי ווי עס פאסט טאקי פאר א פאלק מיט אזא טהייערער ירושה, ווי די תורה אונ איהר עבינע היילינע שפראכע.

---

6 ר' משה מאנטעפיארע אונ די בלוטבעשולדיגונג פון דמשק.

(1840—1885 נאך קריסטוס געבורט).

דער שרעקליכער בלבול, וואס האט ווי א דונער געטראפען אים יאהר 1840 די יודען פון דמשק, אונ צוזאמען מיט זיי אללע זייערע ברידער אויף דער גאנצער וועלט, אונ די ישועה וואס איז געקומען דורך א מענשען וואס האט אין זיין לעבען קיין היילינערס ניט געוואוסט פון צדקה אונ מעשים טובים, דאס אלדינג

האט אזוי צונויפגעבונדען דאס אומגליק פון דמשק מיט דעם זכר פון ר׳ משה מאנטעפיארע, אז מיר מוזען פריהר, עהדער מיר דערצעהלען די געשיכטע פון דער עלילה, זאגען עטליכע ווערטער וועגען דער גרויסקייט פון דעם צדיק, וואס האט צו זיך דערווייל קיין גלייכען ניט אין דער גאנצער געשיכטע פון דעם לעצטען יאהר הונדערט.

די משפחה מאנטאפיארע שטאמט ארוים פון איטאליען. דעם 8-טען חשון 1784 איז געבוירען געווארען ר׳ משה אין ליווארנא ביי ניט קיין רייכע עלטערן. זיין פאטער וואס האט שטענדיג געוואהנט אין לאנדאן, איז געוועהן א מיטעלער בעל הבית, בעפאללען מיט א סך קינדער. ער איז פון דעסטוועגען געוועהן בכח צו געבען זיין זוהן איין ארענטליכע ערציהונג, אונ ווי ער האט נאר געענדיגט די שולע איז ער פרייוויליג אריינגעטרעטען אין מיליטער אונ האט זיך אויסגעדינט פאר א קאפיטאן. די לאגע פון די יודען אין ענגלאנד איז אבער אין יענער צייט געוועהן אזוי טרויעריג, אז מאנטאפיארע האט ניט געקאנט מעהר בלייבען אין דיענסט אונ האט זיך געמוזט נעהמען צו מסחר. עטליכע יאהר האט ער געארבייט אין א גרויסען קאנטאר אונ האט דערווייל חתונה געהאט מיט יהודית, דער טאכטער פונ׳ם רייכען אונ געבילדעטען סוחר ר׳ לוי כהן, וואס האט איהם געגעבען אזוי פיעל נדן, אז ער האט באלד געקאנט אויספיהרען צו ווערן בערזענמעקלער, וואס דעמאלט האט מען געמוזט בעצאהלען פאר אזא שטעלע ביז צוועלף טויזענד רובעל. דורכ׳ן ווייבס צד איז מאנטעפיארע געווארען א קרוב צו דער משפחה ראטהשילד, ווייל יהודית׳ס א שוועסטער חנה האט חתונה געהאט מיט ר׳ נתן מאיר ראטהשילד, אונ האט אנגעהייבען ארבייטען פאר זייער האנדעלס-הויז. עס האט נאר ניט לאנג געדויערט אונ מאנטעפיארע וואס האט קיין קינדער געהאט האט זיך ערווארבען אזא קאפיטאל, אז ער האט זיך געקאנט ענטשליסען אוועקצוווארפען אללע געשעפטען אונ זיך נעהמען גוטס צו טהון פאר דער וועלט, דיענען דעם לאנד אונ ברענגען נוטצען דעם פאלק. ער האט שוין געהאט זיין שלאס אין ראמסגעט, אס צו ליעב דעם האט ער דאס גליק געהאט בעקאנט צו ווערען מיט דער קאניגין וויקטאריע, וועלכע איז נאך אין יענער צייט געוועהן פרינצעסין אונ פלעגט אפט קומען שפאציערען צו איהם אין גארטען. צוויי מאל האט מען איהם אויסגעקליבען אויף די גראסטע שטעללען אין לאנד, אונ ער האט געארבייט מיט אללע כוחות צו בעווייזען, אז ניט אומזיסט האט מען איהם אזוי ליעב. קיין זאך איז פאר איהם ניט שווער געוועהן, אונ אז מען איז אים

יָאהר 1860 אִין סִירְיָען אָנְגֶעפַאלְלֶען אויף דִי קְרִיסְטֶען אונ מֶען הָאט אוּמֶערוּם פוּן זַייעֶרְטְוֶוענֶען צוּגוּיפְגֶענוּמֶען נְדָבוֹת הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעפוּילְט, בַּיי 76 יָאהר, צוּ נֶעהמֶען אויף זִיךְ דִי מִיה אונ הָאט אַלֵיין אִין עֶטְלִיכֶע טָאג גֶעזַאמֶעלְט אַ פֶערְטֶעל מִילְלְיָאן רוּבֶּעל.

נָאר וֶוען זַיין נוּטְסְקַייט הָאט זִיךְ תָּמִיד אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען בַּיי יֶעדֶער גֶעלֶעגֶענְהַייט בְּעֵת נָאהטְבֶּעדִירְפְטִיגֶע הָאבֶּען גֶעזוּכְט הִילְף הָאט עֶר דָאךְ זַיין עֶדֶעל הַארְץ אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט אִין גַאנְצֶען זַיינֶע בְּרִידֶער. זַיין עֶרְסְטֶע נְסִיעָה קַיין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶועהן אִים יָאהר 1827 אונ פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר זִיבֶּען מָאל גֶעוֶועהן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶעמָאלְט הָאט מֶען נָאךְ נִיט גֶעוואוּסְט פוּן קַיין אַייזֶענְבַּאהנֶען אונ אויף דִי שִׁיפֶען אִיז מֶען אויךְ נִיט זִיכֶער גֶעפָאהרֶען, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט זִיךְ מָאנְטֶעפְיָארֶע עֶנְטְשְׁלָאסֶען זִיךְ צוּ לָאזֶען אִין לַאנְגֶען אונ גֶעפֶאהְרְלִיכֶען וֶועג מִיט זַיין צֶארְטְלִיךְ וַוייבּ יְהוּדִית, וָואס הָאט נִיט גֶעוָואלְט פוּן אִיהם אָבְּטְרֶעטֶען אֲפִילוּ אויף אֵיין טָאג אונ זִי הָאט גֶערֶעכֶענְט. אַז זִי אִיז מְחוּיָב מִיט אִיהם צוּ טְהֵיילֶען פְרֵייד אונ לֵייד צוּזַאמֶען. נָאטְט הָאט אויךְ גֶעבֶּענְשְׁט זֵייעֶר פָאהרֶען, אונ אוּמֶערוּם וואוּ זֵיי זַיינֶען נָאר גֶעקוּמֶען הָאט מֶען זֵיי מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶועהן אונ אַרוֹיסְבֶּעגְלֵייט מִיט בְּרָכוֹת אונ לוֹיבּ פַאר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אִים יָאהר 1838 הָאבֶּען זֵיי וַוייטֶער זִיךְ גֶעזֶעגֶענְט מִיט לָאנְדָאן אונ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט קַיין פַּאלֶעסְטִינָא, נָאר אִין מַאלְטַא הָאט מֶען זֵיי גֶענֶעבֶּען צוּ ווִיסֶען, אַז דָארְט אִיז אַרוֹיס אַ גְרוֹיס חוּלַאַת אונ מֶענְשֶׁען פַאלֶען אִין דִי גַאסֶען. מָאנְטֶעפְיָארֶע הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּרֶעדֶען יְהוּדִית זִי זָאלל צוּרִיקְפָאהרֶען קַיין לָאנְדָאן, נָאר זִי הָאט דֶערְפוּן אֲפִילוּ נִיט גֶעוָואלְט הֶערְן. אויף פֶּסַח זַיינֶען זֵיי גֶעקוּמֶען קַיין צְפַת אונ דֶער נָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעפָאהרֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אונ דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין בַּיי מָאנְטֶעפְיָארֶע גֶעבְּלִיבֶּען דִי דֵעָה צוּ מַאכֶען שׁוּלֶען אונ גְרִינְדֶען קָאלָאנְיֶען פַאר יוּדִישֶׁע עֶרְדְאַרְבַּייטֶער. נָאר אַזוֹי ווִי סִירְיֶען אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֵער מַאכְט פוּן מִצְרַיִם, אִיז מָאנְטֶעפְיָארֶע אִימִיסְטֶען צוּרִיקְוֶועגְס גֶעפָאהרֶען דוּרְךְ אַלֶכְּסַנְדְרִיָּען אונ הָאט זִיךְ דָארְט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם שֵׁנִי לְמַלְכוּת מַחֲמֶד-עַלִי. עֶר הָאט אִיהם בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט זַיין פְּלַאן, וִוי אַזוֹי עֶר הָאפְט אוֹיפְצוּהֵייבֶּען דֶעם שְׁטַאנְד פוּן דִי יוּדֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט בִּילְדוּנְג אונ אַרְבַּייט, אונ הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען שְׁטַארְק נָאכְדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי עֶר זָאלל אוֹיסְפִיהרֶען זַיין פְּלַאן וֶוועגֶען דִי שׁוּלֶען אונ קָאלָאנְיֶען אִין פַּאלֶעסְטִינָא; נָאר פְּלוּצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארֶען אֵיין אִיבֶּערְשְׁלָאג: עֶס הָאבֶּען זִיךְ אִין סִירְיֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת אונ יוּדֶען הָאבֶּען דָארְט בֶּעדַארְפְט נָאר אֵיין אַנְדֶער הִילְף.

מאנטעפיארע איז אויך געוועהן צווייי מאל אין רוססלאנד: דאס ערסטע מאל ביים קייזער ניקאלאי דעם ערשטען אים יאהר 1846 אונ דאס אנדערע מאל. אים יאהר 1872 ביים קייזער אלכסנדר דעם צווייטען. ביידע מאל איז זיין פאהרען ניט געוועהן אומזיסט, ווייל ער איז זעהר געפאללען אונ ער האט מיט זיינע רעד געפועל'ט פיעל טובות פאר יודען · מען דערצאהלט אפילו, אז ער האט אזוי ווייט נושא חן געוועהן ביים קייזער ניקאלאי דעם ערשטען, אז ער האט איהם בפירוש געזאגט, אז ער וועט איהם צוליעב טהון אונ קוקען אויף זיינע ברידער נאר מיט אנדערע אויגען, ווענן זיי וועלן האטש אביסעלע אהנליך זיין אויף איהם · ער האט איהם אויך געבעטען ער זאל זיך מעהר בעקענען מיט די רוססישע יודען טאמער וועט ער קאנען האבען אווירקונג אויף זיי אונ זיי וועלן אוועקווארפען זייערע פעהלער. מאנטעפיארע איז טאקי צוליעב דעם אריינגעפאהרען אין פיעל יודישע שטאדט, ער האט צוטהיילט זעהר פיעל צדקה אונ אומעדום. וואו ער איז נאר געקומען איז ביי יודען געוועהן א גרויסער יום טוב. דאס איינענע האט ער אויך געטהון אים יאהר 1867, ווען די רומענער זענען אנגעפאללען אויף די יודען אין בוקארעשט, מען האט צובראכען די שול אונ עס איז געווארן א מרידה אין גאנצען לאנד. די טהרערן פון זיינע דערשלאגענע ברידער האבען איהם שוין אראבגעבראכט קיין רומעניען, אונ די מלוכה האט איהם געמוזט צוזאגען, אז מעהר וועלען אזיינע זאכען ניט געשעהן. יעדע נסיעה זיינע אין ארץ ישראל האט פערבעסערט די לאגע פון די יודען. אונ אים יאהר 1854 איז איהם אויך געראטהען צו קויפען ערד פאר א קאלאניע. מאכען מאדרעגעשוהלען, א בקור חולים, אונ ער האט דארויף פארנוטצט 60,000 דאללאר וואס א אונבעקאנטער עושר פון ניי-ארלעאן ר' יהודה טורא האט צוואה געלאזט פאר'ן טויט, מען זאלל זיי איבערשיקען צו מאנטעפיארע'ן אונ ער זאלל מיט דעם געלד טהון ווי ער פערשטעהט.

אים יאהר 1862 איז מאנטעפיארע געבליבען איין אלמן אונ גאנץ ענגלאנד האט בעדויערט דעם טויט פון דער פרומער יהודית וואס איהר קבר געפינט זיך אין ראמסגעט ביי דער שוהל. מאנטעפיארע האט געלאזט שטעללען א טהייערע מצבה, וואס איז פונקט אזוי געמאכט געווארן ווי דער שטיין פון דער מוטטער רחל'ס קבר אויפ'ן וועג פון בית לחם. דאס האט ער געטהון מיט דער כוונה, אז דער שטיין זאלל איהם שטאנדיג דערמאנען אין זיין טייער ארץ ישראל אונ אין זיין געליעבט פאלק. וואס זייט ער האט פערלארן זיין געטרייעסטען פריינד לעבט ער נאר פון זייערטוועגען. עס האט טאקי געדויערט נאר א קליינע צייט

האט מען ווייטער דערהערט א געשריי פון אומגליקליכע אונ זייער ארעמע ברידער האבען צו איהם גערופען. דאס איז געוועהן אים יאהר 1863 אין מאראקא, וואו יודען האבען שוין דארט פון לאנג אן געליטען אונ, אז מען האט נאך אויף זיי אויסגעטראכט אז זיי האבען דערהרג'עט א שפאניער, האט זיך אויף זיי אין גאנצען אויסגעגאסען דער צארן אונ מען האט אנגעהייבען מאכען פון זיי א תל. איין יודען האט מען באלד פארמשפט צום טויט, עטליכע האט מען איינגעזעצט אונ די איבריגע האט מען גלאט בערויבט אונ געלאזט נאקעט אונ בלויז. די יודען האבען שוין דארט געהערט, אז אין ענגלאנד איז דא א וואהלטהאטיגער יוד וואס איז גרייט זיך מפקיר צו זיין פאר זיין פאלק, אונ אז דאס וואסער איז שוין צוגעקומען צום האלז האבען זיי איהם געגעבען צו וויסען.

אים שבת איז דער בריעף אנגעקומען צו מאנטעפיארע אונ זונטאג איז ער שוין געלאפען צום מיניסטער ער זאלל טעלעגראפירען צום ענגלישען קאנסול מען זאלל דארט בעשיצען די יודען. אין עטליכע טאג האט ער זיך פערטיג געמאכט צו דער נסיעה, ער איז אריינגעפאהרען קיין פאריז אונ דאט איבערגערעדט מיט'ן קייזער נאפאלעאן דעם דריטען, דערנאך איז ער אראבגעפאהרען קיין מאדריד אונ האט זיך געזעהן מיט דער קעניגין איזאבעללא, אונ טאקי אין איין וועג האט ער זיך אראבגעהאפט קיין סעווילא אונ האט גענומען א בריעף ביי'ם פאטער פונ'ם שפאנישען קאנסול, וואס האט בעשולדיגט די יודען אין דער רציחה. אוודאי האט שוין נאך דעם מאנטעפיארע וועניג געהאט וואס צו ארבייטען, אונ ווי ער איז נאר געקומען האט מען באלד די יודען בעפרייעט.

מאנטעפיארע האט זיך שוין אבער געוואלט בענוצען מיט דער רייזע, ער זאלל איבערהויפט א טובה טהון די יודען אין מאראקא, אונ דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען אריינצופאהרען אין דער מדינה, זיך צוקוקען מעהר צום לעבען פון זיינע ברידער אונ זיך דערנאך פארשטעללען דעם סולטאן אונ רעדען פאר איהם א גוט ווארט. אבט מעת לעת כסדר האט ער זיך געמוזט שלעפען ביי טאג אונ ביי נאכט, אין די גרעסטע היצען אין טיעפסטען זאמד, אונ חאטש ביי אכציג יאהר האבען איהם שוין די כוחות ניט געקאנט אזוי דיענען, איז איהם פארט קיין זאך ניט שווער געוועהן. דער סולטאן האט שוין געוואוסט פון איהם אונ האט איהם אויפגענומען מיט א כבוד פון א מלך, ער האט איהם אריינגענומען צו זיך אין הויף, ער האט מיט איהם די גאנצע צייט שפאצירט אונ האט איהם צוגעזאגט צו בעווייזען חסד די יודען. פון דעמאלט אן איז זייער מעמד אויך בעסער אונ זיי געפינען שוטץ ביי דער מלוכה.

אויסצורעכענען אללע טובות וואס מאנטעפיארע האט אין זיין לעבען געטהון יודען איז זעהר שווער; מען קאן נאר זאגען, אז עס איז ניטא איין רעכטע זאך וואס איז נוגע יודען אדער אללע מענשען בכלל, וואס ער זאלל פאר איהם ניט טהון אלץ וואס ער האט געקאנט. דערפאר איז זיין נאמען אזוי גרויס, אז זיין הונדערטיאהריגער געבורטסטאג איז געוועהן א יום טוב כמעט ביי דער גאנצער וועלט. דערפאר האט מען ביי זיין טויט ארויסגעזעהען, אז חאטש ער איז מיט קינדער ניט בעגליקט געווארען האט איהם גאטט געבענשט מיט א גאנץ פאלק, וואס בעוויינט איהם אצינד זעהר ווי אייגענע קינדער וואס זענען נאך איהם אזוי ווי יתומים געבליבען און וואס זיין זכר וועט בלייבען לברכה ביי יודען נאך אין שפעטערע דורות.

נאר מעהר פון אללע זאכען וואס ר' משה מאנטעפיארע האט אין זיין לאנג לעבען אויפגעטהון איז געוועהן די הילף וואס ער האט געבראכט די יודען פון דמשק, אין אזא ביטערער צייט, ווען זיי זענען אללע געוועהן אין דער גרעסטער סכנה און שונאים האבען זיך נאך געוואלט בענוצען מיט'ן אומגליק כדי דער פלעק זאל פאלען אויפ'ן גאנצען יודישען פאלק. אין דמשק איז געוועהן א קאטאלישע קירכע, וואס איז געשטאנען אונטער דעם שוטץ פון פראנקרייך, פלוצלונג איז דעם 5 פעברואר 1840, פערפאלען געווארען א גייסטליכער טהאמאש צוזאמען מיט זיין דיענער, און מען האט ניט געוואוסט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. טהאמאש פלעגט זיך בעשאפטיגען מיט מעדיצין און דערפאר פלעגט מען איהם אפט זעהען ארומגעהען איבער דער שטאדט שפאט ביי נאכט און גאנץ פריה, און ער איז, ווי מען זאגט, אויסגעוועהן אללע לאבער. אז ער איז דא פלוצלונג פערשוואונדען געווארען, האט מען געגעבען צו וויסען דעם פראנצאזישען קאנזול ראטי-מענטאן, א רשע מרושע, וואס האט שוין לאנג ארויסגעקוקט ער זאל זיך קאנען נוקם זיין אין די יודען, און חאטש עס איז קיין סוד ניט געוועהן, אז צוריק מיט עטליכע טאג האט זיך טהאמאש געקריגט מיט איין אראבער און יענער האט אפענטליך געשריגען, אז ער וועט פון זיינע האנד ניט ארויס, האט ראטי-מענטאן באלד ארויסגעלאזט א קלאנג, אז אין דער רציחה זענען די יודען שולדיג. ער האט אויף זיין זייט געניינט דעם גובערנאטאר שעריף פאשא, עס האבען זיך אבגעזוכט עדות וואס האבען טהאמאש'ן קלאמערשט פריהר מיט א נאכט געזעהען אין א יודישער גאס, און עס האט זיך אנגעהויבען א גאנצע חתונה. מען האט דאך אבער בעדארפט האבען עפיס א תירוץ, עס

זאל קיינעם ניט קשה זיין פאר וואס די שטילע דערשלאגענע יודען, וואס מען הארט עפּיס ניט, אז זיי זאלען ארומלויפען מיט מעסערס אין די גאסען און הרגנען מענשען, האבען נאר אהן א סבה געקוילעט א גייסטליכען. איז מען געפאלען אויף א שכל און מען האט זיך געחאפּט צום אלטען בלבול, אז דאס איז געטהון געווארען צו ליעב דעם, זיי זאלען האבען בלוט אויף פּסח. קיין בעזאנדערע בעווייזע האט מען ניט בעדארפט, עס איז גענוג געוועהן, וואס א יודישער רופא האט זיך מעהר דערשראקען ווי אנדערע און זיין פּנים האט אויסגעזעהען בלאס, איז שוין אויף איהם געפאלען דער גרעסטער חשד אז ער איז דער שרעקליכער רוצח. מען האט דעם רופא אנגעהויבען מוטשען, און אז ער האט געחאפּט די ערשטע פינף הונדערט שטעקענס און מען האט איהם צוגעזאגט אללע טאג אזוי צו בעשטראפען, ווען ער וועט שווייגען, האט ער געעפענט דאס מויל און האט געזאגט וואס מען האט נאר געוואלט. ערשטענס, האט ער זיך אליין מודה געוועהן און. צווייטענס, האט ער נאך אנגעוויזען זיבען פון די בכבוד'סטע און רייכסטע בעלי בתים, וואס האבען מיט איהם צוזאמען דערהרג'ט דעם גייסטליכען. מען האט באלד, מן הסתם, איינגעזעצט די אללע בעלי בתים, צווישען וועלכע איז אויך געוועהן איינער א זקן, איבער אכטציג יאהר, און מען האט זיי אנגעהויבען אנטהון עניים קשים. א חוץ הונדערטער שטעקענס, וואס מען האט מיט זיי צובראכען זייעדיגע אלטע ביינער, האט מען פון זייערטוועגען אויסגעטראכט נאר א אונמענשליכען ענ'ש: מען האט זיי געלאזט שטעהען אויף די פיס אנדערטהאלבען מעת לעת כסדר, און אז איינעם האבען זיך די אויגען אנגעהויבען קלייגען און עס האט איהם געצווינגען צו דרעמלען, האבען איהם באלד די סאלדאטען מיט פרישע קולאקעס דערמאנט אז מען טאר ניט שלאפען. עס איז נאר קיין כח ניט געוועהן איבערצוטראגען אזעלכע יסורים, און מען האט געוויס גערעכענט, אז מען וועט זיי אויך ברענגען דערצו זיי זאלען זיך מודה זיין, עס האט אבער ניט געהאלפען, די אונשולדיגע יודען האבען זיך בעסער ענטשלאסען צו שטארבען עהדער ארויפצווארפען אויף זיך און אויף זייער פאלק אזא ביטערע בעשולדיגונג. דעמאלט איז שעריף־פאשא, וואס איז ניט געוועהן קיין גרעסערער בעל ישר פון ראטי־מענטאן, שטארק אין כעס געווארען אויפ'ן יודישען עקשנות און האט געוויזען ווי ווייט זיינע אכזריות קאן געהען. קודם כל איז ער מיט זיינע סאלדאטען אנגע־פאלען אויף א הויז פונ'ם גרעסטען יודישען גביר, און האט פשוט דערפו־תל געמאכט, ווייל עס האט געהייסען, קלאסערשט, אז ער זוכט דארט רעב

פויטען קארפער פונ'ם גייסטליכען אונ צו ליעב דעם האט ער צוזוארפען די שטוב אונ א גאנצע משפחה איז געבליבען ליעגען אויף דער גאס. אויסער דעם האט ער צונויפגענומען זעכציג יודישע קליינע קינדער, פון דריי ביז צעהן יאהר, אונ האט זיי אללע פערשפארט אין א בעזונדער חדר אונ האט ניט צוגעלאזט קיין עסען; די אומגליקליכע מוטטערס זענען געשטאנען פון וויטענס אונ האבען געהערט דאס געוויין פון די הונגעריגע פיצעלעך. נאר זיי האבען גאר ניט געקאנט מאכען, ווייל מען האט ביי זיי געפאדערט זיי זאלען זיך גאר מודה זיין. אז א יודישער יונגער מאנן האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבען אונ איז געקומען צום גובערנאטאר אונ האט איהם געוואלט דערווייזען, אז טהאמאש'ן האט מען אין דער לעצטער נאכט געזעהען ביי א טירקישען סוחר, האט מען איהם אזוי געשלאגען, אז אין עטליכע שעה ארום האט ער נאטש די נשמה אבגעגעבען. ראטי-מענטאן פון זיין זייט איז דערווייל ניט מיעד געווארען צו זוכען נייע בעווייזען געגען די יודען, אונ אז מען האט ערגיץ געפונען א פערפוילטען ביין אונ א אלטע שמאטע האט ער באלד געפועלט ביי זיינע דאקטוירים אונ זיינע שטאנדיגע עדות, מען זאל זאגען, אז דאס איז איינס פון טהאמאש'ס גליעדער אונ א שטיק פון זיין היטעל. די נייע בעווייזע האבען ווייטער געפיהרט דערצו וואס מען האט אללע מאל איינגעזעצט אנדערע בעלי בתים אונ מען האט זיי געשלאגען טויט-שלאג. עס איז אזוי ווייט געקומען אז איינער פון די יודען, ר' יוסף לאניאדא, איז טאקי געשטארבען אונטער די הענד פון די תליינים, דער אנדערער, ר' משה אבולאפיא, האט זיך קוים אבגעראטעוועט דאס לעבען דערמיט וואס ער איז איבערגעגאנגען צום מחמדנישען גלויבען, אונ די איבריגע האבען געזאגט וואס מען האט זיי געהייסען אבי מען זאל גיכער מאכען פון זיי איין סוף. מען האט ארייגעשלעפט אויך דריי רבנים פון דמשק אונ אפילו די שאנסטע משפחה פרחי. וואס אללע איינוואהנער האבען פאר זיי דרך ארץ געהאט. נאר ראטי-מענטאן האט זיך נאך אלץ ניט געוואלט בערוהיגען אונ האט געטהון אזעלכע גרויזאמקייטין, אז סוף כל סוף האט עס דער אסטערדרייכישער קאנזול מערלאטא ניט געקאנט צוזעהען, אונ האט זיך געפרוווט א ביסעל אנצונעהמען זיך פאר די יודען, נאר פאר דעם שריט איז ער אלליין געוועהן אין סכנה ווייל ראטי-מענטאן האט אויף איהם אנגערייצט דאס פאלק, אונ אז מען האט אנגעהויבען ראבעווען די יודען האט מען ביי איהם אויך אויסגעשלאגען די פענסטער, אונ דאס איז געוועהן א ווינק, אז צו קיין יודישער זאך טאר מען זיך ניט מישען. ראטי-מענטאן האט

אויסער דעם גלאָזט איבערזעצען אויף אַראַביש אַ בוך, וואָס ווייזט אויס, אַז יודען דאַרפען טאַקי בלוט אויף פּסח. אונ אַזוי האָט ער געפּועלט בּיי שערף־פּאַשאַ ער זאָל פאַרשטעלען דעם מושל פון מצרים, מחמד עלי, אַז די יודען זענען טאַקי שולדיג אין דעם טויט פון טהאָמאַס אונ אַז זיין בלוט האָבען זיי בענוצט צו די מצות.

אַז עס איז בעשערט געוועהן דאָס אומגליק זאָל זיך פערגרעסערן, האָט זיך דער בלבול בעדאַרפט אין דער איינענער צייט פערשפּרייטען אין עטליכע ערטער. אויף דער אינזעל רהאָדוס, וואָס האָט אויך געהערט צו טירקיי, האָט זיך בּיי אַ גרעק אויפגעהאַנ׳ען אַ קינד פון צעהן יאָהר, אונ חאָטש אַלעס האָבען געוואוסט. אַז דאָס קינד האָט זיך אַליין דאָס לעבען גענומען, האָבען די קריסטען געמאַכט אַ געוואַלד, אַז די יודען האָבען עס דערהרג׳ט. דאָס איז געוועהן אַ צאָאָב צו דער מעשה פון דמשק אונ עס האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען רדיפות אין גאַנץ סיריען אונ טירקיי. כמעט אין יעדער שטאָדט האָבען די יודען געהאַלטען די נשמה אין די האַנד אונ האָבען מורא געהאַט מען זאָל פון זיי ניט מאַכען אַ תל, ווייל בעלנים אויף ראַבעווען זענען געוועהן זעהר פיעל אי צווישען גריכען, אי צווישען די טירקען. אין דיאַבּאַר, ניט ווייט פון דמשק, האָט דאָס פאָלק צובראָכען די יודישע שול אונ צוריסען אַלע ספרי־תורה; מען האָט דאָס איינענע געוואָלט טהון אויך אין ביירוט, נאָר דאָרט האָט עס דער האָללאַנדישער קאָנזול ניט דערלאָזט.

מערקווירדיג איז דאָס, וואָס מיט דער בלוטבעשולדיגונג פון דמשק איז געשעהען דאָס איינענע, וואָס עס קומט אַ מאָל פאָר בּיי אַ גרויסער שׂרפה: עס ברענט דאַכט זיך אויף איין אָרט אונ ערהער מען קוקט זיך אום האָט שוין דער ווינד פערטראָגען ערגיץ עטליכע רעכטע פונקען אונ דאָס פייער שפּאַרט שוין אָן גאַנץ ווייט. כמעט אין אַ חודש אַרום ווי עס איז אַרויסגעקומען דער בלבול פון דמשק האָט מען אין פראַנקרייך, אין דער געגענד פונ׳ם רהיין, אויך זיך געפּרוּווט אַרויסוואַרפען פונקט אַזאַ חטא אויף די יודען, נאָר עס איז ניט געראָטהען. אַ קריסטליך מאָדעל פון ניין יאָהר האָט זיך אָנגעהויבען טשעפּען צו אַ יודען אַז ער האָט איהר צושטאָכען דאָס לייב אונ האָט געצאַפּט איהר בלוט; איהרס אַ ברודער׳ל פון זעכס יאָהר האָט זיך געשוואָרען, אַז ער איז אַליין געשטאַנען דערביי אונ אַזוי ווי דעמאָלט איז נאָך גראָד פערפאַלען געוואָרען אַ אַלטערער קריסט, האָט מען געשמאַק אָנגעהויבען שמועסען, אַז

דאס איז די יודענס ארבייט. מען האט זיך אבער באלד גענומען צו חוקר ודורש זיין און מען איז געוואהר געווארען אז די גאנצע זאך איז פאלש. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פערפאלענער קריסט לעבט גאר און מען האט איהם אומיסטע זיך געהייסען בעהאלטען כדי מען זאל זיך קאנען צופיהרען די האנד מיט די יודען; א חוץ דעם, אז די דאקטוירים האבען גענומען בעטראכטען דאס מאדעל האבען זיי געזעהען, אז זי האט זיך נאר אויסגעשמירט מיט בלוט, און אז דאס לייב איז אפילו ניט געוועהן צודראפעט. אודאי איז דער אמת ארויס ווי בוימאהל אויפ'ן וואסער און מען האט נאך שטרענג בעשטראפט די מוסרים און די פאלשע עדות, וואס האבען אנגעמאכט דעם גאנצען טא־ראראם.

דאס וואס מען האט אבער געקאנט מאכען אין פרייסען אין עטליכע טאג איז שווער געוועהן אויסצופיהרען אין דמשק אין עטליכע חדשים. אין פרייסען האבען שוין לאנג די יודען אין פריידען דערצעהלט דעם נס וואס איז מיט זיי געשעהען — אין דמשק אבער האבען זיי כמעט די גאנצע האפנונג פערלארען, ווייל זיי האבען זיך ניט געהאט צו ווענדען. שעריף־פאשא האט זיי געמוטשעט און געהאלטען אין תפיסה און ראטי־מענטאן האט אזוי געארבייט, אז אפילו אין פראנצאזישע צייטונגען איז בעשריבען געווארען דער חטא פון די יודען אין די שרעקליכסטע פארבען, און אפילו אזא גרויסער מאן ווי דער בעריהמטער שרייבער טהיער, וואס איז דעמאלט געוועהן מיניסטער און איז אים יאהר 1871 געווארען פרעזידענט, האט אנגעהויבען שלעכט קוקען אויפ'ן יודישען פאלק. אז דאס וואסער איז שוין אבער געקומען איבער דעם האלז, און דאס געשריי פון דמשק האט דערגרייכט צו די יודישע נבירים אין די גרויסע איראפאישע שטאדט, האט ר' משה מאנטעפיארע דער ערשטער אנגעמאכט א געוואלד, אז מען מוז ארויפברענגען די מלוכות פון ענגלאנד, פראנקרייך און אסטערייך זיי זאלען זיך אננעהמען פאר די אומגליקליכע יודען. צו איהם זענען באלד צוגעשטאנען אין לאנדאן — ראטהשילד, סאלאמאנס און גאלדשמיד, אין פאריז — דער יודישער מיניסטער אכיל פולד, און דער בעריהמטער אדוואקאט אדאלף קרעמיע, וואס איז דערנאך צוויי מאל געוועהן מיניסטער אין פראנקרייך. אין אמשטרדם — דער פרומער ר' הירש לעהרן, און אללע האבען זיך גענומען ארבייטען צו דערווייזען ווי פאלש דער בלבול פון דמשק איז. אין איין צייט האבען זיך געווארפען קרעמיע צו

דער פראנצאזישער מלוכה, מאנטעפיארע, צו דער ענגלישער, און מיט אסטערייך האט מען ניט בעדארפט אזוי פיעל ארבייטען, ווייל דער קאנזול פון דמשק האט נאך פריהר מודיע געוועהן קיין וויען וואס פאר א רציחה דארט געהט פאר. פון לאנדאן, פאריז און וויען האט מען באלד געגעבען א ווינק דעם סולטאן, אז מען איז ניט צופרידען וואס ער דערלאזט אזא עולה, און ער האט תיכף געהייסען מען זאל חוקר ודורש זיין וואס עס האט זיך פערלאפען אין ראהדוס, און די אונשולד פון די יודען האט זיך שוין ארויסגעוויזען. דערצו האט זיך ניט געפוילט דער באראן ר' נתן מאיר ראטהשילד אליין אראבצופאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל און די יודען פון ראהדוס זענען באלד בעפרייהט געווארען. ניט אזוי לייכט איז אנגעקומען איבערצודרעהען די שלעכטע מיינונג פון מחמד-עלי, דעם מושל פון מצרים, וואס פון איהם זענען אבהאנגיג געוועהן די יודען פון דמשק, און די דאזיגע שווערע ארבייט האט אויף זיך גענומען ר' משה מאנטעפיארע. ער האט זיך ענטשלאסען צו מאכען די ווייטע נסיעה צוזאמען מיט זיין געטרייער פרוי יהודית מיט אדאלף קרעמיע, מיט זיין לייב-דאקטאר לעווי און מיט נאך עטליכע פון זיינע מקורבים, און איז געוועהן זיכער, אז איהם וועט געוויס געראטהען אויסצופיהרען זיין גרויס שליחות. געשטארקט האט איהם דאס, וואס אין גאנץ ענגלאנד איז מען געוועהן איבערצייגט אז ער נעהמט זיך אן פאר איין אמת, און ביי דער אסיפה וואס די גרעסטע עדעללייט האבען געמאכט פאר זיין פאהרען האט מען בעשטימט א שכר פון טויזענד פונד שטערלינג דעם דאזיגען, וואס וועט געפינען דעם גייסטליכען טהאמאש. דאס איז געוועהן דער בעסטער בעווייז, אז קיינער גלויבט נאר ניט אז ער איז פערפאלען אדער דערהרג'ט געווארען און מען רעכענט נאר אז די שונאי ישראל האבען איהם אומיסטען בעהאלטען. צוויי רבנים האבען דעמאלט אין לאנדאן אפענטליך געשווארען ביי א ספר תורה, אז יודען בענוצען ניט קיין בלוט, און דאס אייגענע האט אויך מודה געוועהן א געטויפטער יוד אוינוסט נעאנדער, וואס איז געווארען איינער פון די געשאצטע גייסטליכע. ער האט זיך ניט געשאמט אפען צו שרייען אז עס איז א שאנדע פאר אונזער צייט מען זאל נאר רעדען פון אזא נארישען בלבול, און דאס יודישע הארץ האט איהם ניט געלאזט רוהען ביז ער האט געמוזט זאגען א גוט ווארט פאר זיינע ברידער. מיט גרויס כבוד איז מאנטעפיארע ארויסגעפאהרען פון לאנדאן, די ענגלישע מלוכה האט איהם געגעבען א בעזונדער שיף און די קאניגין וויקטאריע האט איהם ביים געזעגנען צוגעווינשעוועט

ער זאָל מַצליחַ זיין. מיט אַזוי פיעל בְּרָכוֹת אונ הַבְטָחוֹת איז מאָנטעפיאָרע געקומען קיין קאַירא, אונ מחמד-עלי האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען. אַז עס איז אָבער געקומען צום עיקר האָט ער זיך אָנגעהויבען דרעהען, אונ אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען דריי וואָכען. קרעמיע איז אָבער געפאַלען אויף אַ שֵׂכֶל אונ האָט אָנגעשטעלט אַללע קאָנזולען פון די אייראָפּעאישע מְלוּכוֹת זיי זאָלען זיך אַנגעבען אַפּאַפּיער, אַז זיי בעטען מען זאָל בעפרייהען די יודען פון דמשק. מחמד-עלי האָט זיך אַפילו געשטעלט דאַרויף וואָס עס האָט געפעהלט די חתימה פונ'ם פראַנצאָזישען קאָנזול, נאָר מעהר שלעפּען די זאַך האָט איהם שוין ניט געפּאַסט, אונ ער האָט געמוזט צו ליעב טהון. עס איז נאָך אַזוי אויסגעקומען, אַז זיין בעפעהל האָט ער געמוזט צוויי מאָל איבערשרייבען. ווייל דאָס ערשטע מאָל איז געשטאַנען, אַז ער איז מוחל די יודען, אונ אַז מאָנטעפיאָרע איז דערפון געוואָהר געוואָרען האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט, אַז דאָס וואָרט מְחִילָה זאָל שטעהען אין בעפעהל, כְּדֵי שפּעטער זאָלען די שׂוֹנְאִים ניט זאָגען אַז די מַעֲשֶׂה איז טאַקי אֱמֶת געוועהן, נאָר די מְלוּכָה האָט געטהאָן חֶסֶד מיט די שולדיגע. דערפאַר האָט מאָנטעפיאָרע ניט געוואָלט אָבטרעטען ביז ער האָט ניט פערענדערט דאָס וואָרט אונ האָט בפירוש געשריבען אַז די יודען זענען אונשולדיג. די ישועה וואָס איז געקומען אויף די יודען פון דמשק האָט אָנגעמאַכט אַ שִׂמְחָה ביי אַללע יודען אין דער גאַנצער וועלט, אונ אַז מאָנטעפיאָרע איז צוריקגעפאָהרען איז מען איהם אומעדום אַקעגענגעגאַנגען מיט חופות אונ מען האָט איהם בעגריסט כמעט ווי אַ מֶלֶךְ. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם סולטאַן עבד-אול-מעדזשיד אונ איהם צו ליעב האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בעפעהל, אַז קיין בלוט בעשולדיגונגען זאָלען אין טירקיי מעהר ניט פאָרקומען. אַזאַ בעפעהל איז שפּעטער מיט עטליכע יאָהר צו נוטץ געקומען די יודען אין ירושלים, ווייל עס איז דאָרט אַרויס אַ געשלאַג צווישען עטליכע יודישע אונ גריכישע קינדער, אונ מען האָט זיך שוין ווייטער געוואָלט כאַפּען צום אַלטען בלבול, נאָר די מְלוּכָה האָט געשיצט די יודען אונ האָט ניט דערלאָזט צו קיין אומגליק. די ריינע אונ קלאָרע ווערטער פון עבד-אול-מעדזשיד, אַז ער האָט זיך איבערצייגט פון דער תּוֹרָה, אַז יודען טאָרען זיך גאָר צו קיין בלוט ניט צורירען, זענען זעהר ניט געפאַלען די קאַטאָלישע גייסטליכע אין אייראָפּאַ, אונ אַז עס איז אויסגעקומען מאָנטעפיאָרע'ן צו זיין אים יאָהר 1858 אין רום אונ בעטען ביים פּאַפּסט מען זאָל די יודישע עלטערן אומקעהרען זייער זעכסיאָהריג קינד מאָרטאַראַ, וואָס מען האָט דערמאָלט מיט

ניעזאלד געטויפט, האט מיט איהם דער קארדינאל אנטאנעלי א געמאכט א רעדע וועגען דעם סולטאן׳ס בעפעהל אונ האט איהם געפרעגט ווי פיעל נאלד דאס האט אבגעקאסט. נאר מאנטעפיארע האט איהם גאנץ קאלט געענטפערט, אז ער האט דערפאר בעצאהלט ניט מעהר ווי פיעל ער האט געגעבען זיין דיענער אצונד פאר׳ן מאנטעל אראבגענעהמען. אז ער איז צוריקגעקומען קיין לאנדאן האט איהם די קעניגין וויקטאריע געדאנקט פאר זיין מיה, אונ האט איהם ערלויבט אויף זיין הערב (התימה) צו שטעלען אויף לשון קדש דאס ווארט „ירושלים״ — אונ דער זכר פון דער היילינער שטאדט איז פאר איהם געוועהן דער גרעסטער לאהן.

מאנטעפיארע אונ קרעמיע האבען אבער זיך ניט געוואלט בעגנוגענען נאר דערמיט וואס זיי האבען זייערע ברידער מציל געוועהן פון א סכנה; זיי האבען געוואלט די סירישע יודען בעווארענען אויך אויף ווייטער עס זאל זיך זיי מעהר אזעלכע אומגליקען ניט טרעפען, אונ אזוי ווי זיי האבען זיך צוגעקוקט צום מעמד פון די דאזיגע יודען אונ האבען געזעהען אז זיי זענען שטארק פערגראבט, האבען זיי פערשטאנען, אז נאר די בילדונג קאן זיי ארויספיהרען אויף א רעכטען וועג, אונ ווי באלד זייערע קינדער וועלען לערנען אונ וואקסען צוזאמען מיט קינדער פון אנדערע איינוואהנער, זיי וועלען קאנען די לאנדעס־שפראכע, אונ מיט דער הנהגה וועלען זיי אויך ניט זיין שטארק אבגעזונדערט פון אללע, וועט מען פאר זיי ממלא דרך ארץ האבען אונ מען וועט פערשפארען אויס־טראכטען בלבולים. דערפאר זענען זיי ניט ארויסגעפאהרען פון מצרים ביז זיי האבען ניט געעפענט אין קאירא צוויי שולען פאר יונגלעך אונ פאר מאדלעך, אונ דער בעריהמטער געלעהרטער ר׳ שלמה מונק, וואס זיי האבען איהם אויך מיט זיך מיטגענומען, ווייל ער האט זעהר גוט געקאנט אראביש, האט אבגעדרוקט א בריעף צו די יודען אויף לשון קדש אונ אראביש אונ האט זיי ערקלערט, אז נאר דורך תורה אונ חכמה קאן דאס יודישע פאלק קומען צום פריהערינען גלאנץ. מונק׳ס בריעף האט געהאט אזא ווירקונג, אז די יודען האבען אפילו פערגעסען זייער שנאה צו די הונדערט קראימעשע משפחות, וואס האבען נאך דעמאלט געוואהנט אין קאירא, אונ האבען אין די שולען אויפגענומען אויך זייערע קינדער. אזא התחלה אין מצרים האט געפיהרט דערצו, וואס דער חכם־באשי אין קאנסטאנטינאפאל ר׳ משה פרעסקו האט אויך געשריבען [illegible] צו אללע יודישע קהלות פון טירקיי מען זאל אנהייבען די קינדער לערנען [illegible] כדי עס זאל ניט זיין קיין חלוק צווישען די יודען אונ די איבריג[illegible]

איינוואהנער פונ'ם לאנד און מען זאל דערפיר מקיים זיין דעם רצון פונ'ם סולטאן.

אין דער צייט וואס אין מזרח-זייט זענען די יודען געשטאנען ביים אבגרונד און עס איז אבגעגאנגען א האר זיי זאלען אללע אריינפאלען ווען דער אויבער-שטער שיקט זיי ניט זיינע גוטע שליחים, האבען זייערע ברידער אין דער מערב-זייט זיך אלס ניט אויפגעהערט צו קריגען איבער אמונה זאכען און דער צד, וואס האט געוואלט מאכען א רעפארם איז מיט יעדען טאג געווארען א גרא-סערער דארן אין די אויגען פון די פרומע. אין האמבורג איז דאס מחלוקת אזוי ווייט געגאנגען, און דארט האבען די רעפארמירטע צו זיך צוגעצויגען אזוי פיעל יונגע רבנים, אז אפילו דער געבילדעטער רב ר' יצחק בערנ"ס האט געלאזט אויסרופען אין די שולען מען זאל ניט דאווענען פון דעם סדור, וואס די רעפארמירטע האבען אבגעדרוקט. ווער ווייסט צו וואס די דאזיגע מלחמה וואלט געקאנט פיהרען, ווען עס מאכט זיך ניט אין האמבורג א גרויסע שרפה און ביידע צדדים האבען געמוזט אוועק פונ'ם פלאץ. דעמאלט איז דאס מחלוקת איבערגעטראגען געווארען קיין פראנקפורט אם מאין וואו עס האט געלעבט ביז 1842 איינער פון די פייערינסטע רעפארמירטע ר' רפאל קרייצענאך, און נאך זיין טויט האבען זיך ערשט זיינע תלמידים גענומען רעכט בעפעסטיגען די רעפארם. מען האט אין ברוינשווייג געמאכט איין אסיפה פון דייטשע רבנים אים יאהר 1844, דערנאך האט מען די צווייטע אסיפה גע-מאכט אין פראנקפורט אים יאהר 1845, און דעמאלט האט זיך ארויסגעוויזען ר' שמואל האלדהיים, איינער פון די פוילישע ישיבה-בחורים און א גרויסער בן תורה, ער האט צוזאמען מיט ר' שמואל שטערן געאפענט אין בערלין א רעפארמירט טעמפעל, און איז ביז צום טויט (1880) געבליבען די איינציגע פעסטע זייל פון דער רעפארם, וואס האט זיך פון דעסטוועגען ווייטער ניט פערשפרייט און האט אבגעזוכט נאר עטליכע געצאהלטע בעלנים אין אמעריקא, וועלכע האבען דארט אויך געאפענט רעפארמירטע שולען און האבען געפונען, אז דאס יודישקייט קאן זיך בעגעהען אהן מל זיין קינדער, אהן אבהיטען שבת, אהן עסען כשר, אהן לשון קדש, אהן א האפנונג אויף משיח'ן, און אז עס וועט די יודען נאר ניט שאדען ווען זיי וועלען מדחה זיין דעם שבת אויף זונטאג, און זיי וועלען אהן היטלען זאגען די מוסף'דיגע קדושה.... א שטארקע נגיעה אין דעם, וואס די רעפארם איז אין דייטשלאנד ניט אזוי בעפעסטיגט געווארען, האבען געהאט ר' זכריה פראנקעל, דער רב פון ברעסלויא

און דער בעריהמטער פרעדיגער פון בערלין ר' מיכאל זאקס: ביידע האבען זיי בעוויזען אז צו פיעל אבשינדען דעם יודישען גוף איז ניט גוט, ווען עס האלט זיך אזוי אויך קוים די הויט אויף די ביינער.

דאס יאהר 1848 האט די יודען כמעט אין אללע לאנדער פון איירָאפּא געבראכט אמת'ע פרייהייט אהן פירושים, און זיי האבען אין א קורצער צייט פון א יאהר צוואנציג אזא וואוקס געטהון אז עס איז זיי נאר אונמעגליך געווארען צו דערקאנען. וואהין מען האט נאר געווארפען איין אויג אויף דעם פעלד פון וויסענשאפט האט מען געפונען געצייכענטע יודישע געלעהרטע, פראפעסארען, שרייבערס, קינצלערס, און אזעלכע נאהמען ווי יאקאבי, לאסאל, לאסקער, קוראנדא, מאיר-בער, הלוי, ראשעל, בערטהאלד, אויערבאך, און נאך פיעל אנדערע האבען געמאנט דיענען פאר א צירונג אסך א גראסער פאלק מיט וועניגער איבערגעליטענע צרות. בעזאנדערס האט יודען פיעל כבוד געמאכט וואס אזא גרויסער מאן ווי בנימין דיזראעלי, דער ערשטער מיניסטער פון ענגלאנד, וואס האט שפּעטער בעקומען דעם טיטעל פון לארד ביקאנספילד, האט זיך ניט געשעמט מיט זיין יודישען שורש און האט אין זיינע ראמאנען, פערקעהרט, פערשטעהען געגעבען אז ער איז שטאלץ אויף זיין יחוס און איהם טהוט הנאה, וואס אין זיינע אדערן פליעסט דאס בלוט פון א פאלק, וועלכעס האט נאך די בעסטע האפנונגען אויף שפּעטער.

א שטארקער קלאפּ איז פאר די יודען געוועהן די מעשה פון דעם קליינעם קינד מארטארא, וואס מען האט עס אים יאהר 1856 געטויפט, געגען רצון פון די יודישע עלטערן, נאר דערפאר וואס די קריסטליכע אממע האט א נדר געטהון, ווען דאס קינד איז קראנק געוועהן, אז ווי באלד עס וועט געזונד ווערען מוז זי עס טויפען. דער פאפּסט פּיוס דער נייַנטע האט ארויסגעוויזען זיין עקשנות און האט ניט געוואלט אבגעבען דעם קרבן, כאטש דער אלטער מאנטעפיארע איז אליין געפאהרען צו ליעב דעם קיין רום, און דער קייזער נאפּאלעאן דער דריטע האט איהם געשריבען איממיטען א בריעף. דעמאלט האבען זיך די יודען ארומגעקוקט, אז עס איז בעסער ווען צווישען אללע זאל זיין מעהר אחדות, און אים יאהר 1860 האבען זעכס יודישע יונגע לייט, א סוחר שארל נעטער, איין אדוואקאט נארציס לעווין, א אינזשענער זשול קארוואלא, א פּראפעסאר אייזשען מאנועל, איינער פון די רבנים אריסטיד אסטרוק און א לעהרער פון דער רבינערשולע

איזידאר כהן אין פאריז געמאכט א חברה „חברים כל ישראל״, וואס איז צום אנהייב בעשטאנען פון 850 חברים. נאר שפעטער, אז קרעמיע אונ נא אנדערע גרויסע לייט זענען צו זיי צוגעשטאנען, האט זיך זייער צאהל פערגרעסערט ביז אריבער דרייסיג טויזענד. אצונד האט די דאזיגע חברה א סך געלד, זי האלט אויס א סך שולען, אונ וואו מען דארף אונ עס איז נאר מעגליך נאהמט זי זיך אן פאר יודען, פונקט אזעלכע חברות האבען זיך דערנאך געעפענט אין אמעריקא – אים יאהר 1861, אין לאנדאן – אים יאהר 1871, אין וויען – 1873, אונ אללע יאגען זיך צו איין ציעל: צו פערבעסערן דעם שטאנד פון די יודען וואו זיי זענען צוזאעט אונ צושפרייט אויף דער וועלט.

אין היינטיגע יאהרען געהט דאס לעבען פון די יודען כמעט אין אללע לענדער פון איירא[פ]א כמעט רעגעלמעסיג. אין פיעל ערטער שטעהען די יודישע קהלות אונטער דער השגחה פון דער מלוכה אונ אללע הצטרכות ווערען ארויסגעגעבען פון דער קרוין גלייך ווי פאר אללע אנדערע איינוואהנער פון דער מדינה. פון מחלוקת וועגען אמונה־זאכען הערט מען ניט אונ די רבנים אונ פרעדיגער, וואס זענען שוין אין דער לעצטער צייט איבער עטליכע הונדערט ארויס פון די ראבינער־סעמינארען אין ברעסלוי, בערלין אונ פעסט, טהוען זייער זאך בשלמות, זיי בעפעסטיגען דאס יודישקייט אונ שטארקען דעם יודען ער זאל זיך מיט גוטע מדות אונ מעשים טובים קויפען ליעבשאפט ביי אללע.

ז ר׳ יצחק בער לעווינזאהן אונ זיין צייט.

(1788—1860 נאך קריסטוס געבורט).

דער גרויסער אונשטערבליכער נאהמען פון ר׳ יצחק בער לעווינזאהן איז אזוי ענג פערבונדען מיט דעם מצב פון די רוסישע יודען אין די לעצטע פינפציג יאהר, אז עהדער מיר רעדען פון איהם אליין, געפינען מיר פאר נאטהיג אונזערע לעזער א קליינעם בעגריף מאכען פון דער יודישער לאגע אין רייסלאנד אין די אלטע צייטען אונ פון דעם וואס איז פון זייערטוועגען געטהון געווארען אין די לעצטע עטליכע דורות.

נאך אסך הונדערטער יאהרען עהדער רוריק איז אים יאהר, 862, געוואָרען א מושל איבער דער רוסישער ערד, פלעגען אהין שטאנדיג קומען יודישע סוחרים פון חאזארען, קרים און קאווקאז, און דערפאר איז גאר קיין וואונדער ניט וואס אין דער ערשטער צייט, ווען די רוסישע פירסטען האבען געפיהרט די מדינה, און אפילו ווען די מלוכה איז שוין איבערגעגאנגען צו וולאדימיר דעם הייליגען, וועלכער האט דער ערשטער איינגעפיהרט די קריסטליכע רעליגיאן צווישען די רוסען, האבען זיך גענוג יודען געפונען אין לאנד און צווישען די איינוואוינער פון קיעוו זענען געוועהן ניט ווענינ יודישע. וואס מעהר די רוסישע מלוכה האט זיך אבער אנגעהויבען בעפעסטיגען, האט מען ניט נאר שטארק אונטערגעדריקט די עטליכע יודען וואס זענען שוין דארט געזעסען, נאר מען האט שוין פשוט קיין אנדערע ניט אריינגעלאזט. שפעטער מיט צעהנדליגער דורות פלעגט זיין א חדוש אז מען האט דערזעהען א יודען אין רוסלאנד, און מיר ווייסען נאר פון צוויי יודישע דאקטוירים, וואס האבען געדיענט אין הויף: איינער האט געהייסען לעאן און מען האט אידם אין מאסקויא געהרג׳ט אים יאהר 1490 דערפאר, וואס איז איהם ניט געראטהען אויסצוהיילען איינעם פון די יונגע פירסטען פון א געפאהרליכער קראנק, און דעם אנדערן האט מען גערופען פאן-האדען, נאר ער האט זיך שוין גליקליכער אויסגעלעבט זיינע יאהרען, און איהם צו ליעב האט מען געלאזט וואהנען אין מאסקויא זיינע יודישע קרובים, חאטש ער אליין מיט דער משפחה איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום. דאס זענען אבער נאר געוועהן אויסנאמען און מען קאן זאגען, אז ביז אלכסנדר דעם ערשטען געפינט מען אין די געזעטצע פון רוסלאנד נאר גזירות געגען יודען. יאהאן גראזני האט נאך איהם יאהר 1549 אבגעזאגט די שליחים פונ׳ם מלך סיגיזמונד, וואס זענען איהם געקומען בעטען ער זאלל ערלויבען די יודען פון ליטא צו קומען קיין רוסלאנד האנדלען, און אז ער האט אים יאהר 1563 איינגענומען פאלאצק האט ער געהייסען אללע יודען מיט ווייבער און קינדער אריינוואַרפען אין דער דווינא. די שנאה צו יודען האט זיך אויך ארויסגעוויזען איידער מען האט אויסגעקליבען מיכאיל פעדאראוויטש פאר מלך און אז די זיבען באיארען, וואס האבען דעמאלט געפיהרט דאס לאנד האבען זיך אים יאהר 1610 אויסגעגלייכט מיט פאלען האבען זיי בפירוש אויסגענומען א תנאי, אז קיין שום יוד טאהר פון דארט ניט אריינפאהרען קיין רוסלאנד. אלעקסיי מיכאלאוויטש, וואס איז געוועהן א גוטער צו אללע האט זיין נאנצען כעס אויסגעלאזט צו יודען און האט אים יאהר 1658

זיי געהייסען ארויסטרייבען פון ווילנא און פון מאהליב. פיאדאר אלעקסעיעוויטש, וואס אין זיין צייט האבען יודען אנגעהייבען פון סמאלענסק אריינקומען מיט סחורה, האט אים יאהר 1676 ארויסגעגעבען א בעפעהל: מען זאלל זיך ניט דערוואגען איינעם פון זיי אריינצולאזען. אים יאהר 1686 אין דער צייט פון יאהאן און פעטער אלעקסייעוויטש, אז מען האט געשלאסען שלום מיט פאלען און מען האט אבגעמאכט, אז אללע פאלקער וואס וואהנען איןביידע מדינות זאללען לעבען צווישען זיך פריינדליך און זאללען מאגען קומען און פיהרען געשעפטען איינער מיט'ן אנדערן, האט מען גוט אין זינן געהאט ארויסצושרייבען, אז דאס געהאר זיך ניט אן מיט יודען. פאר פעטער דעם גרויסען זענען קיין נייע גזרות ניט צוגעקומען, נאר דאס אלליין איז שוין גענוג, אז אזא קלוגער מלך, וואס האט איינגעפיהרט אין לאנד אזוי פיעל נייע גוטע ארדנונגען און אזוי פיעל געטהון פאר דער בילדונג פונ'ם פאלק, האט זיך גאר ניט געוואלט אומקוקען וועגען יודען. ווי עס שיינט אבער האבען די יודען זיך בענוצט דערמיט וואס מען האט אויף זיי ניט געקוקט און זייער צאהל האט זיך פערגרעסערט, דאריבער האט יעקאטערינא די ערשטע געמוזט אים יאהר 1728 ארויסגעבען פריהר א געזעץ, מען זאל די יודען ניט לאזען האלטען קיין אטקופען פון שענקען און טאמאזשנעס, און טאקי באלד איין אנדער בעפעהל, מען זאל זיי אין גאנצען ארויסטרייבען און מען זאל אכטונג געבען זיי זאללען מיט זיך ניט מיטנעהמען ניט קיין גאלדענע ניט קיין זילבערנע מטבעות נאר קופערגעלד. פעטער דער צווייטער האט געוואלט אביסעל בעלעבען דעם רוסישען האנדעל און ער האט אים יאהר 1728 ערלויבט יודען אריינצוקומען אויף די ירידים זיי זאללען פערקויפען זייער סחורה נאר ניט לאחדים, און זאללען פאר דעם געלד קויפען רוסישע סחורה. אננא יאהאנאוונא האט אין אנהייב בעוויזען חסד די יודען און האט זיי אים יאהר 1734 ערלויבט זיי זאללען מאגען פארקויפען זייער סחורה לאחדים אויך, נאר עס האט ניט לאנג געדויערט און זי האט איבערגעביטען איהר גוטע מיינונג. אים יאהר 1739 האט זי צוגענומען ביי יודען דאס רעכט צו האלטען קרעטשמעס אדער אנדערע ארענדעס און אים יאהר 1740 האט זי פערווערט צו וואהנען אין אללע ערטער פון קליין רוסלאנד (מאלאראסיע) און האט פון דארט ארויסגעשיקט 573 יודען. אין איהר צייט האט זיך אויך געמאכט די מעשה פונ'ם גר צדק, וואס איז געוועהן א קאפיטאן לייטינאנט פונ'ם פלאט, אלכסנדר וואזניצין. ער איז בעקאנט געווארען מיט א יודען פון סמאלענסק ר' ברוך, וואס ער פלעגט מיט איהם אפט א וכוח האבען, און אזוי ווי ער האט

זיך ענטשלאסען זיך מגייר צו זיין האט איהם דער ר' ברוך אוועקגעפיהרט קיין דובראוונא (אין מאהילעווער גובערניע) אונ דארט האט מען איהם מל געוועהן. מען איז דערפון באלד געוואהר געווארן אונ ר' ברוך מיט'ן גר צדק זענען פער-משפט געווארן צום טויט אונ מען האט זיי פערברענט. יעליסאוועטא פעט-ראוונא האט זיך גענומען נאך מיט מעהר חשק אויסצוטרייבען די יודען, אונ חאטש מען האט איהר ניט איינמאל ערקלערט, אז זיי זענען זעהר ניטצליך פאר'ן מסחר, האט זי געאנטווערט: „אז פון קריסטוס'ס שונאים וויל זי אפילו קיין פערדינסט ניט האבען!" אונ האט ארויסגעלאזען אין די יאהרען, 1741-1742 עטליכע זאקאנעס, וואס הייסען שטרענג ארויסטרייבען אללע יודען נאר אהן א אונטערשיד. אונ האט בעפאהלען מען זאלל זיי ניט אריינלאזען אפילו אויף די ירידים אונ מען זאלל נאר כיי זיי ניט אננעהמען קיין בקשות, כדי זיי זאללען ניט האבען קיין אויסרעד צו בלייבען אין לאנד. אז יעקאטערינא די צווייטע האט אים יאהר 1762 איבערגענומען די מלוכה האט זי שוין אין איהר ערשטען מאנופעסט ארויסגעוויזען ווי שלעכט זי קוקט אויף יודען, אונ האט בפירוש געשריבען, אז אויסער יודען בעטראכט זי אללע פעלקער פאר איינענע קינדער. אז עס האבען אבער אנגעהייבען צוקומען צו רוססלאנד פיעל שטאדט פון ליפלאנד, ליטא אונ פוילען, וואו עס האבען פון פריהר שוין גע-וואהנט יודען, האט זי זיך שוין געמוזט נעהמען מאכען ארדנונגען אונ האט ערלויבט זיי זאללען זיך פארשרייבען פאר סוחרים אין מאהיליב'ר אונ אין פאלאצקער גובערנע אונ אויך אין שלאק. אים יאהר 1786 האט מען זיי אויך בעזעטצט אין די נייע גובערניעס יעקאטערינאסלאוו אונ טארווריען (קרים). אים יאהר 1794 האט זי געהייסען נעהמען ביי יודען מס צוויי מאל אזוי פיעל ווי ביי קריסטען, אונ אין א יאהר ארום האט זי ארויסגעגעבען א בעפעהל אויף דעם נאמען פון דעם איזיאסלאווער, בראצלאווער אונ מינסקער גענעראל-גובערנאטאר, ער זאלל זעהן די יודען זאלען זיך ארויסקלויבען פון די דערפער אונ זיך בעזעצען אין די שטאדט וואו מען וועט זיי צושרייבען צו קהל אונ זיי וועלען מיט מסחר אונ מלאכה נוצליך זיין אי זיך אי יענעם. פאר פאוועל פעטראוויטש איז די לאגע פון די יודען אביסעל ערגער געווארען. אים יאהר 1796 איז בעשטימט געווארן, אז זיי מאגען נאר וואהנען אין די גובערניעס: מינסק, איזיאסלאוו, בראצלאוו, פאלאצק, מאהיליב, קיעוו, טשערניגאוו, נאווגראד סעווערסק, יעקאטערינאסלאוו אונ טאווריען. א חוץ דעם איז אויך ארנגעסערט געווארען דער מס וואס אללע יודען, סאי סוחרים סאי פון אנדערע

מאכען האבען געמוזט צאהלען און אז איינער האט ניט געוואלט צאהלען האט ער נאר בעדארפט אריינטראגען מס פאר דריי יאהר פאראויס און ער האט געמאנט פערלאזען דאס לאנד. אים יאהר 1800 איז אבער ארויס א נייע געזעץ, אז דער יוד וואס איז שולדיג געבליבען פאר דריי יאהר מס מוז בעשטראפט ווערען, און מען האט געהאט דאס רעכט איהם צו פערשיקען ווייט אויף שווערע ארבייט.

דער ערשטער קייזער פון רוסלאנד, וואס האט זיך אנגעהייבען ערנסט אבצוגעבען מיט יודען און מאכען פון ווערטוועגען בעזונדערע זאקאנעס, וואס זאללען זיי קאנען ביסלעכווייז אויסגלייכען מיט אללע איינוואהנער פונ'ם לאנד, איז געוועהן אלכסנדר דער ערשטער, וועלכער האט זיין חסד בעוויזען אללע זיינע אונטערטהאנען, און האט מיט רעכט פערדיענט דעם נאמען, וואס מען האט איהם געגעבען אין דער רוססישער געשיכטע, „דער געבענשטער". די פוילישע שטאדט וועגען איבערגעגאנגען צו דער רוססישער מלוכה האט ער דעם 9 דעצעמבער 1804 ארויסגעגעבען א געזעץ, אז אללע רעכטע, וואס די פריהריגע פריצים האבען געהאט איבער די יודישע קהלות זאללען בטל ווערען, אז קיינער טאר זיי ניט שטערען פריי צו דיענען גאטט אין זייערע שולען און אבצוהיטען די דינים פון זייער אמונה, אז זיי מאגען זיך אויסקלויבען רבנים אויף שאלות צו פסקנ'ען אבער ניט מעהר מיט דער מאכט, וואס זיי האבען פריהר געהאט, ווי למשל: ארויסצוגעבען א געלד־שטראף אדער אריינלעגען אין חרם, ווייל די יודען ברויכען אין משפטים זאבען זיך צוגלייך מיט אללעמען זיך ווענדען צום אללגעמיינעם געריכט. וואו עס איז אויך געוועזען איינער פון זייערע פארשטעהער, געוואהנליך א מענש וואס האט פערשטאנען אויך די רוססישע שפראכע. ער האט אויך ערלויבט, אז יודען זאללען מאגען לערנען אין אללע שולען, גימנאזיען און אוניווערזיטעטען, אדער זיך מאכען בעזונדערע שוללען פאר זייערע איינענע מיטעל. א חוץ דעם האט ער זייער געוואלט אבגעוואהנען פון פיעל ניט פיינע פרנסות, ווי קרעטשמעס האלטען און משקאות פארקויפען, וואס זייערע שונאים האבען דארויף שטאנדיג געשריען, און האט זיך ענטשלאסען ביי זיי אויפצוועקען א ליעבע צו ארבייט. דערפאר האט ער געהייסען אריינגעהמען יודען אין אללע צעכען און אפילו שטיצען מיט געלד זייערע ארעמע בעלי מלאכות. אים יאהר 1808 האט די מלוכה ארויסגעגעבען גרויסע סוממען געלד פאר די יודען וואס ארבייטען אין פאבריקען, און שפעטער מיט א ... האט זי פון ווערטוועגען געמאכט א בעזונדער

פּאבּריק אין קרעסענטשוג. ווער פון יודען עס האט געוואלט אויפבויען פאבּריקען האט מען איהם געגעבען ערד כמעט אומזיסט, אונ מען האט איהם בעפרייעט פון פיעל נאלאגען. ער האט אויך אים יאהר 1812 געמאכט א אנהייב פון יודישע קאלאניען פאר ערדארבּייט. אים יאהר 1817 האט ער צום ערשטען מאל איינגעפיהרט, אז אללע רוסישע יודען זאללען האבען בעשטימטע פאמיליענאמען אונ זאללען זייערע קינדער פערשרייבען אין מעטעריקעס. אין דעם יאהר האט ער אויך ארויסגעגעבען א בעפעהל, עס זאלל נאר מעהר ניט פארקומען קיין פּראצעס פון יודען וועגען קריסטליך בּלוט אויף פסח. איבּערהויפּט איז ער ניט מיעד געוואָרן צו זאָרגען פאר די יודען ווי ווייט מען האט נאר אין יענער צייט געקאנט פערבעסערן זייער מעמד, אונ חאטש ער איז געוועהן א פרומער קריסט אונ האט אין הארצען געוואלט אז יודען זאלען זיך טויפען, ווייל צוליעב דעם האט ער געמאכט א בעזונדערע געזעללשאפט אויף צוהעלפען די „יודישע קריסטען“, וואס האט אומזיסט אבגעקאסט דער מלוכה גרויסע סוממען געלד, האט ער מיט אללע כוחות געארבייט אז יודען זאללען ווערן געבילדעט אונ אויפגעקלערט אונ ער פלעגט שטאנדיג זאגען, אז ווען עס זאלל איהם געראטהען צו זעהן ביי זיך חאטש איין יודען ווי מענדעלסזאהן וואלט ביי איהם זיין גאנצע טיה אנגעלייגט זיין. אז די ווילנער קהלה האט זיך גענומען בויען א „בּקור חולים“ האט אלכסנדר מנדר געוועהן 3000 רובעל אונ האט געהייסען יעדעס יאהר ארויסגעבען 2500 רובעל. די מלוכה האט אפילו געהערעכענט אז די גראסטע לייט פון יודען וועלן פון זייער זייט איהר בעהילפיג זיין מיט עצות אונ האט צוליעב דעם געהייסען מאכען איין אסיפה אין ווילנא, נאר די יודען האבען ניט געהאט קיין רעכטע פארשטעהער אונ די עטליכע מענשען וואס וועגען זיך צוגויפגעפאהרן פון גראדנא, וויטעבסק, מאהיליב אונ מינסק האבען נאר אויסגעבראכט די הוצאות, וואס פיעל יודען האבען דארויף אוועקגעגעבען די זילבערנע עטרות פון די טליתים, אונ האבען מיט זייער פאהרן גאר נישט אויפגעטהון. אוודאי אז פון יודען האט זיך ניט געפונען איין געלערנטער מענש וואס זאלל קאנען איבערגעבען דער מלוכה אלדינג וואס פעהלט זיי, האבען זיך אפט געמוזט ארייננבּנ׳נען שלעכטע מחשבות פון שונאים, וואס האבען אזוי לאנג געבויערט ביז מען האט להלוטין פארוועהרט יודען צו זיצען אין דארפער אונ אין אללע ארטער וואס זענען פונפציג ווערסט פון א גרענעץ. עס האט אבער געדויערט זעהר פיעל צייט ביז מען האט די גזירות איינגעפיהרט, ווייל די יודען האבען זיך אללע מאל אבגעבעטען, אונ אזוי ווי די מלוכה האט

דעמאלט נוט געקוקט אויף זיי האט זי טאקי פערשטאנען אז דערמיט קאן מען זיי נאך ערגער מאכען. דערפאר האט זי זיך ניט געאיילט מיט אזא גזירה וואס קאנען פאר זיי ארויסקומען א רעה, אונ האט בעסער געזוכט פאר זיי א טובה.

נאר חאטש די יודען זענען נאך אין בילדונג געשטאנען גאנץ נידריג פון רעסטליכע האבען זיי פערשטאנען צו שאטצען די חסדים וואס די מלוכה האט מיט זיי געטהון אונ זענען שטארק צוגעבונדען געווארן צום לאנד. אז נאפאלעאן דער ערשטער איז אנגעפאללען אויף רוססלאנד האבען די יודען געהאט די מאגליכקייט צו בעווייזען זייער געטריישאפט: אז די רוסען זענען געשטאנען שלעכט האבען זיי אין שקלאוו גוזר תענית געוועהן, אונ ווען זיי האבען נאר געקאנט מיט עפים דיענען האבען זיי עס געטהון גערן נאר אהן געצאהלט. אין יאנאוויטש האבען די יודען איבערגענומען א פראנצאזישען קוריער: וואס האט ביי זיך געפיהרט א גאנצען פלאן פון דער מלחמה, אונ האבען איהם באלד איבערגעגעבען דער מלוכה נאר אהן א שום לוין. אז די פראנצאזען האבען אין לעפעל, וויטעבסקער גובערנער אנגעצונדען די בריק, כדי די רוסען זאללען זיי ניט קאנען נאכלויפען, האבען די יודען באלד פערלאשען אונ פארריכט די בריק אונ געגעבען דעם רוססישען חיל די מאגליכקייט דעם שונא נאכצויאגען אונ פון איהם א תל צו מאכען. פיעל סאלדאטען האבען זיי אויסגעהאלטען אין זייערע קראנקענהייזער אונ וואו מען האט נאר בעדארפט, האבען זיי געשיט מיט געלד; אונ אז גאט האט געשענקט רוססלאנד דעם נצחון האבען זיי זיך געפרעהט ווי אמת'ע טרייע קינדער פונ'ם לאנד אונ האבען דעם טאג געמאכט א יום טוב אין פיעל גרויסע שטאדט ווי אין בערדיטשוב אונ אין מינסק. זיי האבען זיך משמח געוועהן צוזאמען מיט די קריסטען אונ פיעל צדקה צוטהיילט צו ליעב דער ישועה פון דער גאנצער מדינה. די יודען האבען דעמאלט בעוויזען, אז זיי זענען ווערטה מען זאלל זיי רעכענען פאר געטרייע איבערגעגעבענע איינוואהנער, וואס שטעללען דאס גליק פונ'ם לאנד העכער פון זייער אייגענס. זיי האבען ניט געקוקט דארויף וואס פון אללע זייטען האט מען געהערט, אז נאפאלעאן שענקט די יודען פרייהייט אין די אללע ערטער וואו ער קומט נאר אריין; דער שונא פון רוססלאנד איז געוועהן פערעכענט ביי זיי פאר זייער אייגענער שונא, אונ זיי האבען זיך מיט אלם וואס זיי האבען נאר געקאנט זיך ארויסגעשטעלט געגען איהם.

די דרייסיג יאהר, וואס דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער האט געהערשט האבען אנגעמאכט א גרויסע פעראנדערונג אינ'ם אינעווענינסטען לעבען פון די רוססישע יודען, ווייל ער האט זיך ערנסט גענומען זיי ארויסצוציהען פון דער נארע וואהין זיי האבען זיך פריהר אליין פערקליבען, כדי קיינער זאלל פון זיי ניט וויסען און זיי לאזען צורות. ער האט אלעס געטהון אין זיי צו דער־וועקען א רצון און א חשק צו בילדונג און אויפקלארונג. צום אונגליק האבען די יודען דעמאלט נאר ווענינ פערשטאנען וואס זייער נוטער קייזער וויל פון זיי, אויף יעדע נייע ארדנונג זיינע האבען זיי געקוקט ווי אויף א מיטעל וואס מען מיינט נאר דערמיט זיי אבצוגרייסען פון יודישקייט, און די בעסטע תקנות און געזעצע האט מען אנגענומען פאר גזירות. אז די מלוכה האט געוואלט זיי זאללען זיך אנטהון אין קליידער גלייך מיט אללע, ניט טראגען קיין בעזונדערע מלבושים מען זאלל פון זיי חוזק מאכען, און זייערע ווייבער זאללען זיך ניט גאלען די קאפ אויף לייטען צו געלעכטער, איז געווארען א געוואלד, א געשריי און עס האט געהייסען, מען וויל יודען אויסטהון פון יודישקייט. און עס האבען זיך צולאזט שליחים פון אללע שטאדט און שטאדטלעך צו פועל'ן, מען זאלל זיי לאזען דוקא גאלען די קאפ, געהען אין יארמולקעס און טראגען די שאנע בגדי כבוד, וואס די שונאים האבען פון שנאה מיט פיעל יאהרען צוריק אויף זיי איבערגעוואלד אנגעהאנגען. און מען האט אזוי לאנג געדולד דעם קאפ די גרויסע לייט פון דער מלוכה ביז מען האט זיי ערלויבט צו צאהלען געלד פאר דער פראווא צו טראגען א יארמולקא און אללע זאללען האבען צו לאבען.

אז דער קייזער האט געהייסען אים יאהר 1844 אפנען יודישע שולען און האט זיך דערמיט עטליכע יאהר כסדר אבגעגעבען, ווייל ער איז איבערצייגט געווען, אז נאר די בילדונג קאנן אויפהייבען דעם נידריגען מצב פון יודען, און נאר דורך בילדונג קאנען זיי ווערן נוטצליכע מענשען, וואס די מדינה זאלל זיי שאטצען — האט מען געוויינט און געקלאגט און מען האט זיך משתדל געווען מיט אללער ארט תחבולות, אז קיין רעכטעס בעל הבית קינד זאלל חלילה ניט אריינקומען אין די שרעקליכע שקאלעס. נאר נאך מעהר האבען זיך יודען דערשראקען, אז עס איז ארויס דער בעפעהל אים יאהר 1827 מען זאלל ביי זיי נעהמען רעקרוטען; און מען קאנן זיך אפילו דערקלארן פאר וואס זיי האבען זיך דערפאר אזוי שטארק דערשראקען און אויף זיי מלמד זכות זיין. ערשטענס האבען זיי גאר ניט פערשטאנען, אז דאס וואס מען האט ביז איצט צום מיליטער־דינסט קיין יודען ניט גענומען, איז דאס ניט געווען

ווייל זיי זענען ניט מחויב צוצושטעללן גלייך מיט אנדערע סאלדאטען צו דיענען דעם קייזער און זיין לאנד, נאר פשוט, ווייל מען האט זיי געהאלטען פאר פרעמדע, וואס מען האט נאר ניט דאס צוטרויען צו זיי אין מיליטער זיי צוצונעהמען, און האבען בשום אופן ניט געקאנט פערשטעהען, אז אדרבה מיט דעם בעפעהל מיינט מען זיי צו צובינדען צום לאנד און זיי אנהייבען רעכענען פאר איינענע. צווייטענס, מוז מען מודה זיין, אז צו יענער צייט איז די מיליטער דינסט געווען זעהר שווער, ניט נאר פאר א יודען וואס קאנן אפילו די רוסישע שפראכע ניט, נאר אפילו פאר קריסטען אויך, פינף און צוואנציג יאהר דיענען, האט זיך כמעט קיינעם ניט געוואלט, בפרט א יודען, וואס האט נאר ביז איצט קיין בעגריף געהאט וואס דיענען איז און האט זיך נעשראקען פאר יעדען וואס טראגט א רויטע היטעל און בלאנקע קנאפ, דאריבער איז אויך לייכט צו פערשטעהן, וואס איז געווארן אזא גרויסע בהלה ביי יודען ווען נאר מען האט פון דעם נייען בעפעהל דערהערט — מען איז פשוט אהן מוחות אומגעגאנגען און א סך נארישקייטען האבען זיך דעמאלט ביי יודען אבגעטהון. אין אלטקאנסטאנטין האבען זיי נאר די קאפ פערלארען און עס איז רעכט געוועהן זיך צו כוזטעווען און די מלוכה האט געמוזט שטרענג בעשטראפען די פון זיי, וואס האבען געמיינט אז עס וועט זיי העלפען, ווען זיי וועלען שרייען, אז זיי בעשטעהען ניט, דורך אזעלכע נארישקייטען און נארישע עקשנות זענען די יודען, ווי עס פערשטעהט זיך, פערהאסט געווארן ביי די אללע שרים וואס האבען פריהר געמיינט נאר זייער טובה, ווייל מיט קיין שום אנדער פאלק האט מען אזוי פיעל צו טהון ניט געהאט וויפיעל מיט זיי, און קיין טובות האט מען שוין זיי מעהר ניט געוואלט טהון. פון בילדונג זענען זיי געלאפען ווי פון פייער. די קהלות האבען זיך געפיהרט ווי א שיף אהן א רודער, ווער עס האט געהאט אין זיך מעהר עזות פלעגט ווערן דער מנהיג, קהל האט ניט הם געהאט אויף ארעמע לייט, אבער דער וואס האט געהאט די מטבע האט געקאנט אויספיהרען ביי זיי זיך אויסצוקויפען פון פערשיעדענע פאוויגאסטען; דורך דעם איז קיין ארדנונג ניט געוועזן אין דעם רעקרוטען געבען און יעדעס יאהר איז די צאהל פון די שולדיג געבליבענע רעקרוטען אלס געווארן גראסער, און אז עס איז אים יאהר 1853 ארוים א גזירה פון די פאימאניקעס, דאס הייסט: אז יודען זאללן פאר שטראף אבגעבען וועמען מען וועט נאר חאפען האבען ערסט די קהל'ס-לייט ארויסגעוויזען זייער גאנץ אכזריות: ווי ווילדע צורייצטע וועלף האבען זיי זיך צולאזט צווישען די ארעמע שאפעלעך

אונ האבען אהן רחמנות טויזענדער קליינע ציטערינע קינדער ארויסגעריסען פון דער מוטטערס שויס אונ האבען נאך דערצו איבערגעלאזט דעם כלל ישראל פאר א ירושה אזא שרעקליכע אונ שווערע בעשולדיגונג, וואס האלט זיך נאך ביז איצט, אז דער יוד איז פאהיג אויף אלס אבי זיך אליין ארויסצומאכען פון מיליטער פפליכט, וואס דאס איז אייגענטליך די ערשטע אונ וויכטיגסטע פפליכט פאר יעדען בירגער צו זיין לאנד אונ חאטש די צייט האט שוין געוויזען אז דיזע בעשולדיגונג איז אזוי פאלש וויפיעל אנדערע בעשולדיגונגען, ווארום אין צוויי גרויסע מלחמות האבען אויך גענוג יודען זייער בלוט אונ לעבען נעגעבען פאר זייער קייזער אונ פאר זייער לאנד, אונ איצט געהען שוין אללע גערן צום דינסט, נאר אין גאנצען איז נאך יענע קהל'סע אונארדנונגען ניט אויסגערוימט, אונ פאר די אונארדנונג וואס זיי האבען אונז געלאזען בירושה אין די מעטריצעסקע ביכער ליידען מיר נאך היינט.

נאר ווי אזוי די יודען האבען זיך שוין געפיהרט, האט די רעגירונג פארט געטהון איהר'ס אונ האט ניט אויפגעהערט צו זארגען צו מאכען פאר זיי בעסערע ארדנונגען, וועלכע עקסיסטירען נאך ביז איצט אין אללע יודישע קהלות. אזוי האט זי איינגעפיהרט אים יאהר 1839 די טאקסע פון כשר פלייש עס זאלל זיין פון וואנען אויסצוהאלטען שפיטאלען, תלמוד תורה'ס אונ נאך אזעלכע וואהלטהאטיגע יודישע אנשטאלטער. שפעטער מיט פינף יאהר, אז מען האט געמאכט יודישע שוללען האט זי געהייסען מאכען ליכט-געלד (סוויעצנאי סבאר) אונ די הכנסה דערפון זאלל געהען אויף אויסצוהאלטען די שוללען. זי האט אויך געהייסען מאכען בעשטאנדיגע אסיפות פון רבנים, כדי זיי זאללען אכטונג געבען אויף אללדינג וואס געהט פאר צווישען יודען אונ זיי זאללען קאנען פאר אנטווערען אללע שאלות וואס קומט פאר די מלוכה זיי צו פראגען. איבערהויפט האט די רעגירונג זיך בעמיהט, אז יודען זאללען האבען בעשטאנדיגע פרנסות אונ ניט לעבען פון ווינד, אונ דערפאר האט זי אים יאהר 1836 ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאלל איינטהיילען די יודען אין פערשידענע קלאסען, ווי סוחרים, בעלי מלאכות, אונ מען זאלל אויפנעהמען אין דינסט ביי דער קרוין אזעלכע יודען, וואס וועלען ענדיגען אוניווערזיטעטען. זי האט אויך געזעהן איינפיהרען יודישע דרוקען אין ווילנא אונ אין זשיטאמיר אונ האט געהייסען, אז אין אללע ערטער וואו יודען וואהנען זאלל ביי יעדען גובערנאטאר דיענען געלערנטע יודען, כדי עס זאלל זיין ביי וועמען צו פראגען ווען עס מאכט זיך עפיס א יודישער ענין. דערביי האט זי אויך געזעהן, אז יודען זאללען

זיך ניט האבען צו בעקלאגען, אז מען לאזט זיי ניט טריי בלייבען זייער אמונה אונ האט איינגעפיהרט, אז מען זאלל אויף אללע ימים טובים בעפרייען די יודישע סאלדאטען אונ זיי זאללען אפילו מאגען אין יעדען פאלק האבען זייער אייגענעם רב. דאס אייגענע האט מען אויך געטהון מיט יודישע ארעסטאנטען, וואס מען האט זיי ערלויבט זיי זאללען שבת אונ יום טוב ניט ארבייטען. מען מוז אויך מודה זיין, אז ניט אללע זאקאנעס וואס זענען ארויס פאר יודען זענען אין גאנצען פאר זיי גוט געוועהן; פון פיעל זאכען האבען יודען געליטען בעזונדער: דער זאקאן וואס זיי טאהרן זיך ניט בעזעצען אין גאנץ רוסלאנד מאכט זיי אפט גרויסע שטערונגען אין פרנסה אונ נאך א סך אנדערע פיין אונ שמערצען, נור צו יענער צייט, ווען מען האט זיי צוגעלאזט צו פאדריאדען אונ אטקופען, האבען זיי די גזירה פון דעם זאקאן אזוי שטארק ניט געפיהלט. חוץ דעם האט מען אין יענע יאהרן אזוי שטארק ניט געקוקט אויף זיי, אונ די וואס האבען געמוזט קומען אין רוססלאנד האבען גרינג דארט זיך געקאנט געפינען אונ אפט בלייבען דארט ניט אויף עטליכע טאג.

מיט שלום האט אלכסנדער דער צווייטער איבערגענומען די מלוכה. נאך דער שווערער קרימער מלחמה האט ער זיך ענטשלאסען רוסלאנד צו בעגליקען מיט רוה אונ פרייהייט, אונ דעם אייגענעם נאמען „בעפרייער“ („Освободитель“) וואס דאס דאנקבארע רוססיש פאלק האט איהם געגעבען, האט ער אויך פערדינט ביי די יודען וועלכע רופען איהם נאך איצט „מלך של חסד“. אין זיין צייט האבען שוין היבש ארויסגעוואקסען די שאנע כוימעלעך, וואס זיין פאטער, ניקאלאי דער ערשטער, האט פערפלאנצט, אונ דורך דעם רעגען פון זיינע חסדים האבען זיך באלד ענטוויקעלט גרינע בלעטער אונ די וועלט האט געקאנט ארויסזעהן, אז זייערע פירות וועלען זיין ניטצליך פאר דער וועלט. עס האט געדויערט נאר א קורצע צייט זענען אללע שוללען, גימנאזיען אונ אוניווערזיטעטן פאל געווארען מיט יודישע תלמידים, וואס האבען זיך גענומען צו פערשיעדענע וויססענשאפטען. צום ערשטען האט אלכסנדר דער צווייטער אויסגעגלייכט די רעכט פון יודען וועגען רעקרוטירונג אונ האט מבטל געוועהן די פריהריגע געזעצע, וואס יודען האבען געמוזט צושטעללען רעקרוטען מעהר פון אללע אונ א חוץ דעם געבען נאך רעקרוטען פאר שטראף. ער האט אויך פארוועהרט צוצונעהמען קליינע קינדער אונ האפען מענשען פון דער גאס וואס האבען ניט קיין פאספארטען. אים יאהר 1856 האט ער געגעבען א בעפעהל, מען זאלל איבערקוקען אללע געזעצע וועגען יודען אונ זעהן ווי ווייט מאגליך

ווי אויסגלייכען מיט אללע אנדערע פעלקער פון רוסלאנד. פון דעמאלט אן איז אויך די יודישע לאגע אין רוסלאנד שטארק פערבעסערט געווארען: מען האט אנגעהייבען יודען געבען שטעללען ביי דער קרוין, מען האט פאר זיי געאפענט עטליכע שטאדט ווי יאלטא, ניקאלאיעוו און סעוואסטאפאל, מען האט זיי ערלויבט צו בויען אייגענע הייזער אין קאוונא, זשיטאמיר און קאמעניץ-פאדאלסק, בעלי מלאכות האבען בעקומען דאס רעכט זיך צו בעזעצען אומעדום און זיך מאכען דארט שוללען אויף צו דאוונען, און עס איז אויך פערווערט געווארען צו טויפען יודישע קינדער, וואס זענען יונגער פון פיערצען יאהר, אהן דעם רשות פון די עלטערן.

אין דער צייט פון זיין געבענטשטער הערשונג זענען אין רוסלאנד געגרינדעט געווארען צוויי גרויסע חברות: די ערשטע — אים יאהר 1864 די חברה „מפיצי השכלה" צו פערברייטען בילדונג צווישען די רוסישע יודען, און די אנדערע — אים יאהר 1881 צו שטיצען געמיינע בעלי מלאכות און ערדארבייטער, צום זכר פון זמן פינף און צוואנציג יאהריגער גליקליכער רעגירונג:

אזוי איז פון יאהר צו יאהר אלץ בעסער געווארען דער מצב פון יודען, און זיי וואלטען שוין געשטאנען גאנץ נאהענט צו דער פאללקאמענער פרייהייט גלייך מיט די אנדערע איינוואהנער פונ'ם לאנד, ווען אנדערע וויכטיגע פראגען און ענינים נעהמען ניט צו ביי דער מלוכה יעדע מעגליכקייט צו טראכטען וועגען זיי, דערפאר אפשר איז די יודישע פראגע איינגעשלאפען געווארען, און פון יאהר 1870 זעהט מען ארויס, אז די רעגירונג האט אנגעהייבען ביי יודען צוריק צוצונעהמען דאס ביסעל רעכטע, וואס מען האט זיי פריהער געשענקט. אזוי האט מען געטהון מיט דעם געזעץ פון 1874 וועגען רעקרוטירונג, וואס האט לכתחלה ניט געהאט געמאכט קיין שום חלוק צווישען יודען און קריסטען, און נאר מיט דער צייט האט ער בעקומען זעהר פיעל פירושים, אז מיט יודען דארף מען זיך אנדערש נוהג זיין. נאר פונדעסטוועגען האבען די יודען פערהעלטניסמעסיג געלעבט צופריעדען, און אייביג וועט ביי זיי בלייבען דער זכר פון מלך של חסד, אלכסנדר דעם צווייטען, דעם בעפרייער פון זיין לאנד, צו ברכה און צו דאנק.

צו בעמערקען איז דערביי, אז די אללע חסדים, וועלכע די רוסישע רעגירונג האט אין דער צייט פון ניקאלאי דעם ערשטען און אלכסנדר דעם צווייטען געטהון מיט יודען האט דארין א נגיעה געהאט איין יוד מיט איין אמת יודיש הארץ און דאס איז געוועהן ר' יצחק בער לעווינזאהן, וועלכער

האט כל ימיו ניט אויפגעהערט צו ארבייטען פאר זיינע ברידער און האט זיי אין גאנצען אוועקגעשענקט זיינע לעצטע שוואכע כוחות און טאג. ערשט אצונד, ווענן מיר זעהען ווי פיעל שלעכטס מען טהוט דעם יודען נאר דערפאר וואס מען קענן איהם ניט, פערשטעהט מען ערסט וואס לעווינזאהן האט געטהון דערמיט, וואס ער האט דער רוסישער רעגירונג בעקאנט געמאכט מיט'ן יודישען איינווייניגסטען לעבען, און מען מוז מודה זיין אז דאס, וואס מענדעלזאהן איז געוועהן פאר די דייטשע יודען דאס איינע איז לעווינזאהן געוועהן פאר די רוסישע. ביידע האבען זיי ליעב געהאט דעם יודען און דאס יודישקייט מיט'ן גאנצען הארצען און האבען זיך בעמיהט אויפצוועקען זייערע ברידער פונ'ם שלאף, אין וועלכען זיי זענען פון צרות און גזירות א צייט יאהרען פער־זונקען געווארען. נאר דער חלוק צווישען זיי איז דער, וואס מענדעלזאהן האט געלעבט אין דייטשלאנד, וואו יודען האבען אליין אנגעהייבען ארבייטען פאר זיך נאר אהן א שום דערמאנען אדער הילף פון דער מלוכה, דערפאר איז איהם גרינג אנגעקומען זיך דירעקט צו ווענדען צו זיינע ברידער און אלדינג וואס ער האט געטהון פאר זיי האבען זיי באלד אללע איינגעזעהן; לעווינזאהן אבער האט געלעבט אין רוסלאנד, וואו ערשטענס, האבען די יודען פון יענער צייט נאר ניט געקאנט זיין מבינים אויף אזא גרויסען מענשען, און צווייטענס קאנן יעדע זאך דא נאר דעמאלט האבען א קיום, ווענן די מלוכה וויל עס און ניט דארויף איהר הסכמה, דערפאר האט ער געמוזט מיט אללע זיינע פלאנער אנ־קומען צו איהר און האט זיך דורך דעם בייא זיינע ברידער, אין זיין צייט, אזוי ניט אנגעזעהן.

די צייט און דאס לעבען ווייזען אבער פון קיין סודות ניט: לעווינזאהן האט זוכה געוועהן נאך בייא'ם לעבען צו זעהען זיינע ברידער אין אבעסערע לאגע. זיין ארבייט, וואס ער פלעגט קראנקערהייט אבטהון בייא זיך אין אויבער־שטיבעל האט ניט איינמאל, מיט פיעל יאהרען שפעטער, געבראכט יודען א ישועה, און דאס וואס אלכסנדר דער ערשטער האט געוואלט האבען בייא זיך אים לאנד חאטש אין יודען ווי מענדעלסזאהן, איז טאקי מקוים געווארען, און ניט אומזיסט האט מען איהם גערופען: דער רוסישער מענדעלזאן, חאטש נאך פאר איהם האט שוין ליטא ארויסגעגעבען צוויי גרויסע לייט ווי ר' פנחס אליהו הורוויץ, דער מחבר פונ'ם „ספר הברית" און דער דאקטאר ר' יהודה הורוויץ פון ווילנא. זיי ביידע האבען זעהר געוואלט פערשפרייטען וויסענשאפט און בילדונג צווישען זייערע רוסישע ברידער.

ר' יצחק בער לעווינזאהן איז געבאהרן געווארען אין קרעמעניץ דעם 2 טען סעפטעמבער 1788, פונקט אין אזא צייט, ווען אין גאליציען האבען די תלמידים פון מענדעלסאן אנגעהייבען פארברייטען אויפקלערונג, און פון דארט האבען זיך צולאזט געבילדעטע יודען אין פיעל שטאדט פון פולין און ליטא, ווי דובנא, מאהילעב ביי'ם דניעסטער, בערדיטשוב, ראסיין, נאגער, און האבען אין דער שטילל געארבייט און צוגעצויגען צו זיך מענשען מיט שכל, וואס האבען געקאנט פערשטעהן, אז עס איז ניט גוט צו בלאנזען אין דער פינסטערניש. אזוי ווי אין קרעמעניץ האבען זיך אויך געפונען קלוגע יודען, און לעווינזאהנס עלטערן זענען אויך געוועהן פון די קלוגע, האבען זיי זייער קינד געגעבען אגוטע ערציהונג, און צו זיין בר מצוה איז ער שוין געוועהן א גרויסער בקי אין תלמוד און האט אויך שוין געהאט אידיעה אין דער רוססישער שפראך. חתונה געהאט האט ער, ווי עס האט זיך דעמאלט געפיהרט, גאר יונג פון דער שטאדט ראדזיוויללאוו, און אים יאהר 1812, ווען די פראנצויזען זענען אריין קיין רוססלאנד איז ער דארט געוועהן איין איבערזעצער און האט געטריי געדיענט דער מלוכה. ער איז אבער ניט געוועהן קיין געזונדער, די שווערע ארבייט האט איהם געשאדט און ער איז אריינגעפאהרן קיין בראדי זיך דארט קורירען. גאר אין בראדי האט ער זיך ניט אזוי אבגעגעבען מיט רפואות ווי מיט די גראסטע יודישע לייט, מיט וועלכע ער האט זיך ראטה געהאלטען ווי אזוי אויפצוהייבען דעם מעמד פון די יודען, און דארט איז ביי איהם געבאהרן געווארען דער געדאנק: אוועקצושטעקען זיין גאנץ לעבען זיין ארעם פאלק און זיי עפענען די אויגען, וועלכע זיי זענען, פון אזוי פיעל פיין און צרות, אזא לאנגע צייט פערשטעלט געווארען. אים יאהר 1818 איז לעווענזאהן צוריקגעקומען קיין קרעמעניץ, פון דארט האט מען איהם ארויסגענומען פאר א לעהרער קיין בערדיטשוב, און אין דער צייט האט ער אנגעשריבען זיין ערשט ספר „תעודה בישראל", וואס איז ערשט אין צעהן יאהר ארום, נאך גרויס מיה, אבגעדרוקט געווארען און וועלכער האט ביי יודען א שטארקען רושם געמאכט. אין דעם ספר האט לעווינזאהן געטהון ווי איין אמה'ר קעננער פונ'ם פאלק: ער האט פערשטאנען, אז יודען קאנן מען נאר נעהמען מיט פרומקייט און דערפאר האט ער זיך בעמיהט צו בעווייזען, אז דאס נאריש אבגעזונדערט לעבען, די שלעכטע ערציהונג פון קינדער, די ניט שאנע ווינד־פרנסות זענען נעגען דעם זינן פון אונזער ריינער אמונה, און האט דארויף געבראכט טויזענדער ראיות פון דער תורה און תלמוד. פאר דעם ספר האט ער

בעקומען פונ'ם קייזער ניקאלאי דעם 1-טען טויזענד רובעל א מתנה, אונ פון רעמאלט אן איז זיין נאהמען בעליעבט געווארען ביי דער מלוכה אונ ביי יעדען עניין, וואס האט זיך נאר אנגעקערט מיט יודען האט מען געפרעגט זיין עצה.

שפעטער מיט עטליכע יאהר האט לעווינזאהן בעקומען פונ'ם מיניסטער ליווען א בעזונדער פאפיער מיט פערשיעדענע שאלות, ער זאל זיי פאר ענ-פערן. פון די שאלות האט ער פערשטאנען, אז די מלוכה וויל וויסען, אין וואס בעשטעהט דער רעכטער יודישער גלויבען? פון וואנען נעהמען זיך פיעל פון זייערע מנהגים? וועלכע ספרים זענען ביי זיי הייליג? צו שטעהט אין די ספרים, אז מען מוז פיינד האבען אללען וואס געהערן ניט צו דער יודישער אמונה אונ צו מאג מען זיי נארען? וואס פאר כתות אונ חברות געפינען זיך צווישען זיי, אונ צו קאן מען זיי ארויפברענגען, זיי זאללען זיך בעשעפטיגען מיט ערדארבייט אונ אנדערע עהרליכע מלאכות, מען זאלל מיט דער צייט זיי קאנען אויסגלייבען אין רעכטע מיט אללע איינוואהנער פונ'ם לאנד? לעווענזאהן האט זיך ניט געפוילט עטליכע יאהר נאך אנאנד אויסצוארבייטען זיין תשובה אויף די אללע שאלות, אונ צו ליעב דעם האט ער ארויסגעגעבען זיין בע-ריהמט ספר „בית יהודה", וואס האט ביי איהם צוגענומען זיין לעצט ביסעל כח, אונ ער איז שוין נאך דעם געבליבען א חולה מסוכן זיינע גאנצע יאהרען.

מען קאנן זיך פארשטעלען וואס פאר א מיה איהם האט געקאסט צו בעקומען, אין אזא קליין שטאדטעל ווי קרעמעניץ, אללע ביכער, וואס ער האט געמוזט דורכלייענען, כדי ער זאלל קאנען אויף יעדער שאלה ענפערן מיט ישוב הדעת אונ זיך פעררופען אויף אלטע, ביי דער וועלט אנגענומענע ספרים; אונ מען מוז נאר בעוואונדערן זיין גרויסע ליעבע צו זיינע ארעמע ברידער אונ צו זיין אמונה. צום אומגליק האבען איהם זיינע ברידער ניט פערשטאנען אונ האבען זיינע ספרים אין פייער געווארפען. ער האט עס געוואוסט אונ אויף זיי קיין שנאה ניט געהאט, ווייל נאר אזא חכם ווי ער האט פערשטאנען ווי גרויס זייער בלינדקייט איז אונ אז אלס וואס זיי טהוען איז דאס ניט פון שלעכטסקייט, נאר פון אונוויסענהייט, אונ דאריבער האט ער נאך מיט מעהר פייער זיך געמיהט זיי צו עפנען די אויגען, אונ פון זיין קראנקען בעט האט ער מאל פאר מאל מיט זיין אבגעשוואכטער האנד

געשריבען די רעצעפטען און בקשות צו דער מלוכה אויפצוּבעטען חסד און חנינה פאר זיי.

אז עס האט זיך אין זאסלאוו א אומגליק געטראפען, מען האט איינגעזעצט עטליכע יודען וועגען עלילת דם, איז אויף לעווענזאהן געפאלען דער גורל ער זאלל זיך אננעהמען, און פונקט ווי זיין זיידע ר' אליקים האט זיך כמעט מיט הונדערט יאהר צוריק, נאך אין דער צייט פון יעקב פראנק, ארויסגעשטעלט ביי אזא כלבול אין יאמפאל און האט זיך ניט געפוילט פאהרען קיין רום און דארט ארויסנעהמען א פאפיער ביים פאפסט, אז די בעשולדיגונג איז פאלש, אזוי האט לעווענזאהן געארבייט, ביז מען האט די אונשולדיגע בעפרייעט. דעמאלט האט ער אנגעשריבען זיין ספר „אפס דמים”, וואס אין איהם ווייזט ער אויס פון וואנען דער כלבול שטאמט און ווי ער האט קיין שום שייכות און יסוד ניט אין יודישע דינים אדער מנהגים. דעם אפס דמים האט לעווינזאהן איינענטליך אנגעשריבען נאר דארויף, מען זאלל איהם איבערזעצען אין אנדערע לשונות און ער זאלל דער עיקר בעקאנט ווערן ביי'ם רוסישען פאלק, צום סוף איז ער כאלד איבערזעצט געווארען אין ענגלישען, און אין רוסיש איז ער ערשט ארויס אים יאהר 1883.

לעווינזאהן האט, חוץ די דערמאנטע ספרים אנגעשריבען נאך א סך וויכטיגע און נוטצליכע ספרים, בעזאנדערס איז בעריהמט זיין ספר „זרובבל”, וואו ער פערענטפערט די גמרא און ווייזט אויס די רעכטע כונה פון די בעלי התלמוד. חוץ דעם האט ער שטאנדיג געמוזט שרייבען בעזונדערע בריעף און פאפיערען צו פערשיעדענע גרויסע לייט, וואס אן זיי איז געווענדט געוועהן צו פערבעסערן די לאגע פון יודען. וועגען יודישע קאלאניען האט ער ניט איינמאל געשריבען צום קייזער ניקאלאי אליין און גאט האט געהאט דאס גליק פון איהם איין איינענהאנדיגען בריעף צו בעקומען. דער בריעף, דערצאהלט מען, האט איהם אמאל אבגעראטעוועט פון א שלעכטען מענשען: אין א פינסטערער ווינטער נאכט איז פלוצלונג איין אפיציר אריינגעפאללען מיט א געוואלד צו איהם אין שטוב. מען זאלל איהם געבען בראנפען, ווייל ער האט געמיינט אז דא איז א שענק. די דיענסט האט זיך דערשראקען און האט אנגעהייבען רופען דעם בעל הבית. דער אפיציר איז דערוויילע אריין אין אנדערן צימער, וואו לעווינזאהן איז געזעסען איבער א ספר, און האט אנגע־הייבען שרייען, ער זאלל פאר איהם אראבנעהמען די יארמילקע. לעווינזאהן האט איהם גארניט קאלט געאנטפערט, אז ער פערשטעהט ניט ווי אזוי קומט

עֶס אַיין אָרְדֶענְטְלִיכֶער מֶענְשׁ צוּ יֶענֶעם אִין שְׁטוּב אוּנ טְהוּט אַלֵיין נִיט אוֹיס דָאס הִיטֶעל, דָא הָאט זִיךְ דֶער אֶפִּיצִיר עֶרְשְׁט צוּהִיצְט אוּנ גֶעשְׁרִיעֶן, אַז אַזאַ בִּזָיוֹן וֶועט עֶר נִיט דֶערְלָאזֶען, אַז אַ פְּרָאסְטֶער ייד זָאלל אִיהם לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז לֶעוִוינְזָאהן הָאט אַקוּק גֶעטְהוּן אַז עֶס קָאנֶן קוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטֶע פָאלְגֶען הָאט עֶר וַוייטֶער גָאר רוּהִיג אוּנ גֶעלַאסֶען אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנ'ם קָאסְטֶען אַ בְּרִיעף אוּנ הָאט דֶעם אָפִּיצִיר גָאר גֶעווִיזֶען דִי אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט. ווִי יֶענֶער הָאט עֶס גָאר דֶערְזֶעהן אִיז עֶר בַּאלְד אוֹיסְגֶענִיכְטֶערְט גֶעוָוארֶען, מִיט צִיטֶערְנִישׁ הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען פַארְאֶנְטְפֶערְן אוּנ הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֶעהן בִּיז לֶעוִוינְזָאהן וֶועט אִיהם מוֹחֵל זַיין.

לֶעוִוינְזָאהן אִיז בְּטֶבַע גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, אוּנ אַז עֶר פְלֶעגְט עֶפִּיס טְהוּן הָאט עֶר פַיינְד גֶעהַאט מֶען זָאל דַארִיבֶּער אַ סַךְ רֶעדֶען. עֶרְשְׁט נָאךְ זַיין טוֹידְט אִיז מֶען גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז זַיין בִּילְד גֶעפִינְט זִיךְ אִין הוֹיף פוּן דֶער גְרוֹיסְפִירְסְטִין מַארְיָע פַאוְולָאוְונָא, וַוייל עֶר הָאט גָאר קֵיין הַשָּׂגָה גֶעהַאט זִיךְ מִיט אַזאַ זַאךְ צוּ בְּעַרִיהמֶען. ווִיפִיעל מָאל דִי מְלוּכָה הָאט אִיהם גֶעוָואלְט שִׁיקֶען גֶעלְד עֶר זָאלל קוּמֶען קֵיין פֶּעטֶערְבּוּרְג אוּנ דָארְט זִיצֶען בַּיי אֲסִיפוֹת, הָאט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָבְּגֶעזָאגְט, וַוייל עֶר הָאט נִיט אַרוֹיסְגֶעזֶעהן עֶס זָאלל עֶפִּיס דֶערְפוּן פַאר יוּדֶען אַרוֹיס אַ יְשׁוּעָה, אוּנ זִיךְ גְלַאט נַארִישׁ מַאכֶען הָאט עֶר פַיינְד גֶעהַאט. אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעוָואלְט מַאכֶען פַאר לַאנְד־רַב אוּנ אַלֶע זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאלל אָנְנֶעהמֶען דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶע, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶס אִיז אַ סַךְ גְלַייכֶער מֶען זָאלל בֶּעדוֹיעֶרְן פַאר וָואס עֶר אִיז דַארוֹיף נִיט בֶּעשְׁטַאנֶען, עֶהדֶער מֶען זָאלל זִיךְ קְלָאגֶען דֶערְנָאךְ, וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִיט מְיַשֵּׁב גֶעוֶועהן אוּנ הָאט דִי שְׁטֶעלֶע אָנְגֶענוּמֶען.

ווִי וַוייט עֶהְרְלִיךְ אוּנ קְלוּג לֶעוִוינְזָאהן הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אוּנ הָאט נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף אֵיינְגֶעגְלִיעבְּטֶע, קָאנְן מֶען פֶערְשְׁטֶעהן דֶערְפוּן, וָואס הָאטְשׁ דִי חֲסִידִים הָאבֶּען אִיהם שְׁטֶענְדִיג פֶערְפָאלְגְט הָאט עֶר זִיךְ נִיט מִתְרַחֵק גֶעוֶועהן פוּן זֵיי אוּנ פְלֶעגְט אָפְּט בֶּעקוּמֶען בְּרִיעף פוּן גוּטֶע יוּדֶען, ווִי פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל'צֶע דֶער רוּזְשִׁינֶער, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן זַיינֶער אַ קָרוֹב, אוּנ פוּן ר׳ אַבְרָהָם'לֶע טְרִיסְקֶער. זַיין כַּוָּנָה אִיז גֶעוֶועהן זֵיי, דִי גוּטֶע יוּדֶען, זָאלְלֶען ווִירְקֶען אוֹיף דִי יוּדֶען וָואס גְלוֹיבֶּען אִין זֵיי. אוּנ דָארְט וואו עֶס קָאנְן דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ טוֹבָה זָאלְלֶען אַלֶע צוּזַאמֶען אוּנ אָהן אַ שׁוּם אוּנְטֶערְשִׁיעד אַרְבֵּייטֶען לְשֵׁם שָׁמַיִם

חאטש לעווינזאהן פלעגט אפט ליידען דחקות, ווייל ערסט צוויי יאהר פאר'ן טויט האט איהם די מלוכה געשיקט 8000 רובעל, אונ חוץ דעם האט איהם זיין קראנקהייט זעהר שטארק פארמוטשעט, האט ער דאך אויף דער עלטער געהאט גרויס תענוג צו זעהן, אז זיין פערציגיאהריגע ארבייט איז ניט געוועהן אומזיסט. אונ אז עס האט אנגעהייבען אונטערוואקסען א שאנער דור פון עדעלע געלערנטע יודישע יונגע לייט ווי ר' מרדכי אהרן גינצבורג, ר' אברהם בער לעבענזאהן אונ פיעל אנדערע פון ליטא; פיעל האבען איהם מיטגעהאלפען די יודישע שרייבערס. וואס האבען ארויסגעגעבען חבורים אויף לשון הקדש אונ דערמיט דערוועקט אין פאלק נייע געפיהלע אונ ליעבע צו בילדונג. נאך מעהר האט אויפ'ן פראסטען עולם געווירקט דער אקציז, וואס האט געגעבען פרנסה פיעל ארדענטליכע יודען, אונ ווער עס קען נאר דאס יודישע לעבען אין רוסלאנד מוז מודה זיין, אז וואו נאר איין אקציזניק איז פארוואָרפען געוואָרען האבען זיך ארום איהם באלד געזאמעלט אלע בעסערע מענשען אונ מען האט שוין די קינדער נאר אנדערש אנגעהייבען צו ערציהען.

דעם 3-טען פעברואר 1861 איז לעווינזאהן, אויפ'ן צוויי אונ זיבציגסטען יאהר געשטארבען אין קרעמעניץ, אונ ווען ער האט אין דער יוגענד געהאט צי טהון מיט דארנער, וואס האבען איהם געשטאכען אונ ניט געלאזט זיינע ברידער אנווייזען דעם דרך הישר, איז איהם בעשערט געוועהן צו צומאכען זיינע ליכטיגע אויגען צווישען רויזען, וואס ער אליין האט זיי געפלאנצט אונ וואס האבען איהם זיס געמאכט זיין לעצטען אויגענבליק.

צוויי גרויסע זאכען האבען לעווינזאהן אינטערעסירט, אונ אויף זיי האט ער געהאפט אין זיין נאנצען לעבען: שולען אפענען פאר יודישע קינדער, אונ מאכען קאלאניען פאר יודען. ער האט געוואלט זעהן גוט ערצויגענע יודישע קינדער אונ ערליכע יודישע ערדארבייטער, אונ דערפאר האט ער ניט גערוהט אונ האט ניט אויפגעהערט צו געבען דער מלוכה אללע עצות ביז ער האט ניט אויסגעפיהרט זיין פלאן, חאטש אין גאנצען געראטהען האט עס ניט געקאנט, ווייל ניט שטאנדיג קומט יעדע זאך אויס ווי מען געהמט זיך פאר.

אז מען קוקט זיך צו צו דער געשיכטע פון די יודישע שולען אין רוסלאנד, ווי אזוי זיי האבען זיך אנגעהייבען אויפצואפענען אונ ביי וואס פאר א מעמד

די האלטען אצונד, ועהט מען ארויס, אז געבליהט האבען זיי טאקי נאר אין די ערשטע יאהרען אין עטליכע געצאהלטע ערטער, וואו זיי זענען ניט גע־ ווען אנגעווארפען אונ וואו דאס פאלק אליין האט געפיהלט ווי נאטהיג זיי זענען אונ האט פערשטאנען אז יודען קאנען נאר דעמאלט אויפגערעכט ווערן, ווען זיי אללע וועלן קומען צום שכל אונ איינזעהן אז זיי מוזען האבען בעזונדערע שולען אונ וועלן זארגען זיי זאללן קאנען עקסיסטירען

די ערשטע יודישע שולע איז געגרינדעט געווארען אין אומאן אונטער דער השגחה פון א גאליציאנישען יודען ר׳ מאיר הארן, אונ מיט דער הילף פונ׳ם בעריהמטען גביר ר׳ הירש בער הורוויץ, וואס איז דערנאך אוועק קיין ענגלאנד אונ איז געווארען פראפעסאר אין דער קעמברידזשער אוניווערזיטעט. הארן האט זעהר געוואלט, אז די מלוכה זאלל בעשטעטיגען זיין שולע אונ ער האט אנגעגעבען א בקשה וועגען דעם אונ האט ערקלעהרט, אז דער גאנצער למוד געהט אויף מענדעלסאהנס דרך. אז דאס פאפיער איז אנגעקומען אין פאליציע מען זאלל דארט חוקר ודורש זיין ווער דער הארן איז, האט זיך גראד גע־ דארפט מאכען, אז מען האט דארט געזוכט א גנב, וואס האט געהייסען מענ־ דעלסאהן, אונ אז די פאליציע האט איבערגעלייענט, אז הארן איז איינער פון מענדעלסאהנס לייט האט מען איהם געוואלט איינזעצען, אונ קוים מיט צרות האט מען איהם אבגעבעטען. נאך דעם צופאלל איז הארן ביי זיך שטארק אראבגעפאללען, אונ מיט א פאר יאהר שפעטער איז די שוללע זיינע בטל געווארען.

דערפאר האט זיך אים יאהר 1826 מיט מעהר מזל געעפענט א שוללע אין אדעססא, וואס איז געגרינדעט געווארען אויפ׳ן וואונש פון די ערשטע בעלי בתים, וואס זענען דעמאלט נאר וואס אראבגעקומען פון בראדי אונ האבען אריינגעווארפען פונקען פון בילדונג אין דער יודישער קהלה. עס האבען זיך באלד געפונען זעהר פאהיגע לעהרער, ווי דער בעוואוסטער געלעהרטער ר׳ שמחה פינסקער, דער בעריהמטער דיכטער (משורר) ר׳ אליהו מרדכי ווערבעל, הורוויץ, פינקעל, זיטענפעלד אונ נאך אנדערע, אונ אונטער דער השגחה פונ׳ם דירעקטאר ר׳ בצלאל שטערן האט די שוללע פון יאהר צו יאהר אנ־ געהייבען מעהר וואקסען. דער גענעראל גובערנאטאר פירסט וואראנצאוו, וואס האט זיך איבערהויפט זעהר פיעל אבגעגעבען מיט די יודען האט שטארק מיטגעהאלפען, די שוללע זאלל בעקומען אללע מיטעל צו מאכען לייט פון די תלמידים וועלכע לערנען אין איהר. אונ אים יאהר 1838 האט זיך אין

קישענוב אויך געאפענט אזא שולע. וואס דער בעריהמטער יודישער שרייבער ר׳ יעקב אייכענבוים, וואס איז דערנאך געווארען אינספעקטאר אין זשיטאמירער ראבינערשולע, האט זי עטליכע יאהר געפיהרט ביז זי האט זיך ניט צוגעמאכט.

אין דעם איינענעם יאהר האט די יודישע קהלה אין רינא אויך געאפענט א שולע אונטער דער השגחה פונ׳ם דאקטאר ליליענטהאל, אונ דאס איז אזוי אנגעלעגט געווען ביי דער מלוכה אז זי האט ערלויבט די יודען איינצופיהרען ביי זיך א בעזונדער טאקסע פון פלייש, אונ פון דער הכנסה אויסהאלטען די שולע. וואס מעהר די ערשטע יודישע שולען האבען זיך בעפעסטיגט האט די מלוכה אנגעהייבען שטארקער צו טראכטען זי זאלל אויספיהרען דעם גרויסען געדאנק פונ׳ם קייזער ניקאלאי דעם ו־טען, וואס האט זיך ענטשלאסען צו עפענען אזיינע שולען אין אללע יודישע שטאדט, אונ צו ליעב דעם האט זי אים יאהר 1842 ארויסגעשיקט דעם דאקטאר ליליענטהאל, ער זאלל אריינפאהרען קיין ווילנא, מינסק, קאוונא, הוראדנא, ביאליסטאק, זשיטאמיר, בערדיטשוב אונ פיעל אנדערע ערטער אונ זאלל דארט די יודען פערשטעהן געבען וואס די מלוכה מיינט מיט די שולען, אז זי וויל ניט חלילה בעריהרען די יודישע אמונה אונ האפט נאר, אז דורך בילדונג וועלען די יודען זיך ארויפהאפען אויף א הויכער מדרגה אונ וועלען בעליעבט ווערען ביי אללע איינוואהנער פונ׳ם לאנד. א חוץ דעם האט ליליענטהאל זיך בעדארפט בעקאנט מאכען מיט אללע געלערנטע יודען וואס האבען זיך ארומגעוואלגערט אין פוילען אונ ליטא, כדי זיי זאללען קאננען ווערען לעהרער אין די שולען, איבערהויפט האט דער מלוכה געקאסט גרויס מיה ביז עס איז איהר געראטהען אים יאהר 1847 איינצופיהרען צוויי ראבינערשולען, אין ווילנא אונ אין זשיטאמיר, אונ מאכען אומעדום וואו יודען האבען נאר געוואהנט צווייערליי שולען פאר קלענערע אונ גרעסערע קינדער. די מלוכה האט אויך ניט געזשאלעוועט קיין געלד אויף צו דרוקען בעזונדערע ספרים פאר די יודען; נאר קיין גרויסע נוץ איז דערפון ניט ארויסגעקומען אונ עס האט געמוזט אוועקגעהען גענוג יאהרען ביז זיי האבען אויפגעהערט צו קלאגען אויף דער גזרה. די צייט טהוט זיך איהרעס, אונ אז זיי האבען שוין ארויסגעזעהן אז עס איז ניט אזא מורא, אונ האבען שוין מיט איינענעם וויללען אנגעהייבען שיקען זייערע קינדער אין די שולען אונ נעהמען רבנים פון די תלמידים פון ראבינערשולל איז ניך אים יאהר 1873, ווען די יודישע פראגע איז אין גאנצען אנשלאפען געווארען.

ארויס א בעפעהל, מען זאלל די שולען איבערמאכען אויף שולען פאר יודישע לעהרער. די נייע שולען אבער האבען שוין ניט געהאט דעם גלאנץ וואס פריהר, אונ פון דעמאלט אן לערנען יודישע קינדער מעהר אין פאנסיאנען ביי פריוואט לעהרער, אויך אין גימנאזיען נאר א געוויסער פראצענט. די בילדונג פערשטעהט אז נאר דאס איז דאס איינציגע מיטעל וואס קאן זיי שיטצען אין אללע צייטען אונ נויטען. געוויס וואלטען די רוסישע יודען דערגרייכט נאך א העכערע מדרגה אין בילדונג, ווען עס ווערט ניט אים יאהר 1887 א נייער בעפעהל מען זאלל אין גימנאזיען אונ אוניווערזיטעטען אריינלאזען יודען נאר א קליינעם פראצענט.

פונקט אזוי ווי די שולען זענען קודם כל געגרינדעט געווארן פון די יודען אליין, אזוי האבען זיך אויך פלוצלונג ארויסגעוויזען, נאך אים יאהר 1790 יודישע ערדארבייטער, וואס זענען פון מאהילעווער גובערניע ארויס אין דער נייער געגענד פון חערסאן אונ יעקאטערינאסלאוו, ווען רוסלאנד האט עס אבגענומען, אונ האבען זיך בעשלאסען צו זוכען זייער ברויט אין דער שווערע ערדליכע ארבייט. אים יאהר 804 האט די מלוכה ארויסגעגעבען א בעזונדער געזעץ וועגען די יודישע קאלאניסטען אונ האט זיי געשענקט פיעל רעכטע אונ אויך געשטיצט מיט געלד זיי זאללען האבען אויף הוצאות אריבערצופאהרען אויף די נייע ערטער. די כונה פון דער מלוכה איז געוועהן אבצורייסען די יודען פון פיעל שאנדליכע פרנסות אונ זיי געבען אזא פרנסה אין די האנד, וואס זאלל זיי דערנאהרען בכבוד אונ קיינער זאלל זיך דארפען בעקלאגען אויף זיי; דערפאר האט זי זיך גענומען דערצו אונ אכט יאהר כסדר האט זי אויסגעהאלפען די יודען וואס האבען זיך גענומען צו ערדארבייט. נאר אים יאהר 1812 איז מען שוין געבליבען שטעהן, ווייל עס האט געפעהלט די מיטעל, אונ ערשט אין דריי אונ צוואנציג יאהר שפעטער האט זיך דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער נאך אמאל גענומען צו פערבעסערן די לאגע פון די יודישע קאלאניסטען וואס זענען שוין געוועהן פון פריהר, אונ פון 1836 ביז 1852 האט מען ניט אויפגעהערט צו זוכען עצות ווי ווייט מעגליך זייער צאהל צו פערגראסערן אונ צו צוציהען פרישע מענשען, וואס האבען זיך געמוזט פרייען מיט די חסדים וואס די מלוכה האט זיי געטהון. אבער פון דעמאלט אן האט די מלוכה אויפגעהערט צו זארגען פאר יודישע קאלאניען אונ קאלאניסטען, אונ פיעל פון די וואקאנצעס וואס האבען זיי געשיצט זענען ביסלעכווייז בטל געווארן.

דאס וואס די מלוכה האט ניט געקאנט צופריעדען זיין פון די יודישע קאלאניען, נעהמט זיך דערפון וואס ערשטענס, האט דאס געזעץ אין אנהייב נעפאדערט, אז איבערפיהרען אהין אין די קאלאניען זאלל מען נאר גאנצע משפחות, און דערפאר האבען זיך צווישען די קאלאניסטען נעפונען זעהר פיעל אלטע לייט וואס האבען קיין כח מעהר ניט נעהאט צו ארבייטען און האבען פון אנהייב אן נעמוזט זיך נעהמען צו זייטינע פרנסות; צווייטענס: האט מען די ערשטע צייט ניט אויסגעקליבען און מען האט צונענומען פאר קאלאניסטען, ווער עס האט זיך נאר געוואלט פערשרייבען, און אזוי ווי דאס פערשרייבען זיך אלס קאלאניסט האט בעפרייט פון מיליטער דינסט, האבען זיך פערשריבען פיעל בטלנים, און טויגעניכטסען, און די מלוכה האט נור אויסגעבראכט פיעל געלד אומזיסט אויף זיי, נאר אזיינע בטלנים האבען זעהר פיעל געשאדט זייערע ברידער, וואס האבען ערנסט געמיינט צו הארעווען און טאקי ווערן נוטע ערדארבייטער. חוץ דעם אללעם האט מען זיי איינגעטהיילט ווייערע פעלדער זעהר ווייט פון שטאדט, די עצם ערד איז אויך קיין גוטע געוועהן, קיין ברונענס האבען זיי ניט געהאט, און די ערשטע וואס זענען אהין גע־קומען האבען זיך א צייט לאנג געמוזט וואלגערן אין פעלד ביז זיי האבען ווי עס איז אויסגעבויט הייזלעך, וואס דערפון האבען זיך אויסגעבראכען צווישען זיי אללערליי קראנקהייטען. פונדעסטוועגען האבען די יודען אפילו ביי אזעלכע פערהאלטניסע ארויסגעוויזען ענערגיע און פאהינקייטען און האבען זיך דער־האלטען ביז איצט. אים יאהר 1810 איז אין חערסאנער און יעקאטערינאסלאווער נובערניע געוועהן אין גאנצען ניין קאלאניען, וואו עס האבען זיך געפונען 3640 מענשען, און זעכצינ יאהר שפעטער איז שוין געווארן 43 קאלאניען מיט 34,032 מענשען; דאס בעווייזט, אז ווען אין די לעצטע יאהרען וואלט די מלוכה ניט פערלארן דעם חשק און ווייטער געשטיצט די קאלאניסטען ווי פריהר וואלט זייער צאהל געווים בעדייטענד גראסער געווארן. פיעל פון די קאלאניען האבען לשון קודש'דיגע נאמען ווי „שדה מנוחה" „נהר טוב", און אללע געפינען זיך אונטער דער השגחה פון צוויי רבנים. פאר די קינדער האבען זיי נאך אים יאהר 1869 געהאט פינף שוללען מיט 113 לעהרער און מלמדים, וואס האבען ערצוינען 959 תלמידים. זייער צאהל האט זיך נעמוזט אין דער לעצטער צייט פערגרעסערן, און מען מאג זאגען, אז דער מעמד פון די יודישע קאלאניען איז ניט שלעכט, און ביי אללע סבות, וואס האבען זיי

געשטערט אויפצובליהען ווי עס דארף צו זיין האט דאך די מלוכה ניט אויסגעבראכט איהר געלד אומזיסט, אונ עס זענען אויסגעוואקסען פעהיגע יודישע ערדארבייטער, וואס מען דארף זיך מיט זיי ניט שעהמען. צום אונגליק האט מען אים יאהר 1882 ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז יודען טאהרען ניט קויפען קיין ערד אונ ניט בעזעצען זיך אין דארפער אונ דערפאר זענען פיעל יונגע לייט געצוואונגען געוועהן זיך אוועקלאזען קיין אמעריקא אדער קיין ארץ ישראל, וואו עס האבען זיך, אין דער לעצטער צייט, געמאכט עטליכע קאלאניען מיט דער הילף פונ'ם באראן עדמונד ראטהשילד פון פאריז.

נאר חאטש די לאגע פון די רוסישע יודען איז די לעצטע עטליכע יאהר ניט אזוי פרעהליך פון דעסטוועגען האלטען זיי לעווינזאהן'ס צוואה אונ ארבייטען שטארק אין בילדונג, אויסער די קאווקאזער יודען אונ די קרימטשאקעס, וועלכע שטעהען נאך דערווייל ניט אויף קיין הויכער מדרגה.

אקוראט בעשטימען פון וואנען די יודען האבען זיך אמאל גענומען קיין קאווקאז אונ ווען זיי האבען זיך דארט בעזעצט — איז זעהר שווער. מען ווייסט נאר אזוי פיעל, אז נאך אכט הונדערט יאהר פאר קריסטוס געבורט זענען שוין יודען געוועהן אין קאלכידא, וואס איז דעמאלט בעשטאנען פון גרוזיען, מינגרעליען, אימעריטיניען אונ אבכאזיען אונ עס איז אסברא אז שלמנאסר דער מלך פון אשור, האט זיי אהין פערטריבען, זיי האבען זיך אבער לאנג דארט ניט געקאנט האלטען, אונ זענען אריבער קיין פערסיען, ווען איספור איז געוועהן מלך, אונ האבען זיך אויסגעמישט מיט די פערסישע פעלקער. פון די קאווקאזער יודען זענען אויך געוועהן די ערשטע סוחרים, וואס האבען אנגעהויבען האנדלען מיט די האזארען אונ זיי ביסלעכווייז בעקאנט געמאכט מיט דער יודישער אמונה. ווי גרויס די צאהל פון די קאווקאזער יודען איז אמאל געוועהן — קאן מען פערשטעהען דערפון, וואס ווען עס האבען זיך אין ארמעניען אנגעהויבען אין פינפטען יאהר הונדערט די רדיפות געגען זיי, זענען כמעט אהאלבע מיליאן יודען איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום. איבערהויפט האבען די קאווקאזער יודען געהאט ווייניג לומדים צווישען זיך וואס זאלען בעפעסטיגען ביי זיי די אמונה, אונ דערפאר זענען זיי גיך ארונטער אונטער דער מאכט פון אנדערע פעלקער אונ זענען מיט יעדען יאהרהונדערט געווארען אלץ ווייניגער. מען געפינט אצונד זעהר פיעל קאווקאזישע פעלקער, וואס איז גאר קיין ספק ניט, אז זיי שטאמען ארויס פון יודען, ווי למשל די אוביכען, וואס מיטען פנים,

מִיט דִי פֶעהִיגְקֵייט און אֲפִילוּ מִיטֶען ווייבֶען הַארְצֶען זֶענֶען זֵיי אָהנְלִיךְ אוֹיפֶען יוּדֶען, און אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע בֶּעפֶעלְקֶערוּנְג פוּן גוֹרְיֶען, וָואס דֶער נָאמֶען אַלֵיין בֶּעווייזְט שָׁאן פוּן וואנֶען זֵיי שְׁטַאמֶען, ווייל הוּרְיָא הֵייסְט אוֹיף יֶענֶע לְשׁוֹנוֹת אַ יוּד. בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז פוּן זֵיי אַ תֵּל גֶעוָוארֶען אִים יָאהר 1221 וָוען טְשִׁינְגִיסְחַאנְן, דֶער פִירְטֶער פוּן דִי מָאנְגָאלֶען אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף קַאוְוקַאז, און צוּם אִיבְּרִיגֶען הָאט פוּן זֵיי אַ סוֹף גֶעמַאכְט טַאמֶערְלַאן אִים יָאהר 1387. פִיעל הָאט מֶען אוֹיסְגֶעהַארְגֶעט אִין דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ עַנְטְשְׁלָאסֶען אָבְּצוּגַארֶען זֵייעֶרֶע פֶערְפָאלְגֶער און הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶען לְפָנִים אוֹיסְצוּגֶעבֶּען פַאר קְרִיסְטֶען אָדֶער פַאר מַחְמַדַ'נֶער וְוִי עֶס הָאט זֵיי מֶעהר גֶעפַּאסְט, בְּסוֹד אָבֶּער זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען יוּדֶען. אַזוֹי הָאט אַ לַאנְגֶע צַייט אִין קַאוְוקַאז גֶעלֶעבְּט אַ גַאנְצֶע קְלַאסֶע פוּן מַארְרַאנֶען, וָואס פְלֶעגֶען גֶעהן אִין דִי קִירְכֶען אָדֶער מֶעטְשֶׁעטֶען, אָבְּהִיטֶען אַלֶע מִצְוֹת און מִנְהָגִים פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער אָדֶער מַהֲמַדַ'נִישֶׁער רֶעלִיגְיָאן און אִין בֶּעזוּנְדֶערֶע הַייזֶער הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט שׁוּלֶען מִיט סִפְרֵי תּוֹרוֹת און פְלֶעגֶען דַאוְונֶען און זִיךְ פִיהְרֶען נָאכֶען יוּדִישֶׁען דִין. בַּיי אַזַא לַאנְגֶע, פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעקֶאנְט אוֹיפְקָאמֶען, און וָואס מֶעהר אַ דוֹר עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִיז מֶעהר דָאס יוּדִישְׁקֵייט פֶערְגֶעסֶען גֶעוָוארֶען. פוּן דִי מַארְרַאנֶען זֶענֶען כִּמְעַט אַלֶע צוּגֶעשְׁטַאנֶען אָדֶער צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם אָדֶער צוּ מַהֲמַדַאנֶער, און דָאס בִּיסֶעל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִיז אַזוֹי פֶערְנַארְבְּט גֶעוָוארֶען, אַז אֲפִילוּ זֵייעֶר פֶערְזֶענְלִיכֶע פְרֵייהַייט הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַיטֶען, און פִיעל פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארֶען שְׁקְלַאפֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעהָארְט צוּ פֶערְשִׁיעדֶענֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים און מֶען הָאט זֵיי גֶעקוֹיפְט און פֶערְקוֹיפְט אַזוֹי וְוִי אַ סְחוֹרָה. דָאס קָאן מֶען זָאגֶען, אִיז טַאקִי דָאס אֵיינְצִיגֶע מָאל וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אִינ'ם יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען, אוֹיסֶער מִצְרַיִם. אַז זֵיי זָאלֶען זַיין קְנֶעכְט און מִיט זֵייעֶר פְרֵייהַייט זָאלֶל מֶען זִיךְ מַאכֶען אַ מִסְחָר. אַזוֹי ווַייט מַארַאלִישׁ זֶענֶען דִי יוּדֶען נִיט גֶעפַאלֶלֶען אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, חָאטְשׁ מֶען הָאט זֵיי דָארְט גֶעבְּרֶענְט און גֶעבְּרָאטֶען, און דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער בֶּעוֵויז, אַז טַאקִי נָאר דִי תּוֹרָה הָאט זֵיי שְׁטֶענְדִיג אָבְּגֶעהִיט אַזוֹי נִידְרִיג צוּ פַאלֶען און דָארְט וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶועהן לוֹמְדִים וָואס הָאבֶּען אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אוֹיפ'ן אִינְוֶוענִיגְסְטֶען מַעֲמַד פוּנ'ם פָאלְק, הָאבֶּען דִי יוּדֶען כָּל־ גֶעהַאט אַלְס אַרִיבֶּער צוּ טְרָאגֶען און צוּ בְּלֵייבֶּען יוּדֶען.

אַזוֹי זֶענֶען דִי קַאוְוקַאזֶער יוּדֶען פֶערְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארֶען, בִּיז דָאס גַאנְצֶע לַאנְד אִיז אִים יָאהר 1802 אַרִיבֶּער צוּ רוּסְלַאנְד, פוּן דֶעמָאלְט אָן לֶעבֶּען זֵיי

זיך שוין רוהיג אונ צופריעדען, זיי בעשעפטיגען זיך מיט ארבייט אונ ליידען שוין מעהר ניט ווי אמאהל. עס מאכט זיך נאך אפילו, אז די אלטע שנאה רופט זיך אב. ווי עס האט זיך געטראפען אים יאהר 1878 אין אדארף פערעוויסי, ווען עס איז פערפאללען געווארען פונקט פאר פסח א קליין גרוזיניש מיידיל שרה מאדזעבאזע, אונ די יודישע שונאים האבען געוואלט אנהענגען דעם אלטען בלבול, אז זיי האבען דאס קינד דערהרגעט, זיי זאללען האבען בלוט אויף די מצות, נאר די מלוכה, וואס בעשיטצט זיי גלייך מיט אללע, האט דורך די בעריהמטע אדוואקאטען אלכסנדראוו אונ קופערניק ניט דערלאזט מענשען זאללען אומזיסט ליידען, אונ דער אמת איז ארויס, אז די יודען זענען אין דעם נישט שולדיג געוועהן. בעזאנדערס העלפט זיי, וואס זיי רעדען דאס אייגענע לשון, טראגען די זעלבע קליידער אונ פיהרען זיך פונקט ווי אללע זייערע שכנים, דאריבער קומט קיינמאל אויס איינער פון דעם אנדערען אויסצולאכען אונ עס איז קיין שארפער אונטערשיעד ניטא וואס זאלל פיהרען צו קריעג אונ צו שנאה.

כמעט אין דער איינענער צייט, וואס די יודען האבען זיך בעזעצט אין קאווקאז, עטליכע יאהר פאר קריסטוס געבורט האבען זיך אין דער קרים אויך אנגעהייבען יודען צו בעזעצען, נאר ניט אזא גרויסע צאהל. דאס וואס זיי זענען געוועהן זעהר וועניג אונ האבען ניט געקאנט אזוי שטארק אנריהרען זייערע שכנים, עס זאלל דארפען ווערען א שנאה אונ א קנאה, אדער מען זאלל קוקען אויף זיי קרום, אונ א חוץ דעם, וואס גראד אהין האבען זיך בעזעצט יודען פון אזעלכע מקומות וואו די תורה האט נאך געבליהט אונ זענען דאריבער אליין אויך עדעלער געוועהן, דאס האט געפיהרט דערצו, וואס די קרימער יודען זענען נאך אין די אלטע יאהרען ניט אזוי פערגראבט געווארען ווי זייערע קאווקאזער ברידער. זיי האבען געהאט זייערע שוללען, אין וועלכע זיי האבען אליין געלערנט אדער געהערט תורה אונ זענען געשטאנען גוט.

דאס זעהט מען אויך ארויס דערפון, וואס אין דער צייט, וואס די פעלקער פון קאווקאז האבען פערשלונגען טויזענדער יודען אונ פון זיי איז אפילו קיין זכר ניט געבליבען, האבען זיך די קרימער יודען געהאט כח צו האלטען אין אללע צייטען, זיי האבען אויך געוואוסט גמרא, פוסקים, רמב"ם אונ אנדערע ספרים אונ האבען דערפאר איבערגעלאזען יורשים יודען, וואס לעבען נאך אין היינטיגער צייט אונ הייסען דארט „קרימטשאקעס".

די קרימטשאקעס וואהנען גרעסטענטהיילס אין קראסובאזאר; דארט זענען דא 700 פאמיליען. זייער לשון הייסט: טשאגאדי און איז כמעט דאס זעלבע וואס טאטאריש. זיי האבען זייער בעזאנדערען רב און האלטען מלמדים, וואס לערנען דיא קינדער לשון קדש, נאר ווייטער פון חומש און דאוונען געהען זיי ניט. אז עס זיינען נאר ארויסגעקומען דרוקען אויף דער וועלט האבען זיי די ערשטע איינגעפיהרט ביי זיך א דרוק, און האבען ארויסגעגעבען זייער אייגענעם סדור. חאטש קיין לומדים זיינען קיינמאל ניט געוועזען צווישען זיי פון דעסטוועגען האלטען זיי שטארק פונ׳ם תלמוד און, אז עס איז געוועזען א צייט וואס מען האט זיי געוואלט צו רעכענען צו די קאראימעס און זיי אויך געבען די אייגענע רעכטע, וואס יענע, האבען זיי זיך דערפון אבגעזאגט און האבען ערקלערט, אז זיי זענען יודען גלייך ווי אלע יודען, און די גמרא איז ביי זיי הייליג.

אין שטוב־פיהרען זענען די קרימטשאקעס ניט ווייט אבגעטרעטען פון די טאטארען, נאר פון דעסטוועגען איז א גרויסער חלוק פון זיי און די קראימעס, וועלכע האבען נאך פיעל נארישע מנהגים. זיי זיצען אויך אין קליינע שטיבעלעך, דארט שטעהען נידריגע בענק און אויף זיי עסט מען און מען שלאפט.

זיי לעבען צווישען זיך זעהר גוט און פריינדליך, און אזוי ווי אלע בע־שעפטיגען זיך מיט מלאכות זעהט מען גאר ניט קיין ארעמע לייט ביי זיי, וואס זאלען זיך ארומשלעפען בעטען נדבות. פאר זייערע קראנקע זארגען זיי און האלטען זיי אוים, זייערע פרויען זיינען א סך פרייער ווי ביי די טאטארען און קאראימעס, חאטש זיי טראגען די אייגענע קליידער, זענען זיי פון דעסט־וועגען ניט בעהאלטען און געהען ניט פערשלייערט מען זאל ניט ארויסזעהען זייער פנים. אין שוהל דאוונען זיי רוהיג און שטיל יעדען טאג גאנץ פריה, כדי זיי זאלען ניט פערליערען קיין צייט פון דער ארבייט. די קינדער מאכען זיי התונה ערשט דערמאלט, ווען זיי פיהלען שוין, אז זיי קאנען אליין ארבייטען און פערדיענען. פון קיין שידוך אבלאזען ווייסט מען ביי זיי ניט. ווייל עהדער מען ניט זיך דאס ווארט האבען זיי ליעב זיך גוט צו בעטראכטען, און פונ׳ם קנס־מאל אן איז שוין דער שדוך אבגעשלאסען אויף עביג. כל זמן מען איז חתן כלה, מען מאג זיין נאר פונ׳ם געמיינסטען גראד, שיקט מען זיך איינס דאס אנדערע מתנות, געוואהנליך, אלע פרייטאג. דער חתן שיקט קליין געלד אויף מרחץ און פארב, וואס די כלה ברויך האבען אויף שמירען די נאגעל פון האנד און פים, און די כלה שיקט קיכלעך און שאהן געבעקס לכבוד שבת.

חופה שטעללען זיי גאנץ פריה; אנאכט פריהר געהט מען מיט כלי-זמר צום חתן אונ מען ברענגט איהם צו דער כלה, דארט לאזט מען איהם שטעהן אביסעל אין הויף אונ מען טאנצט ארום איהם. דערנאך נעהמט מען איהם אריין אין שטוב אונ ער מוז דארט אויסווארטען אפאר שעה ביז מען טהוט אן די כלה. דער מנהג איז ביי זיי, אז די כלה שמירט מען אוים מיט אמין שווארצע פארב, אויפ'ן שטערען מאלט מען אוים פערשיעדענע קוויטען, אונ אויסער דעם פערצירט מען איהר דעם קאפ פליטערליך פון נאלד פאפיער. אז די כלה איז שוין אנגעטהון, געהען אללע אוועק צום חתן אונ דארט טאנצט מען אגאנצע נאכט ביז עס הייבט אן טאגען, דעמאלט פיהרט מען חתן כלה צו דער שול אונ מען שטעלט די חופה, דאס הייסט: מען דעקט חתן כלה אריבער מיט אטלית אונ די אונטערפיהרער נעהמען צוויי הינער אונ דרעהען זיי זיבען מאל ארום זייערע קאפ. דערנאך איז דער חתן מקדש דיא כלה אונ מען פיהרט דאס פאר פאלק אהיים צו דער כלה'ס עלטערן, אונ דא בלייבט די כלה פערשלאסען אויף זיבען טאג אונ טאר זיך ניט ארויסווייזען אופען ליכטיגען שיין. מען פערהענגט אפילו די פענסטער פון איהר חדר, קיינער זאלל ניט אריינקומען. אט די אללע מנהגים האבען יענע יודען גענומען פון די טאטארען. אז דער חתן געהט מיט אטאג פריהר אין מרחץ נעהמט ער מיט זיך אללע מחותנים אונ מאכט דארט אגאנצע שמחה, מען דינגט זיך פארען אנטהון אונ אויסטהון, אונ עס איז אגאנצער כבוד צו בעדיענען דעם חתן. דעסגלייכען מאכט מען אגאנצע צערעמאניע ווענן מען פיהרט איבער דאס פערמעגען פון דער כלה צום חתן אין שטוב אריין. יעדע זאך, יעדעס מלבוש, דאס מינדעסטע ברעקעלע טראגט אבעזונדער מענש. די גאסט שאצען אלם דינג אונ מען שרייבט אן די כתובה. מיט פיעל יאהרען צוריק פלעגען די קרימטשאקעס האבען צו עטליכע ווייבער, נאר אין די לעצטע צייטען טהוען זיי עס ניט מעהר. איבערהויפט איז שוין דער יונגער דור אנדערש אונ ווארפט אוועק אללע נארישע טאטארישע מנהגים, אונ מען קאן האפען, אז מיט דער צייט וועט די זונן פון בילדונג אויף די קרימטשאקעס אויך שיינען.

צום אומגליק, געפינען זיך אצונד די יודען, ניט נאר פון רוסלאנד, נאר אויך פון עטליכע לאנדער אין איירָאפא, אין אזא לאגע, אז זיי ווייסען אלליין ניט. צו איז די בילדונג פאר זיי א מעלה אדער א חסרון אונ צו דארפען זיי זיך נאר אזוי אוועקלעגען פאר אויפקלארונג... א ניי ווינקעל האט א בלאז געטהון פון מערב-זייט, פון דייטשלאנד, אונ האט אנגעמאכט א חשכות; דאס

ווינטעל הייסט – אנטיסעמיטיזמוס; דער נאהמען איז א נייער, נאר די סבה איז איין אלטע. אנטיסעמיטיזמוס הייסט: זיין א געגנער פון סעמיטען, פון די פעלקער וואס קומען ארויס פון שם בן נח. נאר אין גאנצען די זאך האט מען אויסגעטראכט צו ליעב יודען, מען זאל האבען א תירוץ זיי צו געבען א כשר'ן קלאפ. עס איז עפיס נמאס געווארען גלאט אזוי זיך טשעפען צו איין אמונה, עס פאסט ניט ארויסצוווייזען א גאנץ פאלק, וואס איז גאטט די נשמה שולדיג, פשוטע שנאה און קנאה, איז מען געפאלען אויף א שכל און מען שרייעט אז מען מיינט אללע וואס שטאמען פון שם'ס שרש, און מען מאכט די יודען פאר'ן כפרה־האנדעל. דריי שונאי ישראל האבען אין דייטשלאנד אנגעמאכט דעם טאראראם: מארר האט דער ערשטער אנגעהויבען שרייען אז מען מוז דעם יודען א ביסעל אונטערהאקען די פליגעל, ווייל עס קאן פון איהם ווערען ארויב־פאגעל וואס וועט קיינעם ניט לאזען קיין קאפ אויפהייבען. באלד האבען איהם נאכגעטאנצט טרייטשקע און שטעקער, און אזוי איז געווארען א געוואלד. אז אללע פעלקער זענען נאר ביי די יודען אין גלות און, אז מען מוז זיי פערשטעלען דעם וועג צו בילדונג, כדי מען זאל זיך בעפרייהען פון זייער יאך. אזוי איז דאס פייער איבערגעגאנגען קיין פראנקרייך און אסטרייך, און אין אונגארן האבען זיך די אנטיסעמיטען אפילו געכאפט צום אלטען בלבול: אים יאהר 1882 איז אין א קליין שטאדטעל טיסא־עסלאר פערפאלען געווארען א קליין קריסטליך מאדעל אסתר סאלימאסי מען האט באלד אויסגעטראכט, אז די יודען האבען זי געהרג'ט און בענוצט איהר בלוט אויף פסח. הונדערטער עדות האבען געשוואוירען אויף זאכען, וואס זענען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, מען האט אפילו אנגעשטעלט א זוהן זאל פאלש עדות זאגען געגען זיין אייגענעם פאטער און פיעל יודען האבען זיך אבגעמוטשעט פיערצעהן חדשים ביז זייער אונשולד איז בעוויזען געווארען.

די יודען זענען אבער געשלאגענע, דערשלאגענע, נאר ניט קיין איבערגעשראקענע קינדער: זייער לאנגער לעבענס־וועג האט זיי געוואהנט מיט אזעלכע שרעקליכע זאכען, אז פאר'ן אנטיסעמיטיזמוס דארפען זיי נאר וועניג מורא האבען. דאס לעצטע בלאטעל פון דער יודישער געשיכטע איז נאך ניט אנגעשריבען און מען קאן געוויס זאגען, אז מיר האלטען נאך אפילו ניט ביים אנהייב פונ'ם סוף. צייטען בייטען זיך, דאס ראדעל דרעהט זיך און די וואלקענס, וועלכע האבען די לעצטע צייט בעדעקט דעם

יודישען הימעל, ווען זיך געווים צוגעהען, ווען די זונן פון פרייהייט און מענשענליעבע וועט שטארקער אנהייבען שיינען און דערוואַרמען די פערפרורענע הערצער פון אומזיסטיגע שונאים. איינס דארף דער יוד אין זין האבען, אז ער טאר דאס ליכטעל פון תורה און חכמה ניט ארויסלאזען פון די הענד, אז דאס איז זיין עמוד אש, וואס וועט, סוף כל סוף, גובר זיין דעם עמוד ענן און וואס וועט איהם ברענגען די אמת׳ע גאולה, און דעמאלט וועט ער אויפהערען צו זיין א שטיף־קינד און גלייך מיט אללע וועט ער פריי דיענען זיין גאטט, וואס האלט איהם אויף די פיס און שטארקט איהם מיט האפנונג אויף ישועה און נחמה!

---

8. בילדונג אין רוסלאנד. — מאזעס מאנטעפיארע אין רוסלאנד. — די ראבינער־שולען אין ווילנא און זשיטאמיר. — 1848 — 1873 — די רעגירונג פון קייסער אלעקסאנדער דעם צווייטען. — 1855 — 1881.

„עורי צפון ובואי תימן, הפיחי גני, יזלו בשמיו“, וואך אויף, נארד ווינד, קום אהער, זיד ווינד, צופאך מיין גארטען, לאז זיך פערשפרייטען זיין ליעבליכער דופט. מאזעס מענדעלסאהנ׳ס פילאזאפיע, די פראנצויזישע הומאניסטען און די פראנצויזישע רעוואלוציאן, די השכלה אין דייטשלאנד און עסטערייך, די נייע שטרעמונגען אין ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען און אנדערע ציוויליזירטע אייראפעאישע לענדער האבען אויסגעאיבט א מעכטיגען איינפלוס אויך אויף די געטטא־אידען פון רוסלאנד, זיי האבען דערפיהלט די פריהלינגס־לופט, זיי האבען דערשמעקט דעם שעהנעם דופט פון דעם נארד און זיד ווינד, זיי האבען דערזעהן דאס שעהנע ליכט פון דעם נייעם מארגען און אויך אין די הערצער פון דעם געטטא־אידען אין ווילנא, אין מינסק, אין בערדיטשעוו, אין אדעססא און אין קישינאוו האט עס אנגעהויבען צו זינגען און צו קלינגען: „בילדונג, אויפקלעהרונג, מענשענרעכטע און א מענשענווירדיגע עקסיסטענץ!“

„בילדונג און אויפקלעהרונג!“ — „וויסען און קענען!“ האט עס גערופען, געשריען, געמאהנט און געפאדערט אין דעם אידישען לאגער.

אין ווארשוי האט זיך געגרינדעט א סארט ראבינער־שוהלע אין 1829. אין אדעססא האבען דיא בראדיער, איינגעוואנדערטע אידען פון בראדי, גאליציען, איינגעלאדען דעם געלערנטען בצלאל שטערן, ער זאל עפענען א שוהלע נאך דעם מוסטער און נאך דעם סיסטעם פון דיא אידישע שוהלען אין דייטשלאנד. אין ווילנא, אין דעם „ירושלים דליטא", איז געעפענט געווארען א שוהלע אין 1841 און דער בעריהמטער אידישער שריפטשטעללער אין דער רוסישער שפראכע, ל. לעוואנדע, איז דארט געווען לעהרער פון רוסיש.

אידען האבען געוואלט לערנען שפראכען און וועלטליכע וויססענשאפטען, דער גייסט פון מאזעס מענדעלסאהן האט געשוועבט איבער דעם אידישען לאגער אין אלע לענדער און האט געוועקט דיא פערשלאפענע. „עורי צפון ובואי תימן", וועק אויף, דוא נארד ווינד! קום צו אונז דוא זיד ווינד! — ליידער, האט קייסער ניקאלאי דער ערשטער ארויסגעוויעזען צו דייטליך, אז ער וויל פערשמעלצען און צונויפגיעסען אלע ניט קריסטליכע פעלקער אין רוסלאנד אין איין טאפ און מאכען פון זיי גוטע קריסטען, דיא ארטהאדאקסיע, דיא פרומע חסידים און דיא הארטגעזאטענע מתנגדים אדער גמרא־אידען האבען אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטעל אפצוהאלטען דיא אידען פון אזעלכע שוהלען. „מען וויל אויסשמד'ען אידישע קינדער!" איז געווארען דאס מאטטא און דאס וועהגעשריי אין אידישען לאגער.

גראף אובאסאוו, דער מיניסטער דער פאלקס־אויפקלעהרונג פון יענער צייט, האט גוט פערשטאנען, ווארום דיא פרומע אידען זיינען געגען בילדונג און אויפקלעהרונג, און ער האט געוואלט זיי בערוהיגען און זיי ווייזען, אז ער מיינט עס גוט מיט אידען, אז ער דענקט גאר ניט אויפצוצווינגען דאס קריסטענטהום, אז ער וויל גאר ניט אויסשמד'ען דיא אידען. צו דיעזען צוועק האט ער בערופען אן אסיפה פון רבנים אין פעטערסבורג אין 1843. אלס פערטרעטער פון דעם רוסישען יודענטהום זיינען געקומען אויף דיעזע אסיפה, רבי איצעלע, דער ראש הישיבה פון וואלאזשין, רבי מענדעלע ליובאוויטשער, דער רבי פון דיא חב"ד חסידים, הערר ישראל האלפערין, א באנקיר פון בערדיטשעוו, בצלאל שטערן פון אדעססא און דר. ליליענטהאל, אלס בעאמטער פון דעם מי־

ניסטער דער פאלקס־אויפקלערונג, וועלכער האט אויך פונגירט אלס סעקרעטער פון דער אסיפה.

גראף אובאסאוו האט געבעטען, מען זאל איינלאדען אדאלף קרעמיעע און סער מאזעס מאנטעפיארע. דר. ליליענטהאל האט זיי געשיקט איינלאדונגען און האט זיי געבעטען, זיי זאלען קומען אויפמונטערן דיא אידען, זיי זיינען אבער ניט געקומען. דער קלוגער אדאלף קרעמיעע האט געפאדערט, אז גראף אובאסאוו זאל איהם איינלאדען אין נאמען פון דער רוסישער רעגירונג, ער האט געוואלט קומען נאך רוסלאנד אלס איינגעלאדענער גאסט פון דער רוסישער רעגירונג. אויך מאזעס מאנטעפיארע האט ניט געוואלט קומען נור אלס אידישער פאטריאט.

דיא ערשטע אסיפת הרבנים האט זיך דארום געענדיגט מיט נארישט. דיא גאנץ פרומע האבען קוים פערשטאנען, וואס גראף וואראנטשענקא האט גערעדט צו זיי אויף רוסיש און עס איז רעכט צווייפעלהאפט, אויב זיי האבען פערשטאנען דר. ליליענטהאל'ס דייטש. אויך צווישען בצלאל שטערן און דר. ליליענטהאל זיינען פארגעקומען מיספערשטענדניסע און פערזענליכע שטרייטיגקייטען. דיא גאנצע אסיפה איז מיאוס דורכגעפאלען.

ערשט אין 1845, ווען קייסער ניקאלאי האט ארויסגעגעבען א שטרענגען בעפעהל, אז מען זאל ארויסטרייבען אלע אידען פון דיא געגענדען, וועלכע געפינען זיך 50 ווערסט לעבען דער פרייסישער און עסטעררייכישער גרענעץ, האבען די אידען פון רוסלאנד זיך געווענדעט צו סער מאזעס מאנטעפיארע, וועלכער איז געקומען נאך רוסלאנד אין מערץ 1846 און האט בעקומען אן אודיענץ ביי קייסער ניקאלאי.

סער מאזעס מאנטעפיארע האט ערקלערט און בעוויזען דיא רוסישע אידען, אז מען מעג קענען שפראכען און וויסענשאפטען און דאך בלייבען א פרומער איד, וויא ער אליין איז געוועזען. סער מאזעס מאנטעפיארע'ס איינפלוס האט עס געבראכט דערצו, אז מען זאל גרינדען דיא ראבינער־שולען, וועלכע זיינען געעפענט געווארען אין 1848 אין ווילנא און אין זשיטאמיר.

דיא ראבינער־שולען אין רוסלאנד האבען צוואר פערפעהלט זייער צוועק. זיי האבען ניט אויסגעבילדעט עכטע, וואהרע, אידישע ראבינער, פארשטעהער און פיהרער פון דיא רוסישע אידען, אבער זיי האבען אויס־

געבילדעט דאס יודענטהום. זיי האבען ארויסגעגעבען פיעלע געלערנטע מענער, פיעלע גרויסע מענער, זיי האבען פערברייטעט בילדונג, אויפ־קלעהרונג און בעלעהרונג צווישען אידען אין רוסלאנד. זיי האבען אויפגע־וועקט, אויפגערעגט און אויפגעפאדערט דיא רוסישע אידען צו לערנען, צו קענען, צו וויסען און צו פערשטעהן זיך אליין און דיא וועלט ארום זיי. פיעלע יונגע לייט פון די ראבינער־שוהלען האבען שפעטער שטו־דירט אין אוניווערסיטעטען אין רוסלאנד און אין איירפא און זיינען גע־ווארען מעדיצינער, היסטאריקער, אינזשענירען און בעריהמטע יוריסטען.

זאלאנג ניקאלאי דער ערשטער האט געלעבט, האט ער זיך פעסט געהאלטען אן זיין פאנאטישע אידעע צו מאכען אידען פאר קריסטען, מיט גוטען אדער מיט בייזען. דיא „פאימאניקעס״ אדער דאס אפגעבען יונגע אידישע קינדער פאר סאלדאטען און זיי אוועקשיקען נאך ווייטע געגענדען אין סיביר, „קאנטאניסטען״, וויא קייסער ניקאלאי׳ס מיניסטארען פלעגען רופען דיזע אונגליקליכע קינדער, זיינען געווען און וועלען בליי־בען א שאנדפלעק פאר רוסלאנד.

קייסער ניקאלאי איז געשטארבען אין 1855 און זיין זוהן אלעקסאנ־דער דער צווייטער איז געווארען קייסער. פאר דיא אידען אין רוסלאנד האט זיך אנגעהויבען א נייע צייט. אין דער ערשטער צייט פון זיין רע־גיערונג האט ער זעהר געוואלט איינפיהרען רעפארמען אין רוסלאנד. ער האט געוואלט גלייך מאכען אלע איינוואהנער פון זיין קייזערטהום. ער האט געגעבען אידען מעהר רעכטע, וויא אלע רוסישע הערשער פאר איהם. ער האט געעפענט פאר אידען אלע שוהלען און אלע לעהר־אנ־שטאלטען. ער האט אויפגעפאדערט אידען, זיי זאלען זיך בילדען, זיי זא־לען לערנען און זיי זאלען קענען אויפטרעטען אלס גלייכבערעכטיגטע בירגער.

ער האט ענדליך אויך בעפרייט דאס רוסישע פאלק פון זיינע שקלא־פערקייטען. ער האט אפגעשאפט דיא פאנשטשינא אדער בארשטשינא. קייסער אלעקסאנדער האט אויך געוואלט געבען רוסלאנד א בעסערע רע־גיערונגס־פארם, א קאנסטיטוציאן.

אין דער ערשטער צייט פון זיין רעגיערונג האט ער געשטיצט דיא ראבינער־שוהלען אין ווילנא און זשיטאמיר און האט געלאזען עפע־נען פאלקס־שוהלען פאר אידען און ניט אידען. מען האט אנגעהויבען צו

לערנען אין רוסלאנד. אידען האבען אנגעהויבען זיך צו בילדען און האבען באלד איינגעזעהן, אז די ראבינער־שוהלען האבען קיין צוועק, קיין באדען און קיין נוצען. ווער עס האט נור געקענט, דער האט געלאזען זיינע קינדער לערנען אין א גימנאזיום, אום זיי זאלען שפעטער אריינטרעטען אין אן אוניווערסיטעט און דערגרייכען די העכסטע שטופע פון בילדונג.

די ראבינער־שוהלען אין רוסלאנד האבען געהאט א גאנץ אנדערן כאראקטער, וויא די ראבינער־שוהלען אין דייטשלאנד און אין אנדערע ציוויליזירטע לענדער. אין דער רוסישער ראבינער־שוהלע האט מען ניט שטודירט אויף רב, אויף אידישער געלערנטער, זאנדערן אויף צו ווערן א טשינאווניק. דער „קאזיאנער רב" איז געווען ניט א ראבינער, ניט א פרעדיגער, ניט א פאלקס־לעהרער, זאנדערן א טשינאווניק, וועלכער פלעגט פערשרייבען, ווער עס איז געבארען געווארען, ווער עס האט געהייראטהעט, ווער עס האט זיך גע׳גט און ווער עס איז געשטארבען. רוסלאנד האט קיינמאל ניט געהאט א וואהרען ראבינאט, און די ראבינער־שוהלען האבען געמוזט אונטערגעהן. מען האט זיי אויך געשלאסען אין 1873. זיי האבען עקזיסטירט נור 25 יאהר און האבען זיך אויסגעלעבט, איבערגעלעבט אין דיעזער קורצער צייט. — עליהם השלום! זיי האבען געטאהן, וואס זיי האבען געקענט.

אין די לעצטע יאהרען פון דער רעגיערונג פון קייסער אלעקסאנדער האט זיך פיעלעס געענדערט. אידען האבען אנגעהויבען צופיעל צו לערנען, צופיעל צו האנדלען, רייך צו ווערן, אנגעזעהן צו ווערן און בעריהמט צו ווערן. אידען האבען אנגעהויבען זיך צו מישען אין פאליטיק און האבען אנטהייל גענומען אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג געגען די רוסישע רעגיערונג. די עכטע רוסען האבען אנגעהויבען צו קוקען קרום אויף אידען.

דערצו איז נאך געקומען די פאנסלאווישע בעוועגונג. איטאליען איז פעראייניגט געווארען אין א גרויסען און מעכטיגעם קעניגרייך, דייטשלאנד איז פעראייניגט געווארען אין א מעכטיגעם, מיליטערישעם קייזערטהום, און אלע סלאווישע פעלקער האבען אנגעהויבען צו טרוימען פון א מעכטיגע פעראייניגונג פון אלע סלאווען אונטער דער פאהן פון רוסלאנד. מען האט אנגעהויבען צו האסען אין רוסלאנד דעם ניט רוסע, דעם

אידען, דעם פאליאק און דעם מחמד'אנער. דעם אידען האט מען אם מייסטען געהאסט, ווייל ער איז דער פעהיגסטער און דער טיכטיגסטער, ווייל אידישע דאקטוירים זיינען געווען פול אין דער ארמעע, ווייל אידישע ליפעראנטען (פאדריאטשיקעס) פלעגען ליפערן פראוויאנט פאר דיא רוסישע ארמעע און פאר דיא רעגיערונגס־אנשטאלטען.

אין 1873 האט דיא רעגיערונג געשלאסען דיא אידישע ראבינער־שוהלען אין ווילנא און זשיטאמיר, מען האט זיי מעהר ניט געדארפט. דער רעגיערונגס־ראבינאט אדער דער קאזיאנער רב איז געווארען א קליינליכער רוסישער טשינאווניק, וועלכער פלעגט פיהרען דיא סטאטיסטישע ביכער איבער געבורטען, טוידטעס פעללע און הייראטהען. דערצו דארף מען קיין בעזאנדערע שוהלע. דאס קען טהאן יעדער, ווער עס קען לערנען און שרייבען רוסיש. ווער עס האט ווירקליך געוואלט לערנען און קענען, דער האט געלערנט אין א גימנאזיום און אין אן אוניווערסיטעט, און איז געווארען א דאקטאר, אן אדוואקאט, אן אינזשעניר, א כעמיקער און א טעכניקער, און דאס האט שטארק פערדראסען דיא קריסטען.

זאלאנג אלעקסאנדער דער צווייטער האט געלעבט, איז דיעזער האס געגען אידען געבליעבען בעהאלטען, פערדעקט און פערשטעלט. נאך קייסער אלעקסאנדער דעם צווייטענס טוידט אין מערץ 1881 האט דיעזער האס אויסגעבראכען מיט זיין גאנצער, ווילד־ברוטאלער מאכט. עס האבען זיך אנגעהויבען פאגראמען, אידען־שלעגערייען, מערדערייען זאנדערגלייכען.

דיא געשיכטע פון דיא פאגראמען אין רוסלאנד איז צו לאנג און צו טרויעריג אום זיא צו בעשרייבען אין דיעזען קאפיטעל.

אידען האבען זיך אומגעקוקט, אז זיי האבען אומזיסט געלערנט רוסיש, אומזיסט זיך רוסיפיצירט, אומזיסט געשטרעבט צו ווערן עכטע רוסען און זיך צו פעראייניגען, זיך צו פערמישען, מיט זייערע נאכבארן. אנשטאט זיי צו בעשיצען געגען רויבער און מערדער, האט דיא רוסישע רעגיערונג אונטער אלעקסאנדער דעם דריטען געמאכט געגען זיי אלע מעגליכע בעשרענקענדע און ערניעדריגענדע געזעצע.

נאך דעם שרעקליכען פאגראם אין אדעסא אין 1882 האט דער רוסישער מיניסטער גראף איגנאטיעוו פערפאסט דיא טרויעריגע מאי געזעצע, וועלכע זיינען בעשטאנען דארין, אז אידען טארען ניט וואהנען אין דערפער, אידען טארען ניט וואהנען אין דיא 50 ווארסט לעבען דער גרענעץ,

אידישע קויפלייטע טארען ניט וואהנען אין דיא גרויסע שטעדט אין רוסלאנד. גראף טאלסטאי, דער מיניסטער דער פאלקסאויפקלעהרונג (ניט טאלסטאי דער פילאזאף) האט בעשרענקט דיא צאהל פון אידישע קינדער אין דיא גימנאזיומס און אין דיא אוניווערסיטעטען. דער קריעגס־מיניסטער האט אפגעזאגט אלע אידישע דאקטוירים פון דער ארמעע.

דיא לאגע פון אידען אין רוסלאנד איז געווארען אזוי הערצברייסענד־טרויעריג, אז זיי האבען געמוזט אנטלויפען. — וואוהין אבער לויפט מען? — עס האבען זיך געבילדעט צוויי ריכטונגען, מען קען זאגען, צוויי פארטייען: אידעאליסטען און מאטעריאליסטען, טרוימער און פראקטישע מענשען. דיא אידעאליסטען אדער טרוימער האבען בעהויפטעט, אז אידען קענען לעבען רוהיג נור אין זייער אלטער היימאטה — אין פאלעסטינא, אין ארץ־ישראל. וואו אידען קומען, דארט הויבען זיי אויף דעם האנדעל און דיא אינדוסטריע. ארץ־ישראל איז יעצט פערוווילדעט און פערנאכלעסיגט, אידען וועלען זיא בעלעבען, אידען וועלען בעארבייטען דאס לאנד, אידען וועלען בויען פאבריקען און אויפהויבען דעם האנדעל.

דיא פראקטישע מענשען אדער מאטעריאליסטען האבען געפונען, אז דאס איינציגע לאנד, וואו אידען קענען לעבען פריי, רוהיג און גליקליך, איז אמעריקא, דאס לאנד דער פרייהייט און גלייכהייט, וואו מען פרעגט קיינעם ניט, צו וואס פאר א פאלק ער געהערט, אין וואס פיר א גאט ער גלויבט און אויב ער האט א פאספארט.

עס האט זיך אנגעהויבען דיא גרעסטע אויסוואנדערונג פון רוסישע אידען נאך אמעריקא. אין דיא 19 — 20 יאהר פון 1882 ביז 1901 האבען מעהר אלס א מיליאן אידען אויסגעוואנדערט פון רוסלאנד נאך אמעריקא, און זיי האבען עס געטראפען. זיי האבען עס בעסער געמאכט, וויא דיא 40 — 50 טויזענד אידען, וועלכע האבען אין דערזעלבער צייט אויסגעוואנדערט נאך פאלעסטינא.

דיא געשיכטע פון רוסישע אידען אין אמעריקא דארף מען ערשט אנשרייבען, זיא איז אויך דער מיה ווערטה אנגעשריעבען, געלעזען און ערקלעהרט צו ווערן.

דאסזעלבע קען מען זאגען פון דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג אדער דיא אויסוואנדערונג נאך פאלעסטינא. אויך דיעזע

געשיכטע וועט אמאל בילדען א וויכטיגעס קאפיטעל אין דער גרויסער און לאנגער ליידענס־געשיכטע פון דעם אידישען פאלק.

---

9. אידען אין עסטערריך־אונגארן פון 1848 ביז 1890.

דיא אידען אין עסטערריך־אונגארן האבען ביז 1848 געהאט פיעל בעסער, וויא דיא אידען אין רוסלאנד. זיי האבען ווענינגסטענס ניט געוואוסט פון „פאמאניקעס״, פון קאנטאניסטען, פון אידישע קינדער פון 10 — 12 יאהר, וועלכע מען האט פערשיקט נאך סיביר און צוטהיילט צווישען דיא בויערן. דיא עסטערייכישע הערשער קייסער פראנץ דער ערשטער און קייסער פערדינאנד דער ערשטער, האבען צוואר ניט בעזאנדערס ליעב געהאט דיא אידען, אבער זיי האבען זיך ניט אזוי שטארק געזארגט פאר אידען, וויא קייסער ניקאלאי דער ערשטער. זיי האבען ניט געזוכט צו מאכען אידען פאר קריסטען, זיי האבען ניט געהאסט דעם אידען, זיי האבען איהם פעראכטעט.

קייסער פראנץ דער ערשטער איז געווען א רעאקציאנער, שטאלץ מיט זיין קייזערליכען טיטול, וועלכען ער האט בעקומען פון גאט אליין — אזוי ווענינגסטענס האט ער אליין געגלויבט. ער האט אבער פערשטאנען, אז אידען זיינען א ניצליכעס פאלק פאר זיינע לענדער און ער פלעגט זיי לאזען האנדלען און זיך בעשעפטיגען מיט אלערליי פראפעסיאנען, ער פלעגט אבער ניט וועלען זעהן צופיעל אידען אין זיין הויפטשטאדט — וויען, און א פרעמדער איד האט געמעגט בלייבען אין וויען נור דריי טעג און אויך אין דיעזער קורצער צייט פלעגט ער זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט פון פאליציי.

אין וויען האט זיך געפונען דיא גרעסטע בוכדרוקעריי פון אידישע ספרים, אבער זיא האט געהערט צו א קריסט און קייסער פראנץ'ס צענזור איז געווען פיעל שטרענגער פון דער צענזור פון קייסער ניקאל דעם ערשטען.

אידען האבען געמוזט געהן אין רעגירונגס־שולען, אבער זיי האבען זיך געקענט אויסקויפען דערפון. דער איד, וועלכער האט געקענט בעצאהלען 10 גולדען א יאהר איז בעפרייט געווארען פון שיקען זיינע

קינדער, אין דיא רעגיערונגס־שולע. אז אידען האבען אויסגענוצט דיעזע פריוויליגיום און פלעגען ניט שיקען זייערע קינדער אין דיא „שקאלעס״, איז קוים געטהיג צו זאגען. עס האבען זיך אבער אויך געפונען וועניגע אידען, וועלכע האבען יא געשיקט זייערע קינדער לערנען און דיעזע קינדער זיינען ווירקליך געווארען בעריהמטע געלערנטע: מעדיצינער, אדוואקאטען, פיזיקער, כעמיקער און אנדערע געלערנטע.

דער ווארימער, פרייער פרעהליכער ווינד פון מאזעס מענדעלזאהנ׳ס שולע האט געוועהט איבער עסטערייך און האט געמאכט בליהען דעם גארטען פון יודענטהום, פאליטיש אבער זיינען זיי געווען אונטערדריקט און רעכטלאז.

אין 1836 איז פערדינאנד דער ערשטער געווארען קייסער. ער איז געווען א שוואכער, קרענקליכער מענש, וועלכער האט זיך וועניג אפגעגעבען מיט דער רעגיערונג. געהערשט אין עסטערייך האט פירסט מעטערניך. ער האט שוין בעהאנדעלט דיא אידען פיעל מילדער. ער האט שוין ערלויבט אלע אידען אין וויען צו הייראטהען. אין קייזער פראנץ׳ס צייט פלעגען נור א געוויסע צאהל אידען אין וויען און פראג מעגען הייראטהען. ער האט אויך ערלויבט אידען צו קויפען לאנד, אבער זיי האבען געמוזט וואהנען אויף זייער לאנד און עס בעארבייטען. אין גאליציען האט מען געהייסען דיא אידען זיך אנטהאן דייטשע קליידער און מען האט געפאדערט, אז דער קרייז־ראבינער זאל האלטען אן עקזאמען אין אן אוניווערסיטעט.

דאס וויכטיגסטע פאר אידען אונטער קייסער פערדינאנד דעם ערשטען איז געווען, וואס מען האט אפגעשאפט דיא ערניעדריגענדע און בעליידיגענדע צערעמאניע ביי א שבועה פאר א אידען, דיא זאגענאנטע „מארע יודאיקא״. דאס איז געשעהן דען 18טען אויגוסט 1846. אידען האבען זיך געפרעהט, וויא אין שושן הבירה נאך המן׳ס מפלה. אין וויען האט צוואר א פרעמדער איד געמעגט וואהנען נור צוויי וואכען, אבער נאך דיא צוויי וואכען האט ער געקענט מעלדען זיין פאספארט אין דער פאליציי, ארויספאהרען פון דיא טויערן פון וויען און וויעדער אריינפאהרען, זיך מעלדען און וויעדער וואהנען צוויי וואכען.

אין מערץ 1848 האט אויסגעבראכען דיא רעוואלוציאן. דער ערשטער מארטירער פון דיעזער רעוואלוציאן איז געווען א אידישער סטודענט

היינריך שפיצער. ער האט געהאלטען א פייערדיגע רעדע געגען די רע־ גיערונג און האט געפאדערט גלייכע רעכטע פאר אלע איינוואהנער פון עסטעררייך. דער קאמאנדיר פון דער קייזערליכער וואך האט עס דער־ הערט און האט געהייסען א סאלדאט שיעסען אויף איהם. די קוגעל האט געטראפען היינריך שפיצער אין הארצען און ער איז געפאלען טויט.

די רעוואלוציאן האט דאך געזיגט. קייסער פערדינאנד האט זיך אפגעזאגט פון דעם עסטעררייכישען טראהן און פראנץ יאזעף איז גע־ ווארען קייסער. ער האט געגעבען עסטערייך א קאנסטיטוציאן און האט בערופען א פארלאמענט. אין דעם ערשטען עסטערייכישען פארלאמענט אין 1889 זיינען געוועהלט געווארען פינף אידען: אדאלף פישהאף און יוסף גאלדמארק פון וויען, אברהם האלפערן פון סטאניסלאוו, י. נ. מאנ־ היימער, דער פרעדיגער פון וויען, איז געוועהלט געווארען פון די אידען אין בראדי און בער מייזעלס פון קראקוי.

אידען האבען אויפגעאטהעמט פרייער. זיי האבען געגלויבט, אז יעצט וועלען זיי שוין האבען אלע בירגער־רעכטע. זייער פרייד האט אבער געדויערט א גאנץ קורצע צייט. די קאטוילישע גייסטליכע און דער אדעל האבען געצוואונגען דעם יונגען קייסער פראנץ יאזעף, ער זאל דערנייטערן אידען פון אלע עמטער און זאל בעשרענקען זייערע רעכטע. ווען א איד פלעגט קומען אין א פאסט־אמט און בעטען, מען זאל איהם געבען א שטעלע אלס שרייבער, פלעגט מען איהם ענטפערן, אז מען וועט איהם געבען א שטעלע, ווען ער וועט ברייגגען א שריפט פון דעם רב פון דער שטאדט, אז ער מעג שרייבען אום שבת.

אין פראג און אין פיעלע אנדערע שטעדט זיינען פארגעקומען פאגראמען, ניט אזוי ווילד און ניט אזוי בלוטיג וויא אין רוסלאנד אונטער אלעקסאנדער דעם דריטען, אבער טרויעריג גענוג פאר די רעגיערונג פון פראנץ יאזעף. די בירגער פון דער שטאדט לייבאך האבען געפאסט א בעשלוס, אז קיין איד זאל ניט פערשריעבען ווערן אלס בירגער פון דער שטאדט.

אין אונגארן איז עס געגאנגען די אידען נאך ערגער. אין דער צייט פון דער רעוואלוציאן, אין 1848 — 1849, ווען אונגארן איז ערקלערט געווארען אלס רעפובליק און לודוויג קאשוט אלס דער ערשטער פרעזי־ דענט פון דער נייער רעפובליק, האט מען אידען געגעבען אלע בירגער־

רעכטע. מיכאל האלפערן, וועלכער איז שפעטער אנטלאפען נאך אמעריקא און איז געשטארבען אין ניו־יארק אין 1894, איז געוועזען לודוויג קאשוט'ס פריוואט סעקרעטער. דיא רעוואלוציאן און דיא אונגארישע רעפובליק האבען אבער געדויערט ניט לאנג. קייסער ניקאלאי דער ערשטער האט געשיקט אן ארמעע נאך אונגארן און דיא רוסישע מיט דער עסטעררייכישער ארמעע האבען אונטערדריקט דיא רעוואלוציאן מיט פייער און בלוט. ווער עס האט נור געקענט, דער איז אנטלאפען פון אונגארן. ווער עס איז געבליעבען, דער האט געליטען פערפאלגונגען און אונטערדריקונגען, אידען האבען געליטען אם מייסטען.

אין 1851 האט קייסער פראנץ יאזעף צוריקגערופען דיא קאנסטיטוציאן פון עסטעררייך און מען האט אנגעהויבען צוריקצונעהמען און אנצואווענדען דיא אלטע, שטרענגע געזעצע געגען אידען. מען האט אנגעהויבען צו זאגען, אז אידען זיינען רעוואלוציאנערען און פיינד פון דער רעגירונג. מען האט אנגעהויבען אויסצושליסען אידען פון דיא שולען און אוניווערסיטעטען און אין דער שטאדט זאאץ, בעהמען, האט דער בירגערמייסטער זאנאר געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל ארויסטרייבען אלע אידען פון דער שטאדט אין א צייט פון צוויי וואכען.

דיא לאגע פון אידען אין עסטערייך־אונגארן אין 1855 איז געוועזען פיעל ערגער, וויא זייער לאגע אין רוסלאנד אין דערזעלבער צייט. דיא האנדעלס־אקאדעמיע אין וויען, וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון אידען און אויסגעהאלטען געווארען פון אידען, האט בעקומען א בעפעהל, זי זאל ניט אויפנעהמען אידען אלס סטודענטען.

א בעסערע צייט פאר אידען אין עסטעררייך־אונגארן האט זיך אנגעהויבען נאך דער ניעדערלאגע פון עסטעררייך לעבען סאלפערינא, ווען פראנקרייך און איטאליען האבען געפיהרט קריעג געגען עסטעררייך און קייזער פראנץ יאזעף אליין האט קאמאנדירט זיין ארמעע. ערשט יעצט האט מען געענדערט דיא אינגערע פאליטיק פון עסטעררייך.

אין 1860 האט מען געגעבען אידען מעהר רעכטע און ערשט אין 1867, ווען אונגארן האט ווידער געדראהעט מיט א רעוואלוציאן און קייסער פראנץ יאזעף איז געוועזען געצוואונגען צו ערקלעהרען אונגארן פאר א בעזונדערעס קעניגרייך, האבען דיא אידען אין עסטעררייך־אונגארן בעקומען פולע בירגער־רעכטע.

גאַנץ גלאַט איז עס אויך ניט אָפּגעלאָפען, די קאַטוילישע גייסטליכע האָבען אויפגעריצט דאָס פאָלק געגען אידען און עס זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף אידען אין טרעביטש און אין לעמבערג, אין טיראָל און אין אַנדערע זיד־פּראָווינצען האָט מען נאָך אימער באַשרענקט די רעכטע פון אידען, מען האָט זיי ניט ערלויבט צו קויפען לאַנד און מען האָט זיי אויסגעשלאָסען פון אַלע עמטער.

אויך אין ווין האָט דער אַנטיסעמיטיזמוס, דער יודענהאַס, זיך געלאָזט פיהלען און מען פיהלט איהם, ליידער, ביז אויף היינטיגען טאָג. די „וויענער קירכענצייטונג“ האָט געשאָטען שוועבעל און פעך אויף די ערשטע צוויי וויענער אידען, קוראַנדאַ און ווינטערשטיין, וועלכע זיינען געוועהלט געוואָרען אין רייכסראַטה (פּאַרלאַמענט) און ווען קייסער פראַנץ יאָזעף האָט געשענקט דעם וויענער ראָטהשילד דעם טיטול באַראָן און האָט איהם ערנאַנט אַלס מיטגליעד פון דעם העכערענהויז, האָט די „וויענער קירכענצייטונג“ געדרוקט אַ רייהע אַרטיקלען איבער אידען אַלס פּראָצענטניקעס און בלוטזויגער.

דער יודענהאַס האָט ניט אויפגעהערט אין עסטערייך. מען ברויכט ניט געגען אידען די ברוטאַלע מאַכט פון פּאָגראָמען, מען שטיקט זיי עקאָנאָמיש. מען קויפט ניט ביי זיי, מען וויל מיט זיי ניט האַנדלען און מען זוכט אָפּצורייסען פון זיי יעדען ערווערבסצווייג. עס איז דאַרום גאָר קיין וואונדער, וואָס זייט די אידען פון רוסלאַנד האָבען אָנגעהויבען אויסצוּוואַנדערן נאָך אַמעריקאַ, האָבען עסטערייכישע אידען זיי נאָכגעטהון און אויסגעוואַנדערט אין מאַסען נאָך אַמעריקאַ.

די עסטערייכישע אידען האָבען אַרויסגעגעבען פיעלע גרויסע און בעריהמטע מענער אין אַלע צווייגען פון מענשליכעס וויסען: בעריהמטע תלמוד׳יסטען, ווי רבּי צבי הירש חיות, רבּי שלמה קלוגער, רבּי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, מאַרקוס וואָלף עטטינגער און אַנדערע. אַלס דענקער און פאָרשער נחמן קראָכמאַל (1789 — 1840) שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (1790 — 1867) דער בעריהמטער דאָקטאָר און העברעאישער הומאָריסטישער שריפטשטעלער יצחק ערטער (געשטאָרבען 1851) שלמה בובער, אַ היסטאָרישער פאָרשער (1827 — 1904) יצחק הירש וויים, היסטאָריקער דוד קויפמאַן (1852 — 1899) אַדאָלף יעללעניק (1821 — 1894) ל. צייסעל, פּראָפעסאָר פון הויט־קראַנקהייטען אין דער וויענער אוניווערסיטעט. וואָלפגאַנג וועססעלי

פּראָפעסאָר פון קרימינאַל־געזעץ אין דער פּראַגער אוניווערסיטעט. דר. לודוויג אויגוסט פראַנקעל, רייזענדער, דיכטער און שריפטשטעלער און דעם גרויסען ציוניסטען־פיהרער טהעאָדאָר הערציל.

עס איז כּמעט אונמעגליך אויסצורעכענען אַלע גרויסע אידישע מע־נער פון עסטערריך־אונגאַרן פון דער נייעסטער צייט. יעדער האָט גע־ווירקט און געשאַפט אין זיין קרייז. יעדער האָט געטהאָן, וואָס ער האָט געקענט פאַר זיין פאָלק און דאָך איז די לאַגע פון אידען אין עסטער־רייך אַ רעכט טרויעריגע. קיין אויסזיכט און קיין האָפנונג אויף בעסערע צייטען.

פיעל בעסער איז די לאַגע פון די אידען אין אונגאַרן. דאָרט האָ־בען זיי אַלע בירגער־רעכטע און דער אַנטיסעמיטיזמוס איז דאָרט ניט אַזוי גיפטיג, ווי אין עסטערריך.

---

10. אידען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך

פון 1848 ביז 1900.

מען רופט דאָס יאָהר 1848 דאָס משוגע'נע יאָהר און דאָס איז אין אַ געוויסער בעציהונג גאַנץ ריכטיג. די פעלקער פון אייראָפּאַ זיינען משוגע געוואָרען און אָנגעהויבען צו פאָדערן פרייהייט און גלייכהייט. ווי אַ בינטעל פייערווערק, וועלכע צינדען זיך אָן איינער פון דעם אַנדערן און שיעסען, און קנאַקען, און טראַכען און שפּריצען פייערפונקען אין אַלע זייטען, אַזוי האָבען זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציאָנען אין 1848 און זיינען אַריבערגעשפּרונגען פון איין לאַנד צום אַנדערן און האָבען אין יעדען לאַנד געקנאַקט און געטראַכעט און געוואָרפען פייערפונקען איבער־ראַל. עס איז קוים געווען אַ לאַנד אין אייראָפּאַ, וואו מען האָט ניט געפיהלט דיעזע אונרוהע, דיעזע אונצופרידענהייט, דיעזען שגעון פון 1848.

די ערשטע באָמבע האָט געפּלאַצט אין פראַנקרייך. דאָס פאָלק איז ניט געווען צופרידען מיט קעניג לואי פיליפּ'ס רעגיערונג און דען 21טען פעברואַר 1848 האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן אין פּאַריז. די אַרמעע האָט שוואַך פערטהיידיגט דעם קעניג און דאָס פאָלק האָט גע־

זיענט. דען 24טען פעברואר איז קעניג לואי פיליפ אנטלאפען געווארען פון פראנקרייך און דאס פאלק האט ערקלעהרט פראנקרייך פאר א רעפובליק.

איידער מען האט געוועהלט א פרעזידענט פון דער פריש־געבאקענער רעפובליק, האט זיך געבילדעט א פראוויזארישע רעגיערונג און דער אידישער דעפוטאט יצחק משה אדער אדאלף קרעמיע איז ערנאנט געווארען אלס יוסטיץ־מיניסטער. קרעמיע איז געוועזן א פערזענליכער פריינד פון פרינץ לואי נאפאלעאן. ווי יעדער איד פון יענער צייט, האט ער ניט געקענט פערגעסען, וואס נאפאלעאן דער ערשטער, אדער דער גרויסער נאפאלעאן האט געטהאן פאר אידען אין אלע לענדער, וואו זיין איינפלוס האט געווירקט. נאפאלעאן דער ערשטער האט געהאט אידען אלס גענעראלען און פעלדמארשאלען אין זיין ארמעע, און וואו ער איז געקומען, האט ער געגעבען אידען גלייכע בירגער־רעכטע מיט די קריסטען. אדאלף קרעמיע האט דארום גאנץ ריכטיג גערעכענט, אז א פרינץ פון דער פאמיליע נאפאלעאן פאסט אם בעסטען אלס פרעזידענט פון דער צווייטער פראנצויזישער רעפובליק, און ער האט אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטעל, אז לואי נאפאלעאן זאל געוועהלט ווערן אלס פרעזידענט.

לואי נאפאלעאן איז געוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער צווייטער פראנצויזישער רעפובליק אם 10טען דעצעמבער 1848, אבער שוין אין מאי 1849 האט ער געוויעזען, אז ער איז ניט צופריעדען מיט דעם טיטול פרעזידענט. ער זוכט די קרוין פון זיין אנקעל, דעם גרויסען נאפאלעאן. ער האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו צוציהען צו זיך די קאטוילישע גייסטליכע און דאס האט געקרענקט דעם יוסטיץ־מיניסטער אדאלף קרעמיע. ער האט געוואוסט, אז רוים איז דער ערגסטער פיינד פון ירושלים. ווען דער קאטוילישער גייסטליכער וועט הערשען אין פראנקרייך, וועט דער איד זיין פעראכטעט און אונטערדריקט. קרעמיע האט איהם פערזענליך געווארנט, אבער עס האט ניט געהאלפען.

דעם צווייטען דעצעמבער 1851 האט לואי נאפאלעאן אויפגעלעזט דאס פראנצויזישע פארלאמענט און האט אראפגעזעצט פון זייערע עמטער אלע מיניסטארען. עס האט ווידער אויסגעבראכען א רעוואלוציאן.

אבער לואי נאפאלעאן האט זי אונטערדריקט מיט פייער און שווערד. ער האט ניט געשוינט זיין בעסטען פריינד אדאלף קרעמיעע. אויף א בעזונדערן בעפעהל פון לואי נאפאלעאן האט מען אדאלף קרעמיעע ארעס־טירט און אריינגעווארפען אין דעם געפענגניס פון מאזא מיט רויבער און מערדער. זעקס וואכען איז אדאלף קרעמיעע געזעסען פערשפארט אין געפענגניס. מען האט צו איהם ניט צוגעלאזען זאגאר זיין פרוי און זיינע קינדער.

אין 1852 איז לואי נאפאלעאן געווארען קייזער פון די פראנצוי־זען מיט דעם טיטול נאפאלעאן דער דריטער. ער האט געהייסען בע־פרייען אדאלף קרעמיעע און האט איהם זאגאר אנגעבאטען דאס פארט־פעל פון א מיניסטער. אדאלף קרעמיעע האט אבער מעהר ניט געוואלט וויסען פון נאפאלעאן דעם דריטען. ער האט איהם מעהר ניט געזעהן און האט מעהר ניט געוואלט איהם זעהן. ער איז צוואר אין 1859 ווידער ערוועהלט געווארען אין פארלאמענט, אבער יעצט איז ער גע־ווארען דער געגנער פון קייזער נאפאלעאן.

קייזער נאפאלעאן דער דריטער האט געהערשט אין פראנקרייך פון 1852 ביז 1870 אדער 18 יאהר, ער איז געוועזען א פריינד פון אידען. פיעלע אידען זיינען געוועזען מיניסטארען און רעגירונגס־בעאמטע אין דער צייט פון זיין רעגירונג ער האט געוואלט פערניכטען יעדע שפור פון יודענהאס און פון א גהעטא אין פאריז. ער האט געוואלט אפשאפען און פערניכטען יעדע אלטע ערינערונג פון אנטיסעמיטיזמוס אדער יודענפיינד־שאפט אין פראנקרייך און אין די לענדער, וועלכע פראנקרייך האט איינגענו־מען אין דער צייט פון זיין רעגירונג.

אדאלף קרעמיעע איז אבער געוועזען א שטרענגער רעפובליקאנער. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערצייהען לואי נאפאלעאן זיין קייזער־קראנע.

אדאלף קרעמיעע איז געוועזען דער ערשטער איד, וועלכער האט פערשטאנען די נויטהווענדיגקייט פון א פעראייניגונג פון אלע אידען פון אלע לענדער, וואו זיי וואהנען, און אין 1860 האט ער געגרינדעט די „אלליאנס איזראעליט אוניווערסעלל" אדער די „חברה כל ישראל חברים" איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע אידישע פעראייניגונגען, וועלכע האט געבראכט דעם גרעסטען נוצען פאר אידען אין אלע לענדער.

זאלאנג לואי נאפאלעאן איז געווען קייזער פון די פראנצויזען, האט אדאלף קרעמיע זיך אפגעגעבען אויסשליסליך מיט אידישע אנגעלעגענהייטען און מיט זיין גרויסער פראקסיס אלס אדוואקאט. ערשט אין 1870, ווען קייזער נאפאלעאן איז געפאנגען געווארען פון די דייטשען און פראנקרייך איז ווידער געווארען א רעפובליק — די דריטע רעפובליק, ווי זי הייסט אין דער געשיכטע פון פראנקרייך, איז אדאלף קרעמיע ווידער געווארען א מיטגליעד פון דער פראוויזארישער רעגירונג און שפעטער יוסטיץ-מיניסטער. דאס פראנצויזישע פאלק האט אנערקענט זיין פאטריאטיזמוס און זיין טהעטיגקייט צום וואהל און בעסטען פון פראנקרייך. אין 1876 איז ער פון דעם פראנצויזישען פארלאמענט געוועהלט געווארען אלס סענאטאר פון פראנקרייך אויף לעבען לאנג.

אדאלף קרעמיע איז געשטארבען דען 10טען פעברואר 1880.

די אידען אין פראנקרייך האבען ניט געקענט זיך בעקלאגען, ביז אין דער נייעסטער צייט, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די דרייפוס-געשיכטע, וועלכע איך וועל בעשרייבען אין א בעזונדערעם קאפיטעל.

גאנץ אנדערש האבען עס געהאט די אידען אין דייטשלאנד. כמעט דאס גאנצע 19טע יאהרהונדערט, פון די קריעג פון די דייטשע לענדער מיט נאפאלעאן דעם ערשטען אין 1806 ביז 1899 און ביז צום אנפאנג פון דעם 20סטען יאהרהונדערט, האבען די אידען אין דייטשלאנד געמוזט פיהרען א טרויעריגען, שווערען פערביטערטען קאמפף פאר זייערע מענשען-רעכטע, פאר זייערע בירגער-רעכטע, פאר זייער עהרע, פאר זייער נאמען איד.

דער בעריהמטער פראנצויזישער שריפטשטעלער און פובליציסט, אנאטאל לערוא-באליע, האט געזאגט אין דער צייט פון דעם דרייפוס-פראצעס:

„דער אנטיסעמיטיזם איז אימפארטירט פון דייטשלאנד. ער איז אימפארטירט, ריכטיגער נאך, אריינגעשמוגעלט געווארען, אין פראנקרייך. ער איז אימפארטירט געווארען אין וואנגאנלאדונגען אין עסטעררייך-אונגארן און ער איז אימפארטירט געווארען אין גאנצע אייזענבאהן-ציגע אין רוסלאנד. דייטשלאנד האט אויסגעבריהט דעם אנטיסעמיטיזם און האט איהם צושיקט און פערברייטעט אין אלע ציוויליזירטע לענדער“.

אין דער צייט פון די קריעג מיט קייסער נאפאלעאן דעם ערשטען

האבען אידען געקעספפט, געבלוטעט און געפאלען אויף דעם שלאכט־פעלד פאר זייער דייטשעס פאטערלאנד. מען האט עס געפיהלט, מען האט עס אנערקענט און פיעלע ערנסטע מענער האבען געפאדערט „די גלייכבערעכטיגונג דער אידען אין פרייסען“ אדער גלייכע בירגער־רעכטע פאר אידען און ניט אידען. קעניג פריעדריך ווילהעלם דער דריטער האט געמוזט נאכגעבען און ער האט פראבירט אפשאפען די זאנדער־געזעצע, אויסנאהם־געזעצע, פאר אידען. דאס איז איהם אבער ניט געלונגען, עס האבען זיך אויפגעהויבען שטימען געגען די אידען און מען האט אנגע־הויבען צופערקלאגען און צופערדאמען די אידען.

שוין אין 1819 האט אויסגעבראכען א שרעקליכער שטורם געגען די אידען. דען צווייטען אויגוסט 1819 האט מען אין דער אוניווערסיטעט פון ווירצבורג אויפגענומען א נייעם פראפעסאר מיט אלע עהרן און מיט אלע צערעמאניען, ווי מען פלעגט עס אמאל מאכען אין דייטשלאנד. די סטודענטען און די פראפעסארען האבען פערא־נשטאלטעט א פראצעסיאן, א מארש, צו דער אוניווערסיטעט. פלוצלונג האבען זיי דערזעהן אין זייער מיטע דעם אלטען פראפעסאר ברענדעל, וועלכער האט מיט איינינגע צייט צוריק אנגעשריבען א בוך, אין וועלכען ער האט בעוויעזען, אז אידען דארפען האבען גלייכע רעכטע מיט אלע בירגער פון דייטשלאנד. קוים האבען די סטודענטען דערזעהן דעם אלטען געלערנטען, האבען זיי ארויס־געלאזען א ווילדעס געשריי:

„העפ! העפ! יודע פערדעק!“

קויפלייטע, קליינע הענדלער און האנדווערקער האבען זיך פער־איינינט מיט די סטודענטען און האבען אנגעהויבען צו ברעכען די שויבען פון אידישע קראמען און פון אידישע הייזער. עס איז פארגעקומען א פאגראם, וועלכער איז געווען ניט פיעל ערגער, ווי די פאגראמען אין יעליסאוועטגראד, אדעסא און באלטא. מען האט געוואלט שלאגען דעם אלטען פראפעסאר ברענדעל, אבער ער איז אנטלאפען און איז שפעטער אויפגענומען געווארען אלס פראפעסאר אין דער אוניווערסיטעט פון ציריך, שווייץ.

דער אנטיסעמיטיזם האט אויסגעבראכען מיט זיין גאנצער ברוטא־לער מאכט. מען האט נאך דאמאלס ניט געברויכט דאס ווארט „אנטיסע־מיטיזם“, עס האט נור געהייסען „געגען די אידען“, עס איז נור געווען

אנאנדער שלייער פון דער אלטער יענטע. א שווארצער, טרויעריגער שלייער, און באלד האבען אנגעהויבען זיך צו שיטען בעליידיגונגען, שימפפעריען און זידלעריען אויף אידען, וועלכע האבען אפט געברויכט א שפראכע, וועלכע פאסט ניט פאר אנשטענדיגע מענשען.

די לאגע פון די אידען אין דייטשלאנד איז געווארען א הערצרייסענד־טרויעריגע, א פערצווייפעלט־העסליכע. אין צייטונגען, אין בראשורען, אין פלוג־שריפטען און זאגאר אויף דער ביהנע האט מען אנגעהויבען צו שיטען שוועבעל און פעך אויף אידען. עס איז גאר קיין וואונדער, וואס פיעלע דייטשע אידען האבען אנגענומען דאס קריסטענטהום. זיי האבען ניט געקענט זיך העלפען, זיי האבען ניט געקענט איבערטראגען די זידלעריען, די שימפפעריען, די שענדונגען און פעראכטונג פון זייערע מיטבירגער. די אידען, וועלכע זיינען געבליעבען געטריי דעם יודענטהום, האבען געזוכט אלערליי מיטעל, מיט וועלכע צו פערשעהנערן און צו פערפיינערן דאס יודענטהום און עס האט זיך אנגעהויבען די רעפארם־בעוועגונג, וועלכע האט געפאסט פעסטע ווארצלען אין דייטשלאנד, ענגלאנד און בעזאנדערס אין אמעריקא.

דאס האט אבער וועניג געהאלפען. די דייטשע גייסטליכע און די ווילדע פאטריאטען האבען געפאדערט, אז אידען זאלען זיך אין גאנצען אפזאגען פון זייערע צערעמאניאל־געזעצע, פון זייערע טראדיציאנען, פון זייער יודענטהום.

פראפעסאר ה. ע. ג. פאולוס האט אין 1830 אנגעשריעבען און פערעפענטליכט זיין בוך: „די אידישע נאציאנאל־אבזונדערונג”, וועלכעס האט געמאכט א טיעפען, שווערען איינדרוק.

אין 1834 האט פראפעסאר א. טה. הארטמאן פערעפענטליכט זיין יודענפיינדליכעס ווערק: „געגען די גלייכבערעכטיגונג דער יודען.” אין 1841 האט א הויכער בעאמטער פאן־טהיעלע פערעפענטליכט א בוך אונטער דעם טיטול: „די אידישע גוינער (שווינדלער און בעטריגער) אין דייטשלאנד.” א קורצע צייט שפעטער איז דערזעלבער פאן־טהיעלע געווארען מיניסטער דער אינגערן אנגעלעגענהייטען פון פרייסען און ווען גבריאל ריסער און אנדערע פראמינענטע דייטשע אידען האבען זיך געווענדעט צו איהם מיט א ביטע, אז אידען זאלען אויפגענומען ווערן אין די פרייסישע אוניווערסיטעטען און זיי זאלען האבען אלע רעכטע און

אלע עהרן וועלכע אן אוניווערסיטעט־בילדונג קען געבען, האט פאן־טהיעלע געענטפערט:

„דער יודע קען גאר ניט האבען א פאטערלאנד. זיין גלויבען און זיינע טראדיציאנען זיינען פיינדליך געגען יעדעס פאטערלאנד. ציון איז דאס איינציגע פאטערלאנד פון דעם אידען און מיר ווערען איהם ניט, ער זאל זיך פאהרען אין זיין פאטערלאנד.“

ווען מיר לעזען היינט מיניסטער פאן־טהיעלעס אנטוואורט, קען עס זיך אויסווייזען, אז דאס האט געזאגט דר. טהעאדאר הערצל. פאן־טהיעלע האט עס אבער אנדערש געמיינט. אין 1847 האט ער זאגאר אויסגע־ארבייטעט א געוויסען פלאן פאר די אידען אין פרייסען, און צוואר, אז מען זאל בעטראכטען די יודען אלס פרעמדע, אלס איינגעוואנדערטע, וועלכע זיינען קיינע בירגער און קענען גאר ניט פערלאנגען בירגער־רעכטע, ווי די ציגיינער קענען קיינע בירגער־רעכטע פערלאנגען.

קעניג פריעדריך ווילהעלם דער פיערטער האט געוואלט אננעהמען פאן־טהיעלעס פלאן, אבער ער האט געצעגערט, ווייל דייטשלאנד איז געווארען אונרוהיג און א יאהר שפעטער אין 1848, האט אויסגעבראכען די רעוואלוציאן.

עס איז קוים פערשטענדליך, קוים ערקלעהרליך, ווי די בעסטע און די גרעסטע מענער פון דייטשלאנד האבען דאמאלס געפיהלט און אויסגעדריקט א נאל־ביטערן יודענהאס. קארל שטרעקפוס, א ריכטער און א שטאאטסמאן, האט געשריעבען:

„די יודען זינד פרעמדלינגע אין דייטשלאנד און זיי וועלען עס בלייבען, זאלאנג זיי וועלען בלייבען יודען.“

ברונא בויער, איינער פון די גרעסטע טהעאלאגען פון דייטשלאנד און א העכסט ערנסטער מאן, האט געשריעבען אין א בראשורע אונטער דעם טיטול: „צור יודענפראגע.“

„זאלאנג די יודען האלטען זיך אן זייער לעהרע, אן זייער תלמוד און אן זייער אבגעשלאסענהייט און אבגעזונדערטהייט, קענען זיי ניט ווערן גוטע און געטרייע בירגער. זיי האבען זאגאר ניט דאס רעכט עס צו פארדערן, ווייל זיי האבען אויסנאהם־געזעצע און די רעגירונג דארף מאכען געגען זיי אויסנאהם־געזעצע.“

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, וואס פאר א ווארימען אנטהייל

די אידען פון דייטשלאנד האבען גענומען אין דער רעוואלוציאן פון 1848. עס האט אנגעהויבען צו וועהן א פרייער ווינד און מען האט איהם געפיהלט אין דייטשלאנד. אידען האבען געקעמפפט פאר זייערע רעכטע און די נייע קאנסטיטוציאן האט ערקלערט, אז אלע בירגער זיינען גלייך פאר דעם געזעץ.

ליידער, האט דיעזע ליבעראלע ריכטונג, דיעזער פרייער האוך, געדויערט ניט לאנג. די דייטשע רעגירונגען האבען שוין אין 1849 אנגעהויבען צוריקצונעהמען די פרייהייטען, רעכטע און פריווילעגיען, וועלכע זיי האבען געגעבען דעם פאלק אין 1848.

אהרן בערנשטיין, דער בעריהמטער פערפאסער פון די פאלקס־וויסענשאפטליכע ווערק, האט דאמאלס ארויסגעגעבען א צייטונג אין דער דייטשער שפראכע. אין 1849 האט ער אנגעשריעבען עטליכע שארפע ארטיקלען געגען די רעגירונג, וועלכע האלט ניט איהר ווארט געגען איהרע בירגער. מען האט קאנפיסצירט זיין צייטונג און מען האט איהם פעראורטהיילט אויף פיער מאנאטען געפענגניס, וועלכע ער איז אויך אפגעזעסען.

ביי אלל דעם האבען זיך די אידען אין דייטשלאנד געפיהלט פיעל בעסער. מען האט דאך געעפענט פאר זיי אלע אוניווערסיטעטען און העכערע שוהלען. מען האט שוין געקענט געפינען אידען אלס בעאמטע און אלס ריכטער. פיעלע אידען זיינען געוועהלט געווארען אין פארלאמענט און זיי האבען פערטהיידיגט די אידען מיט דער גאנצער מאכט פון זייער רעדנער־טאלאנט און פון זייער וויסען און קענען. אידען האבען אנגעהויבען צו האפען אויף בעסערע צייטען.

אין 1870, ווען עס האט אויסגעבראכען דער קריעג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, האבען אלע אידישע יונגעלייט זיך פערשריעבען אין די דייטשע ארמעע, האבען געקעמפפט פאר דייטשלאנד און פיעלע האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט אין דיעזען קריעג און האבען בעקומען דעם ראנג (טשין) פון קאפיטאן, מאיאר און זאגאר העכער. יעצט זיינען זיי געווען פעסט איבערצייגט, אז די פעראייניגונג פון דייטשלאנד וועט ענדליך ברענגען א פאלשטענדיגע פרייהייט און גלייכהייט פאר די אידען.

ווי ביטער האבען זיי זיך אבער געטוישט! דער זיעג איבער

פראנקרייך האט שטאלץ געמאכט די דייטשען און דער יודענהאס האט זיך צוברענט נאך דעם קריעג מיט אונהיימליך רויטע פלאמען. די קאטולישע צייטונג, די בעוואוסטע אנטיסעמיטישע „קרייץ-צייטונג", האט ערקלערט אין א סעריע ארטיקלען אז די יעזואיטען וואלטען געווען גאנץ גוטע און ניצליכע מענשען, ווען עס זאלען זיך ניט געפינען צווישען זיי אזויפיעל אידען. די אידען, וועלכע טויפען זיך און ווערן יעזואיטען, פערדארבען און פערפעסטען די קריסטליכע יעזואיטען.

די „קרייץ-צייטונג" האט געשריעבען דיעזע ארטיקלען אויס פאליטיק. די רעדאקטערע פון דיעזער צייטונג האבען געוואוסט, אז פירסט ביסמארק טראגט זיך ארום מיט א פלאן ארויסטרייבען די יעזואיטען פון דייטשלאנד און זיי האבען געוואלט פערטהיידיגען די גוטע, אונשולדיגע יעזואיטען. ווי אזוי אבער פערטהיידיגט מען אזעלכע שעדליכע, געפעהרליכע מענשען? — מען האט ארויפגעווארפען די שולד אויף די אידען. ווען ניט די יעזואיטען פון אידען, וואלטען די קריסטליכע יעזואיטען געווען די בעסטע מענשען אין דער וועלט.

דער שריפטשטעלער און פראפעסאר היינריך פאן טראטשקע האט געשריעבען פריי און אפען:

„די יודען זיינען דאס אונגליק פון דייטשלאנד".

אין 1872 האט פירסט ביסמארק געענדערט זיין פאליטיק. ביז דאמאלס האט ער זיך געשפיעלט אין ליבעראליזם ווי קינדער שפיעלען זיך אין פערדלעך, אין 1872 האט ער אראפגענומען די מאסקע פון זיין געזיכט און געוויעזען א גאנץ אנדער פיזיאנאמיע, דאס שטרענגע געזיכט פון א דעספאט. ער האט אנגעהויבען מיט אידען, ווייל די אידישע מיטגליעדער פון דעם דייטשען פארלאמענט זיינען געווען די הייסעסטע קעמפפער פון דעם ליבעראליזם, פון דעם פרינציפ פון פרייהייט און גלייכהייט. פירסט ביסמארק האט בעזאנדערס פיינד געהאט דעם גרויסען פערטהיידיגער פון אידען, עדוארד לאסקער.

מען קען זאגען, אז ביסמארק איז געווען דער פאטער פון מאדערנעם אנטיסעמיטיזם. ביז 1878 האט ביסמארק נאך מורא געהאט ארויסצוזאגען דאס נייע ווארט „אנטיסעמיטיזם". ער האט זיך נאך געשעהמט פאר דער וועלט. ערשט אין 1878, ווען עס איז בערופען געווארען דער קאנגרעס אין בערלין צו רעגולירען און צו שליעסען דעם פריעדען צווישען

רוסלאנד און דער טירקיי. ווען בערלין איז געוואָרען דער זאמעל־פּלאץ פון אלע גראָסמעכטע און ביסמארק האָט געהאַט דאָס גרויסע וואָרט, האָט ער זיך געפיהלט פאר שטארק גענוג ארויסצוטרעטען מיט זיין אנ־טיסעמיטיזם און שוין דעם 30טען יולי 1878 איז פארגעקומען א פאָגראָם אין נייסטעטין, פּרייסען.

באלד איז ארויסגעטרעטען דער האָף־פּרעדיגער אדאָלף שטעקער מיט זיין קריסטליכען סאָציאליזם און האָט אָנגעהויבען צו פּרעדיגען געגען אידען. „די יודען אין דייטשלאנד קענען געדולדעט ווערן נור אלס פער־קויפער פון אלטע הויזען“, האָט אדאָלף שטעקער געזאָגט אין א רעדע אין קעניגסבערג. א צווייטער גייסטליכער, אן אנפיהרער פון די קריסט־ליכע סאָציאליסטען האָט געזאָגט אין מינכען אין 1880: „ווען איהר ווילט העלפען און רעטען אונזער לאנדסמאן, דעם דייטשען בויער, מאכט א געזעץ, אז מען זאָל אויפהענגען יעדען האנדעלס־יודען“.

אין 1884 האָט ביסמארק דורכגעפיהרט א געזעץ, אז מען זאָל ארויסטרייבען פון פּרייסען אלע פרעמדע אידען. טויזענדע רוסישע אידען וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין קעניגסבערג, אין דאנציג און אין אלע אנדערע גרענעץ־שטעדט פון פּרייסען, האָבען געמוזט איבערלאָזען זייערע געשעפטען און אויסוואנדערן. דער גרעסטער טהייל פון זיי האָט אויס־געוואנדערט נאך אמעריקא.

אין דעמזעלבען יאָהר איז עדוארד לאסקער געשטאָרבען. דער קאָנ־גרעס אין וואשינגטאָן, אמעריקא, האָט געפונען פאר נעטהיג צו שיקען א טעלעגראמע צום פארלאמענט אין בערלין און אויסדריקען זייער מיט־געפיהל איבער דעם טויד פון דיעזען גרויסען מאן, וועלכער איז געווען בעקאנט אין אמעריקא, ווייל ער האָט בעזוכט איינינע מאל אמעריקא און האָט געזעהן, ווי דער קאָנגרעס פיהרט זיינע געשעפטען. פירסט ביסמארק האָט ניט געלאָזען, אז מען זאָל פארלעזען דיעזע טעלעגראם אין דער אָפענער זיצונג פון דעם פארלאמענט.

דער אנטיסעמיטיזמוס האָט זיך צוואקסען אין דייטשלאנד און האָט געבראכט די טרויעריגסטע פריכטע. קייזער ווילהעלם דער ערשטער איז פון דער נאטור געווען קיין יודענפיינד, אָבער ער איז געווען אלט און שוואך, און ער האָט געטהאָן אלעס, וואס פירסט ביסמארק האָט פערלאנגט.

ווען קייזער ווילהעלם דער צווייטער איז ארויף אויף דעם דייטשען טראהן אין 1889, האבען די אנטיסעמיטען זיך דערפרעהט. זיי האבען גערעכענט, אז דער יונגער קייזער, וועט זיין נור א שפיעלצייג אין די הענד פון פירסט ביסמארק, און אזוי איז עס אויך געווען א קורצע צייט. אין 1890 האט די אוניווערסיטעט פון האללע געוועהלט פראפעסאר יוליוס בערנשטיין, דעם זאהן פון אהרן בערנשטיין, אלס רעקטאר מאגניפיקוס, דאס איז זעהר א הויכער טיטול אין אן אוניווערסיטעט. ביסמארק האט איינגערעדט דעם יונגען קייזער, ער זאל ניט בעשטעטיגען אזא הויכען טיטול פאר א אידען, און קייזער ווילהעלם דער צווייטער האט אויך ניט בעשטעטיגט דעם טיטול פאר פראפעסאר בערנשטיין. באלד אבער האט דער יונגער קייזער ענטזאגט פירסט ביסמארק פון זיין אמט אלס ערשטער מיניסטער.

דערמיט אבער האט זיך דער אנטיסעמיטיזם ניט געענדיגט. אין 1892 האט די „קרייץ־צייטונג" געפאדערט, אז די דייטשע רעגיערונג זאל אויף איהר רעכענונג לאזען איבערזעצען דעם תלמוד, דעם שלחן ערוך און אלע אידישע געבעט־ביכער אויף דייטש, אום דאס דייטשע פאלק זאל וויסען, ווי אידען האבען פיינד דעם „גוי".

דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד איז נאך ניט גאנץ פערלאשען, עס ברענט נאך שטילערהייט אונטער דער אש, ער האט אבער פערלארען זיין פייער, זיין פלאם און מען קען ערווארטען, אז מיט דער צייט וועט ער אין גאנצען פערשווינדען.

---

11. אידען אין איטאליען און אין רומעניען

פון 1848 ביז 1900.

איטאליען איז דאס ערשטע לאנד, וואו מען האט איינגעשלאסען די אידען אין בעזונדערע גאסען — דאס גהעטטא. אידען האבען זיך בעזעצט אין איטאליען הונדערטע יאהרען, איידער יעזוס קריסטוס איז געבארען געווארען. מיר האבען די געשיכטע פון אידען אין איטאליען זייט 2075 יאהר. זעלטען אבער איז עס אידען געגאנגען גוט אין איטאליען.

זייט די פעלקער פון איטאליען האבען אנגענומען דאס קריסטענטהום און רוים איז געוואָרען די הויפטשטאדט פון דעם פאפסט, האט מען פער־פאלגט און אונטערדריקט די אידען מיט קוים־בעשרייבליכער אונמענש־ליכקייט.

די איטאליענישע אידען האבען אויפגעאטהעמט פרייער אין 1800, ווען נאפאלעאן דער ערשטער האט בעזיעגט די איטאליענישע פירסטען און האט געגרינדעט אן איטאליענישע רעפובליק און שפעטער דאס קעני־גרייך איטאליען. ליידער האט דיעזע פרייהייט אין איטאליען געדויערט ניט לאנג. אין 1812 האבען די פירסטען פון איטאליען ווידער אפגענו־מען זייערע לענדער און האבען ווידער איינגעפיהרט די ווילדעסטע טיראניי און דעם פינסטערסטען פאנאטיזמוס. דער פאפסט האט ווידער אפגענומען זיינע לענדער און האט געהערשט איבער זיי ווי א דעספאט.

אידען האבען צוואר געמעגט וואהנען אין רוים, אבער נור אין זייער געהעטטא, א זעהר ניעדעריגע, זומפיגע, אונגעזונדע געגענד לעבען דעם טייך טיבער. דאס געהעטטא איז געווען ארומגערינגעלט מיט א שטיינערנע מויער און מיט אייזערנע טויערן. ווען די זון פלעגט אויפ־געהן, פלעגען סאלדאטען פון דעם פאפסט'ס ארמעע עפענען די טויערן פון דער געהעטטא און אידען פלעגען מעגען ארויסגעהן אין די גאסען פון דער שטאדט. זיי האבען אבער געמוזט צוריקגעהן אין געהעטטא, ווען די זון פלעגט אונטערגעהן. פלעגט א איד זיך פערשפעטיגען און ניט קומען צו דער צייט, פלעגט מען איהם שלאגען, ארעסטירען און ער פלעגט צאהלען א געוויסע שטראף.

אויך אין אנדערע גרויסע שטעדט אין איטאליען האבען זיך גע־פונען געהעטטאס, וועלכע פלעגען צוואר ניט בעוואכט ווערן אזוי שטרענג, ווי אין רוים, אבער זיי זיינען דאך געווען געהעטטאס.

אביסעל בעסער זיינען אידען בעהאנדעלט געווארען אין דעם קעני־גרייך סארדיניען, א גרויסע אינזעל, וועלכע איז א טהייל פון איטאליען. אין 1848 האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן אין סארדיניען און קעניג וויקטאר עמנואל דער צווייטער האט געגעבען זיין פאלק א קאנסטיטוציאן. אידען האבען בעקומען גלייכע רעכטע מיט די איבעריגע בירגער אין 1852. קעניג וויקטאר עמנואל איז אבער געגאנגען ווייטער, ער האט אפגעשאפט די גייסטליכע־געריכטע. קיין גייסטליכער, זאגאר א קארדינאל,

האט ניט געקענט דיענען אלס ריכטער. ער האט אויך אפגעשאפט די הערשאפט פון די מאנאסטירען איבער די געגענדען, וואו זיי האבען זיך געפונען. אידען זיינען געווארען גאנץ פרייע און גלייכבערעכטיגטע בירגער אין דעם קעניגרייך סארדיניען. אין אנדערע לענדער פון איטאליען, בעזאנדערס אין די לענדער, וועלכע האבען געהערט צום פאפסט, האבען נאך אידען געליטען די זעלבע פערפאלגונגען און ערניעדערונגען, ווי פריהער.

די שטאדט באלאניא האט געהערט צום פאפסט. דען 23טען יוני 1858 אום 10 אוהר בייננאכט איז געקומען אן אפיציער מיט צעהן סאלדאטען פון דעם פאפסט ארמעע צו דעם אידען, יצחק מארטארא און האבען בייא איהם אוועקגענומען זיין זעקס־יעהריגען זוהן עדגאר. יצחק מארטארא האט גערעכענט, אז עס איז פארגעקומען עפעס א טעות. וואס קען מען האבען צו א זעקס־יעהריגעם קינד? — דעם אנדערן טאג איז ער געלאפען צום בישאף און האט געפאדערט זיין קינד, דער בישאף האט איהם ערקלעהרט, אז זיין קינד איז געטויפט. מיט דריי יאהר צוריק האט געדיענט ביי איהם א קריסטליכע פרוי מיט'ן נאמען אננא מאריזי. עדגאר איז קראנק געווארען און איהם צו רעטען זיין זעלע האט אננא מאריזי איהם אוועקגעטראגען צו א קאטוילישען גייסטליכען און האט איהם געטויפט. ער איז אלזא א קריסט און דער פאפסט פיאוס דער נייטער האט געהייסען איהם צונעהמען ביי זיין פאטער און איהם ברענגען נאך רוים, וואו ער וועט בעקומען א קריסטליכע ערציהונג.

יצחק מארטארא האט ניט געשוויגען, ער האט זיך געווענדעט צו די גרעסטע מענער פון יענער צייט, אידען און ניט אידען. אין אלע ציוויליזירטע לענדער האט מען פראטעסטירט געגען דיעזען קינדער־רויב. קייזער נאפאלעאן דער דריטער האט געשיקט א בריעף צום פאפסט, ער זאל ארויסגעבען דאס קינד. אדאלף קרעמיע און מאזעס מאנטעפיארע זיינען געפאהרען נאך רוים, אבער פאפסט פיאוס דער נייטער האט זאגאר ניט געוואלט זיי אויפנעהמען.

א יאהר שפעטער, אין 1859, איז אויסגעבראכען א קריעג צווישען סארדיניען און עסטעררייך. קייזער נאפאלעאן דער דריטער האט געשיקט אן ארמעע צו העלפען סארדיניען און ער האט געזיעגט. סארדיניען האט בעקומען איינינע לענדער אין איטאליען און אויך די שטאדט באלאניא.

יעצט האט יצחק מארטארא זיך געווענדעט צו קעניג וויקטאר עמנואל דעם צווייטען. לײדער, אויך דאס האט ניט געהאלפען. דער פאפסט איז געוועזן הערשער אין זיינע לענדער און קיינער האט ניט געקענט איהם צווינגען ארויסצוגעבען דאס גערויבטע קינד.

אין 1860 האט גאריבאלדי צוואר אפגענומען רוים און האט געוואלט ארויסטרייבען דעם פאפסט מיט אלע זיינע היילינע פון רוים, אבער עס איז איהם ניט געלונגען. אין 1861 אבער האט מען אין גאנצען אפגעשאפט דעם טיטול פון קעניגרייך סארדיניען און קעניג וויקטאר עמנואל איז ערקלעהרט געווארען אלס קעניג פון גאנץ איטאליען, לײדער, אויסער די שטאדט רוים מיט דער געגענד ארום און אויסער די אלטע אידישע שטאדט ווענעציא. אין דיעזע צוויי שטעדט, ריכטיגער נאך, אין דיעזע צוויי פראווינצען, האט נאך געהערשט פאנאטיזמוס און טיראניי. ווענעציא האט צוואר געהערט צו עסטעררייך, אבער די הערשער פון עסטעררייך האבען ניט געקענט פערציהען די אידען פאר זייער שווערע זינד, וואס זיי האבען געקעמפפט פאר פרייהייט אונטער גאריבאלדי.

ערשט אין 1866, ווען עסטעררייך האט געליטען א ניעדערלאגע אין דעם קריעג מיט פרייסען, האט קעניג וויקטאר עמנואל אפגענומען ווענעציא און האט געגעבען די אידען פולע בירגער־רעכטע.

אין 1870, ווען קייזער נאפאלעאן דער דריטער איז געפאלען אלס געפאנגענער אין די הענד פון די דייטשען, האט קעניג וויקטאר עמנואל דער צווייטער אפגענומען רוים און האט זי ערקלעהרט אלס די הויפט־שטאדט פון איטאליען. ער האט געהייסען צערשטערן די שטיינערנע מויערן פון דער גהעטטא און האט ערלויבט אידען וואהנען אין דער גאנצער שטאדט.

מען קען אלזא רעכענען, אז ערשט זייט 1870 האבען אלע איטאליענישע אידען בעקומען פאלשטענדיגע בירגער־רעכטע און אידען האבען זיך אויך אויסגעצייכענט אין אלע צווייגען פון וויסען און קענען. גענעראל אנטהאלאנגי איז געוועזן א טיכטיגער גענעראל און קריעגס־מיניסטער אונטער קעניג אומבערטא דער ערשטער. לואידשי לוצאטי איז געוועזן עטליכע מאל פינאנס־מיניסטער. טשעזארע לאמבראזא איז געוועזן א וועלט־בעריהמטער געלערנטער. פיעלע אידען זיינען יעצט מיניסטארען, הויכע בעאמטע, פראפעסארען און גובערנאטארען פון פראווינצען.

אין דער לעצטער צייט איז דער בירגערמייסטער (גאראדסקאי גאלאווא) פון רוים א איד מיט'ן נאמען ערנעסטא נאטהאן.

איטאליען איז יעצט א פרייעס לאנד. ווי ווילד און ווי שרעקליך עס איז געווען דער האס און די פעראכטונג געגען אידען מיט הונדערט יאהר צוריק, אזוי פריי און אזוי געשעצט און געאכטעט איז דער איד אין דער נייעסטער צייט. אין איטאליען האט מען ניט געוואוסט פון דעם דייטשען אנטיסעמיטיזם פון 1871 און מען וועט דערפון קיין מאל ניט וויסען.

אלס קאנטראסט, אלס דער געגענזאץ פון איטאליען איז דאס איצטיגע קעניגרייך רומעניען. ביז 1859 זיינען עס געווען צוויי פירסטענטהימער, מאלדאוויא און וואללאכיא, וועלכע זיינען געשטאנען אונטער דעם שוץ פון דער טירקיי. יעדעס פירסטענטהום האט געהאט אן אייגענעם האספאדאר אדער פירסט, וועלכער פלעגט געוועהלט ווערן פון די באיארען (פריצים) אבער ער האט געמוזט בעשטעטיגט ווערן פון דעם טירקישען סולטאן. אידען האבען זיך בעזעצט אין דיעזע פירסטענטהימער, זייט דיעזע לענדער האבען געהערט צו רוים. אין שפעטערע צייטען האבען פיעלע אידען פון גאליציען, פון בוקאווינא און זאגאר פון רוסלאנד זיך בעזעצט אין דער מאלדאוויא און וואללאכיא.

אין 1859 האבען זיך ביידע פירסטענטהימער פעראייניגט און האבען געוועהלט פירסט אלעקסאנדער יאן קוזא אלס זייער פירסט. אלעקסאנדער יאן קוזא איז געווען א ליבעראלער מאן, ער האט אין 1862 אפגעשאפט די פאנשטשינא אדער אז די בויערן זיינען שקלאפען פון די באיארען און ער האט געוואלט איינפיהרען א קאנסטיטוציאן, ווי אין פראנקרייך און אז דאס פאלק זאל וועהלען זיין פירסט, ניט די באיארען. די פערטרעטער פון דעם פאלק זאלען מאכען געזעצע, ניט די רייכע, די איינגענטהימער פון גרויסע שטרעקען לאנד. אום זיך צופערשאפען א מאכט, האט ער געמוזט בילדען אן ארמעע און דערצו האט איהם אויסגעפעהלט געלד. ער האט זיך געווענדעט צו די אידען און צו די ארמעניער, די האנדעלס־לייט פון רומעניען, און האט פערלאנגט פון זיי 40,000 גאלבאני (אונגעפעהר 180,000 רובל) די ארמעניער האבען איינגעווילגט צו געבען זייער טהייל, די אידען האבען אנגעהויבען צו טראכטען און צו קלעהרן, וואו מען זאל געהמען דאס געלד. אונטערדעסען האבען די באיארען

אויך ניט געשוויעגען. דען 23טען פעברואר 1866 האבען זיי געצוואונגען פירסט אלעקסאנדער יאן קוזא ער זאל רעזיגנירען און זיי האבען איהם מיט זיין פרוי ארויסגעשיקט פון רומעניען.

דען 20טען אפריל 1866 האבען זיי געוועהלט פרינץ קארל פאן האהענצאללערן, די פאמיליע פון די פרייסישע קעניגע אלס זייער פירסט.

אין יוני 1866 איז פרינץ קארל געקומען נאך רומעניען און דאס ערשטע, וואס ער האט געזעהן אין זיין נייער הויפטשטאדט, בוקארעסט, איז געוועזען א פאגראם אויף אידען. די גרויסע און שעהנע שוהל אין בוקארעסט איז האלב צערשטערט געווארען. מען האט ארויסגענומען די ספרי־תורות, זיי צוריסען און געשענדעט. פיעלע אידען זיינען פערוואונ־דעט, פערקריפעלט און בערויבט געווארען. דער יונגער פרינץ האט נאר נישט געקענט העלפען. ער איז געוועזען יונג, אונערפאהרען, א שפיעל־באלל אין די הענד פון די באיארען.

פירסט אלעקסאנדער יאן קוזא האט אויסגעארבייטעט א קאנסטי־טוציאן, דער זעקסטער פונקט פון וועלכען האט געלויטעט: „רעליגיאן קען ניט בעטראכט ווערען אלס א הינדערניס צו ווערען א בירגער אין רומעניען“. דיעזען פונקט האט מען איבערגעדרעהט אזוי: „נור פרעמדע פון דעם קריסטליכען גלויבען קענען בעקומען אין רומעניען דאס בירגער־רעכט“.

די אידען פון רומעניען האבען פראטעסטירט, דאס האט זיי אבער ווייניג געהאלפען. מען האט באלד ערקלערט אלע רומענישע אידען אלס פרעמדע, אלס אויסלענדער, און מען האט אנגעהויבען צו בעשרענקען זייערע רעכטע.

אלס ערשטער מיניסטער פון רומעניען איז געווארען יאהאן בראט־יאנו, וועלכער האט אויסגעזוכט אין די ארכיווען אלע אלטע געזעצע נעגען אידען און האט זיי דורכגעפיהרט מיט אלע מעגליכע שטרענגע מיטלען און ברוטאליטעט. מען האט אנגעהויבען צו טרייבען אידען פון די דערפער. מען האט געכאפט אידען אין די שטעדט אהן פאספארטען און זיי ארויסגעשיקט פון רומעניען. אין גאלאץ האט מען עטליכע טיר־קישע אידען, וועלכע האבען קיין פאספארטען געהאט אריינגעטריעבען אין די דאנוי און זיי געלאזען דערטרונקען ווערן.

אדאלף קרעמיע און מאזעס מאנטעפיארע זיינען געקומען נאך

רומעניען מיט בריעף און רעקאמענדאציאנען פון קייזער נאפאלעאן און פון דער קעניגין וויקטאריא און האבען זיך אנגענומען פאר אידען. מען האט זיי אויפגענומען רעכט פריינדליך און מען האט זיי צוגעזאגט, אז מען וועט בעהאנדלען די אידען פיעל בעסער, אבער קוים זיינען זיי אוועקגעפאהרען, האט מען ארויסגעגעבען נייע ווילדע, אונמענשליכע בע־פעהלע געגען אידען.

אין 1869 האט מען ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אין דער שטאדט, וואו א רומענישער האט אן אפטייק, טאר א איד ניט עפענען אן אפטייק, זאנאר א איד, וועלכער האט זיין דיפלאם אויף אפטייקער פון רומעניען. מען האט פערבאטען אידען צו האנדלען מיט טאבאק, מיט שנאפס און מיט וויין.

אין דעם קריעג געגען דער טירקיי 1876 — 1877 האבען 833 אידען געדיענט אין דער רומענישער ארמעע און פיעלע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער מוטה און טאפפערקייט. אין 1878 אויף דעם קאנגרעס אין בערלין, וועלכער איז בערופען געווארען אום צו שליעסען פריעדען מיט דער טירקיי און צו רעגולירען די פאליטישע לאגע אין די לענדער ביי דעם טייך דאנוי, האט לארד ביקאנספיעלד געפאדערט און עס אויך דורכגעפיהרט, אז רומעניען זאל זיין א פרייעס, זעלבסטשטענדיגעס קעניגרייך מיט דער בעדינגונג, אז אידען זאלען דארט האבען פולע בירגער־רעכטע. די רומענישע דיפלאמאטען האבען אנגענומען דיעזע בעדינגונג און זי איז בעשטעטיגט געווארען פון די גרויסמעכטע. קוים אבער איז מען זיך צופאהרען פון קאנגרעס, האט מען אנגעהויבען צו אונטערדריקען די אידען אין רומעניען פיעל ערגער ווי פריהער.

מען האט צוגענומען ביי אידען דאס רעכט צו לערנען און זיך צו בילדען. די רעגיערונג האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אין אלע פאלקס־שוהלען און אין אלע רעגיערונגס־שוהלען זאל מען אויפנעהמען צוערשט קריסטען, ווען עס וועט בלייבען געגוג פלאץ, זאל מען אויפ־נעהמען אויך אידען. די פאלגע דערפון איז געווען, וואס מען האט קיין אידען ניט אויפגענומען אין א שוהלע אויס מאנגעל אין פלאץ.

אום צו ווערן א רומענישער בירגער, האט מען געמוזט האבען א בעוויליגונג און בעשטעטיגונג פון פארלאמענט.

ווען א איד, וועלכער איז קיין רומענישער בירגער, האט געוואלט

אַוועקפֿאָהרען פֿון איין שטאָדט אין די אַנדערע, האָט ער געמוזט האָבען אַן ערלויבניס פֿון דער רעגיערונג. אידישע דאָקטוירים, אידישע אַדוואָקאַטען און אידישע אַפּטייקער, וועלכע זיינען קיינע רומענישע בירגער, האָבען קיין רעכט צו פּראַקטיצירען אין רומעניען.

דער אידישער געלעהרטער דר. גאַסטער, רב פֿון דער פּאָרטוגעזישער געמיינדע אין בוקאַרעסט און דר. שוואַרצפעלד, ראַבינער אין יאַססי האָבען פּראָטעסטירט געגען דיעזע אונמענשליכע געזעצע. אין 1881 האָט די רעגיערונג זיי אַרויסגעטריעבען פֿון רומעניען, ווייל זיי זיינען קיינע רומענישע בירגער. אין דעמזעלבען יאהר האָט מען אַרויסגעטריעבען פֿיעלע אידישע ראַבינער, זשורנאַליסטען, קינסטלער און געלעהרטע נור דאַרום, ווייל זיי זיינען קיינע רומענישע בירגער.

די אידען פֿון רומעניען האָבען אָנגעהויבען אויסצוואַנדערן, דער גרויסער שטראָם האָט זיך אויסגעגאָסען נאָך אַמעריקא, אַ קליינער שטראָם האָט זיך געריכטעט נאָך פּאַלעסטינא.

די לאַגע פֿון אידען אין רומעניען האָט זיך זייט דאַמאָלס ווענינג געענדערט. ווי עס ווייזט אויס, איז קעניג קאַרל אויך געגען אידען, און עס איז שווער צו ערוואַרטען פֿאַר אידען בעסערע צייטען אין רומעניען.

12. טהעאָדאָר הערצל און דער פּאָליטישער ציוניזם.

די פּאָגראָמען, פֿערפֿאָלגונגען, ערניעדערונגען, בעליידיגונגען און פֿעראַכטונג, וועלכע אידען האָבען געליטען אין דעם לעצטען פֿיערטעל פֿון דעם 19טען יאָהרהונדערט, האָט אַרויסגערופֿען ביי זיי אַ זאָנדערבאַרעם נאַציאָנאַל־געפֿיהל, אַ געפֿיהל פֿון אייגענע ווירדע, אַ געפֿיהל פֿון זעלבסט־הילף, אַ געפֿיהל פֿון פֿעראייניגונג, אַ געפֿיהל פֿון שטרעבען און פֿערלאַנגען זעלבסטשטענדיגקייט.

אידען האָבען געליטען ערגערע, שרעקליכערע פֿערפֿאָלגונגען און אונטערדריקונגען אין פֿערשיעדענע צייטען. אין די צייטען פֿון די קרייצציגע אין דעם 11טען, 12טען און 13טען יאָהרהונדערט. אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרייך און שפּאַניען אין דעם 13טען, 14טען און 15טען יאָהרהונדערט. אין די סלאַווישע לענדער אין דעם 14טען און 18טען יאָהרהונדערט, אין

חמיעלניצקים און גאנטא'ס צייטען. זיי האבען געליטען און געשוויעגען. זיי האבען געליטען און עס אנגענומען זייערע ליידען און שמערצען אלס שטראפע פון גאט פאר זייערע זינד און פאר די זינד פון זייערע עלטערן. זיי האבען געליטען און האבען זיך מעהר איינגעשלאסען אין זייער מאטעריעלעם געהעטטא מיט זיינע שטיינערנע מויערן און אייזערנע טויערן, און אין זייער גייסטיגעם געהעטטא: שטודירען די גמרא, זיך פערטיעפען אין די סודות פון דעם זוהר און האפען אויף אונמעגליכע וואונדער.

„מיר זיינען אין גלות, מיר קענען זיך ניט העלפען, מיר מוזען ערווארטען א וואונדער פון גאט, א משיח, אן ערלעזער, וועלכער זאל אראפקומען פון די וואלקען", איז געווען דאס מאטטא, דער פעסטער גלויבען פון דעם אידען. ער האט געלעבט אין זיין וועלט פון פאנטאזיע און האפנונג און איז געווען גליקליך, ווי דער ווארים אין חריין. עס איז ביטער, עס איז פינסטער, אבער עס קען אנדערש ניט זיין און „גם זו לטובה".

מאזעס מענדעלסזאהן מיט זיין שוהלע פון איין זייט האט אויפגעטרייסעלט, אויפגעוועקט דעם שלעפער און טרוימער און האט געזאגט צו איהם: „מיט שלאפען און טרוימען און ווארטען און האפען וועסט דו גאר ניט מאכען. געה ארויס פון דיין גייסטיגעם געהעטטא, זעה, ווי אנדערע פעלקער לעבען און לעב ווי זיי. לערן, פארש, שטודיר, ווייז ארויס דיינע פעהיגקייטען אין אנדערע צווייגען פון וויסען און קענען, און די פעלקער וועלען דיך אכטען און רעספעקטירען".

אידען האבען געהערט דיעזען אויפרוף און האבען איהם אויך געפאלגט. די השכלה אדער די אויפקלעהרונג האט זיך פערברייטעט און האט אויפגעוועקט די טרוימער פון דער ליטא, די שלעפער פון גאליציען און די חסידים פון פוילען.

פון דער אנדערער זייט האט אנגעהויבען צו וועהען א ווארימער ווינד פון פראנקרייך, וועלכער האט אויפגעוועקט אלע פעלקער און האט זיי אויפגעמונטערט, אויפגעקלעהרט און געלערנט צו פארדערן זייערע מענשען־רעכטע. די פראנצויזישע רעוואלוציאן, די קריעג וועלכע נאפאלעאן דער ערשטער האט געפיהרט און די בעפרייאונג פון אמעריקא פון דעם ענגלישען און שפאנישען יאך, האבען אויפגעוועקט אלע פעלקער און זיי געלערנט צו פארדערן פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט! איז נעווען דאס מאטטא, דאס שטרעבען און דאס האפען פון די אייראפעאישע פעלקער אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19טען יאהרהונדערט, פון דער רעוואלוציאן פון 1848, פון דעם „משוגענעם יאהר", האבען זיך די געפיהלע, אנשויאונגען, שטרעבונגען און האפנונגען פון די ציווילזירטע פעלקער מיט אמאל געענדערט, אויסגעדרעהט, גענומען א גאנץ אנדערע ריכטונגען, אריינגעפאהרען אין א זייטען־וועג, אויף אן ענגען, שמאלען פערדרעהטען און פערקרימטען וואלד־וועג — נאציאנאליזמוס. אלע, וועלכע געהערען צו איין נאציאנאליטעט, זאלען זיך פעראייניגען. אלע, וועלכע רעדען איין שפראכע, אלע, וועלכע האבען דיעזעלבע טראדיציאנען, זאלען זיך געבען די הענד און זאלען אוועקשטויסען, דערווייטערן פון זיך, יעדען פרעמדען, יעדען וועלכער פיהלט ניט ווי זיי און דענקט ניט ווי זיי.

די איטאליענישע פעלקער האבען זיך פעראייניגט אין 1862. די דייטשען האבען זיך פעראייניגט אין 1870. די באלקאן־פעלקער האבען זיך פעראייניגט אין 1876. נור דאס אידישע פאלק איז געבליעבען אליין, אבגעזונדערט, אויסגעשלאסען, פערהאסט אלס פרעמדע, פעראכטעט אלס אנדערש־גלויביגע. דער וויסענשאפטליכער, איבערלעגטער, גוט־בערעכענטער אנטיסעמיטיזם האט זיך צוברענט, ווי א וואלד־פייער, און האט געטראפען אידען אין אלע לענדער און צווישען אלע פעלקער. קיין מאל אין זייער לאנגער ליידענס־געשיכטע פון טויזענדער יאהרען, האבען אידען ניט געפיהלט אזוי שטארק די הערצרייסענד־קלאגע פון דעם נביא „שה פזורה, ישראל". ישראל איז א צוזעעטע און צושפרייטע הערדע (סטאדא), ווער עס וויל נור, ווער עס קען נור, דער רויבט, מארדעט, שטיקט און דריקט דיעזע אונגליקליכע, הערצלאזע הערדע.

ניטוויל̈ענדיג האט זיך אויך ביי אידען אויפגעכאפט דיעזער נאציאנאל־געפיהל. ניטווילענדיג האט זיך ביי דעם ציוויליזירטען, אויפגעקלעהרטען, פיהלענדען און דענקענדען אידען ארויסגערופען דאס הערצענסגעשריי: „אויך מיר זיינען א פאלק! אויך מיר האבען א לאנד! אונזער לאנד איז ציון!

עס האבען זיך געגרינדעט אין אלע גרויסע שטעדט חברות מיטן נאמען „חובבי ציון", פעראייניגען מיט דעם נאמען „בילו", דאס הייסט, בית יעקב, לכו ונלכה, לאמיר געהן, לאמיר אויסוואנדערן צוריק א היים,

צוריק נאך אונזער אלטער פאטערלאנד. די רומעניער זיינען געווארען א פאלק, די סערבען זיינען געווארען א פאלק, די בולגארען זיינען געווארען א פאלק, נור מיר, דאס עלטסטע פאלק פון דער וועלטגעשיכטע, זיינען צוזעעט און צושפרייט, פערפאלגט און פעראכטעט, ווייל מיר האבען פערלארען אונזער נאציאנאל־געפיהל.

עס האט אבער געפעהלט דער אנפיהרער, דער וועג־ווייזער, דער מאן, וועלכער זאל אויסדריקען דיעזעס געפיהל אין א פאסענדער, אייראפעאיש־פאליטישער פארם, און דיעזער מאן האט זיך ענדליך געפונען, זיין נאמען איז געוועזען טעאדאר הערצל.

טהעאדאר הערצל איז געבארען געווארען אין בודאפעסט, אונגארן, דען 2טען מאי 1860. זיינע עלטערן האבען זיך א קורצע צייט שפעטער בעזעצט אין וויען און האבען איהם געגעבען א גוטע וועלטליכע ערציהונג. ער האט ניט געלערנט אין אידישע שוהלען זיינע עלטערן האבען געוואלט, ער זאל שטודירען יורי און האבען איהם געלאזען לערנען אין א גימנאזיום און שפעטער אין דער אוניווערסיטעט פון וויען. ער האט אויסשטודירט אויף אדוואקאט, ער האט זיך אבער ווייניג בעשעפטיגט מיט דער אדוואקאטען־פראקסיס. ער האט זיך מעהר בעשעפטיגט מיט ליטעראטור און האט אנגעהויבען צו שרייבען פאר דייטשע צייטונגען. אנפאנגס איז ער געוועזען דער פעליעטאן־שרייבער פון „די וויענער נייע פרייע פרעססע".

אלס סטודענט, אלס אדוואקאט און אלס צייטונגס־מאן, האט ער אם טיעפסטען געפיהלט די בעליידיגונגען, פעראכטונג און קרענקונגען פון עסטערייכישען אנטיסעמיטיזם. אויף שריט און טריט האט מען איהם געקרענקט און בעליידיגט נור דארום, ווייל ער איז געוועזען א איד. אלס צייטונגס־מאן האט ער אם בעסטען פערשטאנען די נאציאנאליסטישע בעוועגונג ביי די פעלקער פון עסטעררייך־אונגארן. ער האט געזעהן, ווי יעדעס פאלק בעזונדער שטרעבט זיך צו פעראייניגען און צו פערשטארקען זיין נאציאנאל־געפיהל, נור אידען בלייבען א שה פזורה. די געבילדעטע אידען אסימילירען זיך מיט די אנדערע פעלקער און ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט רייסען זיי זיך אפ פון זייער פאלק. די ארטהאדאקסישע אידען דאגעגען ציהען זיך צוריק אין זייער גייסטיגעס נהעטטא, ליידען שטילערהייט און האפען אויף א משיח, וועלכער

זאל אראפקומען פון די וואלקען. ניטווילענדיג האט ער זיך אליין גע־פרעגט, פאר וואס זאלען אידען אויך ניט שטרעבען זיך צו פעראייניגען און ארויסצואווייזען זייער נאציאנאליטעט?

ער האט געוואוסט פון די חובבי ציון פעראייניגונגען אין רוסלאנד און רומעניען, ער האט אבער אויך גאנץ גוט פערשטאנען, אז „איינער איז ניט קיינער" און א חובבי ציון פעראיין קען ביים בעסטען ווילען אויפטהון זעהר ווייניג. מיט אוועקשיקען עטליכע פאמיליען נאך פאלעס־טינא וועט דאס גאנצע אידישע פאלק ווייניג געהאלפען ווערען.

אין זומער 1895 איז הערצל געווען אין פאריז. דער דרייפוס פראָצ־עס האט דאמאלס אויפגעקאכט די ציוויליזירטע וועלט און די פראנ־צויזישע אנטיסעמיטישע צייטונגען האבען געשאטען שוועבעל און פעך אויף אלע אידען אין אלע לענדער.

טהעאדאר הערצל האט דאן אנגעשריבען זיין בוך „דער יודענ־שטאאט", אין וועלכען ער האט אויסגעארבייטעט זיין פראגראם, ווי אזוי די אידען פון אלע לענדער קענען זיך פעראייניגען אז בעקומען א פא־ליטישע זעלבסטשטענדיגקייט אין פאלעסטינא.

אנשרייבען א בוך און עס פערברייטען אין דער וועלט איז אבער נאך ניט גענוג. מען מוז אויך צונויפרופען די אידען און זיי ערקלעהרען דעם פלאן און זיי אויפפאָדערן, זיי זאלען מיטהעלפען, מיטווירקען ארויס־צורופען ביים אידישען פאלק דאס נאציאנאל־געפיהל. טהעאדאר הערצל האט דארום בעשלאסען צו בערופען א קאנגרעס פון פארשטעהער פון דעם אידישען פאלק. זיין ערשטע אידעע איז געווען צו בערופען א קאנ־גרעס אין מינכען, בייערן, אין 1896. ווען ער האט פארגעלעגט זיין פלאן פאר די אידען פון מינכען, האבען זיי געפונען, אז דאס קען נאך מעהר אויפרייצען די דייטשע אנטיסעמיטען. זיי וועלען זאגען: „מיר האבען עס שטענדיג געזאגט, אז אידען זיינען פרעמדע אין דייטשלאנד, זייער פאטערלאנד איז ציון".

טהעאדאר הערצל האט דארום בערופען זיין ערשטען קאנגרעס אין באזעל, שווייץ. דער קאנגרעס האט שטאטגעפונען אם 29טען, 30טען און 31טען אויגוסט 1897 אין באזעל. דער פארזיצענדער פון דיעזען קאנגרעס איז געווען דאקטאר קארפעל ליפע פון יאסי, רומעניען. אויף דיעזען קאנגרעס האט מען אויסגעארבייטעט דאס זאגענאנטע „באזעלער פראגראם"

אָדער דעם פּאָליטישען ציוניזמוס. „דער ציוניזם שטרעבט צו גרינדען פאר אידען א רעכטליך־געזעצליכע היימאטה אין פאלעסטינא". טהעאָדאר הערצל איז איינשטימיג געוועהלט געוואָרען אלס פּרעזידענט פון די ציוניסטען.

דער צווייטער ציוניסטען־קאָנגרעס האט ווידער שטאטגעפונען אין באזעל ענדע אויגוסט 1899. אויף דיעזען קאָנגרעס האט מען געגרינדעט די אידישע נאציאָנאל־באנק און די סטאטוען אָדער הויפּט־געזעצע פאר די ציוניסטישע פעראיינען.

דער דריטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז ווידער אָפּגעהאלטען געוואָרען אין באזעל אין אויגוסט 1899.

דער פיערטער ציוניסטען־קאָנגרעס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין לאָנדאָן אין אויגוסט 1900. דאס איז געווען דער אונוויכטיגסטער, פּרוכט־לאָזעסטער פון אלע ציוניסטישע קאָנגרעסען. טהעאָדאר הערצל האט עס גוט געמיינט, ער האט גערעכענט, אז די ענגלישע לאָרדס און בעזאָנ־דערס די פּראָמינענטע ענגלישע אידען וועלען זיך פעראינטערעסירען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. עס האט זיך אָבער אויסגעלאָזען גאנץ אנ־דערש. קיין איינציגער פון די ענגלישע מיניסטאָרען און לאָרדס איז ניט געקומען זעהן דעם קאָנגרעסס.

דער ענגלישער ראָטהשילד האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג פון דעם קאָנגרעס און זאגאר דער הויפּט־ראבינער פון ענגלאנד, דר. אדלער, האט ניט געוואָלט וויסען פון דעם ציוניסטען־קאָנגרעס. ער איז גאר אוועקגעפאהרען פון לאָנדאָן אין דער צייט פון דעם קאָנגרעס.

דער פיערטער ציוניסטען־קאָנגרעס אין לאָנדאָן איז מיאוס דורכ־געפאלען.

דער פינפטער ציוניסטען־קאָנגרעס איז דארום ווידער אָפּגעהאל־טען געוואָרען אין באזעל אין 1901. אויף דיעזען קאָנגרעס האט מען געגרינדעט דעם אידישען נאציאָנאל־פאנד, וועלכען מען זאל געברויכען נור אין געוויסע צופעללע און צו געוויסע צוועקען.

אין 1904 איז טהעאָדאר הערצל געשטאָרבען. ליידער, צו יונג און צו פריה פאר דעם ציוניזמוס, פאר די פערווירקליכונג פון זיין גרויסער אידעע. דער ציוניזמוס איז צוואר מיט איהם ניט געשטאָרבען, אָבער ער איז פלאכער געוואָרען. ער האט אנגעהויבען זיך צו שפּאלטען אויף

מיינונגען, שטרעבונגען, ריכטונגען און פארטייען: ארטהאדאקסישע ציוניסטען, טעריטאריאליסטען, סאציאליסטע,־ציוניסטען, טעריטאריאליסטען־סאציאליסטען, נאציאנאליסטען־ציוניסטען און אנדערע ציוניסטען.

איינס אבער האט דאך דער ציוניזמוס אויפגעטהאן, ער האט זעהר פיעל בייגעטראגען צו דער קאלאניזאציאן פון אידען אין פאלעסטינא און צו דער ענטוויקלונג פון אגריקולטור און אינדוסטריע אין פאלעסטינא. עס האט אויך אויפגעוועקט דאס נאציאנאלע געפיהל פון דעם אידישען פאלק אין אלע לענדער וואו זיי וואהנען.

---

18. אידען אין אמעריקא.

װען אידען האבען אנגעהויבען אויסצוואנדערן נאך אמעריקא, איז שווער צו זאגען מיט בעשטימטהייט. עס איז אבער א זאנדערבארער פאקט, אז דעם 2טען אויגוסט 1492 האט די שפאנישע רעגיערונג ארויסגעטריבען די אידען פון שפאניען און דעם 3טען אויגוסט אדער א טאג שפעטער איז קריסטאפער קאלומבוס אוועקגעפאהרען פון שפאניען און צוויי מאנאטען שפעטער האט ער ענדעקט אמעריקא, וועלכעס איז שפעטער געווארען דאס לאנד דער פרייהייט.

דעם 2טען אויגוסט 1492 האבען 300,000 אידען פערלאזען שפאניען, עס זיינען אבער געבליבען אין שפאניען און אין פארטוגאל מעהר אלס 100,000 אידען, וועלכע האבען אנגענומען דעם, קריסטליכען גלויבען נור לפנים, פאר דער וועלט, אין זייער הארצען זיינען זיי געבליבען אידען און שטילערהייט פלעגען זיי אפהיטען אלע אידישע דינים, מנהגים און געזעצע. דיעזע אידען האבען געהייסען מאראנאס, אנוסים, געצוואונגענע אנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען אום צו בלייבען אין זייער געבורטסלאנד.

דיעזע מאראנאס אדער אנוסים פלעגען שטענדיג זוכען א געלעגענהייט אויסצוואנדערן אדער צו אנטלויפען פון דעם ווילד־פאנאטישען שפאניען. מען בעהויפטעט, אז איינינע פון דיעזע מאראנאס האבען בעגלייטעט קריסטאפער קאלומבוס אויף זיין ערשטער רייזע און האבען איהם געהאלפען ענטדעקען אמעריקא. א געוויסער לואיס דע טארעס,

וועלכער איז מיטגעפאהרען מיט קריסטאפער קאלומבוס אויף זיין ערשטער רייזע, האט מעהר ניט געוואלט צוריקפאהרען נאך שפאניען. ער האט זיך בעזעצט אויף דער אינזעל קובא, וואו ער האט געקענט לעבען אלס איד און ער איז דארט געבליעבען ביז זיין טוידט.

בראזיליען איז ענטדעקט געווארען אין 1499 פון א שפאנישען שיפס־קאפיטאן פינסאן און א יאהר שפעטער, אין 1500, פון א פארטוגעזישען שיפסקאפיטאן פעדרא אלוואכעס דע קאבראל. אויף זיין שיף האט זיך געפונען א טיכטיגער מאטראז, גאספאר, א מאראנא, וועלכער האט בעסער פערשטאנען ווי צו פיהרען א שיף פון זיין שיפסקאפיטאן. גאספאר איז צוריקגעקומען נאך פארטוגאל און האט דערצעהלט זיינע אידישע ברידער וואס פאר א שעהנעס, פרוכטבארעס לאנד בראזיליען איז. די מאראנאס האבען אנגעהויבען אויסצוואנדערן נאך בראזיליען. אנפאנגס האבען אויס־געוואנדערט נור איינצעלנע פאמיליען, וועלכע האבען געוויס גענוג גע־קעמפפט און גענוג געליטען אין א וועניג בעקאנטען, גאנץ ווילדען לאנד. דער איד איז אבער געדולדיג. ער האט איבערגעטראגען און איבערגעלי־טען אלערליי שוועריגקייטען אום צו בלייבען ביי זיין גאט, ביי זיין גלוי־בען און טראדיציאנען. זיי האבען אויסגעפארשט דאס לאנד און זיי האבען אנגעהויבען עס צו בעארבייטען און צושיקען אין זייער אלטער היימאטה פראדוקטען און אלערליי פריכטע, פון וועלכע מען האט אין אייראפא קיין אידעע געהאט.

באלד האבען אנגעהויבען אויסצוואנדערן גרעסערע גרופען מארא־נאס נאך בראזיליען. זיי פלעגען אפדינגען שיפען און אויסוואנדערן אויף זיי אייניגע האבען מיטגענומען געטריידע און אנדערע פריכטע, וועלכע וואקסען אין פארטוגאל, אין שפאניען און אויף די אינזלען ארום, הא־בען זיי געבראכט נאך בראזיליען און דארט זיי פערזעעט. אין 1548 האבען פארטוגעזישע מאראנאס געבראכט דעם צוקער־ראהר פון דער אינזעל מאדעירא און האבען איהם געלאזט פלאנצען אין בראזיליען. די אויסוואנדערונג איז געווארען אזוי שטארק, אז אין 1557 האט די פאר־טוגעזישע רעגירונג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מאראנאס טארען ניט ארויספאהרען פון פארטוגאל. די מאראנאס אדער אנוסים האבען געמוזט זיך ארויס׳גנב׳ענען פון פארטוגאל, ווען זיי האבען געוואלט אויסוואנדערן און זיי פלעגען זיך ארויס׳גנב׳ענען. די פארטוגעזישע רעגירונג האט דאז

ארויסגעגעבען א צווייטען בעפעהל, אז מאראנאס טארען זיך ניט בעזעצען אין די פארטוגעזישע קאלאניען אין אמעריקא. די רעגיערונג פון שפאניען האט עס נאכגעטהאן. מען האט אלזא גערעכענט, אז דערמיט וועט מען שוין צוריקהאלטען די מאראנאס, עס האט זיך אבער שפעטער ארויסגעוויזען, אז די פארטוגעזישע און שפאנישע קאלאניען ווערן פערנאכלעסיגט און פערארימט אהן די מאראנאס. די קאלאניסטען ווילען ניט בעארבייטען די ערד און האבען קיין בעגריעף פון האנדעל און אינדוסטריע.

אין 1611 האט די רעגיערונג פון פארטוגאל גענומען ביי די פארטוגעזישע און שפאנישע מאראנאס 700,000 קרוסאדאס, אונגעפעהר 714,000 דאללאר, פאר די ערלויבניס אויסצוואנדערן נאך אמעריקא. די מאראנאס האבען בעצאהלט דיעזע אונגעהויער גרויסע סומע געלד פאר יענע צייט און האבען אנגעהויבען אויסצוואנדערן אין גרויסע מאסען. קוים פלעגען זיי קומען אין אמעריקא, פלעגען זיי אראפווארפען פון זיך די פערהאסטע מאסקע פון קריסטענטהום און ווערן אידען. אין 1624 האט זיך אין דער שטאדט באהיא, בראזיליען, געבילדעט א אידישע קהלה פון די מאראנאס און די קהלה האט אויסגעבויט א שוהל און האט בעצויגען ספרי־תורות און אנדערע אידישע ספרים פון האללאנד. דאס גליק האט זיי צוגעשפיעלט, די האללענדישע רעגיערונג האט דאמאלס ערקלעהרט קריעג פארטוגאל און האט אפגענומען בראזיליען.

אין האללאנד האט שטרענג געהערשט רעליגיאנס־פרייהייט און די מאראנאס האבען בענוצט יעדע געלעגענהייט אוועקצופאהרען פון שפאניען און פון פארטוגאל, זיך צו בעזעצען אין האללאנד, אראפצוווארפען פון זיך די פערדאמטע מאסקע פון קריסטענטהום, ווערן אידען און לעבען נאך זייערע אלטע טראדיציאנען. עס זיינען פון זיי ארויסגעקומען די גרעסטע אידישע געלעהרטע פון דעם 16טען און 17טען יאהרהונדערט.

ליידער, איז האללאנד צו קליין געווען פאר אזוי פיעל אידישע איינוואנדערער. ווי ליבעראל און ווי פריי די האללענדישע רעגיערונג איז געווען, האט זי דאך געקוקט קרום אויף די צו גרויסע צאהל פון אידען, וועלכע פלעגען קומען יעדען טאג. זי האט געמוזט בעשרענקען די רעכטע פון אידען, ווי צום ביישפיעל: ניט ערלויבען אידען זיך ערווערבען לאנד און הייזער אין די שטעדט, ניט ערלויבען אידען זיך בעשעפטיגען

מיט אייניגע האנדווערקע און מיט אייניגע צווייגען פון האנדעל. די אידען אליין האבען עס אויך פערשטאנען, אז האללאנד איז פאר זיי צו ענג, צו קליין, און זיי האבען זיך דערפרעהט, ווען האללאנד האט אפגענומען אייניגע אינזלען און לענדער אין אמעריקא.

אין 1642 זיינען 600 אידען מיט זייער אנפיהרער הרב יצחק אבוהב דע פאנסעקא אוועקגעפאהרען נאך אמעריקא און האבען זיך בעזעצט אין דער שטאדט רעסיף, די הויפטשטאדט פון דער פראווינץ פערנאמבוקא אין בראזיליען. זיי האבען געבילדעט א אידישע קהלה און רבי יצחק אבוהב דע פאנסעקא איז דער ערשטער אידישער רב אין אמעריקא. אויסער דער שטאדט רעסיף האבען זיך אידען בעזעצט אין באהיא, פאראהיבא און ריא דע זשאנאאר. אין 1654 האבען זיך געפונען אין בראזיליען מעהר אלס 5 000 אידען.

דער בעוואוסטער געלערנטער און הייסער אידישער פאטריאט רבי מנשה בן ישראל האט געוואלט אויסוואנדערן נאך בראזיליען, אבער זיינע גוטע פריינד און דער קריסטליכער געלערנטער גראציוס האבען איהם ניט געלאזען אוועקפאהרען. זיי האבען איהם געבעטען, ער זאל בעסער פאהרען נאך ענגלאנד און בעטען אליווער קראמוועל, ער זאל ערלויבען אידען זיך בעזעצען אין ענגלאנד.

דער ערשטער אידישער געלערנטער אין אמעריקא איז געוועזען יעקב דע וואלאסינא. ער איז געבארען געווארען אין פערנאמבוקא אין 1657 און איז געוועזען א דאקטאר, א פילאזאף און א בעריהמטער שריפטשטעללער.

ליידער, האט די גליקליכע צייט פאר אידען אין זיד אמעריקא געדויערט ניט לאנג. האללאנד האט געשלאסען פריעדען מיט פארטוגאל און האט איהר צוריקגעגעבען בראזיליען. עס זיינען אראפגעקומען קאטוילישע גייסטליכע און מענכע פון פארטוגאל און האבען איינגעפיהרט די אינקוויזיציאן אין בראזיליען און אין אלע לענדער וועלכע האבען דאמאלס געהערט צו שפאניען. אין 1571 האט מען פערברענט פינף אידען אויפ'ן שייטערהויפען אין דער שטאדט מעקסיקא. אידען האבען ווידער געמוזט אויסוואנדערן, אייניגע האבען זיך בעזעצט אויף דער אינזעל קוראסאא און אויף אנדערע קליינע אינזלען, וועלכע האבען געהערט צו האללאנד. אייניגע האבען זיך בעזעצט אויף דער אינזעל יאמאייקא און

אויף באַרבאַדאָס וועלכע האָבען געהערט צו ענגלאַנד און איינינע זיינען געפאָהרען ווייטער און זיינען אָנגעקומען אין נײַ אַמסטערדאַם, דאָס היינ־טיגע ניו יאָרק.

אין די שפּאַניש־אַמעריקאַנישע לענדער האָבען אידען בעקומען רע־ליגיאָנס־פרייהייט און בירגער־רעכטע ערשט אין דעם 19טען יאָהרהונדערט, עס איז דאַרום אויך קיין וואונדער, וואָס ביז אויף היינטיגען טאג גע־פינען זיך ניט פיעל אידען אין די רעפובליקען פון זיד אַמעריקא. די איינציגע רעפובליק, וואו עס געפינט זיך יעצט אַ גרעסערע צאָהל אידען און די אידישע געמיינדען וואַקסען, איז אַרגענטינאַ וואו אידען פון רוס־לאַנד און רומעניען האָבען אָנגעהויבען זיך צו בעזעצען ערשט גאָר ניט לאַנג, אַם ענדע פון דעם 19טען יאָהרהונדערט.

אידען האָבען געקענט לעבען רוהיג, געדייהען און וואַקסען נור אין לענדער, וואו די ענגלישע שפּראַכע הערשט און וואו זיי האָבען פאָלשטענדיגע רעליגיאָנס־פרייהייט. אין נאָרד אַמעריקא, בעזאָנדערס אין די שטאַאַטען ביים אַטלאַנטישען וועלט־מעער, וואוהין עס זיינען געקומען פיעלע מענשען נור אום צו קענען דיענען גאָט, ווי זיי ווילען, האָבען אויך די אידען געקענט געפינען רוהע און זיכערהייט. די גרעסטע און בליהענדסטע אידישע קאָלאָניען געפינען זיך דאַרום אין נאָרד אַמעריקא, אין זיד אַפריקא, אין אויסטראַליען און אין די לענדער וועלכע געהערן צו ענגלאַנד אָדער וואו די ענגלישע שפּראַכע איז די הערשענדע.

אין די פעראייניגטע שטאַאַטען געפינט זיך יעצט די גרעסטע צאָהל אידען און דאַרום איז אויך זייער געשיכטע די אינטערעסאַנטעסטע און די אַם מייסטען בעלעהרענדע.

אָנפאַנגס סעפּטעמבער 1654 זיינען אָנגעקומען אין נײַ אַמסטער־דאַם (היינט ניו יאָרק) עלף אידישע פאַמיליען, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון 27 נפשות, מענער, פרויען און קינדער. זיי זיינען אַנטלאָפען פון באַהיאַ, בראַזיליען, וואו די פאָנאַטישע פּאָרטוגעזישע מענכע האָבען איינ־געפיהרט די אינקוויזיציאָן. נײַ אַמסטערדאַם האָט דאַמאָלס געהערט צו האָללאַנד, וואו עס האָט געהערשט רעליגיאָנס־פרייהייט.

מען האָט זיי צוואַר אַריינגעלאָזען אין נײַ אַמסטערדאַם, אָבער דער האָללענדישער גובערנאַטאָר האָט אַזוי פיינד געהאַט אַ אידען, אַז ער האָט געשריעבען צו דער רעגיערונג אין האָללאַנד, אַז עס וואָלט

גלייך געווען, אז מען זאל מעהר קיין אידען ניט אריינלאזען. מען האט איהם אבער געענטפערט, אז אין האלאנד און אין די לענדער, וועלכע געהערן צו האלאנד מאכט מען קיין אונטערשיעד צווישען אידען און ניט אידען. פון דעסטוועגען האט דער האללענדישער גובערנאטאר פון ניי אמסטערדאם און די לענדער ארום געטהאן אלעס, וואס ער האט געקענט אים צו בעליידיגען און צו דריקען די ערשטע אידישע איינוואנדערער. ער האט זיי אזוי פערביטערט דאס לעבען, אז איינציגע זיינען אוועקגעפאהרען פון ניי אמסטערדאם און האבען זיך בעזעצט אין אנדערע שטעדט, בעזאנדערס אין ניו פארט, וועלכע געהערט היינט צו דעם שטאאט רהאוד איילאנד.

די הערשאפט פון די האללענדער איבער דיעזע געגענדען האט געדויערט ניט לאנג. צעהן יאהר שפעטער נאך די ערשטע איינוואנדערונג פון עלף אידישע פאמיליען און צוואר אין 1664, האט שוין ענגלאנד אפגענומען דיעזע לענדער און פון ניי אמסטערדאם איז געווארען ניו יארק. די אידען האבען אויפגעאטהעמט פרייער, מען האט זיי ערלויבט צו וואהנען איבעראל און צו האנדלען מיט וואס זיי ווילען.

שוין אין די ערשטע פאאר יאהר נאך זייער איינוואנדערונג אין ניי אמסטערדאם האבען איינציגע אידען זיך ארויפגעארבייטעט און האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע פעאיגקייטען צו ענטוויקלען דעם האנדעל פון דעם לאנד, אבער ערשט זייט ענגלאנד האט אפגענומען דיעזע לענדער, האבען זיי אנגעהויבען צו שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין די ענגלישע קאלאניען. אין 1664 האט א איד מיט'ן נאמען היינריך בראזער, וועלכער האט געהאט דריי זיהן: אברהם, יצחק און יעקב, שוין געהאט הייזער אין די געשעפטס־גאסען פון ניו יארק. אין 1665 האט א אידישע פרוי מרים יעקב'ס אדער אויף ענגליש מערי דזשייקאבס געקויפט א הויז פאר 1,000 דאללאר. אין יענער צייט איז דאס געווען פיעל געלד.

אין 1700 האט דער ענגלישער גובערנאטאר פון ניו יארק געשריעבען דער ענגלישער רעגיערונג אין לאנדאן, אז געלד איז געווארען זעהר טהייער. מען פארדערט פאר מזומן געלד זעהר הויכע פראצענטען און ווען דריי אידען וואלטען איהם ניט אויסגעבארגט דאס נעטהיגע געלד, וואלט ער ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען די סאלדאטען און ער וואלט זיך געפונען אין א זעהר שלעכטע לאגע. ער בעט דארום די

רעגיערונג, זי זאל איהם שיקען מזומן געלד פאר זיינע סאלדאטען און פאר די רעגיערונגס־בעאמטע אין פאראוים.

אין דיעזע 46 יאהר, פון 1654 ביז 1700, זיינען אבער צוגעקומען פיעלע אידען פון האללאנד און פון ענגלאנד און האבען זיך בעזעצט אין די ענגלישע קאלאניען פון נארד אמעריקא. א גרעסערע איינוואנדע־רונג פון אידען אין די פעראייניגטע שטאאטען האט זיך אנגעפאנגען ערשט אין דעם צווייטען פיערטעל פון דעם 18טען יאהרהונדערט. אין 1433 האבען עטליכע אידישע פאמיליען זיך בעזעצט אין סאוואנאה, אין דעם איצטיגען שטאאט דזשארדזשיא. אין 1758 האבען אידען זיך בע־זעצט אין דעם שטאאט פענסילווייניא און אין דעם שטאאט אהיא. עס האבען אנגעהויבען צו קומען אידען פון דייטשלאנד און פון אנדערע לענדער אין אייראפא.

אמעריקא איז אבער דאמאלס געווען נאך אזוי ווענינ בעקאנט אין אייראפא, אז עס זיינען געקומען ניט פיעל אידען. אין 1800, ווען מען האט געמאכט די צווייטע פאלקס־צעהלונג אין די פעראייניגטע שטאאטען האבען זיך געפונען אין דיעזע לענדער אונגעפעהר נור 3,000 אידען. די אידען פון רוסלאנד און פוילען האבען נור געוואוסט, אז עס איז ערגעץ גאנץ ווייט דא א לאנד אמעריקא. קיינער האט ניט געוואלט ריזיקירען צו מאכען א לאנגע רייזע אויפ׳ן מעער און צו קומען אין א לאנד, וואו זיי האבען ניט פערשטאנען די שפראכע און מען איז ניט געווען בע־קאנט מיט די זיטען און געברויכע. דער איד פון רוסלאנד און פוילען האט אויך מורא געהאט אויסצואוואנדערן נאך אמעריקא, ווייל ער וועט דארט ניט קענען אפהיטען אידישקייט, ער וועט מוזען לעבען צווישען ניט אידען.

נאך דער רעוואלוציאן אין דייטשלאנד אין 1848 האבען פיעלע דייטשע אידען, וועלכע זיינען געווען פערמישט אין דער רעוואלוציאן און זיי האבען מורא געהאט פאר שטרענגע שטראפען, אנגעהויבען צו אנט־לויפען נאך אמעריקא און זיי האבען געגרינדעט אידישע געמיינדען אין פיעלע שטעדט. נאך דעם פוילישען מיאטעזש אין 1862 האבען איינינע אידען, וועלכע זיינען געווען פערמישט אין מיאטעזש, געמוזט אנטלויפען נאך אמעריקא.

ביי דעם אלעמען און טראטץ דעם אלעמען האבען זיך נאך אין

1880 געפונען אין אלע פעראייניגטע שטאאטען נור אונגעפעהר 400,000 אידען. פון דיעזער צאהל האבען 125,000 געוואהנט אין ניו יארק.

דער גרויסער שטראם פון דער אידישער איינוואנדערונג נאך אמעריקא האט זיך אנגעהויבען אין 1882, נאך דעם טוידט פון קייזער אלעקסאנדער דעם צווייטען האבען זיך אנגעהויבען אין רוסלאנד די פאגראמען און שרעקליכע פערפאלגונגען אויף אידען. די פאגראמען אין באלטא, יעליסאוועטגראד, אדעסא און אנדערע שטעדט, די שטרענגע מאי-געזעצע וועלכע גראף איגנאטיעוו האט געמאכט פאר אידען אין 1882, האבען בוכשטעבליך געצוואונגען די אידען פון רוסלאנד אויסצואוואנדערן. מען האט זיי געטריעבען פון רוסלאנד און מען טרייבט זיי נאך היינט.

אויך אין רומעניען האבען זיך אנגעהויבען אונטערדריקונגען און פערפאלגונגען אויף אידען און די רומענישע אידען האבען געמוזט אויסוואנדערן אין דאס לאנד דער פרייהייט, אין אמעריקא.

די סטאטיסטיק פון דער אמעריקאנישער רעגיערונג ווייזט אויף, אז פון 1881 ביז 1886 האבען איינגעוואנדערט אין אמעריקא 114,000 רוסישע און רומענישע אידען. עס זיינען געקומען אידען מיט פאמיליען, עס זיינען געקומען אידען אהן פאמיליען, עס זיינען געקומען יונגע לייט און מענשען פון מיטעלע יאהרען. צור עהרע און צום שטאלץ פון דעם יודענטהום מוז מען זאגען, אז די דייטשע און פאלנישע אידען, וועלכע האבען זיך פריהער בעזעצט אין אמעריקא און האבען זיך ארויפגעארבייטעט, האבען אויפגענומען זייערע אונגליקליכע ברידער פון רוסלאנד און רומעניען מיט אפענע ארעמס און האבען געטהאן אלעס, וואס זיי האבען געקענט צו העלפען און צו שטיצען די אימיגראנטען. אויך דאס אמעריקאנישע פאלק האט מיטלייד געהאט מיט די אונגליקליכע אידען פון רוסלאנד און רומעניען.

דער געלערנטער און שריפטשטעלער מיכאל העלפערין, וועלכער איז אליין אנטלאפען פון אונגארן נאך דער רעוואלוציאן פון 1848, האט בעזאנדערס זעהר פיעל געטהאן פאר זיינע אונגליקליכע ברידער. אנפאנגס האט מען געוואלט זיי קאלאניזירען, זיי בעזעצען אויף רעגיערונגס-לאנד אין ארעגאן און אנדערע וועסט-שטאאטען.

די קאלאניען זיינען אבער ניט געלונגען. דער האס און די פאראורטהיילע געגען אידען אין איראפא אין א צייט פון פיעלע יאהרהונדערטע

האבען דערוואַיטערט דעם אידען פון לאַנד־אַרבייט און האבען איהם געמאכט אונפעהיג צו בעאַרבייטען די ערד. פון רוסלאַנד זיינען אויך געקומען פיעלע יונגע לייט, וועלכע האבען גענאָסען אַ העכערע בילדונג און זיי האבען שוין ניט געקענט טהאן די שווערע אַרבייטען, וועלכע אַן אַמעריקאַנער פאַרמער מוז טהאָן. די אידישע־אַקערבוי קאָלאָניען אין אַמעריקא זיינען דאַרום ניט געלונגען. פיעלע קאָלאָניסטען האבען זיך אומגעקערט נאָך ניו יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעדט.

פאַר דעם אידען זיינען געבליעבען אָפען דריי וועגען: אַרבייט אָדער בעשעפטיגונג מיט האַנדווערקע, לערנען און האַנדעל. די רוסיש־פּוילישע און די רומענישע אידען זיינען אויך געגאַנגען אויף דיעזע דריי וועגען און האבען זיך אין יעדער בעציהונג אויסגעצייכענט. עס געפינען זיך יעצט פיעלע אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, געלערנטע שריפטשטעלער, פאָרשער פון נאַטור וויסענשאַפטען, פּראָפעסאָרען אין אַלע אוניווערזיטעטען, ריכטער און שטאַאַטסמענער. בעזאָנדערס אויסגעצייכענט האבען זיך די דייטשע, רוסיש־פּוילישע און רומענישע אויף דעם ברייטען וועג פון האַנדעל און אינדוסטריע. זיי זיינען יעצט די רייכסטע און די פעהיגסטע פאַבריקאַנטען, בעזאָנדערס פון קליידער, און די גרעסטע קויפלייטע.

מען האט געגרינדעט האַנדווערקס שולען, וועלכע האבען אַרויסגעגעבען טיכטיגע טעכניקער און מעכאַניקער. דער אידישער אַרבייטער אין אַמעריקא איז ציעלבעוואוסט און ער ווייס ווי צו פאָרדערן זיינע רעכטע אַלס מענש און אַלס בירגער. ער לאָזט זיינע קינדער לערנען און ער גיט זיי די בעסטע ערציהונג. די אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין אַמעריקא האבען אַ גרויסע ווירקליכקייט און בעדייטונג. זיי שפּיעלען זאָגאַר אַ ראָלע אין דער אינערער פּאָליטיק פון דעם לאַנד.

אידען אין אַמעריקא האבען פאַר זיך אַ גלענצענדע צוקונפט. עס געפינען זיך יעצט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אונגעפעהר צוויי מיליאָן אידען. דאָס לאַנד איז גרויס און רייך. עס איז נאָך דאָ גענוג פּלאַץ פאַר אַלע אידען פון רוסלאַנד, עסטערייך און רומעניען.

אין דער נייעסטער צייט האבען זיך אידען גענומען אויך צו לאַנד אַרבייט און אין פיעלע שטאַאַטען געפינען זיך יעצט דערפער און שטעדטלעך פון אידישע פאַרמערס. עס האבען זיך גענומען צו לאַנד אַרבייט

אידען, וועלכע זיינען געוועזען געוואהנט דערצו אין רוסלאנד און רומעניען און דארום איז עס אויך דא געלונגען. פיעלע אידישע פארמערס האבען זיך ארויפגעארבייטעט און מען קען ערווארטען, אז אין א קורצע צייט וועלען אידען אין אמעריקא שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין דער אגרי־קולטור.

---

14. אידען אין אויסטראליען.

אויסטראליען, דער פינפטער וועלט־טהייל, איז אן ענגלישע קא־לאניע. עס געהערט צו ענגלאנד און די הערשענדע שפראכע איז ענגליש. עס איז צוואר א יונגע קאלאניע, אבער די פרייעסטע און ליבעראלסטע קאלאניע. אין אויסטראליען האט מען קיין מאל ניט געוואוסט פון פעל־קער־פיינדשאפט און פון רעליגיאנס־פערשיעדענהייט. אלע מענשען זיינען גלייך, אלע האבען גלייכע רעכטע און גלייכע פפליכטען. אויסטראליען איז אין איינינע בעציהונגען פיעל פרייער פון ענגלאנד און פון די פער־איינינטע שטאאטען.

אויסטראליען איז אלזא דער בעסטער און זיכערסטער ארט פאר אידען, וועלכע מען פערפאלגט און אונטערדריקט אין אנדערע לענדער. אויסטראליען איז אבער ווענינ בעקאנט דעם געוועהנליכען אידען פון איירָאפא, אויסער דעם איז עס אזוי ווייט פון די אידישע צענטרען אין איירָאפא, אז די רייזע אהין קאסט צו טהייער און דער ארימער איד קען גאר ניט בעשטרייטען די הויכע רייזע קאסטען. נור אין לאנדאן און איינינע אנדערע ענגלישע פארט־שטעדט קען מען בעקומען א שיף וועלכעס געהט דירעקט נאך אויסטראליען און די רייזע געדייערט 5 — 6 וואכען. עס איז דארום קיין וואונדער, וואס עס געפינען זיך אין אויסט־ראליען אזוי ווענינ אידען.

נאך די נייעסטע סטאטיסטישע פארשונגען געפינען זיך יעצט אין אויסטראליען 17 — 18 טויזענד אידען. די געשיכטע פון אידען אין אויסט־ראליען איז זעהר דונקעל. דאס ערשטע היסטארישע דאקומענט איבער אידען אין אויסטראליען געפינט זיך אין דער סטאטיסטיק פון דער שטאדט סידני, די הויפטשטאדט פון דער פראווינץ ניו־סאוטה־וועלס. אין 1817

האָבּען זיך געפונען אין סידני 20 אידען. אויב 20 פאַמיליען אָדער 20 זעעלען, שטעהט ניט אין דעם דאָקומענט. דאַגעגען שרייבּט דאָס דאָקומענט גאַנץ דייטליך, אַז דיעזע 20 אידען זיינען געווען ניט גוט בּעקאַנט מיט די לעהרען פון זייערע עלטערן, אָבּער זיי האָבּען שטרענג אָפּגעהיט אַלע אידישע פייערטעג און בּעזאָנדערס דעם שבּת. אין 1820 האָבּען זיי זיך ערוואָרבּען אַ „בּית־החיים”. די קריסטליכע געמיינדע האָט זיי גע־שענקט אַ שטיקעל פּלאַץ אויף איהר בּעערדיגונגס־גרונד. זיי האָבּען אָבּער ניט געהאַט קיין שוהל און קיין בּית־תּפלה, נור צוויי מאָל אין יאָהר, ראש השנה און יום כּפּור פּלעגען זיי זיך פערזאַמלען בּיי איינעם פון זיי און פּלעגען האַלטען גאָטעס־דינסט.

אין 1827 — 1828 זיינען אָנגעקומען אין סידני אָנגעזעהענע אידישע קויפלייטע, וועלכע האָבּען געזוכט צו פערבּעסערן די רעליגיעזע און סאָ־ציאַלע לאַגע פון דער אידישער קאָלאָניע. אַ געוויסער פ. כּהן האָט אָפּ־געגעבּען זיין הויז פאַר אַ בּית־תּפלה, וואו מען פלעגט זיך צונויפקומען יעדען שבּת און יעדען יום־טוב און דאַווענען נאָך די אַלטע אידישע מנהגים, אָבּער ערשט אין 1830 האָבּען די אידען פון סידני איינגעלאַדען אַ רב פון אייראָפּאַ. רבּי אַהרון לעווי איז געווען אַ דין אין אַ אידישע געמיינדע אין אייראָפּאַ. ער האָט בּאַלד געזעהן, אַז מען זאָל בּעציהען אַ ספר תּורה, בּיז אַהער האָבּען זיי געהאַט נור אַ געדרוקטען חומש און זעהר וועניג סידורים.

אין 1831 איז געקומען נאָך סידני יעקב מאָנטעפיאָרע, אַ פערוואַנ־דטער פון סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע, ער האָט שוין געטהאָן אַלעם מעגליכע אום צו גרינדען אַ געמיינדע און צו בּויען אַ עכטע שוהל ווי בּיי די אידען אין אייראָפּאַ. מען האָט אויך בּעצויגען פון ענגלאַנד אַ גע־וויסען רבּי ראָוז, וועלכער איז געוואָרען חזן, שוחט און מוהל בּיי דער נייער אידישער געמיינדע.

אַבּיסעל שפּעטער האָבּען אידען אָנגעהויבּען זיך צו אָרגאַניזירען אין דער פּראָווינץ וויקטאָריאַ, בּעזאָנדערס אין די שטעדט מעלבּורן, גי־לאָנג, בּענדיגאָ און סענטקילדאַ. פיעל שפּעטער אין דער הויפּטשטאָדט פון אויסטראַליען — אַדעלעאיד.

דער טהעטיגסטער מאַן אין דיעזער געמיינדע איז ווידער געווען יעקב מאָנטעפיאָרע, וועלכער האָט געגרינדעט בּענק אין אַלע גרויסע

שטעדט פון אויסטראליען. וואהרשיינליך האט סער מאזעס מאנטעפיארע אנטהייל גענומען אין דיעזע בענק און אין די פינאנס־געשעפטען פון אויסטראליען. די מאנטעפיארע־בענק האבען זיך ערווארבען דאס העכסטע צוטרויען ביי אידען און ניט אידען.

די אידישע געמיינדע אין אדעלעאיד איז געוועזן און איז נאך היינט די אמבעסטען איינגעריכטעטע און אמבעסטען פערוואלטעטע. אויסער א רב און א פרעדיגער, א חזן, א שוחט און א מוהל, האט זי אויך געהאט אידישע שולען פאר קינדער און אידישע וואלטהעטיגע אנשטאלטען. עס איז וואהר, אז כמעט אלע אידען פון אויסטראליען זיינען גוט אפ. דאס לאנד איז רייך און עס איז דא גענוג געלעגענהייטען צו פערדיענען און צו מאכען א לעבען, עס קומען אבער דאך פאר פעללע, ווען די געמיינדע מוז העלפען און שטיצען אן אונגליקליכען. בעזאנדערס נויטהווענדיג איז א גוטעס האספיטאל און דאס האבען זיך פערשאפט די אידען פון אדעלעאיד. זעהר ניצליך און זעהר וואלטהעטיג איז אויך די „דזשואיש בענעפיט ענד מעדיקאל אסאסיאיישאן", א פעראיין, וועלכער בעזארגט ארימע מענשען מיט מעדיצינישע הילפע אין דער צייט פון א קראנקהייט און מיט קראנקען־בענעפיט. געגרינדעט האט דיעזען פעראיין א אידישער ריכטער, סאלאמאן סאנדערס און אין 1904 האט דיעזער פעראיין געהאט א קאפיטאל פון 1,000 פונט סטערלינג.

פיעלע אידען פון אדעלעאיד זיינען געווען און זיינען נאך היינט ריכטער, אסעמבלימען און פארשטעהער פון האנדעלס־קאמערן און פינאנס־געזעלשאפטען. אידישע פרויען האבען געבילדעט א ליידיעס בענעוואלענט סאסייעטי אדער א פרויען וואלטהעטיגקייטס פעראיין. אידישע יונגע־לייט האבען געגרינדעט א ליטעראטור פעראיין. די אידען אין אויסטראליען זיינען אלזא טהעטיג, געבילדעט און צייכענען זיך אויס אין אלע צווייגען פון קענען, וויסען, וואלטהעטיגקייט און עכט אידישע שטרעבונגען.

א געוויסער וו. ל. סאלאמאן, א געלערנטער איד פון ענגלאנד, האט אויסגעפארשט א גאנץ ווילדע געגענד אין אויסטראליען און האט געוויעזען דעם פארלאמענט פון אויסטראליען, אז מען קען דארט גרינדען קאלאניען פון אימיגראנטען, ווייל דאס לאנד איז זעהר פרוכטבאר. א געוויסער מ. וו. לאזארוס פון בענדיגא, בעקאנט אין אויסטראליען אונטער דעם נאמען בענדיגא לאזארוס, האט ענטוויקעלט די אויסגראבונג פון

ערד־קוילען, „קאול־מיינינג“ אין דער פראווינץ וויקטאריא. ער איז אליין רייך געווארען און האט רייך געמאכט די פראווינץ מיט זיינע ערד־קויי־לען. אנאנדער איד מ. דייווים האט בעשאפען דעם האלץ־האנדעל פון דער פראווינץ וויקטאריא. עס איז פאר איהם קיינעם ניט איינגעפאלען, אז פיעלע סארטען האלץ פון דיעזער פראווינץ קענען ווערן א געגענ־שטאנד פון האנדעל אין אייראפא, ווייל זיי זיינען גוט אלס בוי־האלץ פאר געביידען און שיפען און אלס מעבעל־האלץ. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געשיקט א לאדונג פון אויסטראלישעם האלץ נאך לאנדאן און מען האט עס דארט צוכאפט. מ. דייווים איז געווארען דער רייכסטער האלץ־הענדלער אין גאנץ אויסטראליען.

א איד מיט'ן נאמען בארנעט לעווי האט געגרינדעט דאס ערשטע ענגלישע טהעאטער אין אויסטראליען. ער האט בעצויגען אקטיארען פון ענגלאנד און האט אויפגעפיהרט ענגלישע דראמען און קאמעדיען אין אלע גרויסע שטעדט פון אויסטראליען.

אין גאנץ אויסטראליען מיט די אינזלען ארום געפינען זיך עפעס מעהר אלס 5 מיליאן איינוואהנער, פון זיי זיינען עפעס מעהר אלס 20,000 אידען.

אידען אין אויסטראליען האבען א גלענצענדע צוקונפט. דאס לאנד איז נאך נײַ, ניט שטארק ענטוויקעלט און עס איז נאך דא פלאץ פאר פיעלע מיליאנען מענשען, וועלכע קענען דארט לעבען רוהיג און גליקליך.

---

15. אידען אין זיד־אפריקא.

ווען אידען האבען זיך בעזעצט צוערשט אין זיד־אפריקא, איז שווער צו זאגען גאנץ גענוי. דער ענגלישער רייזענדער און פארשער מאוטש האט אין 1871 אויסגעפונען אין מאשאנא־לאנד די רואינען פון א גרויסער שטאדט און פון אלטע, פערנאכלעסיגטע און פערווילדעטע גאלד־גרובען. נאך זיין מיינונג זיינען דאס די רואינען פון דעם לאנד אופיר, וואוהין שלמה המלך און חירם מלך צור פלעגען שיקען שיפען מיט מענשען צו גראבען אדער צו קויפען גאלד און טהייערע שטיינער.

דער ענגלישער שריפטשטעלער רידער האגגארד האט דערפון געמאכט א ראמאן „קינג סאלאמאנס מיינס", די גאלד־גרובען פון שלמה המלך.

דאס זיינען אבער פערמוטהונגען און פאנטאזיען. וואהרשיינליך איז עס אבער, אז ווען די האללענדער האבען אפגענומען קאפלאנד אין 1652 און האבען דארט געגרינדעט די ערשטע האללענדישע קאלאניע, זיינען איינינע פון די שפאניש־פארטוגעזישע אידען, וועלכע האבען געוואהנט אין האללאנד, געקומען מיט די האללענדישע שיפען אום צו זעהן, אויב מען קען זיך דארט בעזעצען און אויב מען קען דארט האנדלען מיט די פראדוקטען פון דעם לאנד. דאס לאנד איז אבער דאמאלס געווען זעהר ארים, ווילד און קיינער האט נאך ניט געטרוימט פון די אונגעהויערע רייכטהימער פון דיעזען לאנד. די האללענדישע קאלאניסטען האבען אויך ניט געוואלט ליידען אין זייער לאנד אידען און קאטאליקען. מיר געפינען, אז ערשט אין 1804 האט דער האללענדישער גובערנאטאר פון דער קאפ־קאלאניע ערקלעהרט פאלשטענדיגע רעליגיאנס־פרייהייט פאר אלע איינוואהנער. די האללענדישע רעגיערונג האט אבער נאכדעם שוין ניט לאנג געדויערט. שוין אין 1806 האבען די ענגלענדער אפגענומען קאפלאנד און האבען א נאמען געגעבען די הויפטשטאדט קייפטאון.

ערשט אונטער דער ענגלישער רעגיערונג איז איינגעפיהרט געוואָרען פאלשטענדיגע רעליגיאנס־פרייהייט און ענגלישע און האללענדישע אידען האבען אנגעהויבען צו קומען נאך זיד־אפריקא. די נעמען פון די ערשטע אידען, וועלכע זיינען געקומען אין זיד־אפריקא אין 1820 אדער 1821 זיינען געווען בנימין נארדען און שמעון מארקוס. מיר געפינען אבער אויך לעבען זייערע נעמען אויך די נעמען פון דריי ברידער, יוליוס, אדאלף און דזשיימס מאזענטהאל פון דייטשלאנד אדער עסטערייך. זייער איינגערער ברודער איז געווען דער בעריהמטער דראמאטיקער און דיכטער סאלאמאן הערמאן מאזענטהאל. די מאזענטהאלס האבען ענטוויקעלט דעם האנדעל און די אינדוסטריע פון דער יונגער קאלאניע. איינער פון זיי איז געפאהרען נאך אזיען און האט געבראכט 30 אנגארא־ציעגען, וועלכע האבען אזא לאנגע און אזא ווייכע וואל, אז מען מאכט פון איהר מאהער, א שטאף, וועלכער איז ווייך און גלאנצט ווי זייד. זיד־אפריקא גיט יעצט ארוים מעהר אלס די העלפט מאהער, וועלכע ווערט פאבריצירט אין דער גאנצער וועלט.

צוויי האללענדישע אידען, אהרן און דניאל דע־פאס, זיינען געווען די ערשטע צו האלטען שטרויסען אויף זייערע פארמס אום צו בעקומען פון זיי די טהייערע שטרויספעדערן. זיי זיינען אויך געווען די ערשטע, וועלכע האבען געלאזען בויען שיפען אין קייפטאון און האבען געפיהרט א גרויסען האנדעל מיט די פראדוקטען פון דער קאפ־קאלאניע.

אם אינטערעסאנטעסטען איז די געשיכטע פון א אידען נתנאל אייזיקס. ער איז געקומען נאך זיד־אפריקא אין 1825 און ער האט אנגעהויבען אויסצופארשען יענע לענדער, בעזאנדערס דאס לאנד נאטאל אין אסט זיד־אפריקא. אין יענער צייט האט געהערשט איבער די זולו־פעלקער א זעהר קריעגערישער קעניג מיט דעם נאמען טשאקא. מען רופט איהם דער שווארצער נאפאלעאן פון זיד־אפריקא און ער איז אויך געווען א סארט נאפאלעאן. די ענגלענדער האבען מורא געהאט פאר איהם און האבען בעסער געשלאסען מיט איהם פריעדען. מיר ווייסען יעצט ניט גענוי, ווי אזוי נתנאל אייזיקס איז בעקאנט געווארען מיט דיעזען שווארצען נאפאלעאן און וואס ער האט געטהאן פאר איהם, מיר האבען אבער א דאקומענט פון דיעזען קעניג פון דעם 17טען סעפטעמבער 1828, אין וועלכען ער שענקט דעם אידען נתנאל אייזיקס א שטרעקע לאנד פון 100 מייל די לענג און די ברייט לעבען דער בוכטע פון דע־לאגאא, איהם, זיינע קינדער און זיינע קינדס־קינדער. ער שענקט איהם דאס לאנד מיט אלע איינוואהנער, מיט אלעס, וואס געפינט זיך אויף דעם לאנד און אין דעם לאנד. קעניג טשאקא האט דאמאלס געהאט דאס רעכט עס צו טהאן. שפעטער אבער, ווען ענגלאנד האט אפגענומען יענע לענדער, האט זי ניט געוואלט אנערקענען קעניג טשאקא'ס געשענק.

עס האבען זיך אין יענער צייט געפונען אין זיד־אפריקא וועניג אידען, אבער יעדער האט פיעל אויפגעטהאן פאר די ענטוויקלונג פון האנדעל, אינדוסטריע און צור בערייכערונג פון דעם לאנד. אבער ניט נור אויף דעם פעלד פון האנדעל אין אינדוסטריע האבען זיי זיך אויסגעצייכענט, זיי האבען אויך זיך אויסגעצייכענט אלס קריעגער, אלס יוריסטען און אלס דיפלאמאטען. אין 1846 האט ענגלאנד געפיהרט קריעג מיט די זולוס. קאפיטאן יהושע נארדאן האט געפיהרט א רעגימענט סאלדאטען געגען די זולוס. א פערגיפטעטע פייל פון א זולוס־קריעגער האט איהם געטראפען און געטוידטעט. א צווייטער אידישער אפיציער אליהו

דער־פאס האט זיך אויסגעצייכענט אין דעם קריעג געגען די זולוס אין 1849. יוליוס מאזענטהאל איז געווען אַ מיטגליעד פון דעם פארלאמענט אין זיד־אפריקא אין 1852. שמעון דזשייקאבס איז געווען ריכטער פון דעם העכסטען געריכט פון דער קאפ־קאלאניע ביז 1871. שאול סאלאמאנס איז ביז אויף היינטיגען טאג בעקאנט אין דער געשיכטע פון דער קאפ־קאלאניע אלס דער בנימין דיזאעלי פון זיד־אפריקא. ער איז געווען דער גרעסטער דיפלאמאט אין זיד־אפריקא.

די ערשטע אידישע געמיינדע אין קייפטאון אדער קאפשטאדט איז געגרינדעט געווארען אין 1841. זיי האבען נאך קיין שוהל געהאט און זיי פלעגען דאווענען שבת און יום־טוב ביי בנימין נארדען אין שטוב. ערשט אין 1859 האבען זיי אויפגעבויט אַ שוהל און האבען בעצויגען אַ רב מיט'ן נאמען יואל ראבינאוויטש, וואהרשיינליך פון רוסלאנד אדער עסטערייך. יעצט געפינען זיך אין קייפטאון דריי גרויסע און שעהנע אידישע שוהלען: דער בית־המדרש, געגרינדעט פון רוסיש־פוילישע אידען. די ניי־העברעאישע אדער ניו היברו סינאגאג, געגרינדעט פון דייטשע און ענגלישע אידען, און די וויינבורג־סינאגאג, געגרינדעט פון האללענדישע אידען.

אין די געוועזענע רעפובליקען טראנסוואאל און אראניע האבען זיך ביז 1883 געפונען זעהר וועניג אידען, מייסטענס האללענדער. אַ געוויסער משה דע־וורים איז געווען פריעדענס־ריכטער און מיטגליעד פון פאלקס־ראאד (פארלאמענט) אין 1870. אַ צווייטער איד דניאל פ. קיש איז געווען פריעדענס־ריכטער און פינאנס־מיניסטער פון 1877 ביז 1881. ער איז געווען אַ פערזענליכער פריינד פון דעם לעצטען פרעזידענט פון טראנסוואאל, פאול קריגער. ערשט אין 1883 האבען אנגעהויבען צוקומען נאך טראנסוואאל אידען פון רוסלאנד, פון עסטערייך און פון רומעניען.

שמואל מארקס, געבארען אין ניישטאדט־שיינד, רוסלאנד, איז געקומען אין טראנסוואאל אין 1884 און איז אין אַ קורצער צייט געווארען אַ מיליאנער פון דיאמאנטען־גרובען, פון קופער־מינען און פון אללערליי פאבריקען, וועלכע ער האט אויסגעבויט אין קימבערלי, בלאמפאנטען און אין אנדערע שטעדט. דער בעוואוסטער מיליאנער בארנאטא בארנאי איז אויך געקומען אין יענער צייט. אַ אונגארישער איד אלאוס נעלמאפיוס איז געווארען אַ פערזענליכער פריינד פון דעם געוועזענעם פרעזידענט

פאול קריגער און זיין באטהעגעבער. ער איז אויך געוועזען דער פריינד פון לארד ראבערטס, לארד קיטשענער און לארד מילנער, און ער האט זעהר פיעל ביינעטראגען צו ענדיגען דעם בורען-קריעג אין 1902.

מען רעכענט געוועהנליך, אז אידען אין די געוועזענע רעפובליקען טראנסוואאל און אראנזשע האבען געהאט אלע בירגער-רעכטע. דאס איז אבער ניט וואהר. זיי האבען געהאט נור פריי-הייטען, אבער קיינע רעכטע. א איד האט ניט געקענט געוועהלט ווערן אלס פרעזידענט און אלס הערכסטער באמטער. אידישע שוהלען פלעגען ניט אונטערשטיצט ווערן פון דער רעגירונג. אידישע קינדער האבען צוואר געמעגט געהן אין די רעגירונגס-שוהלען, אבער זיי פלעגען מוזען מיטמאכען אלע קריסטליכע צערעמאניען, און דאס האבען די אידישע עלטערן ניט געוואלט. דער פרעמדער איד, דער אימיגראנט, האט געהייסען „אויטלאנדער“, אויסלענדער, א פרעמדער, און ביז ער איז געווארען בירגער פון דער רעפובליק האט ער גאר קיינע רעכטע געהאט.

אין 1898 האט די אידישע געמיינדע פון פרעטאריא, די הויפט-שטאדט פון טראנסוואאל, אויסגעבויט א גרויסע, שעהנע שוהל. צו דער איינווייהונג האבען זיי איינגעלאדען פרעזידענט פאול קריגער. ער איז געקומען, האט געהאלטען א רעדע און האט איינגעווייהעט די אידישע שוהל אין נאמען פון יעזוס קריסטוס. אידען האבען זיך געפיהלט בעליידיגט.

אזוי ווי עס האבען זיך שוין געפונען פיעלע אידען אין טראנס-וואאל, האבען זיי איינגעלאדען אלס פרעדיגער און ראבינער דעם געלערנטען דאקטאר הערץ, א שילער פון דער אידישער האכשוהלע אין סינסינעטי, אמעריקא. דאקטאר הערץ איז געוועזען געוואוינט מיט דער אמעריקאנער פרייהייט און גלייכהייט. ער האט ניט געקענט פערטראגען דעם נאמען „אויטלאנדער“, אויסלענדער. די רוסיש-פוילישע און דייטשע אידען, וועלכע זיינען געקומען ניט לאנג נאך טראנסוואאל, האבען אנגעהויבען צו בעטען פרעזידענט קריגער און זיינע מיניסטארען, ער זאל געבען די אידען גלייכע בירגער-רעכטע.

דען 28טען יוני 1899 האבען די רוסיש-פוילישע און רומענישע אידען בערופען א מאסענפערזאמלונג צו דעם צוועק, מען זאל פראטעסטירען געגען די האנדלונג פון דער רעגירונג און בעטען, אז מען זאל

קיין אונטערשיעד מאכען צווישען די נייע אימיגראנטען און די אלטע־געזעססענע האללענדישע און ענגלישע אידען. דר. הערץ האט געהאלטען א וואַרימע רעדע, אין וועלכער ער האט ערקלערט די אונגערעכטיגקייט פון דער רעגירונג. דעם אנדערן טאג האט ער בעקומען א בעפעהל אז אין 48 שטונדען זאל ער ארויספאהרען פון טראנסוואאל. ער האט געמוזט פאהרען נאך קייפטאון, די ענגלישע קאלאניע, וואו מען האט קיין אונטערשיעד געמאכט צווישען אידען און אידען.

צום גליק, האט זיך באלד אנגעהויבען דער בורען־קריעג, וועלכער האט געדויערט צוויי יאהר און ענגלאנד האט ענדליך אפגענומען די רעפובליקען טראנסוואאל און אראנגע און האט זיי פעראייניגט אין א גרויסע פראווינץ, א זעלבסטשטענדיגעס לאנד, די קאלאניע פון זיד־אפריקא. פרעזידענט פאול קריגער פון דער רעפובליק טראנסוואאל האט געמוזט אוועקפאהרען אהיים, נאך האללאנד, און פרעזידענט סטיין פון דער רעפובליק אראנגע איז געווארען אן איינפאכער בירגער.

ענגלאנד האט שוין איינגעפיהרט בעסערע געזעצע און האט שוין געגעבען די רוסיש־פויליש־רומענישע אידען מעהר רעכטע. אין דעם בורען־קריעג האבען געדיענט אין דער ענגלישער ארמעע 2,800 אידען, פון זיי זיינען געפאלען אויף דעם שלאכטפעלד 125. אין דער ארמעע פון די בורען, אונטער די גענעראלען באטטא, קראניע, דע־וועט און לערי האבען געדיענט 2,600 אידען. אייניגע פון זיי האבען געקעמפפט ביז צו דער לעצטער מינוט און ווען ענגלאנד האט בעזיעגט די בורען און האט אוועקגעשיקט די קריעגס־געפאנגענע אויף די אינזלען פון וועסט־אינדיען. האבען זיך געפונען צווישען זיי 365 אידען.

אונטער דער ענגלישער רעגירונג איז די לאגע פון אידען פיעל פערבעסערט געווארען, אבער דער האס און די פעראכטונג געגען די רוסיש־פויליש־רומענישע אידען איז אזוי שטארק איינגעווארצעלט געווארען דורך די פריהערדיגע רעפובליקאנישע רעגירונגען, אז די אידען פון זיד־אפריקא האבען געמוזט זיך פעראייניגען, גרינדען א „באארד אף דזשואיש דעפיוטיס", וועלכער האט געהאט צום צוועק: ערשטענס, צו פערשאפען פאר אלע אידען אהנע, אויסנאהמע, גלייכע רעכטע. צווייטענס, אויסצואווירקען אין פארלאמענט, אז אידיש זאל אנערקענט ווערן אלס שפראכע. דריטענס, מען זאל גרינדען שולען פאר די אידישע אימיג־

ראנטען פון רוסלאנד, גאליציען און רומעניען, וואו זיי זאלען לערנען ענג־ליש און בעקאנט ווערן מיט די זיטען, געברויכע און געזעצע פון דעם לאנד, מיט אנדערע ווערטער, מען זאל זיי אנגליקאניזירען.

די לאגע פון אידען אין דער ענגלישער קאלאניע זיד־אפריקא אדער סאוטה אפריקא, ווי עס הייסט אויף ענגליש, ווערט פון יעדען טאג בעסער. מען מאכט צוואר נאך שוועריגקייטען פאר דעם אימיגראנט, אבער מען לאזט איהם דאך אריין און ווען ער איז אין לאנד, איז שוין ניט שווער צו ווערן אן ענגלישער בירגער.

צווישען די דירעקטארען פון דער „דע־בעערס דייאמאנד מיינס", וועלכע גיט ארויס דריי פיערטעל פון אלע דיאמאנטען, וועלכע ווערן פערקויפט אין דער גאנצער וועלט, געפינען זיך פיעלע אידען. דער רו־סישער איד שמואל מארקס איז איינער פון די רייכסטע מענער אין דער וועלט און ער טהוט זעהר פיעל פאר זיינע ברידער.

וויפיעל אידען עס געפינען זיך יעצט אין דער ענגלישער קאלאניע זיד־אפריקא, ווייס מען ניט גענוי און מען קען עס אויך ניט וויסען. עס זיינען דא פיעלע געגענדען, וואו עס וואהנען אידען, וועלכע האבען ביז אהער נאך ניט געקענט גרינדען א געמיינדע. דאס לאנד איז גרויס, ווע־ניג בעפעלקערט, פון איין פארם צו דער אנדערער איז זעהר ווייט, גרויסע שטעדט זיינען נאך ווייניג דא און מען קען ניט וויסען, וויפיעל אידען עס געפינען זיך אין געריקא־לאנד, אין מאשאנא־לאנד, אין נאמא־רא־לאנד אדער אין מעטאבעלע־לאנד.

פון די אידען, וועלכע זיינען מעהר אדער ווייניגער בעקאנט, ווייס מען, אז אין די גרויסע שטעדט געפינען זיך מעהר אלס 50,000 אידען.

זיד־אפריקא האט א גרויסע צוקונפט פאר אידען. עס וועט מיט דער צייט ווערן דאס פרייע אמעריקא. עס האט נאך פלאץ פאר פיעלע מיליאנען אידען און אויך פאר דאס גאנצע אידישע פאלק.

רעגיסטער.

פערצייכניס פון אללע נאהמען וועלכע קומען פאר אין דעם פיערטען באנד.

אביהב ע' ר' שמואל
ר' אברהם אבא גלוסק 147 148 149 150
ר' אברהם אַנדרַאדע 181 199
ר' אברהם בער לעבענזאהן 239
ר' אברהם גייגער 205 206
ר' אברהם וויטא די קאלאניא 181 199
ר' אברהם סֶגְרֵי 28
ר' אברהם פורטארא 167 181 182 186
ר' אברהם פרץ 152
„אגרות חכמה"
אראלף קרעמ'ע 215 216 217 218 221
אַדאם טשַארטָאריזשקי 152
אַדאם מַארטינע 206
אַדלערסטַאהל בַּארָאן 18
ר' אהרן וָואלפסָאן 154
ר' אהרן חָארִין 202
ר' אהרן יַארַאסלוי 135
ר' אהרן כהן (אַפטער רב) 110
אויגוסט דער דריטער 54 62
אויערבַאך בערטהָאלד 220
אונגער כריסטיַאן טהעאָפיל 82
„אוצר נחמד" 144
איזאבעללא קאניגין פון שפאניען 210
איזידאר כהן 221
אייכעל ע' ר' יצחק
אייכענבוים ע' ר' יעקב
ר' איציג סאטנוב 154
„אלון מורה" 152
ר' אליהו בעל שם טוב איניקל 106
ר' אליהו מרדכי ווערבעל 240
ר' אליעזר בן-דוד 154
ר' אליעזר פלעקעלש 157
ר' אליעזר ריסער 202
אלישע שור 43 47 51 54
אלכסנדראוו אדוואקאט 245
אלכסנדר וואזניטשין (גר צדק) 223 224
אלכסנדר זעלינמאן 169
אלכסנדר ד' ערשטער 222 225 226 233
אלכסנדר ד' צווייטער 209 231 232
אַלְמַאנצי 205
אלעקסיי מיכאילאוויטש 222
אנדראדע ע' ר' אברהם
אנטאנעללי, קארדינאל 218
„אנטיסעמיטיזמוס" 248
אננא יאהאנאוואנא 223
אֶסְתֵּר פאליָמאסי 248
אַסיר 169
„אֶפֶס דמים" 236
אפרים קוה 147
„אֲרֻבּות השמים" 144
אריסטיד אסטרוק 220
ארענשטיין פַאני 190
בַּאנַאל 180
באנָאפַארטע ע' נאפאלעאן
בָּאנֶע קַאספַאר 130
בַּאסַאן ר' ישעיה 22
בָּארנע ע' לודוויג
„בית יהודה" 235
בלַייכרעדער 126
בנימין דיזראעלי (לארד בי' קאנספילד) 220
ר' בנימין די-לעקָאם 154
ר' בנימין כהן 106
ר' בער יאזָלאוויטשער 59
בער ע' ר' יצחק
בער ע' סערף בער
ר' בער מעזעריטשער 110
ר' בצלאל שטערן 240
בראמעט 169
ברוך יָוֶן 53 68
ר' ברוך'ל (בעל שם'ס עניקיל) 125
ברזשעזינסקי 80
ברייִדענבאך ע' ר' וואלף
בריסטָאל שטאדט 92
ר' ברכיה 45

גאסהע 147 173
גאלדבערג ר' שמואל ליב 205
גאלדשמיד 164 215
גאנז ע' עדוארד
גאנטא 81
גבריאל איצינ 144
ר' גבריאל ריסער 204
גהירונד 205
גוגענהיים פרומע (אשת מענדעלסזאהן) 129
גומפערץ ר' אהרן 127
גייגער ר' אברהם
גינצבורג ע' ר' מרדכי אהרן
גלוסק ע' ר' אברהם
געארג דער צווייטער (קאניג פון ענגלאנד) 91
גראטענאווער 175
גרענואר (גייסטליכער) 160 163
„גר צדק" 223
דאהם כריסטיאן ווילהעלם 136 138 139 140 187
דאמיניק זעלינסקי 80
דאראטהעא מענדעלסזאהן 154 158
„דברי שלום ואמת" 142
ר' דוד פריעדלענדער 153 156 158 188
דויב 193
דופא 166
דיזראעלי ע' ר' בנימין
די-לעמאן 169
דעליטש פראנץ 206
דעמבראווסקי ניקאלאי 48 51 52 53 77 78
דעסוי (שטאדט) 127
דע קאסטעלאן 164
האדעל (בעל שם'ס טאכטער) 125

האלדהיים ר' שמואל 219
הארדענבערג 190
הארן ע' ר' מאיר
הורוויץ ר' פנחס אליהו 233
הורוויץ ר' הירש בער 240
היינריך היינע 193 195 196
ר' הירץ האמבורגער 185
ר' הירצל לעווי 82 83 84 85 86 87
ר' הירץ מעדעלסהיים ע' סערף בעער
ר' הירש לעהרן 215
ר' הירשל לעווין 132
ר' הירש ע' ר' שמשון רפאל הלוי 220
העלל — 138
העגריעטע הערץ 154 158
הערץ מארקוס 130
וואניטשין (גר צדק) ע' אלכסנדר
וואלאווסקי לוקאס פראנציסקא (שלמה שור) 61 77 78 80
וואלטער פראנסוא מאריא 87 88 89
וואלף ברײדענבאך 175
וואלף היידענהיים 154
וואלפסאן ע' ר' אהרן
וואראנצאוו פירכט 240
וויזעל ר' נפתלי הירץ 135 142 154 156
ווילהעלם קורפירסט פון העססען 177
וויקטאריא קאניגין פון ענגלאנד 216
וולאדימיר דער היילינע 222
ווערבעל ע' ר' אליהו מרדכי
זאנער (שטאדט) 234
זאוואדסקי 80
זאלקאווער משה מאיר 44

זאמושטש (שטאדט) 143
זאקס ע' ר' מיכאל
„זהר תנינא" 22 25
זיטענפעלד 240
זינצהיים ר' דוד 168
ר' זכריה פראנקעל 214
ר' זלמן לאדיער 124 125
זעלינסקי 80
„זרובבל" (ספר) 236
זשול קארוואלא 220
זשעראם נאפאלעאן 187
„חברים כל ישראל" 221
„חוקר ומקבל" 27
חיון נחמיה יחייא 14 15 16 17 18 19 20 21
ר' חיים הכהן רפאפארט 59
ר' חיים מעלים פרחי 172
„חשבון הנפש" 152
„חשק שלמה" 147
טאמערלאן 244
טהיבא 193
טהיער 215
ר' טוביה פעדער 153
טורא ר' יהודה 209
טורקער גייסטליכער 92
טיסא-עסלאר שטאדט אין אונגארן 248
טרייטשקע (פראפעסאר) 248
טשינגיסחאן דער פיערטער 244
יאהאן גראזני 222
יאזעף דער צווייטער 73
יאסט ר' יצחק מרדכי 204
יאסינסקי 80
יאקאבזאהן ר' ישראל 187
יאקאבי 220
ר' יהודה הורוויץ מווילנא 233
ר' יהודה ליב בן זאב 164

יהודה ליב קריסא 47 52 55
57
ר׳ יהודה קאצענעלנבאגען
27
יהודית מאנטעפיארע 207
208 209
ר׳ יהונתן איבשיטץ
(פראגער) 21 32 37 38 39
40 41 42 80
ר׳ יהושע העשיל מווילנא 25
ר׳ יואל בעל שם 106
ר׳ יואל לאווי 154
ר׳ יוסף אירגאס 28
ר׳ יוסף דוד זינצהיים 181
183
ר׳ יוסף היילפערין 454
ר׳ יוסף לאניאדא 213
ר׳ יוסף פייט 154
ר׳ יוסף פערל 151 204
ר׳ יחזקאל לנדא 157
יעליסאוועטא פעטראוונא
224
יעקאטערינא די ערשטע
223
יעקאטערינא די צווייטע 224
יעלעק 58
ר׳ יעקב אויערבאך 201
ר׳ יעקב אייכענבוים 240
ר׳ יעקב בלילוס 29 31
ר׳ יעקב בעער 201
ר׳ יעקב הכהן בערלין 33
ר׳ יעקב ליסא 201
ר׳ יעקב יוסף כהן 110
ר׳ יעקב עמדן 33 41 48 132
יעקב פראנק 44 45 46 61
62 64 65 66 67—77
ר׳ יצחק אייעל 154 156
ר׳ יצחק בער לעווינזאהן 221
222 232 233 234 235 236
237 238

ר׳ יצחק בעער 160 164 181
ר׳ יצחק בערנאס 202
ר׳ יצחק בערנארד 128
ר׳ יצחק די קאסטא אטיאס
171
ר׳ יצחק חיים הכהן קאנטאריני
22
ר׳ יצחק לענטשיץ 168
ר׳ יצחק מאיר מאנהיימער
203
ר׳ יצחק מארינו 23
ר׳ יצחק פציפיקו 31
ר׳ יצחק שמואל רעדזשיו 205
ר׳ יקותיאל בן ליב 24
„ירושלים" (ספר) 141
ר׳ ישעיה בער־בינג 162
ר׳ ישעיה באסאן 22 27 28
29 30 31 32 33
ר׳ ישעיה (יאנאיוער רב) 110
ר׳ ישראל בעל שם טוב 61
92 93 95 96 97 98 99 100
101 108 109 110
ר׳ ישראל זאמושטש — 127
143 144 145
ר׳ ישראל טריוויש — 23
ר׳ ישראל יאקאבסזאהן 175
200 201
ר׳ ישראל קמחי 24
ר׳ יששכר בעריש אשכלות
37
כהן ע׳ איזידאר
כריסטיאן גרונד 174
„כרם חמד" 205
„כתר שם טוב" 110
לאוואטער יאהאן קאספאר
130
לאסאיל — 220
לאסקער — 220
לאפעץ לאגיניו ר׳ אברהם
164

לובינסקי ווראטיסלאוו
(עפיסקאפ) 54 55 58
לודוויג בארנע 193 194 195
לודוויג דער 16־טער 138
160
לוי יצחק בערדיטשיב׳ר 125
לוצאטו — ע׳ ר׳ משה חיים
לוצאטו — ע׳ ר׳ שמואל דוד
ליבעלע פרושניץ 69
ר׳ ליב שרה׳ס 125
ליווען (מיניסטאר) 235
ליליענטהאל דאקטאר 240
ר׳ ליפא סערף בעער 182
„לישרים תהלה" 35
לעאפאלד צונץ 203 205
לעבענזאהן ע׳ ר׳ אברהם
בער
לעווי דאקטאר 216
לעווי ע׳ ר׳ מאריץ
לעווינזאהן ע׳ ר׳ יצחק בעער
לעווין נארצים 220
לעווין ע׳ רחל
לעססינג גאטהארד אפרים
128 129 133 134 135
„לשון למודים" 22
מאיר בעער 202 220
ר׳ מאיר הארן 240
מאיר קאמינקער 43
מאזער ר׳ משה 203
מאיעווסקי — 80
מאלע גראף 180 181
מאנהיימער ע׳ ר׳ יצחק נח
מאנועל איזשען — 220
מאנטעפיארע ע׳ ר׳ משה
„מאסף" — 154
מאקסימיליאן יאזעף 188
מארטארא — 217
מאריא טערעזיא 88
מאריא פאוולאוונע 237

ר' מאריץ לעווי פון נאנסי 186
מארעסקא 171
מארקוס הערץ 154
מארר 248
„מגדל עוז" — 22
מונק ר' שלמה 218
„מורה נבוכי הזמן" 204
מַחְמַד אֲלִי 208 214 215 216 217
מיכאל בעער 181 187
ר' מיכאל זאקס 205 220
מִיכַאֲלִיש יָאהָאן דאוויד 140
מיכאיל פיעדראראוויטש 222
מימון ע' ר' שלמה
מיקולישש מיקולסקי 56 57 58
מִירַאבָּא גראף 142 154 160 163 164
ר' מנחם מענדל פון רעסוי 126
„מסלת ישרים" 35
מענערלין דוד פרידריך — 43
מעדעלסהיים ע' סערף בעער
מעזעריטשער ע' ר' בער
מעטערניך — 190
מענדל ברעסלוי 154
מענדל פון מעזיבוז 52
מענדל לעפין 150 151 152 153
מענדעלסואהן דאראטהעא 154
מענדעלסואהן ע' ר' משה
„מְפִיצֵי הַשְּׂכָּלָה" חברה 232
ר' מרדכי אהרן גינצבורג 239
ר' מרדכי בנעט 201
ר' מרדכי יוסף מְיוּחָס 172
ר' מרדכי מרגליות — 44
ר' מרדכי עמנואל נח — 198 199
ר' מרדכי שלעזינגער 25
ר' משה אבולאפיא 213
ר' משה אָסִיר 171
ר' משה דֵי האוויש 34
ר' משה חגיז 25 26 27 28 30 31 36
ר' משה חיים לוצאטו 22 23 24 25 26 27 28 29 30 31 32 33 34 35 36
ר' משה מאיר זאלקאווער 44
ר' משה מאנטעפיארע 206 207 208 209 215 216 217 218 220
ר' משה מנחם מְרָרִי 29
ר' משה מענדעלסואהן 126 127 128 129 130 132 133 134 135 136 138 139 140 141
ר' משה סאווראנער רב 125
ר' משה סופר 201
ר' משה ענסהיים 154
ר' משה פראגער 106
ר' משה קוניץ 202
נאפאלעאן בָּאנַאפַּארט 159 172 178 179 181 182 183 184 185 227
נאפאלעאן דער 3-טער 220
„נְהַר טוֹב" יודישע קאלאניע 242
ר' נחמיה יחייא ע' חיון
ר' נחמיה כהן 29
ר' נחמן בעל שם'ס עניקל 125
ר' נחמן קראכמאל 151 204
ניקאלאי דער 1-טער 209 229 230 235 236 240 241
ניקאלאי סעררא 56 57 58
נעאַנדער אויגוסט 216
נעשעוויז (שטאדט אין ליטא) 145
„נצח ישראל" (ספר) 144
„נתן החכם" (נאטהאן דער וויזע) 133
סַאלָאמָאנס 215
סעגור 180
סערף בעער ארער הערץ מעדעלסהיים 159 160 164 179
„ספר הברית" 233
עבדול מעדזשיד סולטאן 217
עדוארד גאנז 203
ר' עובדיה באזיליא 81
ר' עקיבא איגר 201
פּאוועל פעטראוויטש 224
פַאנְטָאן 180
פולד אָבִיל 215
פורטארא 160 167 (ע' ר' אברהם)
פיוס דער 7-טער (פאפסט) 190
פיוס דער 9-טער (פאפסט) 220
פיכטע (פילאזאף) 173
פיליפזאהן לודוויג 205
פינטא ר' יצחק 88 89
פינקעל 240
פינסקער ע' ר' שמחה
פיקאר 179
פישל זלאטשובר 43
„פעדאן" 130
פעאדאר אלעקסיעוויטש 223
פעדער ע' ר' טוביה
פעטער דער גרויסער 223
פעטער דער 2-טער 223
פעטראוווסקי 80
פערל ע' ר' יוסף
פרחי ע' ר' חיים

פרחי ע' ר' שמואל
פרידלאנדער ע' ר' דוד 153
פרידריך דער גרויסער 37 129
פרידריך ווילהעלם דער צווייטער 154
פרידריך רוהם 190
צונץ ע' לעאפאלד
„צייטונג דעם יודענטהומס" 205
קאווקאזער יודען 243 244
קאנט (פילאזאף) 141 153
קאנטארינא ר' יצחק חיים הכהן 22
קאנטי וואלאווסקי 80
קופערניק ליב אדוואקאט 245
„קנאת ה'" 25
קלייא עדווארד 201
קלעמענטי דער 13־טער (פאפסט) 57
קלערמאן טאנער 164
קעלבעלע יאהאי באלטהא־זאר 132
קראכמאל ע' ר' נחמן
קראסינסקי 80
„קרימטשאקעס" 243 245 246 247

קרעמיע ע' אדאלף
ראבא סענט עטיען 164
ראדריג פעריירא 89
ראטהשילד ר' מאיר אנשיל 177
ראטהשילד ר' נתן מאיר באראן 216
ראטהשילד עדמונד 243
ראטיבאן 279
ראטטי מענטאן 211
ראפאפארט ע' ר' שלמה יהודה ליב
ראשעל 220
„רוח חן" 145
רחל לעווין 154 158
ריסער ע' ר' גבריאל
רעניאל 180
רעפנין גנעראל 67
ר' רפאל כהן 202
„רפואת העם" 152
שאטאבריאן 180
שארל נעטער 220
„שדה מנוחה" יודישע קאלאניע 242
שטיינהיים ר' שלמה לוד־וויג 204

שטעקער 248
שטערן ע' ר' בצלאל
שיללער 147
„שירי תפארת" 154
שלמה בן אלישע שור 52 55 57
ר' שלמה יהודה ראפאפארט 204
ר' שלמה מדובנא 135
ר' שלמה מיימון 144 146 147
ר' שלמה לעמבערגער 31
ר' שמואל אבוהב 31
ר' שמואל דוד לוצאטו 205
ר' שמואל פרחי 172
ר' שמחה פינסקער 240
„שמשון והפלישתים" 22
ר' שמשון מספורנא 28
ר' שמשון רפאל הירש 205 206
שניאורסאן ע' ר' זלמן לאדיער
שרה מארה זבאזע 245
שרפת התורה 53
„תעודה בישראל" (ספר) 254
„תעלמות חכמה" 174